STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06725

# MEGILES FUN YAM HAMELAH

Samuel Glassman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מגילות
# פון
# ים המלח

פון
ש. גלאזמאן

**S. GLASSMAN**

# Megiles Fun Yam Hamelach

(Scrolls of the Dead Sea)

Published by
YIDISHER KULTUR FARBAND
189 2nd Ave. — New York, N. Y.

Copyright by
S. Glassman
New York, 1965

שער־בלאַט געצייכנט פון ל. מאַרקאָוויץ

געדרוקט פון: ה. ק. ליינאָטייפּ, אינק.
Knight Printing Corp., 382 Lafayette St., New York, N. Y.
96

# אינהאַלט:

**אַריינפיר** — — — — — — — — — — — — — — — 9

**קאַפּיטל 1. דאָס געפינס** — — — — — — — — — — — — — — — 13

א. די היילן אין די בערגלעך.
ב. בעדואינער פאַסטעכער געפינען די ערשטע מגילות.
ג. דער מעטראָפּאָליט זוכט מבינים אויף זיינע פּאַרמעטן.
ד. פּראָפ. סוקעניק קריגט אַריין דריי מגילות.
ה. אַ נייע איבערראַשונג.
ו. פון וואַנען שטאַמען די מגילות?
ז. אַרכעאָלאָגן גראָבן אויס די הייל.

**קאַפּיטל 2. די אויסגראָבונגען אין קירבעט קומראַן** — — — 31

א. פינף אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציעס גראָבן אויס קומראַן.
ב. דאָס אויסזען פון דער געביידע.
ג. די מטבעות און די אַנדערע באַווייזן.

**קאַפּיטל 3. נייע געפינסן אין די היילן אַרום ים המלח** — — — 40

א. וואדי מורא באַאַט.
ב. אַרכעאָלאָגן זוכן אונטער די גאַנצע געגנט.
ג. דער גרויסער אוצר מאַנוסקריפּטן אין הייל נומ. 4.
ד. דאָס אויסזען פון די מגילות.

**קאַפּיטל 4. דער אינהאַלט פון די געפונענע מגילות** — — — 52

א. תנ״ך ספרים.
ב. אַפּאָקריפן און פּסעווד־עפּיגראַפן.
ג. חנוך.
ד. ספר היובלים.
ה. צוואה פון די 12 פּאַטריאַרכן.
ו. אומבאַקאַנטע שריפטן.

**קאַפּיטל 5. די אומבאַקאַנטע מגילות פון קומראַן** — — — — 65

א. דער „סרך היחד״.
ב. דער „מגילת ברית דמשק״. (מב״ד)
ג. די „פשרים״ אויף די הייליקע שריפטן.
ד. דער מדרש אויף „בראשית״.
ה. די „מלחמה״ פון די בני אור. (קינדער פון ליכט)
ו. דער ספר „הודיות״.

**קאַפּיטל 6. דאַטע פון די מגילות. די „איסיים״ — — — — — 84**

א. ווי אַלט זיינען די מגילות?
ב. די פּאַלעאָגראַפישע און אַנדערע באַווייזן.
ג. די אַרכעאָלאָגיע.
ד. די „איסיים״.
ה. פּליני דער עלטערער.
ו. פילון פון אַלעקסאַנדריע.
ז. יאָזעפוס פלאַוויוס.
ח. די „כתים״.

**קאַפּיטל 7. דער מורה צדק, דער כהן הרשע און די סעקטע חסידים — — — — — — — — — — — — — 105**

א. דער מורה צדק.
ב. דער כהן הרשע.
ג. יהונתן און שמעון. די חשמונאים.
ד. די סעקטע חסידים אַן אָפּאָזיציע צו דער מלוכה.
ה. אַנטוויקלונג פון יהוה גלויבן. אָפּשטאַם פון חסידים.
ו. די ממלכת כהנים.
ז. עזרא הסופר און די תורה.

**קאַפּיטל 8. יידן אונטער דער גריכישער הערשאַפט — — — 122**

א. דער איינפלוס פון דער פּערסישער קולטור.
ב. די גריכן ווי ציוויליזאַטאָרס.
ג. די העלעניזאַציע ביי יידן. דער „תרגום השבעים״.
ד. די גזרות פון אַנטיוכוס. דער אויפשטאַנד פון די חשמונאים.
ה. אלקימוס און די שטעלונג פון די חסידים.
ו. די שפּאַלטונג אינעם „קהל חסידים״.
ז. די דעקלאַראַציע פון שמעון החשמונאי. חסידים איזאָלירן זיך.

**קאַפּיטל 9. באַרג אַראָפּ פון די חשמונאים. יהודה אונטער רוים 140**

א. שמעונס טויט. יוחנן הורקנוס און די צדוקים.
ב. אַריסטאָבול דער ערשטער און אַלעקסאַנדער ינאי.
ג. אויפשטאַנד קעגן ינאי. זיין נקמה.
ד. פּאָמפּיי איינגעלאַדן קיין יהודה ווי אַ בורר.
ה. יהודה אונטער רוים. הורדוס.
ו. הורדוסעס צוואה. ארכעלאוס.
ז. די פּראָקוראַטאָרן.
ח. די משיחים. די אומרוען אין לאַנד.
ט. דער גרויסער אויפשטאַנד קעגן רוים.
י. וואָס איז געוואָרן מיט די חסידים פון קומראַן?

קאַפּיטל 10. דאָס לעבן פון דער סעקטע אין קומראַן — — — — 161

א. די תורה, דער קוואַל פון זייערע גלויבנס און מנהגים.
ב. די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון דער סעקטע.
ג. די אַלגעמיינע קאַסע. די הייליקע סעודה און אַנדערע מנהגים.
ד. די חמורות און די חתונה געזעצן.
ה. די באַציאונג צום בית המקדש, טבילה און אַנד.

קאַפּיטל 11. די אידעאָלאָגיע פון דער קומראַן סעקטע — — — 176

א. דער „יום יהוה" און דער „באחרית הימים".
ב. דער דואַליסטישער קאַמף.
ג. די אַפּאָקאַליפּטיק.
ד. דער הייליקער גייסט.
ה. דער בטחון מאָטיוו.
ו. די משיח אידייען.
ז. תחית המתים און אַ לעבן נאָכן טויט.

קאַפּיטל 12. די יידישע דיאַספּאָראַ און די גרים פּראָבלעם — 199

א. די יידישע אויסשפּרייטונג.
ב. יידן אַסימילירן זיך ניט צווישן די שכנים.
ג. גרים ביי יידן.
ד. גרים ביי יידן אין דער רוימישער עפּאָכע.
ה. די „יראי ה'" און די גרים פּראָבלעם ביי די חסידים.
ו. די ראָל פון די חסידים אין די תפוצות.

קאַפּיטל 13. ענלעכקייטן אינעם אינהאַלט פון די מגילות
און דעם עוואַנגעליום — — — — — — — — — — — 217

א. אָפּרופן פון געלערנטע וועגן די ענלעכקייטן.
ב. די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור ביי ביידע סעקטעס.
ג. ענלעכקייטן אין די געזעצן און מנהגים.
ד. ענלעכקייטן אין דער אידעאָלאָגיע.
ה. ענלעכקייטן אין דער שפּראַך און אין תנ"ך ציטאַטן.

קאַפּיטל 14. אונטערשיידן וואָס דערגאַנצן די ענלעכקייטן — 239

א. די אונטערשיידן צווישן די צוויי ליטעראַטורן.
ב. חסידים פאַרשפּרייטן די משיחישע בשורות.
ג. קאַמף צווישן די צוויי הויפּט שיטות אין פּרימיטיוון קריסטנטום.
ד. דער פּאָלעמישער דיאַלאָג.
ה. די שייכות צווישן די צוויי סעקטעס.

קאַפּיטל 15. דער אויספיר — — — — — — — — — — 251

א. די אַפּאָקאַליפּטישע טראַדיציע.
ב. די חסידים זיינען שוין „אַנדערע" יידן.
ג. די חסידים וואַרעמען זיך אָן ביי די „יראי ה'".
ד. קריסטנטום — אַן אוניווערסאַלע רעליגיע.
ה. געלערנטע באַהאַנדלען די פּראָבלעם.

## די איבערזעצונגען:


אַ וואָרט וועגן די איבערזעצונגען — 262

סרך היחד — 264

מגילת ברית דמשק — 291

פשר חבקוק — 321

„הודיות" מגילה — 332

די מלחמה מגילה — 341

פראַגמענטן פון „פשר תהלים „לז" — 346

אַ פראַגמענט פון „פשר נחום" — 350

אַ פראַגמענט פון אַן אומבאַקאַנטער מגילה — 352

פילון פון אַלעקסאַנדריע וועגן די „איסיים" — 354

פליני דער עלטערער וועגן די „איסיים" — 356

יאָזעפוס פלאַוויוס וועגן די „איסיים" (מלחמות) — 357

יאָזעפוס פלאַוויוס וועגן די „איסיים" (אַלטערטימער) — 364

זוכצעטל פון נעמען און זאַכן — 367

רשימה פון תנ"ך ציטאַטן — 376

העברעאישע ווערטער איבערזעצט — 377

פרעמדע ווערטער און פאַרקירצונגען — 381

ביבליאָגראַפיע — 382

# אַ פּאָר ווערטער וועגן די מגילות און וועגן דעם בוך

פֿון אַלע גרויסע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען און געפֿינסן די לעצטע 100 יאָר, די גרויסע אַנטדעקונגען אין מצרים, אין מעסאָפּאָטאַמיע, די אויסגראָבונגען פֿון פּאָמפּיי און פֿון די גריכישע אַלטערטימער — קאָן זיך קיין איינע ניט פֿאַרגלייכן, ניט אין באַטייט און ניט מיט דעם רושם, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין דער וועלט, מיט די געפּונענע אַלטע מאַנוסקריפּטן אין די היילן לעבן ים המלח. די מגילות זיינען טאַקע ניט אַזוי אַלט ווי די טעל-על-אמארנא טאָוולען [1], אָדער ווי די אשורישע שטאָט נִנְוֵה — אינגאַנצן זיינען זיי אַרום 2000 יאָר אַלט. די פריסטע פון זיי זיינען העכסטנס 200 אָדער 300 יאָר עלטער, און ניט מער. זייער באַטייט ליגט אָבער ניט אַזוי אין זייער עלטער ווי אין דעם פֿאַקט, וואָס דאָ איז אַנטדעקט געוואָרן אַ פֿאַרשוואונדענע ליטעראַטור [2], וואָס האָט באַלויכטן אַ פֿאַרטונקלטן, אָבער זייער אַ וויכטיקן פּעריאָד אין דער יידישער ווי אין דער אַלגעמיינער געשיכטע.

דרייערליי מגילות זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פֿון די היילן. 1) תנ״ך-ספרים. טייל פון זיי, ווי די ביכער שמות, דברים, ישעיה, תרי-עשר, תהילים — זיינען דאָרט געווען פֿאַרטראָטן מיט מער ווי 10 קאָפּיעס יעדע. 2) אַפּאָקריפֿן, אָדער, ווי זיי ווערן אָנגערופֿן אין תלמודישע קוואַלן — ספֿרים חיצונים. און 3) נייע און אומבאַקאַנטע ביכער וועגן וועלכע מיר האָבן פֿריער קיין שום אַנונג ניט געהאַט.

ווען ס'איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן ווי אַלט די תנ״ך-ספֿרים זיינען, האָבן ביבל-קריטיקער און אַלערליי טעאָלאָגן זיי אייפֿעריק גענומען שטודירן. דער עלטסטער תנ״ך-מאַנוסקריפּט, וואָס איז צו אונדז — ביז די געפֿינסן — דערגאַנגען, שטאַמט פֿון יאָר 1008. דאָ אין די היילן זיינען אַנטדעקט געוואָרן קאָפּיעס וואָס זיינען מיט 1000 יאָר (און אַנדערע — נאָך מער) עלטער פֿונעם עלטסטן מאַנוסקריפּט

וואָס מיר פֿאַרמאָגן. וויסנשאַפֿטלער האָבן זיך שוין ניט געריכט זען און שטודירן עלטערע קאָפּיעס.

מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, און געלערנטע האָבן אויפֿגעבויט אַ סך טעאָריעס אויף די השערות, אַז איידער די תנ״ך שריפֿטן זיינען דורכגעגאַנגען אַן איינהייטלעכע רעדאַקציע, און זיינען אָפּגעשלאָסן געוואָרן 3), האָבן צווישן די יידן צירקולירט אַ סך וואַריאַנטן פֿון די הייליקע ביכער. ביבל־קריטיקער האָבן דערפֿאַר דערוואַרט אַ סך וואַריאַציעס אין יענע אַלטע קאָפּיעס וואָס שטאַמען פֿון דער צייט איידער די ביבל איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן. ביבל־פֿאָרשער האָבן דעריבער זיך צוגעכאַפּט צו די מגילות, ווי צום גרעסטן וואונדער. די אַנדערשקייטן, וואָס זיי האָבן געפֿונען, זיינען אָבער אין פֿאַרגלייך מיטן מסורה טעקסט — ניט געווען קיין צו וויכטיקע און ניט קיין צו אָפֿטע. אמת, וואָס עלטער אַ מאַנוסקריפּט — אַלץ מער וואַריאַציעס געפֿינט מען אין אים. אַלס כלל אָבער, זיינען די אונטערשידן ניט קיין צו ערנסטע. עס זיינען אָבער פֿאַראַן גענוג וואַריאַציעס, אַז די ביבל־קריטיק, וואָס האָט אַזוי פֿיל טעאָריעס געשאַפֿן די לעצטע 100 יאָר, זאָל איצט מוזן פֿון דאָס ניי רעווידירן אַ סך אָנגענומענע הנחות און שלוסן.

דער עיקר פֿונעם געפֿינס ליגט אָבער ניט אין דער ביבל־קריטיק, נאָר אין דעם פֿאַקט וואָס עס זיינען אויפֿגעדעקט געוואָרן פֿאַרשוואונדענע שפּורן צו דעם אורשפּרונג פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע. צוליב דעם, דער עיקר, האָט דער נייגער צו די מגילות באַלד פֿון אָנהייב פֿאַרכאַפּט דעם אינטערעס פֿון דעם אַלגעמיינעם עולם, פֿון מענטשן וואָס ווייסן ווייניק וועגן אַלטער געשיכטע, און האָבן גאָר אַ קנאַפּן אינטערעס צו טעאָלאָגיע.

מיר האָבן געוואוסט, אַז די קריסטלעכע רעליגיע שטאַמט אָפּ פֿון דער יידישער. ווי אַזוי אָבער ס׳האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן אַ שפּליגטער פֿון דער יידישער רעליגיע און זיך אַנטוויקלט אין אַ נייער, אין אַן אַנדערער, ווי אַזוי ס׳איז פֿאָרגעקומען די שפּאַלטונג, די סיבות וואָס האָבן געפֿירט דערצו, ווער זיינען געווען די ערשטע יחידים, אָדער גרופּעס, וואָס האָבן געבראַכט צו אַזאַ שפּאַלטונג, וואָס האָט זיי געשטויסן דערצו און ווען איז עס געשען — די אַלע רעטענישן זיינען פֿאַר אונדז געווען אַ פֿאַרחתמעטער סוד ביז מיט געציילטע יאָרן צוריק.

יעזוס און זיינע אַפּאָסטאָלן, ווי זיי זיינען דערגאַנגען צו אונדז פון עוואַנגעליום, זיינען געשיכטלעך ניט אויטענטיש. די וואונדער-מעשיות און די ניסים פון נייעם טעסטאַמענט זיינען ניט קיין געשיכטע. דער עוואַנגעליום איז גאָר לכתחילה ניט געשריבן געוואָרן ווי געשיכטע. בכלל איז דער נייער טעסטאַמענט ניט אָנגענומען געוואָרן ווי אַ גע־שיכטלעכער דאָקומענט. צום קלאָרסטן האָט עס אויסגעדריקט דער באַרימטער ליטעראַטור-קריטיקער פון סוף 19טן און אָנהייב הײנטיקן י. ה., געאָרג בראַנדעס, מיט זיין באַרימטן משל פון איבסענס פער־גינט. ווען מ'האָט זיך אָוועקגעזעצט איבערקלייבן, אָפּוואַרפן דאָס ניט געשיכטלעכע און אויסטיילן וואָס עס בלייבט געשיכטלעך אויי־טענטיש אינעם עוואַנגעליום, איז מען געבליבן מיט דעם וואָס פער־גינט איז געבליבן, ווען ער האָט גענומען אויסשיילן אַ ציבעלע, זיך דערגרונטעווען צו איר קערן. נאָך דער ערשטער שאָלעכץ — האָט ער געטראָפן אַ צווייטע, און נאָך איר — אַ דריטע, א. אַז. וו. ביזן סוף. האָט ער באַשלאָסן, אַז אַ ציבעלע האָט בלויז שאָלעכץ, ניטאָ ביי איר קיין קערן.

ווען ערנסטע היסטאָריקער האָבן אין נייעם טעסטאַמענט קיין געשיכטלעכע פאַקטן ניט געקראָגן, האָבן זיי זיך באַנוגנט מיט גע־שיכטלעכע סוגעסטיעס, וואָס ווערן דאָרט אָנגעדייט. דער פאַקט, וואָס אין דער קריסטלעכער תורה איז ניטאָ קיין איין זייטל וואו ס'זאָל ניט געפירט ווערן אַ פּאָלעמיק מיט די פרושים, מיט די יידישע סופרים, מיט דער תורה, דאָס אַלץ ווייזט אויף אַ דירעקטן ריס מיט די יידן, מיט דער יידישער רעליגיע. געלערנטע האָבן זייער גרינג גע־צויגן דעם שלום, אַז די ערשטע קריסטן האָבן געמוזט זיין יידישע סעקטאַנטן. די לעצטע 100 יאָר האָבן זיך היסטאָריקער פאַרנומען מיט דעם פּראָבלעם און זיינען געקומען צו אַן אויספיר, אַז דעם אָנהייב פון קריסטנטום דאַרף מען זוכן ניט אין עוואַנגעליום נאָר צווישן יידי־שע שפּלינטער-סעקטעס און זייטיקע רעליגיעזע גרופּן אַרום 100 יאָר, אָדער מער, פאַרן קריסטנטום. דאָס איז געווען די מיינונג פון אַזעלכע וועלט-באַרימטע געלערנטע, ווי דער באַוואוסטער פראַנצויזישער סע־מיטאָלאָג פון מיטן 19טן י. ה. ערנסט רענאַן, און פון פרידריך ענגעלס וואָס האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט דער שטודיע וועגן דער אַנט־שטייאונג פון רעליגיעס בכלל, און ספּעציעל — מיטן אָנהייב פון דער קריסטלעכער רעליגיע. פון זיי, און פון נאָך אַנדערע געלערנטע, איז

געבליבן דער געדאַנק, אַז דעם בראשית פונעם קריסטנטום דאַרף מען זוכן אין איינעם אָדער עטלעכע פון די סעקטעס איסיים ביי יידן, אין ערשטן און צווייטן י. ה. פאַר אונ. צייט רעכענונג.

און אָט טאַקע ביי די איסיים, אין דער וואונדערלעכער ביבליאָטעק, די „מגילות פון ים המלח”, וואָס די סעקטע פרומע יידן האָט אונדז איבערגעלאָזן, פאַרשטעקט אין פאַרלאָזענע וויסטע היילן אין מדבר יהודה נעבן ים המלח, אין זיי דערקענען מיר עטלעכע דורות יידן, וואָס האָבן זיך געקריגט מיט די פּאָליטישע און גייסטיקע פירער פון מלכות יהודה אין אַ צייט אָפּשניט פון מער ווי 200 יאָר. פון די מגילות דערהערן מיר די טענות, מיר באַקענען זיך מיט די חלוקי־דעות, וואָס זיינען אַנגעוואַקסן צווישן דער פרומער סעקטע איסיים מיט די פירער פון לאַנד. מיר דערוויסן זיך, אַז די פרומע סעקטאַנטן האָבן שוין פון לאַנג געהאַט פאַרשפּיצט די רעליגיעזע געזעצן און מנהגים, וואָס זיינען געווען איינגעפירט אין פאָלק, און אַז אונטער די קלעפּ פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פון פּאָליטישע און גייסטיקע אויפברויזן אין יענער צייט, אינערלעכע ווי אויסערלעכע, האָבן די גרופּן פרומע חסידים בהדרגההדיק מוותר געווען אויף אַלטע איינשטעלונגען, און אויף דער באַזע פון אַנטפּלעקטע סודות אין דער יידישער תורה האָבן זיי אויפגעשטעלט נייע טראַדיציעס, און געוואָרן די טרעגער פון אַ נייער רעליגיע, וואָס האָט זיך מיט דער צייט פאַרשפּרייט, זיך אַנטוויקלט, און פון איר האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט דאָס קריסטנטום.

אַלץ וואָס איך קאָן נאָך זאָגן וועגן דעם אינהאַלט פון די מגילות און זייער באַטייט, וועט דער לייענער געפינען אינעם בוך און אין די איבערזעצטע מגילות.

די תנ"ך ציטאַטן אין בוך זיינען מערסטנס איבערגעזעצט לויט יהואש, כאָטש ניט אַלע מאָל געטריי נאָכגעפאָלגט.

איך וויל צום סוף אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק מיין חבר איטשע גאָלדבערג, דעם ערנסטן קולטור־טוער, איינעם פון די בעסטע יידיש קענער אין אונדזער דור, פאַר זיין דערמוטיקן מיך, פאַר ציען מיין אויפמערק אויסצוגלעטן געוויסע שטעלן, און דער עיקר, פאַר זיין רעדאַקטירן דאָס יידיש לשון אינעם בוך.

**ש. גלאַזמאַן**

1) געפונען אין מצרים אין די יאָרן 1892־1887.
2) פראַגמענטן פון מער ווי 600 מגילות זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פון די היילן.
3) אַרום די יאָרן 80 ביז 110 אונ. צייט.

# קאַפּיטל 1

# דאָס געפינס

## א. די היילן אין די בערגלעך

אַ קייט מיט בערגלעך ליגט צעשאָטן אויף אַ לענג פון עטלעכע מייל פאַזע דעם צפון־מערב ברעג פון ים המלח, אַרום אַ מייל ווייט פון ים. זייער ווייניק גרינס וואַקסט דאָרט, ווייל דאָס איז שוין מדבר־לאַנד, דער באַקאַנטער מדבר יהודה פון תנ״ך. אַרום פרילינג־צייט, נאָך די ווינטערדיקע רעגנס, באַווייזט זיך יאָ אַ ביסל גרינס אין יענע געגנטן און געדויערט בלויז געציילטע וואָכן. אַרום יענער צייט קומען אַהער בעדואינער שבטים מיט זייערע טשערעדעס שאָף און ציגן. ניט ווייט פון דאָרט, אַרום דריי מייל, געפינט זיך אַ גוטער וואַסער קוואַל, דער עין פעשכא.

אַרום אָנהייב פרילינג 1947 האָט זיך אין דער געגנט אויפגעהאַלטן דער שבט בעדואינער, וואָס רופט זיך טאַאמירע.

איין טאָג האָט מחמד אד־דיב, (מחמד, דער וואָלף), אַ יונגער, 15־יאָריקער פאַסטעך פון טאַאמירע שבט, נאָכגעקלעטערט אַ ציג וואָס האָט זיך געדראַפּעט אויף די וויסטע בערגלעך. די זון האָט אין דער געגנט, ווי אַלעמאָל אין דער צייט, געברענט, האָט דער יונגער פאַסטעך זיך אַוועקגעזעצט הינטער דעם שאָטן פון אַ סקאַלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אַנטקעגן זיך האָט ער באַמערקט אַן עפענונג אין אַ הייל, איינע פון הונדערטער אַזעלכע אין דער קייט פון וויסטע בערגלעך. די עפענונג פון דער הייל, ניט קיין גרויסע, קוים אַ מענטשנס קאָפּ דורכצושטופּן. האָט דער יונגער פאַסטעך, אַזוי זיך, אָן אַ ציל, אויפגעהויבן אַ שטיינדל און אַריינגעוואָרפן אַהין. דער קלאַנג פון דעם שטיינדל האָט אים פאַרוואונדערט. ניט ווי אַ שטיין אין אַ שטיין האָט געטראָפן, נאָר ווי אין אַ ליידיקן טאָפּ אַריין. ער האָט געפרואווט אַריינקוקן אין דער הייל און גאָרניט געקאָנט זען דאָרט צוליב דער פינצטערניש אינעווייניק, אין קאָנטראַסט צו דער צעגאָסענער זונליכט אין דרויסן. נאָך

אַ שטיינדל אַריינגעוואָרפן און נאָך איינס, און אַזוי ווי אַ טאָפּ איז דאָרט צעבראָכן געוואָרן.

אַ שטאַרק דערשראָקענער, האָט ער זיך גענומען אַנשטרענגען, אַריינקוקן אינעווייניק. דעם קאָפּ אַריינגעשטעקט און ביסלעכוויז אָנגעהויבן זען סילועטן פון גאַנץ גרויסע אַלטמאָדישע טעפּ, אַזעלכע קרוגן, צעשטעלט אויף ביידע זייטן פון אַ שמאָלער הייל. איניקע טעפּ אָפענע, אַנדערע צוגעדעקטע מיט אַזעלכע דעקלעך, און אַרום זיי ליגן אַ סך שערבלעך פון צעבראָכענע טעפּ.

פאַרגעסן אין דער ציג, האָט מחמד אד־דיב זיך געלאָזט לויפן פון דאָרט מיט אַלע כוחות. אַז אַ מענטש קאָן כמעט אַהין ניט אַריינקריכן, און ווי קומט גאָר אַ מענטש אַהער אין די וויסטע געגנטן, ווי אַזוי־זשע קומען אַהער אויס־געשטעלטע טעפּ? ניט אַנדערש, דאָס מוז זיין אַ נעסט פון ניט־גוטע.

## ב. בעדואינער פּאַסטעכער געפינען די ערשטע מגילות

אַ פאַרסאָפּעטער איז ער דערלאָפן צו די ביידלעך פון זיין שבט און דער־ציילט זיין אויסטערלישע מעשה. אויף צומאָרגנס, גאַנץ פרי, איז ער מיט אַ פריינט זיינעם, אַ ביסל עלטער פון אים, אַוועק צו דער הייל. זיי האָבן באַטראַכט די קרוגן דורך דער עפענונג און באַשלאָסן אַז דאָס מוז זיין אַן אוצר, איינער פון יענע לעגענדאַרע אוצרות מיט וועלכע ס'איז פול יעדער פאָלקלאָר אין יעדן לאַנד.

מיט אַ ביסל שוועריקייטן האָבן זיי צעקלאַפּט און פאַרברייטערט די עפענונג פון דער הייל און זיינען אַהין אַריינגעקראָכן. מערסטע טעפּ זיינען געווען ליידיק. אין איניקע טעפּ איז יאָ עפּעס געווען, ניט קיין גאָלד מיט קיין אוצרות, נאָר עפּעס פאַרשוואַרצטע קרוכלע זאַכן, איינגעדרייטע און פאַרוויקלט אין שטאַרק צעפוילטע שמאַטעס. די שמאַטעס אַראָפּגעריסן, צע־טריקנטע שטיקלעך פאַרמעט צעקרישלען זיך אונטער די הענט, און זיי האָבן אויפגעוויקלט אַ מגילה; אַ לענגערע פאַרמעטענע מגילה, פאַרשריבן מיט אַ מאָדנער, אַן אומבאַקאַנטער שריפט.

דאָס זיינען געווען די ערשטע מגילות פון ים המלח. אַן אָנהייב פון דעם רייכסטן געפינס פון אַלטע מאַנוסקריפּטן אין דער געשיכטע פון אַרכעאָ־לאָגיע.

די בעדואינער האָבן ניט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף, ווי ווערטפול ס'איז זייער געפינס. און ניט נאָר די בעדואינער — די סוחרים פון אַנטיקן

אין בית־לחם און ירושלים, די וואָס האָבן די ערשטע געקראָגן די מגילות און אָנגעהויבן אַרומפּעדלען מיט זיי, קיינער פון זיי האָט זיך ניט אָנגעשטויסן אויף דער גרויסער קולטור־היסטאָרישער ווערט פון די אַלטע צעפוילטע פּאַרמעטן און, פאַרשטייט זיך, אויך ניט אויף דער גרויסער געלט ווערט זייערער.

נאָכדעם ווי די פּאַסטעכער האָבן אָפּגעהאַלטן די מגילות ביי זיך אין די ביידלעך עטלעכע וואָכן, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי, האָבן זיי דאָס געפינס געבראַכט מיט זיך קיין בית־לחם, אַרום אַ 15 מייל ווייט פון דאָרט 1), זיי האָבן פאָרגעשלאָגן זייער סחורה איינעם אַן אַנטיקן סוחר פאַר 20 פונט. 2) אַזאַ פּרייז האָט יענער ניט געוואָלט באַצאָלן, האָבן זיך די בעדואינער געווענדט צו אַן אַנדער סוחר מיטן נאָמען, אָדער צונאָמען, „קאַנ־דאָ". יענער האָט אַחוץ זיין קליין קראָם אויך פאַרלאַטעט שיך, און אַמאָל אויך צוגעהאַנדלט מיט אַנטיקן, אַ פּאָפּולערע סחורה אין די געגנטן.

קאַנדאָ איז אַ מיטגליד פון אַ קריסטלעך סירישער געמיינדע. די שריפט אויף די פּאַרמעטן האָט אים אויסגעקוקט צו זיין אַן אַלט־סירישע, האָט ער איינגעשטעלט און אָפּגעקויפט די מגילות, און איבערגעשיקט איינע פון זיי (אָדער אפשר נאָר אַ פּאָר שטיקלעך פּאַרמעט ?) 3), צו זיינעם אַ פריינט אין ירושלים. יענער, אויך אַ מיטגליד פון זעלבן סירישן קלויסטער אין ירושלים, זאָל עס ווייזן דעם מעטראָפּאָליט אַטאַנאַסיוס סאַמועל, דעם הויפּט־גלח פון

1) בית לחם איז אַ האַנדלס־פּלאַץ פאַר די בעדואינער פּאַסטעכער. אַהין ברענגען זיי זייערע פי־צוכט פּראָדוקטן, און דאָרט קויפן זיי אויך איין זייערע נויטיקע אַרטיקלען.

2) דער ווערט פון אַ פּאַלעסטינער פונט איז דאַן געווען אַן ערך דער זעלבער, ווי דער ענגלישער. אַרום $2.80.

3) זייער אַ סך דעטאַלן אין דער דראַמאַטישער געשיכטע פונעם געפינס זיינען נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן, און וועלן וואַרשיינלעך שוין קיינמאָל ניט קלאָר ווערן. די אורזאַכן דערפאַר זיינען :

א) ס'איז שוין דאַן געווען אַ געזעץ אין פּאַלעסטינע, אַז מ'טאָר זיך ניט פאַראייגענען קיין אַרכעאָלאָגישן געפינס. מ'מוז עס אומקערן צו דער (מאַנדאַטן) מאַכט. די דערציילער האָבן פאַרבאַהאַלטן אָדער פאַרדרייט פאַקטן, וואָס קאָנען זיי קאָמפּראָמעטירן. — און

ב) די דעטאַלן פונעם געפינס זיינען איבערדערציילט געוואָרן ערשט אַ 2 יאָר נאָכ־דעם, בשעת די סענסאַציע פון די אַנטדעקטע מגילות האָט שוין אַראָפּגעשריען פון אַלע דעכער, און יעדער דערציילער האָט געהאַט אַן אַנדער ווערסיע פון דער מעשה, ווי די אַנדערע דערציילער, אָדער, ווי ער אַליין האָט עס פריער דערציילט. אַזוי, למשל, האָט מחמד אד־דיב גאָר איינמאָל דערציילט, אַז דאָס ערשטע געפינס האָט ער געמאַכט אין 1945, ניט אין 1947.. דאָס איז אַגב, פון קיינעם ניט באַשטעטיקט געוואָרן, און די פאַקטן פון געפינס לייקענען עס אָפּ.

סירישן קלויסטער אויפן נאָמען פון הייליקן מאַרק. דער מעטראָפּאָליט סאַמועל האָט דערקענט אַז ס'איז אַלט העברעאיש. ער האָט אויך אָנגעצונדן אַ שטיקל פון דעם פּאַרמעט זיך איבערצייגן אַז ס'איז לעדער, און געזאָגט אַז ער וועט קויפן די מגילות.

דאָס איז געווען, ווי דער מעטראָפּאָליט דערציילט, אין אַפּריל. די מגילות האָט ער געקראָגן ערשט אין אַ פּאָר חדשים אַרום. ווען קאַנדאָ האָט אים טעלעפאָנירט אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, אַז ער שיקט (אָדער ברענגט) אים די מגילות אין אַ געוויסן טאָג, האָט דער מעטראָפּאָליט אָפּגעוואַרט די סוחרים אַ גאַנצן פרימאָרגן, און ניט דערוואַרטנדיק זיך, אַוועק עסן. פּונקט דאַן זיינען די שלוחים אָנגעקומען מיט דער סחורה, און דער אַלטער גלח וואָס האָט זיי באַגעגנט ביים טויער, האָט זיי ניט אַריינגעלאָזן. ניט אינפאָרמירט פון דער טראַנזאַקציע, איז אים די „סחורה״, עפּעס אַלטע פאַרלעגערטע, פאַרפוילטע שמות, ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט אויך דערקענט, אַז די שריפט איז אין העברעאיש, האָט ער זיי געשיקט צו אַן אַלטן יידישן סוחר פון אַנטיקן אין ירושלים.

די בעדואינער זיינען צום יידישן סוחר ניט געגאַנגען. פיר מגילות זיינען דאָך שפּעטער אָנגעקומען צום מעטראָפּאָליט סאַמועל. ווי אַזוי, איז ניט קלאָר. צי האָט ער זיי אָפּגעקויפט, אָדער אפשר האָט ער אָפּגעקויפט נאָר איינע אָדער 2 און די איבעריקע אַליין אַרויסגעקראָגן פון דער הייל? — וואָס מיר ווייסן אויף זיכער איז, אַז דער סירישער גלח האָט מיט דער הילף פון זיינע קלויסטער־מיטגלידער זיך דערפרעגט צו דער הייל, און אָרגאַניזירט ניט איינע, נאָר עטלעכע עקספּעדיציעס אַהין. ס'איז אויך מעגלעך, אַז קאַנדאָ מיט זיינע פריינט האָבן אַליין, אָן דעם גלח סאַמועל, באַזוכט די הייל, ווייל אין פרילינג 1948, ווען די נייעס פון די אַנטדעקטע מגילות איז געוואָרן אַ וועלט־סענסאַציע, און זייער געלט־ווערט איז, צוליב די קלאַנגען וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט, געשטיגן העכער און העכער, האָבן די אַראַבער סוחרים דערזען, אַז זיי האָבן אַרויסגעלאָזן פון זייערע הענט אַן אוצר, און געפּרוּווט צוריק־כאַפּן וואָס עס לאָזט זיך.

אין פרילינג, 1949, איז די הייל צום צווייטן מאָל אַנטדעקט געוואָרן, דאָס מאָל פון לעגיטימע אַרכעאָלאָגן 4). ס'איז דעמאָלט קלאָר געוואָרן, אַז די ניט־לעגיטימע אויסגראָבונגען האָבן פאַראורזאַכט גרויסן שאָדן צו זייער וויכ־

---

4) וועגן דעם, זע שפּעטער זייט 26.

טיקע קולטור־היסטאָרישע ווערטן. געגנוג צו דערמאָנען, און די שערבלעך פון די צעבראָכענע טעפּ אין דער הייל האָבן עדות געזאָגט, אַז אָריגינעל זיינען דאָרט געשטאַנען צווישן 40 און 50 אַזעלכע קרוגן 5).

## ג. דער מעטראָפּאָליט זוכט מבינים אויף זיינע פּאַרמעטן

אין יולי 1947, ווען דער מעטראָפּאָליט סאַמועל האָט געקראָגן זיינע 4 מגילות 6), האָט ער באַלד אָנגעהויבן זוכן מבינים אויף זיי. ער האָט זיך געוואָלט איבערצייגן אין זייער עלטער און אין זייער געלט־ווערט. דעם אָפּשטאַם פון די פּאַרמעטן האָט ער די מבינים ניט אויסגעזאָגט. זיי זיינען געפונען געוואָרן, האָט ער דערציילט, פּאַרלעגערט אין אַ שפּאַרונע פון זיין קלויסטער־קעלער, און ער וויל נאָר וויסן ווי אַלט זיי זיינען, און צי האָבן זיי אַ ווערט. ער האָט זיך געווענדט נאָך מבינות צו אַ באַקאַנטן סירישן אָריענטאַליסט, איינעם אַ סטעפאַן, וואָס איז דאַן געווען באַשעפטיקט ביי דער „פּאַלעסטינע אַלטערטימער אָפּטיילונג", און יענער האָט אים געזאָגט, אַז די מגילות זיינען ניט אַזוי אַלט, און האָבן דערפאַר אַ קנאַפּע ווערט. די זעלבע מבינות האָט אים אויך געזאָגט אַ געלערנטער פון דער פראַנצויזישער גרופּע אַרכעאָלאָגן אין פּאַלעסטינע, איינער אַ פּאָטער מאַרמאַדזשי. צו זיין שבח

---

5) ס'מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז — אַנטדעקטע מגילות אַרום ים המלח, איז ניט קיין נייעס. אָריגען, איינער פון די הויפּט־גרינדער פונעם קריסטלעכן קלויסטער (ער האָט געלעבט פון יאָר 185 ביזן יאָר 254 אונדזער צייט), האָט דערציילט פון געפונענע מגילות אין זיין צייט (אין יאָר 217 אונ. צייט), אויך אין אַ הייל און אויך אַרום ים המלח. מיר וויסן אויך פון אַ גרויסער מגילות אַנטדעקונג, אויך אין אַ הייל און אויך אין דער זעלבער געגנט, צום סוף 8טן אָדער 9טן י. ה. (וועגן דעם זע ווייטער קאַפּיטל 5).

דאָס מיינט ניט, אַז די אַלע געפינסן האָבן געמוזט קומען דווקא נאָר פון דער הייל, ווי מיר באַצייכענען זי, 1־קיו (קומראַן נומ. 1), מגילות און איבערבלייבעכצן פון מגילות זיינען איצט געפונען געוואָרן אין דער זעלבער געגנט, אין ממש צענדליקער היילן! ס'איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז אונדזער הייל, די (1־קיו), איז שוין אויך געהאַט געעפנט געוואָרן הונדערטער יאָרן צוריק, און אפשר מער ווי 1 מאָל. וואָס איז שייך אונדזערע טאַמירער פּאַסטעכער, אָדער די סירישע „הייל רויבער". איז זיכער, אַז אַ סך ווערטפולע שריפטן זיינען דורך זיי צעשטערט אָדער פּאַרלאָרן געגאַנגען.

6) די 4 מגילות וואָס זיינען געווען אין באַזיץ פון סירישן קלויסטער, זיינען געווען: 1) אַ גוט פּרעזערווירטע קאָפּיע פון ספר ישעיה; 2) דער „סרך־היחד", אַ געזעץ קאָדעקס פאַר דער סעקטע פרומע חסידים (וועגן דעם זע זייטן 70־66); 3) „פשר" חבקוק, אַ מגילה מיט אַנטפּלעקונגען (זע ווייטער, זייט 72 קאַפּיטל 5); און 4) דער „ספר למך". שפּעטער איז איבערגעביטן געוואָרן דער נאָמען פון דער מגילה אויף: „דער מדרש אויף בראשית" (וועגן דעם זע ווייטער, זייט 75 קאַפּיטל 5).

מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז ער האָט זיך גענומען די מי, און אָנגעפרעגט ביי אַן אַנדער ביבלישן געלערנטן, אַ האָלענדישן, מיטן נאָמען וואַן־דער־פּלאָעג, וואָס איז דאַן געווען אין יענע געגנטן, און יענער האָט באַלד דערקענט דעם ספר ישעיה צווישן די מגילות. ער האָט אויך אויסגעדריקט אַ געדאַנק, אַז די פּאַרמעטן קאָנען מעגלעך זיין זייער אַלט.

די ענטפערס פון די אַנדערע מבינים זיינען געווען פאַרשידענע. קיינער פון די אויסגעפרעגטע האָט אָבער ניט אָנגעגעבן זייער עלטער מער ווי אַ פּאָר הונדערט יאָר. אַנדערע זיינען געווען גאָר סקעפּטיש און אויסגעדריקט אַ מיינונג, אַז די מגילות קוקן אויס צו זיין נאָכגעמאַכטע און געפעלשטע, אַ גע־ווינטלעכע זאַך וואָס טרעפט אין יענע געגנטן מיט אַלערליי דאָקומענטן פון אַלטערטימער.

אַרום סעפּטעמבער 1947, האָט דער מעטראָפּאָליט סאַמועל געבראַכט זיינע 4 מגילות קיין סיריע, זיי וויזן דעם הויפּט פון סירישן קלויסטער. יענער האָט זיי אַפּנים אויך ניט געהאַלטן פאַר צו אַלט, ער האָט דאָך געראַטן זיך ווענדן צום פּראָפעסאָר פון העברעאיש אינעם אוניווערזיטעט אין ביי־רוט, נאָר יענער איז ניט געווען אין דער היים. צוריק אין ירושלים, האָט דער סירישער גלח זיך נאָך אַמאָל געווענדט צו זיין באַקאַנטן פריינט, דעם אָריענ־טאַליסט, סטעפאַן, און יענער האָט אים אַריינגעבראַכט, ווי ער האָט אים אָנ־גערופן, אַ באַרימטן יידישן וויסנשאַפטסמאַן. דאָס איז געווען אַן אַלטער תושב אין ישראל, מיטן נאָמען טוביה וועקסלער. אַ ייד אַ געלערנטער, אָבער זייער ווייט צו זיין אַ מבין אויף אַלטע שריפטן.

וועקסלער האָט אויך באַשטעטיקט סטעפאַנס מיינונג, אַז די מגילות זיי־נען ניט אַזוי אַלט. ווען דער מעטראָפּאָליט האָט אים אויסגעדריקט זיין חשד פון אַ 2 טויזנט יאָריקן עלטער, האָט וועקסלער זיך אויסגעלאַכט און אָנגעוויזן אויפן טיש וואו די פּאַרמעטן זיינען געלעגן:

— ווען דאָס זאָל זיין ניט קיין טיש, נאָר אַ קאַסטן אָנגעפילט מיט פונטן, וואָלט עס אַפילו ניט געקומען צו דער אמתער ווערט פון די מגילות, אויב זיי וואָלטן טאַקע אַזוי אַלט געווען.

אַ יידישער דאָקטאָר, וועמען דער מעטראָפּאָליט האָט צופעליק געוויזן די מגילות, האָט וועגן דעם דערציילט דעם הויפּט פון העברעאישן אוניווער־זיטעט אין ירושלים, דר. יהודה מאַגנעס. דאָס איז שוין געווען אָנהייב אָקטאָ־בער, 1947. דר. מאַגנעס האָט צוגעשיקט צום סירישן קלויסטער די אויפ־זעער פון דער ביבליאָטעק ביים אוניווערזיטעט. יענע האָבן געהאַלטן, אַז די מגילות קאָנען זיין שומרונישע. זיי האָבן ניט געוואָלט שטעלן אויף זיך, און

געעצהט שיקן מער קאָמפּעטענטע מענטשן, אַזעלכע וואָס זיינען באַקאַנט מיט די שומרונישע שריפטן, צו באַטראַכטן די פּאַרמעטן.

## ד. פּראָפ. סוקעניק קריגט אַריין דריי מגילות

אינמיטן נאָוועמבער 1947, האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון זיין וואַקאַציע אין ניו־יאָרק דער פּראָפעסאָר פון אַרכעאָלאָגיע אינעם העברעאישן אוניווערזיטעט, דר. א. ל. סוקעניק. פון דעם געפינס אין אַ הייל לעבן ים המלח האָט ער נאָך גאָרניט געהערט. ווען ער איז אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט, זונטיק דעם 23טן נאָוועמבער, האָט מען אים איבערגעגעבן, אַז אַן אַלטער באַקאַנטער זיינער, אַן אַרמענישער אַנטיקן־סוחר, האָט אים ניט לאַנג צוריק טעלעפאָנירט, ער האָט פאַר אים וויכטיקע נייעס און ער בעט, אַז סוקעניק זאָל אים באַלד טעלעפאָנירן. סוקעניק האָט יענעם גערופן ערשט פאַרנאַכט, און זיי האָבן באַשטימט זיך טרעפן מאָרגן, מאָנטיק, דעם 24טן.

אין לאַנד איז שוין דאַן געווען אומרואיק. אין דער יו־ען, אין ניו־יאָרק, האָט מען דעבאַטירט די שפּאַלטונג פון פּאַלעסטינע אויף 2 באַזונדערע לענדער. די אַראַבער זיינען געווען שטאַרק קעגן און האָבן געסטראַשעט (און אויך צוגעגרייט) מיט אַן אויפשטאַנד. ענגלאַנד, די מאַנדאַטן מאַכט, האָט צעטיילט דאָס לאַנד, און אויך די שטאָט ירושלים אין דיסטריקטן, און ניט אַרויס־ אָדער אַריינגעלאָזן קיינעם אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. דר. סוקעניק האָט זיך געטראָפן מיט זיין אַרמענישן פריינט ביי אַ טויער, און יענער האָט אים געוויזן אַ שטיקל צעפוילטן פּאַרמעט, אָבער מיט אַ קאַנטיק אַלטן העברעאישן שריפט. ער האָט אים דערציילט, אַז דאָס איז אַ שטיקל פון אַ מגילה, און אַז עטלעכע מגילות אַזעלכע זיינען אַנטדעקט געוואָרן דורך בעדואינער אין אַ הייל ניט וויט פון ים המלח, און געפינען זיך ביי אַ פריינט זיינעם, אַ סוחר פון אַנטיקן אין בית־לחם.

— וועט זיי דער העברעאישער אוניווערזיטעט קויפן?

דר. סוקעניק האָט באַשלאָסן פאָרן מיט זיין פריינט קיין בית לחם. די רייזע איז שוין ניט געווען קיין גרינגע. זיך אַרויסלאָזן אין וועג אין יענע אומרואיקע טעג איז געווען אַ לעבנס־געפאַר. די נייעס פון אַזאַ וואונדערלעכער אַנטדעקונג האָט אים אָבער ניט געלאָזן רוען. אוודאי איז מעגלעך אַ שווינדל, געפעלשטע מאַנוסקריפּטן זיינען קיין נייעס ניט, מ׳טאָר אָבער אַזאַ געלעגנהייט ניט דורכלאָזן.

סוקעניק האָט געקראָגן די נויטיקע דערלויבעניש פון דער מאַכט און

האָט זיך אַרויסגעלאָזן מיט זיין אַרמענישן פריינט קיין בית־לחם, פרייטיק, דעם 28טן נאָוועמבער.

אין בית־לחם זיינען זיי אָנגעקומען צום אַנטיקן־סוחר, פאידי־אל־אלאמי 7). ביי אים האָט סוקעניק געקויפט פאַרן העברעאישן אוניווערזיטעט 3 מגילות און צוויי אַלטמאָדישע טעפ פון דער הייל 8).

דר. סוקעניק איז בשלום אַהיימגעקומען מיט די מאַנוסקריפּטן און זיך באַלד גענומען זיי שטודירן. איינע אַ שטאַרק צעלעכערטע איז געווען דער באַקאַנטער ספר ישעיה פון תנ״ך 9). די צווייטע איז געווען אַ מגילה מיט נייע אומבאַקאַנטע קאַפּיטלעך תהילים. די מגילה האָט געקראָגן דעם נאָמען „ספר הודיות״. יעדער קאַפּיטל הייבט זיך אָן מיט „אודך ה׳.״ דער אינהאַלט פון דער דריטער מגילה איז אויך געווען אומבאַקאַנט. דאָס איז געווען אַ פאַנטאַזיע אַזאַ פון אַ צוקונפטיקער מלחמה וואָס די „בני אור״, די קינדער פון ליכט, וועלן פירן קעגן די „בני חושך״, די קינדער פון פינצטערניש.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז סוקעניק געזעסן איבער די מגילות, זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן אַ מינוט. אַ דערשטוינטער, אָן אויפגערעגטער, האָט ער ניט געקאָנט פאַרגעסן, אַז ער קוקט אַריין אין מגילות וואָס זיינען פאַרפאַסט און קאָפּירט געוואָרן אין אַ צייט, נאָך איידער דאָס יידישע לאַנד איז חרוב געוואָרן פון די רוימער, און איידער די יידן האָבן פאַרלאָרן זייער זעלבשטענדיקייט.

אַ גורלפולע נאַכט איז עס געווען. אין ניו־יאָרק, אין לייק סוקסעס איז פונקט דאַן פאַרגעקומען די באַרימטע אָפּשטימונג, וואָס האָט באַשלאָסן צעטיילן פּאַלעסטינע אין צווייען, לויט דעם באַשלוס איז געשאַפן געוואָרן מדינת־ישראל.

דר. סוקעניק איז געזעסן אין איין צימער, פאַרטיפט אין די אַלטע פאַר־

---

7) י. ידין, פּראָפעסאָר סוקעניקס זון, רופט אָן דעם סוחר פעידי סאלאי. דער פעידי איז געשטאָרבן אין יאָר 1955.

8) ווי פּראָפעסאָר סוקעניק דערציילט, האָט ער פריער אָפּגעקויפט איינע, און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער — נאָך 2. י. ידין גיט איבער אַ פאַרצייכענונג פון סוקעניקס טאָגבוך, אַז די 3 מגילות האָבן אָפּגעקאָסט דעם אוניווערזיטעט 35 פונט.

9) צווישן די ערשטע 7 „גאַנצע״ מגילות פון הייל נומ. 1, געפינען זיך 2 פון ספר ישעיה. איינע, אַ שטאַרק צעשעדיקטע, איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון פּראָפעסאָר סוקעניק, און די צווייטע, אַ גוט פּרעזערווירטע קאָפּיע איז אַריינגעפאַלן אין רשות פונעם סירישן מעטראָפּאָליט סאַמועל, און איז ערשט אין יאָר 1954 אָפּגעקויפט געוואָרן פאַרן העברעאישן אוניווערזיטעט. אינטערעסאַנט איז, אַז די בעסער פּרעזערווירטע קאָפּיע איז אַן עלטערע.

מעטן. זיין יינגערער זון מתתיהו 10) איז געזעסן אין צווייטן צימער אַ צו־געשמידטער צו דער ראַדיאָ, זיך צוגעהערט צו די נייעס פון „לייק סוקסעס״. פון צייט צו צייט האָט ער געלאָזט וויסן די פריידיקע נייעסן, אַז די אָדער יענע מדינה האָט געשטימט צוגונסטן ישראל.

ס׳איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט אין דעם יידן־לאַנד, ווען ס׳איז פאַרענדיקט געוואָרן די אַפּשטימונג אין ניו־יאָרק, און ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה. די יידישע באַפעלקערונג פון ירושלים, ווי פון די אַנדערע שטעט און קיבוצים, איז אַרויס אינמיטן נאַכט יובלען אויף די גאַסן. צווישן די יובלער אין ירושלים, איז אויך געווען אונזער פּראָפעסאָר סוקעניק. זיין פרייד איז געווען אַ צווייפאַכע, איינע ניט קלענער פון דער צווייטער. ווען ער האָט נאָר אָנגעכאַפּט, האָט ער דערציילט פון גרויסן נס, פון געפונענע אַלטע פּאַרמעטן, גאַנצע מגילות, העברעאישע מאַנוסקריפּטן פון פאַר 2 טויזנט יאָר! מער ווי טויזנט יאָר עלטער פון דעם עלטסטן תנ״ך מאַנוסקריפּט, וואָס עקזיסטירט! ביכער נאָך פון פאַר דעם חורבן פון יהודה דורך די רוימער! נאָך פון פאַר אונזער צייט־רעכענונג! ווי דורך אַ נס האָבן אָט די מגילות אַריבערגעשפרונגען גאַנצע צוויי טויזנט יאָר יידישן גלות — פון מלכות־יהודה ביז מדינת ישראל!

## ה. אַ נייע איבעראַשונג

מיט אַ טאָג שפּעטער, אויפן וועג צום אוניווערזיטעט, האָט דר. סוקעניק אָנגעטראָפן אַ באַקאַנטן, דעם ביבליאָטעקאַר פון אוניווערזיטעט, און האָט אים אויך דערציילט פון די אַריינגעקראָגענע אַלטע פּאַרמעטן, אַנטדעקטע דורך בעדואינער אין אַ הייל, ניט ווייט פון ים המלח. יענער האָט אים צוריק איבערראַשט מיט זיין מעשה, אַז ער האָט פונקט אַזעלכע מאַנוסקריפּטן געזען צוריק מיט עטלעכע וואָכן אין סירישן קלויסטער אויפן נאָמען פון הייליקן מאַרק. געשיקט אַהין האָט אים דר. מאַגנעס, אים מיט נאָך אַן אָנגעשטעלטן אין ביבליאָטעק. זיי זיינען געשיקט געוואָרן, דערציילט ער, איבערקוקן די אַלטע מאַנוסקריפּטן און זאָגן מבינות אויף זייער עלטער. דער מעטראָפּאָליט האָט אָבער דערציילט, אַז די פּאַרמעטן זיינען געפונען געוואָרן פאַרלייגערטע אין אַ קעלער פון זיין קלויסטער, ניט אין קיין הייל. בעדואינער האָבן גאָרניט

---

10) מתתיהו איז געווען אַ פליער אין דער ישראל אַרמיי. אַ פּאָר חדשים שפּעטער, איז ער מיט זיין עראָפּלאַן אַראָפּגעשאָסן געוואָרן פון די עגיפּטער, און איז דערהרגעט געוואָרן.

געהאַט צו טאָן מיט דער אַנטדעקונג. זיי האָבן ניט געגלויבט, זעצט פאָר דער ביבליאָטעקאַר, אַז די מגילות זיינען אַזוי אַלט. און צווייטנס האָבן זיי זיי אָנגענומען פאַר שומרונישע. אַזוי האָבן זיי באַריכטעט צו דר. מאַג־נעס, און געעצהט שיקן אַהין איינעם וואָס איז בקי אין דער שומרונישער שריפט.

דר. סוקעניק דערציילט אין זיין טאָג־בוך, אַז ס׳איז אים באַלד אַרויף אויפן זין, אַז יענע מגילות האָבן געמוזט קומען פון זעלבן קוואַל, ד. ה. פון אַ הייל לעבן ים המלח, און אַז די מעשה וואָס דער סירישער גלח דערציילט פון פאַרלעגערטע מגילות אין אַ קעלער, איז אַן אויסגעטראַכטע.

סוקעניק איז באַלד אַוועק צו דר. מאַגנעס. ער האָט אים דערציילט אַלץ וואָס ער ווייסט און וואָס ער האָט געהערט וועגן די מגילות און אויס־געהערט וואָס דר. מאַגנעס ווייסט. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז אַלע פאַרהאַנדלונגען וועגן די פאַרמעטן זאָלן אַריבער צו סוקעניקן אין די הענט, און אַז ער זאָל באַלד אָנהייבן זוכן מיטלען ווי זיך צו פאַרבינדן מיטן סירישן קלויסטער אין דער אַלטער שטאָט, זען יענע מגילות און זיי פּרואוון אָפּקויפן.

אין לאַנד איז געוואָרן אומרואיקער פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן הערן שיסערייען אָפטער און אָפטער. דאָ און דאָרט זיינען פאָרגעקומען אויפרייסן. ס׳איז שווער געווען קריגן אַ טעלעפאָן פאַר־בינדונג. די פּאָסט האָט כמעט ניט פונקציאָנירט. דר. סוקעניק האָט געזוכט אַלערליי וועגן און אומוועגן צו פאַרבינדן זיך מיט די סיריער אין אַלט־ירושלים. ער האָט קוים געקראָגן זיין אַרמענישן פּריינט און אים געבעטן זיך צו פאַר־בינדן מיטן סירישן קלויסטער. נאָך אַ לאַנג און אומגעדולדיק וואַרטן, האָט ער ערשט אַרום מיטן יאַנואַר, 1948, געקראָגן אַ בריוו פון זיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן, איינער — אַנטאָן קיראַז, וואָס איז אויך געווען אַ מיטגליד פון סירישן קלויסטער. יענער לאַדט איין סוקעניקן קומען אַהין צו זיי אין דער אַלט־שטאָט, און באַטראַכטן די מגילות.

זיך לאָזן אין דער אַלט־שטאָט ירושלים איז דעמאָלט געווען אויסגע־שלאָסן. זיי האָבן באַשלאָסן זיך באַגעגענען אין דער געביידע פון דער „וואַי־עם־סי־עי״, וואָס איז געלעגן אין אַזוי גערופענעם „צווישן״ פון די מלחמה־האַלטנדיקע צדדים. דאָרט האָט סוקעניק געקראָגן דריי מגילות, אָבער נאָר אויף 2 טעג, זיי צו באַטראַכטן און זאָגן זיין מבינות. ווען ער וואָלט געהאַט מיט זיך אַ גרעסערע סומע געלט, דערציילט סוקעניק, איז מעגלעך אַז ער וואָלט זיי דאַן געקאָנט אָפּקויפן. ער האָט עס אָבער ניט געהאַט און ניט געקאָנט קריגן צו דער האַנט. ווען די פּאָר טעג זיינען אַוועק, האָט ער די מגילות

געמוזט אומקערן און וואַרטן געדולדיק אויף אַן אַנדער געלעגנהייט אָפּ־קויפן זיי פאַרן אוניווערזיטעט. דער מעטראָפּאָליט סאַמועל האָט זיך שוין דאָן ניט געאײַלט. דער חשד, אַז די פּאַרמעטן זײַנען פון אַ צוויי־טויזנט יאָריקן עלטער, האָט אָנגעהויבן אויסקוקן מער און מער רעאַל, און דער ריח פון גרויסע פּראָפיטן האָט אים שטאַרק פאַרשמעקט.

אין פעברואַר 1948, האָט אַטאַנאַסיוס סאַמועל, לויט דער עצה פון איינעם פון זײַנע גלחים, זיך געווענדט נאָך מבינות צו דער אַמעריקאַנער שול פאַרן שטודיום פון אָריענט. דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר פון דער שול דר. מילאַר בעראָוז, איז ניט געווען אין ירושלים, דער גלח האָט דאָרט געטראָפן צוויי יונגע געלערנטע, איינעם, דעם געהילף־דירעקטאָר, דר. דזשאָן טרעווער, און דעם צווייטן, דר. וויליאַם בראַונלי. זיי האָבן פאָטאָגראַפירט אַ פּאָר שורות פון דער מגילה ישעיה, און גענומען שטודירן די מאָדנע שריפט, וואָס איז דאָך העברעאיש, און איז אַזוי אַנדערש פון דער באַקאַנטער העברעאישער שריפט. צווישן פאָטאָגראַפיעס פון אַלטע מאַנוסקריפטן האָבן זיי באַמערקט, אַז די שריפט פון די מגילות איז צום נאָענטסטן ענלעך צו דער שריפט פון דעם באַרימטן „נעש פּאַפּירוס" 11). לויט זייער מיינונג קוקן די מגילות אויס צו זײַן צוויי טויזנט יאָר אַלט. אַזוי האָבן זיי טאַקע געזאָגט דעם סירישן גלח. זיי האָבן געבעטן און געקראָגן די הסכמה פאָטאָגראַפירן די אַלטע פּאַרמעטן.

פון די פאָטאָגראַפישע אָפּדרוקן (פון ספר ישעיה) האָט טרעווער באַלד אַוועקגעשיקט קאָפּיעס קיין אַמעריקע, צום באַקאַנטן אָריענטאַליסט, וויליאַם פ. אָלברייט, כדי צו הערן זײַן מיינונג. יענער האָט גלייך געענטפערט מיט אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע פאַר דעם געפינס פון דעם עלטסטן תנ"ך מאַנוסקריפט אין דער וועלט.

אין עטלעכע טעג אַרום, סוף פעברואַר 1948, זײַנען פּאַרטיק געוואָרן אַלע אַנדערע פאָטאָגראַפיעס פון די מגילות. דער סירישער מעטראָפּאָליט האָט פאַרשטייט זיך, געקראָגן די ערשטע קאָפּיעס, און מיט זיי — אַ פּאַרזי־

---

11) אין 1903 האָט סטענלי קוק פון קעמברידזש אוניווערזיטעט, אָפּגעדרוקט אַ קאָפּיע און אַן אָפּהאַנדלונג פון אַ שטיק פּאַפּירוס, וואָס איז אָפּגעקויפט געוואָרן ביי אַ סוחר פון אַלטערטימער אין מצרים. דער פּאַפּירוס באַשטייט פון די עשרת הדברות און פון „שמע". לויט דער פּאַלעאָגראַפישער אָפּשאַצונג פון געלערנטע, און צווישן זיי, וו. פ. אָלברייט (J B L, Vol. No. 56. September 1937). שטאַמט דער מאַנוסקריפּט פון דער חשמונאים צייט נאָך, ד. ה. פון אַרום 100 יאָר פאַר אונדזער צייט. דער פראַגמענט איז אָפּגעקויפט געוואָרן פאַר דער ביבל. אַרכעאָל. געזעלשאַפט אין ענגלאַנד, פון איר סעקרעטאַר, וו. ל. נעש, און האָט באַקומען דעם נאָמען: „דער נעש פּאַפּירוס".

כּרונג, אַז ער פאַרמאָגט גאָר אַ גרויסן אוצר, וואָס איז ווערט וועד וויס וויפל.

צוליב אַן אויסזיכט אויף אַ רייכן קונה, און אויך צוליב דער אומרואיקער לאַגע אין לאַנד, האָט דער סירישער גלח באַשלאָסן אַרויספירן זיין אוצר קיין אַמעריקע. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז ער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק מיט די אַלטע פּאַרמעטן און אָנגעהויבן זוכן אַ קונה. אַ פּרייז האָט ער גע־שטעלט אַ פאַנטאַסטישן, אין די מיליאָנען אַריין, אָבער די מגילות זיינען שוין געווען פאָטאָגראַפירט און אָפּגעדרוקט, זייער אינהאַלט איז שוין מער קיין סוד ניט געווען, האָט דער סירישער גלח ניט געקראָגן קיין בעלנים צו באַצאָלן אַזאַ פּרייז.

אינעם נומער 110 פון (Basor) "Bulletin American School Orient. Research", אָפּגעדרוקט אין ירדן סוף אַפּריל, 1948, איז דערשינען די ערשטע עפנטלעכע ניייעס פון די אויסערגעוויינטלעכע מגילות. ניט לאַנג נאָכדעם האָט פּראָפ. סוקעניק פאַרעפנטלעכט די ניייעס פון די מגילות וואָס ער האָט איינגעקראָגן, און די ניייעסן זיינען שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער וויסנשאַפטלעכער וועלט, און געוואָרן אַ סענסאַציע.

בשעת דער אינטערעס צו די מגילות איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג, איז דער מעטראָפּאָליט אַטאַנאַסיוס סאַמועל געזעסן אין ניו־יאָרק און גע־האַלטן אין איין העכערן זיין פּרייז. פּראָפ. סוקעניק איז געשטאָרבן אין פרילינג 1953, און האָט ניט זוכה געווען מער זען די מאַנוסקריפּטן וואָס ער האָט, ווי ער האָט געמיינט, אַזוי גרינג געקאָנט פאַראייגענען פאַרן אוניווערזיטעט. אין ישראל האָט מען זיך שוין מיאש געווען פון די פּאַרמעטן. ווען יגאל ידין, פּראָפ. סוקעניקס זון, און אַליין אַן אויטאָריטעטער אַרכעאָלאָג, איז געקומען קיין ניו־יאָרק אין מאַי 1954, צוליב גאָר אַנדערע געשעפטן, האָט ער, ווי ער דערציילט, אפילו ניט געחלומט וועגן אָפּקויפן די אַלטע מאַנוסקריפּטן. אַזעלכע געלטער, וואָס דער סירישער גלח האָט זיך געהייסן באַצאָלן, זיינען ניט געווען אין דער קאַסע פון דער יונגער ישראל־מלוכה, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין פּראָבלעמען, איינע וויכטיקער און וואָגיקער פון דער אַנדערער.

ווען קיין קונים האָבן ניט אָפּגעשלאָגן זיינע שוועלן, האָט דער מעטראָ־פּאָליט אָנגעהויבן צו ביסלעך אַראָפּלאָזן פון פּרייז, און ווי פּראָפ. אָלברייט האָט דאָן, אין מאַי 1954, דערציילט ידינען, איז שוין דער גלח מרוצה געווען פאַרקויפן די מגילות זיינע פאַר אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר. אַפילו פאַר דעם פּרייז האָבן זיך אַפּנים אויך ניט געוויזן קיין קונים, און דער סירישער סוחר האָט געלאָזט אַנאָנסירן זיין סחורה אין די צייטונגען.

איינער אַזאַ אַנאָנס איז געקומען צו י. ידינס אויפמערקזאַמקייט סוף מאַי, און וויל, ער, ידין, האָט מורא געהאַט, און מיט רעכט, אַז דער סירישער גלח וועט זיי, אים, אַ פּאַרטרעטער פון ישראל, ניט וועלן פאַרקויפן, האָט ער אונטערגעשיקט אַ שליח, און דורך אַ דריטער האָט אויסגעדונגען און אָפּגעקויפט די אַלטע יידישע מאַנוסקריפּטן פאַר אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר 12).

די 4 מגילות, צוזאַמען מיט די דריי וואָס סוקעניק האָט אָפּגעקויפט אין 1947, ד. ה. זיבן מער ווייניקער גאַנצע מגילות, וואָס זיינען אַנטדעקט געוואָרן אין דער ערשטער הייל אין קומראַן, זיינען געבליבן דאָס אייגנטום פונעם העברעאישן אוניווערזיטעט אין ישראל.

## ז. פון וואַנען שטאַמען די מגילות?

אַרכעאָלאָגן ווייסן, אַז אַ געפינס דערציילט אַ סך מער ווען זיך, ווען עס געפינט זיך אין קאָנטעקסט פון זיין אומגעבונג, זיין סביבה. וואו, אין וועלכער געגנט געפינט זיך די הייל? — וואָס פאַר אַ הייל איז עס, אַ קבר? אַ קעלער? וואָס נאָך געפינט זיך אין דער הייל? וואָס געפינט זיך לעבן דער הייל? אפשר איז פאַראַן נאָך איינע אַזאַ? אפשר באַהאַלטענע קעלערס דער־ביי? אפשר געביידעס, לאַנג שוין פאַרשאָטענע, דערנעבן? — ווי קומען אין דער הייל אַזעלכע אַלטע מאַנוסקריפּטן? אפשר קאָן די הייל עפּעס דערציילן ווער ס'האָט זיי דאָרט באַהאַלטן, און ווען?

מיט איין וואָרט, מ'מוז געפינען די הייל!

פּראָפ. סוקעניק האָט זיך געווענדט צו זיין אַרמענישן פריינט, געבעטן זיך, ער זאָל אים פאַרבינדן מיט די מענטשן אין בית־לחם, וואָס ווייסן פון דער הייל, ער וויל וויסן וואו זי געפינט זיך. אַזאַ צוזאָג האָט ער געקראָגן. איבער דער מלחמה אין לאַנד האָט ער זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט, און האָט אַזאַ קאָנטאַקט ניט געמאַכט.

די אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלער האָבן, פון זייער זייט, אויך געפּרואווט דערגרונטעווען זיך צו דער הייל, צום קוואַל פון די מאַנוסקריפּטן, און זיי האָבן דאָס אויך ניט געקאָנט באַווייזן. דער מעטראָפּאָליט איז שוין ניט געווען אין לאַנד. ווער ס'זיינען געווען די בעדואינער, וואָס האָבן די ערשטע אַנטדעקט די הייל, האָט קיינער ניט געוואוסט. די וואָס האָבן געוואוסט האָבן ניט אויסגעזאָגט. די סוחרים פון בית־לחם און פון ירושלים, די וואָס האָבן

12) ס'איז כדאַי צו דערמאָנען אַז אַ ניו־יאָרקער געשעפטסמאַן מיטן נאָמען גאָטעסמאַן האָט בייגעשטייערט דעם גרעסטן טייל פון דער סומע.

מיט די מגילות אַרומגעפּעדלט, האָבן געהאַלטן סוד. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן זיך אין די הענט פון די וואָס האָבן געוואוסט פון דער הייל, געפונען אַ סך שטיקער מיט שטיקלעך פּאַרמעט, פראַגמענטן פון די „גיינגאָלדענע" מגילות. זייער געלט־ווערט איז לויט די קלאַנגען אַרויפגע־שרויפט געוואָרן ביזן הימל. פון איין זייט, די מורא אַז מ'זאָל ביי זיי ניט קאָנפיסקירן די פּאַרמעטן, (וואָס וואָלט געמיינט — פאַרלירן אַ פאַרמעגן), און די מורא פאַר אַ שטראָף פון דער צווייטער זייט, האָבן פאַרחתמעט דעם סוד פון דער הייל.

לאַנקעסטער האַרדינג, דער דירעקטאָר פון אַרכעאָלאָגישן מוזיי אין פּאַלעסטינע, האָט אָנגעזאָגט זיין נייעם סעקרעטאַר, איינעם יאָזעף סאאַד, ניט לאָזן קיין שטיין אויף אַ שטיין און אויסגראָבן דעם קוואַל פון די מגילות, אָבער מיט פאַרזיכט. ס'שטייען אין קאָן גרויסע קולטור־היסטאָרישע סודות, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין די שטיקלעך פּאַרמעט. אויב מען זאָל זיי פאַרלירן — וועט דער שאָדן זיין זייער אַ גרויסער.

סאאַד, (אַפּנים אַ געבוירענער אין פּאַלעסטינע) גוט באַקאַנט מיט דער שפּראַך, מיט די זיטן און מנהגים פון די בעדואינער, האָט ער זיך אַריינגע־וואָרפן אין דער אַרבעט. דורכן סירישן קלויסטער האָט ער זיך צופעליק דערוואוסט אין וועלכער געגנט, אַן ערך, די הייל געפינט זיך, כאָטש געפינען זי צווישן ממש הונדערטער אַזעלכע פאַרבאָרגענע לעכער און שפּאַלטן אין די וויסטע בערגלעך אין דער מדבר, איז געווען אוממעגלעך.

ערשט אין פעברואַר 1949 איז די הייל צום צווייטן מאָל אַנטדעקט געוואָרן. אַ בעלגישער אַרמיי עלטסטער, אָנגעשטעלט פון די יונייטעד ניישאָנס, איינער אַ קאַפּיטאַן ליפּפּענס, האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם ענין. דורך זיין איניציאַטיוו האָט אַן ענגלישער אָפיציר זיך אַרויסגעלאָזן מיט עטלעכע אַראַבישע סאָלדאַטן, אין מדבר. די מערסטע סאָלדאַטן זיינען געווען בע־דואינער, אַזעלכע וואָס זיינען באַקאַנט מיט די וועגן און שטעגן פון דער מדבר, און זיי האָבן גענומען זוכן צווישן די בערגלעך. עטלעכע טעג האָבן זיי פאַרבראַכט אין געגנט, און לויט די סימנים פון פריש צעשטערטע שטיי־נער און שטיינדלעך אַרום די היילן, האָבן זיי דערקענט די הייל.

## ז. אַרכעאָלאָגן גראָבן אויס די הייל

די הייל, אין וועלכער ס'זיינען געפונען געוואָרן די ערשטע מגילות, באַצייכענען מיר מיטן נאָמען: קומראַן נומ 1, אָדער "1 Q"; קומראַן איז דער

נאָמען וואָס די בעדואינער האָבן אָנגערופן די באַשטימטע געגנט אין מדבר, און דער נו 1־קיו איז צו באַצייכענען, אַז דאָס איז די ערשטע הייל, וואו מאַנו־סקריפּטן זיינען געפונען געוואָרן, ווייל ווען מ׳האָט שפּעטער אָנגעהויבן זוכן, האָט מען אַנטדעקט מגילות אין נאָך אַ סך היילן, און מיר באַצייכענען יענע אויך מיט נומערן, הייל נומ. 2, 3, 4, א.אַז.וו. די היילן, ווי די גאַנצע קומראַן געגנט, געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון דער ירדן־מלוכה.



2 ליימענע קרוגן אַרויסגענומען פון הייל נומ. 1

אַרכעאָלאָגן פון די פּאָלגנדיקע דריי אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך גענומען אויסגראָבן די הייל. א) די ירדן אָפּטיילונג פון אַלטערטימער; (אויסגע־האַלטן פון ראַקעפעלער פּאָנד, און אונטער דער אויפזיכט פון אַמעריקאַנער) ב) די פראַנצויזישע „עקאָל ביבליק" (ביבלישע שול), און ג) דער (ענגלישער) „פּאַלעסטינער אַרכעאָלאָגישער מוזיי".

אַ מאַסע שערבלעך פון צעבראָכענע קרוגן (פון אַרום 40 ביז 50 טעפּ!) זיינען געווען אָנגעוואָרפן אין און אַרום דער הייל. אַ פּאָר צעפּוילטע שטיק־לעך לייוונט, אין וועלכע די מגילות זיינען געווען איינגעוויקלט, האָבן זיך געוואַלגערט אין הורבעס שטויב און שטיינדלעך צוזאַמען מיט אַ סך שטאַרק צעטריקנטע און צעקרישלטע שטיקלעך מיט ברעקלעך פּאַרמעט פון די מגילות, פראַגמענטן וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן בשעת מ׳האָט זיך מיט זיי אומפּאָרזיכ־טיק געפּאָרעט. ווען מ׳האָט די אַלע ברעקלעך פּאַרמעט דורכגעשטודירט ערשט

מיט חדשים שפּעטער, האָט מען דערזען, אַז דאָס זיינען פראַגמענטן פון מער ווי 20 באַזונדערע מגילות, מערסטע — אומבאַקאַנטע [13] נאָר 4 פון די מגילות, וואָס מיר ווייסן, אַז זיי זיינען פון דער הייל אַרויסגענומען געוואָרן האָבן געהאַט קרובהשע ברעקלעך צעטריקנטן פּאַרמעט אינעם שטויב. די איבעריקע צעטריקנטע קלענערע פּיצלעך פּאַרמעט קומען פון מאַנוסקריפּטן וועלכע זיינען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. אין דער הייל זיינען אויך געפונען געוואָרן בתים פון תפילין, פון אַ של ראש (פון 4 אָפּטיילן), און פון אַ של יד (פון 1 שטיק).

וואו זיינען אַהינגעקומען די אַנדערע מגילות ? — וויפל זיינען אין דער הייל געווען ?

מערסטע פון די און ענלעכע פראַגן וועלן שוין קיינמאָל ניט פאַרענטפערט ווערן. קלאָר איז, אַז די ניט קאָמפּעטענטע „הייל רויבער", די וואָס האָבן אויסגעליידיקט די הייל, האָבן צעשטערט זייער וויכטיקע קולטור־היסטאָרישע ווערטן, צעברעקלט און וואַרשיינלעך פאַרלאָרן אַ סך שטיקער פון דעם צע־טריקנטן און צעפּוילטן פּאַרמעט. דער שאָדן איז זייער אַ גרויסער.

די אַרכעאָלאָגן האָבן באַשלאָסן, אַז אַ סך שטיקלעך פּאַרמעט (און אפשר גאַנצע מגילות ?) געפינען זיך ביי די וואָס האָבן אויסגעליידיקט די הייל. מ'מוז זיך מיט זיי פאַרבינדן. די אַרבעט אויסזוכן די אַראַבער, קריגן זייער צוטרוי און אָפּקויפן ביי זיי די ווערטפולע שטיקער פּאַרמעט, איז איבערגעגעבן געוואָרן צו יאָסעף סאאַד.

לאַנגע חדשים איז אים אויסגעקומען טאָן פּאָרזיכטיקע אויסשפּיר־אַרבעט. די אַראַבער האָבן אים אָנגענומען ווי אַן אויסשפּיר־אַגענט פון דער רעגירונג און מ'האָט זיך פאַר אים זייער שטאַרק געהיט. נאָך לאַנגע חדשים אומדער־מידלעכער אַרבעט, האָט ער זיך דערשלאָגן צו קאַנדאָן. דעם לעצטנס צוטרוי איז נאָך שווערער אָנגעקומען צו געווינען. ערשט אינמיטן זומער 1949 איז אים געלונגען אָפּצוקויפן ביים סוחר פון בית־לחם אַ פּאַק פראַגמענטן פון אַ סך פאַרשידענע מגילות, פאַר זייער אַ הויכן פּרייז. אין דער צייט האָבן די ראַדיאָס איבער דער גאַנצער וועלט געבראַכט טעגלעך סענסאַציאָ־

---

13) נאָך איין מגילה, אָדער אַ טייל פון אַ מגילה איז געפונען געוואָרן פון אונדזערע אַרכעאָלאָגן אין דער הייל. אַ זאַך וואָס איז נאָך געווען איינגעוויקלט אין דער לייוונטענער שמאַטע. וואָס פאַר אַ מגילה דאָס איז געווען, וועלן מיר שוין אָבער ניט וויסן. די מגילה איז אַפּנים געלעגן לאַנגע יאָרהונדערטער אין דער הייל, אויסער די טעפּ. און דורך דער צייט האָט די פייכטקייט זיי דורכגענומען. איצט איז עס אַ צוזאַמענגעקלעפּטע און פאַר־האַרטעוועטע זאַך. און איז שוין פאַרפאַלן אויף אייביק.

נעלע נייעס פון אַמעריקע, וואו דער סירישער גלח האָט געזוכט אַ קונה פאַר זיינע 4 מגילות אין די מיליאָנען דאָלאַרן. די בעדואינער „אַרכעאָלאָגן״ האָבן אָנגעהויבן בעטן טויזנטער פאַר דעם וואָס זיי האָבן פריער געהאַט השגות פון איינצלנע פונטן און זיי האָבן געקראָגן זייער פרייז. קיין בעלנים אויף די שטיקלעך פאַרמעט האָבן ניט אויסגעפעלט. די וויסנשאַפטלעכע וועלט איז געווען שטאַרק פאַראינטריגירט און אָנגעצויגן. ממש פאַרצאַפּלט זיינען געווען די טעאָלאָגן.

די מגילות האָבן אויפגעהויבן אַ פאַרהאַנג און אַנטפּלעקט נייע געשיכטלעכע פאַקטן פון אַ 100 יאָר פאַר קריסטוסן. אַלע אַרכעאָלאָגישע זשורנאַלן, אין מערסטע שפּראַכן פון דער וועלט, זיינען געווען פול מיט אָפּשאַצונגען, השערות און טעאָריעס וועגן די נייעסן וואָס די מגילות האָבן אַנטדעקט. דאָ און דאָרט האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, אַז די מגילות דעקן אויף דעם אָנהייב פון קריסטנטום. צענדליקער ביכער אין פראַנצויזיש, דייטש, ענגליש, העבעראיש און רוסיש זיינען דערשינען אין אַלע וועלט־טיילן וועגן די אַלטע מאַנוסקריפּטן, אַחוץ הונדערטער וואָגיקע זשורנאַל־אַרטיקלען אין אַלע וויכטיקע וועלט־שפּראַכן.

שאַרפע חלוקי־דעות און פּאָלעמיקעס האָבן זיך אָנגעהויבן וועגן דעם עלטער פון די מאַנוסקריפּטן און וועגן די פראַגן ווער ס׳האָט זיי פאַרפאַסט, קאָפּירט אָדער באַהאַלטן אין די היילן. פאַרפאַסט און קאָפּירט האָט מען זיי דאָך איידער מ׳האָט זיי באַהאַלטן. ווען האָט מען זיי באַהאַלטן? ווער זיינען עס געווען די פּערזאָנען וואָס ווערן דערמאָנט אין זיי מיט טיטולן, ווי: מורה צדק, אָדער כהן הרשע, א. אַז. וו.

ס׳איז קלאָר, די מגילות אַנטהאַלטן וויכטיקע סודות. דער אינטערעס צו זיי איז אויסגעוואַקסן צו אַזאַ גראַד, אַז מ׳האָט זיך ניט געקאָנט דערלויבן אַרויסלאָזן די געלעגנהייט אַריינקריגן דאָס מינדעסטע שטיקעלע פאַרמעט, ווי צעטריקנט, פאַרפוילט און ניט לעזבאַר דאָס זאָל ניט זיין. ווער ווייס וואָס פאַר אַ נייעסן מ׳קאָן דאָרט אויסשיילן? אפשר אַ באַקאַנטער נאָמען גאָר, וואָס וועט אַזוי פיל קלאָרער מאַכן די סודות פון דער פאַרבאָרגענער פאַרגאַנגענהייט.

פון דער צווייטער זייט האָט מען ניט געקאָנט נאָכקומען די פאַנטאַסטישע פרייזן וואָס די בעדואינער האָבן זיך געהייסן באַצאָלן פאַר די שטיקלעך פאַרמעט. ס׳איז געווען אוממעגלעך צו קריגן אַזוי פיל געלט. מ׳האָט געדאַרפט רואיק און געדולדיק אַרבעטן, ווערן פריינט מיט די אייגנטימער

פון די פראַגמענטן, און אויסדינגען זיי פאַר אַ מעגלעכן פרייז. אַזאַ פרייז איז לסוף איינגעשטעלט געוואָרן. אַ פונט ($2.80), פאַר אַ סקווער סענטימעטער. טויזנטער שטיקער און שטיקלעך פאַרמעט זיינען פון די אַראַבער שפּעטער אָפּגעקויפט געוואָרן פאַר דעם פרייז.

די אַרבעט אויסצוסאָרטירן און צוזאַמענשטעלן די באַזונדערע שטיקלעך פאַרמעט, מאַכן זיי עטוואָס לעזבאַר און פאַרשטענדלעך, איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ גרופּע געלערנטע אונטער דער אויפזיכט פון לאַנקעסטער האַרדינג (פון פּאַלעסטינער אָפּטיילונג פון אַלטערטימער) און פאַטער דע־וואָ (פון דער פראַנצויזישער ביבלישער שול). זיי האָבן צוגעצויגן צו זיך אַ גרופּע יונגע און קאָמפּעטענטע אַרכעאָלאָגן און אָריענטאַליסטן און האָבן זיך גענומען צוזאַמען דורכשטודירן די מגילות, די היילן, ווי אויך די גאַנצע געגנט וואו די מגילות זיינען געפונען געוואָרן, און אויסגעפינען ווי אַזוי די מאַנוסקריפּטן קומען אַהער. ווען און ווער האָט עס איבערגעלאָזן פאַר אונדז אַזאַ אוצר פון מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פון דער אַלטער, לאַנג פאַרגעסענער געשיכטע?

קאַפּיטל 2

# די אויסגראָבונגען אין קירבעט קומראַן

## א. פינף אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציעס גראָבן אוים קומראַן

ניט ווייט פון דער הייל, וואָס מיר רופן אָן "Q 1", אַ ביסל דרום־צו און אויפן פלאַך וואָס איז צווישן די בערגלעך און דעם טויטן ים, האָבן אַרויס־געסטאַרטשעט ווענט פון אַן אַלטער, לאַנג פאַרלאָזענער און פאַרשאָטענער חורבה, אַ סך גרעסער פון אַן איינצלנער געביידע, אָבער קלענער פון אַ שטאָט־פעסטונג. די בעדואינער וואָס פלעגן קומען אַהער אויף אַ פּאָר וואָכן אין פרילינג מיט זייערע טשערעדעס, האָבן די חורבה גערופן: „קירבעט קומראַן". (קירבעה אין אַראַביש — מיינט חורבה, און קומראַן איז געווען דער נאָמען וואָס זיי האָבן גערופן די געגנט אין מדבר).

די עקזיסטענץ פון דער חורבה איז שוין געווען באַקאַנט צו געשיכטלער־אַרכעאָלאָגן אַ לאַנגע צייט. איר אָפּשטאַם איז אָבער געבליבן אומבאַקאַנט. אינמיטן און צום סוף 19טן י. ה. האָבן רייזנדע געפּרואווט גראָבן אַרום די חורבה־ווענט, און האָבן אויך אויסגעגראָבן עטלעכע קברים פון אַ בית־הקברות דערביי, מיט אַרום 1200 קברים. טייל האָבן געהאַלטן, אַז דאָס מוז זיין אַן איבערבלייב פון אַמאָליקע מאַכמעדאַנישע לאַגערן, נאָך פון אַנהייב איס־לאַם. אַנדערע — אַז דאָס איז אַמאָל געווען אַ פעסטונג פון רוימישע לעגיאָנען, ווייל מ׳האָט דאָ געפונען עטלעכע מטבעות זייערע. די גרויסע צאָל קברים דערביי זיינען אָבער געבליבן ניט דערקלערט.

אונדזערע אַרכעאָלאָגן האָבן חושד געווען, אַז ס׳איז דאָ אַ שייכות צווישן דער חורבה מיט די מגילות, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין די דערבייאיקע היילן, האָבן זיי נאָך אין 1949 אויסגעגראָבן עטלעכע קברים פון דעם הייליקן אָרט. דאַן זיינען זיי אָבער נאָך געבליבן אין ספק צי די חורבה איז טאַקע פאַרבונדן מיט די מגילות. צום סוף 1951 האָבן די אַרכעאָלאָגן שוין געמוזט אַריינגעמען די חורבה אין חשבון. זיי זיינען דערצו געצוואונגען געוואָרן דורך

דעם אינהאַלט פון די מגילות, וואָס איז ברייט באַקאַנט געוואָרן אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט, און וואָס האָט אַרויסגערופן שאַרפע חלוקי־דעות ביי די געלערנטע אין אַ סך לענדער. די מחלוקת איז אַנגעגאַנגען דער עיקר, איבער דער דאַטע פון די פּאַרמעטן. ווען זיינען זיי פאַרפאַסט אָדער קאָפּירט געוואָרן. ניט ווייניקער מחלוקת איז געווען איבער דער פראַגע, ווער ס׳זיינען עס געווען די, וואָס האָבן די מגילות פאַרפאַסט, קאָפּירט און צום סוף באַהאַלטן אין די היילן. דער עיקר, דערמאָנען די מגילות אַזאַ צענטער, אַ הויז, וואו ס׳האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ סעקטע „גאָטס דערוויילטע״, אַזעלכע וואָס האָבן געשלאָסן אַ נייעם בונד מיט גאָט. ס׳איז אומבאַדינגט נויטיק געווען אויס־גראָבן און אויסשטודירן די חורבה. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען דאָס הויז, וואָס איז דערמאָנט אין די מאַנוסקריפּטן.

אַן אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציע אויסצוגראָבן די געביידע איז אָרגאַני־זירט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון לאַנקעסטער האַרדינג און פון פּאַטער דע־וואָ, און האָט געדויערט פון דעם 24טן נאָוועמבער ביזן 12טן דעצעמבער 1951. אין 1952 זיינען די אויסגראָבונגען פון דער חורבה פאַרגעזעצט גע־וואָרן. צוזאַמען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן 5 אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציעס אויסצוגראָבן דעם בנין. די לעצטע איז געווען אין 1956 1).

וואָס מער מ׳האָט געגראָבן, אַלץ מער איז קלאָר געוואָרן, אַז די אַלטע מאַנוסקריפּטן האָבן גאָר אַ נאָענטע שייכות מיט דער חורבה אין קומראַן, אַז זיי זיינען טאַקע דאָ, אין אָט דער געביידע, פאַרפאַסט אָדער קאָפּירט געוואָרן. דער באַשטאַנד פון דער אויסגעגראָבענער חורבה און דער אינהאַלט פון די מגילות האָבן זיך איינס ס׳אַנדערע אָן שום ספק באַשטעטיקט, און ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז אָט דער בנין איז אַמאָל געווען אַ צענטער, וואו ס׳האָבן זיך פאַר אַ צייט אָפּשניט פון אַרום 200 יאָר, פון אַרום דעם יאָר 140 פאַר אונדזער צייט רעכענונג ביזן יאָר 68 אונדזער צייט, אויפגעהאַלטן עטלעכע דורות מיטגלידער פון אַ יידישער סעקטע, שטאַרק פרומע חסידים, וואָס האָבן שפּע־טער אין דער יידישער געשיכטע באַקומען דעם נאָמען „איסיים״.

די איסיים האָבן די געביידע ניט געבויט. זיי האָבן איבערגעבויט און פאַרגרעסערט לויט זייערע נויטן אַן עלטערן בנין, אָדער אַ חורבה, וואָס איז דאָ געשטאַנען. ביים אויסגראָבן די קירבעט קומראַן איז פעסטגעשטעלט

---

1) די 5 אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציעס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן: 1) פון 24טן נאָוועמבער ביזן 12טן דעצעמבער 1951. 2) פון 9טן פעברואַר ביזן 24טן אַפּריל 1953. 3) פון דעם 13טן פעברואַר ביזן 14טן אַפּריל 1954. 4) פון 2טן פעברואַר ביזן 6טן אַפּריל 1955. און 5) פון דעם 18טן פעברואַר ביזן 28טן מערץ 1956.

געוואָרן, אַז דער בנין, די עלטערע טיילן זיינע, זיינען מיט טויזנט יאָר עלטער פון די פרומע איסיים.

ביבלישע שטעט פון דער וויטער פאַרגאַנגענהייט זיינען פון די אַרכעאָלאָגן פאַרבונדן געוואָרן מיט דעם בנין, און מיט נאָך עטלעכע אַנדערע חורבות און געביידעס אָדער „פעסטונגען", וואָס זיינען שפּעטער אויסגעגראָבן געוואָרן אין דער געגנט, עטלעכע מייל דרום־צו, ניט ווייט פון עין־גדי. אייניקע פון די געלערנטע האָבן אָנגענומען, אַז די „קירבעט קומראן" איז עס די ביבלישע שטאָט גבשן, אָדער די „עיר־המלח" (די זאַלץ־שטאָט), וואָס ווערט דערמאָנט אין יהושע ט"ו, 62; אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז איינע פון די שטעט וואָס דער קעניג יהושפט האָט געבויט צו דרום־מזרח פון ירושלים, אינמיטן 9טן י. ה. פאַר אונדזער צייט רעכענונג (דברי הימים ב', י"ז 12), אָדער, אַז דאָס זיינען געווען די רעזערוואַרן וואָס דער קעניג עוזיהו האָט געגראָבן אינמיטן 8טן י. ה. פאַר אונ. צייט רעכ. (דברי הימים ב', כ"ו 10). ס'זיינען אויך געווען מיינונגען, אַז דאָס איז דער עמק עכור, וואו עכן מיט זיינע זין זיינען פאַרשטיינט און פאַרברענט געוואָרן (יהושע ז' 26).

די אַלטע היסטאָרישע פאַרבינדונגען, ווי וויכטיק זיי זאָלן ניט זיין פאַר אַרכעאָלאָגיע, פאַר דער שטודיע פון קולטור־געשיכטע, זיינען זיי אָבער ניט געווען דער עיקר ביים אויסגראָבן די „קירבעט קומראן". דער אינטערעס איז געווען קאָנצענטרירט אויף דעם פּעריאָד, ווען די געביידע האָט געדינט ווי אַ צענטער פון דער סעקטע חסידים. לויט די אויסגראָבונגען און לויט אַנדערע באַווייזן, ווי די געפונענע מגילות, און ספּעציעל לויטן אינהאַלט פון די פאַרמעטן, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אונדזערע סעקטאַנטן האָבן זיך דאָ באַזעצט אַרום דעם לעצטן דריטל פון 2טן י. ה. פאַר אונ. צייט רעכ., ד. ה. אַרום דעם פּעריאָד פון שמעון החשמונאי, (142—135) אָדער נאָך אַ ביסל פריער, און מיט אַן איבעררייס פון אַזעלכע 25 אָדער 35 יאָר, (פון אַרום דעם יאָר 31 ביז 4 פאַר אונ. צייט רעכ., ווען דאָס הויז האָט געפּוסטעוועט), האָט דער ישוב שפּעטער ווייטער עקזיסטירט ווי דער צענטער פון דער סעקטע חסידים, ביזן יאָר 68 אונ. צייט, ד. ה. ביזן דריטן יאָר פון דעם יידישן אויפשטאַנד קעגן רוים (פון 66 ביז 70 אונ. צייט), ווען די יידישע מלוכה איז חרוב געוואָרן דורך די רוימער.

## ב. דאָס אויסזען פון דער געביידע

די גאָר אַלטע טיילן פון דער געביידע געפינען זיך מערב־צו, דאָרט וואו די וואַסער־רעזערוואַרן זיינען נעענטער צו וואדי קומראן, (דעם טאָל

פון קומראַן, וואו דאָס רעגנוואַסער פליסט אָפּ פון די בערגלעך). דער קיילעכ־דיקער וואַסער רעזערוואואַר אויפן בילד פונעם פּלאַן, איז איין צענטער פון דעם אַלטן טייל אין דער פעסטונג. ווען די איסיים האָבן זיך דאָרט באַזעצט, האָבן זיי אין דער מזרח־זייט צוגעבויט נייע טיילן צו דער געביידע, מיט נייע רעזערוואואַרן. וואָס מער דער ישוב האָט זיך צעוואַקסן אַלץ מער איז צוגע־בויט געוואָרן. אַ טורעם פון דריי שטאָק איז אויסגעבויט געוואָרן צו מזרח פון דעם אַלטן טייל. די ווענט פונעם טורעם זיינען געווען 6 און 8 פוס דיק. אינעווייניק, אינעם טורעם זיינען געווען פאַרמאַכטע צימערן, אָן פענצטער, און אַן אַרויסגאַנג איז געווען נאָר אין איין זייט. אַ סך צימערן זיינען אויך צוגעבויט געוואָרן לעבן דעם טורעם אויף איין אָדער צוויי שטאָק. איין צימער אַ לענגערער, אַפּנים פון אַ צווייטן שטאָק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן ביים חרוב ווערן, האָט איבערגעלאָזן צעשאָטענע שטיקער גלאַטן פלאַסטער. צוזאַמענ־געשטעלט, האָבן זיך באַקומען צוויי לאַנגע און שמאָלע טישן, איינער אַ גרע־סערער און איינער אַ קלענערער. דערביי זיינען אין די ווינקלען געפונען געוואָרן דריי אויסגעטריקנטע טינטערס. ווען מען האָט זיי כעמיש אַנאַליזירט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די טינט איז געווען די זעלבע ווי די וואָס איז גענוצט געוואָרן אין די מגילות. די אַרכעאָלאָגן האָבן דעם צימער אַ נאָמען געגעבן „סקריפּטאָריום״. דאָ, אין דעם צימער, זיינען לויט דער מיינונג פון די אַר־כעאָלאָגן, געשטאַנען סופרים און געשריבן, פאַרפאַסט אָדער קאָפּירט מגילות.

אינעם הויז זיינען אויך אויסגעגראָבן געוואָרן גרעסערע פאַרזאַמלונג־צימערן. איינער אַזאַ האָט אַ מין באַלעמער אינמיטן, מיט איינגעמויערטע בענק ביי די זייטן.

צו מזרח־צו איז געווען אַ קיך, מיט עטלעכע גוט פּרעזערווירטע גרויסע אויוונס. באַלד לעבן דער קיך זיינען געווען קאַמערן, אַלמערס פאַר מאַטעריאַלן. אין איין קאַמער אַזאַ זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן שערבלעך פון אַריבער טויזנט שטיק געפעס. שיסעלעך פון דעם מין וואָס זיינען גענוצט געוואָרן אין יענער צייט, און מוסטערן פון זיי זיינען געפונען געוואָרן אין אַ סך היילן צווישן די וויסטע בערגלעך.

נאָך צימערן מיט צימערלעך זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן אין די זייטן, צו דרום־צו, און צווישן זיי זיינען דערקענט געוואָרן פאַרשידענע געווערקשטעלן. איין צימער איז געווען אַ טעפּעריי, וואו ס׳זיינען געווען אָנגעהורבעט שערבלעך פון אַ סך צעבראָכענע טעפּ, און צווישן זיי האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ גאַנצער טאָפּ, גענוי ווי די וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין הייל נומער1, מיט די מגילות אינעווייניק.

ס׳איז אויך אויסגעגראָבן געוואָרן אַ בעקעריי מיט אַ גרויסן אויוון; דאָרט איז אויך געווען אַ וועבעריי, און ווייטער דרום־צו — אויך שטאַלן.

אינטערעסאַנט איז, אַז ווען מ׳האָט געגראָבן אין די הויפן אינעווייניק, אין דער געביידע, האָט מען אין פאַרשידענע פּלעצער געפונען אַ סך באַגראָבענע טעפּ מיט ביינער פון שאָף, פון ציגן און פון קעלבער (מער ווי 40 טעפּ אַזעלכע!). אַ פּאָר טעפּ זיינען אויך געווען מיט ביינער פון פּי. אַלע ביינער זיינען געווען נאָר פון דעם פּאָדער־טייל פון דער בהמה (דער טייל וואָס איז כשר לויטן יידישן דין). די טעפּ מיט די ביינער זיינען געווען באַגראָבן אַלע אויפן זעלבן שטייגער. איז דאָס געווען אַ קרבן־ריטואַל אַזאַ? — אין די שריפטן זייערע רעדט זיך אַ סך פון הייליקע מאָלצייטן וואָס זיי האָבן געפּראַוועט, און פון דעם ווי אַזאַ הייליקע סעודה וועט אויסקוקן ווען משיח וועט קומען. זיינען די ביינער געווען פון אַזעלכע סעודות? —

דאָס איז איינע פון די זייער וויכטיקע פראַגן וואָס שטייען נאָך ביז היינטיקן טאָג פאַר געלערנטע, און וואַרטן אויף אַן אַנטשיידונג.

ווייטער אַ ביסל, צו מזרח פון דער געביידע געפינט זיך דער בית־עולם. אַרום 1200 קברים זיינען דאָרט פאַראַן. ריכטיקער וואָלט אפשר געווען צו רעדן פון דריי באַזונדערע בית־עלמינס. איינער אַ גרויסער מיט אַן ערך 1000 קברים, און צוויי קלענערע דערביי, מיט ניט מער ווי צו 100 קברים אין יעדן. אַלע קברים זיינען נעט אויסגעלייגט, אין גלייכע שורות, און די סקעלעטן זיינען אַלע מיטן פּנים אַרויף. דער קאָפּ צו דרום און די פיס צו צפון. אַלע קברים זיינען 4 פוס טיף און מיט ציגל ביי די זייטן. אין קיין איינעם פון די קברים האָט מען ניט געפונען קיין צירונג אָדער אַנדערע „מתנות", וואָס מען זאָל געווען האָבן מיטגעגעבן די טויטע.

עטלעכע צענדליק קברים פונעם גרעסערן בית־עולם זיינען געעפנט געוואָרן אין יאָר 1953 און אין 1956. אַלע אָן אויסנאַם האָבן אַנטהאַלטן נאָר מענער־סקעלעטן. אין איין קליינעם הייליקן אָרט האָט מען געעפנט 6 קברים, און דאָרטן זיינען די סקעלעטן געווען פון פרויען מיט קינדער. פון די צוויי קברים, וואָס מ׳האָט געעפנט אינעם צווייטן קלענערן הייליקן אָרט, איז איינער געווען פון אַ מאַן און דער צווייטער פון אַ פרוי. ס׳קוקט אויס, אַז די ניט געלייזטע פּראָבלעם וואָס איז געשטאַנען פאַר די אולטראַ־פרומע חסידים, יאָ אָדער ניט חתונה האָבן, ווי ס׳איז באַקאַנט פון די אַלטע געשיכטע־קוואַלן, האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אינעם אופן ווי זיי פלעגן באַגראָבן זייערע טויטע.

## ג. די מטבעות און די אַנדערע באַווייזן

די נומיסמאַטישע וויסנשאַפט (שטודיום פון געפונענע אַלטע מטבעות), טראָגט צו איר חלק צום דערלערנען די געשיכטע פון דער געבידע אין קומראַן און פון דער סעקטע חסידים, וואָס האָבן זי גענוצט פאַר אַ צענטער. אַ סך איינצלנע מטבעות זיינען געפונען געוואָרן אין די ווינקלען און אינעם



דער טאָפּ מיט 558 זילבערנע מטבעות איינגעמויערטע אין אַ וואַנט. די שפּעטסטע פון די מטבעות זיינען פון יאָר 1 אונזער צייט.

מיסט פון דער געבידע (אַגב, קיין איין מטבע איז ניט געפונען געוואָרן אין קיינער פון די היילן דערביי!). חוץ דעם איז געפונען געוואָרן אַ גאַנצער טאָפּ מיט זילבערנע מטבעות, איינגעמויערט אין אַ וואַנט, לעבן די קיך־מכשירים. אַרום און אַרום זיינען געפונען געוואָרן מער ווי 400 מטבעות, פון קופּער, בראָנדז און פון זילבער, אַחוץ די 558 זילבערנע מטבעות אין אַ טאָפּ פאַרמויערט אין אַ וואַנט. די מערסטע זיינען געווען שטאַרק אָקסאַדירט

(פאַרזויערט, פאַרראָסטעט). אַרומגערייניקט, האָבן זיי געהאָלפן פעסטשטעלן גענוי די צייט ווען די געביידע איז געווען באַזעצט פון די סעקטאַנטן.

די סאַמע ערשטע מטבעות (אינגאַנצן 15), זיינען פון דער צייט פון יוחנן הורקנוס (פון 135 ביזן יאָר 105 פאַר אונדזער צייט רעכענונג. פון דער צייט ווען ס׳האָט געהערשט זיין זון אַלעקסאַנדער ינאי (פון 104 ביז 76 פ.א.צ.ר.), זיינען געפונען געוואָרן די גרעסטע צאָל מטבעות. פון דער צייט אָן ווערט די צאָל מטבעות אַלץ קלענער. פון דעם יאָר 37 ביזן יאָר 4 פ.א.צ.ר., ד. ה. פון דער צייט ווען ס׳האָט געקיניגט הורדוס, זיינען געפונען געוואָרן אינ־גאַנצן 5 (פינף) מטבעות, און מער הייבן זיך אָן באַווייזן פון דער צייט פון דעם עטנארך הורדוס ארכעלאוס, דעם זון פון קעניג הורדוס (פון 4 פ.א.צ.ר. ביזן יאָר 6, אונדזער צייט).

ווי ס׳קוקט אויס פון די מטבעות און פון אַנדערע גבית־עדות אין דער געביידע, איז געווען אַן איבעררייס פון אַזעלכע 25 אָדער 30 יאָר אינעם ישוב. די אורזאַכן פאַרן איבררייס זיינען אונדז ניט אינגאַנצן קלאָר.

יאָזעפוס פלאַוויוס דערציילט אין זיין בוך „אַלטערטימער״ (בוך 15, קאַפּ. 5), און אויך אין זיין בוך „מלחמות״ (בוך 1, קאַפּ. 19), אַז אין 7טן יאָר פון הורדוסעס קעניגן, וואָס דאָס מיינט אינעם יאָר 31 (פאַר אונ. צייט רעכ.) איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ערד־ציטערניש אין יהודה, און אַרום 10 טויזנט מענטשן זיינען אומגעקומען. דער שאָדן איז געווען גרויס איבערן גאַנצן לאַנד, און מער ווי אומעטום אין עמק הירדן.

שאַרפע סימנים פון אַזאַ ערד־ציטערניש זיינען געבליבן אין דעם קומראַן בנין. ס׳איז געבליבן אַזאַ שפּאַלט, וואָס איז שפּעטער צערעכט געמאַכט גע־וואָרן. דער שפּאַלט זעט זיך אָן דורך דער גאַנצער ברייט פון דער געביידע, פון צפון צו דרום. דער שפּאַלט גייט דורך אַלע ווענט, פון אינעווייניק און פון דרויסן. טרעפּ פון אַ וואַסער רעזערוואואַר זיינען געבליבן צעשפּאָלטן אין צווייען, איין טייל איז אַרום אַ 20 צאָל נידעריקער פונעם צווייטן טייל פון די זעלבע טרעפּ. דערצו זיינען אויך דאָ סימנים פון אַ גרויס פייער אין דער געביידע, אַ שאָדן וואָס איז, ווי ס׳קוקט אויס, שפּעטער פאַרריכט געוואָרן. פון די רעמאָנטירטע ווענט נאָכן פייער, און פון דעם איבערגע־בויטן און צוגעבויטן נאָך דער ערד ציטערניש, איז קאָנטיק, אַז דער בנין איז נאָך דער ערד ציטערניש געווען באַוואוינט ווי פריער.

דער פאַקט, וואָס קוים 5 מטבעות שטאַמען פון דעם לאַנגן צייט־משך פון קעניג הורדוסעס הערשאַפט, פולע 33 יאָר, האָט פאַראינטריגירט די געלערנטע און פאַראורזאַכט פאַרשידענע השערות. אין די מגילות איז אין ערגעץ ניט

דערמאָנט קיין איבעררייס אינעם ישוב. ביי פלאַוויוסן זיינען דאָ אָנצוהערע־נישן, אַז דער קעניג הורדוס האָט געהאַלטן פון די איסיים, און האָט זיי געטאָן טובות. ס׳איז זייער מעגלעך, אַז אין הורדוסעס צייטן, האָט אַ מערהייט פון דער סעקטע פאַרלאָזן זייער פרייוויליקן גלות אין מדבר, און נאָר געציילטע זיינען דאָרט פאַרבליבן. ווי ס׳איז קלאָר פון די מגילות און פון דעם עדות זאָגן אין אַנדערע געשיכטע־קוואַלן, האָט געהערשט אַ שטאַרקע שנאה צווישן די איסיים און די חשמונאים. אין דעם פרט, האָבן זיי זיכער געקאָנט זיין אין הסכם מיטן קעניג הורדוס, וואָס האָט, ווי ס׳איז באַוואוסט, אויסגע־מאָרדעט די גאַנצע חשמונאים־משפחה.

ס׳איז אויך מעגלעך, אַז די ערדציטערניש מיטן פייער האָבן זיי פון דאָרט פאַרטריבן. וואָס עס זאָלן ניט האָבן געווען די סיבות, האָבן מיר אַ רעכט אָנצונעמען אויף זיכער, אַז אין דעם פעריאָד פון אַרום דעם יאָר 31 פאַר אונ. צ. ר ביזן יאָר 4 פאַר אונ. צ. ר., ד. ה. ביז נאָך הורדוסעס טויט, איז דער ישוב אין דעם מדבר געבליבן אָדער זייער אַ קליינער, אָדער — אינגאַנצן אָן איינוואוינער.

פון דער צייט נאָך הורדוסעס טויט, זיינען ווידער פאַראַן קלאָרע סימנים פונעם ישוב, פון געפונענע מטבעות ווי פון אַנדערע אַרכעאָלאָגישע עדות. זי־כער האָט דער פאַרערגערטער פּאָליטישער קלימאַט אין לאַנד דערצו גורם געווען. ס׳איז זייער גרינג צו פאַרשטיין, אַז וואַרוסעס רציחות איבער די יידן 2), האָבן פאַרטריבן הונדערטער יידן פון לאַנד צום שטילן באַשיידענעם לעבן אין מדבר.

די צווייטע פאַזע פונעם ישוב האָט געדויערט אַרום 70 יאָר, און האָט זיך געענדיקט אין יאָר 68, אונ. צייט, אין דריטן יאָר פון גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים. יאָזעפוס דערציילט אונדז, אַז ניט ווייט פון דער געגנט האָט זיך דאַן געפונען דער 10טער רוימישער לעגיאָן. 73 בראָנזענע מטבעות פון צווייטן יאָר פון אויפשטאַנד זיינען דאָרט געפונען געוואָרן, און נאָר 5 פון דריטן יאָר. ס׳זיינען, אמת, געפונען געוואָרן נאָך 13 מטבעות פון דריטן יאָר אויפשטאַנד, אָבער יענע האָבן שוין געהאַט אויף זיך דעם צייכן X, און ס׳איז

---

2) פובליוס וואַרוס, רוימישער פּראָקאָנסול און הערשער איבער סיריע (און יהודה) אין דער צייט ווען קעניג הורדוס איז געשטאָרבן און זיין זון הורדוס אַרכעלאוס האָט איבערגענומען די מלוכה. וואַרוס האָט — מיט דער גוטהייסונג פון אַרכעלאוסן, דורכגעפירט עטלעכע שוידערלעכע רציחות איבער מאַסן יידן, אין די יאָרן 5־4 פאַר אונ. צייט רעכ. די רציחות זיינען געבליבן אין דער יידישער געשיכטע מיטן נאָמען — וואַרוס־מלחמות.

אַ סברא אַז זיי זיינען שוין געדרוקט געוואָרן פאַרן 10טן (רוימישן) לעגיאָן. עס קומען אויך צו סימנים פון אַ גרויס פייער איבער דער גאַנצער לענג פון דער געביידע, און עטלעכע פיילן פון בויגנס, אַזעלכע פיילן, וואָס די רוימער האָבן דאַן געניצט. אויף דער באַזע פונעם פייער, און פון די פיילן־שפּיצן אין די ווענט, האָבן אייניקע געלערנטע אויפגעבויט אַ טעאָריע, אַז אונדזערע סעקטאַנטן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די רוימער.

ס׳זיינען אויך דאָ באַווייזן, פון מטבעות און אַנדערע אַרכעאָלאָגישע סימנים, אַז די רוימער האָבן די געביידע, אָדער דאָס וואָס ס׳איז פון איר געבליבן, גענוצט פאַר אַ צענטער פאַר זייערן אַן אָפּטייל ביז אַרום דעם יאָר 90 אונ. צייט, ד. ה. אַרום 20 יאָר נאָכן פאַרטרייבן די איסיים. קלאָרע סימנים זיינען אויך פאַרבליבן, אַז די יידישע אויפשטענדלער אונטער בר־כוכבא, האָבן שפּעטער דעם בנין גענוצט פאַר אַ פעסטונג אין די יאָרן 135־131 אונ. צייט. אַרום 15 מטבעות פון דעם בר־כוכבא פעריאָד זיינען דאָרט געפונען געוואָרן. נאָכדעם ווי די געביידע איז צום לעצטן מאָל פאַרניכטעט געוואָרן, אויך פון די רוימער וואָס האָבן אונטערדריקט דעם בר־כוכבא אויפשטאַנד, האָט זי אָנגעקליבן אויף זיך שטויב קאַרגע 19 הונדערט יאָר, און איז ערשט איצט, פון אונדזערע אַרכעאָלאָגן אויסגעגראָבן געוואָרן.

דער געבוי פונעם בנין, זיין צוזאַמענשטעל, די פאַרשידענע צימערן, דער סקריפּטאָריום, די געוועוקשאַפט־צימערן, די געפונענע מטבעות, — אַט די אַלע אַרכעאָלאָגישע באַווייזן דערגאַנצן זיך פולשטענדיק מיטן אינהאַלט פון די מגילות, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין די היילן אַרום און אַזוי נאָענט פון דעם בנין. עס קאָן גאָר קיין שום ספק ניט זיין, אַז אין דער געביידע האָט די לעצטע 200 יאָר פון דער יידישער מלוכה זיך אויפגעהאַלטן אַ סעקטע יידן, וואָס האָבן, ווי זיי דערציילן וועגן זיך אין זייערע שריפטן, געהאַט שאַרפע חלוקי־דעות מיט די אָפיציעלע אָנפירער פון לאַנד, די קעניגער, די כהנים און די סופרים (די פרושים). דאָ, אין דעם צענטער, האָבן זיי געלעבט ווי אַ גרופּע געמיינזאַם, מיט אַן איינגעשטעלטער אָרדענונג לויט די געזעצן פון דער תורה, און מיט אַ הויפּט־ציל: זיך רייניקן און זיין גרייט אויפצונעמען דעם „יום ה׳,״ (גאָטס טאָג) וואָס האַלט אין אָנקומען באחרית הימים (צום סוף פון די טעג), ווי ס׳האָבן צוגעזאָגט די הייליקע נביאים פון אַמאָל, און ווי ס׳איז פאַרשריבן אין די הייליקע ספרים.

## קאַפּיטל 3

# נייע געפינסן אין די היילן אַרום ים המלח

### א. וואדי מוראבאאט

קיינעם פון די אַרכעאָלאָגן און אַנדערע געלערנטע וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט שטודירן די אַלטע פּאַרמעטן, און מיטן אויסגראָבן די חורבה אין קומראַן, איז גאָרניט איינגעפאַלן, אַז אין די היילן און שפּאַלטן פון די וויסטע בערגלעך אין מדבר יהודה, טאַקע דאָ ניט ווייט פון דער חורבה, ליגן באַהאַלטן נאָך אַ סך פּאַרצייטיקע מאַנוסקריפּטן, און אַז דער ערשטער געפינס אין הייל נומ. 1, איז געווען נאָר אַ צופעליקער אָנהייב.

בשעת די געלערנטע זיינען געווען פאַרטיפט אין די אַנטפּלעקטע סודות פון די שטיקלעך פּאַרמעט און אין די אַרכעאָלאָגישע געפינסן פון דער חורבה דערבײַ, האָבן די בעדואינער פּאַסטעכער, סטימולירט פון די סענסאַציאָנעלע נייעסן וועגן די פאַנטאַסטישע הויכע פרייזן וואָס מ׳בעט און מ׳צאָלט פאַר די פאַרפוילטע שטיקלעך פּאַרמעט, זיך אָנגעהויבן ערנסט פאַרנעמען מיט אַר־כעאָלאָגיע. זיי זיינען געווען, מוז מען מודה זיין, זייער פלייסיק אין זייער נייעם פאַך, כאָטש זיי האָבן עס געטאָן אויף זייער אַ פּרימיטיוון אופן. זיי האָבן דורכגענישטערט הונדערטער היילן און שפּאַלטן אין די בערגלעך, אויף מיילן און מיילן ווייט, אַרום דעם מערב ברעג פון ים המלח.

שפּעט אין האַרבסט, 1951, זיינען דורך די שוין באַקאַנטע „אונטערוועגן״ דערגאַנגען צו די געלערנטע אַרכעאָלאָגן אָנבאָטן צו קויפן נאָך שטיקלעך פּאַרמעט. די זיינען שוין געווען פון אַן אַנדער מין. דאָ זיינען געווען וויי־קער ביבלישע מאַנוסקריפּטן און מער פּערזענלעכע דאָקומענטן און בריוו. מערסטע פון די שריפטן זיינען געווען ניט אויף פּאַרמעט, נאָר אויף פּאַפּי־רוסן. זייער דאַטע איז אויך אָפּגעשאַצט געוואָרן צו זיין אַרום 100 יאָר ייִנגער פון די פריערדיקע מגילות.

די אַרכעאָלאָגן האָבן די שטיקלעך אַלטע דאָקומענטן אָפּגעקויפט און האָבן זיך גלייכצייטיק גענומען אויסגעפינען די „נייע״ הייל, און זען וואָס

מ׳קאָן פון דאָרטן ראַטעווען. מיט די דערפאַרונגען פון פריער, איז דאָס שוין איצט אָנגעקומען אַ סך גרינגער. די הייל איז אינגיכן אַנטדעקט געוואָרן.

די „נייע" הייל (ניט איין הייל, נאָר אַ גרופּע היילן) וואו מ׳האָט געפונען די דאָקומענטן, האָט זיך געפונען אין די זעלבע בערגלעך פאַזע דעם מערב ברעג פון ים המלח, אָבער אַ סך ווייטער אַרונטערצו, אַרום 12 מייל ווייטער פון הייל נומ. 1, און אַרום 15 מייל דרום־מזרח פון בית־לחם. די געגנט ווערט פון די בעדואינער באַצייכנט מיטן נאָמען — וואַדי מוראַבאַאַט.

אין די זייער משופּעדיקע באַרג־ווענט פון דעם וואַדי מוראַבאַאַט (אַרום 500־600 פוס הויך) זיינען געווען אַ סך שפּאַלטן און היילן. אייניקע פון די היילן זיינען 150 פוס און מער טיף. צענדליקער אַזעלכע היילן און באַרג־שפּאַלטן זיינען פון די אַרכעאָלאָגן דורכגעזוכט געוואָרן. אייניקע פון די היילן אין די משופּעדיקע ווענט האָט מען געקאָנט דערגרייכן נאָר מיט שטריק־לייטערס. אַ סך פון די היילן האָבן געוויזן באַהעלטעניש־שפּורן פון פאַרשידענע צייטן אין אַלטערטום. אין אַזעלכע טיפע היילן האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן אדומים פון יידישע אָנגרייפער, און יידישע קעמפער אונטער בר כוכבא האָבן זיך דאָ באַהאַלטן פון די רוימער, אין דער צייט פון 2טן און לעצטן אויפשטאַנד קעגן רוים. 135־131 אונזער צייט.

אין 4 פון די היילן זיינען געפונען געוואָרן מאַנוסקריפּטן. די מערסטע, ווי געזאָגט, דאָקומענטן און בריוו. פאַראַן צווישן זיי 2 בריוו פון בר־כוכבא [1]) צו זיינעם אַן אַרמיי־אָנפירער, ישוע בן גלגלה. (זע פאַקסימילע זייט 44).

פון תנ"ך־ספרים זיינען דאָרט געווען פראַגמענטן נאָר פון בראשית, שמות, דברים, און פון ספר ישעיה. צווישן די אַנדערע קלענערע זאַכן זיינען אויך געפונען געוואָרן אַ פּאָר שטיקלעך בתים פון תפילין און שטיקלעך פון פרשיות אינעווייניק. ס׳איז דאָרט אויך געווען אַ פּאַלימפּסעסט 2), און אויך אַ דאָקומענט, וואו ס׳איז אָנגעגעבן געגנוי די דאַטע: „אינעם 7טן יאָר

---

1) פון תלמודישע קוואַלן (ירושלמי, תענית פרק ד׳ ג) איז באַקאַנט, אַז רבי עקיבא און אַלע אַנדערע וואָס האָבן פון אים געהאַלטן, האָבן אָנגערופן דעם אָנפירער פונעם אויפשטאַנד קעגן אדריונוס (135־131 אונ. צייט) בר כוכבא. וואָס מיינט, דער זון פון אַ שטערן, צו באַשטעטיקן אַ פּסוק אין במדבר כ"ד 17, „...ודרך כוכב מיעקב", אַנדערע, און מיר זיינען געווען זיכער, אַז דאָס זיינען געווען די וואָס האָבן אין אים ניט געגלויבט, האָבן אים גערופן: „בר־כוזיבא", וואָס מיר האָבן אויסגעטייטשט, אַז עס מיינט „דער זון פון ליגן". לויט די געפינענע דאָק־מענטן, איז זיין נאָמען, — געחתמעט אויף 2 בריוולעך, „בר־כוסיבא", וואָס איז געווען זיין אמתער נאָמען.

2) פּאַפּירוס, אָדער אויסגעאַרבעטער פּאַרמעט איז געווען זייער טייער און שווער צו קריגן. סופרים (שרייבער), האָבן זייער אָפט איבערגענוצט אַן אַלטן, ניט נויטיקן דאָ־

פון קעניג אַדריונוס״ (אַדריונוס איז געוואָרן קעניג אין רוים, אין יאָר 117 אונדזער צייט).

די שפּראַכן פון די דאָקומענטן זיינען העברעאיש, אַראַמעאיש און גריכיש, אַלע דריי שפּראַכן וואָס זיינען דעמאָלט גערעדט געוואָרן אין לאַנד. דער העברעאיש איז אויסגעמישט מיט אַראַמעאיש, און איז באַקאַנט ווי דער „משנה העברעאיש״. פאַראַן אויך אַ פּאָר שטיקלעך פּאַרמעט, פאַרשריבן אין לאַטיין, און אויך אַ פּאָר רוימישע קיך־כּלים, וואָס קאָן זיין אַ באַווייז, אַז נאָכן אונטערדריקן דעם בר־כּוכבא אויפשטאַנד, האָבן די רוימער פאַרכאַפּט אויך די היילן אין וואדי מוראבאאט. די אויסגראָבונגען אין דער געגנט האָבן געדויערט פון 21טן יאַנואַר ביזן 10טן פעברואַר 1952.[3]

צום סוף 1952 איז אַנטדעקט געוואָרן אַ נייער קוואַל פון אַלטע מאַנוסקריפּטן אין אַ חורבה וואָס געפינט זיך אַ 5־4 מייל וויטער פון קומראַן, מערב־צו, אין דער ריכטונג פון בית לחם און ירושלים. דאָס איז די „קירבעט מירד״, ווי די בעדואינער האָבן גערופן די חורבה. אין פרילינג 1953 האָבן די לעגיטימע אַרכעאָלאָגן אויסגעגראָבן דעם בנין. דאָס איז געווען אַ חורבה פון אַן אַלטן קריסטלעכן מאָנאַסטיר, וואָס האָט עקזיסטירט פון אַרום דעם 5טן ביזן 8טן י. ה. אונדזער צייט. אין די קעלערן פון דער חורבה זיינען געפונען געוואָרן אַלטע מאַנוסקריפּטן פון נייעם קריסטלעכן טעסטאַמענט, געשריבן אין גריכיש און אַראַמעאיש. דאָרט זיינען אויך געווען אַ בוך יהושע, און אַ קאָפּיע פון אַפּאָקריף „חכמת שלמה״, ביידע געשריבן אין גריכיש. דאָרט

---

קומענט צו שרייבן אויף אים. מערסטנס האָבן זיי דאָס געטאָן אויף פּאַפּירוסן. זיי האָבן אויסגעמעקט, אָפּגעריבן דאָס געשריבענע פון פריער און גענוצט דעם פּאַפּירוס איבעראַנייס. היינט קאָנען מיר זייער אָפט, מיט דער הילף פון אולטראַ וויאָלעטע שטראַלן, אַרויסלייענען אויך דעם אונטערשטן, „אויסגעמעקטן״ שריפט. אַזאַ דאָקומענט ווערט גערופן, „פּאַלימפּסעסט״.

3) אין 1955 האָבן בעדואינער געפונען אין וואדי־מוראבאאט, נאָך אַ וויכטיקן ביבלישן דאָקומענט, אַ גאַנצע מגילה פון די 12 קלענערע נביאים, וואָס מיר רופן, „תרי־עשר״ (12 אין אַראַמעאיש). דער אָנהייב, הושע און האַלב פון יואל פעלט. ס׳פעלט אויך דער סוף, פון מיטן זכריה און גאַנץ מלאכי. די איבעריקע זיינען געבליבן אין זייער אַ גוטן, כמעט גאַנצן צושטאַנד. אָנגעהויבן פון מיטן יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי און אַ האַלב זכריה. דאָס אינטערעסאַנטסטע פון דער מגילה איז, וואָס דער טעקסט איז כמעט אינגאַנצן ענלעך צום מסורה טעקסט. אין אַנדערע ווערטער, צום אָנהייב פון 2טן י. ה. אונ. צייט, איז שוין געווען אַ מסורה טעקסט פון די נביאים, וואָס שטימט מיט דער אינפאָרמאַציע וואָס מיר האָבן פון אַנדערע קוואַלן, אַז דער תנ״ך איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אינעם פעריאָד פון 2טן דור תנאים, פון די יאָרן 80 ביז 110 אונ. צייט.

זיינען אויך געווען אַ פּאָר ביכער פון דער קלאַסישער גריכישער ליטע־ראַטור.

## ב. אַרכעאָלאָגן זוכן אונטער די גאַנצע געגנט

בשעת די אַרכעאָלאָגן זיינען געווען פאַרנומען מיט וואדי מוראבאאט, האָבן זיך באַוויזן ביי די בעדואינער נייע מאַנוסקריפּטן, אָדער, בעסער געזאָגט, פראַגמענטן פון מגילות צו פאַרקויפן. זיי זיינען געקומען פון די זעלבע קוואַלן ווי די סאַמע ערשטע מגילות, ד. ה. פון אַ הייל ערגעץ נעבן קירבעט קומראן. ס׳איז קלאָר געוואָרן פאַר די וויסנשאַפטלעכע און אַרכעאָלאָגישע געזעלשאַפטן, אַז די קוואַלן פון איבערראַשנדיקע אַלטע מאַנוסקריפּטן זיינען אין דער געגנט ווייט ניט אויסגעשעפּט. און אַז מ׳מוז זיך נעמען ערנסט אונטערזוכן, אויס־גראָבן די גאַנצע געגנט.

די געזעלשאַפטן האָבן זיך פאַראייניקט, און זיך נאָך ערנסטער גענומען אונטערזוכן די געגנט. זיי האָבן אָרגאַניזירט צענדליקער גרופּן מיט איינעם אָדער צוויי לעגיטימע אַרכעאָלאָגן אויפזעער אין אַ גרופּע, און מיט געדונ־גענע אַראַבער, טאַקע פון די פּלייסיקע און פעאיקע טאאמירער פּאַסטעכער, און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

די אונטערזוכונג האָט געדויערט פון מערץ דעם 10טן ביז מערץ דעם 29טן, 1952. אַ סך טעריטאָריע איז געדעקט געוואָרן פון די אַרכעאָלאָגן. ס׳איז אונטערזוכט געוואָרן אַ שטח פון עטלעכע מייל בערגלעך פוןביידע זייטן, צפון און דרום פון דער קומראן חורבה. מער ווי 200 היילן און שפּאַלטן אין די בערגלעך זיינען געפאָרשט געוואָרן, און אין עטלעכע פון זיי האָט מען גע־פונען שטיקלעך צעפוילטן פּאַרמעט. דער עיקר אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן פון דער זוכונג, אַז די מערסטע פון די היילן זיינען אַמאָל געווען באַוואוינט פון מענטשן. היימישע כלים און מכשירים זיינען געווען אין זייער אַ סך פון די היילן. זיי האָבן אויפגעקליבן אויל־לעמפּלעך, פרימיטיווע שטייך־ און אייזן־געצייג און אויך קרוגן און טעפּ פון דעם מין און פאָרם, ווי די וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין דער קומראן חורבה, און אויך אַזעלכע וואָס האָבן באַהאַלטן די ערשטע מגילות אין הייל נומ. 1 (אַזעלכע כלים זיינען געפונען געוואָרן אין 25 היילן!), ס׳זיינען דערקענט געוואָרן סימנים פון ביידלעך לעבן אַ סך פון די היילן, און אין די נידעריקערע ערטער האָט מען געקאָנט דערקענען קינסטלעכע לעכער, אויסגעדלובעטע פון מענטשן, אין דער ווייכערער פלאַך פון דער ערד לעבן די וויסטע בערגלעך.

פון די שטיקלעך פּאַרמעט, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין עטלעכע

געציילטע היילן, האָט מען דערקענט פראַגמענטן פון חומש ויקרא (געשריבן אין אַלטן פעניקישן שריפט), פון חומש שמות, פון מגילת רות, פון ישעיהו, ירמיהו, און פון תהילים. טייל פון די שטיקלעך זיינען געשריבן אין אַראַמעאיש און אין גריכיש. ס׳איז אויך פאַראַן אַ פּאַפּירוס אין דער נבות׳עשער שפּראַך 4).



אַ בריוול פון שמעון בן כוסבה (בר כוכבא) צו זיינעם אַן אַרמיי־אָנפירער.

אין איין הייל, (3 Q), וואו ס׳איז גאָר קיין אַריינגאַנג ניט געווען, נאָר אַ געניט וואַכזאַם אויג פון אַ בעדואין האָט דערקענט אַ פאַרשאָטענעם אַריינגאַנג פון אַמאָל, האָט מען געפונען 2 צונויפגעוויקלטע קופּערנע מגילות, דורכגעפרעסן דורך און דורך מיט זשאַווער, און ס׳איז אוממעגלעך געווען זיי פאַנאַנדערוויקלען. ערשט אין פרילינג 1956, 4 יאָר נאָך זייער געפינס, איז דורך פאַרשיידענע קינסטלעכע מיטלען, געלונגען פאַנאַנדערנעמען די צוויי פאַרזשאַווערטע מגילות. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען צוויי

4) „נביות" איז געווען אַ סעמיטישער שבט וואָס האָט געלעבט אינעם דרום פון פּאַלעסטינע, אומגעפער אין דער געגנט פון אדום. אַ ביבל לעגענדע דערציילט אַז עשיו האָט חתונה געהאַט פאַר אַ פרוי פון שבט נביות וואָס האָט געשטאַמט פון ישמעאלן. (בראשית כח, 9). דער שבט האָט געלעבט ווי אַ טייל פון אדום דורך דער גאַנצער צייט פון די פערסישע און גריכישע עפּאָכעס, און איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די רוימער אינעם יאָר 106 אונ. צייט.

האַלבע פון 1 גאַנצער מגילה, און אַז פאַרשריבן זייִנען דאָרט צענדליקער באַ־האַלטענע ערטער (60 אינגאַנצן), וואו ס׳ליגן אוצרות מיט גאָלד און זילבער און אַנדערע טייערע זאַכן. די אוצרות קוקן אויס פאַנטאַסטיש. צוזאַמענגע־רעכנט פון אַלע 60 באַהעלטענישן, באַטרעפן דאָרט די אוצרות ניט ווייניקער ווי 200 טאָן גאָלד מיט זילבער, אַחוץ אַנדערע „קלייניקייטן" 5).

מ׳האָט זיך דערגרונטעוועט צו אַ פּאָר צווייפלהאַפטע באַהעלטענישן, אָבער מ׳האָט דאָרט גאָרניט געפונען. דער אינהאַלט פון דער קופּערנער מגילה, איז אַזוי אַרום געבליבן אַ סוד און אַ רעטעניש, און נאַטירלעך, אַ טעמע פאַר ספּעקולאַציעס און השערות. די שפּראַך פון דער מגילה איז אַ משנה הע־ברעאיש, ד. ה. העברעאיש געמישט מיט אַראַמעאיש.

אַ שטאַרקע היץ־כוואַליע אין יענע געגנטן און מאַלאַריע קראַנקהייטן האָבן סוף מערץ אָפּגעשטעלט די אונטערזוכונגען. די העכסטע ערטער און שפּאַלטן, וואו ס׳איז אַמשווערסטן געווען צוקומען, זיינען אונטערזוכט געוואָרן. אָפּטמאָל איז אויסגעקומען צו קריכן אויף לייטערס פון שטריק, און באַוויזן געוואַגטע אַקראָבאַטישע קונצן צו דערגרייכן די באַהעלטענישן. דער שכל און די לאָגיק פון אונדזערע וויסנשאַפטלער איז געווען, אַז זוכן דאַרף מען נאָר אין יענע ערטער וואו ס׳איז שווער צוקומען. די נידעריקע און די ערדישע קינסטלעכע היילן האָט מען כמעט איגנאָרירט. די צייט איז געווען קורץ, פאַנדן זיינען אויך ניט געווען צופיל, האָט מען די גרינגערע, די נידעריקערע לעכער און היילן ניט געהאַלטן פאַר גענוג וויכטיק, און מ׳האָט זיי אויסגע־לאָזן. ווען די אונטערזוכונגען האָבן זיך אָפיציעל געענדיקט, האָבן זיך אונ־דזערע טאַאַמירער נייע פאַכלייט אין דער קונסט פון אַרכעאָלאָגיע אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, און אַליין, אָן די געשוואָרענע וועגווייזער, אָנגעהויבן זוכן אין די נידעריקערע ערטער. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און די אַראַ־בער האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ הייל, גאָר נאָענט, אינגאַנצן אַ 600 פוס ווייט פון דער קומראַן חורבה, וואו ס׳איז אַנטדעקט געוואָרן דער גרעסטער אוצר מאַנוסקריפּטן פון די היילן אַרום ים המלח.

---

5) די נייעס פון די באַהאַלטענע אוצרות איז קיין סענסאַציע ניט געוואָרן. מיט אַ צוויי יאָר פריער נאָך, אין 1954, האָט ק. ג. קהון, איינער פון די געלערנטע וואָס האָבן שטודירט די מגילות, באַוויזן אַרויסלייענען אויסגעקריצטע אותיות פון דער לינקער זייט אין דער קופּערנער מגילה, און האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס מוז זיין אַ צעטל פון באַהאַלטענע אוצרות גאָלד מיט זילבער.

## ג. דער גרויסער אוצר מאַנוסקריפּטן אין הייל נומ. 4

דעם 18טן סעפּטעמבער 1952, האָט לאַנקעסטער האַרדינג געקראָגן אַ טעלעפאָן פון פּאַטער דע־וואָ, אַז מ'האָט אים פאַרגעשלאָגן קויפן גאָר אַ גרויסן פּאַק פראַגמענטן פון מאַנוסקריפּטן, וועלכע שטאַמען אויס פון זעלבן מין וואָס אַרום קירבעט קומראַן. דעם זעלבן טאָג איז האַרדינג צוגעפאָרן אַהין מיט 2 סאָלדאַטן, און פון דערוואַרטענס נאָך דערזען אַן אויפגעהויבענעם שטויב פון די בערגלעך, גאָר נאָענט פון דער אויסגעגראָבענער חורבה. ווען ער איז צוגעפאָרן, האָט ער באַלד דערזען די הייל פון וואַנען צענדליקער בעדואינער זיינען זיך צעלאָפן. נאָר 4 פאַסטעכער אַרכעאָלאָגן זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אין דער הייל, די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן, מיט זייערע געפינסן, פאַרשטייט זיך.

די הייל האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער גרעסטער אוצר פון מאַנוסקריפּטן וואָס איז ווען אַנטדעקט געוואָרן. מער ווי 400 מגילות זיינען דאָרט געווען באַהאַלטן. דעם גרעסטן טייל האָבן די בעדואינער פאַרכאַפּט. אַ קלענערער טייל איז נאָך געבליבן פאַר אונדזערע אַרכעאָלאָגן אויסצוגראָבן. צום גליק האָבן די פאַסטעכער ניט באַמערקט אַ טיפערע קלענערע הייל אינעווייניק, אונטער דער הייל וואָס זיי האָבן אויסגעגראָבן.

די שטיקער פאַרמעט, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די בעדואינער, זיינען מיט דער צייט פון זיי אָפּגעקויפט געוואָרן, פאַר גוט געלט, פאַרשטייט זיך. ווען די פאָנדן האָבן זיך אויסגעלאָזן, האָט די ירדן־מלוכה דערלויבט פרעמדע אינסטיטוציעס, ווי אוניווערסיטעטן, מוזעאומס אָדער דעם וואַטיקאַן, אָפּקויפן פראַגמענטן און זיי פאַראייגענען 6). דער איינציקער תנאי איז געווען, אַז די מאַנוסקריפּטן מוזן פריער פאַרבונדן ווערן מיט זייער קאָנטעקסט, און פאָטאָגראַפירט ווערן צוליבן וויטערן שטודיום 7).

די לעגיטימע אויסגראָבונגען פון דער הייל נומ. 4 האָבן געדויערט אַ וואָך צייט. (סוף סעפּט. 1952). ווי געזאָגט, זיינען פון דאָרט אויסגעגראָבן געוואָרן פראַגמענטן פון אַריבער 400 מגילות. צווישן זיי זיינען געווען אויך שטיקלעך פּאַרמעט און פּאַפּירוסן פון דער סעפּטואגינט (די גריכישע איבערזעצונג פון

---

6) אַלע מאַנוסקריפּטן, מיטן אויסנאַם פון די ערשטע 7 „גאַנצע" (וואָס זיינען אָפּגעקויפט געוואָרן פאַרן ירושלימער אוניווערסיטעט) זיינען געבליבן דאָס אייגנטום פון דער ירדן מלוכה, וויל די היילן געפינען זיך אויף איר טעריטאָריע.

7) די באַמערקונג וואָס דער רוסישער פּראָפעסאָר י. ד. אמוסין, מאַכט אין זיין בוך: „רוקאָפּיסי מיערטוואָוואָ מאָריאַ", אַז דער וואַטיקאַן זאָל האָבן אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף 50 מאַנוסקריפּטן, קוקט אויס צו זיין ניט באַגרינדעט.

דעם תנ״ך). ס׳זיינען דאָרט געווען פראַגמענטן פון תנ״ך־ספרים, געשריבן מיט גאָר אַן אַלטער שריפט. דאָרט זיינען געווען איבערבלייבעכצן פון תפילין, של ראש און של ידן, מיט פאַרשידענע פרשיות, אי פון „שמע" און אויך פון די „עשרת הדברות" 8). די מערסטע שטיקער פאַרמעט זיינען אָבער געווען מיט דער זעלבער שריפט, מיטן זעלבן אינהאַלט און פון זעלבן עלטער ווי די מגילות און פראַגמענטן וואָס זיינען שוין געווען באַקאַנט פון די פריערדיקע היילן.

דער סכום פון אַלע מאַנוסקריפּטן וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין די היילן אַרום ים המלח איז מער ווי 600. מער ווי 400 פון דעם סכום זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פון הייל נומ. 4. נאָר אַרום 10 פון אַלע 600 זיינען מער וויניקער גאַנצע. און פולע. פון די איבעריקע האָבן מיר נאָר פראַג־מענטן־שטיקער, שטיקלעך מיט ברעקלעך פאַרמעט (אַ קליינער טייל פון זיי זיינען געשריבן אויף פאַפּירוסן). אַלע זיינען שטאַרק צעשעדיקט פון ליגן אַזוי פיל הונדערטער יאָרן אין מדבר שטויב. אַ סך פון די פראַגמענטן זיינען צעפרעסן פון מייז און פון אַנדערע חיהלעך און אינזעקטן פון מדבר.

די פראַגמענטן פון הייל נומ. 4, וואָס זיינען שפּעטער אָפּגעקויפט גע־וואָרן פון די טאַאַמירע פאַסטעכער, זיינען ניט אין קיין ערגערן צושטאַנד ווי די וואָס זיינען פון די לעגיטימע אַרכעאָלאָגן אַליין אויסגעגראָבן געוואָרן פון אַ ווינקל וואָס די אַראַבער האָבן פאַרזען אין דער זעלבער הייל 9).

## ד. דאָס אויסזען פון די מגילות

צווישן אַלע, אַן ערך 400 מגילות, איז ניטאָ קיין איין גאַנצע זאַך. אַלץ איז שטיקער מיט שטיקלעך. איין מאַנוסקריפּט קאָן מען, אַז מ׳וויל, רעכענען פאַר אַ גאַנצן, כאָטש ס׳פעלט פון אים דער גרעסטער טייל. דאָס איז אַ קאָפּיע פון די צוויי ספרים, שמואל א׳ און שמואל ב׳ צוזאַמען. פון 57 קאָלומס, האָבן מיר קוים 17, אויך ניט קיין גאַנצע.

---

8) די עשרת הדברות אין די געפונענע תפילין זיינען געווען אַ גרויסע איבעראַשונג. פון דער משנה צייט אָן איז ניט געווען באַקאַנט, אַז די עשרת הדברות זאָלן אַמאָל געווען זיין אַ פרשה אין די תפילין.

9) בשעתן אויסגראָבן הייל נומ. 4, איז גאָר נאָענט דערביי אויך אַנטדעקט געוואָרן הייל נומ. 5. מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָבן בעדויאַנער אַנטדעקט דערביי נאָך אַ הייל, וואָס מיר רופן הייל נומ. 6. איןביידע היילן זיינען געווען פראַגמענטן פון מגילות, אי־בערבלייבעכצן פון מאַנוסקריפּטן.

בכלל האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט פראַגמענטן, גרעסערע און קלענערע שטיקלעך. דורך די הענט פון די געלערנטע וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די מגילות, זיינען דורכגעגאַנגען מער פון 50 טויזנט פראַגמענטן אַזעלכע. געווען צווישן זיי גאָר קליינע שטיקעלעך, מיט 1 אָדער 2 אותיות אויף זיי, ניט מער.

צווישן די פראַגמענטן פון הייל נומ. 4 זיינען, ווי ס'ווייזט אויס, פּאַראַן שטיקער וואָס קוקן אויס, ווי מיט גוואַלד צעריסענע. אַנדערע לענגערע שטי־קער פּאַרמעט זיינען צעפליקט באלכסון (אין דער קרום) און זיי האָבן אין דער קרום טיילן פון צוויי און מער קאָלומס. אַ סך פון די פּאַרמעטן וואָס זיינען ברוינער, ד. ה. מער פאַרפוילט, ווערן צוגעשטעלט און פּאַסן זיך צו, צו אַנדערע, בעסער איינגעהיטע, ניט קיין צו שטאַרק פאַרפוילטע שטיקער לע־דער, פון זעלבן קאָנטעקסט און פון דער זעלבער שריפט. דאָס קאָן מיינען אַז די באַזונדערע טיילן פון איין מאַנוסקריפּט, זיינען געלעגן באַגראָבן אין דער הייל באַזונדער.



הייל מונ. 4. 1 מאַן שטייט איבער דער עפענונג. רעכטס, אויף דער זעלבער פלאַך זעט מען הייל נומ. 5.

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז דער פאַקט, אַז אַ סך פראַגמענטן וואָס די לעגיטימע אַרכעאָלאָגן האָבן אויסגעגראָבן פון הייל נומ. 4, זיינען אינטעגראַלע טיילן פון די זעלבע מאַנוסקריפּטן וואָס די בעדואינער האָבן פאַרכאַפּט פון

דער זעלבער הייל, און וואָס זיינען שפּעטער פון זיי אָפּגעקויפט געוואָרן. מיר קאָנען אויך ניט פאַרגעסן אַז פון דער וויכטיקער הייל זיינען צו אונדז דער־גאַנגען נאָר שטיקלעך מיט ברעקלעך פון אַרום 400 מגילות!

פון די אַלע דערשיינונגען לאָזן זיך אויפבויען עטלעכע השערות:

א) אַז אין דער הייל זיינען לכתחילה אַריינגעלייגט געוואָרן ניט קיין גאַנצע מגילות, נאָר שטיקער מיט שטיקלעך;

ב) די אַלע מגילות זיינען באַהאַלטן געוואָרן אויף שנעל, ניט אין קיין טעפּ, נאָר אַריינגעוואָרפן אין אַ הייל גאָר נאָענט צו דער קומראַן געביידע. און —

ג) אַז זיי זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער הייל צעפּליקטע און צעפּלאָנטערטע, אָן שום אָרדענונג.

דערפון לאָזן זיך אויך אויפבויען השערות ווי אַזוי דער ישוב פון די איסיים אין דער מדבר איז פאַרניכטעט געוואָרן. מעגלעך, אַז ס'איז פאַר־געקומען אַ שלאַכט מיט די אַריינדרינגער, די לעצטע זיינען פון דאָרט צייט־ווייליק פאַרטריבן געוואָרן. די רוימער, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט דעם מאנאסטיר, האָבן שוין צעגראַמירט די ביבליאָטעק. די הייליקע שטיקער שריפטן זיינען צונויפגעקליבן און באַהאַלטן געוואָרן אין אַ הייל, גאָר נאָענט פון דער געביידע.

מעגלעך אויך, אַז איינער אָדער עטלעכע פון די אַנטלאָפענע (אָדער געראַטעוועטע) איסיים, האָבן זיך אין אַ צייט אַרום אומגעקערט צו זייער חרוב הויז, ווען די רוימער זיינען שוין דאָרט ניט געווען, זיי האָבן זאָרגפעליק צונויפגעקליבן די הייליקע שטיקלעך מיט ברעקלעך געשענדטע כתבים, און זיי געבראַכט צו קבורה אין אַ הייל דערביי.

אַזעלכע השערות לייגן זיך אויפן שכל, ווייל דער סוף פון ישוב פאַלט זיך צונויף, לויט אַ סך אַנדערע באַווייזן, מיט דער צייט ווען די רוימישע לעגיאָנען, אָנגעפירט פון טיטוס, האָבן חרוב געמאַכט די יידישע מלוכה. מיר מוזן אויך אַריינעמען אין חשבון, אַז דער מאָנאַסטיר איז פאַרברענט געוואָרן. יאָזעפוס פלאַוויוס לאָזט אונדז אויך וויסן, אַז די „עסענער", ווי ער רופט זיי, האָבן פון די רוימער געליטן שווערע פייניקונגען, און אַז זיי זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן מיט גרויס אַכזריות 10).

מיר ווייסן ניט, מיר האָבן ניט קיין אינפאָרמאַציע פון קיינע קוואַלן, וויפל פון זיי זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן, אָדער וויפל האָבן זיך געראַ־

---

10) „מלחמות", טייל 2, קאַפּיטל 8, פּאַראַגראַף 152.

טעווּעט. וואָס איז שייך דער ביבליאָטעק זייערער, לאָזט זיך טראַכטן, אַז אין דער הייל נומ. 4 זיינען באַהאַלטן געוואָרן ניט קיין גאַנצע מגילות, נאָר צעפּלאָנטערטע שטיקער פון די מגילות, און אָן אַ סדר. מיר קאָנען אויך אָנ־נעמען אויף זיכער, אַז נאָכן באַהאַלטן די ביבליאָטעק זייערע, גאַנצע מגילות אָדער צעריסענע שטיקער, האָבן זיי זיך מער צו דעם צענטער ניט אומגע־קערט. דער סוד פון די באַהעלטעניש איז געלעגן באַגראָבן אַ סך הונדער־טער יאָרן.

אין 1956 איז ניט ווייט פון קירבעט קומראַן, און פון הייל נומ. 1, אַנט־דעקט געוואָרן נאָך אַ הייל מיט אַ רייכן אוצר מאַנוסקריפּטן. די הייל ווערט פון די אַרכעאָלאָגן באַצייכנט מיטן נומער הייל נומ. 11. די צאָל מגילות פון דער הייל קאָן זיך פאַרגלייכן מיט דער צאָל מגילות פון הייל נומ. 1, און עטלעכע מאַנוסקריפּטן פון דער הייל זיינען מער ווייניקער גאַנצע. צווישן די לעצטע איז דאָ אַ גרויסער טייל פון חומש ויקרא, עטלעכע עמודים פונעם ספר: אַ גרויסער טייל פון בוך „דאָס נייע ירושלים״, איינער פון די פּסעווד־עפּי־גראַפן וואָס אין הייל נומ. 4 האָבן זיך פון אים געפונען פראַגמענטן פון עט־לעכע קאָפּיעס; דאָרט איז אויך דאָ דער גרעסטער טייל עמודים פון אַ ספר תהילים, און אַן אַראַמעאישע איבערזעצונג פון ספר איוב.

איידער מיר וועלן איבערגיין צום אינהאַלט פון די מגילות, איז נויטיק צו באַקענען זיך, כאָטש טיילווייז, מיטן טעכנישן אויסזען פון די פּאַרמעטן.

די מערסטע מאַנוסקריפּטן זיינען געשריבן אויף פּאַרמעט. פאַראַן צווישן זיי אויך אַ קליינע צאָל, וואָס זיינען געשריבן אויף פּאַפּירוסן. די פעלן פון וועלכע דער פּאַרמעט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן קומען פון שאָף און ציגן. ווי אַזוי און וואו דער פּאַרמעט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן איז ניט באַקאַנט. מעגלעך, אַז אינעם „הויז״, צווישן די אַנדערע געווערקשאַפטן איז אויך גע־ווען אַזאַ גאַרבאַרניע. די אַרכעאָלאָגן האָבן אינעם „הויז״ אַזאַ גאַרבאַרניע ניט געפונען. מעגלעך אַז דער פּאַרמעט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין עין־פעשכא, אַן אָאַזיס, ניט ווייט דערביי, און דאָרט איז פאַראַן (נאָך ביז היינט) אַ רייכער וואַסער־קוואַל, וואָס איז זייער נויטיק פאַר דעם אויסאַרבעטן פון פּאַרמעט. מעגלעך אויך, אַז מ׳האָט דעם פּאַרמעט געקויפט אין דערבייאיקע שטעט, אין ירושלים, בית לחם אָדער יריחו, אָדער גאָר אימפּאָרטירט פון מצרים.

די פּאַרמעטן זיינען מאַרקירט מיט אַ שאַרפער זאַך, און אין די מערסטע עמודים זעען זיך אָן גלייכע ליניעס. די אותיות הענגען געווייניטלעך אַראָפּ פון די ליניעס.

די טינט איז געמאַכט געוואָרן פון פלאַנצן. ווען אַנאַליזירט, ווייזט די טינט אַן ענלעכקייט צו אונדזער היינטיקער אינדיאַנער טינט („אינדיען־אינק״).

די איבערשרייבער (סופרים), האָבן קאָפּירט די מאַנוסקריפּטן אין דער געביידע, אין דעם סקריפּטאָריום, וואו ס'זיינען געשטאַנען לאַנגע און שמאָלע טישן, געמאַכט פון פּלאַסטער. אין דעם זעלבן צימער זיינען אויך געווען די כלים מיטן אויסגעטריקנטן טינט. די טינט־כלים זיינען געווען צווייערליי, פון ליים און פון בראָנז.

די מאַנוסקריפּטן זיינען קאָפּירט געוואָרן אויף פאַרשידענע אופנים. איג־דיווידועלע, ד. ה. איינער אַן איבערשרייבער האָט קאָפּירט פון אַן אַנדער קאָפּיע. דאָס איז דערקענט געוואָרן פון טעותן, ווי אַ דורכגעלאָזט וואָרט, אָדער שורה. ס'זיינען אויך דערקענט פאַלן ווען 2 אָדער מער איבערשרייבער האָבן נאָכגעפאָלגט אַ פאַרלייענער. דאָס איז אויך קאָנטיק פון טעותן און פון אונטערשיידן אין אויסלייגן אין פאַרשידענע קאָפּיעס.

פּאַלעאָגראַפּיע (פּאַלעאָגראַפּיש — אַ וויסנשאַפט וואָס שטודירט די על־טער פון פאַרשידענע שריפטן) שטאַמען די שריפטן פון אַרום דעם יאָר 250 פאַר אונ. צייט רעכ., ביז אַרום דעם יאָר 70 אונ. צייט. דאָס מיינט, אַז זיי דעקן אַ פעריאָד פון אַריבער 300 יאָר. פון גאָר פריען עלטער קוקן אויס צו זיין עטלעכע מאַנוסקריפּטן וואָס זיינען, ווי ס'ווייזט אויס, לכתחילה גע־בראַכט געוואָרן אַהער אינעם „הויז״ מיט דער ערשטער גרופּע חסידים, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט אין מדבר. די גרעסטע מערהייט פון די מאַנו־סקריפּטן שטאַמען פּאַלעאָגראַפיש פון אַרום דעם יאָר 100 פאַר אונ. צייט, ביזן יאָר ווען דאָס „הויז״ איז חרוב געוואָרן, ד. ה. ביזן יאָר 68 פאַר אונ. צייט.

די צוויי עלטסטע מאַנוסקריפּטן צווישן די מגילות זיינען צוויי תנ״ך ספרים:

1. פראַגמענטן פון אַ ספר „שמות״, וועלכן מיר באַצייכענען מיט “4 Q E x B”, און

2. פראַגמענטן פון אַ ספר שמואל (א׳ און ב׳ צוזאַמען) וואָס מיר באַ־צייכענען מיט “4 Q Sam B”.

ביידע ספרים זיינען פון אַרום דעם יאָר 250 פ. א. צ., און זיינען אין אַ סך פּרטים אַנדערש פון אונדזער מסורה־טעקסט.

## קאַפּיטל 4

# דער אינהאַלט פון די געפונענע מגילות

### א. תנ״ך ספרים

מער ווי אַ פערטל פון אַלע געפונענע מאַנוסקריפּטן, זיינען ביבלישע. ד. ה. אַזעלכע וואָס זיינען שפּעטער אַריין און געבליבן אַ טייל פונעם אָפּגע־שלאָסענעם תנ״ך. די פּאָפּולערסטע צווישן זיי זיינען די ביכער דברים, ישעיהו, תרי־עשר און תהילים, מער ווי 10 קאָפּיעס פון יעדן פון די דערמאָנטע ספרים, זיינען געפונען געוואָרן. פון ספר דברים זיינען פאַראַן 15 קאָפּיעס. פון ישעיהו — די זעלבע צאָל. די מגילת־אסתר פעלט אינגאַנצן, קיין איין פראַג־מענט פון דער מגילה איז אין ערגעץ ניט געפונען געוואָרן. דער ספר דניאל איז פאַרטראָטן מיט פראַגמענטן פון 3 קאָפּיעס. אַלע זיינען זיי געשריבן, ווי אין דעם מסורה טעקסט, האַלב אין העברעאיש און האַלב אין אַראַמעאיש. פּאַלעאָגראַפיש שטאַמט 1 קאָפּיע פון דניאל, פון אַרום דעם יאָר 100 פאַר אונ. צייט. דער אינהאַלט פונעם בוך דניאל, ווי באַוואוסט, „זאָגט אויס״, אַז ער איז פאַרפאַסט געוואָרן ניט פריער ווי אין יאָר 160 פאַר א. צ., אַזוי אַז מיר פאַרמאָגן דאָ אַ קאָפּיע פון אַ תנ״ך ספר, וואָס איז ניט מער ווי אַרום 50 אָדער 60 יאָר יינגער פונעם אָריגינאַל.

פונעם אַפּאָקאַליפּטיש עסכאַטאָלאָגישן אינהאַלט אינעם בוך „דניאל״, און ספּעציעל פונעם פאַקט וואָס ער צעגיסט זיך ניט אין לויב געזאַנגען צו די חשמונאים, לאָזט זיך אַרויסדרינגען די השערה, אַז זיין פאַרפאַסער האָט גע־קאָנט זיין איינער פון די חסידים, וואָס האָבן פונקט דאַן, אָדער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, זיך צעקריגט מיט די חשמונאים און אַוועק זיך באַזעצן אין דער מדבר.

די תורה, די 5 חומשים זיינען, ווי מ׳האָט געקאָנט דערוואַרטן, געווען זייער פּאָפּולער ביי דער סעקטע חסידים, איסיים. מיטן אויסנאַם פונעם אויס־לייג, זיינען אַלע טעקסטן פון דער תורה, אין די אַלטע פאַרמעטן, דורכאויס ענלעך צו דעם מסורה־טעקסט. ס׳זיינען אָבער פאַראַן עטלעכע אויסנאַמען.

אין אויסנאַם אַזאַ איז אַ קאַפּיע פון ספר שמות, (פון אַ טוצן קאַפּיעס איינע) די איז אין געוויסע פּרטים ענלעך צום טעקסט פון דער גריכישער איבער־זעצונג, דעם תרגום השבעים, און אין אַנדערע פּרטים, אַנדערש אפילו פון יענעם טעקסט אויך. למשל, דער ספר שמות פון דעם מסורה טעקסט, הייבט זיך אָן אַזוי: „דאָס זיינען די נעמען פון די בני ישראל וואָס זיינען געקומען קיין מצרים מיט יעקבן".

דער טעקסט פון געפונענעם מאַנוסקריפּט גיט צו: „אביהם" (זייער פאָטער), אַזוי ווי דער תרגום השבעים.

דער מסורה „שמות" רעכנט אויס יעקבס עלף זין. דער 12טער, יוסף, איז דאָך מיט אים ניט געקומען. ער איז דאָך געווען אין מצרים פון לאַנג. דער טעקסט פון דער געפונענער מגילה רעכנט אויס אַלע 12 זין, יוספן אַריינגערעכנט.

אין דעם מסורה טעקסט דערציילט זיך פון „שבעים נפש", (זיבעציק מענטשן) וואָס זיינען געקומען מיט יעקבן קיין מצרים. אין דער געפונענער מגילה, דערציילט זיך פון 75. די זעלבע 75 זיינען אויך דאָ אין דעם תרגום השבעים.

אַזוי איז אויך פאַראַן אַ קאַפּיע פון ספר במדבר, וואו דער טעקסט איז אַנדערש ווי אין דעם במדבר פון דער מסורה. געוויסע שטעלן זיינען ענלעך צום תרגום השבעים און אַנדערע זיינען אינגאַנצן אַנדערש, סיי פון דעם מסורה טעקסט, סיי פון דער סעפּטואגינט.

די גרויסע מערהייט תורה־מאַנוסקריפּטן זיינען אָבער דורכאויס ענלעך צו דעם טעקסט פון דער מסורה. דאָס ווייזט, אַז 50 אָדער 100 יאָר פאַר אונדזער צייט רעכענונג, איז די תורה ד. ה. די 5 חומשים, שוין געווען אָפּגעשלאָסן און אָן איינהייטלעכע רעדאַקציע איז שוין געווען אָנערקענט און אָנגענומען. נאָר איינצלנע „אויסגעשלאָסענע" און ניט קיין אָנערקענטע קאַפּיעס פון תורה מגילות האָבן זיך דאָ און דאָרט פאַרוואַלגערט.

פון די נביאים זיינען אַלע געווען זייער פּאָפּולער ביי דער מדבר סעקטע. סיי די דריי הויפּט נביאים, ישעיהו, ירמיהו און יחזקאל, סיי די 12 קלענערע, די תרי־עשר. פון ספר ישעיהו, ווי מיר ווייסן שוין פון פריער, געפינען זיך אינעם העבראַישן אוניווערסיטעט אין ירושלים 2 קאַפּיעס,ביידע זיינען געפונען געוואָרן אין דער ערשטער הייל. איינע פון זיי אַ גאַנצע, כמעט ניט אָנגערירט, די צווייטע אַ היפּש צעפאַלענע, און ס׳פעלן פון איר אַ סך שטיקער מיט שטיקלעך. אינטערעסאַנט איז, אַז דווקא די גאַנצע, די גוט פּרעזערווירטע, איז די עלטערע קאַפּיע.

ווען מיר פאַרגלייכן דעם טעקסט פון די תנ"ך מגילות מיטן מסורה טעקסט, טרעפן מיר אַ סך מער אָפּנויגן און אַנדערשקייטן אין די נביאים מאַנוסקריפּטן ווי אין די 5 חומשים, אין דער תורה.

פון די נביאים ראשונים, יהושע, שופטים, שמואל א' און ב' און מלכים א' און ב', זיינען געפונען געוואָרן קאַפּיטעס אין 4 היילן. אין ספר שמואל (דער פריער דערמאָנטער), האָט אין זיינע 17 קאָלומס (און פראַגמענטן פון כמעט אַלע 57) גאָר אַ סך ענלעכקייטן צו דער גריכישער איבערזעצונג פון תנ"ך. און אַזוי מיט די אַנדערע קאַפּיטעס פון די נביאים ראשונים. וואָס עלטער אַ קאַפּיטע, אַלץ מער אַנדערש איז זי פון דעם מסורה טעקסט.

פון די כתובים, דעם דריטן טייל פון תנ"ך, זיינען געפונען געוואָרן זייער אַ סך פראַגמענטן פון מאַנוסקריפּטן אין די מערסטע היילן, ספּעציעל אין די היילן 1, 4, און 11. פון הייל 4 אַליין זיינען פאַראַן פאַרגמענטן פון 10 תהלים קאַפּיטעס.

זייער אַ סך אַנדערשקייטן באַמערקן זיך אין די כתובים מאַנוסקריפּטן, מער ווי אין דער תורה אָדער אין די נביאים. די מערסטע אָפּנויגן און אַנדערשקייטן זיינען פאַראַן אינעם אויסלייג און אין פאַרגרייזטע ווערטער ביים איבערשרייבן. די מערסטע פאַרמעטן באַשטעטיקן אָבער דעם פאַקט, אַז פון די צייטן פון די חשמונאים אָן (פון יאָר 166 פ. א. צ. זיינען שוין זייער וויניק וויכטיקע ענדערונגען דערלאָזט געוואָרן אין תנ"ך. ס'האָבן נאָך אָבער אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, און ספּעציעל פאַר די חשמונאים, צירקולירט צווישן די יידן אַ סך פאַרעלטערטע קאַפּיטעס פון די הייליקע שריפטן, מיט פאַרשידענע נוסחאות.

די אונטערשידן פון דער סעפּטואַגינט מיטן תנ"ך דערקלערן זיך טאַקע מיט דעם, וואָס די איבערזעצונגען אויף גריכיש זיינען געמאַכט געוואָרן אַרום דער צווייטער העלפט פון 3טן י. ה. פאַר אונ. צייט רעכ. און דאַן האָבן נאָך צירקולירט צווישן די יידן אַ סך העברעאישע קאַפּיטעס, וואָס זיינען שפּעטער אָפּגעוואָרפן געוואָרן. יענע אַנדערע נוסחאות זיינען שפּעטער דערקלערט געוואָרן „פסול", און זיינען מיט דער צייט פאַרלאָרן און פאַרגעסן געוואָרן. דער תרגום השבעים איז געבליבן אומגעענדערט און איז אָפּגעהיט געוואָרן אין דער קריסטלעכער וועלט. ער איז דערפאַר אַזוי געבליבן, אַנדערש.

ביבל־קריטיקער האָבן זיך צוגעכאַפּט מיט גרויס נייגער צו די תנ"ך שריפטן צווישן די אַנטדעקטע מגילות, און געזוכט דערקלערונגען אויף די זייער פיל „ניט־דערקלערבאַרע" שטעלן אינעם מסורה־טעקסט. זייער אַ סך פון די „סודות" זיינען טאַקע אַנטפּלעקט געוואָרן דורך די אַלט־נייע טעקסטן.

ווי האָט זיך אויסגעדריקט דער רוסישער געלערנטער י׳ ד. אַמוסין: („רוקאָפּיסי מיאָרטוואָוואָ מאָריאַ״, זייט 260):

„די גאַנצע אַרבעט פון דער ביבל קריטיק די לעצטע 100 יאָר מוז איצט רעווידירט ווערן און מוז אָנגעהויבן ווערן פונסניי, אין ליכט פון די ניי־געפונענע מאַנוסקריפּטן״.

נאָר די ווירקונג פון די מגילות אויף דער ביבל־קריטיק, און דאָס עדות־זאָגן פון די אַלטע שריפטן אויף דעם אופן ווי אַזוי די באַזונדערע ביכער פון תנ״ך האָבן אויסגעזען אַרום 100 יאָר איידער זיי זיינען קאַנאָניזירט געוואָרן, דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך אַליין, זייער אַ וויכטיקע, און מיר קאָנען אין איר טיף ניט אַריינגיין.

## ב. אַפּאָקריפן און פּסעוודעפּיגראַפן

זייער אַ גרויסער טייל פון די מאַנוסקריפּטן, געפונענע אין די הייל אַרום ים־המלח, באַשטייען פון אַפּאָקריפן און פּסעוודעפּיגראַפן.

ס׳איז שוין לאַנג באַקאַנט, אַז אין דער צייט ווען ס׳איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דער תנ״ך, האָבן צווישן די יידן צירקולירט אַ סך אַנדערע ספרים, אויסער די וואָס זיינען שפּעטער אַריין אין די „כתבי הקדש״. מערסטע פון די „אַנדערע״ ספרים זיינען אויך געווען פון זעלבן מין, רעליגיעזע אָדער חכמה־ביכער (פון דעם מין, „חכמת בן סירא״), נאָר אַ סך פון די ביכער זיינען צוליב געוויסע אורזאַכן דערקלערט געוואָרן אומפּאַסיק פאַר די כתבי הקדש, און זיינען געוואָרן „ספרים־חיצונים״ (אויסגעבליבענע ביכער), אין גריכיש „אַפּאָקריפן״. אויסגעשלאָסענע פון קאַנאָן, זיינען די אויסגעבליבענע לסוף פאַרלאָרן און פאַרגעסן געוואָרן.

אַ סך פון די אַפּאָקריפן זיינען אָבער געווען איבערזעצט אויף גריכיש אָדער אַראַמעאיש, און פון זיי זיינען שפּעטער געמאַכט געוואָרן אַנדערע איבערזעצונגען, ווי לאַטייניש, עטיאָפּישע און אַנד., און דורך די איבערזעצונגען האָבן זיי זיך דערהאַלטן ביז היינט. אייניקע פון די אַפּאָקריפן זיינען גאָר צום אָנהייב פון קריסטנטום אַריינגענומען געוואָרן אין דעם עוואַנגעליום און אין דער קריסטלעכער ליטורגיע, ווייל זיי זיינען געווען אַ טייל פון דער סעפּטואַגינט. כאָטש שפּעטער זיינען זיי פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, ווייל זיי האָבן שוין צופיל באַטאָנט פרומע יידישקייט, און האָבן ניט געהאַט קיין ספּעציפיש קריסטלעך־רעליגיעזע ריר־פּונקטן. דאָס זיינען געווען חשמונאים א׳ און ב׳; חלום מרדכי; שושנה; יהודית; טוביה; דער בעל און די שלאַנג

(דראַגאָן, תנין); אגרת ירמיהו; מנשהס תפלה; דער דריטער און פערטער עזרא; בן סירא, און נאָך אַנדערע.

מיט אַרום 100 יאָר צוריק, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די מאָדערנע ביבל־קריטיק און געשיכטלעכער האָבן זיך גענומען פאָרשן דעם אָפשטאַם פון די אַפּאָקריפן, זיינען די מערסטע וויסנשאַפטלייט געווען מיט דער מיינונג, אַז דאָס רוב אַפּאָקריפן זיינען לכתחילה געשאַפן געוואָרן אין העברעאיש אָדער אין אַראַמעאיש, כאָטש אינגאַנצן זיכער איז מען אין דעם ניט געווען, ווייל ס'איז אין ערגעץ ניט געבליבן קיין סימן פון אַ העברעאישן אָדער אַראַמעאישן טעקסט. איצט האָבן מיר צווישן די צעפוילטע שטיקער פּאַרמעט, אויסגעגראָבענע פון די היילן אַרום דער קומראַן געביידע, צענד־ליקער און צענדליקער מגילות, אָדער ריכטיקער, פראַגמענטן פון מגילות, פון די מערסטע אַפּאָקריפן און פסעוודעפּיגראַפן אין די אָריגינעלע שפּראַכן, אין העברעאיש און אַראַמעאיש.

פראַגמענטן פון 4 קאָפּיעס פונעם ספר טוביה זיינען פאַראַן צווישן די שטיקער פּאַרמעט. דריי פון זיי אין אַראַמעאיש און איינע אין העברעאיש. אַ גענויער שטודיום פון די מאַנוסקריפּטן ווייזט, אַז אָריגינעל איז דאָס בוך גע־שאַפן געוואָרן אין אַראַמעאיש. פראַגמענטן פון חכמת בן סירא אין העברע־איש זיינען פאַראַן פון עטלעכע קאָפּיעס, און זיי זיינען אינגאַנצן ענלעך צום טעקסט פון בן־סירא (אויך אין העב.) וואָס דר. שעכטער האָט געפונען סוף לעצטן י. ה. אין דער קאַיראָ גניזה.

צווישן די אַנדערע באַקאַנטע אַפּאָקריפן וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין די היילן זיינען פאַראַן עטלעכע קאָפּיעס פון נחס געבורט, די תפילה פון מנשה, דער בריוו פון ברוך בן נריה, און נאָך אַ סך אַנדערע פון דעם מין. ס'זיינען אויך פאַראַן פראַגמענטן פון אגרת ירמיהו, נאָר זיי זיינען אין דער גריכישער שפּראַך.

ביז גאָר אינטערעסאַנט און וויכטיק איז דער פאַקט, וואָס צווישן די אַלע אַפּאָקריפן איז נישטאָ קיין איין פראַגמענט, קיין שום סימן ניט פון דעם סאַמע פּאָפּולערסטן פון צווישן די אַפּאָקריפן, דעם ספר חשמונאים. ווען מ'באַקענט זיך מיטן אינהאַלט פון די מגילות וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון די סעק־טאַנטן אַליין, פון די פרומע חסידים אָדער זייערע אָנפירער, איז קיין חידוש ניט, וואָס דאָס חשמונאים־בוך פעלט. פאַרקערט, ס'איז נאָך אַן איבעריקער באַווייז ווי שטאַרק צעריסן די פרומע חסידים זיינען געווען מיט די חשמונאים־אָנפירער פונעם לאַנד. עס קאָן גאָר קיין שום ספק ניט זיין, אַז ווען אונדזערע חסידים דערמאָנען מיט ציין־קריצעניש דעם כהן הרשע, און דעם „מאַן פון

ליגן״, מיינען זיי טאַקע די חשמונאים־הערשער, וואָס זיינען געווען סיי די ציווילע, סיי די פּריסטלעכע באַלעבאַטים פון לאַנד.

ס׳דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז צוזאַמען מיטן ספר החשמונאים, פעלט אין זייער ביבליאָטעק אויך דאָס בוך „יהודית״. ס׳איז, פאַרשטייט זיך, אויך ניט קיין צופאַל. דאָס בוך יהודית פעלט, אָן שום ספק, צוליב דער זעל־בער אורזאַך, וואָס ס׳פעלט דאָס בוך אסתר. אונדזערע פרומע חסידים האָבן די ביכער ניט אָנערקענט. זיי האָבן ניט געקאָנט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אַ ישועה אויף יידן זאָל קומען דורך אַ פרוי.

אַ גרויסן טייל פון די אַפּאָקריפן רופן מיר „פּסעווד־עפּיגראַפן״. די זיינען אויך אַפּאָקריפן, ד. ה. ספרים חיצונים, און זיינען ווי די אַנדערע אַפּאָקריפן אויך אויסבראַקירט געוואָרן פון דער רעדאַקציע וואָס האָט אָפּ־געשלאָסן דעם תנ״ך. מיר רופן זיי „פּסעווד־עפּיגראַפן״ ווייל זייערע פאַר־פאַסער האָבן זיך אונטערגעשריבן מיט נעמען באַקאַנטע פון די הייליקע שריפטן, אָדער פון דער מיטאָלאָגיע.

די מערסטע פּסעווד־עפּיגראַפן זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין דעם דריטן און צווייטן י. ה. פ. א. צ. ר., ווען די יידן זיינען געווען אונטער דער הערשאַפט פון די גריכן. קיין נייע נביאים זיינען שוין מער ניט אָנערקענט געוואָרן. ווען עמעצער האָט גענומען נביאות זאָגן, האָט מען אים געלאָזט וויסן, אַז ער איז אַ שווינדלער 1). ווען אַ מחבר האָט געוואָלט, אַז זיין אַ פאַרפאַסונג זאָל אָנערקענט ווערן, האָט ער זיינע ווערטער אַריינגעלייגט אין מויל פון אַן אָנערקענטן הייליקן, אַ פאַרצייטיקן נאָמען פון די הייליקע שריפטן, פון אַ נביא, אָדער פון אַן אַמאָליקן קעניג. ווען איינער האָט אויסגעגאָסן זיין האַרץ אין אַ תפילה צו גאָט, האָט ער אויף דעם אָנגעשריבן: מזמור לדוד (אַ געזאַנג צו (אָדער פון) דודן), געמיינט, פאַרשטייט זיך, דוד המלך. אַזאַ תפילה, אויב זי האָט נאָר געהאַט די ריכטיקע שפּראַך, די נויטיקע ליטע־ראַרישע וואָג און מאָס, און איז נאָך דערצו געווען גענוג רעליגיעז פאַרטיפט,

1) אין זכריה י״ג 5־2 איז פאַראַן אַ פיינע אילוסטראַציע ווי אַזוי מ׳גלויבט שוין מער ניט קיין נביא. זכריה י״ג, 3: (יהואש) „...און ס׳וועט זיין, אַז עמעצער וועט נאָך אַלץ נביאות זאָגן, וועלן זאָגן צו אים זיין פאָטער און זיין מוטער וואָס האָבן אים געבוירן: „טאָרסט ניט בלייבן לעבן, וואָרעם ליגן האָסטו געזאָגט אין נאָמען פון גאָט״...
...אין יענעם טאָג וועלן זיך די נביאים שעמען, איטלעכער מיט זיין זעאונג ווען ער וועט נביאות זאָגן. און זיי וועלן ניט אָנטאָן אַ האָריקן מאַנטל כדי צו אָפּנאַרן...
אין דער גמרא סנהדרין י״א א, זאָגט זיך, אַז — „...משמתו... ווען די לעצטע נביאים, חגי זכריה און מלאכי זיינען געשטאָרבן. דאַן איז פאַרשוואונדן געוואָרן דער גייסט פון דער נבואה ביי יידן״...

האָט שוין געהאַט אַ גוטע גע̇לעגנהייט אָנערקענט צו ווערן פון דער רעדאַקציע, און אַריינגענומען ווערן אין תהילים.

ווען ס׳ווערט דערציילט אין חומש בראשית (ה׳ 24), „ויתהלך חנוך את האלהים ואיננו כי לקח אותו אלהים״. (און חנוך איז געגאַנגען מיט גאָט און ניט געוואָרן, ווייל גאָט האָט אים צוגענומען) — וואוהין האָט ער אים גע־קאָנט צונעמען? — אַוודאי צו זיך אויפן הימל. האָט טאַקע איינער אַן אַנאָ־נימער פּאַרפאַסער מיט פאַנטאַזיע, אָנגעשריבן אַ גאַנצן בוך אין נאָמען פון דעם חנוך, אַ בוך פול מיט זעאונגען, וואָס זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן צו דעם צדיק. ווי ער, חנוך, שפּאַצירט אַרום אויפן הימל, אין דער באַגלייטונג פון גוטע מלאכים, און זיי ווייזן אים אַלע הימלישע סודות, אַלץ וואָס האָט געטראָפן אַלע צייטן פאַר אים, און וואָס וועט טרעפן נאָך אים.

אַזאַ אַנטפּלעקערישע ליטעראַטור איז דאַן קיין נייעס ניט געווען. אין תנ״ך זיינען שוין דאָ אַזעלכע „זעאונגען״ און „אַנטפּלעקונגען״. אַזאַ פריער נביא ווי יחזקאל האָט שוין אַ היפּש ביסל אַזעלכע אַנטפּלעקונגען. ביי אייניקע שפּעטערדיקע נביאים, ווי יואל און זכריה, איז דער אַפּאָקאַליפּס כמעט דאָ־מינירנדיק.

אַחוץ אַנטפּלעקטע זעאונגען און סודות, זיינען די פּסעווד־עפּיגראַפן פול מיט אַ צוגעזאָגטן משפּט איבער דער וועלט, מיט אַזאַ יום הדין, ווען אַלע, די גוטע און די שלעכטע וועלן באַלוינט ווערן לויט זייערע מעשים. דאָרט איז שוין אויך דאָ די אידייע פון אַ מיסטעריעזן משיח, איינעם מיט אי־בערנאַטירלעכע כוחות, אַזאַ מין שליח פון גאָט, וואָס וועט פירן און לערנען די מענטשן צו גיין אין גאָטס וועגן. דאָרט רעדט זיך שוין זייער אַ סך פון דעם „קץ״, פון דעם „באחרית הימים״ (דעם סוף פון די טעג), דער עסכאַטאָ־לאָגישער מאָטיוו איז גאָר אַ פּאָפּולערער אין די פּסעווד־עפּיגראַפן.

אויסער די פריער דערמאָנטע מאָטיוון, זיינען די ביכער פול אויך מיט עטישע פּרינציפּן. די אידייע פון „ואהבת לרעך כמך״ גייט דורך ווי אַ ריכט שנור דורך די מערסטע ביכער פון דעם מין. דערביי שפּראַצט אויך אויף די אידייע פון אוניווערסאַליזם. ניט נאָר דעם יידישן שכן דאַרף מען ליב האָבן, נאָר דעם ניט־יידישן אויך.

## ג. ח נ ו ך

פראַגמענטן פון זייער אַ סך פּסעווד־עפּיגראַפן זיינען דאָ צווישן די טויזנ־טער שטיקלעך פּאַרמעט. די באַקאַנטע פּסעווד־עפּיגראַפן זיינען פאַרטראָטן מיט מער ווי 10 קאָפּיעס יעדער. דער פריער דערמאָנטער בוך „חנוך״ איז

פאַרטראַטן מיט 12 קאַפּיטלס. ביז איצט האָבן מיר געקענט דאָס ווערק נאָר פון אַן עטיאָפּישער איבערזעצונג. ס׳זיינען אויך געווען טיילן פון דעם ספר אין גריכיש, געפונען צווישן עגיפּטישע פּאַפּירוסן, און ציטאַטן פון „חנוך" זיינען געבליבן אין זייער אַ סך אַלטע ביכער.

אין זיין עטיאָפּישער איבערזעצונג באַשטייט דער ספר חנוך פון 5 טיילן:

טייל 1. (פון קאַפּיטל 1 ביז קאַפּיטל 36) — אַ באַשרייבונג ווי אַזוי חנוך רייזט אַרום איבער די הימלען, געפירט פון מלאכים.

טייל 2. (פון קאַפּיטל 37 ביז 71) אַנטפּלעקונגען וועגן דעם „בן אדם" (אַ משיח־טיפּ) און אַ קלאָרע ענלעכקייט פון דעם „בן אָדם" צו יעזוסן. דער טייל איז לויט דער אָפּשאַצונג פון ערנסטע ביבל־קריטיקער, פאַרפאַסט געוואָרן פון אַן אַנדער מחבר, און איז זיכער אַ שפּעטערע, אַ קריסטלעכע אינטערפּאָלאַציע.

טייל 3. (פון קאַפּיטל 72 ביז 82) — אַ רעכענונג ווי אַזוי ס׳גלייכן זיך אויס די חדשים לויט דער זון און דער לבנה. (דאָס איז קענטיק אויך פאַרפאַסט געוואָרן פון אַ דריטן מחבר, לויטן ספר היובלים).

טייל 4. (פון קאַפּיטל 83 ביז 90) — חנוך דערציילט ווי ער זעט אין חלום די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן ביז די סאַמע לעצטע טעג פון דעם פאַרפאַסער (ד. ה. ביז אַרום דעם יאָר 100 פ.א.צ.ר.). די מענטשן און פעלקער זיינען סימבאָליזירט דורך חיות און בהמות, שאָף און ציגן, אָקסן און בעק, ווייסע און שוואַרצע חיות, און אַז. וו..

טייל 5. (פון קאַפּיטל 91 ביז 108, ביזן סוף פון בוך) — אַנטפּלעקונגען פון דער צוקונפט. דאָרט ווערט אויך צוגעגעבן חנוכס אַ לעקציע צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער ווי צו לעבן אויף דער וועלט מיט יושר און מיט גערעכטיקייט, און צום סוף פון בוך קומט אויך אַ באַשרייבונג פון נחס געבורט (נח איז געווען חנוכ׳ס אייניקל).

פון די 5 טיילן זיינען צווישן די פראַגמענטן פון די מגילות געפונען געוואָרן שטיקלעך נאָר פון ערשטן טייל — ווי חנוך רייזט אַרום די הימלען; פון דעם 4טן טייל — ווי חנוך זעט אין חלום די געשיכטע פון דער מענטשהייט, ביז די סאַמע לעצטע טעג; פון דריטן טייל זיינען פאַראַן אַ פּאָר פראַגמענטן וואו ס׳גלייכן זיך אויס די חדשים און די יאָרן, און פון 5טן טייל, פון די אַנטפּלעקונגען זיינען פאַראַן אַ פּאָר שטיקלעך נאָר פון איין קאַפּיטל. פון צווייטן טייל, דאָרט וואו ס׳רעדט זיך פון דעם „בן אדם" וואָס איז געראָטן אין יעזוסן, פון דעם טייל איז קיין סימן ניטאָ. דאָס איז נאָך אַ באַווייז, אויב

אַזאַ האָט זיך נאָך געגוויטיקט, אַז דער צווייטער טייל פון ספר חנוך, איז אַ שפּעטערע קריסטלעכע אינטערפּאָלאַציע.

## ד. ספר היובלים

אַ צווייטער בוך פון די פּסעווד־עפּיגראַפן, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער ביי דער סעקטע אין דער מדבר, איז געווען דער ספר היובלים.

פונעם יובלים־בוך זיינען געפונען געוואָרן פראַגמענטן פון מער ווי 10 קאָפּיעס, אַלע אין העברעאיש. דער ספר איז ווי ס׳קוקט אויס פאַרפאַסט געוואָרן פון איינעם פון די חסידים אין סוף 2טן י.ה. פאַר אונ. צייט. (מסתמא אין די יאָרן פון יוחנן הורקנוס. געהערשט אין יהודה פון יאָר 135 ביזן יאָר 105 פאַר אונ. צייט).

דער אינהאַלט פונעם יובלים־בוך איז אַ ביסל אַנדערש פון די אַנדערע פּסעווד־עפּיגראַפן, מיט דעם וואָס דער מחבר גיט זיך אָפּ אַ סך מיטן יידישן קאַלענדאַר. ער דערציילט איבער די מעשה בראשית, און באַווייזט לויט די דאַטעס פונעם מבול, אַז דאָס יאָר האָט געהאַט 364 טעג, מיט 10 טעג מער ווי דאָס יאָר ציילט זיך ביי יידן. דער ספר שטעלט איין דעם סדר פון דער וועלט לויט די יובלים. ער ציילט אָפּ 49 יאָר פאַר אַ יובל (7 שמיטות — אַ שמיטה איז 7 יאָר) און 49 יובלים פאַר אַ יובל פון יובלים.

לויט דעם ספר, דאַרף דאָס יאָר צעטיילט ווערן אויף 12 חדשים אָדער אויף 4 סעזאָנען, צו 3 חדשים אין אַ סעזאָן, וואָס דאַרף האָבן 91 טעג, 13 וואָכן. (364 = 91 × 4) יעדער סעזאָן דאַרף זיך אָנהייבן דעם זעלבן טאָג, און די דריי הויפּט יום־טובים, פּסח, שבועות און סוכות — אויך אינעם זעלבן טאָג, אַלע דעם 15טן פון חודש. פּסח און סוכות הויבן זיך טאַקע אָן דעם 15טן פון זייער חודש, דער יום־טוב שבועות דאַרף זיך אויך אָנהייבן דעם 15טן טאָג אין סיון, און ניט אין 6טן. אייניקע געלערנטע באַווייזן, אַז אַזאַ איינשטעלונג איז אויסגערעכנט אַז אַלע יום־טובים זאָלן זיך אָנהייבן אין אַ זונטיק, און אַנדערע — אַז אַלע יום־טובים זאָלן זיך אָנהייבן אין אַ מיטוואָך. דער עיקר, ווי די מערסטע געלערנטע שטימען איין, קוקט אויס לויטן ספר היובלים, אַז דאָס יאָר דאַרף מען ציילן לויט דער זון, און ניט לויט די לבנה־אומוואַנדלונגען, ווי ס׳איז אָנגענומען ביי יידן.

אינעם ספר היובלים זיינען אויך דאָ די נויטיקע מאָס אַנטפּלעקונגען, דער קאַמף פון די גוטע קעגן די שלעכטע גייסטער, ווי אויך דאָס אָנקומען פון גאָטס גערעכטן משפּט איבער דער וועלט.

דער ספר היובלים איז ציטירט אין אַ סך אַנדערע פּסעווד־עפּיגראַפן און

אין ביכער וואָס זיינען געווען אומבאַקאַנט ביזן געפינס פון די מגילות. ווי ס׳קוקט אויס, האָט מען צווישן די חסידים געהאַלטן דאָס ווערק פאַרן אויטאָ־ריטעט איבער די צייטן פון יאָר, און פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע אין דער געפונענער ביבליאָטעק.

די עטיאָפּישע איבערזעצונג וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען איז, ווי ס׳ווייזט אויס, געמאַכט געוואָרן פון אַ גריכישער איבערזעצונג פון בוך (דאָס דערקאָנט מען פון אַ גריכישן אידיאָם אין דער איבערזעצונג). אינטערעסאַנט איז, אַז אינעם בוך איז ניט קענטיק קיין קריסטלעכע אינטערפּאָלאַציע ווי אין די אַנדערע פּסעוודעפּיגראַפן. די עטיאָפּישע איבערזעצונג וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, שטימט כמעט דורכאויס מיט די העברעאישע טעקסטן פון די אַלטע, פאַר 2 טויזנט־יאָריקע מגילות.

## ה. צוואה פון די 12 פּאַטריאַרכן

איינער פון די וויכטיקסטע ביכער אין דער פּסעוודעפּיגראַפן ליטע־ראַטור, און אַ שטיק צייט אַפילו אַ טייל פון קריסטלעכן קאַנאָן, איז דער בוך: „די צוואה פון די 12 פּאַטריאַרכן״, די צוואות וואָס יעקבס 12 זין זאָלן געווען האָבן אָנגעזאָגט זייערע קינדער, זיי לערנען ווי זיך אויפצופירן. ביז די מגילות זיינען געפונען געוואָרן, האָבן מיר געוואוסט פון דעם בוך נאָר פון אַן אַלטן גריכישן טעקסט וואָס איז פאַרבליבן, און פון איין טייל פונעם בוך (פון די צוואות פון לוי און נפתלי), פון וועלכן עס זיינען געווען באַקאַנט קאָפּיעס אין העברעאיש, אָבער די זיינען געפונען געוואָרן ערשט צום סוף פון 19טן י. ה., אין אַ גניזה אין קאַירע, און זיינען געווען אין אַ סך פּרטים אַנדערש ווי דער אַלטער גריכישער טעקסט. געלערנטע זיינען געווען זיכער, אַז דער ספר, איז פּונקט ווי די אַנדערע פּסעוודעפּיגראַפן, פאַרפאַסט גע־וואָרן פון פרומע יידן, ניט לאַנג פאַרן קריסטנטום, און אַז קריסטן האָבן שפּע־טער צוגעשטעלט זייערע קריסטלעכע שטעלן, ווי אין אַ סך אַנדערע ביכער. ווען מ׳האָט גענומען אויסאָרטירן און שטודירן די טויזנטער פראַגמענטן פון די הייל, ספּעציעל די פון הייל נומ. 4, איז מען געווען זיכער, אַז צווישן די שטיקער פאַרמעט וועט מען אויך געפינען ניט איינע, נאָר אַ סך קאָפּיעס פון דעם וויכטיקן בוך. דאָ האָט מען זיך אָבער אָפּגענאַרט. קיין שטיקער פאַר־מעט פונעם בוך „די צוואה פון די 12 פּאַטריאַרכן״, האָט מען צווישן די מגילות ניט געפונען. וואָס מ׳האָט יאָ געפונען, איז טיילן פון דער צוואה פון לוי און פון נפתלי, ניט אַזעלכע ווי אין גריכישן טעקסט, נאָר גענוי די זעלבע

ווי די פון דער גניזה אין קאירא. ווי ס׳קוקט אויס, איז דער גאַנצער בוך, ווי ער איז דערגאַנגען צו אונדז, אין גריכיש, מיט די קריסטלעכע שטעלן, פאַרפאַסט געוואָרן פון איין מחבר, און די אַלטע צוואות פון לוי און נפתלי, האָט ער געניצט נאָר פאַר אַ באַזע פאַר זיין ספר. דער סטיל פון גאַנצן בוך איז דורכאויס דער זעלבער. די פאַראַגראַפן האָבן אַלע די זעלבע אָנהייבן, און די אויספירן זיינען אַלע אַפּאָקאַליפּטישע, מיטן טראָפּ אויף משיחן. די קריסט־לעכע שטעך זיינען שוין אַזוי בולט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז דער בוך איז אינגאַנצן פאַרפאַסט געוואָרן פון די ערשטע קריסטן.

## ז. אומבאַקאַנטע שריפטן

אַחוץ די מער באַקאַנטע אַפּאָקריפן און פסעווד־עפּיגראַפן, זיינען דאָ צווישן די מגילות אַ סך ווייניקער באַקאַנטע. פאַראַן צווישן זיי פראַגמענטן פון מגילות וואָס מיר רופן אָן „ירמיהו שריפטן״, געשריבן אונטערן נאָמען פונעם נביא אָדער פון זיין סעקרעטאַר ברוך בן נריה. דאָרט זיינען אויך פאַראַן קאַפּיטלעך תהילים פאַרפאַסט פון יהושע, און נאָך אַ סך אַנדערע.

צווישן די געפונענע מאַנוסקריפּטן זיינען פאַראַן פראַגמענטן פון עטלעכע קאַפּיטלעך פון אַזאַ מין „אַנטאָלאָגיע״, אַ קראַנץ אויפגעקליבענע ציטאַטן פון תנ״ך וואָס זאָגן אָן דעם באחרית הימים, דעם יום־המשפט, און דער עיקר, דאָס אָנקומען פון אַ משיח וואָס וועט רייניקן די ערד פון שלעכטס. זייער אַ סך ציטאַטן פון דער „אַנטאָלאָגיע״ זיינען שפּעטער אַריינגענומען גע־וואָרן אין נייעם טעסטאַמענט. מ׳קאָן זאָגן, אַ מערהייט פון זיי. די קריסטן האָבן זיך מיט זיי ברייט באַנוצט אין זייערע פּאָלעמיקעס מיט די יידן דורך די ערשטע יאָרהונדערטער פונעם קריסטנטום און דורכן גאַנצן מיטלאַלטער. דאָרט איז ציטירט דער פּסוק פון דברים, יח׳, 18: „נביא אָקים להם״... (אַ נביא וועל איך זיי אויפשטעלן פון צווישן זייערע ברידער, אַזאַ ווי דו, און איך וועל אַריינלייגן מיינע ווערטער אין זיין מויל, און ער וועט רעדן צו זיי אַלץ וואָס איך וועל אים באַפעלן). דאָס האָט גאָט גערעדט אַזוי צו משהן, און אין עוואַנגעליום (אַקטן 3) ווערט דער פּסוק געניצט ווי אַ באַשטעטיקונג, אַז גאָט האָט דאַן אינזינען געהאַט ישו הנוצרי, אַז ער וועט עס זיין דער משיח, וואָס גאָט וועט אים אַריינלייגן זיינע ווערטער אין מויל.

אין דער „אַנטאָלאָגיע״ איז אויך פאַראַן דער באַרימטער פּסוק פון בלעמס נביאות (במדבר כד׳ 17) „ודרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל״ (אַ שטערן וועט אויפטרעטן פון יעקב, און אַ סצעפּטער וועט אויפשטיין פון ישראל״).

די ציטאַטן מגילה, ברענגט אויך דעם פסוק פון שמואל ב׳ קאַפּיטל ז׳ 13־14: „הוא יבנה בית לשמי וכנתי את כסא מלכותו עד עולם... אני אהיה לו לאב והוא יהיה לי לבן...״ (ער וועט בויען אַ הויז צו מיין נאָמען, און איך וועל באַפעסטיקן דעם טראָן פון זיין מלוכה ביז אויף אייביק... איך וועל אים זיין אַ פאָטער און ער וועט מיר זיין אַ זון). דאָס זאָגט גאָט אַזוי צו נתן דעם נביא, ער זאָל דאָס איבערגעבן דעם קעניג דוד, אַז גאָט דערוואַרט פון אים ניט, ער, דוד, זאָל אים בויען אַ „הויז״, אַ בית המקדש. דאָס וועט טאָן אין זיין צייט זיין זון (שלמה), וואָס וועט קעניגן נאָך אים. דעם פסוק האָבן די ערשטע קריסטן געמאַכט פאַר אַ באַזע פון זייער גלויבן, און ער ווערט ציטירט אין בריוו, אָדער קול קורא צו די יידן 1, 5. דאָס זעלבע איז מיטן פסוק פון עמוס ט׳ 11, „... ביום ההוא אָקים את סוכת דוד הנופלת״ (אין יענעם טאָג וועל איך אויפשטעלן דאָס איינגעפאַלענעביידל פון דוד״) (דאָס איז ציטירט אין אַקטן 15, 16).

די און נאָך אַ סך אַזעלכע ציטאַטן זיינען שפּעטער אַריין אין נייעם טעסטאַמענט, ניט ווי צופעליקע באַמערקונגען, נאָר ווי גרונט באַווייזן, אַז דאָס האָט דער תנ״ך, דאָס האָבן די הייליקע נביאים עדות געזאָגט אויף ישו דעם משיח, און מיט זיין דערשיינען איז אַלץ אין תנ״ך פאַרווירקלעכט געוואָרן.

צווישן די אומבאַקאַנטע אַפּאָקריפן און פּסעווד־עפּיגראַפן זיינען פאַראַן פראַגמענטן פון פאַרשידענע ברכות און לויב געזאַנגען צו גאָט. פאַראַן דאָרט אַ „ספר הרזים״, אַ בוך מיט אַנטפּלעקטע סודות, וואָס זאָגט צו די גערעכטע, אַז — ווי פינצטערניש אַנטלויפט פון ליכט, אַזוי וועט אומגערעכטיקייט און שלעכטס אַנטלויפן פון גאָטס חסד וואָס וועט איינגיכן אָנקומען, און ווי די רשעים קאָנען עס ניט זען און פאַרשטיין. דאָרט זיינען דאָ פראַגמענטן אויף אַ מדרש פון משהס אַ ספר; און אַזעלכע טרייסט פסוקים וואו ס׳זיינען ציטירט דעם נביא ישעיהס באַרימטע פערזן, ווי „נחמו נחמו... (טרייסט, טרייסט מיין פאָלק, זאָגט אייער גאָט). און נאָך פון דעם מין.

אינטערעסאַנט איז אויך אַ תפילה פון דעם קעניג נבוכדנצר, דער בבלישער מלך וואָס האָט חרוב געמאַכט דעם (ערשטן) בית המקדש. לויט אַ יידישער לעגענדע, האָט גאָט אים זייער שווער באַשטראָפט. ער איז געשלאָגן געוואָרן מיט אַ שווערער קראַנקהייט, און האָט 7 יאָר פאַרבראַכט אויף אַן אינזל (אָדער אָאַזיס) „טעימא״. ער איז געווען אין גרויסע ווייטיקן. ווען גאָט האָט אים אויסגעהיילט, האָט נבוכדנצר פאַרפאַסט אַ תפילה צו גאָט. די תפילה איז אויך פאַראַן צווישן די מאַנוסקריפּטן.

אַ באַדייטנדער טייל פון די מגילות באַשטייט פון אַ ספּעציעלער כהנים־ליטעראַטור. פאַראַן דאָרט אַ ספר היוחסין, אַ יחוס צעטל פון כהנים־משפּחות און זייער אָפּשטאַם פון אַ סך דורות אויף צוריק, ביז צום כהן צדוק, דעם ערשטן כהן פון ערשטן בית־המקדש אין דער צייט פון שלמה המלך, און אַ נאָענטער מענטש ביי זיין טאַטן, ביי דעם קעניג דוד. דאָרט זיינען דאָ אַ סך קאַפּיטלעס פון די משמורות, אָנווייזונגען וועלכע כהנים משפּחות און ווען זיי דאַרפן טאָן זייער חלק דינסט אין דער עבודה פון בית־המקדש, וועלכע טעג, שבתים, ראש־חודשן אָדער יום־טובים.

צו דער כהנים־ליטעראַטור דאַרף מען אויך צורעכענען עטלעכע קאַ־פּיטלעס פון אַזאַ „חזיון", אַ וויזיע פון עמרמען, דעם פאָטער פון משה און אהרונען. פון הימל ווייזט מען עמרמ'ען די צוקונפט פון דער משפּחה כהנים, וואָס הייבט זיך אָן, ווי ס'איז באַוואוסט, פון זיין זון אהרון.

די אַלע אַפּאָקריפן און פּסעוודע־עפּיגראַפן, אַחוץ דעם וואָס זיי זיינען וויכטיק ווי די עלטסטע קאָפּיעס פון פאַרצייטיקע שריפטן, זיינען זיי אַ סך וויכטיקער נאָך מיט דעם, וואָס דורך זיי דערקענען מיר קלאָר דעם אידעאָלאָ־גישן צושטאַנד פון אַ יידישער סעקטע וואָס האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם ווייטערן גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע.



אַ פראַגמענט פון אַ מגילה.

## קאַפּיטל 5

# די אומבאַקאַנטע מגילות פון קומראַן

אַחוץ די אַפּאָקריפן און די תנ״ך ספרים, געפינען זיך צווישן די געפונענע מגילות נאָך אַנדערע ביכער, וועלכע זיינען, סיי אין אינהאַלט און סיי אין צאָל, אַ סך וויכטיקער ווי עדות פון דעם לעבן, געזעצן און מנהגים, און פון דער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט געהערשט ביי דער סעקטע פרומע חסידים, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין מדבר, ווייט פון זינדיקן לאַנד, פון די זינדיקע שטעט, כדי זיך ריי‏ניקן און זיך גרייטן אויפצונעמען „גאָטס טאָג״, וואָס דאַרף אָנקומען גאָר אינגיכן.

דאָס זיינען די אומבאַקאַנטע מגילות וועגן וועלכע מיר האָבן ביז איצט אינגאַנצן ניט געוואוסט, און וואָס זיינען אין צאָל, דער סאַמע גרעסטער טייל פון דער ביבליאָטעק. פון די ביכער דערוויסן מיר זיך, פאַרוואָס די חסידים זיינען אַוועק אין דער מדבר און וואָס זיי האָבן דאָרט דערוואַרט. מיר דערוויסן זיך וועגן די פיינטלעכע באַציאונגען צווישן זיי מיט די חשמונאים־הערשער אין לאַנד, מיט די כהנים, די פרושים און די סופרים, און ווי זיי זיינען געראָדפט געוואָרן פון די הערשנדיקע קרייזן אין יהודה.

אַ וויכטיקע גרופּע מגילות פון דעם טייל ביבליאָטעק באַשטייט פון ביכער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַזעלכע קאָנסטיטוציע־כללים פאַר זייער אָרגאַניזאַציע. דאָרט זיינען פאַראַן אַ סך רעגעלן ווי זיך אויפצופירן, סיי ווי אַ גרופּע אָדער ווי יחידים: ביים עסן, ביי די תפילות, ביי די עצות פונעם „יחד״ 1), ווי זיך האַלטן קערפּערלעך ריין דורך אָפטע טבילות, ווי צו לעבן געמיינזאַם און אָרנטלעך, און דער עיקר, ווי זיך האַלטן ריין פון זינד.

---

1) „יחד״ איז געווען איינער פון די אַמערסטן דערמאַנטע נעמען פון זייער אָרגאַניזאַציע. דער נאָמען איז געווען דער פּאָפּולערסטער ביי זיי. „יחד״ מיינט צוזאַמען. לויט זייערע געזעצן, און לויטן עדות זאָגן פון די אַלטע געשיכטע קוואַלן, האָבן זיי געלעבט געמיינזאַם, קאָמוניסטיש.

## א. דער „סרך היחד״

אזא בוך איז דער „סרך היחד״. ער איז געפונען געוואָרן פון די סאַמע ערשטע אין דער ערשטער הייל, איז מגולגל געוואָרן אין סירישן קלויסטער, און איז געווען איינער פון די 4 מגילות, וואָס פראָפ. ידין האָט אָפּגעקויפט ביים מעטראָפּאָליט אין ניו־יאָרק, און וואָס געפינט זיך איצט אין ירושלימער אוניווערסיטעט. אין הייל נומער 4 און אין אַנדערע היילן, זיינען שפּעטער געפונען געוואָרן פראַגמענטן פון נאָך אַ סך קאָפּיעס פון דעם בוך, וואָס זיינען עדות, אַז ער איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די סעקטאַנטן אין דער מדבר.

דעם נאָמען „סרך היחד״ האָט דאָס בוך געקראָגן פון די געלערנטע וואָס האָבן עס שטודירט. אויף דער מגילה איז קיין נאָמען ניט אָנגעגעבן, כאָטש דער מאַנוסקריפּט איז געבליבן מער־ווייניקער אַ גאַנצער, אין ניט קיין שלעכטן צושטאַנד.

דאָס בוך באַשטייט פון עטלעכע טיילן:

1. אַ תפילה צו גאָט ביים שליסן דעם נייעם בונד מיט אים.
2. אַ באַשרייבונג פון דעם דואַליסטישן קאַמף, צווישן גוטס און שלעכטס, וואָס איז אַזוי פּאָפּולער געווען ביי די סעקטאַנטן.
3. אַ טאַבעלע מיט רעגולאַציעס ווי זיך אויפפירן. דאָרט ווערט אויסגערעכנט אַ שטראָף־קאָדעקס קעגן די, וואָס ווילן ברעכן די רעגעלן.
4. דער לעצטער טייל באַשטייט פון אויסגערעכנטע צייטן (לויטן ספר היובלים), מיט נאָך אויפפיר־רעגעלן, געמישט מיט תפילות צו גאָט.

אַ צוגאָב, וואָס איז געפונען געוואָרן שפּעטער, איז לויט דער מיינונג פון אייניקע געלערנטע לכתחילה געווען אַ טייל פון דעם „סרך היחד״, און איז איצט אָפּגעדרוקט געוואָרן צוזאַמען מיט דער מגילה. דער טייל באַשטייט פון אַ מין שולחן ערוך ווי זיך אויפפירן לעתיד לבא, ד. ה. ווען „גאָטס טאָג״ וועט שוין האָבן אָנגעקומען, ווי ס׳וועט אויסקוקן די גרויסע הייליקע סעודה וואָס וועט געבענטשט ווערן פוןביידע משיחים, דעם ציווילן, וואָס שטאַמט פון דוד המלך, און דעם כהן המשיח, וואָס שטאַמט פון די בני אהרון.

ס׳זיינען דאָרט אויך פאַראַן ספּעציעלע ברכות — פאַרן כהן גדול, פאַר די אַנדערע כהנים, און פאַרן פאָלק.

צווישן געלערנטע זיינען פאַראַן השערות, אַז די מגילה איז פאַרפאַסט געוואָרן פונעם אָנפירער, דעם לערער פון דער סעקטע, ווי זיי רופן אים אָן — דער מורה צדק. ער ווערט דערמאָנט אין אַ סך אַנדערע (אומבאַקאַנטע) מגילות, נאָר ניט אינעם סרך היחד [2].

2) וועגן „מורה צדק״ זע ווייטער, קאַפּיטל 7.

## ב. מגילת ברית דמשק (מב"ד)

אַ צווייט אומבאַקאַנט בוך, אָדער פראַגמענטן פון עטלעכע קאָפּיעס פון אַ ספר, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ סך אָנזען, איז אַ מגילה וואָס מיר רופן — מגילת ברית דמשק. אַנדערע רופן אים, דער צדוקישער דאָקומענט. ווען מען האָט געפונען פראַגמענטן פון דעם בוך צווישן די אַנטדעקטע מגילות איז עס געווען אַן איבערראַשונג. ניט מיט זיין אינהאַלט האָט דער ספר איבערראַשט, ווייל דער ברית דמשק איז אויך אַזאַ מין שולחן ערוך מיט כללים ווי זיך אויפפירן, ווי דער „סרך היחד". די גרויסע איבערראַשונג איז געקומען פון זייער אַן אינטערעסאַנטער געשיכטע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם ספר.

אין יאָר 1896 האָט אַ באַקאַנטער יידישער געלערנטער, שלמה שעכטער, פּראָפעסאָר פון תלמוד אין קעמברידזש, ענגלאַנד, אַנטדעקט אין אַ קעלער פון אַן אַלטער, חרוב געוואָרענער קאַראַאימער שול אין קאַירא, מצרים, אַ גרויס געפינס פון אַלטע ספרים און שמות, עטלעכע טויזנט. די קאַראַאימער שול איז געהאַט געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 882 אונ. צייט, האָט עקזיסטירט עטלעכע הונדערט יאָר, און איז חרוב געוואָרן אין 13טן י. ה.. אין אַ קעלער פון דער שול האָט זיך אָנגעקליבן אַ גרויסע גניזה פון אַלטע, ניט מער נוצבאַרע ספרים און שמות. ס'איז ניט באַקאַנט צוליב וואָס און ווי אַזוי, נאָר דער קעלער אונטער דער חורבה איז געבליבן פאַרמויערט די אַלע הונדערטער יאָרן, ביזן סוף פון לעצטן י. ה., און ווען ער איז געעפנט געוואָרן אין 1896, האָט ער געשענקט דער וויסנשאַפטלעכער וועלט גאָר אַ גרויסן אוצר פון אַן אַלטער פאַרגעסענער ביבליאָטעק.

צווישן די פיל תנ"כן, גמראס, אַפּאָקריפן אויף העברעאיש (וואָס איז געווען אַ חידוש) און אַ מאַסע קאַראַאימער ביכער, זיינען אויך אַנטדעקט געוואָרן 2 קאָפּיעס פון אַן אומבאַקאַנטן ספר, געשריבן אויף פּאַפּירוסן. די שפּראַך איז העברעאיש, און פּאַלעאָגראַפיש שטאַמט די שריפט פון 10טן י. ה. דער אינהאַלט פונעם ספר, איז געווען אומבאַקאַנט.

דאָס בוך איז באַשטאַנען פון 2 באַזונדערע טיילן. אין דער ערשטער האַלב האָט זיך דערציילט, ווי גאָט האָט זיך דערבאַרעמט אויף זיין זינדיק פאָלק, זיי צוגעשיקט אַ מורה צדק, אַ לערער פון גערעכטיקייט, צו פירן זיי אין ריכטיקן וועג, און זיי אויסהיטן פון דעם כהן, דעם רשע, אָדער — דעם מאַן פון ליגן, וואָס וויל זיי אַראָפּפירן פון וועג. דער מחבר פונעם ספר צאָרנט שטאַרק אויף די כהנים, וואָס זיינען משיג גבול (שטופן אַרויס יענעם פון

חזקה), און ער דערציילט, ווי די אמתע פרומע, גאָטס דערוויילטע, האָבן זיך פאַרקליבן קיין דמשק, אַפּריכטן גלות, און ווי גאָט האָט מיט זיי געשלאָסן דאָרט אַ נייעם בונד, אַ ברית חדשה.

דער צווייטער טייל באַשטייט פון אַזאַ שולחן ערוך פאַר די „בחירי אל״, (די גאָטס דערוויילטע), אָדער ווי דער מחבר רופט זיי אויך „מחנות״ (לאַגערן), און דאָרט זיינען אָנגעוואָרפן אַ סך רעגעלן ווי זיך אויפצופירן.

עטלעכע מאָל ווערט אינעם ספר פאַרבונדן דער טערמין „בחירי אל״ (גאָטס דערוויילטע), מיט די „בני צדוק״ (די זין פון צדוק). אייניקע געלערנטע האָבן דערפאַר אָנגערופן דאָס בוך — ספר ברית דמשק (דאָס בוך פונעם בונד אין דמשק), און אַנדערע האָבן גערופן דאָס בוך — דער דאָקומענט פון די צדוקים.

ווען דר. שעכטער האָט דאָס בוך פאַרעפנטלעכט אין 1910, איז איבער דעם געשטאַנען אַ גרויסער פראַגע־צייכן. פּאַלעאָגראַפיש, ווי געזאָגט, איז דערקענט געוואָרן, אַז די שריפט שטאַמט פון אַרום 10טן י. ה., אָבער לויטן אינהאַלט, האָט דאָס בוך קיין שום שייכות ניט געהאַט צום 10טן י. ה., און ס'איז דערפאַר געבליבן אַ רעטעניש. געציילטע געלערנטע, ווי דער היסטאָריקער עד. מייער און אויך י. לעווי, און מיט זיי אויך דר. שעכטער, האָבן אויסגעדריקט אַ חשד, אַז דאָס בוך קאָן שטאַמען פון פאַר אונדזער צייט־רעכענונג.

באַלד ווי ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער „סרך היחד״, פון די ערשטע מגילות ביים ים המלח (זיי זיינען פאָטאָגראַפירט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פרילינג 1948), האָבן עטלעכע געלערנטע, דר. סוקעניק פון ירושלימער אוניווערסיטעט צווישן זיי, באַלד פאַרבונדן דעם אַלטן „ספר ברית דמשק״ מיט די מגילות פון קומראַן. ניט אַלע זיינען געווען איינשטימיק. גרויס איז געווען די איבערראַשונג, ווען אין 1952 זיינען פון דער הייל נומ׳ 4, (און אויך פון די היילן 5 און 6), אַרויסגעקומען פראַגמענטן און גאַנצע יריעות, ניט פון איינער, נאָר פון עטלעכע קאָפּיעס 3) פון דער זעלבער מגילה — דער דמשק דאָקומענט, דאָס מאָל פּאַלעאָגראַפיש שוין פון ערשטן י. ה. פאַר אונדז. צייט רעכ..

3) פראַגמענטן פון 7 באַזונדערע קאָפּיעס זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן נאָר פון הייל נומ. 4. און נאָך פראַגמענטן פון היילן נומ. 5 און 6. דער טעקסט פון די אַלע קאָפּיעס איז כמעט דער זעלבער ווי אין דעם מאַנוסקריפּט פון דער קאַיראָ־גניזה, אַחוץ אַ פּאָר פּאַראַגראַפן וואָס זיינען פאַראַן אין די מגילות פון ים המלח, און פעלן אין די קאָפּיעס פון דער קאַיראָ גניזה.

ווי־זשע קומט די מגילה אין דער קאַראַאימער שול פון 9טן י. ה.? — דאָס ווערט דערקלערט דורך אַ צווייטער, זייער אינטערעסאַנטער געשיכטע.

אַ דייטשער פּראָפעסאָר מיטן נאָמען אָטאָ אייספעלט, האָט אין 1949 אָפּגעדרוקט אַן אַלטן בריוו פון איינעם, אַ קריסטלעכן מעטראָפּאָליט אין סיריע, טימאָטיי. (געלעבט פון יאָר 726 ביז 819 אונדז. צייט). דעם בריוו האָט דער מעטראָפּאָליט געשריבן פון סעלעווקיע צו זיינעם אַן עלטסטן איבער דעם קלויסטער אין סיריע, און אים געבעטן אויספאָרשן אַ קלאַנג וועגן געפונענע מגילות אין אַ הייל אַרום יריחו, ניט ווייט פון ים המלח.

„עטלעכע יידן פון ירושלים, ניט לאַנג צוריק געשמדטע״, שרייבט ער, „זיינען דאָ דורכגעפאָרן און האָבן מיר דערציילט, אַז צוריק מיט אַ יאָר 10, איז אַ בעדואין, אַ יעגער, אַריינגעקראָכן אין איינער פון די היילן ניט ווייט פון ים המלח, אַרויסנעמען זיין הונט, וואָס איז אַהין אַריינגעפאַלן, און האָט דאָרט געפונען טעפּ מיט מגילות אויף העברעאיש. ער האָט געלאָזט וויסן אין ירושלים, און יידן זיינען אַהין אַוועק און אַרויסגענומען זייער אַ סך אַלטע פּאַרמעטן, ספרים פון תנ״ך און אַנדערע, ניט קיין באַקאַנטע ביכער, ווי אַ 200 נייע קאַפּיטלעך תהילים און נאָך אַ סך פאַרשידענע שריפטן. איינער פון די משומדים, אַ געלערנטער, האָט מיר דערציילט וועגן אַ סך תנ״ך־פּסוקים, וואָס זיינען ציטירט אין נייעם טעסטאַמענט און פעלן אינעם אַלטן, אָבער אין יענע באַגראָבענע אַלטע תנ״ך־מגילות, זיינען זיי יאָ דאָ. כ׳האָב אים געפרעגט, צי דער פּסוק: „ויקרא לו נוצרי״, וואָס איז ציטירט אין אונדזער נייעם טעסטאַמענט (מעטיו 2׳ 23), איז דאָ אין יענע אַלטע יידישע שריפטן, און ער האָט געזאָגט, אַז יאָ. כ׳האָב אויסגעפרעגט זיינע חברים אונטער זיינע אויגן, און זיי האָבן דאָס באַשטעטיקט. האָב איך געשריבן צום מעטראָפּאָליט אין דמשק און זיך געבעטן נאָכפאָרשן די זאַך, נאָר קיין ענטפער האָב איך ניט געקראָגן. דאָ האָב איך ניט קיינעם צו שיקן קיין ירושלים, דערקונדיקן זיך. ס׳ברענט אין מיר ווי אַ פייער אין האַרצן, און ברענט אויס דעם מאַרך פון מיינע ביינער״...

אין שייכות מיט דעם איז זייער אינטערעסאַנט צו דערוויסן זיך, אַז די קאַראַאימער האָבן אין זייערע פּאָלעמיקעס מיט די יידן אין יענער צייט (ס׳איז געבליבן אַ גרויסע ליטעראַטור פון זייערע פּאָלעמיקעס מיט די גאונים), זייער אָפט גענוצט די „כתת המערה״ (די סעקטע פון דער הייל), ווי אַן אויטאָריטעט אין זייערע אַרגומענטן קעגן די גאונים. דער באַקאַנטער קראַי קירקיסאַני רעכנט אויס אין אַ חיבור, געשריבן אין 937 אונ. צייט, די יידישע פּאַרטייען פון פאַרצייטן: „4 זיינען זיי געווען, די כתות (פּאַרטייען),

פאַרצייטן: א. די פרושים, ב. די צדוקים, ג. די כתת המערה (די כתה פון דער הייל) און ד. די קריסטן. די היילן־פאַרטיי רופט ער אַזוי אָן, דערקלערט ער, ווייל זייערע שריפטן זיינען געפונען געוואָרן אין אַ הייל. און נאָך, דערציילט קירקיסאַני אַז די כתה פון דער הייל האָט געהאַט אַן אַנדער קאַ־לענדאַר, און די יום־טובים האָט די הייל סעקטע געפייערט אין אַנדערע טעג, און אַז צווישן די ביכער זייערע זיינען פאַראַן מאָדנע פירושים אויף די הייליקע שריפטן.

עס הייבט אָן קלאָר ווערן, אַז דער געפינס פון מגילות אין אַ הייל לעבן דעם ים המלח, ערגעץ צום סוף פון 8טן י. ה., וואָס ווערט דערמאָנט אין דעם בריוו פון גלח טימאָטיי, איז אַריינגעפאַלן צו קאַראַאימער אין די הענט. אין ירושלים, און בכלל אינעם אָריענט, האָבן זיך דאָן געפונען גרויסע קאָלאָניעס קאַראַאימער. אַ קאָפּיע פון אונדזער ספר „ברית דמשק", איז אַזוי אַרום מגולגל געוואָרן אין דער שול פון קאַראַאימער, אין קאַירא, מצרים.

## ג. די „פשרים" אויף די הייליקע שריפטן

די „פשרים" אויף די תנ"ך ספרים, זיינען איינע פון די סאַמע וויכטיק־סטע און אינטערעסאַנטסטע ביכער אין דער קומראַן ביבליאָטעק. דאָס וואָרט „פשר" האָט, ווי פּראָפ. ידין באַמערקט 4), אַ באַזונדער מיין. ס'איז ניט גלאַט אַן אויסטייטשונג פונעם פסוק, ס'איז אַ מין פותר חלום זיין דעם פסוק, אַנטפלעקן זיין באַהאַלטענעם אינהאַלט און מיין.

ס'איז די מיינונג פון די מערסטע געלערנטע, אַז די פאַרפאַסער פון די „פשרים" זיינען געווען די אָנפירער פון דער סעקטע, אָדער — איינער אַן אָנפירער, ווי זיי רופן אים אין די שריפטן, דער מורה צדק. זיינע אויס־טייטשונגען זיינען דורכאויס אַפּאָקאַליפּטישע, ד. ה., דער מחבר „אַנטפּלעקט" אין די רייד פון אַ פאַרצייטיקן נביא, אָדער פון אַ ביבלישן בוך וואָס איז אַלט עטלעכע הונדערט יאָר, אַן אָנדייט אויף היינט, אויף איצט, אויף דער לאַגע פון יהודה צווישן די פעלקער היינט צו טאָג, אָדער אויף אים, דעם מורה צדק, וואָס איז גערודפט געוואָרן פון דעם כהן הרשע, און אויף דער סעקטע בחירי־אל, גאָטס דערווײלטע, זיינע נאָכפאָלגער.

די „אויסטייטשונגען" ווייזן זייער אַ סך היסטאָרישע אָנדייטונגען און קלאָרע סימנים פון דער צייט, ווען זיי זיינען פאַרפאַסט געוואָרן. זיי זיינען

---

4) יגאל ידין: „המגילות הגנוזות" תל־אביב, 1958. זייט 107).

טאַקע געבליבן אַ וויכטיקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן די מגילות, וועגן זייערע פאַרפאַסער און וועגן דער צייט, ווען זיי זיינען פאַרפאַסט אָדער קאָפּירט געוואָרן. אין ערגעץ, אין זייערע מגילות, זיינען ניט דערמאָנט קיין שום נעמען פון יענער צייט, אַחוץ אין די „פשרים". אין ערגעץ רעדט זיך ניט אַזוי קלאָר וועגן דער לאַגע פון דער סעקטע און אירע פּראָבלעמען, ווי אין די „פשרים".

איינער אַזאַ „פשר", וואָס האָט דערגרייכט צו אונדז אַ גאַנצער, מער וויניק, איז דער „פשר חבקוק", איינע פון די 4 מגילות וואָס זיינען געקויפט געוואָרן פונעם סירישן גלח פאַרן אוניווערסיטעט אין ירושלים. כאָטש ס׳זיינען פאַראַן כמעט אַלע קאָלומס פונעם ספר 5), איז די גאַנצע מגילה פון אונטן אַ ביסל אונטערגעפוילט אָדער צעפרעסן פון ווערים. פון די 17 אָדער 18 שורות וואָס דאַרפן זיין אין יעדן עמוד, זיינען פאַראַן אַן ערך 14 אָדער 15. 6).

דער „פשר"־שטעלט זיך אָפּ כמעט אויף יעדן פסוק און אויף יעדער פראַזע פונעם בוך. די 2 הויפּט פּראָבלעמען, מיט וועלכע דער פאַרפאַסער פאַרנעמט זיך, זיינען: א. די לאַגע אין לאַנד, און ב. די לאַגע פון דער סעקטע מיט איר אָנפירער, און די פאַרפאָלגונגען וואָס זיי שטייען זיך אויס מצד דעם כהן הרשע. יעדער פסוק פון דעם נביא חבקוק, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון גלות בבל, ד. ה. 400 אָדער 500 יאָר צוריק, און וואָס האָט נביאות געזאָגט אויף די בבלים, איז אויסגעטייטשט געוואָרן אויף די „כתים" פון היינט, און זייער אָנפאַל אויפן לאַנד פון די יידן 7). ער מאָלט זיי מיט זייער אומרחמנותדיקער גרויזאַמקייט צו די באַזיגטע און אונטערדריקטע פעלקער, צו יונג און אַלט, קליין און גרויס. צומערסטן „אַנטפּלעקן" די „פשרים" דעם סכסוך צווישן אים, דעם מורה צדק, מיט זיין שונא, דעם כהן הרשע.

---

5) אַ פּאָר קאָלומס פון אָנהייב ספר פעלן.
דער „פשר חבקוק" איז איינער פון די בייגעלייגטע מגילות, איבערזעצט אויף יידיש.
פון די דריי קאַפּיטלען אינעם ספר חבקוק, האָט דער „פשר" חבקוק, פשרים, אָדער „אַנטשיידונגען" נאָר פון די ערשטע צוויי. ביבל־קריטיקער האַלטן אַז דאָס איז ניט קיין צופאַל, אַז דער ספר חבקוק האָט לכתחילה מער ווי 2 קאַפּיטלען ניט געהאַט. דאָס דריטע קאַפּיטל, כאָטש אינעם זעלבן סטיל ווי די ערשטע צוויי, איז גאָר אַ תפילה אין חבקוקס נאָמען, און מעגלעך אַ שפּעטערע אינטערפּאָלאַציע.

6) פון דער 14טער אָדער 15טער שורה זיינען מערסטנס פאַראַן האַלבע אָדער שטיקלעך שורות.

7) וועגן דעם וועמען זיי האָבן געמיינט מיט די כתים, איז נאָך פאַראַן אַ חלוקי־דעות צווישן די געלערנטע. די מערהייט איז אָבער איינשטימיק, אַז דער ספר איז פאַרפאַסט געוואָרן אין דער רוימישער עפּאָכע, און מיט די „כתים" האָבן זיי זיכער געמיינט די רוימער.

ער, דער מורה צדק, איז פאַרשטייט זיך, געדעכט. גאָט איז אויף זיין זייט. מער נאָך, ער איז שיעור ניט גאָטס שליח. דאָס האָט גאָט אַליין אים גע־שענקט אַ מתנה — די הכמה אַריינצודרינגען אין די סודות פון די הייליקע שריפטן און זיי אַנטפּלעקן. ווען אין חבקוק ב׳ 2, זאָגט גאָט דעם נביא חבקוק: „...כתוב חזיון ובאר על הלוחות, למען ירוץ קורא בו...״ (פאַרשרייב די זעאונג און פאַרצייכן (זי) קלאָר אויף די טאָוולען, כדי מ׳זאָל גרינג קאָנען לייענען), פאַרטייטשט אונדזער פאַרפאַסער: „...פשרו״... (דאָס מיינט מען דעם מורה צדק, וואָס גאָט האָט אים מודיע געווען אַלע סודות אין די רייד פון זיינע קנעכט, די נביאים).

דאָס אויסטייטשן איז אָנגעגאַנגען מיט אַזאַ סיסטעם. דער מחבר האָט ציטירט אַ פסוק פון אַ נביא אָדער פון תהילים, אַמאָל פאַרדרייט ער די ווערטער, גיט זיי אַן אַנדער אויסזען און אַן אַנדער זין, כדי זיי זאָלן זיך בע־סער אַריינפּאַסן אין זיין „פשר״ (אויסטייטשונג) און זאָגט טאַקע באַלד: „פשרו״, דאָס האָט דער פסוק געמיינט, און דער פאַרפאַסער „פאַרטייטשט״.

דער מחבר האָט געגלויבט, אַז די געשעענישן פון היינט זיינען שוין פאַר־אויסגעזען אין די הייליקע שריפטן פון אַמאָל. ער איז געווען זיכער, אַז אין זיינע חשבונות מיטן כהן הרשע 8) זיינען די הייליקע נביאים פון אַמאָל אויף זיין זייט. האָט ער אַזוי אַנטפּלעקט, פאַרטייטשט און דערקלערט פסוק נאָך פסוק, און מיטן אויטאָריטעט פון די נביאים און די אַנדערע הייליקע שריפטן דערוויזן, אַז ער און זיינע נאָכפאָלגער זיינען די גערעכטע, און ווען גאָטס יום המשפט וועט קומען, וועלן זיי באַלוינט ווערן און ירשנען די וועלט מיט גוטס, און די רשעים וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן.

פאַר אונדז זיינען די פשרים, ווי געזאָגט, אַ רייכער קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן די געשעענישן פון יענער צייט. פון אַזאַ מין „טייטשן״ דערוויסן מיר זיך אַן איבעריקן מאָל, אַז ס׳איז געווען אַ בייז לעבן צווישן די פרומע סעקטאַנטן מיט די קעניגער חשמונאים, וואָס זיינען אויך געווען די אָנפירנדיקע כהנים אין לאַנד. פון איינעם אַזאַ „פשר״, (פון חבקוק ב׳, 16) דערקענען מיר זייער גרינג, אַז די פרומע חסידים האָבן נאָכגעפאָלגט אַן אַנדער מין קאַלענדאַר, און אַז זייער יום־כפור איז אויסגעפאַלן אין אַן אַנדער טאָג, ניט ווי ביי די יידן אין לאַנד 9).

---

8) מיט דעם „כהן הרשע״ האָט דער מחבר זיכער געמיינט איינעם פון די צוויי כהנים הערשער אין יהודה, יהונתן אָדער שמעון החשמונאי (זע קאַפּיטל 7).

9) „פשר חבקוק״ יא׳ 8־2)

דער מחבר ציטירט דעם פסוק חבקוק ב׳ 16: „הוי, משקה רעהו, מספח חמתך ואף

אַנדערע געשיכטלעכע פאַקטן, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט פון פלאַוויוס און פון אַנדערע היסטאָריקער פון יענער צייט, ווערן באַשטעטיקט פון די „פשרים" און פון זייערע אַנטפּלעקונגען. פונקט ווי פון ספר דניאל דערקענען מיר די צייט, ווען די באַזונדערע גריכישע מלוכות — סיריע און מצרים — האָבן זיך געשלאָגן פאַר דער איבערהערשאַפט אינעם נאָענטן מזרח, אַזוי דערקענען מיר פון דעם „פשר נחום" דעם אויפשטאַנד פון די פרושים קעגן דעם חשמונאַי הערשער, אַלעקסאַנדער ינאַי, אין יאָר 88 פ. אונ. צייט רעכ., אָדער דאָס אַרונטערפאַלן פון יהודה אונטער רוים אין 63 פאַר אונ. צייט רעכ. און אַז וו..

אַ פראַגמענט פון דעם „פשר נחום", איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון די טאאמירע פאַסטעכער אין 1955 און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1956. דאָס איז (דערווייל) די איינציקע מגילה, וואו ס'זיינען דערמאָנט באַקאַנטע נעמען פון יענער צייט. דאָרט איז דערמאָנט אַ דימיטריוס, וואָס האָט געזאָלט אַריינקומען קיין ירושלים אויף דער איינלאַדונג פון די „דורשי חלקות" 10), ווי די חסידים האָבן גערופן די פרושים. ס'איז אויך דערמאָנט דאָרט אַ קעניג אַנטיוכוס.

---

שכר, למען הביט על מעוריהם". יהואָש זעצט איבער: „ווי, דער וואָס טרינקט אָן זיין חבר, מישסט צו דיין גיפט און מאַכסט אויך שיכור, כדי צו קוקן אויף זייער נאַקעטקייט". דער מחבר פונעם „פשר" האָט זיך אַזוי באַגאַנגען מיט דעם פסוק. אַנשטאָט „חמתך" וואָס מיינט „דיין גיפט", אָדער „דיין צאָרן", שטעלט ער אַוועק „חמתו", וואָס מיינט „זיין צאָרן", און אַנשטאָט „מעוריהם", ווערט ביי אים מעודיהם", וואָס מיינט שוין: „כדי אַריינקוקן אין זייער יום־טוב אַריין.

די פאַרדרייטע ווערטער מאַכן, פאַרשטייט זיך, דעם פסוק זינלאָז. דאָס אָרט אָבער ניט אונדזער מחבר. ער נעמט זיך באַלד פאַרטייטשן דעם פסוק אויף זיין אופן, און ער טוט עס אָט אַזוי: „דאָס מיינט, אַז דער כהן דער רשע האָט גערודפט דעם מורה צדק, אים איינצושלינגען אין זיין גרימצאָרן, ביי אים אין זיין גלות היים, און צום סוף פון יום כפור, איז ער דערשינען ביי זיי, זיי איינשלינגען, און זיי שטרויכלען אין זייער פאַסט יום־טוב".

10) ישעיה ל' 10. „... די ווידערשפעניקע וואָס זאָגן צו די ...זעערס, זעט פאַר אונדז גענאַרערייען (דברו לנו חלקות), רעדט צו אונדז גלאַטע רייד...

די פרומע חסידים האָבן געזידלט די פרושים און זיי אָנגערופן (צענדליקער מאָל אין די מגילות) „דורשי חלקות". (די וואָס פשטלען זיך אויס גלאַטע וועגן"). אַז דאָס האָבן זיי אַזוי געזידלט די פרושים און ניט קיין אַנדערע, איז קלאָר טאַקע פון דער שטעל אין „פשר נחום", ווייל ס'איז באַוואוסט, אַז דער פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן ינאַי איז אָנגעפירט געוואָרן טאַקע פון די פרושים, און אַז זיי און ניט קיין אַנדערע האָבן איינגעלאַדן דעם סירישן פרינץ דימיטריוס צו הילף.

חוץ דעם פאַקט וואָס דימיטריוס האָט געזאָלט אַריין קיין ירושלים, וועגן וועלכן פלאַוויוס דערציילט אין זיינע געשיכטע־ביכער, ווערט אין דעם פשר נחום אויך דערמאָנט די שענדלעכע טאַט פון דעם חשמונאי קעניג, אַלעקסאַנדער ינאי, וואָס האָט געקרייציקט 800 פּרושים פון די וואָס האָבן זיך געבונטעוועט קעגן אים.

אַחוץ פון דעם „פשר נחום", קריגן מיר אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציע פון נאָך עטלעכע פראַגמענטן פון „פשר תהילים" קאַפּ. 37, וואָס זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1956. דאָרט זיינען ניטאָ קיין נעמען, אָבער מיר דערוויסן זיך דורך זיי אַ סך קלאָרער דעם גערדאַנקען־גאַנג, די אידעאָלאָגיע פון די פרומע חסידים, און פון זייערע פּראָבלעמען. דאָרטן ווערט אַפילו אָנגעגעבן אַ טערמין פון 40 יאָר וואָס דאַרף געדויערן ביז צום גליקלעכן סוף. ס'וועט דאַן ניט בלייבן קיין איין רשע אויף דער ערד. די רשעים וועלן זיך ענדיקן צוזאַמען מיט דער רשעות אויף דער וועלט. די אָרעמע, די „אביונים" (איינע פון די נעמען מיט וועלכע זיי האָבן זיך גערופן), אַלע די וואָס וועלן פייערן דעם פאַסט־טאָג (יום־כיפור), לויטן איינפיר ביי די חסידים, וועלן געראַטעוועט ווערן פון אַלע נעצן וואָס בליעל (דער סימבאָל פון רשעות) גרייט פאַר זיי אָן. אים, דעם מורה צדק, האָט גאָט אַליין באַשטימט און צוגעגרייט, ער זאָל אויפבויען, ד. ה. צוגרייטן פאַר גאָט זיין עדה, אַ גע־לייטערטע, און זיי, די אביונים וועלן ירשנען די ערד, און געניסן פון איר רייכטום. דאָרטן ווערן אויך, ווי אין אַנדערע פשרים, דערמאָנט די פאַר־פאָלגונגען אויפן מורה צדק, און אַז גאָט לייזט אים אַלע מאָל אויס פון זייערע הענט, און באַשטראָפט די רשעים.

אַחוץ וויכטיקע געשיכטע פאַקטן, און דעם אידעאָלאָגישן צושטאַנד פון דער סעקטע, וואָס איז בולטער אין די פשרים ווי אין די מערסטע שריפטן זייערע, באַקענען מיר זיך דורך די פשרים מיט נאָך זייער אַ וויכטיקער דערשיינונג — מיט דער „טראַדיציע" פון ציטירן פסוקים. פון דעם פאַר־דרייען און איבעראַנדערשן אַ פסוק, דערזעען מיר די פרייע באַציאונג צום פסוק, דאָס דערלויבן זיך פאַרדרייען און איבערקערן די ווערטער פון די סאַמע אויטאָריטעטע קוואַלן, די תורה און די נביאים.

שוין נאָכן אָפּשליסן דעם תנ"ך האָבן די חכמי התלמוד זייער אַ סך מאָל זיך באַנוצט מיטן „...אל תקרא... אלא..." וואָס מיינט, לייען ניט דאָס וואָרט אַזוי, לייען עס אַנדערש. אַ פאָר הונדערט יאָר פאַרן אָפּשליסן דעם תנ"ך, ווען סופרים אין באַזונדערע צעטערן האָבן איבערגעשריבן פאַרשיידענע קאָפּיעס, אָן אַ באַשטימטן קאַנאָן, האָבן זיך באַוויזן אַ סך אַנדערע נוסחאות פון אַ ספר.

אַחוץ אַלערליי גרייזן. פאַרשידענע סופרים האָבן זיך געקאָנט פילן פריי צו טאָן מיט אַ פסוק ווי זייער האַרץ גלוסט. דאָס דערקלערט אויך ווי די מחברים פון נייעם טעסטאַמענט, 100 אָדער מער יאָרן שפּעטער, און אַנדערע פון זיי, מעגלעך אַפשטאַמיקע פון קומראַן אָדער אַנדערע חסידים־גרופּן, האָבן אַפטמאָל פון אויסנווייניק, און אַ סך מאָל באַוואוסטזיניק „ציטירט" די אַלטע הייליקע שריפטן ווי ס'האָט זיך זיי פאַרגלוסט. פון די „פּשרים" איז קענטיק, אַז ס'איז געווען אַ טראַדיציע אַזאַ 11).

## ד. דער מדרש אויף „בראשית"

פון די 4 מגילות וואָס י. ידין האָט אָפּגעקויפטביים מעטראָפּאָליט סאַמועל, אין 1954, איז געווען איינע אַ שטאַרק צעפוילטע און צוזאַמענגעקלעפּטע. דער גלח האָט זי ניט געלאָזט עפענען, ער איז באַשטאַנען, אַז איר אינהאַלט מוז בלייבן פאַרבאָרגן ביז זי וועט אָפּגעקויפט ווערן צוזאַמען מיט די אַנדערע דריי מגילות. די אַנדערע דריי מגילות זיינען שוין פון לאַנג געווען פאָטאָגראַפירט, (זינט פרילינג 1948) און דער מעטראָפּאָליט האָט געטראַכט, אַז דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס ער קריגט ניט קיין סוחר אויף זיין סחורה. זייער אינהאַלט איז מער שוין קיין סוד ניט געווען.

אַ קליין שטיקל פון דעם צעפוילטן און צעטריקנטן פאַרמעט, איז ביים פאָרען זיך מיט דער מגילה, אָפּגעפאַלן. איינער פון די געלערנטע האָט פון דעם פראַגמענט אַרויסגעלייענט די נעמען „למך" און "בת־אנוש", דער נאָמען פון למכס פרוי. אין אַלט קריסטלעכע קוואַלן, אין גריכיש, ווערט דערמאָנט אַ ספר למך פון פאַרצייטן, וואָס איז מיט די יאָרן פאַרלאָרן און פאַרגעסן געוואָרן. געלערנטע האָבן געמיינט, אַז די מגילה איז דאָס דער פאַרלאָרענער ספר „למך", האָט מען דעם פאַרמעט טאַקע אַזוי אַ נאָמען געגעבן: „מגילת למך". דער צושטאַנד פונעם פאַרמעט איז געווען אַזאַ, אַז נאָכן אָפּקויפן

11) עס דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז די גאַרע אידייע פון אַ קאַנאָן, פון אַן אָפּגעשלאָסענעם טעקסט פון די הייליקע שריפטן, איז אַ שפּעטערע, און האָט זיך פאַרשטאַרקט אין דער צייט ווען די אַנדערע נוסחאות אין די פאַרשיידענע טעקסטן זיינען עקשנותדיק פאַרטיידיקט געוואָרן פון די ערשטע קריסטן, די „מינים", וואָס האָבן געפעלשט אינעם גלויבן פון די אָבות. ערשט דאַן איז אַנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז עס טאָר ניט געענדערט ווערן קיין אות אין די הייליקע שריפטן. פאַר דער צייט אָבער, זיינען ענדערונגען אין אַ טעקסט געמאַכט געוואָרן אָן אַ שום שולד געפיל ביים סופר. דער איבערשרייבער האָט ער געקאָנט טאָן אין ג'טן מוט, און אַפילו געקאָנט מיינען אַז ער בעסערט אויס אַ שטעל וואו ס'איז פאַראַן אַ ניט־קלאָרקייט.

אים אין 1954, האָט געגומען לאַנגע חדשים, ביז ס׳זיינען פאַנאַנדערגעעפנט געוואָרן קוים עטלעכע טיילן פון דער מגילה — פון די מיטלסטע און די לעצטע טיילן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז ניט דער ספר למך נאָר אַ מדרש, וואָס דערציילט איבער מיט אַ סך דעטאַלן געוויסע שטעלן פון חומש בראשית. אַזוי ווערט דאָרט דערציילט אין דעטאַל, פאַרוואָס אברהם האָט געבעטן זיין ווייב שרה, זי זאָל ניט אויסזאָגן, אַז ער איז איר מאַן, ווען זיי קומען אָן קיין מצרים. אים, אברהמען, איז אין אַ חלום אַנטדעקט געוואָרן אַז מ׳וועט אים הרגענען, און מ׳וועט צונעמען זיין שיין ווייב אין דעם קעניגס הויף. שרהס שיינקייט ווערט אויסגעמאָלן מיט זייער אַ סך איינצלהייטן: „וואָס פאַר אַ שיין פנים זי האָט, וואָס פאַר אַ דינע האָר. וואָס פאַר אַ שיינע אויגן און נאָז, און דער גאַנצער שיין פון איר פנים, וואָס פאַר אַ שיינע בריסטן זי האָט, און ווי ס׳פּאַסט איר די ווייסקייט פון איר לייב. אירע אָרעמס זיינען אַזעלכע שיין־געפורעמטע. ווי פּראַכטפול און ווי פּערפעקט זיינען אירע פיס. פון אַלע מיידלעך און כלות אונטער דער חופה איז ניטאָ קיין שענערע פון איר, יאָ, זי איז שענער פון אַלע פרויען, און חוץ איר שיינקייט, איז זי אויך אַ חכמה״.

אָט אַזוי פּרטימדיק ווערט אין דער מגילה אויך דערציילט ווי גאָט האָט געהייסן אברהמען אַרומגיין איבערן לאַנד וואָס ער וועט אים שענקען, אים און זיינע קינדער, ער זאָל אַרומגיין דאָס לאַנד „לאָרכה ולרחבה״ (אין דער לענג און ברייט), און דער מחבר רעכנט אויס דערביי יעדע געגנט אין לאַנד, יעדע שטאָט און יעדן ישוב מיטן נאָמען.

י. ידין באַמערקט, אַז ווען אין חומש בראשית הייסט גאָט אַברהמען אַרויפגיין אויפן באַרג, פונעם אָרט וואו ער שטייט, ד. ה. אין בית־אל, און זען דאָס לאַנד וואָס ער וועט אים שענקען, זאָגט דאָרט דער מחבר: „...גיי אַרויף אויף רמת חצור, לינקס פון בית־אל, און קוק פון דאָרטן אַראָפּצו און זע...״ ווי ס׳קוקט אויס האָט דער פאַרפאַסער געקענט די טאָפּאָגראַפיע פונעם געגנט, און געוואוסט, אַז דער באַרג, 8 מייל צפון־מזרח פון בית־אל, איז דער העכסטער אין געגנט, אַרום 1000 פוס הויך, און מ׳קאָן פון זיין שפּיץ זען יענע ווייטקייטן וואָס ווערן אויסגערעכנט אינעם מדרש. אַזוי ווערן טאַקע אין דער מגילה דערקלערט אַ סך פאַרצייטיקע נעמען פון געגנטן און שטעט, נעמען וואָס ווערן דערמאָנט אין בראשית און אין יהושע, און זיינען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן.

אַ סך פון די מעשיות אין דעם מדרש, חזרן זיך איבער אין אַנדערע מאַנוסקריפּטן פון דער קומראַן ביבליאָטעק. — אין בוך „חנוך״, אין ספר

היובלים און אַנדערע. אַפילו „פיקאַנטע" מעשיות, ווי למשל די מעשה פון נחס געבורט, ווי למך, נחס טאַטע, האָט ניט געגלויבט זיין ווייב, בת־אנוש, אַז נח איז זיין קינד, ווערט אויך מיט אַ סך דעטאַלן דערציילט אינעם מדרש אויף בראשית.

די שפּראַך פון דער מגילה איז אַראַמעאיש. דאָס איז געווען די גערעדטע שפּראַך ביי די יידן אין לאַנד די לעצטע פּאָר הונדערט יאָר פאַרן חורבן. דער ליטעראַרישער זשאַנער פון דעם מדרש איז אויך זייער אַן אינטערע־סאַנטער. אַ סך אַזעלכע מדרשים זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער צייט (אַרום אָנהייב פון אונדזער צייט רעכענונג), און אַ ביסל שפּעטער נאָך, און זיינען נאָכדעם פאַראייביקט געוואָרן אינעם תלמוד אונטערן נאָמען: „אגדתא".

פראַגמענטן פון עטלעכע קאָפּיעס פון זעלבן בוך זיינען שפּעטער געפונען געוואָרן אין הייל נומ. 4 און אין אַנדערע הייל.



פון אַזעלכע שטיקער פּלאַסטער זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן די טישן אין סקריפּטאָריום.

## ה. די „מלחמה" פון די בני אור (קינדער פון ליכט)

איינע פון די זיבן מגילות, וואָס געפינט זיך אינעם רשות פון העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, איז דאָס בוך „די מלחמה פון די בני אור קעגן די בני חושך" (קינדער פון פינצטערניש). דאָס איז איינע פון די דריי פאַר־מעטן, וואָס פראָפ. סוקעניק האָט נאָך אָפּגעקויפט פון אַראַבער אין האַרבסט, 1947. דעם נאָמען „מלחמה מגילה" האָט איר טאַקע סוקעניק געגעבן, דערפאַר ווייל די מגילה פאַרנעמט זיך מיט אָרגאַניזירן און צוגרייטן די בני אור,

די גאָטס דערוויילטע, צו דער גרויסער ענדגילטיקער מלחמה קעגן די בני חושך, די קינדער פון פינצטערניש, די רשעים, וואָס ווערן אָנגעפירט פון בליעל.

די אידייע פון אַקטיוון קאַמף פאַר גאָטס נאָמען, פון — אַליין זיך נעמען צו דער שווערד, אויסקעמפן די מלחמת ה׳ (גאָטס קאַמף), איז שוין דאָן ניט געווען קיין נייע ביי אונדזערע פרומע חסידים. יענע אַלטע פילאָזאָפיע, פון „...בא בחדריך, סגור דלתיך בעדיך, חבי כמעט רגע... עד יעבר זעם, כי ה׳ יוצא ממקומו״ (ישעיה כ״ו, 20) פאַרשליס די טיר הינטער זיך, וואַרט אַ ווייל איבער דעם צאָרן, וואָרעם זע, גאָט גייט אַרויס פון זיין אָרט...), די אידייע אַז „...ויצא ה׳ ונלחם בגוים ההם...״ 12) און גאָט וועט אַרויסגיין און מלחמה האַלטן מיט יענע פעלקער), די אידייע אַז גאָט אַליין וועט עס טאָן, גאָטס מלחמות זיינען זיינע, זיין קאַמף וועט ער אַליין פירן, יענע אידייען וואָס זיינען אַזוי פאַרשפּרייט אינעם תנ״ך, האָבן זיך שוין היפּש אויסגעוועפּט אין דער צייט, ווען די חסידים האָבן געלעבט אין קומראַן. מיר פאַרגעסן ניט, אַז אָט די פרומע חסידים פון מדבר יהודה, די וואָס האָבן פאַרפאַסט אָדער אָנגענומען אַזאַ מגילה, זיינען אַליין געווען אָפּשטאַמיקע פון יענע חסידים, וואָס זיינען צוגעשטאַנען, זאָל זיין פאַר אַ ווייל נאָר, צו יהודה המכבי אין זיין קאַמף קעגן אַנטיוכוסן. אין זייער צייט האָבן זיי שוין געזען, געפילט, און אַוודאי אויף זייערע אייגענע פלייצעס איבערגעטראָגן דעם שווערן יאָך פון די פרעמדע באַצווינגער. אין דער צייט, ווען די מגילה איז פאַרפאַסט געוואָרן, און די מערסטע געלערנטע זיינען מיט דער מיינונג, אַז דאָס בוך איז פאַרפאַסט געוואָרן בשעת די יידן האָבן געליטן אונטער רוים, איז שוין די טראַדיציע, דאָס געדעכעניש פון אַ פאָלקס אויפשטאַנד קעגן באַצווינגער אויפן זעלבן אופן ווי די חשמונאים האָבן עס געטאָן, געווען אַ געגאַרטער טרוים, אַ באַגער אין פאָלק, און ס׳האָט געמוזט ווירקן אויף די חסידים אויך. זיי זיינען געווען עקסעגעטיקער, (זיי האָבן אַלץ אַרויסגעדרונגען פון דער תורה), האָבן זיי ניט געקאָנט גלאַט אַזוי אָננעמען אַ פּלאַן פאַר אַ מלחמה, אַ סיסטעם פון אַר־מייען מיט געווערן, זיך „באַכקרימען״ די גוים. אַזאַ זאַך האָבן זיי געמוזט אָנטשעפּען אין פסוקים פון דער תורה. האָבן זיי טאַקע אַזוי געטאָן. פון איין זייט האָבן זיי אויספּלאַנירט אַן אמתע אַרמיי, אָרגאַניזירט אויף אַ רעאַ־ליסטישן אופן, אַן אַרמיי פון פוסגייער און רייטער, אַן אַרמיי מיט אָפּטיילונגען (מחנות) אונטער זייערע פאָנען און אָנפירער, מחנות פון 10, 50, פון 100 און

---

12) זכריה יד׳, 2, 3 און 9.

פון 1000, מחנות אויף פריער און אויף שפּעטער, אויף איבערצובייטן און אויף רעאָרגאַניזירן, און אַלע מיט העכסט מאָדערנעם געווער. אינעם מלחמה־בוך ווערן אָנגעוואָרפן פאַרשידענע סטראַטעגיעס און טאַקטיקעס פון די שלאַכטן, פון אָנגרייפן אויפן שונא, און פון אָפּטרעטן צוריק, פון וואָרפן זיך אין שלאַכט מיט רעש, מיט טרומייטערן פון טרובעס, און פון שטילע, פּלוצעמדיקע אָנ־פאַלן. פון דער צווייטער זייט, ווערן אָט די רעאַליסטישע מלחמה־צוגרייטונגען צוגעטשעפּעט צום חומש. אין במדבר י׳, 9, אויך אין דברים כ׳ 12, רעדט זיך פון צונויפרופן די יידן צום אוהל מועד מיט טרומייטערס, און דאָרטן טאַקע ווערט דערמאָנט, אַז „ווען ס׳קומט אין אייער לאַנד אַ מלחמה, קעגן אַ שונא וואָס דריקט אייך, זאָלט איר שאַלן אין די טרובעס, וועט איר געדענקט ווערן פון אייער גאָט, און וועט געהאָלפן ווערן קעגן אייערע פייַנט״. דערפון איז קלאָר געווען ביי אונדזערע חסידים, אַז די טרובעס זיינען אַ גרויסער עיקר, און אַז טרובען אין די טרובעס דאַרפן די כהנים, איז דאָך אויך קלאָר, ווי אין פּסוק שטייט, א. אַז. וו..

לויט די רייד פון י. ידין, וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַ וויכטיקע אַרבעט איבער דער מלחמה מגילה, זיינען די רעאַליסטישע מלחמה צוגרייטונגען פון דעם מאַנוסקריפּט ענלעך צו און אַנדערע פון זיי שיעור ניט קאָפּירט פון אַ רוי־מישן מלחמה־בוך 13). דער קעניג הורדוס וואָס איז געווען אַ נאָענטער מענטש אין רוימישן הויף, און האָט אין זייער אַ סך פּרטים נאָכגעטאָן די רוימישע הערשער, האָט זיין אַרמיי אויך אָרגאַניזירט געננוי ווי די רוימער האָבן עס געטאָן, און ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אונדזערע חסידים זאָלן געווען האָבן אַזאַ רוימישן מלחמה־מאַנוסקריפּט פון וואַנען זיי האָבן געקאָנט נאָכקאָפּירן די קריגס־סטראַטעגיע.

אַ גוטע האַלב פון דער מגילה באַשטייט פון תפילות, פאַרשידענע געבעטן און ליטורגישע געזאַנגען וואָס זיינען באַשטימט פאַר די אָפּטיילונגען (די מחנות), וואָס יעדע פון זיי האָט געהאַט אַן אַנדער נאָמען מיט אַן אַנדער פאָן. ס׳זיינען דאָרט פאַראַן תפילות פאַר די אָנפירער, די כהנים, און אַ באַזונדער תפילה פאַרן כהן גדול. עס זיינען דאָרט אויסגעשטעלט תפילות פאַר די שלאַכטן און אַנדערע נאָך די שלאַכטן, און אַ באַזונדערע דאַנק־תפילה נאָכן געווינען די מלחמה. דאָרטן זיינען פאַראַן די רעדעס וואָס דער כהן גדול דאַרף האַלטן פאַר די קריגער כדי שטאַרקן זייער מוט, און אויך די געזעצן ווער ס׳זאָל האַלטן די פאָנען און די טרובעס, און וויפל מאָל מ׳זאָל אין זיי טרובען

13) De-Re-Militari.

א. אַז. וו.. צווישן די געזעצן דערוויסן מיר זיך אויך וויפל די קריגער דאַרפן אַלט זיין, די פוסגייער, די רייטער, די אָנפירער, די פאַנענטרעגער, די שפּייז־צוגרייטער, א. אַז. וו..

פרויען און קינדער טאָרן אין דער אַרמיי ניט צוגעלאָזט ווערן, קיין בעל מום אויך ניט. אַ כהן דאַרף זיך האַלטן פון וויטנס, ער זאָל זיך ניט צו־רירן צו די געפאַלענע אין די שלאַכטן, ווייל ער איז הייליק און טאָר ניט שטיין לעבן טויטע.

דעם קאַמף וועלן פירן, ווי געזאָגט, די בני אור, מיט דעם מיינען זיי, זיך אַליין. זייער אָרגאַניזאַציע, האַלט דער פאַרפאַסער, וועט מיט דער צייט פאַרשטאַרקט ווערן (ער גיט זיך 40 יאָר) און וועט אויסוואַקסן צו דער נויטיקער גרויס, ווייל די מחנות דאַרפן זיך ציילן אין די צענדליקער טויזנ־טער. די קריגער וועלן קומען פון די שבטים יהודה, לוי און בנימין. קיין אַנדערע שבטים ווערן ניט דערמאָנט (די 10 פאַרלוירענע שבטים זיינען, ווי באַוואוסט, געווען זינדיקע) עס וועלן אָבער „צושטיין" מיטגלידער פון אַנדערע שבטים 14).

די כוחות פון ליכט וועלן אָנגעפירט ווערן פון מלאכים און פון גאָט אַליין. 4 מלאכים ווערן דערמאָנט: מיכאל, גבריאל, רפאל און שריאל.

די שונאים, די בני חושך, (קינדער פון פינצטערניש) ווערן אויך אָנ־גערופןביים נאָמען. דאָס זיינען: אדום, עמון ומואב, צידון און די פלישתים, גוג, אשור און מצרים, די בני יפת און די כיתיאים. צו זיי ווערן אויך צו־גערעכנט יידישע רשעים. זיי ווערן אָנגערופן: „מרשיעי הברית" 15). (די וואָס פעלשן אינעם בונד). די מלחמה איז ניט נאָר קעגן שלעכטע פעלקער אָדער שלעכטע מענטשן, זי איז קעגן שלעכטס בכלל. נאָכן זיג וועלן לויכטן אמת און צדק איבער אַלע עקן וועלט; ס'וועט זיין שלום און ברכה, כבוד און פרייד, און לאַנג לעבן 16).

דער אָנפירער פון אַלע שלעכטע כוחות איז בליעל. דער הויפּט קאַמף וועט אָנגעפירט ווערן קעגן די כיתים (די רוימער). „דער טאָג פון קריג קעגן די כיתיאים, איז שוין פון לאַנג באַשטימט פאַר דעם טאָג, ווען ס'וועט פאַרקומען די פאַרניכטונג־מלחמה קעגן די בני חושך" 17).

---

14) מיר ווייסן פון „ישראלים", ד. ה. מיטגלידער פון די 10 שבטים, וועלכע זיינען פון לאַנגע דורות צוריק געווען אויסגעמישט מיט די פון יהודה.

15) מלחמה מגילה א' 1־2.

16) מלחמה מגילה א' 8־9.

17) דאָרטן, 9־10.

40 יאָר וועט געדויערן דער קאַמף. אין די שמיטה־יאָרן וועט קיין מלחמה ניט זיין. זיבן גרויסע שלאַכטן וועלן געפירט ווערן. דריי וועלן געווינען די כוחות פון ליכט און דריי — די כוחות פון פינצטערניש. אין דער לעצטער, דער זיבעטער שלאַכט וועט זיך אַריינמישן גאָט אַליין, און זיין האַנט וועט איבערוועגן לטובת די גערעכטע כוחות. אין דער 7טער שלאַכט ווערט אויך דערוואַרט אַ נס, אומגעפער אַזאַ וואָס גאָט האָט באַוויזן אין דער צייט פון דעם קעניג חזקיהו, ווען די אַרמיי פון אשור, וואָס האָט באַלאַגערט ירושלים, איז אויסגעשטאָרבן איבער נאַכט. (דער פּאַרפאַסער פון דער מגילה „זאָגט אונטער" גאָט וואָס צו טאָן).

די מלחמה־מגילה איז אַ גאַנץ לאַנגע. זי איז אַ היפּש ביסל צעשעדיקט, אָבער אונדז זיינען געבליבן פון איר 19 זייער ברייטע עמודים (קאָלומס), און אַ שטיקל פון אַ 20טן. מעגלעך, אַז דער מאַנוסקריפּט האָט גאַנצערהייט געהאַט נאָך איין אָדער צוויי קאָלומס. די מגילה איז אויך באַשעדיקט אויפן זעלבן אופן ווי דער „פשר חבקוק", ד. ה. זי איז אונטערגעפוילט פון אינטן „שטייענדיק" באַהאַלטן אין קרוג. פון 20 שורות, אַן ערך, וואָס האָבן געדאַרפט זיין אין יעדן קאָלום, האָבן מיר נאָר אַרום 15, 16 אָדער 17 שורות. (פון די לעצטע שורות זיינען דאָ נאָר טיילן). דער גרעסטער טייל פון דער מגילה איז אָבער געבליבן, און אין אַ גוטן צושטאַנד.

די מלחמה־מגילה איז די איינציקע וואָס מ'קאָן זאָגן, אַז זי הויבט זיך אָן מיט אַ נאָמען. די ערשטע שורה הויבט זיך אָן אַזוי: „למ(שכיל סרך) המלחמה". די נאָענטסטע איבערזעצונג וואָלט געווען: „צו דעם וואָס שטודירט די מלחמה־געזעצן". דער נאָמען וואָס סוקעניק האָט איר געגעבן איז אָבער מער צוגעפּאַסט און מיר וועלן זי טאַקע אַזוי רופן: „די מלחמה מגילה".

פּאַרפאַסט איז די מגילה געוואָרן פון די סאַמע לעצטע, נאָענט פון דער צייט ווען יהודה איז חרוב געוואָרן פון די רוימער. ערשטנס, איז דאָס באַקאַנט דערפון וואָס זי שפּיגלט אָפּ די שפּעטערע צייטן, ווען יהודה האָט געליטן פון רוים. חוץ דעם איז עס קלאָר פון די מלחמה טאַקטיקעס, פון די מינים געווער, וואָס זיינען דערקענט געוואָרן פון י. ידין, ווי רוימישע. פּאַלעאָגראַפיש איז די קאָפּיע וואָס מיר האָבן אויך אַ שפּעטע. ווי ס'קוקט אויס, איז דער בוך פּאַרפאַסט געוואָרן נאָענט צו דער צייט פון חורבן (יאָר 70 — 66 אונ. צייט) 18).

18) ביז היינט זיינען נאָך פאַראַן דאָ און דאָרט מיינונגען, אַז די „כתים" זיינען ניט די רוימער נאָר די גריכן, און אַז די מגילה איז פּאַרפאַסט געוואָרן אַ גוטע 100 יאָר פריער. די דאָזיקע מיינונגען ווערן אָבער וואָס אַמאָל זעלטענער.

אַחוץ דער „גאַנצער" קאָפּיע פון דער מלחמה מגילה וואָס איז אַרויסגע־נומען געוואָרן פון הייל נומ. 1, זיינען אויך געפונען געוואָרן פראַגמענטן פון נאָך 6 קאָפּיעס אין הייל נומ. 4. דער טעקסט איז דער זעלבער אין אַלע, מיטן אויסנאַם פון 2 קאָפּיעס, וואו דער טעקסט פון די תפילות איז אַ ביסל אַנדערש.

## ז. דער ספר „הודיות"

איינער פון די געפונענע מאַנוסקריפּטן, וואָס איז אויף זיכער פאַרפאַסט געוואָרן פון דעם מורה צדק אַליין, איז די מגילה „הודיות". דאָס זיינען אַרום 40 קאַפּיטלעך לויב־געזאַנגען צו גאָט (העב. — הודיות). באַלד ווי פּראָפ. סוקעניק האָט זי, מיט נאָך 2 מאַנוסקריפּטן, אָפּגעקויפט נאָך אין 1947, און אין קליינעם טייל פון איר, קוים געעפנט און איבערגעלייענט — האָט ער זי טאַקע אָנגערופן „ספר הודיות".

בשעת די מגילה איז אָנגעקומען אין העברעאישן אוניווערזיטעט, איז זי פאַרעכנט געוואָרן ווי צוויי, ווייל זי איז געווען צעטיילט אין 2 באַזונדערע טיילן. איין פּעקל איז באַשטאַנען פון דריי באַזונדערע יריעות, מיט 4 קאָלומס אין יעדער, און מיט מער ווי 30 שורות אין יעדן קאָלום. אין די זייטן, און ערטערווייז אינמיטן זיינען געווען אויסגעפוילטע לעכער. אינטערעסאַנט איז, אַז אין אַלע דריי יריעות זיינען די אויסגעפוילטע לעכער געווען אויפן זעלבן פּלאַץ און מיטן זעלבן אויסזען און פאָרם. וואָס ווייזט, אַז זיי זיינען געווען באַהאַלטן איינגעוויקלט צוזאַמען, איינע אין דער אַנדערער, און אַזוי זיינען זיי פון דער הייל אַרויסגענומען געוואָרן און זיינען צענומען געוואָרן ערשט שפּעטער.

די צווייטע טייל איז באַשטאַנען פון אַ צוזאַמענגעוויקלט און איינגע־פּרעסט פּעקל פון אַזעלכע 70 שטיקער און שטיקלעך פּאַרמעט, און ווי ס'קוקט אויס, איז דאָס פּעקל טאַקע אַזוי באַהאַלטן געוואָרן.

דער אינהאַלט פון דער מגילה איז, ווי געזאָגט, לויב־געזאַנגען צו גאָט, ענלעכע צו קאַפּיטלעך תהילים. אונדז איז שוין באַקאַנט פון דעם בריוו, וואָס דער מעטראָפּאָליט טימאָטיי האָט געשריבן סוף 8טן י. ה. (זע זייט 69) אַז אין די היילן זיינען געפונען געוואָרן נאָענט צו 200 קאַפּיטלעך תהילים נייע און אומבאַקאַנטע. פון יענעם תהילים איז אין ערגעץ ניט געבליבן קיין זכר. דאָ אָבער זיינען פאַראַן 40 אַזעלכע קאַפּיטלען, און ס'קאָן געמאָלט זיין, אַז ס'זיינען געווען אַ סך מער פון זעלבן מין.

דער סטיל פון די „לויב־געזאַנגען" איז אַ ביסל אַנדערש און ווייניקער

געלייטערט פונעם תהילים. די מערסטע קאַפּיטלען דאָ זיינען געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן און ס׳האַלט זיך אין איין איבערחזרן דער מאָטיוו: „לויב צו דיר גאָט, וואָס האָסט מיך געראַטעוועט פון דעם אומגליק״. זיינע דעם פאַרפאַסערס שונאים, זיינען אונדז באַקאַנט פון די מערסטע מגילות וואָס שטאַמען פון דער כתה. דאָס זיינען די „רשעים״, די בני בליעל, די „מליצי כזב״ (די וואָס אַגיטירן ליגן), „וחוזי רמיה״ (די וואָס זאָגן פאָרויס פאַלשע וויזיעס). נאָך און נאָך אַמאָל רופט ער זיי אָן: „דורשי חלקות״ (די וואָס פּשטלען זיך אויס גלאַטע וועגן).

אַז דער פאַרפאַסער איז דער מורה צדק אַליין, ווערט אונדז קלאָר פון זיינע אייגענע באַמערקונגען, ווי: „ותשימני נס לבחירי צדק ומליץ דעת ברזי פלא...״ 19). (האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ וואונדער צו די וואָס האָבן אויסגעקליבן גערעכטיקייט; האָסט מיך געמאַכט פרעדיקן וויסן אין די וואונדערלעכע סודות).

פון די פּשרים איז אונדז שוין באַקאַנט, ווי ס׳חזרט זיך איבער די באַרי־מעריי פונעם מורה צדק, אַז גאָט האָט אים, דעם אָנפירער, באַשאַנקען מיט דער מתנה צו דערקאָנען די סודות פון די הייליקע שריפטן, און זיי דער־קלערן דעם פאָלק, וואָס פאָלגט אים נאָך. דאָ אין דער מגילה דאַנקט ער גאָט, וואָס: „...לא טחתה בבושת פני כל הנדרשים לי, הנועדים יחד לבריתיכה״ 20) (האָסט ניט פאַרשעמט די אַלע וואָס פאָלגן מיר נאָך, אַריינצוקומען צוזאַמען אין דיין (נייעם) בונד), וואָס זאָגט קלאָר, אַז ער איז עס דער אָנפירער, און אַז די מיטגלידער פון „יחד״ זיינען זיינע נאָכפאָלגער. אַזוי איז אויך דער פּסוק: „...כי גלית אזני לרזי פלא...״ (האָסט אויפגעדעקט פאַר מיין אויער די וואונדערלעכע סודות).

ווער איז געווען דער מורה צדק? ווער איז געווען זיין קעגנער און הויפּט־שונא, דער „כהן הרשע״? — דאָס זיינען נאָך ניט קיין אַנטדעקטע סודות. ביזן היינטיקן טאָג זיינען נאָך פאַראַן שאַרפע חילוקי־דעות און צענדליקער השערות, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון געשיכטלער אַרכעאָלאָגן וועגן דעם, ווער די פּערזאָנען זיינען געווען. דער קאַמף פון געלערנטע אַרום די מאַנוסקריפּטן, איז נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט, כאָטש ער איז לעצטנס אַ היפּש ביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

וועגן די חלוקי דעות אַרום דער דאַטע, און אַרום אַ סך אַנדערע נאָך ניט קיין געלייזטע פראַגעס, וועלן מיר רעדן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

---

19) הודיות ב׳ 13.

20) דאָרטן. ד׳ 24־23.

קאַפּיטל 6

# די דאַטע פון די מגילות. די איסיים

## א. ווי אַלט זיינען די מגילות?

אַזוי שנעל ווי די ערשטע מגילות זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָבן זיך באַלד געשטעלט פראַגן: — ווער זיינען זיי? ווי אַלט זיינען זיי? ווען זיינען זיי באַהאַלטן געוואָרן? ווער האָט זיי באַהאַלטן? ווער האָט פאַרפאַסט די אומבאַקאַנטע ספרים? ווער איז געווען די סעקטע וואָס ס׳דערציילט זיך פון איר אין די מגילות? ווער זיינען געווען דער „מורה צדק״, און „כהן הרשע״, וואָס ווערן אַזוי אָפט דערמאָנט אין די אַלטע פאַרמעטן? ווער זיינען געווען די „כתים״?

— ווער?

— ווער און ווען?

ענטפערס אויף די און נאָך ענלעכע פראַגן זיינען געקומען פון היסטאָריקער און אַנדערע געלערנטע פון אַלע עקן וועלט. די ענטפערס זיינען געווען ווייט פון איינשטימיק. פאַרשידענע השערות זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן, מיט אַלערליי טעאָריעס און באַווייזן.

די ענטפערס אויף די פראַגן זיינען זייער וויכטיק. אויב, למשל, די פאַרמעטן שטאַמען פון פאַרן חורבן בית שני, ווי די ערשטע מיינונגען זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, הייסט עס דאָך, אַז מיר פאַרמאָגן איצט ספרים פון תנ״ך, וואָס זיינען מיט גאַנצע טויזנט יאָר, אָדער מער, עלטער פונעם עלטסטן תנ״ך־מאַנוסקריפּט, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען! 1).

ס׳איז טאַקע אמת, אַז אַן אַלטער ספר איז ניט ווערטפול בלויז צוליב זיין עלטער. מיר זוכן אין אים פריער פון אַלץ זיין קולטור־היסטאָרישע ווערט. דאָס איז טאַקע געווען די אורזאַך, פאַרוואָס די אַלטע ביבל־מגילות

---

1) די עלטסטע קאָפּיע פון תנ״ך וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1008 און געפינט זיך אין די אַרכיוון פון דער לענינגראַדער ביבליאָטעק.

האָבן אַזוי שטאַרק פאַראינטריגירט. די תנ״ך־ספרים פון די היילן שטאַמען דאָך טאַקע פון דער צייט איידער דאָס „הייליקע בוך״ איז געשלאָסן געוואָרן, איידער עס איז רעדאַקטירט געוואָרן. וויפל נייעסן, וויפל טעקסט אָפּנויגן מ׳קאָן געפינען אין אַזאַ קאָפּיע! אַזאַ אוצר, אַזאַ וואונדערלעכן קוואַל פון אינ־פאָרמאַציע איבערן תנ״ך און זיין געשיכטע האָט זיך דאָך ניט געחלומט די גרעסטע אָפּטימיסטן צווישן די הונדערטער געלערנטע, פאָרשער פון יידי־שער און ביבלישער געשיכטע איבער דער גאַנצער וועלט.

ס׳האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די זייער וויכטיקע מאָמענטן פון ביבל געשיכטע און ביבל קריטיק, ווי וויכטיק זיי זאָלן ניט זיין, זיינען געווען פון צווייטער באַדייטונג. אַ סך אַ וויכטיקערער מאָמענט איז אַרויפ־געשוואומען. חוץ די תנ״ך ספרים, זיינען צווישן די געפונענע מאַנוסקריפּטן אַנטדעקט געוואָרן אַנדערע, נייע און אומבאַקאַנטע ביכער, און באַלד, ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט דעם אינהאַלט פון די נייע מגילות, האָט אַ בליק געטאָן אַזאַ מאָדנע ענלעכקייט צווישן די אַלט־נייע שריפטן מיטן נייעם, דעם קריסטלעכן, טעסטאַמענט. אַן ענלעכקייט אין דער אידעאָלאָגיע, אין עסכאַטאָלאָגישן אויסקוק, אַפילו אין דער טערמינאָלאָגיע, וואָס איז ביי ביידן די זעלבע, און וואָס שטיצט זיך אַפילו אויף די זעלבע תנ״ך ציטאַטן, וואָס דינען ווי די גאָרע באַזע פונעם עוואַנגעליום!

ווער זיינען די מגילות? ווי קומען זיי אין די היילן? ווער האָט זיי פאַרפאַסט? — ווען? אויב זיי שטאַמען טאַקע פון פאַרן חורבן בית שני, איז דאָס דאָך געווען די צייט ווען ס׳איז אַנטשטאַנען און ס׳האָט זיך אויספאַר־מירט דאָס קריסטנטום. דער פּעריאָד איז דאָך געבליבן ביז היינט נאָך אין נעפּל, מיר האָבן דאָך אַזוי ווייניק אויטענטישע געשיכטלעכע פאַקטן פון דער צייט. די מערסטע אַלטע קוואַלן וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען פון יענער צייט, זיינען אין בעסטן פאַל, ניט פאַרלעסלעך. מיר פאַרדעכטיקן זיין דערקענען זייער אָפּט, קריסטלעכע אינטערפּאָלאַציעס אין יענע קוואַלן. דאָ צוגעשריבן אַ וואָרט, אָדער אַ נאָמען, דאָרט געענדערט אַ פראַזע און אין אַ סך ערטער זיינען צוגעגעבן נייע פאַראַגראַפן אָדער נייע קאַפּיטלען. די ניי־געפונענע אַלטע מאַנוסקריפּטן, אויב פונעם עלטער ווי די ערשטע אַרכעאָלאָגן־וויסנשאַפטלער האָבן עדות געזאָגט, זיינען זיי דאָך אויטענטישע. דער עיקר — ריינע, פריי פון יעדן מין אינטערפּאָלאַציע, קריסטלעכער אָדער אַנדערער. זיי זיינען דאָך די סאַמע פאַרלעסלעכסטע דאָקומענטן פון יענער צייט!

זיינען זיי טאַקע אַזוי אַלט? שטאַמען זיי טאַקע פון יענער צייט? ליגן זיי טאַקע זינט דאַן באַגראָבן אין די היילן? פאַרפאַסט און קאָפּירט געוואָרן זיינען זיי דאָך זיכער פריער איידער זיי זיינען באַהאַלטן געוואָרן. דאָס ערשטע וואָס איז נויטיק צו באַשטימען, איז ווען זיינען זיי באַהאַלטן געוואָרן?

אַרום אָט דער פראַגע האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ הייסער וויכוח, מיט זייער שאַרף צעטיילטע חלוקי־דעות צווישן די געלערנטע. „די מלחמה פון דער דאַטע" האָט עס געהייסן. דער קריג האָט געפלאַקערט אין אַלע וויכטיקע היסטאָרישע און טעאָלאָגישע זשורנאַלן, מיט שווערע אַרגומענטן, מיט וואָגיקע אַרטיקלען, אין ענגליש, העברעאיש, פראַנצויזיש, דייטש, רוסיש און אַנדערע שפּראַכן. ביכער האָבן זיך באַוויזן אין די צענדליקער. די קאַפּיטלען וועגן דער דאַטע זיינען אין די ביכער געווען לאַנגע און אָנגעפּילט מיט פאַרשידענע באַווייזן. דער אינטערעס צו די מגילות האָט געהאַלטן אין איין שטייגן מיט יעדן אָפּגעדרוקטן נייעם פראַגמענט פון די אַלטע מאַנוסקריפּטן.

גיך האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט 2 הויפּט־שיטות איבער דער דאַטע.

1) די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די פאַרמעטן זיינען באַהאַלטן געוואָרן אין די היילן אין דער צייט פונעם יידישן אויפשטאַנד קעגן רוים, 70־66 אונ. צייט. און —

2) די וואָס האָבן געגלויבט, אַז די מגילות שטאַמען פון דער צייט פון די קאַראַאימער, ד. ה. פון אַרום 8טן אָדער 9טן י. ה. אונ. צייט.

די מערסטע געלערנטע האָבן אָנגענומען די ערשטע מיינונג. אַ שלל מיט אַרגומענטן זיינען אָנגעגעבן געוואָרן. די אָפּאָזיציע וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון פּראָפ. ש. צייטלין, דראָפּסי קאָלעדזש, פילאַ., האָט זיך געשטיצט אויף, צווישן אַנדערע ווייניקער וויכטיקע שטריט־פּונקטן, מערסטנס אויף איין וויכטיקן אַרגומענט, וואָס איינער פון די אַלטע מאַנוסקריפּטן, געפונענע אין די היילן, דער ספר „ברית דמשק" 2), איז אויך געפונען געוואָרן צום סוף פון לעצטן י. ה. אין אַ גניזה אין אַ קאַראַאימער שול פון מיטלאַלטער, אין קאַיראָ, מצרים.

מ'מוז אָבער זאָגן, אַז מערסטע צייטלינס אָנהענגער האָבן זיך מיט דער צייט, און אונטער דעם דרוק פון נייע און שטאַרקע באַווייזן, ספּעציעל פון אינהאַלט פון די מגילות, אָפּגעטרייסלט פון דער מיינונג. צייטלינס שטימע אַליין, כאָטש איינגעקשנט, איז מיט דער צייט אויך געוואָרן אַ „קול דממה דקה", (אַ שוואַך קול) קוים וואָס מ'הערט זי.

---

2) זע פריער, קאַפּיטל 5.

## ב. די פּאַלעאָגראַפישע און אַנדערע באַווייזן

די באַווייזן פאַר דער 2 טויזנט־יאָריקער עלטער, זיינען געווען שטאַרקע און איבערצייגנדיקע, און זיי האָבן אָן שום שוועריקייטן איבערגעוואונען די מערסטע היסטאָריקער אויף זייער זייט.

אָט זיינען טייל פון די וויכטיקסטע באַווייזן:

1) פּאַלעאָגראַפישע. דאָס איז אַ וויסנשאַפט וואָס שטודירט די געשיכטע פון שריפט.

ס'איז באַקאַנט, אַז שריפט בייט זיך מיט דער צייט. דער אויסזען און די פאָרם פון די בוכשטאַבן ענדערן זיך. די יידישע פיר־עקיקע אותיות פון דער חשמונאים־צייט, למשל, זיינען אַ ביסל אַנדערש אין פאָרם ווי די זעלבע בוכשטאַבן פון די צייטן פון עזרא און נחמיה, 300 יאָר פריער. און נאָך ווייניקער זיינען זיי ענלעך צו די יידישע אותיות פון ישעיה הנביא'ס צייט, אַרום 600 יאָר פריער 3).

ס'זיינען, אמת, פאַראַן זייער ווייניק שריפטלעכע דאָקומענטן אויף העברעאיש פון דער צייט פאַרן חורבן בית שני, שריפטן וואָס קאָנען דינען ווי אַ באַזע צו פאַרגלייכן און דערקענען די ניי געפונענע מאַנוסקריפּטן. פון יענער צייט האָבן מיר די שריפט אויף אַלטע מצבות, און אויך אַ פּאָר פראַגמענטן פון תנ"ך מיט אַלטן שריפט, אַזעלכע ווי דער „נעש פּאַפּירוס" 4). וואָס שטאַמט, לויט דער אָפּשאַצונג פון געלערנטע, פון פאַרן חורבן בית שני. צוליב דעם וואָס די פאַרגלייך באַזע אין דער אַלטער העברעאישער שריפט איז ניט גרויס גענוג, איז די פּאַלעאָגראַפישע וויסנשאַפט אין דער שפּראַך ניט גרינטלעך גענוג. זי האָט אָבער דאָך געוויזן אַ 2 טויזנט יאָריקן עלטער. שפּעטער זיינען צוגעקומען אַ פּאָר פראַגמענטן מיט גריכישער שריפט, און די פּאַלעאָגראַפישע וויסנשאַפט, וואָס האָט אין גריכיש אַ סך מער פאַרגלייך־מאַטעריאַל, האָט שוין קלאָר און אָן ספק געוויזן, אַז די מגילות זיינען ניט יינגער פון 2 טויזנט יאָר.

2) די סעראַמיק. דאָס איז אַ וויסנשאַפט וואָס שטודירט די פאָרם און דאָס אויסזען פון טעפּ, אויסגעאַרבעט אין פאַרשידענע צייטן, ביי פאַרשי־

3) אין דער צייט ווען ס'האָט געלעבט און געווירקט דער נביא ישעיה, ד. ה. פון אַרום די יאָרן 740 ביז 700 פאַר אונ. צייט רעכ., זיינען נאָך די אותיות מרובעות, די פיר־שפּיציקע אותיות, ווייניק געווען באַקאַנט. די שריפט ביי יידן איז דעמאָלט געווען די „פעניקישע", און אַ פּאָר מאַנוסקריפּטן אין דער פאַרעלטערטער שריפט האָבן זיך נאָך פאַרהיט צווישן די מגילות פון ים המלח.

4) וועגן די „נעש" פּאַפּירוסן, זע נאָטיץ 11, קאַפּיטל 1.

דענע פעלקער. די וויסנשאַפט, כאָטש אויך ניט קיין גרינטלעכע, האָט אָבער אויך געוויזן אין דער זעלבער ריכטונג, ד. ה. די טעפּ וואָס האָבן אנטהאַלטן די מגילות האָבן אויך עדות געזאָגט אויף אַ 2 טויזנט־יאָריקער עלטער.

3. אַ ראַדיאָ־קאַרבאָן אונטערזוכונג איז געמאַכט געוואָרן פון די צע־פוילטע לייוונטן, וואָס האָבן איינגעוויקלט די מגילות פון דער ערשטער הייל. דאָס איז אַ וויסנשאַפטלעכער פּראָצעס, וואָס מעסט אויס דאָס „אויסוועפּן" זיך אָדער די „אויסשטראַלונג" פון דעם עלעמענט קאַרבאָן 14, וואָס געפינט זיך אין יעדער אָרגאַנישער זאַך. מיר קאָנען, אין אָרגאַנישע מאַטעריאַלן, אויב נאָר זיי זיינען ניט אינגאַנצן פאַרניכטעט, דערקענען זייער עלטער, אַפילו פון טויזנטער יאָרן. אַ שטיקל פון יענע לייוונטן איז אין אָנהייב פון 1950 אונטערזוכט געוואָרן אינעם אָפּטייל פון נוקלעאַרן שטודיום ביים שיקאַגאָ אוניווערסיטעט.

די וויסנשאַפט איז נאָך אויך ניט קיין גרינטלעכע, און האָט אויך, ווי די פּאַלעאָגראַפישע און די סעראַמיק, געוויזן אַן עלטער פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר 5).

## ג. די אַרכעאָלאָגיע

די אויסגעגראָבענע קומראַן געביידע אין מדבר יהודה און די היילן אַרום דער חורבה האָבן צום שטאַרקסטן צעקלאַפּט די אַרגומענטן פון די וואָס האָבן געטענהט, אַז די מגילות זיינען יינגער. חוץ די אויסגעגראָבענע טעפּ און די שערבלעך פון טעפּ זיינען דורך די אויסגראָבונגען געפונען געוואָרן זייער אַ סך מטבעות, וואָס זיינען די זיכערסטע און פאַרלעסלעכסטע עדות פון זייער צייט אין יעדער אַרכעאָלאָגישער אויסגראָבונג. די דאַטירטע מטבעות פון קומראַן ווייזן, אַז די געביידע, זייער אַן אַלטע, איז נאָך אַ 500־600 יאָר פוסטעווען, איבערגעבויט געוואָרן, און האָט געדינט ווי אַ צענטער פון דער סעקטע פרומע חסידים, פון אַרום דער צייט פון יוחנן הורקנוס, (אָנגעהויבן הערשן אין יאָר 135 פ. אונ. צייט ביז דעם דריטן יאָר פון יידישן אויפשטאַנד קעגן רוים (70־66 אונ. צייט).

---

5) די ראַדיאָ־קאַרבאָן אונטערזוכונג האָט געוויזן, אַז דאָס לייוונט איז געווען אַ פלאַנץ אין יאָר 33 אונ. צייט, פלוס אָדער מינוס 200 יאָר, ד. ה. די וויסנשאַפט לאָזט זיך צו אַ פעריאָד פון 200 יאָר פריער אָדער שפּעטער פאַר אַ מעגלעכן טעות. ווי ס׳קוקט אָבער אויס, איז די אָפּשאַצונג געווען אַ קאָרעקטע, אָן טעותן.

די אויסגעגראָבענע געביידע אין קומראַן האָט געוויזן, אַז זי איז געווען מיט טויזנט פעדעם פאַרקניפּט מיט די מאַנוסקריפּטן פון די היילן. דער גאַנצער כאַראַקטער פון דער געביידע איז געווען דורכאויס אין איינקלאַנג מיט די באַדערפעונישן פון פונקט אַזאַ מין סעקטע, מיט פונקט אַזעלכע מנהגים ווי די וואָס זיינען פאַרצייכנט אין די געפונענע מגילות. די פאַרזאַמלונג־צימערן מיט די איינגעמויערטע בענק אין די זייטן; דער „סקריפּטאָריום" מיט די טישן מיט די טינטערס; די מקוות צום טובלען זיך; די געפעסן, די כלים צום עסן פאַר עטלעכע הונדערט מענטשן; די קיך, און אויך די בעקעריי וואָס איז געווען אויסגעשטאַט צו באַדינען פונקט אַזוי פיל מענטשן; די טעפּעריי, וואו ס'זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פונקט אַזעלכע קרוגן ווי די וואָס האָבן באַהאַלטן די מגילות; 6) דאָס היליקע אָרט פון אַ 1200 קברים — די אַלע זאַכן צוזאַמען קאָנען דאָך בשום אופן ניט זיין קיין צופעליקע! ווען מ'נעמט נאָך אין באַטראַכט די מגילות וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין די היילן דערביי, אַלע אַרום דער געביידע, און דער אינהאַלט פון די שריפטן, וואָס דערמאָנט (כאָטש ווייניק) געשיכטלעכע נעמען פון דעם חשמונאים־פּעריאָד — קאָן מען שוין פאַר קיין פאַל ניט זאָגן, אַז די מגילות שטאַמען, אָדער אַפילו אַז זיי זיינען באַהאַלטן געוואָרן אין אַ שפּעטערן פּעריאָד. די אַרגומענטן פון די וואָס האָבן ניט אָנגענומען די דאַטע זיינען אַזוי אַרום פול־שטענדיק צעקלאַפּט געוואָרן. ס'איז קלאָר, אַז די מגילות פון ים המלח, פאַרפאַסט און קאָפּירט פריער, זיינען באַהאַלטן געוואָרן אין די היילן אַרום קירבעט קומראַן, אין דער צייט פון גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים (70־66 אונ. צייט).

## ד. די „איסיים"

פון די וויכטיקסטע פראַגן וואָס זיינען פון אָנהייב אָן געשטאַנען פאַר די געלערנטע, איז געווען: „ווער זיינען עס געווען די מענטשן (אָדער די סעקטע) וואָס האָבן די מגילות פאַרפאַסט, קאָפּירט און שפּעטער באַהאַלטן?

די מערסטע געלערנטע האָבן באַלד געענטפערט, אַז דאָס זיינען געווען ניט קיין אַנדערע ווי די איסיים. עטלעכע מער־ווייניקער זיכערע געשיכטע־קוואַלן פון אַמאָל האָבן אונדז געלאָזן אינפאָרמאַציע וועגן דער גרופּע, אָדער סעקטע. ס'האָבן באַשריבן די איסיים — דער יידישער היסטאָריקער יאָזעפוס

---

6) איין טאָפּ, פונקט אַזאַ ווי די טעפּ וואָס האָבן אַנטהאַלטן די מגילות אין דער ערשטער הייל, איז געפונען געוואָרן אַ גאַנצער אין דער טעפּעריי אינעם „הויז".

כלאַוויוס, דער יידישער פילאָזאָף פילון פון אַלעקסאַנדריע, מצרים, און איינער אַ רוימישער רייזנדער מיטן נאָמען פליני דער עלטערער. זיי אַלע האָבן געלעבט אינעם ערשטן י. ה. אונ. צייט און זיינען אָפּנים געווען באַקאַנט מיט דער גרופּע פון דער ערשטער האַנט. פון זייערע באַשרייבונגען זעען זיך אָן זייער קלאָר און שאַרף בולטע ענלעכקייטן צווישן די איסיים מיט אונדזער סעקטע אין קומראַן.

מ׳מוז באַלד זאָגן, אַז אויסער די פיל קלאָרע ענלעכקייטן צווישן די צוויי גרופּן, זיינען אויך דאָ געוויסע אונטערשידן. האָבן זיך טאַקע צווישן די געלערנטע אַנטוויקלט חלוקי־דעות אויך אין דער וויכטיקער פראַגע.

צווישן די ניט איינשטימיקע מיט דער גרויסער מערהייט געלערנטע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט שטודירן די מגילות, דאַרף דערמאָנט ווערן אַזאַ ערנסטער און אָנערקענטער היסטאָריקער ווי סעסיל ראָט פון אָקספאָרד. אין 1959 האָט ער אָפּגעדרוקט אַ ביכל: „היסטאָרישער הינטערגרונט פון די מגילות ביים ים המלח״, וואו ער באַווייזט, אַז די איינוואוינער פונעם צענטער אין קומראַן זיינען ניט געווען די איסיים. לויט זיין מיינונג זיינען דאָס גאָר געווען אַ גרופּע קנאים, קעמפער פאַר יידישער זעלבשטענדיקייט, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די בערגלעך אין דער מדבר, און האָבן יאָרן לאַנג אָנגעפירט אַ „גערילאַ״ קאַמף קעגן די רוימישע באַדריקער. (זע קאַפּיטל 11 נאָטיץ 17).

נאָך אַ היסטאָריקער, וואָס איז קעגן דער אָנגענומענער מיינונג וועגן די איסיים, איז דער פראַנצויזישער געלערנטער, דעל־מעדיקאָ. אַ געבוירענער אין נאָענטן מזרח און אַ בקי אין אַלטע און אָריענטאַלע שפּראַכן, האָט ער זיך פאַרטיפט אין די מגילות. ער איז קעגן דעם געדאַנק, אַז די איסיים האָבן זיך באַזעצט אין דער מדבר ווי אַ באַזונדערע סעקטע. לויט זיין מיינונג, זיינען ביי די יידן אין יענער צייט ניט געווען קיין נזירים סעקטעס. די איינוואוינער פונעם „הויז״ אין קומראַן, זיינען גאָר געווען הייליקע באַגרעבער, וואָס האָבן אין די וואַסער רעזערוואוּאַרן פון קומראַן מטהר געווען די מתים וואָס זיי האָבן באַגראָבן אינעם הייליקן אָרט דערביי.

— וועלכע מתים? —

זיין טעאָריע שלעפּט אים אַריין טיפער און טיפער אין ווילדע ספּעקולאַציעס און השערות, וואָס האָבן זייער וויניק באַווייזן, און נאָך וויניקער שכל הישר. די פאַרמעטן אין די הייל דערביי, האָבן ביי דעל־מעדיקאָ קיין שום שייכות ניט צו די איסיים און ניט צום בנין. סיידן מען זאָל אָננעמען זיין

השערה, אַז לעבן דעם בית־עולם זיינען אויך געווען גניזות. ניט איינע, נאָר אַ סך גניזות.

אַן אַנדערער יידישער געלערנטער, פּראָפעסאָר פון קעמברידזש, רע־דאַקטאָר פונעם וויכטיקן זשורנאַל: „דזשוירנאַל אָוו דזשואיש סטאַדיס", דזשייקאָב ל. טייכער, האָט אַנטוויקלט אַ טעאָריע, אַז דאָס זיינען ניט געווען די איסיים וואָס האָבן פאַרפאַסט, קאָפּירט און באַהאַלטן די מגילות אין די היילן, נאָר די יידיש־קריסטלעכע סעקטע „אביונים", איינער פון די נעמען וואָס די מחברים פון די מגילות רופן אָן זייער גרופּע, און וואָס ווערט אויך דערמאָנט אינעם קריסטלעכן טעסטאַמענט.

אַזאַ טעאָריע וואָלט קודם־כל פאַרויסגערוקט די דאַטע פון די מגילות אויף מער ווי 100 יאָר, יינגער פון זייער אמתן עלטער, ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון דער גרעסטער מערהייט געלערנטע וואָס האָבן שטודירט די מאַנוסקריפּטן. דער עיקר אָבער וואָלט אַזאַ טעאָריע באַשאַפן אַן אוממעגלעכע שוועריקייט מיט דעם וואָס מיר קאָנען בשום אופן ניט צופּאַסן די אור־קריסטלעכע געמיינדע „אביונים", ווי מיר קענען זיי פון נייעם טעסטאַמענט, צום אינהאַלט פון די מגילות. אין די מאַנוסקריפּטן רעדט זיך טאַקע אויף פון אַ משיח, אָדער פון 2 משיחים, נאָר יענע זיינען „לעתיד לבא" משיחים. זיי דאַרפן זיך ערשט באַווייזן, בשעת דער משיח פון די אביונים איז שוין אַ באַוויזענער. אין ערגעץ אין די מגילות רעדט זיך ניט און ס'ווערט אַפילו ניט אָנגעדייט, אַז משיח איז שוין געקומען, אַז ער האָט זיך שוין באַוויזן.

דער אינהאַלט פון די מגילות איז טאַקע שטאַרק ענלעך צום אינהאַלט פון נייעם טעסטאַמענט. די ענלעכקייט ליגט אָבער אין די באַזונדערע טיילן זייערע, ווי דער אַפּאָקאַליפּס, אינעם עסכאַטאָלאָגישן אויסקוק, אין דער טערמינאָלאָגיע, אין די תנ"ך־ציטאַטן, א. אַז. וו..

דער צוזאַמענשטעל פון די באַזונדערע טיילן איז נאָר פּאָטענציעל ענלעך. די אידעאָלאָגיע אין די מגילות בויט דערווייל דעם יסוד אויף וועלכן ס'דאַרפן זיך ערשט אַנטוויקלען די גרונדשטריכן פונעם נייעם טעסטאַמענט, 100 אָדער 200 יאָר שפּעטער.

די סעקטע אין קומראַן האָט זיך טאַקע גערופן (צווישן אַ סך אַנדערע נעמען) אויך „אביונים", און האָבן טאַקע שטאָלצירט מיט זייער צושטאַנד פון „אָרעמע", וואָס האָט זיך אַזוי גרינג געגראַמט מיט „עניוות". דער נאָמען „אביונים" איז טאַקע אָן שום ספק געבליבן ביי אַ גרופּע וואָס האָבן געצויגן זייער טראַדיציע פון יענע איסיים. דערווייל אָבער זיינען עס געווען די פרומע חסידים־איסיים, און ניט די „עביאָנייטס" פונעם עוואַנגעליום.

דער אמת איז, אַז די וואָס האָבן ניט אָנערקענט די איסיים פאַר דער קומראַן־סעקטע, זיינען לכתחילה געווען זייער ווייניק, און מיט דער צייט זיינען זיי נאָך ווייניקער געוואָרן. אפשר ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס ס'זיינען צוגעקומען נייע באַווייזן, וואָס האָבן אַריבערגעוואויגן אין דער זייט פון די איסיים, ווי צוליב דעם, וואָס ס'איז כמעט אוממעגלעך געווען פּאָזיטיוו אָנ־בינדן די אייגנשאַפטן פון דער סעקטע צו אַ וועלכער אַנדערער היסטאָרישער גרופּע, חוץ די איסיים.

דער נאָמען „איסיים", איז ניטאָ אין קיינעם פון די אַלטע יידישע געשיכטע קוואַלן. ער ווערט ניט דערמאָנט אין ערגעץ אין תלמוד, ניט אין מדרש, און מען געפינט אים אויך ניט אין די אַפּאָקריפן, אַפילו אין די שפּעטסטע. ס'ערשטע מאָל ווערט דאָס וואָרט „איסיים" געבראַכט אינעם ספר „יוסיפון". דאָס איז אַ העברעאישע איבערזעצונג, אָדער, בעסער געזאָגט, אַ פאַרקירצטע באַאַרבעטונג פון פלאַוויוס און אַנדערע געשיכטע קוואַלן, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אָנהייב מיטלאַלטער 7).

די גרופּע, אָדער פאַרטיי „עסענער" וואָס יאָזעפוס דערציילט פון זיי אין זיין געשיכטע, ווערט אין דעם העברעאישן „יוסיפון" אָנגערופן: „איסיים". דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וועלן מיר דערהערן דעם נאָמען — „איסיים". פילון פון אַלעקסאַנדריע רעדט אויך פון דער זעלבער גרופּע, און רופט זיי, (אין גריכיש), „עסאַאי" אָדער „עסאַנאַי", און פאַרטייטשט באַלד: „אַזוי האָט מען זיי גערופן צוליב זייער פרומקייט און הייליקייט". ד. ה. דער נאָמען „עסאַאי" איז ערגעץ פאַרבונדן מיט פרומקייט און הייליקייט.

פון וואַנען שטאַמט דער נאָמען „עסענער"?

---

7) יוסיפון. אַזאַ „פאַרקירצטע" און „באַאַרבעטע" געשיכטע פון די יידן, זינט גלות־בבל און ביזן חורבן בית שני. פאַרן מחבר פונעם בוך ווערט אָנגעגעבן אַ פּראָמינענטער ירושלימער ייד, יוסף בן גוריון. די צייט ווען דער ספר איז פאַרפאַסט געוואָרן, ווערט פאַרגרייזט אָנגעגעבן, אַרום מיטן דריטן י. ה..

ס'איז באַקאַנט, אַז אין מיטלאַלטער (פון אַרום מיטן 10טן י. ה., איז דער ספר געווען פּאָפּולער צווישן יידן, ווי אַ פאַרקירצטע יידישע געשיכטע (פאַרקירצט פון דער גרויסער געשיכטע פון יאָזעפוס פלאַוויוס). אברהם אבן עזרא האָט נאָך אין 12טן י. ה. אַראָפּגעריסן די אויטענטישקייט פון דער „געשיכטע". ער האָט אָנגעוויזן אויף דער כראָנאָלאָגיע, און אויף אַ סך אַנדערע פאַקטן וואָס זיינען ניט ריכטיק אין דעם ספר. צום סוף 19טן י. ה. איז פון אַ סך געלערנטע פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער ספר איז פאַרפאַסט געוואָרן אין פריען מיטלאַלטער (די געגויע דאַטע איז נאָך ביז היינט אין ספק). און דער נאָמען יוסף בן גוריון איז אַ פסעוודאָנים. אין וויסנשאַפטלעכע קרייזן ווערט יוסיפון אָנגערופן: „פסעוודאָ־יאָזעפוס". געוויסע טיילן פונעם בוך זיינען טאַקע פאַרקירצט און „באַאַרבעט" פון פלאַוויוס.

פראָפ. י. קלויזנער האָט אין זיין געשיכטע געבראַכט די זייער לאָגישע השערה, אַז די חסידים וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קאַמף צו באַפרייען יהודה פון די גריכן, האָבן ביים פאָלק וואָס האָט גערעדט אַראַמעאיש, גע־הייסן: „חאסיא" אָדער „חאסין", וואָס האָט געמיינט, „חסיד" אָדער „חסידים". פון אָט די אַראַמעאישע ווערטער, „חאסיא" און „חאסין", איז אין גריכיש געוואָרן: „האַסיאַ", „האַסענאַי", אָדער גאָר „עסענאַי", און אין דער העברע־אישער איבערזעצונג, אין מיטלאַלטער (די העברעאישע איבערזעצונג איז גע־מאַכט געוואָרן פון גריכיש) איז פון „עסענס" אָדער „עסענאַי" געוואָרן „אי־סיים". אין אַנדערע ווערטער, דער נאָמען „חסידים" איז מגולגל געוואָרן דורך אַ דריי רינגענדיקער איבערזעצונג, אין — „איסיים" 8).

## ה. פליני דער עלטערער

פליני דער עלטערער האָט געלעבט אין די יאָרן פון 23 ביז 79 אונ. צייט. (ער איז אומגעקומען מיטן חורבן פון פאָמפּיי אין יאָר 79 א. צ.) ער האָט אַ סך אַרומגערייזט איבער דער וועלט און האָט איבערגעלאָזן שריפטן אי־בער נאַטור־דערשיינונגען. אין איינער פון זיינע רייזעס האָט ער באַזוכט

---

8) אַ מערהייט געשיכטע פאָרשער, און ספּעציעל די וואָס זיינען פאַרנומען מיטן שטודיום פון די מגילות, זיינען איינשטימיק, אַז דער נאָמען „איסיים־עסענער", שטאַמט פון „חסידים". ס'זיינען אָבער פאַראַן אַ צאָל געלערנטע, וואָס זיינען מיט דער מיינונג ניט איינשטימיק. און זוכן אויפבויען פאַרשידענע אַנדערע השערות און טעאָריעס וועגן דעם אָפּשטאַם פונעם נאָמען „עסענער". יענע אַלע טעאָריעס קאָנען ניט אויסהאַלטן קיין קריטיק און צעפאַלן זיך באַלד.

ווען מ'נעמט אָן, אַז די עסענער זיינען עס די חסידים פון אַמאָל (די חסידים ראשונים פון תלמוד!), וואָס האָבן זיך געשפּאָלטן צוליב שאַרפע חלוקי־דעות, העלפט עס אונדז אויך פאַרשטיין דעם אָפּשטאַם פונעם נאָמען „פּרושים" וואָס איז נאָך ביז היינטיקן טאָג אויך ניט פעסטגעשטעלט. פון די מגילות דערזעען מיר איצט, אַז די אַלטע חסידים פּאַרטיי, וואָס איז „טיילווייז" צוגעשטאַנען צום קאַמף מיט אַנטיוכוס עפּיפאַנוס (חשמונאים א' ב' 45), האָט זיך געשפּאָלטן. איין גרופּע, די עקסטרעם פרומע איז אַוועק אין מדבר זיך פאַרטיפן אין קדושה, צו שאַפן אַ נייעם בונד מיט גאָט, און זייערע נעכטיקע חברים, די חסידים וואָס האָבן מיט זיי ניט איינגעשטימט זיינען ביי זיי געוואָרן „מרשיעי ברית", די סאַמע ערגסטע רשעים (ווי דער שטייגער איז אין אַלע שפּאַלטונגען, ווען די נעכטיקע חברים ווערן די ערגסטע הערעטיקער אויסוואורפן). צענדליקער מאָל וואַרפן זיי פאָר זייערע נעכ־טיקע חברים, אַז זיי זיינען „דורשי חלקות", אַז זיי פּשטלען זיך אויס גלאַטע וועגן פון געגאַרערייען. די אַנדערע חסידים וואָס האָבן מיט די פרומע ניט איינגעשטימט, זיינען אין פאָלק באַקאַנט געווען ווי „פּרושים", „אָפּגעטיילטע".

דאָס לאַנד יהודה 9), אין זיין בוך, „היסטאָריקאַ נאַטוראַליס" 10), באַשרייבט ער דעם אויסטערלישן „אספאלטיטוס" ים (דעם ים המלח). אין איינוועגס מיט די וואונדער פון דעם שטאַרק געזאַלצענעם ים, דערציילט ער אויך פון דער מאָדנער סעקטע, די „עסענאַי", וואָס לעבט דאָרט, אין צפון־מערב זייט פון דעם ים. „זיי לעבן", שרייבט פליני, „אָן געלט און אָן ווייבער". און כאָטש זיי האָבן קיינמאָל ניט חתונה, ווערן זייערע רייען ניט שיטערער. זיי קריגן צו אַלע מאָל נייע רעקרוטן. זיי ווערבירן די נייע רעקרוטן צווישן די דערדריקטע און פאַרביטערטע פון דעם רשעות אין די שטעט. „זיי לעבן שוין אַזוי טויזנטער יאָרן"... „דערלעבן זיי ליגט עין גדי און אַ ביסל ווייטער — די פעסטונג מסדה, וואָס איז ווי עין גדי אויך ניט ווייט פון ים".

ביז די געפונענע מגילות און ביזן אויסגראָבן קירבעט קומראַן, איז דער אַדרעס פון די איסיים וואָס פליני גיט אָן, געווען אונטער אַ פראַגע־צייכן. ניט פלאַוויוס, ניט פילון פון אַלעקסאַנדריע, כאָטש זיי גיבן איבער מער אינפאָרמאַציע וועגן די עסענער ווי פליני, דערמאָנען זיי אין ערגעץ ניט קיין ישוב זייערן לעבן ים המלח. די אויסגעגראָבענע געביידע אין קומראַן שטימט דורכאויס מיט פליניס אַדרעס, צוגעשניטן פונקט צו דער מאָס. וואָס איז שייך פליניס באַמערקונג אַז „זיי עקזיסטירן שוין אַזוי טויזנטער יאָרן", איז עס, פאַרשטייט זיך, שטאַרק איבערטריבן. און ס'איז אינטערעסאַנט, ס'ווייזט אונדז אָן איבעריקן מאָל, ווי גרינג און ווי אומבאַגרינדעט, מענטשן, אַפילו וויסנשאַפטלער, האָבן געקאָנט איבערטרייבן אין יענער צייט. ספּעציעל דאָרט וואו זייער פאַנטאַזיע האָט איבערגענומען די פונקציעס פון זייערע חושים אָדער פון זייער גראַדן שכל.

אין דער צייט ווען פליני האָט באַזוכט קומראַן, האָט דער ישוב שוין געהאַט עקזיסטירט אַזעלכע 6 אָדער מער דורות (אַריבער 200 יאָר !), דאָס איז שוין זייער אַ לאַנגע און פאַרגעסענע צייט. קיין היסטאָרישן חשבון האָט קיינער ניט געפירט. קיין געשיכטע האָט מען ניט געשריבן. איבערטרייבונגען אָדער מליצה שפּראַך, רמזים און משלים, זיינען געווען אַ וואָכעדיקער גאַנג ביי אַלעמען, יידן, גריכן, רוימער אָדער אַנדערע. מיר טאָרן ניט

---

9) דאָס האָט געמוזט זיין גאָר נאָענט פאַר דעם אויפשטאַנד. (66־73 אונ. צייט) די השערה אַז פליני איז געווען אַ מיטגליד אינעם שטאַב פון טיטוסעס אַרמיי, שטימט אינגאַנצן ניט מיט זיין באַאָבאַכטן דאָס לעבן פון דער סעקטע, און באַשרייבן עס, ווי ער האָט עס געטאָן, אין אַ סטאַטישן צושטאַנד. מיר קאָנען די טעאָריע ניט נעמען ערנסט.

10) בוך 5, קאַפּיטל 15. ציטירט לויט:
"The Meaning of the Dead Sea Scrolls", by A. P. Davies, p. 139.

זוכן קיין פינקטלעכקייט ביי קיינעם פון די פּראָפעסאָרן פון יענער צייט, ספּעציעל דאָרט וואו ס'זיינען קיין עדות ניטאָ. און אַוודאי ניט דאָרט וואו דער דערציילער האָט זיך געדאַרפט פאַרלאָזן אויף זיין זכרון, אָדער בעסער געזאָגט אויף זיין פאַנטאַזיע.

## ז. פילון פון אַלעקסאַנדריע

אַ צווייטער וויכטיקער עדות פון די איסיים און פון זייערע מנהגים, איז פילון פון אַלעקסאַנדריע, אַ יידישער געלערנטער, אַ פילאָזאָף, אַ העלעניסט, וואָס האָט געלעבט אינעם ערשטן י. ה. פּ. אונ. צייט. אין איינעם פון זיינע ביכער "Qued Omnis Probus, Liber Sit", (גוטע מענטשן זיינען פריי), ברענגט ער אַ לענגערע באַשרייבונג פון דער סעקטע עסאַאי ביי יידן, און לויבט זיי זייער שטאַרק. דער עיקר געפעלן אים זייערע מנהגים און זייערע גוטע מידות. ס'געפעלט אים זייער דרך ארץ פאַר די עלטערע מיטגלידער; ער לויבט זיי פאַר זייער האַלטן זיך ריין, פאַר זייער האַלטן זיך רואיק; ער דערציילט מיט באַגייסטערונג, ווי אַזוי די איסיים צאַמען זייערע עמאָציעס; ווי זיי מיידן אויס שנאה, קנאה און כעס. זיי לעבן ניט אין די שטעט, דערציילט פילון, זיי האַלטן זיך נעענטער צו דער ערד, וואוינען אין קלענערע ישובים, און גיבן זיך אָפּ מערסטנס מיט אַגריקולטור. ער איז באַגייסטערט פאַר זייער געמיינשאַפטלעך לעבן, און פאַר דעם וואָס זיי זאָגן זיך אָפּ פון מסחר און פון אָנזאַמלען רייכטימער. מסחר און רייכטימער שאַפן שנאה און קנאה, גנבה און גזלה. פון שקלאַפעריי זאָגן זיי זיך אָפּ, דערציילט פילון פון די איסיים. שקלאַפעריי איז אַ פאַרברעכן קעגן די געזעצן פון דער נאַטור. גאָט האָט באַשאַפן אַלע מענטשן ווי ברידער, פריי איינער פון אַנדערן 11). די איסיים האָבן דעם פולסטן צוטרוי איינער צום צווייטן. ווען איינער פון זיי קומט אין אַ פרעמדן ישוב, ווערט ער אויפגענומען פון די מיטגלידער, ווי אַן אייגענער מענטש (ברודער).

פילון דערציילט אויך פון דער ערנסטער באַציאונג וואָס די איסיים האָבן צו דער תורה און צו זייער געזעצגעבער. ווי געטריי זיי לערנען די תורה

---

11) פון זייערע קאָנסטיטוציע־ביכער, פונעם „סרך היחד" מיטן „ברית דמשק", זעט זיך ניט אָן, אַז זיי זאָלן געווען האָבן פאַרבאָטן שקלאַפעריי. זיי פּראָפּאַגאַנדירן, אמת, ליבעראַלע געזעצן און אַ מילדערע באַציאונג צו שקלאַפן, ספּעציעל צו יידישע שקלאַפן (מ'טאָר, למשל, ניט פאַרקויפן אַ יידישן שקלאַף צו אַ ניט־ייד), (ברית דמשק יב' 11־10).

און ווי זיי פאַרטייטשן זי. גאָט זעען זיי ווי דעם האַר פון גוטס און גערעכ־טיקייט אויף דער וועלט.

אייניקע פון די מנהגים, פון די עטישע באַגריפן און פון די פיינע מידות, וואָס פילון שרייבט צו צו די איסיים, זיינען פאַרצייכנט אין זייערע „סרכים", די קאָנסטיטוציע־ביכער, ווי דער „סרך היחד" און די „מגילת ברית דמשק". אַנדערע פון די גוטע מידות וואָס פילון שרייבט צו דער סעקטע, וואָרצלען, ווייזט אויס, מער אין זיין, פילונס, אייגענער פאַנטאַזיע, ווי אין דער ווירקלעכקייט. פילון, דאַרפן מיר ניט פאַרגעסן, פּראָפּאַגאַנדירט די אַלע גוטע, עטישע מידות און מנהגים, און האָט זייער אָפּשטאַם צוגעשריבן צו דער יידישער תורה. עס קאָן זייער געמאָלט זיין, ווי אייניקע געלערנטע זיינען זיך משער, אַז פילון האָט קיינמאָל ניט באַזוכט די סעקטע, און האָט געשריבן וועגן זיי ניט פון דער ערשטער האַנט.

## ז. יאָזעפוס פלאַוויוס

דער וויכטיקסטער עדות פון די איסיים און פון זייערע מנהגים, איז דער היסטאָריקער יאָזעפוס פלאַוויוס, וואָס האָט איבערגעלאָזט עטלעכע באַשריי־בונגען פון די עסענער, צעוואָרפן אין צוויי פון זיינע הויפט געשיכטע ביכער: „די יידישע מלחמה" און די „אַלטערטימער".

דעם היסטאָריקערס יידישער נאָמען איז געווען יוסף בן מתתיהו הכהן. ער האָט געלעבט אינעם 1טן י. ה. אונ. צייט. פון אַרום דעם יאָר 40 ביז אַרום דעם יאָר 95 אונ. צייט. אין זיין יוגנט, דערציילט ער וועגן זיך, האָט ער געלערנט תורה ביי איינעם פון די עסענער. צו 19 יאָר האָט ער פאַרלאָזן די פרומע איסיים. בעתן גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים, איז ער געווען אַן אָנ־פירער אין דער יידישער אַרמיי. ס'איז אים איבערגעגעבן געוואָרן צו פאַר־טיידיקן אַ וויכטיקן סעקטאָר פונעם פראָנט, דעם גליל. ער דערציילט וועגן זיך אָפן, אַז ער האָט פאַרראַטן די יידישע אַרמיי, און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון רוימישן גענעראַל אספסינוס, כדי לעבן צו בלייבן.

די געשיכטע פון דער מלחמה האָט ער פאַרענדיקט עטלעכע יאָר נאָכן פאַרלאָרענעם קריג. ער האָט זי אָנגעשריבן פון שטאַנדפונקט פון די רוימישע זיגער. ביי די רוימער האָבן אַלע מלחמות וואָס זיי האָבן געפירט, געקראָגן די נעמען פון די לענדער אָדער פעלקער וואָס זיי האָבן באַזיגט. זייערע מלחמה ביכער האָבן זיך גערופן: „די פונישע מלחמות", די „גאַלישע מלחמות" א. אַז. וו.. יאָזעפוס האָט זיין מלחמה בוך אויך אַ נאָמען געגעבן: „די יידישע

מלחמה״. דאָס בוך האָט ער, לויט דער מיינונג פון אַ סך היסטאָריקער, געשריבן אין אַראַמעאיש, עס איז שפּעטער איבערזעצט געוואָרן אין גריכיש.

דורך די מערסטע קאַפּיטלען קומען די זיגרייכע רוימער אַרויס געדעכט און העלדיש, גוט אָרגאַניזירט און צילבאַוואוסט. די יידישע קריגער, כאָטש ניט איינגאַנצן נעגאַטיוו, און צייטנווייז זייער העלדיש, קומען ביי אים אַרויס, ניט אָרגאַניזירט, שטאַרק צעריסן צווישן זיך, אומפּעאיק און אומטאַקטיש, און דער עיקר, זיי האָבן לכתחילה ניט געטאָרט אָנהייבן דעם קריג, און ווען אָנגעהויבן, האָבן זיי געדאַרפט ווייסן ווען צו ענדיקן די מלחמה, איידער ס׳איז געקומען דער פולשטענדיקער חורבן.

ווען יאָזעפוס באַשרייבט די לאַגע אין לאַנד, דערציילט ער באריכות פון די פאַרשיידענע גרופּן און פּאַרטייען. אַ באַזונדער באַשרייבונג, און מיט אַ היפּש ביסל איינצלהייטן, גיט ער אָפּ דער גרופּע עסענער, זייערע גלויבונגען, זייערע מידות און מנהגים. ער האַלט פון זיי זייער אַ סך און דערציילט פון זיי, ווי פילון, נאָר גוטס.

פון די פּרושים און צדוקים, דערציילט פלאַוויוס, זיינען די עסענער געווען אַנדערש דער עיקר מיט דעם, וואָס בשעת די צדוקים האָבן געגלויבט, אַז דער מענטש האָט אַ פרייען אויסוואַל צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס, און איז אין גאַנצן ניט אָפּהענגיק פונעם גורל, און די פּרושים האַלטן, אַז אַ מענטש האָט טאַקע אַ פרייען אויסוואַל צו טאָן גוטס און שלעכטס, אָבער זיין גורל איז יאָ אָפּהענגיק פון דער אויבערשטער השגחה, האַלטן די עסענער, אַז אַלץ איז שוין פאַטאַל באַשטימט פון פאַרויס. דער מענטש האָט ניט קיין ברירה צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס — אַלץ ווערט געטאָן מיט דעם ווילן פון גאָט.

פון זייערע מידות און מנהגים, דערציילט יאָזעפוס, אַז זיי זיינען זייער פרום. זיי פירן זיך אויף אַסקעטיש. זיי שטייען אויף פאַרטאָג, און רעדן ניט אויס קיין וואָרט פאַרן טובלען זיך און פאַרן דאַוונען. די געזעצן פון שבת רו, זיינען ביי זיי די סאַמע שטרענגסטע. זיי גייען אפילו אין גאַס ניט אַרויס אום שבת. זיי האַלטן זייער הייליק די תורה, דעם „שם״ (גאָטס נאָמען), און אויך דעם נאָמען פון משה רבינו.

זיי גלויבן אין השארת הנפש (אַז נאָכן טויט פון גוף בלייבט די אומשטערבלעכע נשמה); זיי גלויבן, אַז ווען מ׳איז הייליק און פרום געעניג, ווערט מען באַשאָנקען פון גאָט מיט דער מתנה צו פאַרשטיין די פאַרבאָרגענע סודות פון דער תורה, און מ׳קאָן דורך זיי פאָרויסזאָגן, ווי די נביאים, וואָס ס׳וועט זיך טרעפן שפּעטער.

יאָזעפוס גיט צו: „זייער זעלטן אַז זיי טרעפן ניט״.

דער געשיכטלער דערציילט מיט אַ סך איינצלהייטן ווי זיי האַלטן זיך ריין, היגיעניש. ווי ס׳איז ביי זיי פאַרבאָטן צו שפייען אויף דער ערד צווישן מענטשן; ער דערציילט פון זייערע אָפטע טבילות — פאַר יעדן עסן, און נאָך יעדער מענטשלעכער באַדערפעניש, און ווי יעדער טראָגט מיט זיך אַ קליינעם גראָב־אייזן צו פאַרשיטן די אומריינקייט.

זיי גייען אַוועק אַרבעטן גאַנץ פרי, נאָכן טובלען זיך און תפילה טאָן, אַרבעטן אַפּ אַרום 5 שעה, קומען זיך צוזאַמען אין דעם אַלגעמיינעם „הויז״, טובלען זיך, טוען זיך אָן אין ווייסן און גייען אַריין שטילע און גערולדיקע אין עס־צימער, זעצן זיך אויס לויט זייערע שטאַנדן אין דער ריי, און קריגן צו־געטראָגן יעדער זיין לאַבן ברויט מיט אַ טעלער געקעכטס. זיי וואַרטן גע־דולדיק ביז דער כהן בענטשט דאָס ברויט, און ביים עסן הערשט אַ טיפע שטילקייט. נאָך דעם וואַרטן זיי געדולדיק ביז דער כהן בענטשט נאָכן עסן. „די סעודה״, באַמערקט יאָזעפוס, „הייבט אָן אויסקוקן ווי אַ סודותדיקע גאָטעס דינסט״.

נאָכן עסן טוען זיי אויס די ווייסע קליידער, און צוריק אין זייערע אַר־בעט־קליידער גייען זיי צו זייער אַרבעט. פאַרנאַכט קומען זיי זיך ווידער צוזאַמען צו דער טבילה און צום הייליקן מאָלצייט.

זיי באַהערשן שטאַרק זייערע עמאָציעס. כעס האַלטן זיי פאַר אַ גרויס פאַרברעכן. זיי קאָנען אויך רואיק איבערטראָגן גרויסע יסורים. יאָזעפוס דערציילט, אַז ווען די רוימער האָבן זיי געצוואונגען פאַרזוכן טרפה, אָדער שעלטן גאָטס נאָמען, האָבן זיי געדרן איבערגעטראָגן אַלערליי פייניקונגען, און טויטלעכע אַנגסטן, אַפילו געלאַכט די מערדער אין פּנים אַריין און זיך ניט אונטערגעגעבן. זיי גלויבן, אַז נאָכן טויט, וועלן זיי באַלוינט ווערן אויף יענער־וועלט פאַר די יסורים וואָס זיי האָבן געליטן פאַר גאָט און פאַר זיין תורה.

אַ מערהייט זייערע האַלטן זיך צוריק פון חתונה האָבן. די וואָס האָבן יאָ חתונה, קומען זיך צונויף מיט זייערע ווייבער נאָר צוליב קינדער האָבן, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: „פרו ורבו״... אַזוי שנעל ווי די פרוי פאַרשווענגערט וועלן זיי זיך צו איר מער ניט צורירן.

זיי לעבן קאָמוניסטיש. ניטאָ ביי זיי קיין רייכע און קיין אָרעמע. אַ נייער מיטגליד, דאַרף ביים אַריינקומען אין זייער געזעלשאַפט, צעטיילן אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, אַלעמען אַ גלייכן חלק, איז ער שוין במילא ניט רייכער און ניט אָרעמער פון קיינעם. אויב ער האָט פריער פאַרמאָגט ניט קיין באַוועגלעך אייגנטום, דאַרף ער עס פאַרקויפן, און דאָס געלט צעטיילן. אויב

ער פאַרבאָרגט עפּעס און באַהאַלט עס פאַר זיך בעתן אַריינטרעטן ווי אַ מיטגליד, איז עס אַ גרויסע זינד, און ער ווערט שטרענג באַשטראָפט דערפאַר לויטן קאָדעקס.

אַן אַרבעטער, אַ שכיר יום, דאַרף זיינע שכירות אַוועקגעבן דעם אויפזעער. דאָס איז אַן אויסגעקליבענער וואָס פירט אָן מיט דער באַלעבאַטישקייט פון דער גרופּע.

ווי פילון פון אַלעקסאַנדריע, דערציילט אויך יאָזעפוס פון 4000 מיטגלידער, אין דער איסיים פּאַרטיי, און זיי וואוינען אין גרופּן אין אַ סך ישובים. ווען איינער פון זיי באַזוכט אַ פרעמדן ישוב, דאַרף ער מיט זיך גאָרניט מיטנעמען. זיינע גרופּע־מיטגלידער נעמען אים אויף ווי אַן אייגענעם ברודער. ער קריגט שפּייז און קליידער, נאַכטלעגער און אַלץ וואָס ער דאַרף. ווי פילון, דערמאָנט אויך פלאַוויוס ניט דעם ישוב אין דער מדבר לעבן ים המלח.

זיי זיינען קעגן האַלטן שקלאַפן און באַדינער, ווייל דאָס ברענגט צו רשעות און צו זינד 12). ביים אַריינטרעטן אין דער גרופּע ווערט אַ מיטגליד אויסגעפּרואווט פולע דריי יאָר 13). דורך דער צייט דאַרף ער אויס־

12) ווי שוין געזאָגט פריער, איז אין ערגעץ אין זייערע שריפטן ניט פאַראַן קיין פאַרבאָט קעגן שקלאַפעריי. אַזעלכע באַמערקונגען ווי די, פון יאָזעפוס און פון פילון האָבן אַרויסגעפירט אַנדערע פאָרשער אויפן געדאַנק, אַז ניט פלאַוויוס, און אַוודאי ניט פילון, זיינען געווען באַקאַנט מיט די חסידים איסיים פון דער ערשטער האַנט, און אַז ביידע האָבן נאָכקאָפּירט די אינפאָרמאַציע פון איין קוואַל, פון וועלכן מיר האָבן קיין אַנונג ניט.

מ׳קאָן גרינג איינשטימען מיט די, וואָס צווייפלען אין פילונס דירעקטער באַקאַנטשאַפט מיט די איסיים. וואָס איז שייך פלאַוויוסן, איז אוממעגלעך זיך פאָרשטעלן, אַז ער זאָל זיך ניט געווען האָבן באַגעגנט מיט די גרופּן חסידים, וואָס האָבן לויטן עדות זאָגן פון די מגילות, געוואוינט אין אַ סך ישובים אין לאַנד. דעם קומראַן אַדרעס פון די „עסענער" האָט יאָזעפוס אין ערגעץ ניט אָנגעגעבן. מעגלעך אַז ער האָט אים קיינמאָל ניט באַזוכט. כאָטש אַזאַ זאַך איז אויך שווער צו גלויבן. איין זאַך קאָן מען אָננעמען אויף זיכער, אַז דער געשיכטלער האָט געהאַט פאַר זיך אַ קאָפּיע פון דעם „סרך היחד" בשעת ער האָט געשריבן וועגן זיי. לויט ווי ער „געדענקט" די מערסטע פונקטן פון דער שבועה (ביים אַריינגעמען אַ נייעם מיטגליד) לייגט זיך אַזאַ זאַך אויפן שכל.

בכלל טאָרן מיר ניט פאַרגעסן, אַז זיינע געשיכטע־ביכער, צוזאַמען מיט דער אינפאָרמאַציע וועגן די „איסיים" האָט יאָזעפוס אָנגעשריבן עטלעכע יאָר נאָכן חורבן פונעם לאַנד, ווען ס׳איז שוין ניט געווען ניט קיין קומראַן צענטער, ניט קיין חסידים איסיים אין לאַנד, און ניט קיין לאַנד יהודה אינגאַנצן. ער, פלאַוויוס, האָט שוין דאַן געלעבט רואיק אין רוים, אונטערן חסד פון רוימישע אָדער גריכישע מעצענאַטן, וואָס האָבן אים אויסגעהאַלטן און געהאָלפן אַרויסגעבן זיינע ביכער.

13) דער „סרך היחד" דערציילט פון צוויי יאָר אויספּרואוו־צייט, ניט פון דריי.

פילן אַלע פאַרפליכטונגען ווי די אַלטע מיטגלידער פון דער גרופּע, כאָטש צו זייערע „עצהס״ (באַראַטונגען) ווערט ער ניט צוגעלאָזן און אויך ניט צו זייערע געמיינזאַמע הייליקע מאָלצייטן — עסן האָט ער געדאַרפט באַזונ־דער.

צווישן די געבאָטן וואָס זיינען געווען אָנגענומען ביי די איסיים, איז אויך געווען דער אָנזאָג צו האַלטן וואָרט, און קיינמאָל זיך ניט שווערן. איין שבועה האָט ער יאָ געמוזט געבן, זייער אַ שטרענגע שבועה אויך, דאָס איז געווען ביים אָנגענומען ווערן ווי אַ מיטגליד. דער היסטאָריקער רעכנט טאַקע אויס די פּונקטן פון דער שבועה. דער נייער מיטגליד האָט געדאַרפט צוזאָגן, אַז ער וועט אָפּהיטן אַלע גאָטס געבאָט. ער וועט אָפּהיטן גערעכטיקייט און וועט קיינעם קיין שלעכטס ניט טאָן, אַפילו אונטער צוואַנג. ער וועט אַלע מאָל פיינט האָבן די רשעים און העלפן די גערעכטע. ער וועט אָפּהיטן דעם דרך־ארץ פאַר די עלטסטע און פאַר די פירער פון דער גרופּע. אויב ער וועט אַליין קומען צו דער פירערשאַפט, וועט ער ניט מיסברויכן זיין אַמט. ער וועט זיך ניט האַלטן גרויס, ניט מיט זיין אויפפירן זיך, ניט מיט זיינע קליידער. ער וועט אַלע מאָל פאַרטיידיקן דעם אמת. ער וועט זיך האַלטן ריין און אָרנטלעך, און וועט קיינמאָל ניט גענביסן פון ניט קיין ערלעכן געפינס. ער וועט קיינמאָל ניט האָבן קיין סודות פון זיינע עלטסטע, און וועט האַלטן שטרענג פאַרבאָרגן די סודות פון דער גרופּע, ניט אַרויסגעבן זיי אַפילו אונטער דראָאונג פון טויט. ער זאָגט צו אָפּהיטן די ספרים פון דער גרופּע און זיי האַלטן ריין.

אַלע פּונקטן פון דער שטרענגער שבועה וואָס ס׳רעכנט אויס יאָזעפוס פלאַוויוס, ווערן אויך אויסגערעכנט אינעם קאָדעקס פון דער סעקטע איסיים, אין דער מגילה, „סרך היחד״. ווי ס׳זעט אויס, איז דער היסטאָריקער געווען באַקאַנט מיט דעם געזעץ בוך. מיר קאָנען אויך גרינג אָננעמען די השערה, אַז בשעת פלאַוויוס האָט געשריבן די געשיכטע, האָט ער געהאַט פאַר זיך דעם ספר.

## ח. די „כתים״

אַ וויכטיקער שטרייט־פּונקט אַרום וועלכן ס׳האָבן זיך אַנטוויקלט שאַרפע חלוקי־דעות צווישן די געלערנטע די ערשטע פאַר יאָר נאָכן פאַרעפנטלעכן די מגילות, איז געווען דער נאָמען פון אַ פאָלק, „כתים״, וואָס איז אָפט דערמאָנט אין דער מלחמה מגילה, אין „פשר חבקוק״ און אין פראַגמענטן

פון נאָך אייניקע מגילות. אייניקע געלערנטע האָבן געהאַלטן, אַז אומעטום, וואו ס'איז דערמאָנט געוואָרן „כתים" אין די מגילות, האָט דער מחבר אין זינען געהאַט די גריכן, ווייל כתים, אין תנ"ך האָט געמיינט גריכן. אייניקע מאָל איז דאָס וואָרט „כתים" אין תנ"ך פאַרבונדן מיטן וואָרט „איים", וואָס מיינט אינדזלען, און די גריכן קומען דאָך פון די אינדזלען.

אין חשמונאים א', באַלד אין אָנהייב, דערציילט זיך פון אַלעקסאַנדער מוקדון: „...דאָס איז אַלעקסאַנדער, דער זון פון פיליפ, וואָס איז אַרויס פון כתים־לאַנד". און אין קאַפּיטל 8 פון זעלבן בוך ווערן די גריכישע קעניגן פיליפ און זיין זון ווידער אַמאָל אָנגערופן: „קעניגער פון די כתים" 14).

אַנדערע געלערנטע האָבן געהאַלטן, אַז ניט אַלע מאָל זיינען די כתים אין די אַלטע מגילות גריכן, אַז אין די ביכער וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין אַ שפּעטערן פּעריאָד, האָט מען דעם נאָמען „כתים" צוגעקלעפּט אויך צו די רוימער. אין תנ"ך ספרים וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן יאָרהונדערטער פריער, איידער די רוימער האָבן זיך באַוויזן אויף דער וועלט־אַרענע, איז טאַקע „כתים" געווען דער נאָמען פון די גריכן. די לעצטע 130 יאָר פאַרן סוף פון דער יידישער מלוכה איז יהודה געווען אונטער דער הערשאַפט, ניט פון די גריכן, נאָר פון די רוימער. די פאַרפאַסער פון די מגילות, ספּעציל די וואָס האָבן געלעבט די לעצטע 130 יאָר, די האָבן אָן שום ספק געהאַט צו טאָן מיט די רוימער, און האָבן אַוודאי זיי אין זינען געהאַט. ווען זיי האָבן די רוימער דערמאָנט אין די מגילות, האָבן זיי דאָס פאָלק באַצייכנט ווי איינוואוינער פון די אינדזלען, ווי כתים.

די פּראָבלעם איז אַזוי אַרום רעדוצירט געוואָרן צו דער דאַטע, און איז געוואָרן אַ טייל פון דעם קאַמף פון דער דאַטע. ווען איז דער ספר פאַרפאַסט געוואָרן? די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די כתים מיינען גריכן, האָבן אויך געהאַלטן אַז די מגילה איז אַן עלטערע. די אָנהענגער פון געדאַנק, אַז כתים

---

14) אין בראשית י', 4, זאָגט זיך: „... ובני יון, אלישה ותרשיש כתים ודדנים". (אַגב, אין דברי הימים ווערט דער זאַץ גענוי איבערגעחזרט, און אָנשטאָט דדנים שטייט דאָרט רדנים).

אַחוץ אין בראשית, ווערן „כתים" דערמאָנט נאָך אַ סך מאָל אין תנ"ך. דער אַראַמעאישער תרגום איבערזעצט מערסטע מאָל כתים אויף גריכן. דאָס זעלבע טוט דער תרגום השבעים אויף גריכיש (נאָר אַ פּאָר מאָל זעצט די סעפּטואגינט איבער כתים אויף „רוימער"). איינער פון די וויכטיקסטע אַפּאָקריפן, דער „ספר היובלים" רופט אויך אָן די מאַקעדאָניער „כתים", און מיר ווייסן, אַז דער „ספר היובלים" איז פאַרפאַסט געוואָרן אין לעצטן דריטן פון צווייטן י. ה' פאַר אונ. צייט.

— מיינט די רוימער — זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז דער ספר איז ייִנגער מיט אַזעלכע 100 יאָר.

געלערנטע האָבן זייער פּאָזיטיוויק שטודירט די באַטרעפנדע מאַנו־סקריפּטן, געזוכט אין זיי אַ מינדסטע אָנדייטונג, אַ וואָרט, אַ פראַזע וואָס קאָן „אויסזאָגן" אין וועלכן פּעריאָד אַ ספר איז פאַרפאַסט געוואָרן. די „פּשרים" 15) האָבן דאָך פון די פּסוקים אין די אַלטע הייליקע שריפטן אַרויסגעדרונגען געשעענישן פון „היינט", פון זייער היינט, פאַרשטייט זיך. ערגעץ וואו האָבן זיי דאָך אין דעם ספר זיך געמוזט אַרויסגעבן מיט געשעענישן פון זייער היינט. לאָמיר דערפאַר זען, וואָס זאָגט זיך אין די „פּשרים"־מגילות וועגן די כתים. אין פּשר חבקוק ווערט וועגן זיי דערציילט אַזוי:

„...די כתים זיינען דאָס קריגערישע פאָלק וואָס קומט אָן (אָדער, וואָס איז שוין אָנגעקומען) פון יענער זייט ים"... „זיי וואַרפן אָן אַ שרעק איבער דער גאַנצער וועלט"... „די כתים וואָס צעטרעטן דאָס לאַנד מיט זייערע פערד און בהמות, זיי קומען פון דער ווייט, פון די אינדזלען פון ים, פרעסן אויף אַלע פעלקער, ווי די אָדלער וואָס זעטיקן זיך קיינמאָל ניט אָן"... „זיי רעדן מיט צאָרן, מיט כעס אַרונטער צו אַלע פעלקער"... „זיי שפּאָטן פון אַלעמען, פון הערשער און פון קעניגער, פון גאַנצע פעלקער"... זיי בייטן אָפּט זייערע הערשער, וואָס קומען שנעל, איינער נאָך דעם אַנדערן צו פאַרדאַרבן און באַראַבעווען דאָס לאַנד"... „זיי הרגענען מאַסן מיטן שווערד, יונגע און אַלטע, פרויען און קינדער, און אַפילו אויף קליינע עופהלעך האָבן זיי קיין רחמנות ניט".

אָט די און נאָך אַזעלכע אָנצוהערענישן קאָן מען טאַקע אָנמעסטן אויף די רוימער פון יענער צייט מער ווי אויף עמעצן אַנדערש. ס'איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַ פאַרפאַסער פון די איסיים, זאָל אין אַ פריערדיקער צייט, ניט געווען האָבן געזען די גריכן פון סיריע, די חיילות פון אַנטיוכוס עפּיפאַנוס, אין דעם זעלבן ליכט, און זיי פונקט אַזוי געווען מאָלן. שטאַרק זיכער, אַז דאָ מיינט מען דווקא די רוימער, האָט מען ניט געקאָנט זיין. אַ „פּשר" פון איין פּסוק (חבקוק א' 16) האָט געהאָלפן אָפּוואַרפן די ספקות. ווען דער נביא חבקוק זאָגט: „...על כן יזבח לחרמו ויקטר למכמרתו", וואָס יהושע זעצט איבער, „דאַרום שלאַכט ער צו זיין נעץ, און רייכערט צו זיין פאַנג נעץ", פאַרטייטשט דער מחבר פון פּשר אַזוי: „פּשרו, — דאָס מיינט, די וואָס ברענגען קרבנות צו זייערע אַרמיי־צייכנס, און צו זייערע געווערן

15) וועגן די „פּשרים", זע פריער, קאַפּיטל 5.

דינען זיי ווי צו געטער". דיופּאָן סאָממער, פּראָפ. פון העברעאיש אין סאָר־באָן, האָט באַלד, אין זיין ערשט ביכל איבער די מגילות (אַרויסגעגעבן נאָך אין 1950) אָנגעוויזן, אַז דאָ האָט דער פּראָפעסאָר געמוזט אין זינען האָבן די רוימער, ווייל ס'איז באַקאַנט, אַז נאָר זיי און ניט קיין אַנדערע האָבן פאַר־געטערט זייערע געווערן און אַרמיי־צייכנס. די השערה איז באַלד אונטער־שטיצט געוואָרן פון י. ידין, וואָס האָט שטודירט די אַלטע רוימישע מלחמה־וויסנשאַפט, און די מערסטע געלערנטע האָבן מיט דער צייט געמוזט איינ־שטימען מיט זיי. נאָך שטעלן פון דער מלחמה מגילה, אויך אַזעלכע היס־טאָרישע אָנצוהערענישן, האָבן געהאָלפן איבערוועגן אין דער זייט פון די רוימער. ווי פּראָפ. ידין ווייזט אָן, איז די אַרמיי־אָרגאַניזאַציע און די מלחמה־סטראַטעגיע פון דער טעאָרעטישער, עסכאַטאָלאָגישער מלחמה אינעם אַלטן מאַנוסקריפּט, זייער שטאַרק ענלעך צו דער מלחמה־וויסנשאַפט פון די רוימער פון יענער עפּאָכע. דערצו איז דאָך ניט מעגלעך זיך פאָרשטעלן, אַז די איסיים פאַרפאַסער זאָלן געווען איגנאָרירן די רוימער, און ניט דערמאָנען זיי אין זייערע ספרים אַלע 130 יאָר וואָס דאָס לאַנד יהודה איז געווען אונ־טער רוימישער הערשאַפט (פון 63 פאַר אונ. צייט. ביז 70 אונ. צייט).

מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז פּונקט ווי אין תנ"ך, אַזוי אויך אין די ספרים וואָס די סעקטאַנטן פון קומראַן האָבן אַליין פאַרפאַסט, האָט ניט געקאָנט זיין קיין וויסנשאַפטלעך אויסגעהאַלטענער, אָדער קלאָר באַשטימטער נאָמען פון ווייטערע געאָגראַפישע פּונקטן אָדער פעלקער. כתים אין תנ"ך איז טאַקע געווען דער נאָמען פון גריכן. אַ פאָלק וואָס לעבט ערגעץ אויף די ווייטע אינדזלען. די רוימער קומען אויך פון ווייטע אינדזלען, פון זעלבן „גרויסן ים". אַמווייניקסטן פון אַלע זיינען אונדזערע סעקטאַנטן געווען וויסנשאַפטלעך אויסגעהאַלטן. ווען מיר ווען נאָך צוגעבן, אַז זיי האָבן זיך אויסגעהיט אָנ־צורופן זאַכן ביים נאָמען, און אַז זיי האָבן אָפט גערעדט מיט אַן אַלעגאָרישער שפּראַך, מיט רמזים און מיט מליצה, איז קלאָר אַז זיי האָבן געקאָנט נוצן דעם נאָמען „כתים" סיי פאַר די גריכן און סיי פאַר די רוימער.

די חלוקי־דעות צווישן די געלערנטע איבער דעם מיין פון „כתים", איז שוין כמעט אינגאַנצן אַראָפּ פון די זייטן אין די וויסנשאַפטלעכע זשור־נאַלן. דאָ און דאָרט הערט מען נאָך היינט אויך אַן אַנדער מיינונג, אָבער מ'שענקט שוין ווייניק אויפמערקזאַמקייט צו די זייטיקע השערות. די גרויסע מערהייט געלערנטע איז איינשטימיק, אַז דאָס קריגערישע פאָלק, די כתים פון „פשר חבקוק" און פון דער מלחמה מגילה — די וואָס קומען אָן פון די

אינדזלען פון יענער זייט ים, און „פרעסן אויף" גאַנצע פעלקער — דאָס זיינען באַשטימט די רוימער מיט זייערע לעגיאָנען, וואָס האָבן באַזיגט די גאַנצע דעמאָלטיקע וועלט, באַהערשט אויך דעם נאָענטן מזרח, איינגעשלאָסן אויך דאָס קליינע לאַנד יהודה.



דריי אויסגעטריקנטע כלים פון טינט, פון ליים און פון בראָנז. (דער מיטלסטער איז פון בראָנז).

## קאַפּיטל 7

# דער מורה צדק, דער כהן הרשע און דער אָפּשטאַם פון די חסידים

### א. דער מורה צדק

ווען מיר באַטראַכטן דעם אינהאַלט פון די מגילות און זוכן אין זיי אָנצוהערעניש און סימנים, אויסצוגעפינען גענוי די דאַטע, ווען, און די אורזאַכן, פאַרוואָס אַ גרופּע חסידים האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן און געוואָרן אַן אָפּאָזיציע קעגן דער אָפיציעלער פירערשאַפט פון לאַנד, אַוועק אין מדבר, זיך אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערער סעקטע, מיט אַנדערע געזעצן און מנהגים, טרעפן מיר זיך אָן אין זייערן אַ פירער, אַ וועג־ווייזער, וועמען זיי רופן אָן אין די מאַנוסקריפטן „מורה צדק“, לערער פון גערעכטיקייט (אָדער — דער גערעכטער לערער).

דער אמתער נאָמען פונעם מורה צדק איז פון אונדז פאַרשטעלט. ביז היינטיקן טאָג ווייסן מיר ניט גענוי, ווער ער איז געווען. סימנים וועגן אים ווערן אָנגעגעבן ניט ווייניק. דער עיקר דערציילט זיך אין די מגילות, ווי ער איז אויסגעשטאַנען פאַרפאָלגונגען פון זיין קעגנער, זיין הויפּט שונא, דעם כהן הרשע (אָדער דעם מאַן פון ליגן), וועמעס נאָמען מיר ווייסן אויך ניט גענוי.

פאַר אונדז שטייט אַזוי אַרום די אויפגאַבע צו דערגיין פון די מאַנוסקריפּטן דעם סוד, ווער כאָטש איינער פון די צוויי פערזענלעכקייטן איז געווען, כדי צו דערוויסן זיך גענוי די צייט, ווען ער האָט געלעבט, און אפשר אויך דעם סוד, ווי אַזוי די סעקטע איז אַנטשטאַנען.

לאָמיר זען וואָס עס דערציילט זיך אין די מגילות וועגן מורה צדק.

אינעם ספר „ברית דמשק“, וואָס פון אים האָבן זיך אויפגעהיט פראַגמענטן פון אַ סך קאָפּיעס אין הייל נומ. 4, און צוויי קאָפּיעס אין דער קאַיראָ גניזה,

דערציילט זיך וועגן דעם מורה צדק און וועגן דעם אָנהייב פון דער סעקטע, אָט וואָס:

„...און אַז ס׳איז געוואָרן 390 יאָר 1) זינט גאָט האָט זיי, פאַר זייערע זינד, „איבערגעגעבן אין די הענט פון נבוכדנצר, דעם קעניג פון בבל, האָט ער זיך אין זיי דערמאָנט, און פאַרפלאַנצט פון ישראל און אהרון אַ וואָרצל אויסצוואַקסן, כדי צו ירשנען זיין לאַנד און פעט ווערן פון גוטס פון זיין ערד. זיי האָבן באַגריפן אַז זיי זיינען זינדיקע און שולדיקע מענטשן. זיי זיינען געווען ווי בלינדע, וואָס האָבן געטאַפּט דעם וועג אין דער פינצטער 20 יאָר, ביז גאָט האָט זיך צוגעקוקט צו זייערע מעשים, געזען, אַז זיי זוכן אים מיטן גאַנצן האַרצן, האָט ער אויפגעשטעלט אַ מורה צדק, זיי מדריך זיין אינעם וועג פון זיין האַרצן". (ברית דמשק, א׳ 12-5).

אין דער מגילה „פשר חבקוק" ווערט דער מורה צדק אויך דערמאָנט עטלעכע מאָל. דאָרט דערציילט זיך פון אים אָט וואָס:

„די טיראַנען וואָס האָבן דעם בונד מיט גאָט צעשטערט, זיי גלויבן ניט, ווען זיי הערן פונעם כהנס מויל, וואָס ס׳קומט אויף זיי אין די לעצטע טעג. דער כהן, וואָס גאָט האָט אים געשענקט פאַרשטאַנד אין זיין האַרצן,

---

1) די צאָל „390 יאָר", איז אַ פיקטיווע, אָדער בעסער געזאָגט, אַ סימבאָלישע, און איז נאָכקאָפּירט פון יחזקאל ד׳ 5. דער אמת איז, אַז פון דעם יאָר 586, זינט גלות־בבל, ביז דעם אַנטשטיין פון דער סעקטע, ד. ה. ביז אַרום די יאָרן 145-135 פאַר אונ. צייט, האָט געדויערט ווייניקסטנס אַרום 450 יאָר. דער פרואוו פון אייניקע געלערנטע צו נעמען ערנסט די צאָל 390, אין די קינסטלעכע אין המצאהדיקע איינפאַלן און חשבונ׳ת פון צו־לייגן און אַראָפּנעמען, כדי ס׳זאָל זיך באַקומען די ריכטיקע צאָל „390", איז, מילד גערעדט, אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. (זע:
Millar Burrows: "Dead Sea Scrolls", 1955, pp. 195-200).

מיר וועלן זיין אַ סך נעענטער צום אמת, ווען מיר וועלן זיך האַלטן ביי דער מיינונג, אַז ווייניקער פון אַלץ, זיינען די מחברים פון די מגילות געווען וויסנשאַפטלעך אויסגע־האַלטן. דער ציפער „390" האָט דאָ נאָר געדינט צו איבערצייגן זיך און דער גרופע, פריינט און שונאים, אַז:

א) יחזקאל איז געווען אַ גרויסער נביא. ער האָט גענוי פאָרויסגעזאָגט אַזוי פיל דורות אין פאָרויס וואָס עס וועט זיך טרעפן. זיין איינשטעלן די חזקה פאַר דער כהונה גדולה, אַז זי זאָל גיין נאָר צו די בני צדוק, איז גאָטס וואונטש און אַ מוז, וואָס טאָר ניט אָפּגעפרעגט אָדער געענדערט ווערן;

ב) מיט די 390 יאָר האָט ער טאַקע זיי, נאָר זיי, די חסידים אַליין געמיינט, און

ג) דער „באחרית הימים" הייבט זיך אָן אָט איצט, צום סוף פון די 390 יאָר. אַ קלאָ־רער באַווייז, אַז „די צייט ענדיקט זיך" שוין איצט, אין „אונדזערע" טעג.

צו אַנטפּלעקן די סודות פון די נביאים, צו דערוויסן זיך אַלץ וואָס ס׳וועט זיך טרעפן מיט זיין פאָלק אין די קומענדיקע טעג...״ ((פשר חבקוק ב׳ 5־10).

אינעם זעלבן פשר חבקוק זאָגט זיך:

„...דאָס מיינט מען די ווידערשפּעניקע מענטשן, וואָס האַלטן מיטן מאַן פון ליגן. זיי גלויבן ניט, אַז דער מורה צדק פאַרטייטשט (די הייליקע שריפטן) פון גאָטס מויל. זיי פעלשן אין גאָטס געזעצן און אינעם בונד (דעם ברית חדשה), ווייל זיי גלויבן ניט אין אַ בונד מיט גאָט, און זיינען מחלל זיין הייליקן שבת״ (פשר חבקוק ב׳ 1־4).

אין אַ פראַגמענט פון „פשר תהילים״, (קאַפּיטל 37), לייענען מיר:

„...פשרו, אפן כהן דעם מורה צדק, וואָס יהוה האָט אים באַשטימט אויפצובויען זיין אויסדערווײלטע עדה״. (פשר תהילים ל״ז — ג׳ 34־35).

ס׳איז קלאָר, אַז דער מורה צדק איז געווען אַ כהן. ס׳איז אויך קלאָר, אַז דאָ רעדט זיך בפירוש פון אַ פּערזאָן וואָס האָט אָרגאַניזירט און געפירט די סעקטע, איינער וואָס האָט דערפירט צו אַ „נייעם בונד״ מיט גאָט. דער מורה צדק איז אפשר מער פון עמעצן אַנדערש טאַקע דער, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שפּאַלטונג אין דעם קהל חסידים״ 2), און וואָס האָט דערפאַר געהאַט שונאים, ביטערע און אַ סך, שונאים וואָס האָבן אים געוואָלט טויטן, ווי ס׳דערציילט זיך טאַקע אינעם זעלבן פשר חבקוק.

„...פשרו, אפן כהן דעם רשע, וואָס האָט — פאַר די זינד וואָס ער האָט געזינדיקט קעגן דעם מורה צדק און זיינע מענטשן מיט פאַלשקייט, און גאָט האָט אים (דעם מורה צדק) ניט איבערגעגעבן אין די הענט פונעם רשע. אים, דעם רשע, האָט גאָט באַשטראָפט, ער האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון פרעמדע טיראַנען צו פייניקן״... (פשר חבקוק ט׳ 9־11).

---

2) אין ספר חשמונאים א. זעט זיך אָן אַ שפּאַלטונג אין דער חסידים פאַרטיי, פון די סאַמע ערשטע יאָרן, ווען די חשמונאים האָבן זיך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט. אין קאַפּיטל ב׳ 45, דערציילט זיך, אַז: „ויתקבצו אליהם רבים מחסידי בני ישראל. אַ גרופּע חסידים זיינען צוגעשטאַנען צו די קעמפער. ניט אַלע, נאָר אַ גרופּע. משמעות, אַז ס׳איז געווען אַ ניט־איינשטימיקייט. די אורזאַך פאַר דער ניט־איינשטימיקייט, איז אונדז אָפּיציעל ניט באַקאַנט. מיר האָבן אָבער אַ רעכט זיך משער זיין, אַז די חילוקי דעות זיינען געווען ריין רעליגיעזע, ווי, למשל, די פראַגע, צי מעג מען זיך שטעלן קעגן די מערדער אום שבת, מיט שווערדן אין די הענט. אַ צווייטן מאָל הערן מיר פון אַ חלוקי דעות אין זעלבן בוך (קאַפּ. 7, 13). דאָרט דערציילט זיך ווי חסידים און סופרים זיינען אַנטקעגן געגאַנגען און מקבל פּנים געווען דעם העלעניסט אליקום (אָדער אלקימוס), און אָנערקענט זים פאַר דעם כהן גדול איבער יהודה.

אין דער מגילה „הודיות״, די ביי אַנטדעקטע קאַפּיטלעך תהילים, וואָס דאָס רוב געלערנטע זיינען מיט דער מיינונג, אַז זיי זיינען פאַרפאַסט געוואָרן פון זעלבן מורה צדק, דאָרט ווערט מערערע מאָל איבערגעחזרט אַ לויב וואָס דער מחבר גיט צו גאָט, וואָס האָט אים געגעבן די פעאיקייט צו אַנטשיידן די סודות פון די הייליקע שריפטן, און פאַרשטייט זיך, אויך דערפאַר וואָס גאָט האָט אים געראַטעוועט פון די פאַרשווערונגען, וואָס זיינע שונאים, דער עיקר, דער כהן הרשע, האָבן געמאַכט קעגן אים. ער באַקלאָגט זיך אויף די שלעכטע קלאַנגען, די בילבולים, וואָס מ׳האָט אויף אים אויסגעטראַכט.

דעם מורה צדקס שונאים זיינען רשעים, בליעלס מענטשן, טיראַנען, מליצי כזב (ליגנער) און דורשי חלקות 3). נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל דערמאָנט ער די זינדיקע וואָס האָבן צעשטערט דעם בונד מיט גאָט, און ווי זיי וועלן געשטראָפט ווערן ווען „דער טאָג״ וועט קומען. אים, דעם מורה צדק, האָבן זיי מיט פאַלשקייט און מיט רשעות „פאַרשטויסן פון מיין לאַנד ווי אַ פויגל פון זיין נעסט״, און — „אַלע מיינע פריינט האָבן מיך פאַרלאָזן. מיך האָט מען שוין געהאַלטן פאַר אַ צעבראָכענער כלי״ (הוד. ד׳ 11־8). גאָט האָט אָבער דעם גלויביקן אַרויסגעפירט פון אַלע נעצן, און „האָסט ניט פאַרשמירט מיט חרפה די פנימער פון די, וואָס האָב מיר (דעם מורה צדק) נאָכגעפאָלגט שליסן אַ בונד מיט גאָט״ (הודיות, ד׳ 24־23).

די אַלע סימנים און אָנצוהערענישן וואָס ווערן אָנגעגעבן אין די מגילות, האָבן געוויסע ענלעכקייטן און האָבן זיך טיילוויז געקאָנט צופּאַסן צו געוויסע געשיכטלעכע פּערזאָנען, באַקאַנטע פון יאָזעפוס פלאַוויוס און פון אַנדערע אַלטע געשיכטע־קוואַלן. אַ סך געלערנטע האָבן זיך טאַקע אָפּגעשטעלט אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער געשיכטלעכער פּערזאָן און אים געפּרואווט אָנמעסטן די קרוין פון מורה צדק. צענדליקער באַקאַנטע נעמען זיינען פאָרגעשלאָגן געוואָרן ווי מעגלעכע קאַנדידאַטן פאַרן מורה צדק־אמט. אַזעלכע פריע נעמען ווי עזרא און נחמיה, און נעמען פון דער שפּעטערער געשיכטע — אַזש ביז דעם נוצרי, זיינען געקרוינט געוואָרן ווי דער „לערער פון גערעכטיקייט״.

גאַנצע דיסערטאַציעס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן מיט קונציקע באַווייזן וועגן זייער ענלעכקייט צום מורה צדק. קיין שום פון די באַווייזן האָט זיך אָבער ניט אָנגענומען. די „מויערן״ וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן פון

---

3) ווי ס׳קוקט אויס פון אַ סך אַנדערע שטעלן אין די מגילות, איז דער עפּיטעט „דורשי חלקות״, געוואָרפן געוואָרן אויף די „פרושים״ (זע קאַפּ. 5, נאָטיץ 10).

געלערנטע מיט גרויס חריפות, זיינען מיט פונקט אַזוי פיל חריפות צעשטערט געוואָרן פון אַנדערע געלערנטע, און זיינען זיך צעפאַלן.

וואָס מיר ווייסן אויך זיכער איז, אַז דער מורה צדק איז געווען אַ כהן, און פון דער יחוסדיקער צדוק־משפחה. די „בני צדוק" זיינען געווען די כהנים־משפחה, וואָס האָט לויט דער טראַדיציע געשטאַמט פון צדוקן, דעם ערשטן כהן גדול פון ערשטן בית המקדש אין דער צייט פון דעם קעניג שלמה. זיי זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן געהאַט דאָס רעכט און די חזקה אויפן וויכטיקן אַמט פון כהן גדול. ס'איז באַקאַנט, אַז דער אַמט איז טאַקע געווען די חזקה פון דער צדוק־משפחה גאַנצע 350 יאָר, זינט דער צווייטער בית המקדש איז אויפגעבויט געוואָרן (אין יאָר 516 פאַר אונ. צ.), ביז אַנטיוכוס עפּיפאַנוס האָט באַשטימט מענעלאַוסן פאַר אַ כהן גדול (אין יאָר 172 פאַר אונדזער צייט).

אין בוך יחזקאל זאָגט זיך: „...און די כהנים, די לוים, די בני צדוק, די וואָס האָבן אָפּגעהיט מיינע הייליקייטן, ווען דאָס פאָלק האָט מיך פאַרלאָזן, זיי (די בני צדוק) זאָלן צוקומען מיך באַדינען אין מיין הייליקטום... נאָר זיי זאָלן צוטרעטן צו מיין טיש מיך באַדינען און אָפּהיטן מיינע משמורות 4).

דער אָנזאָג פון יחזקאל הנביא איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ציטירט פּראָמינענט אין די מגילות. די בני צדוק ווערן דערמאָנט אין די מערסטע מגילות, ווי די העכסטע אינסטאַנץ ביי דער סעקטע. אַ זייער וויכטיק געזעץ און אויפפיר־בוך פון די חסידים איסיים, אַן אומבאַקאַנט בוך, הייבט זיך אָן מיט דעם אָנזאָג: „וזה הסרך"... (דאָס איז דער איינפיר) פון דער גאַנצער עדה פון ישראל צום סוף פון די טעג, ווען זיי וועלן זיך איינזאַמלען צוזאַמען, און זיך אויפפירן לויט די איינשטעלונגען פון די בני צדוק, און די מענטשן פון זיין בונד" 5).

## ב. דער כהן הרשע

פון די מגילות ווייסן מיר אויך, אַז מיט די כהנים פון דער צדוק משפחה וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן די חשמונאים זיינען אויך מיטגעגאַנגען אַנדערע פרומע יידן, חסידים, וואָס זיינען קיין כהנים ניט געווען, נאָר האָבן געשטיצט די בני צדוק מיט לייב און לעבן. זייער אַלגעמיינער שונא איז געווען

4) יחזקאל מד' 16־15. ציטירט אין מב"ד, ג' — 21; ד' 2־1.
5) סרך היחד I, 2־1.

דער כהן הרשע, און אַלע אַנדערע „רשעים״ וואָס האָבן אים נאָכגעפאָלגט. דער כהן הרשע האָט, הייסט עס, געלעבט אין איין צייט מיטן מורה צדק. ווען מיר זאָלן דערקענען דעם כהן הרשע, וואָלט ער אפשר געוואָרפן אַ ליכט אויפן מורה צדק. לאָמיר זען וואָס דערציילט זיך אין די מגילות פון דעם כהן הרשע.

דער נאָמען פון דעם כהן הרשע, פונקט ווי דעם מורה צדקס נאָמען, ווערט אויך ניט דערמאָנט אין ערגעץ אין די מגילות. די סימנים וואָס ווערן פון אים אָנגעגעבן אין די מאַנוסקריפּטן, זיינען אָבער בולטערע ווי די וואָס ווערן אָנגעגעבן פון דעם מורה צדק, און ווי ס׳קוקט אויס קאָנען מיר אים גרינג דערקענען פון צווישן די געשיכטלעכע פּערזענלעכקייטן. כאָטש אינ־גאַנצן זיכער קאָנען מיר דאָ אויך ניט זיין, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס צוויי פון די אָנפירנדיקע קאַנדידאַטן אויף דעם אַמט, פּאַסן זיך זייער גוט צו צו די סימנים וואָס מיר האָבן פון אים אין די שריפטן.

אין פשר חבקוק, זאָגט זיך:

„...פשרו, דאָס מיינט מען דעם כהן, דעם רשע, וואָס איז לכתחילה געקומען אין נאָמען פון אמת, און ווען ער האָט געהערשט אין ישראל, איז ער ביי זיך גרויס געוואָרן, פאַרלאָזן גאָט, געפעלשט אין זיינע געזעצן, צוליב רייך ווערן, ...געגזלט ס׳פאַרמעגן פון פרעמדע״ 6), און נאָך: „פשרו, דאָס מיינט מען דעם כהן וואָס האָט ווידערשפעניקט. האָט צעשטערט יהוה׳ס געזעצן, און גאָט האָט אים פאַרמשפּט, און מ׳האָט אים געפּייניקט זיין לייב״ 7).

און נאָך: ...„פשרו״, דאָס מיינט מען דעם כהן דעם רשע, דערפאַר וואָס ער האָט געזינדיקט קעגן דעם מורה צדק און זיינע מענטשן, האָט אים גאָט איבערגעגעבן אין די הענט פון זיינע פיינט, אים צו פּייניקן״ 8).

די סימנים, אַז ער איז געווען אַ כהן, אַ הערשער איבער ישראל, אַז ער האָט אָנגעהויבן אין נאָמען פון אמת, אַז ער האָט גערויבט דאָס האָב־און־גוטס פון פרעמדע און איז רייך געוואָרן, אַז ער איז צום סוף אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פרעמדע און זיי האָבן אים געפּייניקט, און דערמאָרדעט. — דאָ ווערט די צאָל קאַנדידאַטן, וואָס פּאַסן זיך אַריין אין דער ראַם, רעדוצירט בלויז צו צוויי. איינער איז יהונתן החשמונאי, וואָס האָט איבערגענומען די

6) פשר חבקוק ח׳ 13־8.
7) פשר חבקוק ח׳, 16, ס׳ 2־1.
8) פשר חבקוק ט׳ 11־9.

פירערשאַפט באַלד נאָך זיין ברודער, יהודה המכביס טויט, אין יאָר 160 פאַר אונ. צייט און האָט אָנגעפירט מיט דער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי ביזן יאָר 142 פאַר אונ. צייט. דער 2טער איז זיין ברודער שמעון, דער לעצטער פון די 5 חשמונאים ברידער.

## ג. יהונתן און שמעון, די חשמונאים

אינעם 8טן יאָר פון זיין הערשאַפט, האָט יהונתן אויסגענוצט די מחלוקת צווישן צוויי גריכישע פּרעטענדענטן אויפן סעלעוקידישן טראָן, און האָט אָנגענומען פון איינעם פון זיי, אַלעקסאַנדער באַלאַס, ווי אַ מתנה — די כהונה גדולה. דאָס האָט נאַטירלעך געמוזט זיין אַ גרויס פאַרברעכן אין די אויגן פון די פרומע חסידים, און ספּעציעל אין די אויגן פון די בני־צדוק 9).

אין יאָר 142 פאַר אונ. צייט איז ער פון אַ גריכישן גענעראַל, טריפון, פאַר־נאַרט געוואָרן אין יענעמס לאַגער און דערמאָרדעט געוואָרן. די פירער־שאַפט אין יהודה איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון זיין עלטערן ברודער, שמעון, דעם לעצטן פון די פינף חשמונאים־ברידער. שמעון איז געווען ביי דער מאַכט אין גאַנצן 7 יאָר, (פון יאָר 142, ביז דעם יאָר 135 פאַר אונ. צייט). ווי זיין ברודער יהונתן, האָט ער אויך אויסגענוצט די אינטריגעס פון פאַרשיי־דענע פּרעטענדענטן אויפן סירישן טראָן, און אויך מיט גרויס דערפאָלג.

„אויפן... פאַרלאַנג פון די פאָלקס־עלטסטע", האָט ער זיך געקרוינט פאַרן כהן גדול. און מער נאָך פון זיין ברודער יהונתן האָט ער אין גאַנצן צוגענומען די חזקה אויף דער כהונה גדולה פון די בני צדוק, זי צוגענומען פאַר זיך, פאַר זיינע קינדער און קינדס קינדער, אויף אַלע דורות, „ביז ס'וועט אויפ־שטיין אַ נביא און באַשטימען". ער האָט געסטראַשעט מיט אַ שווערער שטראָף אַלע וואָס וועלן זיך שטעלן קעגן אים. (וואָס איז אַגב, אַ קלאָרער באַווייז, אַז ס'איז געווען אַן אָפּאָזיציע קעגן דער באַשטימונג) 10).

---

9) דער עיקר, ווייל ער, יוהנתן, טאַקע אַ כהן, אָבער ניט פון די בני צדוק.

10) חשמונאים א' קאַפּיטל יד' פון 30 ביז 52.

(דאָס איז אַ ווערטערלעכע איבערזעצונג פון קאַפּיטל 14, פון פּסוק 45, ביזן סוף קאַ־פּיטל, פּסוק 52).

„(45)...און אַלע יידן און די כהנים האָבן איינגעשטימט, אַז שמעון זאָל זיין איבער זיי אַ נשיא און אַ כהן גדול זיין גאַנץ לעבן, ביז אַן אמתער נביא וועט אויפשטיין ביי יידן. (46) האָבן זיי אים געמאַכט פאַר אַן עלטסטן איבערן פאָלק, ער זאָל אָפּהיטן דאָס הייליקטום פון גאָט (דעם בית המקדש), און ער זאָל באַשטימען באַאַמטע פאַר דער עבודה (אין בית המקדש) און אויפן לאַנד, אויף דער אַרמיי און אויף אַלע באַפעסטיקטע שטעט. (47) דאָס גאַנצע פאָלק דאַרף זיך צוהערן צו אים; אַלע ספרים דאַרפן געשריבן ווערן

אויפן 7טן יאָר פון זיין הערשאַפט איז שמעון דערמאָרדעט געוואָרן פון זיינעם אַן אַרמיי עלטסטן אין אַ הויף־אינטריגע. צוזאַמען מיט אים זיינען דערמאָרדעט געוואָרן צוויי פון זיינע זין.

לויט די סימנים פון די מגילות, פּאַסן זיך ביידע מאַקאַבייער־ברידער, יהונתן און שמעון, פולשטענדיק אַריין אין דער ראַם פון דער כהן הרשע. ביידע זיינען געווען כהנים, כאָטש ניט פון דער צדוק־משפחה; ביידע זיינען געווען הערשער, און אָנגעהויבן אין נאָמען פון אמת; ביידע האָבן אין די דערפאָלגרייכע שלאַכטן געראַבירט דאָס האָב און גוטס פון פרעמדע פעלקער 11); ביידע האָבן משיג גבול געווען די בני צדוק, זיי באַרויבט פון זייער חזקה אויף דער כהונה גדולה. ס'לייגט זיך דעריבער אויפן שכל, אַז ביידע האָבן פאַרפאָלגט אַן אָפּאָזיציע פון די בני צדוק קעגן זייער פאַרכאַפּן די כהונה גדולה. ביידע האָבן ניט אויסגעלעבט זייערע יאָרן און זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון זייערע שונאים — יהונתן פון די גריכן, און שמעון אין אַ הויף־אינטריגע.

אויף קיינעם פון די אַנדערע הערשער און כהנים צווישן די יידן פון יענער עפּאָכע, קאָן מען ניט אַזוי טרעפלעך אָנמעסטן די סימנים, וואָס די מגילות גיבן אָן פון דעם כהן הרשע 12).

---

אין זיין נאָמען, און ער זאָל זיין דער איינציקער וואָס זאָל האָבן דאָס רעכט צו טראָגן פּורפּור און גאָלדענע קליידער. (48) קיינער פון פאָלק אָדער פון די כהנים, זאָל ניט וואַגן ווידערשפּעניקן די רייד, אָדער ווידערשפּעניקן זיין מויל; קיינער זאָל ניט וואַגן זאָגן עפּעס דעם פאָלק אָן זיין וויסן; קיינער זאָל ניט וואַגן אָנטאָן פּורפּור, אָדער זיך אַרומגאַרטלען מיט גאָלד (פּורפּור און גאָלד זיינען געווען דעם כהן גדולס גאַרדעראָב. — ש. ג.). (49) דער וואָס וועט טאָן אַזאַ זאַך, און וועט עובר זיין אויף איינע פון די זאַכן, וועט זיין שולדיק אין זיין אייגענער זינד. (50) און דעם פאָלק איז געפעלן טאָן ווי שמעון וויל, און שמעון האָט איינגעוויליקט צו ווערן דער עלטסטער פון די כהנים און אַ נשיא איבער דער געמיינדע אין ישראל. (51) און דאָס פאָלק האָט געהייסן אויסקריצן די שריפט אויף קופּערנע טאָוולען, און זיי פאַרפעסטיקן אין אַ ווינקל פון בית המקדש, דאָס פאָלק זאָל עס זען. (52) אַ קאָפּיע פון דער שריפט זאָל אַריינגעגעבן ווערן אינעם אוצר (אַרכיוו) פון בית־המקדש, און ס'זאָל בלייבן אָפּגעהיט פאַר שמעונען און פאַר זיינע קינדער אויף אייביק".

11) אין חשמונאים א, קאַפּיטל 7, פסוק 12, ווערט שמעון שטאַרק געלויבט, דערפאַר וואָס ער האָט אויסגעשטאַט אויף זיינע אייגענע הוצאות די יידישע אַרמיי זיך צו שלאָגן מיט די שונאים.

12) איך בין מער גענייגט איינשטימען מיט די פון די געלערנטע, וואָס האַלטן יהונתן, ניכער ווי שמעון, פאַר דעם אָריגינעלן „כהן הרשע".

פון די וויכטיקסטע אַרגומענטן וואָס שטיצן די השערה, האַלט איך: א) די 20 יאָר פון „מגילת ברית דמשק". 20 יאָר איז גרינג איבערציילן אין אַ מענטשנס לעבן, און איך

דער פֿאַקט, וואָס מיר קאָנען מיט מער אָדער ווייניקער זיכערקייט אָנ־ווייזן אויף דער פּערזאָן פֿון כהן הרשע, מיינט נאָך אָבער ניט, אַז מיר קאָנען שוין גרינגער דערוויסן זיך ווער ס׳איז געווען דער מורה צדק. דער אמת איז, אַז די סימנים און אָנצוהערענישן, וואָס ווערן אָנגעגעבן אין די מגילות פֿונעם מורה צדק, זיינען בולט געגנוג. לויט די סימנים וואָלטן מיר זייער גרינג געקאָנט דערקענען ווער ער איז געווען, אויב ער וואָלט געווען אַ באַקאַנטע פּערזאָן פֿון דער געשיכטע. עס קוקט אָבער אויס, אַז דער גרינ־דער פֿון דער סעקטע איז אונדז אינגאַנצן ניט, אָדער זייער ווייניק, באַקאַנט. זיין נאָמען איז אין ערגעץ אין די געשיכטע־קוואַלן, ניט (אָדער זייער ווייניק) דערמאָנט. די מגילות פֿאַרשווייגן זיין נאָמען. ביי דער סעקטע חסידים־איסיים, ווי מיר ווייסן פֿון זייערע שריפֿטן, איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן אַרויסגעבן סודות, און דער נאָמען פֿון דעם אָנפֿירער, דעם הייליקן מורה צדק, איז ווי ס׳ווייזט אויס געווען גאָר אַ גרויסער סוד 13).

ביז איצט האָבן מיר נאָך דעם סוד ניט אַנטפּלעקט. עס קוקט אויס, אַז מיר וועלן דאַרפֿן וואַרטן אויף נאָך אַנטדעקונגען, אפשר ניט ווייניקער דראַמאַטישע ווי די ביז איצט אַנטדעקטע מגילות, אַז מיר זאָלן דערגיין דעם סוד, ווער דער מורה צדק איז געווען.

---

האַלט, אַז מ׳דאַרף זיי אָנהייבן ציילן פֿון יאָר 167 אונ. צייט, זינט די פֿרומע חסידים זיינען „צוגעשטאַנען" (אָדער די אַנדערע, די וואָס זיינען ניט צוגעשטאַנען צו יהודה המכבי), און ב) דאָס וואָס ס׳ווערט 2 מאָל באַטאָנט אין „פּשר חבקוק", אַז דער כהן הרשע איז געפּייניקט געוואָרן. ס׳איז באַוואוסט, אַז שמעון איז דערהרגעט געוואָרן פּלוצלונג, ביי אַ הוליאַנקע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן כלומרשט אין זיין כבוד, און ער איז דערביי געווען שיכור. יהונתן אָבער איז געהאַלטן געוואָרן עטלעכע חדשים אַ געפֿאַנגענער ביי די גריכן, ביז זיי האָבן אים דערמאָרדעט.

13) דאָ בעט זיך ממש ציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון לייענער צו דער לעגענדע פֿון דעם „סוד" אַרום דער פּערזאָן פֿון ישו הנוצרי. קריטיקער פֿונעם נייעם טעסטאַמענט האָבן געהאַלטן אין איין שטעלן די פֿראַגע, פֿאַרוואָס ס׳איז נויטיק געווען, אַז דער פֿאַר־רעטער יהודה איש קריות זאָל צוגיין אַ קוש טאָן דעם נוצרי, און אים אַזוי אַרום אַרויס־געבן, בשעת אַלע האָבן אים געקענט פֿון זיינע דרשות, פֿון זיינע דיסקוסיעס און פּאָלעמיקעס מיט די פּרושים, און פֿון זיין אַרויסטרייבן די הענדלער פֿון בית־המקדש.

ס׳איז מיין מיינונג, אַז צווישן די 2 „סודות" איז פֿאַראַן אַ נאָענטע שייכות. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס טראַדיציאָנעלע באַהאַלטן דעם מורה צדקס נאָמען און פּערזאָן, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט עטלעכע דורות שפּעטער, אין די שאַפֿונגען פֿון דעם עוואַנגעליום, דעם נייעם טעסטאַמענט (זע ווייטער, קאַפּיטל „ענלעכקייטן").

## ד. די סעקטע חסידים אַן אָפּאָזיציע צו דער מלוכה

וואָס איז שייך דער צייט ווען די סעקטע האָט זיך אָרגאַניזירט און האָט זיך אַנטוויקלט אין אַן אָפּאָזיציע קעגן דער אָפיציעלער פירערשאַפט אין יהודה, איז פון אַלע השערות וואָס די געלערנטע האָבן אָנגעוואָרפן, שיינט צו זיין די בעסטע די, וואָס האַלט, אַז די שפּאַלטונג אין דעם קהל חסידים איז פאָרגעקומען אין די ערשטע פאַר צענדליק יאָר פון די חשמונאים. די אַנצוהערעניש, אַז זיי האָבן געבלאָנדזשעט 20 יאָר ביז ס׳איז געקומען דער מורה צדק און זיי אַרויסגעפירט פון דער בלאָנדזשעניש, פּאַסט זיך פּינקט־לעך אַריין אין דער ראַם פון געשיכטלעכע פאַקטן, וואָס זיינען אונדז באַ־קאַנט פון אַנדערע קוואַלן אויסער די מגילות.

אין דעם ספר חשמונאים א. לייענען מיר: „...ויתקבצו אליהם רבים מחסידי בני ישראל״... — אַ סך חסידים זיינען צוגעשטאַנען צו די השמונאים. זיי זיינען ניט געווען די אָריגינעלע איניציאַטאָרן פונעם אויפשטאַנד, וואָס מ׳וואָלט געקאָנט דערוואַרטן פון אולטראַ פרומע ווי אַן ענטפער אויף אַנטיו־כוס׳ס גזירות. ניין, זיי זיינען נאָר צוגעשטאַנען, און אינגאַנצן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען יהודה המכבי האָט נאָך געלעבט, ווען די יידן האָבן שוין געהאַט אָפּגעהאַלטן עטלעכע וויכטיקע נצחונות, ווען אַ סירישער קייסער האָט באַשטימט דעם העלעניסט אלקימוס פאַר אַ כהן גדול, דעמאָלט זיינען די „צוגעשטאַנענע״ פרומע חסידים באַלד אָפּגעפאַלן פון יהודה המכבי, זיך אָפּגעזאָגט פונעם קאַמף, און געטגעהייסן אַלקימוסן! 14)

פון די זעלבע געשיכטע־קוואַלן ווייסן מיר, אַז 15 יאָר נאָכן אָנהייבן דעם אויפשטאַנד, האָט יהונתן החשמונאי אָנגענומען דעם אַמט פון כהן גדול, אַ מתנה פונעם גריכישן פּרינץ אַלעקסאַנדער באַלאַס, קעגן דער אָנגע־נומענער טראַדיציע און קעגן דעם אָנזאָג פון יחזקאל אין די הייליקע שריפטן.

עס מעג אויך דערמאָנט ווערן דער פאַקט, וואָס יאָזעפוס פלאַוויוס דער־מאָנט זיך צו דערציילן פון די „עסענער״, בשעת ער רעדט פון יהונתן המכבי 15).

פון די און פון נאָך אַנדערע סימנים, ווי די פּאַלעאָגראַפישע און די נו־מיסמאַטישע באַווייזן, און דער עיקר פון די אַנצוהערענישן אין זייערע כתבים, קאָנען מיר כמעט אויף זיכער אָננעמען, אַז אין די לעצטע יאָרן פון יהונתנס

---

14) חשמונאים א׳, קאַפּיטל ז׳, 12; פלאַוויוס, אַלטערטימער, בוך 12, קאַפּ. 10, 1).

15) פלאַוויוס, אַלטערטימער, בוך 13, קאַפּיטל 5, 9.

הערשאַפט (אָדער אין די ערשטע יאָרן פון שמעונס), איז אויפגעקומען די רעליגיעזע אָפּאָזיציע פון די פרומע חסידים, וואָס זיינען אַוועק אין מדבר זיך רייניקן און זיך גרייטן צום „גאָטס טאָג" וואָס קומט איניגיכן, ווען די רשעים, די פאַרכאַפּער פון דער חזקה, וועלן באַשטראָפט ווערן.

## ה. אַנטוויקלונג פון יהוה גלויבן. אָפּשטאַם פון חסידים

די פרומע חסידים זיינען ניט מיטאַמאָל געוואָרן אַן אָפּאָזיציע צו די חשמו־נאים קעמפער. ניט פון דער הײַלער הויט זיינען זיי אַוועק אין דער מדבר זיך רייניקן און זיך גרייטן שליסן אַ נייעם בונד מיט גאָט. די חסידים זיינען אויסגעוואַקסן אויף דער גייסטיקער ירושה פון דעם יהוה־גלויבן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן פּראָצעס פון אַנטוויקלונגען, באַווירקט פון אינע־ווייניקסטע ווי פון דרויסנדיקע כוחות.



דער געלערנטער דזש. ט. מיליק קלייבט איבער שערבלעך פון אַרום 1200 שיסעלעך געפונען אין דער חורבה פון קומראַן.

די אַנטוויקלונגען זיינען געגאַנגען אין פאַרשידענע ריכטונגען. בשעת איין שיטה האָט געזוכט אינעם יהוה־גלויבן ריין עטישע און הומאַנישע מאָטיוון, און איז געקומען צום אוניווערסאַליזם, האָט אַן אַנדער ריכטונג זיך פאַרטיפט אין די סודות פון גאָטס אומבאַגרייפלעכער גבורה, און האָט

אים אָנגעטאָן אַ קרוין פון אַן ערדישן אויבער־הערשער, פול פון איין זייט מיט חסד און מיט רחמים צו זיינע צדיקים, און פון דער צווייטער זייט, פול מיט קנאה, מיט סודותדיקער גבורה — ער איז קיינעם ניט מחויב אָפּגעבן אַ חשבון פון זיינע וואונדער מעשים. דער וועג זייערער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דער אַפּאָקאַליפּטיק.

אַ דריטע ריכטונג האָט געזוכט און געפונען אַ סינטעז פון די צוויי שאַרף צעטיילטע ריכטונגען, און אַפילו באַשלאָסן, אַז ס'איז ניטאָ קיין שום ווידערשפּרוך צווישן זיי.

צווישן די וואָס האָבן געזירשנט די אידייע פון גאָטס גרויסער גבורה, פון זיין חסד און רחמים און פון זיין אייפערזוכט, זיינען געווען די טיף רעליגיעזע חסידים, וואָס האָבן עקזיסטירט לאַנגע יאָרהונדערטער אין דער יידישער געשיכטע.

דעם אָנהייב פון די חסידים ביי יידן, ווען זיי האָבן זיך ס'ערשטע מאָל באַוויזן אין דער יידישער געשיכטע, ווייסן מיר ניט גענוי. דאָס וואָרט חסיד שטאַמט אָפּ פון דעם טערמין חסד, וואָס מיינט גוטסקייט און באַרעמ־האַרציקייט. דאָס וואָרט ווערט ממש הונדערטער מאָל איבערגעחזרט אין תנ"ך, געוויינטלעך אין פאַרבינדונג מיט גאָט, וואָס איז פול מיט חסד, ד. ה. מיט גוטסקייט צו די וואָס פאָלגן אים און גייען אין זיינע וועגן 16). אַ חסיד איז אַ פרומער וואָס גייט אין גאָטס דרכים, גלויבט אין גאָטס גוטסקייט, גאַרט און שטרעבט צו דעם, און איז אויך אַן אָפּנעמער פון זיין חסד.

דעם נאָמען „חסיד" טרעפן מיר שוין ביי די עלטערע נביאים, ווי ישעיה, ירמיה און יחזקאל, און אויך אין עלטערע קאַפּיטלעך תהילים 16). שפּעטער ווערן חסידים דערמאָנט אין תנ"ך אָפטער. אין דער צייט פון די חשמונאים זיינען זיי שוין אַ „קהל חסידים" 17). דאַן, און נאָך אַ ביסל פריער, זיינען זיי שוין אַ קאָנגרעגאַט, אַ קהל, אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, און עטלעכע הונ־דערט יאָר שפּילן זיי אַ וויכטיקע ראָל אינעם יידישן לעבן און אין דער אויס־בילדונג פון דער יידישער רעליגיע 18).

פאַרן גלות בבל, איז די מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע ביי יידן שוין גע־ווען אויספאָרמירט, אָבער נאָך היפש רוי. ביזן סאַמע חורבן האָט דאָ און

16) ווי דאָס קאַפּיטל תהלים פּט, וואָס איז לויט דער מיינונג פון דר. י. קלויזנער זיכער פאַרפאַסט געוואָרן נאָך פאַר גלות בבל, נאָך פאַרן יאָר 586 פ. אונ. צייט.

17) תהילים קמט׳. דאָס קאַפּיטל איז זיכער פאַרפאַסט געוואָרן אין די ערשטע יאָרן פון די חשמונאים. דאָס איז קאָנטיק פונעם אינהאַלט.

18) אין תלמוד זיינען זיי דערמאָנט מערסטנס ווי „חסידים ראשונים".

דאָרט נאָך מיטגעהויזט געצנדינעריי צוזאַמען, מ׳קאָן זאָגן, אונטער איין דאַך מיטן גלויבן אין יהוה. באַלד נאָכן חורבן האָבן די פאַרבליבענע אין לאַנד אויך ניט אויפגעהערט צומישן געצנדינסט צום יהוה גלויבן און צום קולט אויף וויפל אַזאַ איז נאָך בײַ זיי פאַרבליבן. דערשלאָגענע און אָן פירערשאַפט, זײַנען זיי געבליבן גײַסטיק צוריקגעשטאַנען, דערצו זײַנען זיי אויך אַרונטער־געפאַלן אונטער דער השפּעה פון די היידנישע שכנים, וואָס האָבן זיך באַזעצט צווישן זיי. אייניקע זײַנען געווען פון אדום, פון עמון ומואָב, אַנדערע זײַנען געווען פלישתים, שומרונים, אַראַבער א. אַנד.

אינגאַנצן אַן אַנדער מערכה האָט געהאַט דער יהוה־גלויבן בײַ די יידן וואָס זײַנען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל. די פאַרטריבענע האָבן מיטגעטראָגן מיט זיך דעם באַוואוסטזײַן, אַז איבער זייערע זינד, האָט זיי גאָט באַשטראָפט און פאַרטריבן פון זײַן לאַנד. דאָס לאַנד איז ניט נאָר זייער היים, נאָר יהוה׳ס היים אויך. אַ הייליק לאַנד. ווען זיי וועלן זיך אומקערן צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, וועט ער ווי אויף אייגענע קינדער זיך דערבאַרעמען אויף זיי, און זיי אומקערן צוריק אין זייער הייליק לאַנד, אין זייער רייך און זאַט לאַנד. מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז דער פיינט האָט פאַרטריבן מערסטנס די רייכערע עלעמענטן פון שטאָט און פון דאָרף און די אינטעליגענץ פון די שטעט. זייער אַ גרויסע צאָל כהנים זײַנען געווען צווישן די פאַרטריבענע. די הייליקע שטיקער פאַרמעט, וואָס די כהנים האָבן מיטגעפירט מיט זיך, טיילן פון דער תורה, זײַנען געווען עדות פון בונד וואָס יהוה האָט געשלאָסן מיט זייערע עלטערן און מיט זיי. דער בונד מיט גאָט איז אויף אייביק געשלאָסן, אויב זיי וועלן זיך אומקערן צו זייער גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, וועט ער זיך אין זיי דערמאָנען און וועט זיי זיכער אויסלייזן.

אין דער פרעמד האָבן די פאַרבליבענע זיך געהאַלטן צוזאַמען. זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין די פאַרזאַמל־פלעצער (בתי כנסיות), וואו די כהנים, די וואָס קאָנען שרײַבן און לייענען אין די פאַרמעטן, האָבן פאַרגע־לייענט פון דער תורה און פאַרטײַטשט גאָטס געזעצן. אונטער דער פירער־שאַפט פון די כהנים און די סופרים, און אַזאַ פערזענלעכקייט ווי יחזקאל וואָס איז געווען מיט זיי אין גלות, איז דאָס פאָלק ניט אָפּגעפרעמדט גע־וואָרן פון יהוה. ווען בבל איז געפאַלן (אין יאָר 546) איז עס בײַ זיי געווען אַ באַשטעטיקונג פון יהוה׳ס גערעכטן משפט, און אַ באַווייז, אַז די רייד פון די נביאים זײַנען אמתע, ווי ס׳איז אמת גאָטס תורה און זײַנע געבאָטן.

## ז. די ממלכת כהנים

די 40 טויזנט יידן וואָס האָבן זיך אומגעקערט קיין יהודה, נאָכדעם ווי בבל איז באַזיגט געוואָרן פון די פּערסן, זיינען געווען געטרייע אָנהענגער פון יהוה און זיינע גאָנצע אויספּאָלגער פון זיינע גלויבנס. אין יהודה האָבן זיי באַלד איבערגענומען די גייסטיקע און פּאָליטישע פירערשאַפט, כאָטש זיי זיינען דאָרט געווען „פרעמדע" און אַ מינדערהייט. זיי האָבן צוריק געבויט דעם חרובן בית המקדש (וואָס איז פאַרטיק געוואָרן אין יאָר 516 אונ. צייט) און איינגעשטעלט דעם יהוה קולט, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורכאויס פון כהנים.

דער צווייטער בית המקדש איז געווען ניט אַזאַ רייכער ווי דער ערשטער. אין איין פּרט איז ער אָבער געווען וויכטיקער.

אין דער צייט האָבן שוין אַ סך יידן געוואוינט אין די תפוצות 19), אויסער יהודה. דער בית־המקדש אין ירושלים האָט געדינט ווי אַ רעליגיעזער, און אויך ווי אַ פּאָליטישער, פאַרבינד־צענטער און זאַמלפּונקט פאַר אַלע הונדערטער טויזנטער, און צייטנווייז אויך מיליאָנען יידן אין דער פרעמד.

דריי מאָל אַ יאָר האָבן יידן, לויטן איינגעשטעלטן רעליגיעזן געזעץ, געדאַרפט קומען צום בית־המקדש קיין ירושלים, ווייזן דאָס פּנים פאַר גאָט. און ניט מיט ליידיקע הענט, נאָר מיט אַ קרבן אָדער מיט אַנדערע מתנות. די וואָס האָבן געוואוינט אויסער יהודה, די פון די ווייטע לענדער (און אויך פון די ווייטערע ערטער אין לאַנד יהודה גופא) האָבן עס ניט געקאָנט דערווייזן. זיי איז דערלויבט געווען זיך „אויסקויפן" מיט אַ מתנה פון דערווייטנס. מערסטנס זיינען דאָס געווען געלט־מתנות. אַזוי איז געפלאָסן אַ שטענדיקער שטראָם פון געלט צום בית המקדש פון אַלע תפוצות, וווּ יידן האָבן געוואוינט.

פאַרוואַלטעט מיטן בית המקדש און מיטן רייכטום וואָס האָט געפלייצט אַהין, האָבן די כהנים. אויסער דער „עבודה" וואָס זיי האָבן געטאָן אין בית המקדש, זיינען זיי אויך געווען די פּאָליטישע און גייסטיקע פירער פון פאָלק. ווי ס'איז געווען אָנגעזאָגט אין דער תורה, איז דאָס יידישע לאַנד געווען אַ „ממלכת כהנים", אַ מלוכה פון פּריסטער 20).

---

19) וועגן דעם זע שפּעטער, קאַפּיטל 12, „די דיאַספּאָראַ".
20) שמות יט', 6.

ניט אַלע געבאָטן פון דער תורה זיינען געווען קלאָר גענוג, אָדער צו־געפּאַסט צו דער צייט און צו די נייע באַדינגונגען. די כהנים זיינען עס געווען די וואָס האָבן אויסגעטייטשט און געלערנט דאָס פאָלק די געבאָטן פון דער תורה. אין שפּיץ פון די כהנים און אויך פון דער גאַנצער עדה יידן, איז געשטאַנען דער כהן גדול. דער אַמט פון דער כהונה־גדולה איז געווען דער סאַמע העכסטער אין לאַנד יהודה פאַר אַ משך פון קאַרגע 500 יאָר, זינט דער צווייטער בית המקדש איז אויסגעבויט געוואָרן ביז הורדוס האָט פאַרכאַפּט די מלוכה־מאַכט איבערן לאַנד (אין יאָר 37 פאַר אונזער צייט). דער אויטאָריטעט פון די כהנים האָט אָבער געשטאַמט פון דער תורה, און ניט פאַרקערט. אַזוי שנעל ווי דער צווייטער בית־המקדש איז פאַרברענט געוואָרן, דאָס לאַנד איז חרוב געוואָרן, איז דער אויטאָריטעט אויטאָמאַטיש אַריבער צוריק צו דער תורה. יידן זיינען שוין, זינט זיי האָבן זיך אומגעקערט פון גלות בבל, געווען אַן „עם הספר". (דאָס פאָלק פון דעם באַוואוסטן בוך).

## ז. עזרא הסופר און די תורה

די תורה איז געשטאַנען איינגעפונדעוועט און באַפעסטיקט אין צענטער פון יידישן לעבן זינט עזרא הסופר 21). אים ווערט צוגעשריבן דער

---

21) ביז היינטיקן טאָג איז נאָך ניט באַשטעטיקט גענוי די צייט, אָדער דאָס יאָר, ווען עזרא האָט זיך אומגעקערט צוריק פון גלות קיין יהודה. ס'איז נאָך ניט געלייזט געוואָרן די כראָנאָלאָגישע רעטעניש, ווער ס'האָט זיך אומגעקערט קיין יהודה פריער, עזרא אָדער נחמיה.

וויכטיקע און אָנערקענטע היסטאָריקער האָבן אָנגענומען דעם טראַדיציאָנעלן נוסח, אַז עזרא האָט זיך צוריקגעקערט, ווי דער כראָניקער דערציילט (מיטן נאָמען כראָניקער רופן מיר אָן דעם פאַרפאַסער פון דברי הימים, עזרא און נחמיה), אינעם 7טן יאָר פונעם פערסישן קעניג ארתחששתא, וואָס מיינט, אינעם יאָר 458 פ. אונ. צ. 13 יאָר פאַר נחמיהן. ס'זיינען אָבער פאַראַן אָפּנויגלער, וואָס זאָגן זיך אָפּ אָנצונעמען דעם כראָניקער ווי דעם לעצטן אויטאָריטעט, און שטיצן זיך מער אויפן עדות זאָגן פון „זייטיקע באַמערקונגען", וואָס זעען זיך אָן ווי גראָבע שטעך אין די תנ"ך שריפטן, און צעשטערן דעם כראָניקערס צעמישטע כראָנאָלאָגיע.

דער פאַרפאַסער פון די לעצטע תנ"ך ספרים, אַ גרויסער אָנהענגער פון עזראן — און ניט אומזיסט, ווייל דער לעצטער איז ווירקלעך געווען אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט שטאַרק און טיף געווירקט אויף זיין דור, און אויך אויף אַ סך דורות ווייטער — האָט עזראס נאָמען אָפּט אַריינגעשטעלט פאַר נחמיהס. מ'קאָן אַפילו חושד זיין, אַז ער האָט די צוויי נעמען אָפּט פאַרביטן, אַז עזראס זאָל זיך אָנזען מער, און האָט אַזוי פאַר־

פאַרדינסט, אַז ער האָט אויפגעשטעלט די תורה ווי דעם וויכטיקסטן וועג־ווייזער און אויטאָריטעט ביי יידן 22).

אַ צווייטער וויכטיקער אַקט פון עזראַן, אַן אַקט וואָס האָט שטאַרק באַווירקט דאָס ווייטערדיקע יידישע לעבן, איז געווען די גאַנצוואונגענע צעשיידונג, דאָס אָפּזונדערן זיך פון פרעמדע, פון גרים, וואָס די צוויי פירער, עזרא און נחמיה, האָבן דורכגעפירט אין לאַנד יהודה מיט אַ שטאַרקער האַנט.

„...ווען עזרא האָט דערהערט פון די געמישטע חתונות צווישן די יידן און זייערע שכנים, האָט ער זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, זיך אָנגעטאָן אַ זאַק, זיך באַשאָטן מיט אַש, געוויינט און געקלאָגט... קיין זאַך האָט אים ניט אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ טרויער, אין אַזאַ צאָרן" 23).

נחמיה האָט אַליין אַרויסגעוואָרפן דעם פרעמדן טוביה העמוני פונעם בית המקדש, וואו זיין מחותן, דער כהן גדול האָט אים איינגעאָרדנט 24). דאָס פאָלק איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אין כסליו, געשטאַנען אין אַ גאָס־רעגן שטונדן אין דרויסן, און אויסגעהערט פון עזראַן שאַרפע שטראָף רייד פאַר די געמישטע חתונות. מיט שבועות און מיט קללות האָבן זיי זיך באַשוואָרן, אַז זיי וועלן אויסרייניקן פון זיך די זינד פון די געמישטע חתונות 25).

פרויען וואָס שטאַמען פון פרעמדע, צוזאַמען מיט זייערע יידישע קינדער זיינען מיט גוואַלד אָפּגעריסן געוואָרן פון די יידישע משפחות, און אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אָן שום טענות. אַ פרעמדער בלייבט אַ פרעמדער. ווען די פרעמדע איינוואוינער פון לאַנד, די שומרונים און אַנדערע האָבן זיך געבעטן ביי די יידן וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון בבל, אַז זיי ווילן בויען

---

דרייט די יוצרות, אַז גרויסע געלערנטע קאָנען ביז היינט ניט דעשיפרירן די כראָנאָלאָגישע פאַרפּלאָנטערניש.

איך בין גענויגט מסכים זיין מיט די געשיכטלער, וואָס האַלטן, אַז עזרא איז אָנגעקומען קיין יהודה ערשט צום סוף פון 5טן י. ה. אָדער אָנהייב 4טן. ד. ה. אַ גוטע 40 יאָר נאָך נחמיהן, און אַז ער האָט דאַן, אַרום דעם יאָר 400 אונ. צייט, שוין געבראַכט מיט זיך אַן אָפּגעשלאָסענע תורה, די 5 חומשים. זע:

"The chronological order of Ezra & Nechemiah", by H. H. Rowly, London, 1952.

22) די גמרא זאָגט, אַז ווען די תורה איז פאַרגעסן געוואָרן ביי די יידן, איז געקומען עזרא הסופר און האָט זי איבעראַנייס באַגרינדעט (סוכה, כ' ע"א). עזראַס נאָמען איז אַזוי פיל פאַרבונדן מיט דער תורה, אַז אַ צווייטע מימרא אין דער גמרא, שטעלט אַוועק עזראַן אויף איין הויך מיט משה רבינו: „עזרא איז ראוי געווען, אַז די תירה זאָל געגעבן ווערן צו די יידן דורך אים, ווען ער זאָל געווען לעבן פאַר משהן" (סנהדרין כא' ע"ב).

23) עזרא ט' 5־3.

24) נחמיה יג' 8.

25) עזרא ט'.

דעם בית המקדש צוזאַמען מיט זיי, זייַנען זיי פאַרשטויסן געוואָרן. אַזעלכע אַקטן האָבן נאַטירלעך געבראַכט ערנסטע רעזולטאַטן. די ניט־יידישע שכנים, די פון אדום, פון עמון און מואָב, די שומרונים און די אַנדערע זייַנען געוואָרן שונאים אויפן לעבן. מסירות זיינען געגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער צו די פּערסישע הערשער, מסירות מיט בילבולים אויף די יידן. די שנאה צו די יידן איז געווען אַ שאַרפע און געדיכטע. די שנאה האָט איבערגעשפּאַנט די גרענעצן פון פּאַלעסטינע, און איז אַריבער אין די תפוצות, וואו נאָר יידן האָבן געוואוינט.

די פייַנטלעכע באַציאונגען האָבן געשלאָגן וואָרצלען און געוואָרן דויערנדיק. צוליב די און נאָך אַ סך אַנדערע אורזאַכן, וועגן וועלכע ס׳וועט נאָך אויסקומען צו רעדן שפּעטער, האָט די קעגנזייטיקע שנאה פון די שכנים צו די יידן און פאַרקערט, געהאָלפן אָנצייכענען די קאָנטורן פון די יידיש־רעליגיעזע גרענעצן, פון אירע מעגלעכקייטן צו באַאייַנפלוסן פרעמדע אָדער ווערן באַאיינפלוסט פון דרויסן.

קאַפּיטל 8

# יידן אונטער דער גריכישער הערשאַפט

## א. דער איינפלוס פון דער פּערסישער קולטור

די פּערסישע אימפּעריע האָט עקזיסטירט אַרום 200 יאָר און איז באַזיגט געוואָרן פון די גריכן (אין 331־333 פאַר אונזער צייט). צוזאַמען מיט אַלע גרעסערע און קלענערע מלוכות אין דרום־מזרח אַזיע איז דאָס יידן־לאַנד אויך אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון אַלעקסאַנדער מוקדון.

גריכנלאַנד האָט דאַן איבערגעלעבט איר גאָלדענע עפּאָכע. קונסט, וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע האָבן געבליט אין לאַנד. אַריסטאָטעל (322 — 384 פאַר אונ. צייט) האָט נאָך געלעבט. ער איז, אַגב, געווען אַלעקסאַנדער מוקדונס לערער. דער אָנדענק פון די גרויסע פילאָזאָפן סאָקראַטעס (399־470 פ. א. צ.) און פּלאַטאָ (348־428 פ.א צ.) איז נאָך געווען פריש אין זכרון פון פאָלק, זיי האָבן געלאָזן זייער שטעמפּל אויף דער גריכישער פילאָזאָפיע און אויף דעם מענטשלעכן געדאַנק אין די וויטסטע ערד ווינקלען אויף לאַנגע דורות. מיט די מזרח־קולטורן האָבן די גריכן דעמאָלט געהאַט זייער ווייניק שייכות. זיי האָבן אַראָפּגעקוקט אויף די מזרח־פעלקער און זיי באַטראַכט ווי באַרבאַרן. אַלעקסאַנדער מוקדון האָט געחלומט וועגן פאַרשפּרייטן די „העכערע" גריכישע קולטור איבער דעם גאַנצן מזרח.

יידן האָבן וועגן גריכנלאַנד געוואוסט זייער ווייניק. אין די עלטסטע שריפטן פון תנ"ך איז געבליבן דער נאָמען „יון", וואָס האָט באַצייכנט דאָס פאָלק, וואָס האָט באַוואוינט די יאָנישע אינזלען 1). מ'האָט געוואוסט, אַז גריכן קויפן אויף שקלאַפן אויף די וועלט־מערק, און ניט קיין סך מער. פון דער גריכישער קולטור, פון די פילאָזאָפישע טעאָריעס האָבן יידן זייער ווייניק געוואוסט. בכלל האָבן יידן דאַן, מער ווי ווען ס'איז פריער, זיך פאַרטיפט

1) די פּערסן האָבן גערופן די גריכן „יאוואנא".

אין זייער אייגענער רעליגיע. קיין נביאים זיינען שוין דעמאָלט כמעט ניט געווען 2). די תורה איז געוואָרן די איינציקע פאַרבינדונג מיט גאָט. זיין „גוט", האָט געהייסן זיין גאַנץ מיט גאָט. און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין נאָכפאָלגן אַלץ, וואָס ס'זאָגט זיך אין דער תורה, און אין די אַנדערע הייליקע שריפטן, ווי די נביאים פון אַמאָל. לערנען די תורה, איז געוואָרן אַ מוז. „ושננתם לבניך", זאָלסט אויסלערנען די תורה דיינע קינדער, איז געווען אַן אָנגענומענער און פּראַקטיצירטער לעבנס-כלל.

ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס אין יענער צייט זיינען געוואַקסן פאַרשידענע גרופּן, פרומע סעקטעס, וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין זייער פרומקייט, און אַרויפגעשלעפּט אויף זיך אַלערליי „חמורות" (שווערקייטן), נאָכצופאָלגן גאָטס געבאָטן פון דער תורה.

דאָס מיינט ניט, אַז אין יענער צייט זיינען ניט אַריינגעדרונגען קיין דרויסנדיקע אידייען און מנהגים אינעם יידישן רעליגיעזן לעבן. יידן האָבן אומעטום, אַריינגערעכנט אַ סך פלעצער אין זייער אייגן לאַנד, געלעבט ווי אַ מינדערהייט, אַרומגערינגלט מיט פרעמדע פעלקער. טייל פון די ריטועלע צערעמאָניעס פון די בבלים, די מצרים און פון אַנדערע געצנדינערישע פעלקער, האָבן זיך טיילוויז אָנגענומען אין דער צערעמאָניאַלער דינסט פון בית-המקדש.

פאַרטיפטע דואַליסטישע אידייען (קאַמף פון גוטס קעגן שלעכטס, ליכט קעגן פינסטערניש) פון דער זאַראַוסטראַ רעליגיע ביי די פערסער, למשל, האָבן כאָטש אין אַנדערע פאָרמען אַריינגעדרונגען אויך אין דער יידישער רעליגיע. יידן האָבן פונקט ווי אַנדערע פעלקער געזוכט ענטפערס אויף אייביקע פראַגן, ווי, למשל, „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו", (פאַרוואָס אַ צדיק, אַ גערעכטער לעבט אין דחקות און נויט, בשעת אַ רשע לעבט גליקלעך, און ס'איז אים גוט). אַזאַ פראַגע איז פאַרענטפערט געוואָרן מיט תחית המתים, מיט עולם הבא, מיט אַ לעבן נאָכן טויט. די ענטפערס זיינען טיילוויז איבערגענומען געוואָרן פון די פערסער.

אינגאַנצן מיט עטלעכע דורות פריער בעט זיך אַ ייד ביי גאָט, ער זאָל אים אויסהיילן פון זיין קראַנקהייט און לאָזן לעבן. ווייל:

„טויטע געדענקען שוין ניט גאָט,

„און אין גרוב ווער וועט דיר לויבן?" (תהילים, ו' 6), אָדער:

---

2) עטלעכע פון די לעצטע נביאים, ווי מלאכי, און צוגעשטעלטע קאַפּיטלען צו זכריה (פון ט' און ווייטער); אויך ישעיה כד' — כז' וואָס קוקן אויס צו זיין געשאַפן אין מיטן 4טן י. ה. פאַר אונ. צייט; די אַלע לעצטע נביאים זיינען שוין געבליבן אַנאָנים.

„קאָן דיך לויבן דער שטויב? קאָן ער דערציילן דיין אמת? (תהילים ל׳ 10)

„לא המתים יהללו יה ולא כל יורדי דמעה” (ניט די מתים וועלן לויבן יה, און ניט די וואָס נידערן אין קבר. (תהלים קטו׳, 17).

דער פעסימיסטישער אויסקוק ביי יידן, איז אין דער פערסישער עפּאָכע, אין 5טן און 4טן י.ה. פאַר אונ. צייט, ביסלעכווייז רעווידירט און געענדערט געוואָרן. די נייע אידייען זיינען ניט נאָר איינגעשלונגען געוואָרן פון די יידן, נאָר זיי האָבן זיי אויך פאַרדייעט, פאַרבונדן זיי ווי אינטעגראַלע טיילן פון זייערע יידישע רעליגיעזע באַגריפן, און זיי זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער יידישער רעליגיע 3).

צוזאַמען מיט תחית המתים און עולם הבא, קומט ביי יידן אויך צו אַ „פמליא של מעלה”, אַ מין גענעראַל שטאַב ביי גאָט, אַ שטאַב פון מלאכים און פון שדים, פון גוטע און פון שלעכטע שילוחים פון גאָט.

אמת, אין די אַלטע שריפטן ווערט שוין אויך דערציילט פון מלאכים, ווי גאָטס שילוחים. יענע האָבן אָבער נאָך ניט קיין נעמען. ערשט שפּעטער, אין דער אַפּאָקאַליפּטישער ליטעראַטור, באַקומען זיי נעמען און ספּעציעל באַשטימטע פליכטן, גוטע און שלעכטע.

גאָר אַמאָל פלעגט גאָט זיך ווייניק שאַפן מיט מלאָכים. ער פלעגט אַליין אַראָפּנידערן פון הימל און רעדן צו מענטשן. ער האָט פּערזענלעך גערעדט מיט נחן, מיט אברהמען, מיט משהן און אהרונען, מיט יהושען א. אַז. וו. איצט איז שוין גאָט צו וויט. אַפילו קיין נביאים שיקט ער שוין אויך ניט. זיין פאַרבינדונג מיט די מענטשן איז נאָר דורך זיין תורה, וואָס אַחוץ געבאָטן, איז זי פול מיט פאַרבאָרגענע סודות, וואָס נאָר יחידי סגולה זיינען זוכה צו פאַרשטיין 4). אַמאָל, גאָר זעלטן, קאָמוניקירט גאָט איצט אויך מיט מענטשן, אָבער נאָר אין חלומות.

---

3) די צדוקים פּאַרטיי האָט נאָך אַ פּאָר הונדערט יאָר שפּעטער צוריקגעוויזן די נייע אידייען. זיי האָבן ניט געגלויבט אין אַ לעבן נאָכן טויט.

4) דאָס אַרויסאַנטפּלעקן די סודות פון דער תורה איז געוואָרן די ספּעציאַליטעט און די פּריווילעגיע פון גאָר גרויסע לעגענדאַרע צדיקים. דניאל איז געווען אַזאַ לעגענדאַרער צדיק, אָדער חנוך. אַ גרויסע אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן אונטער די פּסעוודאָנימען דניאל, חנוך, יהושע, לוי, משה א. אַ. אין די צייטן פון גרויסע אויפטרייסלונגען און אומגליקן (אין דער גריכישער עפּאָכע האָבן אַזעלכע מאָמענטן ניט געפעלט) האָט די אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור זיך פאַרנומען מיט „אַנטפּלעקן”, אָדער פאָרויסזאָגן דעם „קץ”, דעם סוד פונעם „באחרית הימים”. אין דער אומגליקלעכער רוימישער עפּאָכע איז די ליטעראַטור געווען שטאַרק פּאָפּולער און האָט פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון אַ סך יידן אין יהודה און אין די תפוצות.

די מלאכים פון גאָטס „פמליא של מעלה" זיינען צעטיילט אויף גוטע און שלעכטע — „מלאכים פון גאָט, און מלאכי חבלה". די שלעכטע קריגן שפּעטער צו אַן אייגענעם אויבערהאַר, דעם „שטן", אָדער ווי ער ווערט אָנגערופן ביי די פרומע חסידים, „בליעל". יענער שטעלט זיך גאָר אינ־גאַנצן קעגן גאָט און זיין פירערשאַפט. ער גרייט זיך גאָר פירן אַ גרויסע מלחמה קעגן גאָט. (אָדער גאָט גרייט זיך פירן אַ מלחמה קעגן אים!) ס׳באַ־קומט זיך אַ מין דואַליסטישע פאַרטיילונג פון כוחות.

ס׳איז קיין שום ספק ניט, אַז דאָ האָט געווירקט די באַקאַנטשאַפט מיט די פּערסישע געטער־געשטאַלטן „אאורא־מאזדא" און „אחרימון". אאורא מאַזדאַ, דער גוטער וועלט־ און ליכט־באַשאַפער, וואָס קעמפט קעגן דעם גאָט פון אַלדאָס בייז און פינצטערניש, אחרימון.

די אידייען האָבן זיך איבערגעטראָגן אין דער יידישער רעליגיע, און האָבן, נאַטירלעך, אָנגענומען אַנדערע, דורכאויס יידישע פאָרמען. די גאָר פרומע חסידים, האָבן די אידייען אויף איינגעזאַפּט, און ווי אַפּאָקאַליפּטיקער האָבן זיי די דואַליסטישע אידייען אַנטוויקלט אויף זייער אייגענעם אופן לויט זייערע באַגריפן און מאַטיוון.

## ב. די גריכן ווי ציוויליזאַטאָרס

אין דער צייט ווען די גריכן האָבן באַזיגט דעם נאָענטן מזרח, איז שוין אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ (ספּעציעל די סופרים), געווען אונטער דער ווירקונג פון די פרומע חסידים, וואָס האָבן צוזאַמען מיט דער תורה אויך פאַרדייעט און איינגעזאַפּט די דרויסנדיקע אידייען פון תחית המתים, פון אַ לעבן נאָכן טויט, פון גוטע און שלעכטע מלאכים, און פון אייביקן אַקטיוון קאַמף פון גוטס קעגן שלעכטס, א. אַז. וו.

די גריכישע אַריינדרינגער האָבן באַטראַכט די מזרח־פעלקער ווי ניט ציוויליזירט און זיך ווי די „ציוויליזאַטאָרן" און קולטור־טרעגער. צוזאַמען מיט די הויפּט־צילן פון דער מלחמה — באַהערשן די מזרח־לענדער, צו־קריגן אַ קוואַל פון צינזן, און פאַרשטאַרקן זייער מאַכט אויפן נאָענטן מזרח, האָבן די גריכישע גענעראַלן זיך אויך געשטעלט אַן אויפגאַבע צו העלע־ניזירן דעם מזרח, איינפירן דאָרט זייער „העכערע" גריכישע קולטור.

די גריכן האָבן קאָלאָניזירט אַ סך פון די אַלטע שטעט און אויך געבויט נייע, ווי אַלעקסאַנדריע אין מצרים און אנטיוכיה אין סיריע. אַ סך פון די גריכישע קריגער זיינען באַזעצט געוואָרן אין די נייע ווי אויך אין די אַל־

טע שטעט. כדי צו פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג אין די נייע שטעט, האָבן זיי גענומען מאַסן געפאַנגענע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און מיט גוואַלד זיי באַזעצט אין די נייע שטעט. אין עטלעכע צענדליק יאָר, איז גריכיש געוואָרן די הויפּט־שפּראַך איבער דער גאַנצער געגנט. זיי האָבן איינגעפירט אָלימפּישע שפּילן און אַנדערע גריכישע מנהגים, און העלעניזירט דעם מזרח.

די יידן אין יהודה, און איבערן נאָענטן מזרח בכלל, זיינען געוואָרן אַרומגערינגלט מיט העלענישע צענטערן, און האָבן די העלעניזאַציע ניט אויסגעמיטן. די יידישע דיאַספּאָראַ האָט זיך, נאַטירלעך, העלעניזירט אַ סך שנעלער ווי די יידן אין דעם היים־לאַנד.

אין איין פּרט זיינען די יידן, אַלע יידן, געווען אַן אויסנאַם אינעם גריכיש באַהערשטן מזרח. די גריכישע רעליגיע, זייערע געטער (און געטינס) האָבן זיך צו די יידן ניט צוגעקלעפּט.

## ג. די העלעניזאַציע ביי יידן. דער „תרגום השבעים"

אין מיטן דריטן י. ה. פּ. אונ. צייט, אינגאַנצן אַ צוויי דורות נאָכדעם ווי די גריכן האָבן באַהערשט די געגנט, האָבן זיך די יידן פון אַלעקסאַנדריע שוין געניטיקט אין אַ גריכישער איבערזעצונג פון די הייליקע שריפטן. די תורה איז געבליבן ביי זיי הייליק, נאָר די שפּראַך פון דער תורה האָבן זיי פאַרגעסן. האָבן זיי אַריבערגעטראָגן זייער הויפּט קולטור־באַזע, די תורה, אויף גריכיש, אויף דער שפּראַך וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען. אַזוי איז אַנטשטאַנען די באַרימטע גריכישע איבערזעצונג פון תנ"ך, די סעפּטואַגינט (תרגום־השבעים — די „איבערזעצונג פון די 70"). דורך דער איבערזעצונג האָבן די יידן פון די תפוצות גרינגער געקאָנט אָנהאַלטן זייער אָנגעהעריקייט צום יידישן שטאַם, און די ניט־יידישע וועלט האָט דערביי געקראָגן אַ צוטריט צום סאַמע מקור פון דער דעמאָלטיקער יידישער קולטור, צו דער ביבל.

נאָך אַן אורזאַך פאַרוואָס די יידן אויסער יהודה זיינען געווען צופרידן מיט דער גריכישער איבערזעצונג פונעם תנ"ך איז געווען, ווייל זיי, די תפוצות־יידן, האָבן געזוכט אַ דערנעענטערונג מיט זייערע ניט־יידישע שכנים. זיי האָבן אויך געזוכט גרים. פילון פון אַלעקסאַנדריע, דער באַרימטער יידישער פילאָזאָף, אַ העלעניסט, וואָס האָט געלעבט און געווירקט אַרום אַ 200 יאָר שפּעטער ווי דער תנ"ך איז איבערזעצט געוואָרן אין גריכיש (ער האָט

געלעבט פון אַרום דעם יאָר 20 פ. אונ. צייט, ביזן יאָר 50 אונ. צייט). ער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון דער סעפּטואַגינטאַ. די איבערזעצונג פון די יידישע שריפטן, האָט ער געזאָגט, איז אַ „פּראָנט אַטאַקע אויפן צעפּוילטן פּאַגאַניזם". געצנדינערייַ האַלט זיך אין צעפאַלן, די סעפּטואַגינטאַ וועט העלפן אַריבערגעווינען די ניט־יידן צו דער איינציקער מאָנאָטעאיסטישער, דער איינציקער אמתער, דער יידישער רעליגיע.

זייער אַ שיינער און אינטערעסאַנטער דאָקומענט איז אונדז געבליבן פון יענער צייט, אַ פאַרפאַסונג פון איינעם אַ יידן, וואָס נוצט אַ פּסעוודאָנים פון אַ ניט־יידן. דאָס איז דער באַרימטער „בריוו פון אַריסטעו" צו זיינעם אַ ברודער. ער דערציילט אים אין בריוו, ווי דער גוטער קעניג פּילאַדעלפוס (פון די מצרישע פּטאָלעמייער) האָט זיך געווענדט קיין ירושלים און געבעטן צושיקן איבערזעצער פון דער ביבל. אַ שפּעטערע לעגענדע איז צוגעגעבן געוואָרן צו דעם בריוו, און צו דער מעשה, ווי 72 יידישע געלערנטע זיינען געזעסן אין 72 באַזונדערע חדרים, ווי יעדער האָט איבערזעצט די הייליקע שריפטן באַזונדער, און ווי אַזוי, מיט דער אינספּיראַציע פון גאָט, איז די איבערזעצונג אַרויס ביי אַלעמען גלייך. אַזאַ לעגענדע ווייזט, אַז די יידן פון דער פרעמד זיינען געווען זייער צופרידן מיט דער איבערזעצונג. אַפילו גאָט האָט זיך געפרייט מיטן תרגום־השבעים, דער רוח־הקודש האָט אינספּי־רירט די איבערזעצער. די פרומע יידן פון יהודה האָבן ניט געזען קיין נוי־טיקייט אַריבערצופירן די יידישע קולטור־ווערטן אין דער ניט־יידישער וועלט. די תורה האָט גאָט געגעבן צו די יידן, ניט צו קיין אַנדערע. קיין גרים האָבן זיי ניט געזוכט. פון דער ניט־יידישער וועלט זיינען זיי געווען און געבליבן פרעמד.

די גריכישע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע איז געווען זייער אַן אומרואיקע. אין דער עפּאָכע זיינען פאָרגעקומען מער און גרעסערע מלחמות ווי פריער. יידן האָבן אָפּטער און אין גרעסערע צאָלן אויסגעוואַנדערט אין פרעמדע לענדער. די פּעריפעריע פון די יידישע תפוצות איז אויך געוואָרן גרעסער. ס'זיינען צוגעקומען יידישע ישובים, גרעסערע און קלענערע, אויף די אייראָפּעאישע ברעגן פון מיטללענדישן ים. אין לאַנד, ווי אין די תפוצות, איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקער געראַנגל צווישן די פאַרשידענע גייסטיקע, טראַדיציאָנעלע און פּאָליטישע ריכטונגען ביי יידן. פון די הויפּט־גרופּי־רונגען איז געווען איינע אַן אַסימילאַטאָרישע, אָדער ווי זי איז באַקאַנט אין דער געשיכטע — אַ העלעניסטישע פּאַרטיי, אַ צווייטע — אַ פּאַרטיי חסידים, אָדער פרומע. די ערשטע האָבן, אַחוץ דער גריכישער שפּראַך,

איך געוואָלט אָננעמען גריכישע מנהגים, זייערע שפּילן, זייערע ווייַן — אָדער אַנדערע לוסט־פֿייערונגען. די חסידים, פֿאַרקערט, האָבן געזוכט וואָס שטאַרקער זיך צובינדן צום גלויבן אין יהוה, צו דער תורה, צו די אַלטע מנהגים און טראַדיציעס וואָס זיינען מיט איר פֿאַרבונדן, און אַזוי אַרום צונישט מאַכן דעם שעדלעכן איינפֿלוס פֿון דרויסן.

פּונקט ווי די העלעניסטן זיינען ניט געווען פֿון איין שטיק געגאָסן, און פֿאַרשידענע גרופּעס צווישן זיי האָבן פֿאַרטראָטן פֿאַרשידענע גראַדאַציעס פֿון אַסימילאַטאָרישע טענדענצן — אייניקע נאָר פֿאָרמעלע (ווי יאַזאָן, למשל), און אַנדערע גרייט אויף איבעררייסן אינגאַנצן מיטן נאַציאָנאַלן יידישן לעבן און ווערן דורכאויס גריכן (ווי מענעלאוס), אַזוי זיינען צווישן די חסידים איך געווען שטאַרקערע און שוואַכערע אָנהענגער פֿון טראַדיציע, פֿון אָפּהיטן די געבאָטן פֿון דער תורה, און פֿון אַלץ וואָס איז מיט איר פֿאַרבונדן.



די 2 טיילן פֿון דער קופּערנער מגילה, איידער מ׳האָט זי „צעוויקלט״.

די אַלע ריכטונגען, פּאָליטישע ווי גייסטיקע, האָבן דורכגעמאַכט אַ פּראָצעס פֿון אַנטוויקלונגען. קיינע פֿון זיי האָט ניט אָנגעהויבן ווי געענדיקט, אָדער פֿאַרקערט. זיי האָבן זיך כסדר געהאַלטן אין בייטן — שטאַרקער אָדער שוואַכער ווערן, סיי לויט די אָנגעוואַקסענע אומשטענדן, און סיי לויט די פּערזענלעכע נייגונגען און אַמביציעס פֿון זייערע פֿירער.

איין פּעריאָד אַזאַ, ווען פּאָליטישע און גייסטיקע גרופּירונגען און אידייען זיינען אָנגעוואַקסן שנעל, שאַרף און זיך ראַשיק איבעראַנטוויקלט, ממש איבער נאַכט, איז געווען די צייט, ווען די גרויזאַמע גריכישע גזירות, האָבן אַרויסגערופֿן די העראָאישע קאַמפּן פֿון די יידן, אָנגעפֿירט פֿון דער חשמונאים־משפּחה.

## ד. די גזרות פון אַנטיוכוס. דער אויפשטאַנד פון די חשמונאים

צום אָנהייב פון 2טן י. ה. פאַר א. צ., איז יהודה אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון די סירישע גריכן, די סעלעוקידן. די לעצטע האָבן פאַר־געזעצט אַלעקסאַנדער מוקדונס פּלענער פון גריכישער אויסשפּרייטונג און געשטרעבט צו באַשאַפן אַ גרויסע העלענישע וועלט־אימפּעריע. זיי האָבן זיך באַטראַכט ווי אמתע יורשים פונעם גרויסן, מאַקעדאָנישן קריגס־העלד, און ווי שטאַרקע העלענאָפילן האָבן זיי העלעניזירט דעם מזרח מיט גרויס אײפער און התמדה. סיריע איז אונטער זייער איינפלוס געווען פולשטענדיק העלע־ניזירט. די ניי־צוגעקומענע לענדער אין אָנהייב פון 2טן י. ה., ווי יהודה און אירע שכנים, האָבן אויך אָנגעהויבן דורכמאַכן אַ ראַשיקע העלעניזאַציע, אַ סך אַ שנעלערע ווי פריער אונטער די פּטאָלעמייער פון מצרים. גריכיש איז שוין דאַן געווען די אינטערנאַציאָנאַלע, קאָמערציעלע און דיפּלאָמאַטישע שפּראַך ביי אַלע קלענערע פעלקער איבערן גאַנצן נאָענטן מזרח. די גרי־כישע רעליגיעזע יום־טובים און מנהגים זיינען שוין געווען אָנגענומען ביי די מערסטע היידנישע פעלקער פונעם אַרום. די סירישע הערשער האָבן דעם פּראָצעס פון פאַרגריכישן דעם מזרח נאָך מער פאַרשנעלערט.

אַ דאַנק דעם עקאָנאָמישן, גייסטיקן און פּאָליטישן קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער גריכישער וועלט, האָבן די יידן זיך אויך אָנגעהויבן העלעניזירן, כאָטש ניט אַזוי ראַשיק שנעל און ניט אַזוי פולשטענדיק ווי די היידנישע שכנים אַרום, נאָר שנעל און טיף גענוג, אַז די פרומע חסידים זאָלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

אַרום דער צייט, ווען דער עקסטרעמער העלענאָפיל, אַנטיוכוס עפּיפאַנוס, איז געוואָרן הערשער איבער סיריע (אין יאָר 175 פ. אונ. צייט), איז די אַסימילאַטאָרישע העלעניסטישע פּאַרטיי אין יהודה געהאַט שטאַרק אויס־געוואַקסן. אַמשטאַרקסטן איז זי געווען צווישן די רייכערע שטאָטישע עלע־מענטן, די יחוסדיקע כהנים משפּחות און די רייכערע ערד־ און שקלאַפן־באַזיצער איבערן לאַנד. די חסידים, די קעמפער קעגן דעם שעדלעכן איינ־פלוס פון דרויסן, האָבן פאַרבונדן דעם הייליקן קאַמף פאַר יהוה, פאַר די געבאָטן פון דער תורה און די נביאים מיטן קאַמף קעגן סאָציאַלן אומרעכט, קעגן רשעות און אויסגעלאַסנקייט אין לאַנד, קעגן באַדריקן דעם אָרעמאַן, דעם יתום און די אַלמנה, קעגן יאָגן זיך נאָך „הון" (רייכטום), קעגן די רשעים־אַסימילאַטאָרן.

די העלעניסטן זיינען אויך ניט געשטאַנען אויף איין אָרט אין זייער

אַנטוויקלונג. אָנגעהויבן פון דעם אומשולדיקן באַגער צו סעקולאַריזירן די מלוכה־פירערשאַפט אין יהודה, „אויסמענטשלען" זי, אַז זי זאָל ניט בלייבן אין די ענגע תורה־גרענעצן, צוריקגעשטאַנען לגבי דעם גרויסן ראַשיקן אַרום, זיינען אַ סך פון זיי דערגאַנגען צום פולשטענדיקן איבעררייסן מיט די אַלטע יידישע טראַדיציעס, מיט דער תורה און מיט די יהוה־געזעצן. יידישע בחורים אין די פיזישע שפילן און פאַרמעסטן, וואָס פלעגן אַרויס־קומען נאַקעטע אויף די אַרענעס, האָבן זיך אָנגעהויבן שעמען מיטן יידישן צייכן אויף זייערע לייבער, און האָבן זיך אָנגעהויבן „איבערמלען אויף צוריק".

ווען אַנטיוכוס עפּיפאַנוס האָט אַרויסגעגעבן דעם באַרימטן דעקרעט אָפּצושאַפן די יידישע רעליגיע (אין יאָר 168 פ. אונ. צייט), האָט ער עס געטאָן מיט דער גוטהייסונג פון די אויסגעשפּראָכענע העלעניסטן אין יהודה, די וואָס האָבן וואָס גיכער זיך געוואָלט צונויפגיסן מיטן גריכישן אַרום. דער דעקרעט, ווי באַוואוסט, האָט געצילט מיט צוואַנג אָפּצושאַפן די יידישע רעליגיע. דריי הויפּט סימנים פון יידישקייט זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן אין דעם דעקרעט, וואָס פאַר זיי קומט טויט־שטראָף: א) פאַר אָפּהיטן שבת און אַנדערע יידישע יום־טובים, ב) פאַר מל זיין די קינדער, און ג) פאַר אויסמיידן עסן טריפה, ספּעציעל חזיר־פלייש.

די פאָלקס־מאַסן האָבן זיך געשטעלט קעגן. הונדערטער זיינען גע־גאַנגען אויף קידוש־השם, געלאָזט זיך טויטן און ניט פאַרבראָכן קעגן די רעליגיעזע געזעצן. טויזנטער זיינען אַנטלאָפן זיך אויסבאַהאַלטן פון די גזירות. זיי זיינען אַוועק אין די בערג, אין די מדבריות, און אונטער דער פירערשאַפט פון דער העלדישער חשמונאים־פאַמיליע זיינען זיי באַפאַלן קלענערע אָפּטיילונגען פון די גריכן און זיי בייגעקומען. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען זיי אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסער אויפשטאַנד־אַרמיי, וואָס האָט קיין מורא ניט געהאַט זיך באַגעגענען מיט גרעסערע גריכישע אָפּטיילונגען און אַפילו מיט גרויסע גריכישע אַרמייען, אָנגעפירט פון באַרימטע גענע־ראַלן, אין אַן אָפענעם קאַמף אויפן שלאַכטפעלד.

אַרום 27 יאָר האָט געדויערט די מלחמה. ניט אין אַלע שלאַכטן האָבן די יידן געזיגט. צום גליק, האָבן די סירישע גריכן דאַן געהאַט נאָך אויפ־שטאַנדן און מלחמות אויף אַנדערע גרענעצן, און דער עיקר זיינען אין דער צייט פאָרגעקומען עטלעכע הויף־אינטריגעס אין אַנטיוכיה גופא, און פאַר־שידענע פרעטענדענטן האָבן זיך געשלאָגן פאַרן סירישן טראָן.

ווען יהודה המכבי איז געהרגעט געוואָרן אויפן שלאַכטפעלד (אינעם

יאָר 160 פּ. אונ. צייט), האָט זיין ייִנגערער ברודער יהונתן איבערגענומען די פירערשאַפט פון אויפשטאַנד. ער האָט דיפּלאָמאַטיש אויסגענוצט די סיכסו־כים צווישן די פאַרשידענע פּרעטענדענטן און האָט באַוויזן צו דערגרייכן אַ סך געווינסן. פון איינעם אַ פּרעטענדענט, אַלעקסאַנדער באַלאַס, האָט ער אַפילו געקראָגן אַ מתנה, דעם אַמט פון כהן גדול אין בית־המקדש, און ער האָט די מתנה אָנגענומען. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, (אין דעם יאָר 142 פּ. אונ. צייט), איז יהונתן פאַרנאַרט געוואָרן פון אַ גריכישן גענעראַל אין יענעמס לאַגער און איז דערמאָרדעט געוואָרן. זיין ברודער, שמעון, דער איינציקער לעבנגעבליבענער פון די חשמונאים ברידער האָט איבערגענומען די פירערשאַפט. אים איז שוין געלונגען פולשטענדיק באַפרייען דאָס לאַנד פון גריכישער אויבערהערשאַפט (אַרום יאָר 141 פּ. אונ. צייט).

## ה. אלקימוס און די שטעלונג פון די חסידים

אין די אויפשטאַנד־יאָרן איז די העלעניסטישע פּאַרטיי אַראָפּ פון דער אַרענע. זי איז אָבער ניט אָפּגעווישט געוואָרן אינגאַנצן. וויבאַלד ס'איז נאָר אַ ביסל גרינגער געוואָרן דער דרוק פון די גריכן, און אַפילו אינמיטן די קאַמף־יאָרן, זיינען טייל העלעניסטן צוריק אַרויף אויף דער אויבערפלאַך און אַרויסגעשטעלט זייער פּראָגראַם. פריער נאָך, ווען יהודה המכבי האָט נאָך געלעבט און האָט שוין געהאַט אויסגעקעמפט אַ צוזאָג פון אַ גריכישן גענעראַל מער זיך ניט מישן און מער קיין דעה ניט זאָגן אין די יידישע רעליגיעזע מנהגים, האָבן די העלעניסטן אַרויסגעשטעלט זייערן אַ קאַנדידאַט, אלקימוס, פאַר אַ כהן גדול. אינטערעסאַנט ביז גאָר איז דער פאַקט, וואָס פרומע חסידים און סופרים האָבן צוגעשטימט צו דעם, און האָבן אלקימוסן אָנגענומען פאַרן כהן גדול, כאָטש ער האָט דעם אַמט געקראָגן פון אַ סי־רישן גענעראַל און איז אַריין קיין ירושלים אין דער באַגלייטונג פון אַ סי־רישער אַרמיי 5).

---

5) די דערשיינונג איז ביז גאָר אינטערעסאַנט. זי ווערט דערקלערט מיט: א) דער אי־דעאָלאָגישער אַנטוויקלונג פון דער סעקטע חסידים איסיים. זיי האָבן געהאַלטן אַנטיוכוסעס גזירות ווי אַ שטראָף פון גאָט, וואָס מ'קאָן ניט אָפּשטעלן מיט מאַכט, מיט אַן אויפשטאַנד קעגן דעם סירישן קייסער. העלפן קאָן נאָר — תשובה און חרטה האָבן אויף די זינד. (די שטריכן פון דער פילאָזאָפיע קאָן מען גרינג דערקענען אין דניאל י״א, וואָס איז זיכער פאַרפאַסט געוואָרן אין דער צייט).

ב) אלקימוס האָט געמוזט זיין אַ מיטגליד פון די יחוסדיקער צדוק־משפחה, וואָס האָט פּרעטענדירט אויפן אַמט. פלאַוויוס, ווען ער דערציילט פון אים, זאָגט ניט אַז אלקימוס

אלקימוס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גאָר אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון די גריכישע באַצווינגער און איז דעריבער זייער שטאַרק פאַרהאַסט געוואָרן פון פאָלק. נאָך זיין טויט איז די העלעניסטישע פאַרטיי געבליבן זייער שטאַרק דיסקרעדיטירט און אָפּגעשוואַכט.

די העלדישע קאַמפן פון פאָלק, צוזאַמען מיט די הויף־אינטריגעס אין סירישן הויף, האָבן סוף־כל־סוף באַווירקט די געשעענישן אין יהודה לטובת די יידישע אויפשטענדלער, אונטער דער פירערשאַפט פון די חשמונאים. פרעטענדענטן אויפן סירישן טראָן האָבן איינער נאָכן אַנדערן געהאַלטן אין איין אַוועקשענקען מער און מער פּאָליטישע און טעריטאָריעלע פּריווילעגיעס פאַר דער פירערשאַפט פון די העלדישע יידן־קעמפער.

ווען יהונתן האָט אָנגענומען דעם אַמט פון כהן גדול, אַ מתנה פון אַ סירישן קייסער (אָדער פרעטענדענט אויפן טראָן), איז עס אין די אויגן פון די פרומע חסידים געווען אַ פאַרברעכן. (מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן, אַז ווען אלקימוס האָט אָנגענומען דעם אַמט פון אַ סירישן קייסער, זיינען פרומע חסידים צו אים צוגעשטאַנען!). די סיבה פאַר דער קעגנערשאַפט איז געווען דער פאַקט, וואָס יהונתן, כאָטש אַ כהן, האָט ניט געשטאַמט פון די בני־צדוק, וואָס האָבן געהאַט די חזקה אויפן אַמט פון כהן גדול. אַ גרעסערן פאַרברעכן, אין די אויגן פון די חסידים, איז באַגאַנגען זיין ברודער, שמעון, וואָס האָט דעם אַמט פון כהן גדול אויף אייביק צוגענומען פון די בני־צדוק, און פאַרפעסטיקט די כהונה גדולה מיט אַ דעקלאַראַציע פאַר זיך, פאַר זיינע

---

האָט געשטאַמט פון דער צדוק־משפחה. (פלאַוויוס, אַלטערטימער, בוך צוועלף, קאַפּיטל 10). מיר מוזן געדענקען, אַז פלאַוויוס האָט זיך פאַר דער עפּאָכע באַנוצט מערסטנס מיטן חשמונאים ב׳ך. אַ סך געלערנטע זיינען געניגט איינשטימען מיט דער אינפאָרמאַציע אין דעם בוך חשמונאים ב, יד׳ 4, וואו ס׳דערציילט זיך, אַז אלקימוס איז שוין געהאַט געווען אַ כהן פריער, כאָטש אין ערגעץ, אין די אַלטע געשיכטע־קוואַלן, איז עס ניט דערמאָנט.

די אינפאָרמאַציע, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין חשמונאים א׳, קאַפּ. ז׳, 12־13, אַז אַ סך חסידים זיינען אים אַנטקעגן געגאַנגען און אים באַגריסט, אים אָנערקענט ווי דעם כהן גדול, ווייל „ער איז דאָך אַ כהן פון אהרונס קינדער״, ברענגט אונדז צום געדאַנק, אַז ער איז געווען פון די בני־צדוק. ס׳איז דאָך צו דערוואַרטן, אַז דער ספר חשמונאים א׳, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן (מסתמא אונטער דער אויפזיכט פון יוחנן הורקנוס) ווי אַ לויב געזאַנג פאַר די חשמונאים, אין דער צייט, ווען די בני־צדוק האָבן אָנגעפירט אַן אַקטיווע אָפּאָזיציע קעגן זיי, אַז זיי זאָלן פאַרשווייגן די כהנים־משפחה, ביטערע קעגנער פון די חשמונאים, וואָס האָבן נאָך דערצו אַזאַ שטאַרקע פרעטענזיע אויפן אַמט פון דער כהונה גדולה, אַ פרעטענזיע וואָס שטאַמט פון די „כתבי־הקדש״ (יחזקאל מד׳ 15).

מ׳קאָן אויך דערפון דרינגען, אַז דער טייל פון די חסידים וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו אַלקימוסן זיינען געווען פון די וואָס זיינען לכתחילה ניט צוגעשטאַנען צום קאַמף.

קינדער און קינדס־קינדער. „ביז ס׳וועט קומען אַן אמתער נביא און אַנט־שיידן״ 6).

## ז. די שפּאַלטונג אינעם „קהל חסידים״

די חסידים וואָס האָבן זייער שטרענג אָפּגעהיט די רעליגיעזע געזעצן, די וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין די פּרינציפּן פון אַ העכערער עטיק, וואָס שטימט מיט גאָטס חסד, די וואָס האָבן געשטרעבט צו זיין גאַנץ מיט גאָט און מיט זיין תורה, זיי זיינען געווען גייסטיק זייער נאָענט צו די אַסקעטישע אָדער נזירישע גרופּן, וואָס האָבן עקזיסטירט צווישן יידן פון די גאָר אַלטע צייטן אָן 7). נזירים, אַסקעטן, האָבן ערגעץ אין דער פאָלקס־טראַדיציע, זיך אָנגעקערט נאָענט מיט כהנים און נביאים, און בכלל מיט עלעמענטן וואָס האָבן זיך געווידמעט צו קדושה.

אין דעם חשמונאים־פּעריאָד טרעפן מיר די פאַרשידענע מינים אַסקעטן און נזירים אין איין אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען „קהל־חסידים״. פאַרשידענע אויסדרוקן און גראַדאַציעס פון נזירות טרעפן מיר צווישן זיי. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז די גרעסטע זינד באַגייט אַ מענטש, וואָס גיט זיך אָפּ מיט תענוגים, מיט זוכן פאַרגעניגנס. דאָס געשלעכט־לעבן אין דערקלערט געוואָרן פאַר אומריין, פאַר אומווירדיק, און דעריבער — אַ זינד. עקסטרעמע אָנהענגער פון דער שיטה האָבן זיך דער־פאַר אָפּגעהאַלטן אינגאַנצן פון חתונה האָבן. אַנדערע נזירים האָבן געלייגט גרויס געוויכט אויף ריינקייט, און מקפּיד געווען זיך אָפּזונדערן פון יעדן

---

6) פון דער באַמערקונג אין חשמונאים א׳, יד׳, 45, „...עד כי יקום נביא אמת בישראל״ (ביז ס׳וועט אויפשטיין אַן אמתער נביא ביי יידן), ד. ה., אַז די חשמונאים־משפחה וועט אָנהאַלטן דעם אַמט פון כהן גדול ביז ס׳וועט באַשלאָסן ווערן פון אַן אמתן נביא, פון דער באַמערקונג אַליין איז קלאָר, אַז ס׳איז געשטאַנען אַ פראַגע־צייכן אויפן אַקט פון פאַרכאַפּן די כהונה גדולה.

דאָס וואַרטן אויף אַ נביא, אַז ער זאָל אַנטשיידן די זאַכן אין ספק, דער „תיקו״ פון דער גמרא, עטלעכע יאָרהונדערט שפּעטער, שטאַמט שוין פון אַן עלטערער צייט. דער פאַרפאַסער פון ספר החשמונאים ברענגט די באַמערקונג צוויי מאָל. איינמאָל, ווען יהודה המכבי האָט אַרויסגעשטעלט דעם טרפהן מזבח וואַרטן אויף אַן אַנטשיידונג פון אויבן, און ס׳צווייטע מאָל דאָ, ביי שמעונס איבערנעמען די כהונה גדולה.

7) אין ספר ירמיהו (לה׳) ווערט דערציילט פון אַ גאַנצער משפּחה נזירים, די „בני רכב״. אין חשמונאים א, ג׳ (49) ווערן אויך דערמאָנט נזירים. געזעצן וועגן נזירים זיינען פאַראַן אין תורת כהנים (אין במדבר ו׳).

מין אומריינקייט. די האָבן געהאַלטן אַ סך פון טבילה און זיי פלעגן זיך טובלען עטלעכע מאָל אַ טאָג. גאָר אַנדערע האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף אינערלעכער ריינקייט, אויף אַ ריין געוויסן. אַ מענטש וואָס איז ריין מיט גאָט, דאַרף זיין ריין מיט מיטמענטשן, טאָר זיי ניט ווי טאָן, טאָר ניט באַליידיקן קיינעם. מען דאַרף ליב האָבן דעם צווייטן ווי זיך. ווייל רייכטום איז גנבה, טאָר מען זיך נאָך דעם ניט יאָגן. וואָס מ׳האָט, טאָר מען ניט האַלטן נאָר פאַר זיך, מ׳דאַרף זיך טיילן מיט אַלע נויטבאַדערפטיקע.

די מערסטע פון די עטישע און אַסקעטישע אויסדרוקן פון נזירות, האָבן זיך געשטיצט אויף געבאָטן פון דער תורה 8), און אין דער פאַראייניקטער חסידים־אָרגאַניזאַציע, זיינען די אַלע און נאָך אַזעלכע פון דעם מין פאַראייניקט געוואָרן אין איין געזעץ בוך.

די פילאָזאָפיע פון די פרומע חסידים איז געווען און געבליבן אַ פאַטאַליסטישע. מיט אַלץ דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף גאָט. ער וועט טאָן, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן, ווען די צייט וועט קומען. אַלץ איז באַשערט און באַשטימט פון פאָרויס, בייטן עס קאָן מען ניט. זיך ווערן און ניט אָננעמען דאָס באַשערטע, איז אַ זינד. וואָס איז נגזר געוואָרן, מוז געשען. אויב אַ מענטש וועט ווערט זיין, וועט גאָט העלפן. און אויב ער וועט ניט — דאַרף מסתמא זיין אַזוי. די גזירות פון אַנטיוכוסן זיינען נאָר אַ שטראָף פון גאָט פאַר זינד, פאַר ניט אָפּהיטן זיינע געבאָטן. הילף, אמתע הילף, קאָן קומען ניט דורך ווידערשטעלן זיך מיט מאַכט, נאָר דורך תשובה טאָן, דורך חרטה האָבן אויף די זינד, דורך רייניקן זיך.

די אָנפירער פונעם קאַמף קעגן אַנטיוכוסן ברענגען גאָר קנאַפּע הילף, האָבן די חסידים געטענהט. ניט דורך זיי קאָן מען האָפן אויסגעלייזט צו ווערן. זיי זיינען גאָר אַליין זינדיקע מענטשן. פירער פון אַ הייליקער מלחמה, פון גאָטס מלחמה, דאַרפן אַליין זיין ריין, אָן אַ שום פלעק, אינעווייניק אין האַרצן און אויסנווייניק. גאָטס שילוחים טאָרן ניט זוכן קיין רייכטום. יאָגן זיך נאָך רייכטום איז כלל ניט קיין יידישע מידה. די נביאים פון אַמאָל האַלטן אין איין דערמאָנען און שטראָפן די זינדיקע, וואָס יאָגן זיך נאָך „הון״ (רייכטום), און אַוודאי טאָרן עס ניט טאָן קיין קעמפער פאַר גאָטס תורה, פאַר גערעכטיקייט. משיג גבול זיין, צונעמען די חזקה פון דער כהונה גדולה ביי די בני־צדוק, איז אַן אָפענער בראָך קעגן גאָטס געבאָט, קעגן זיין אָנזאָג צום נביא יחזקאל (יחזקאל מד׳ 15־16). אַראָפּוואַרפן פרעמדע הערשער

---

8) זייער אַ סך נזירים־געבאָטן האָבן זיך געשטיצט אויף דברים כג׳.

און אַליין ווערן הערשער, אַליין ווערן אַ קעניג מיט אַ „הויף״, מיט אַרמייען, און זאַמלען זיך רייכטימער, דאָס איז דאָך דאָס זעלבע ווי ביי די זינדיקע אומות העולם — יידן דאַרפן ניט אַזאַ מלוכה. יידן דאַרפן ניט, טאָרן ניט האָבן אַזאַ סדר. יידן זיינען אַ הייליק פאָלק. וואָס זיי דאַרפן איז אַ כהן פון די בני־צדוק, אַ ריינעם, אָן אַ פגימה, ער זאָל טאָן די „עבודה״ אין בית המקדש, ווי גאָט אַליין וויל. יידן דאַרפן אַן אמתן נביא, ער זאָל זיי מדריך זיין אין גאָטס וועגן.

פון סאַמע אָנהייב השמונאים־קאַמף איז פאַרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דעם „קהל חסידים״. ווען מיר באַטראַכטן זייער פּאַטאַליסטישן צוגאַנג צו די געשעענישן אַרום, ווען מיר קיין טעות ניט האָבן, ווען מיר ווען אָנ־נעמען, אַז די שפּאַלטונג איז פאַרגעקומען באַלד ביים אָנהייב, ווען אַ סך יידן, צווישן זיי פרומע חסידים, האָבן זיך דערלויבט מחלל שבת זיין, זיך שטעלן אַנטקעגן די גריכן מיט געווער אום שבת אויך, און ניט לאָזן זיך אויסשעכטן ווי די שאָף 9). צום קאַמף קעגן די חשמונאים זיינען צוגעשטאַנען נאָר אַ טייל פון די חסידים 10), ניט אַלע. די אַנדערע זיינען אויסגעבליבן און דער גאַנצער אויפטו פון די זינדיקע חשמונאים איז טאַקע גאָרניט ווערט, גאָר אַ קליינער אויפטו 11)! אַנטיוכוס קאָן זיך טאַקע טראַכטן, אַז ער איז גרויס, אַז אַלץ וואָס ער טוט איז מיט זיין אייגענעם ווילן, ס׳איז אָבער ניט אַזוי 12).

דער ריס צווישן די חסידים, און די שנאה, דער צאָרן פון די פרומע קעגן די רשעים, די חשמונאים, איז ניט געווען קיין קליינער און ניט אויף דער־וויל. די פרומע חסידים זיינען פון אָנהייב ניט געווען איזאָלירט. זיי זיי־

---

9) פונעם באַריכט אין ספר חשמונאים א׳, ב׳ 44, וואו ס׳דערציילט זיך, אַז מ׳האָט זיך געעצהט, וואָס צו טאָן אויב מ׳זאָל זיי באַפאַלן אום שבת, איז זייער גרינג אַרויס־צודרינגען, אַז ס׳איז ניט געווען קיין איינשטימיקייט וועגן דעם.

10) חשמונאים א׳, ב׳ 45.

11) זייער אַ וויכטיקער עדות אַז די פרומע חסידים האָבן אַזוי געטראַכט, איז דער ספר דניאל (ספעציעל ס׳קאַפּיטל יא׳), וואָס איז זיכער פאַרפאַסט געוואָרן באַלד נאָך חנוכה, ווען יהודה המכבי האָט נאָך געמוזט לעבן. דאָס דערקענט זיך גרינג פונעם אינהאַלט. פון די חשמונאים האַלט דער מחבר פון ספר דניאל זייער ווייניק. ער איגנאָרירט זיי. דאָס קליינע ביסל הילף („עזר מעט״ דניאל יא, 34) איז גאָרניט געקומען פון זיי, נאָר ס׳איז באַשערט געווען פון גאָט. „...כי נחרצה נעשתה״ (אַזוי באַשליסט דער גורל און אַזוי ווערט עס געטאָן).

12) „...דער מלך (אַנטיוכוס) וועט באַגליקן״, „...עד כלה זעם״, ביז גאָטס צאָרן וועט זיך ענדיקן (דניאל יא׳ 36).

נען געווען גענוג פאַרוואַרצלט אין פאָלק. אפילו עמי־הארצים, אַזעלכע וואָס האָבן אַליין קיין תורה ניט געקאָנט, ניט געוואוסט קיין צורה פון אַן אות, האָבן געהאַט דרך ארץ פאַר תורה, פאַר גאָטס־געבאָט. ביים פאָלק זיינען די חסידים געווען הייליקע. אין די פאָלקס־לעגענדעס האָבן די פרומע אַפילו געקאָנט היילן קראַנקע, אַפילו פאַרויסזאָגן וואָס וועט זיך טרעפן שפּעטער. דער דרך־ארץ צו זיי זעט זיך אַן אפילו אין די געשיכטע־קוואַלן, ווי פלאַוויוס און פילון, וואָס זיינען געקומען אַן ערך 200 יאָר זינט די חסידים פּאַרטיי האָט זיך געשפּאָלטן, ווען זיי האָבן שוין געהאַט אָנגעוואוירן זייער גלאַנץ און זיינען געווען אויף אַן אמתן איזאָלירט. דער העלעניסט פילון (אין זיין בוך: „גוטע מענטשן זיינען פריי״), שטעלט זיי אַרויס ווי אַ מוסטער פון טוגנט, ווי די סאַמע גליקלעכסטע מענטשן צוליב זייער גוטסקייט און השלמה. פלאַוויוס רעדט פון זיי מיט ליבשאַפט און מיטן גרעסטן יראת־הכבוד, דער־ציילט פון זיי מער און גיט זיי אָפּ מער פּלאַץ, ווי אַלע אַנדערע פּאַרטייען צו־זאַמענגענומען. אַפילו אין שפּעטערע טיילן פון תלמוד זיינען געבליבן וואַרעמע אָפּרופן וועגן די חסידים ראשונים.

אַזאַ אָרגאַניזירטע גרופּע האָט גרינג געקאָנט באַדראָען די פּאַרכאַפּטע פּאָזיציעס פון די חשמונאים. ספּעציעל נאָך, ווען אין דער שפּיץ פון דער אָפּאָזיציע זיינען געשטאַנען כהנים וואָס האָבן געהאַט פּערזענלעכע קריוודעס און טענות קעגן די חשמונאים פאַרן פאַרכאַפּן די כהונה גדולה. מיט אַזאַ אָפּאָזיציע האָט מען זיך געמוזט רעכענען.

## ז. די דעקלאַראַציע פון שמעון החשמונאי. חסידים איזאָלירן זיך

שמעון החשמונאי האָט די אָפּאָזיציע פון די כהנים מיט די פרומע חסידים געהאַלטן פאַר גענוג ערנסט און האָט זיך דעריבער באַוואָרנט. די דעקלאַראַציע, וואָס איז געבליבן פון דער זקנים־פאַרזאַמלונג (חשמונאים א — יד׳) ווייזט אַ שטאַרקע האַנט און סטראַשעט מיט אַ שטראָף די כהנים אָדער אַנדערע, וואָס וועלן זיך שטעלן קעגן שמעונס רעכט אויף דער כהונה גדולה 13).

---

13) זע קאַפּיטל 7, נאָטיץ 10. פון די מגילות איז אויך קלאָר, אַז דער „כהן הרשע״ (שמעון ?) האָט זיי גערודפט.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז יהונתן אָדער שמעון (אָדערביידע) האָבן פאַר־פאָלגט די כהנים־קעגנער און די פרומע חסידים. די אָפּקלאַנגען פון די פאַרפאָלגונגען אויף די חסידים־איסיים אין די ניי געפונענע מגילות זיינען עכטע, ניט קיין אויסגעטראַכטע.

אין די געשיכטע־קוואַלן פון יענער צייט, אין ספר החשמונאים און ביי פּלאַוויוסן, זיינען די פאַרפאָלגונגען ניט רעגיסטרירט. אינעם חשמונאים־בוך האָבן ניט געקאָנט בלייבן קיין דירעקטע ידיעות וועגן דעם, אַז די יידישע קעניגן האָבן גערודפט פרומע חסידים. דער פאַרפאַסער פונעם ספר החשמונאים איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער העלדישער משפחה. דאָס בוך האָט ער פאַרפאַסט אין דער צייט פון יוחנן הורקנוס, אינעם בלי פעריאָד פון דער חשמונאים עפּאָכע 14). דער מחבר איז געווען אַ שטאַרקער אָנ־הענגער פונעם מלך, אויב ניט אַ הויף־מענטש ביי יוחנן הורקנוס.

יאָזעפוס פלאַוויוס האָט געשריבן זיינע געשיכטע ביכער אַרום 200 יאָר נאָכדעם ווי דער ספר החשמונאים איז פאַרפאַסט געוואָרן, און זיין עיקר־קוואַל פאַר דעם פעריאָד איז געווען דאָס חשמונאים־בוך. ער האָט אויך ניט געוואוסט צו דערציילן פון יהונתנס אָדער שמעונס פאַרפאָלגונגען פון דער חסידים־אָפּאָזיציע. דערצו דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז אין דער צייט ווען די יידן זיינען אַזוי אכזריותדיק פאַרפאָלגט געוואָרן פון די פרעמדע, די רוימער, איז דאָס געדעכעניש פון די העלדישע חשמונאים געווען ביים פאָלק אַרומגעוויקלט אין טייערע, פול מיט בענקעניש — זכרונות. די מכביער ברידער זיינען געווען לעגענדאַרע העלדן, וואָס האָבן אויסגעקעמפט אַ פריי, אַ גליקלעך לעבן פאַרן פאָלק. די עפּאָכע פון די חשמונאים איז געווען די גליקלעכע, די „גאָלדענע עפּאָכע" פון אַמאָל, און אין דער פאָלקס געדעכעניש האָט ניט געקאָנט בלייבן דער פלעק אויף יענע לעגענדאַרע העלדן, אַז זיי האָבן פאַרפאָלגט פרומע חסידים 15).

פון די ידיעות און אָנצוהערענישן אין די מגילות און אינעם בוך חשמונאים קומען מיר צום אויספיר, אַז אַרום יענער צייט האָט זיך די חסידים פאַרטיי

14) דאָס איז קלאָר פון עם אינהאַלט. צו דעם אויספיר קומען אַלע געלערנטע וואָס זיינען באַהאַוונט אין דער עפּאָכע און אין דער ליטעראַטור וואָס איז דאַן באַשאַפן געוואָרן.

15) די איזאָלירטע חסידים־איסיים גרופּן האָבן נאָך לאַנגע יאָרן אָנגעהאַלטן אַ טראַ־דיציע פון צאָרן און שנאה קעגן דעם כהן הרשע, קעגן די דורשי חלקות און אַלע אַנדערע וואָס זיינען ניט צוגעשטאַנען צום בונד.

געשפּאָלטן אין צווייען, איין טייל איז געבליבןביים נאָמען חסידים, און די אַנדערע ווערן שוין זינט דאַן אָנגערופן „פּרושים״ 16).

אין זייערע שריפטן, רופן די חסידים אָן דעם מלך, וואָס איז אויך געווען דער כהן, „הכהן הרשע״ 17). אַלע ערגסטע זינד פון דער תורה ווערן אים פאַרגעוואָרפן. פון משיג גבול זיין ביז אָנראַבעווען „הון״ 18), ביז זנות און אַ סך אַנדערע חטאים. צוזאַמען מיטן „כהן הרשע״ האָבן די סעקטאַנטן אויך אָנגעהויבן זידלען די אָפּגעשפּאָלטענע, די פּרושים. די חסידים האָבן אויסגעוואָרפן די פּרושים, אַז זיי זיינען „דורשי חלקות״ 19). אַז זיי פּשטלען זיך אויס גלאַטע וועגן דורך ליגנס, און זיי האָבן די פּרושים אויך אָנגערופן „רשעים״.

אין דער צייט פון יאָזעפוס פלאַוויוס, ד. ה. אין דער צייט נאָענט צום גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים, האָבן נאָך די חסידים עקזיסטירט ווי אַ גרופּע, אָבער אינגאַנצן פרעמד און איזאָלירט. יאָזעפוס דערמאָנט זיי ווי אַ באַזונדער פּאַרטיי 20), און ער דערמאָנט זיך צו דערציילן פון „די עסענער״, בשעת ער רעדט פון יהונתן החשמונאי. קיין אַקטיווע פּאָליטישע גרופּע זיינען די חסידים שוין דאַן ניט געווען. זיי זיינען דאַן שוין געווען אינגאַנצן פאַרזונקען אין זייער אַפּאָקאַליפּטיק.

---

16) אין קיינע געשיכטע קוואַלן ביז דאַן איז דער נאָמען „פּרושים״ ניט דערמאָנט. דער טייטש פון „פּרושים״ איז — אָפּגעטיילטע. קיינער פון די וויכטיקע היסטאָריקער האָט ניט געגעבן קיין גוטע דערקלערונג פאַרן נאָמען „אָפּגעטיילטע״. אָפּגעטיילטע פון וועמען? פאַרוואָס? בסך הכל זיינען די פּרושים וויניקער ווי עמעצער אַנדערש געווען אָפּגעטיילט פונעם לעבן אַרום, אָדער פונעם פאָלק.

17) דער ערשטער עפּיטעט „הכהן הרשע״ איז וואַרשיינלעך געוואָרפן געוואָרן אויפן חשבון פון איינעם פון די צוויי, יהונתן אָדער שמעון החשמונאי. געלערנטע זיינען צעטיילט מיט דער מיינונג, ווער ס׳איז געווען דער ערשטער „כהן הרשע״. ביידע פּאַסן זיך זייער גוט אַריין אין דער ראָלע אין דער ראַם (זע פריער, קאַפּיטל 7).

דער אמת איז, אַז ס׳איז ניט קיין גרויסער אונטערשייד, ווער פון זיי איז געווען דער ערשטער אָנגערופן צו ווערן „כהן הרשע״. אין צייט זיינען זיי געווען ניט ווייט געריקט איינער פונעם אַנדערן. יהונתן האָט אָנגענומען דעם אַמט פון כהן גדול אין יאָר 153 פאַר אונ. צייט און שמעון — 12 יאָר שפּעטער, אין יאָר 141 פאַר אונ. צייט.

18) מב״ד א׳ 16־15; מב״ד ה׳ 20; מב״ד ח׳ 3.

19) זע זייט 73, (נאָטיץ 10 אין קאַפּיטל 5). איך נעם אָן גערן די טייטש פון סעסיל ראָט אין זיין אַרטיקל אין “Revue De Qumran” נומ. 6, פעברואַר 1960, זז. 65־261. דורשי חלקות מיינט ניט די וואָס זוכן גלאַטע וועגן, נאָר די וואָס „פּשטלען זיך אויס״ גלאַטע וועגן דורך ליגנס.

20) אַלטערטימער, בוך 13, קאַפּיטל 5, פּאַראַגראַף 9; אויך בוך 18 קאַפּ. 1 פּאַראַג. 5; גאָר אַ גרויס פּלאַץ גיט יאָזעפוס אָפּ צו באַשרייבן די „עסענער״ אין זיין בוך, מלחמות, בוך 2. קאַפּ. 8, פּאַראַג. 14־2.

ווי אַזוי די דריי פּאַרטייען האָבן זיך ביי פלאַוויוסן אַסאָציאירט מיט דער צייט פון יהונתן החשמונאי, איז ניט קלאָר. מעגלעך, אַז אין זיין צייט האָט ער געהאַט אַזאַ אַלטן קוואַל פון אינפאָרמאַציע, וואו ס׳איז געווען אַזאַ פאַר־בינדונג, און דער קוואַל איז שפּעטער פאַרלאָרן געוואָרן.

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, מיר ווייסן שוין איצט, טאַקע פון די מגילות וואָס די פרומע סעקטע חסידים האָבן אונדז געלאָזן, אַז צום אָנהייב פון דער חשמונאים עפּאָכע האָט אַ גרופּע חסידים פאַרלאָזן ירושלים און איז אַוועק אין דער מדבר. דאָרט האָבן זיי זיך באַזעצט אין אַ „הויז״, וואָס גאָט אַליין האָט פאַר זיי צוגעגרייט. צי זיי זיינען אַוועק אַהין נאָר זיך אָפּצוזונדערן פון די „אומריינע און זינדיקע״, אָדער זיי זיינען אַנטלאָפן, כדי זיך אויסבאַהאַלטן פון רדיפות, דאָס ווייסן מיר ניט אויף זיכער. אין זייערע שריפטן הערן מיר, אַז זיי האַלטן אין איין דאַנקען גאָט, וואָס האָט זיי געראַטעוועט פון די רשעים. מיר הערן אויך, אַז אין דעם „הויז״ האָבן זיי זיך געהאַלטן אין רייניקן, און וואַרטן אויף דעם „יום־יהוה״, גאָטס טאָג, וואָס וועט גיך אָנקומען און באַשטראָפן די „רשעים״. די רשעים וועלן אַלע זיכער אומקומען. בלייבן וועלן נאָר זיי אַליין. זיך האָבן זיי אָנגעהויבן באַטראַכטן פאַרן „שפּראָץ״, וואָס וועט בלייבן לעבן אין גאָטס קעניגרייך אויף דער ערד, און וועט ירשענען די וועלט מיט אַלע אירע רייכטימער. זיך האָבן זיי אָנגעהויבן באַטראַכטן ניט ווי אַ גרופּע צווישן יידן, נאָר ווי „דאָס גאַנצע יידישע פאָלק״.

די פּראָגראַם, זייער סדר פון לעבן, האָבן זיי איינגעשטעלט לויט די כללים פון אַלע פרומע און אַסקעטישע גרופּן, וואָס זיינען געווען אין זייער באַשטאַנד. קיין רו האָבן זיי אָבער אין זייער מדבר באַהעלטעניש ניט גע־האַט. אַמוויינסקסטנס, אין דער ערשטער צייט פון זייער זיין דאָרט, זיינען זיי אויסגעשטאַנען רדיפות מצד דער מאַכט אין ירושלים. צענדליקער שטעלן אין זייערע שריפטן דערמאָנען די פאַרפאָלגונגען. פשר חבקוק, פשר תהילים, די הודיות און פראַגמענטן פון אַ סך אַנדערע מגילות זיינען פול מיט קלאָגעס קעגן די „רשעים״, וואָס האָבן זיי פאַרפאָלגט, ספּעציעל איז פאַרפאָלגט געוואָרן דער מורה צדק, דער כהן־אָנפירער פון דער סעקטע. די הויפּט קלאָגעס און באַשולדיקונגען זיינען נאַטירלעך געוואָרפן געוואָרן קעגן די כהנים, וואָס זיינען אויך געווען די ציווילע הערשער פון לאַנד, די חשמונאים.

ק א פ י ט ל 9

# באַרג אַראָפּ פון די חשמנאים. יהודה אונטער רוים

## א. שמעונס טויט. יוחנן הורקנוס און די צדוקים

אינעם 7טן יאָר פון שמעונס הערשאַפט איבער יהודה, האָט זיין אַן אַרמיי־עלטסטער פאַרנאַרט אים מיט 2 פון זיינע זין קיין יריחו, געמאַכט פאַר זיי אַ סעודה, זיי אַנגעשיכורט און דערמאָרדעט. די פאַרשווערונג איז געווען אַ ווייט גייענדיקע. אירע פעדעם האָבן זיך געצויגן ביזן הויף פון דער סירישער מלוכה. אַ שליח האָט געזאָלט דערהרגענען שמעונס לעצטן זון, יוחנן, וואָס איז דעמאָלט געווען ערגעץ אַנדערש. דאָס איז באַצייטנס אויפגעדעקט געוואָרן, און יוחנען איז געלונגען בייקומען די פאַרשווערער און זיך אָפּרעכענען מיט זיי. ווי דער איינציקער יורש פון שמעון החשמונאי האָט ער איבערגענומען די ציווילע מאַכט איבערן לאַנד, און איז אויך געוואָרן דער כהן גדול אין בית המקדש (אין יאָר 135 פ. אונ. צייט).

אין דעם פעריאָד האָט דער גאַנצער מזרח דורכגעמאַכט אַ צאָל ערנסטע ענדערונגען, פּאָליטישע ווי גייסטיקע. די גריכישע מלוכות אין סיריע און אין מצרים האָבן דורכגעמאַכט איבערקערענישן. אין ביידע מלוכות זיינען פאָרגעקומען הויף־אינטריגעס. די שטאַרקע רוימישע מאַכט האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט די דריי פאַרצויגענע פונישע מלחמות מיט קאַרטאַגע, און האָט זיך אומגעקוקט אויפן מזרח.

די יידישע מלוכה איז געווען פולשטענדיק אומאָפּהענגיק און פריי. דער אויפשטאַנד פון די יידן קעגן די גריכישע אונטערדריקונגען האָט זיך געענדיקט דערפאָלגרייך. יהודה איז אָבער געווען אַ קליין לאַנד, אַרומגערינגלט מיט אַ סך שטאַרק העלעניזירטע פעלקער, וואָס זיינען געווען פיינטלעך צו די יידן. די אָפּגענע ברוטאַלע העלעניזאַציע פון אַן אַנטיוכוס איז פון די יידן צוריקגעשטויסן געוואָרן. אַנדערע, מילדערע העלעניסטישע שטרעמונגען,

דאָס מאָל פון אינעווייניק, זיינען נאָך אָבער געבליבן. צווישן די רייכערע, שטאָטישע עלעמענטן, צווישן די כהנים־משפחות און די מלוכה־אָנגעשטעל־טע, האָט זיך געשאַפן אַ פּאַרטיי צדוקים, וואָס האָט געזוכט צו סעקולאַריזירן די יידישע מלוכה, זי אַרויסנעמען פון די שטרענגע ראַמען פון די תורה־געזעצן. קעגן זיי איז געשטאַנען די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי פון פרומע, ניט אַזעלכע פאַנאַטיקער ווי יענע איזאָלירטע חסידים, אָבער אַזעלכע וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין דער תורה מיטן גאַנצן האַרצן, דאָס זיינען געווען די פּרושים. זיי האָבן ניט פאַרגעסן די העלעניזאַציע פון פריער און האָבן געקעמפט קעגן די פרעמדע איינפלוסן.

אין דער פאַרהעלטנמעסיקער רו, וואָס איז געווען אין יהודה, ספּעציעל אין דער צווייטער העלפט פון יוחנן הורקנוס הערשאַפט, האָט זיך אין לאַנד אָנגעזען אַ שפע. די פּרושים און די סופרים האָבן זיך פאַרנומען, אין זייער קאַמף קעגן די צדוקים, מיט לערנען תורה, מיט פאַרטייטשן און צופּאַסן גאָטס געבאָטן צו די פּראָבלעמען וואָס זיינען אָנגעוואַקסן אין זייער צייט. די אָפּאָ־זיציע פון די חסידים־איסיים האָט אין דער פאַרהעלטנמעסיק רואיקער צייט קיין סך אָנהענגער צווישן פאָלק ניט צוגעקראָגן. ווי ס׳קוקט אויס, זיינען זיי אין דער צייט געבליבן איזאָלירט. זייער וואוקס איז פאַרהאַמעוועט געוואָרן, בשעת די פּרושים, זייערע קעגנער, האָבן זיך מער אָנגעהויבן אָנ־זען אין פאָלק.

די הערשנדיקע פּאַרטיי אין לאַנד איז אָבער געווען אַ צדוקישע, ניט פון די פּרושים. דער חשמונאי־הערשער, יוחנן, און זיינע זין נאָך אים, כאָטש זיי האָבן אָנגעהויבן ווי פאַרקעמפער פון די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, פון די פרומע, זיינען זיי גאָר גיך אַריבער צו די צדוקים. וועגן יוחנן הורקנוס דערציילט פלאַוויוס 1), און אויך דער תלמוד 2), אַז ער איז אַריבער צו די צדוקים, און האָט אינגאַנצן איבערגעריסן מיט די פּרושים. זיינע זין, אַריס־טאָבול און אַלעקסאַנדער ינאי, זיינען שוין פון אָנהייב אָן געווען צדוקים און גערודפט די פּרושים.

## ב. אריסטאָבול דער ערשטער און אַלעקסאַנדער ינאי

אַריסטאָבול (זיין יידישער נאָמען, יהודה, איז געבליבן נאָר אויף מטבעות) האָט געהערשט אינגאַנצן 1 יאָר, פון יאָר 105 ביזן יאָר 104 פאַר אונ. צייט.

---

1) אַלטערטימער, בוך 13, קאַפּ. 10, פאַר 5.

2) ברכות, כט׳ ע״א. אויך טיילווייז אין קידושין סו׳ ע״ב.

ער האָט שוין אײַנגאַנצן אָװעקגעװאָרפֿן דעם טיטול נשיא און זיך דערקלערט פֿאַר אַ מלך. װי זײַן טאַטע, האָט ער אױך געפֿירט אַ הױף מיט אַרמײען, און לױט דער אַנגענומענער מאָדע אין יענער צײַט, זײַנען די אַרמײען באַשטאַנען פֿון געדונגענע פֿרעמדע סאָלדאַטן, מערסטנס — גריכן. ער האָט געװאָלט זײַן אי מלך, אי כהן גדול, און זײַן מאַמע מיט זײַנע ברידער זײַנען געװען קעגן דעם. פֿאַר מורא מ׳זאָל אים ניט באַגרענעצן זײַן מאַכט, האָט ער פֿאַרשפּאַרט זײַן מאַמען מיט זײַנע ברידער אין טורמע.

נאָך זײַן טױט 3) איז זײַן מלוכה אַריבער צו זײַן ייִנגערן ברודער אַלעקסאַנדער ינאַי. אױך דער איז געװען אי מלך, אי כהן גדול.

ינאַי איז געװען אַ קריגערישער מענטש און אַן אַכזר. פֿון די 28 יאָר, װאָס ער האָט רעגירט אין יהודה, איז כמעט קײן 1 יאָר ניט אַװעק, ער זאָל ניט פֿירן קײן מלחמה. אױב ניט מיט די שכנים אַרום, האָט ער זיך געקריגט מיט זײַן אײגן פֿאָלק, מיט די ייִדן. דרײַפֿאַכע שטײַערן האָט ער אַרױפֿגעלײגט אױפֿן פֿאָלק צו דעקן די הױכע קאָסטן פֿון זײַנע פֿאַרגרעסערטע אַרמײען, פֿון די מלחמות, און אױך פֿון דעם פֿאַרשװענדערישן הױף, װאָס ער האָט געפֿירט. ער האָט שטאַרק געדריקט דאָס פֿאָלק, ספּעציעל זיך פֿאַרהאַסט בײַ דער אָרעמשאַפֿט און ס׳האָט אױסגעבראָכן קעגן אים אַ פֿאָלקס־אױפֿשטאַנד, װאָס האָט געדױערט פֿולע 6 יאָר. לױט די באַריכטן פֿון יאָזעפֿוס פֿלאַװיוס 4), זײַנען אין דעם אױפֿשטאַנד אױסגעהרגעט געװאָרן 50 טױזנט ייִדן דורך ינאַיס געדונגענע סאָלדאַטן.

זינט יוחנן הורקנוס האָט איבערגעריסן מיט די פּרושים, װאָס זײַנען געװען זײער פּאָפּולער צװישן די פֿאָלקס־מאַסן, און איז אַריבער צו די צדוקים, מערקט זיך אַ מחיצה צװישן דער מלוכה און דעם פֿאָלק. דער קעניג האָט געמעגט ברענגען גרױסע נצחונות פֿון די מלחמות, פֿאַרברײטערן די גרענעצן פֿון לאַנד, צוריקקריגן און פֿאַראײניקן נאָך שטעט, מגייר זײַן שכנישע פֿעלקער 5), זיך אָפּרעכענען מיט שונאים, — אָבער אין קײנעם פֿון די דעמאָלטיקע דאָקומענטן דערצײלט זיך ניט, אַז דאָס פֿאָלק זאָל עס געװען אָפּשאַצן.

---

3) באַריכטן װעגן זײַן טױט װידערשפּרעכן זיך. פֿאַראַן מײנונגען, אַז ער איז דערמאָרדעט געװאָרן פֿון זײַן ברודער אַלעקסאַנדער ינאַי. אַזאַ באַריכט האָט אָבער גרינג געקאָנט אױסגעטראַכט װערן פֿון ינאַי׳ס פֿיל שונאים װאָס ער האָט געהאַט.

4) אַלט. בוך 13, קאַפּיטל 13, פּאַר 5; קאַפּ. 14, פּאַר. 1־2. אױך אין מלחמות, בוך 1, קאַפּ. 4.

5) יוחנן הורקנוס האָט געצװאונגען די אדומים זיך מגייר זײַן. לױט די אַלטע קװאַלן, זײַנען די אדומים געװען נאָנטע קרובים צו די ייִדן און אָנגעלײגטע גרים (דברים כג׳ 8).

בשעת די רעגירונג איז באַשטאַנען פון די רייכערע עלעמענטן און האָט ווייניק אַכט געלייגט אויף דער רעליגיע, האָט דאָס פאָלק, וואָס האָט די צדוקישע רעגירונג פיינט געהאַט, זיך טיפער פאַראַנקערט אינעם טראַדי־ציאָנעלן גלויבן, אין די געבאָטן פון דער תורה און אין די וויזיעס פון די הייליקע נביאים פון אַמאָל, וויזיעס פון יושר און גערעכטיקייט. טראַדיציעס פון אָננעמען זיך פאַר געקריוודעטע. מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז יידן האָבן שוין דאַן געהאַט אַ צוטריט צו די קוואַלן פון זייער קולטור מער ווי ווען ס׳איז פריער. כאָטש זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אויסער יהודה, האָבן זיך שוין דאַן פאַרשפּרייט בתי־כנסיות, אָדער ווי מ׳האָט זיי גערופן אין גריכיש „סינאַ־גאָגעס", אומעטום אין די תפוצות און אויך אין לאַנד יהודה.

די סינאַגאָגעס זיינען אויפגעקומען זייער פרי, נאָך אין גלות בבל. פון אָנהייב זיינען זיי נאָך קיין געבעט־הייזער ניט געווען. דאָרט פלעגן די כהנים און די סופרים פאַרלייענען פאַרן פאָלק פון די הייליקע פאַרמעטן און דערקלערן דאָס געלייענטע. ערשט צום סוף פון דער פערסישער עפּאָכע און ספּעציעל אין דער גריכישער, ווען ס׳האָבן זיך שוין אויסקריסטאַליזירט ספּעציעלע תפילות, זיינען די בתי־כנסיות געוואָרן אויך געבעט־הייזער, אַהין פלעגן יידן, נאָך פון דער פערסישער עפּאָכע אָן, שיקן זייערע קינדער זיך לערנען פאַרשטיין די תורה. אַ גרויסער פּראָצענט יידן האָט שוין דאַן געקאָנט לייענען די הייליקע פאַרמעטן.

ווען דער מלך און כהן גדול, אַלעקסאַנדער ינאי, האָט איינמאָל סוכות זיך ניט ריכטיק נוהג געווען ביי דער עבודה אין בית המקדש, און האָט אויסגעגאָסן אַ ביסל וואַסער אויפן דיל, אַנשטאָט אויפן מזבח, האָט דאָס פאָלק, וואָס איז געווען באַהאַוונט אין די דעטאַלן פון דער עבודה, מיט כעס באַוואָרפן דעם מלך מיט זייערע אתרוגים. פלאַוויוס דערציילט, אַז דער קעניג ינאי איז אַזוי דערצאָרנט געוואָרן, אַז ער האָט אַרויסגעשיקט זיינע געדונ־גענע סאָלדאַטן קעגן פאָלק, און זיי האָבן דעם טאָג אויסגעהרגעט 6 טויזנט יידן 6).

---

אין די געשיכטע־קוואַלן פון דעם פּעריאָד, מערקט זיך אָבער ניט, אַז די יידן זאָלן געווען האַלטן די גרים פון אדום מיט מער דרך־ארץ ווי די אַנדערע גרים. דער קעניג הורדוס און זיין פאָטער אנטיפּאַטער, וואָס האָבן געשטאַמט פון די אדומים, און הורדוסעס גאַנצע דינאַסטיע נאָך אים, ווערן אין תלמוד און אין אַנדערע יידישע קוואַלן באַהאַנדלט ווי האַלבע יידן און פּרעמדע, ווי „אדומישע קנעכט".

6) אַלטערטימער, בוך 13, קאַפּ. 13, פּאַר. 5. דער עפּיזאָד ווערט אויך דערמאָנט אין מסכת סוטה, מח׳ ע״ב.

אַוודאי איז די אומפֿינקטלעכקייט פֿון דער עבֿודה ניט געווען די הויפּט־אורזאַך פֿאַר דעם צאָרן, וואָס האָט אויסגעבראָכן קעגן דעם הערשער. אַ טיפֿע שנאה איז שוין פֿון לאַנג געווען צווישן דעם מלך און דעם פֿאָלק. די הויכע צינזן, וואָס דאָס פֿאָלק איז געווען געצוואונגען צו צאָלן אויסצוהאַלטן דעם לוקסוס אין קייסערס הויף און צו פֿירן די אומנויטיקע מלחמות, איז געווען די אמתע סיבה פֿון פֿאָלקס צאָרן קעגן מלך מיט זיין צדוקישער רעגירונג.

די גרענעצן פֿון לאַנד יהודה זיינען טאַקע פֿאַרברייטערט געוואָרן אין דער צייט פֿון אַלעקסאַנדער ינאַי, די מלחמות זיינען אָבער געוואָרן אָפּטערע און שווערערע. די לאַגע פֿון דער אָרעמשאַפֿט אין דאָרף און אין די שטעט איז אין דער פֿרייער און אומאָפּהענגיקער יהודה, ניט גרינגער נאָר שווערער געוואָרן. די מאַסן זיינען געווען באַשטייערט ביזן ביין, און אין אַ טרוקן יאָר זיינען מאַסן יידן פֿאַרקויפֿט געוואָרן ווי שקלאַפֿן נאָר דערפֿאַר ווייל זיי האָבן ניט געהאַט צו באַצאָלן זייערע שטייערן צו דער מלוכה־קאַסע.

## ג. אויפֿשטאַנד קעגן ינאַי. זיין נקמה

דער אויפֿשטאַנד, וואָס האָט אויסגעבראָכן קעגן מלך און כהן גדול, אַלעקסאַנדער ינאַי, אין 10טן יאָר פֿון זיין הערשאַפֿט, איז אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון די פּרושים און איז געשטיצט געוואָרן פֿון פֿאָלק. די שנאה פֿון די פּרושים צו זייער מלך איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן זיך פֿאַרבונדן מיט אַ סירישן קייסער, אַן אייניקל פֿון דעם גרויזאַמען אַנטיוכוס, דימיטריוס דעם דריטן (איקאַריוס), קעגן אַלעקסאַנדער ינאַי. דימיטריוס איז געקומען קיין יהודה מיט אַ סירישער אַרמיי, און צוזאַמען מיט די רעוואָלטירנדיקע פּרושים. האָט זיך באַקומען אַ גרויסער מיליטערישער כוח. לעבן דער אַלטער ביבלישער שטאָט שכם איז פֿאָרגעקומען אַ שלאַכט, און ינאַי מיט זיין געדונגענער אַרמיי האָט געליטן אַ מפּלה. ער אַליין האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן און איז אַנטלאָפֿן זיך באַהאַלטן אין די בערג.

דימיטריוס האָט שוין געהאַלטן ביים אַריינמאַרשירן קיין ירושלים, נאָר דאָ איז פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישן די יידישע אויפֿשטענדלער. דער גרעסטער טייל פֿון זיי האָט זיך קעגנגעשטעלט און ניט געלאָזן זייער פֿאַרבינדעטן גריכישן קייסער אַריין אין זייער הויפּט־שטאָט. זיי זיינען אַריבער אויף דער צווייטער זייט, צוהילף די רעשטלעך פֿון ינאַיס אַרמיי. נאָר אַ

קלײנע צאָל פון די אויפשטענדלער זײנען געבליבן מיטן פרעמדן קייסער. זײ זײנען געװען גרײט אויף אַלץ, אַבי פטור צו װערן פון דעם פאַרהאַסטן ינאַי. דימיטריוס האָט פאַרלאָרן זײן הויפט־שטיצע און זיך צוריקגעקערט קײן סיריע.

אַלעקסאַנדער ינאַי האָט געררודפט די פאַרבליבענע מורדים, װאָס האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין דער שטאָט בעטאָמא (ביתומא) און האָט זײ בײ־געקומען.

יאָזעפוס פלאַװיוס דערצײלט װעגן דער גרויזאַמער נקמה װאָס דער מלך פון די חשמונאים האָט גענומען אין די פרושים מורדים, אַז ער האָט געקרײציקט 800 פון זײ, און װען זײ האָבן נאָך געלעבט, האָט ער באַפוילן אויסקוילען זײערע פרויען און קינדער פאַר זײערע אויגן 7). די מעשה איז טײלװײז באַשטעטיקט אין די מגילות. (אין אַ שטיקל פאַרמעט פונעם ספר „פשר נחום" װאָס איז געפונען געװאָרן אין הײל נומ.4). 8)

די װײטערע געשיכטע פון די חשמונאים, די 9 יאָריקע מלוכה פון ינאיס פרוי אַלעקסאַנדראַ (פון יאָר 76 ביזן יאָר 67 פאַר אונ. צײט), װען די פרושים זײנען געװען בײ דער מאַכט און געררודפט די צדוקים; דער ברודער־קריג צװישן אַלעקסאַנדערס 2 זין, אַריסטאָבול דער 2טער און הורקנוס דער 2טער אַרום די פאָסטנס פון מלך און פון כהן גדול; דאָס אַרײַנברענגען דעם רוימישן גענעראַל פאָמפײ װי אַ בורר צװישן זײ — דאָס אַלץ איז געװען אַ רעזולטאַט סײ פון פערזענלעכן קאַמף פאַר מאַכט צװישן די חשמונאים־אײניקלעך, סײ פונעם קאַמף צװישן די צװײ הויפט־פאַרטײען אין יהודה, די פרושים און די צדוקים.

7) אלט. בוך 13, קאַפּ. 14, 2; מלחמות, בוך 1, קאַפּ. 4, 6.

8) א. מ. הברמן: מגילות מדבר יהודה, זײט 153. (פשר נחום, שורות 7־9). דער פאַרפאַסער ציטירט דעם פסוק י"ג, פון נחום קאַפּ. ב': „...וימלא טרף חירה ומעונתו טרפה"... און פאַרטײטשט עס באַלד: פשרו, דאָס מײנט מען דעם צאָרנדיקן לײב, װאָס הרגעט אויס די „דורשי חלקות" (די פרושים, — ש. ג.) װאָס הענגט מענטשן לעבעדיקער־הײט, װאָס ס'איז ניט געװען בײ יידן קײן מאָל נאָך..."

דזשאָן מ. אַלעגראָ, אײנער פון די געלערנטע, װאָס האָבן סאָרטירט און שטודירט די טויזנטער פראַגמענטן פון די הײלן, בויט אויף אַ גאַנצע טעאָריע אויף דעם פראַגמענט. לויט אים קומט אויס, אַז די פרומע חסידים זײנען געװען די אויפשטאַנדלער קעגן ינאַי, און אַז זײערע מיטגלידער, אַרײַנגערעכנט דעם „מורה צדק", זײנען עס געקרײציקט געװאָרן פון דעם חשמונאי מלך.

די אַרײַנטײטשונגען פון אַלעגראָ קוקן אויס צו זײן אײנגאַנצן ניט קײן באַגרינדעטע. דער פראַגמענט אויף װעלכן דער יונגער געלערנטער בויט זײן השערה, איז אין תוך אַן אַפּלײקענונג פון אַזאַ טעאָריע. אַלעגראָ איז טאַקע געבליבן אַ „מינאָריטעט פון אײנעם". ס'איז ניט באַקאַנט, אַז עמעצער זאָל געװען שטיצן די השערה.

די חסידים גרופּן, כּאָטש פֿאַרגרעסערט אין צאָל (וואָס איז קאָנטיק פון דער צאָל געפונענע מטבעות אין קומראַן, אין דער צייט פון ינאי), האָבן שוין דעמאָלט קיין וויכטיקע פּאָליטישע ראָל אין לאַנד ניט געשפּילט. ווי ס׳קוקט אויס, האָבן זיי זיך שוין דאַן געהאַלטן ווייט און אָפּגעזונדערט, אי־זאָלירט פון־עם כלל, און אידייאיש פאַרזונקען אין זייערע עסכאַטאָלאָגישע אַנטפּלעקונגען.

## ד. פּאָמפּיי איינגעלאַדן קיין יהודה ווי אַ בורר

ווען דער רוימישער גענעראַל פּאָמפּיי איז אין יאָר 63, פאַר אונ. צייט, איינגעלאַדן געוואָרן צו ווערן אַ בורר צווישן די חשמונאים ברידער, וואָס האָבן דערפירט צו אַן אמתן בירגער־קריג אין לאַנד, האָט ער באַפוילן זיי זאָלן קומען צו אים מיט זייערע טענות. זיי זיינען געקומען, און מיט זיי, דערציילט פלאַוויוס, איז אויך געקומען אַ דריטער צד, אַנגעזעענע פאַר־שטייער פון פאָלק, וואָס האָבן געטענהט, אַז:

„... זיי ווילן ניט זיין אונטערטעניק צו אַ מלך. די יידישע מלוכה דאַרף לויט דער טראַדיציע זיין אַ ממלכת־כהנים (אַ פּריסטער־מלוכה), די צוויי ברידער, כאָטש כהנים פון געבורט, ווילן איבערבייטן די מלוכה־פאָרם, כדי צו פאַרשקלאַפן ס׳פאָלק 9)".

דער היסטאָריקער, ש. דובנאָוו, האַלט, אַז פלאַוויוס דערציילט ניט דעם עפּיזאָד דייטלעך גענוג, און ברענגט (אין זיין צווייטן באַנד „אַלגעמיינע געשיכטע פון יידישן פאָלק, וואַרשע 1930, זייט 165) אַ לענגערע ציטאַטע פון אַן אַלטן גריכישן היסטאָריקער, דיאָדאָרוס סיציליער, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט פּאָמפּיי.

און אָט ווי דער גריך באַשרייבט דעם עפּיזאָד:

„... בעת פּאָמפּיי איז געווען אין דמשק, האָבן אים באַזוכט דער יידי־שער קעניג אַריסטאָבול און זיין ברודער הורקנוס. איבער 200 פון די חשובסטע יידן זיינען אויך געקומען צום אויטאָקראַט (פּאָמפּיי) און האָבן אים דערקלערט: „די זיידעס פון די צוויי פּרעטענדענטן, וועלכע האָבן פאַר־וואַלטעט מיטן בית המקדש, האָבן אַמאָל געשיקט אַ דעלעגאַציע צום רוי־מישן סענאַט, און זיי זיינען דורך דעם סענאַט אָנערקענט געוואָרן ווי די פאָרשטייער פונעם פרייען, אויטאָנאָמען יידישן פאָלק. די נאַציע דאַרף

---

9) אלט. ב״ך 14. קאַפּ. 3. פּאַר. 2.

ניט רעגירט ווערן פון קיין מלך. אין איר שפּיץ דאַרף שטיין אַ כהן גדול. די צוויי ברידער הערשן קעגן די לאַנד־געזעצן, און מיט גוואַלד האָבן זיי אונטערטעניק געמאַכט די בירגער פונעם לאַנד. זיי האָבן באַהערשט דעם טראָן דורך גוואַלדטאַטן און רציחות, מיט דער הילף פון געדונגענע זעלנער".

אַזעלכע טענות פון אַ "נייטראַלער" פּאַרטיי האָבן גאָר באַטנטע באַריר־פּונקטן מיט די אָריגינעלע טענות פון די פרומע חסידים־גרופּן קעגן די חשמונאים. ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז זיי האָבן אָנטייל גענומען אין אַזאַ שליחות. ס'ליגט זיך ניט אויפן שכל, אַז די איזאָלירטע חסידים, פאַרזונקען אין זייער אַפּאָקאַליפּטיק, זאָלן זיך אומקוקן אויפןווירק־לעכן לעבן, און אָנטייל נעמען ווי אַן אַקטיווער צד אין שפּיל פון די פּאָליטישע כוחות אין לאַנד. דערצו קאָנען מיר ניט איגנאָרירן זייערע שריפטן, די "מגילות פון ים המלח". אין ערגעץ ווערט אַזאַ שליחות אין זייערע מאַ־נוסקריפּטן ניט דערמאָנט. ניט אַז זיי האָבן זיך משתדל געווען, און ניט אַז עמעצער אַנדערש האָט עס געטאָן. דער עפּיזאָד ווערט דאָרט אינגאַנצן פאַרשוויגן.

דאָס איז נאָך אַן איבעריקער באַווייז, אַז אין דער צייט זיינען די חסידים שוין געווען אינגאַנצן דערווייטערט, איזאָלירט, און פאַרטיפט אין זייערע חלומות וועגן דעם "באחרית הימים".

## ה. יהודה אונטער רוים. הורדוס

די זעלבשטענדיקייט, וואָס איז געוואונען געוואָרן דורכן אויפשטאַנד קעגן די סירישע גריכן מיט קאַרגע 100 יאָר צוריק, איז איצט, נאָך דער איינ־לאַדונג פונעם רוימישן גענעראַל פּאָמפּיי ווי אַ בורר צווישן צוויי חשמונאים־אייניקלעך, פאַרלאָרן געוואָרן אויף שטענדיק. די לעצטע 130 יאָר פאַרן חורבן פון יהודה, (70־66 אונ. צייט) איז דאָס יידן־לאַנד פון דאָס ניי אַרונ־טערגעפאַלן אונטער אַ פרעמדער מאַכט. דאָס מאָל, אונטער דער מאַכט פון רוים, וואָס איז געווען אַ סך אַ שטאַרקערע און מער גרויזאַמע אונטעריאָכונג ווי די וואָס יהודה האָט פריער געליטן. די פריערדיקע הערשער איבער די יידן, די גריכן פון מצרים און פון סיריע, זיינען איצט אַליין איינגעשלונגען געוואָרן פון רוים. רוים האָט שוין באַהערשט כמעט די גאַנצע דעמאָלטיקע וועלט.

נאָכדעם ווי דער רוימישער גענעראַל פּאָמפּיי האָט צעגראָמירט די שטאָט ירושלים, צעבראָכן אירע מויערן, אויסגעהרגעט אַ סך יידן, און פאַרשלעפּט

מיט זיך אַ סך פון די יינגערע, צו פאַרקויפן אויף די שקלאַפן־מערק 10), האָט ער איבערגעלאָזן ביי דער מאַכט הורקנוס דעם צווייטן מיט זיין געהילף אַנטיפּאַטער, זיי זאָלן אַכטונג געבן אויפן לאַנד, וואָס איז געבליבן אונטער־יאָכט אונטער רוימישער הערשאַפט.

יהודה איז ניט מיט אַ מאָל איינגעשלונגען געוואָרן פון רוים. די ערשטע 70 יאָר פון דער רוימישער הערשאַפט (פון יאָר 63 פאַר אונ. צייט ביזן יאָר 6 אונ. צייט), איז דאָס לאַנד נאָך געווען האַלב פריי. יהודה איז געוואָרן אַ טייל פון דער סירישער פּראָווינץ, און דער דאָרטיקער רוימישער נציב האָט אַכטונג געגעבן אויף די יידן. צו זיין דינסט האָט דער סירישער נציב געהאַט עט־לעכע רוימישע לעגיאָנען, וואָס האָבן אָפּגעהיט די רו און אָרדענונג אין דער באַהערשטער געגנט.

אין דער צייט האָט רוים דורכגעלעבט גרויסע פּאָליטישע אויפטרייס־לונגען. פון אַ רעפּובליק איז זי געוואָרן אַ מאָנאַרכיע מיט זעלבסטהערשער. דער קאַמף פאַר מאַכט איז געווען אַ בלוטיקער אין רוים און איז אָנגעגאַנגען אין אַלע ווינקלען פון דער גרויסער רוימישער אימפּעריע. די איבערקערע־נישן אין צענטער האָבן זיך שנעל אָפּגערופן אויף די פּראָווינצן.

די שווערע מלחמות, וואָס זיינען דאַן פאָרגעקומען אין סיריע און אין מצרים, זיינען געווען זייער נאָענט ביי די גרענעצן פון יהודה, וואָס האָט געליטן פון דרויסנדיקע און אויך פון אינעווייניקסטע אומרוען. אין יאָר 40 פאַר אונ. צייט, האָט אַ חשמונאי יורש פאַרכאַפּט די מאַכט מיט דער הילף פון די פּאַרטער וואָס האָבן זיך געשלאָגן קעגן די רוימער 11). מיט 3 יאָר שפּעטער האָט הורדוס, דער זון פונעם גר אַנטיפּאַטער, צוריק פאַרכאַפּט די מאַכט מיט דער הילף פון די רוימער, וואָס האָבן אים געקרוינט פאַר אַ קע־ניג. זייער אַ סך יידן זיינען זיך אין דער צייט צעלאָפן פון יהודה און זיך באַזעצט אין ווייטע געגנטן. די ידישע דיאַספּאָרא האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

הורדוס האָט לאַנג רעגירט, פולע 33 יאָר. 5 יאָר נאָך זיין קומען צו

---

10) פּאָמפּיי האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די יידן, דערפאַר ווייל אריסטאָבול, איינער פון די 2 פּרעטענדענטן אויפן טראָן, האָט אים פּאַראַטן, און האָט שטילערהייט געגרייט אַן אויפשטאַנד קעגן דער אפּוטרופּסות פון רוים איבער יהודה.

11) „פּאַרטע" האָט פאַרנומען די טעריטאָריע פון מעסאָפּאָטאַמיע און פּערסיע, און איז ביזן סאַמע סוף פון דער רוימישער אימפּעריע קיינמאָל ענדגילטיק ניט באַזיגט געוואָרן פון דער רוימישער אַרמיי. דער טייך פּרת איז מערסטנס געווען די גרענעץ צווישן די צוויי אימפּעריעס.

דער מאַכט אין יהודה, האָט זיך צעפלאַקערט אַ נייער קריג אין רוים, דאָס מאָל צווישן די צוויי באַרימטע מיט־רעגירער, אַנטאָניוס און אָקטאַוויאַנוס. נאָך עטלעכע יאָר קאַמף האָט אָקטאַוויאַנוס געזיגט און ער איז געוואָרן דער באַרימטער רוימישער מאָנאַרך, אויגוסטוס. הורדוס, וואָס איז געווען אַנטאָניוסעס אַ פאַרבינדעטער, האָט פאַרמאָגט די אָפּאָרטוניסטישע פעאיקייט זיך פּאָליטיש איבערקוליען איבערנאַכט, און זיך אַפילו איינקויפן אין צוטרוי ביים נייעם הערשער. ער האָט דאָס דערגרייכט דורך הכנעה, חניפה, קאָסטבאַרע מתנות און אויך מיט מעשים, ווי מיליטערישע הילף קעגן די רעשטלעך פון אַנטאָניוסעס צעקלאַפּטע כוחות.

אַ דאַנק דער סטאַבילער אָרדענונג אין רוים אין דער צייט פון אויגוסטוסעס הערשאַפט, און אויך אַ דאַנק דעם וואָס דער מאָנאַרך אין רוים האָט געהאַלטן הורדוסן פאַר אַן איבערגעגעבענעם און אַ פאַרטרוילעכן פריינט, זיינען פאַר דער צייט פון הורדוסעס הערשאַפט ניט פאָרגעקומען קיין סך מלחמות אַרום די גרענעצן פון יהודה, און ס׳האָט דאָרט געהערשט מער־ווייניקער שלום.

די שטייערן אויפן פאָלק זיינען, אין הורדוסעס צייט, ניט קלענער, נאָר גרעסער געוואָרן. דער לוקסוס פון קייסערלעכן הויף אין ירושלים, די קאָסטן אויסצובויען די גרויסאַרטיקע בנינים 12), און דער עיקר, די קאָסטבאַרע רייכע מתנות, וואָס זיינען פון הורדוסן געשענקט געוואָרן די רוימישע הערשער, די הוצאות האָבן נאָך שווערער באַשטייערט דאָס פאָלק, און עקאָנאָמיש רואינירט מאַסן יידן.

הורדוס האָט דורך פאַרשידענע וועגן זיך געפּרוּווט איינקויפן אין דער לאַסקע פון פאָלק. צו דער יידישער רעליגיע האָט ער זיך באַצויגן מיט אַ געמאַכטן, אָבער אָפיציעלן דרך־ארץ. ער האָט איבערגעבויט דעם בית־המקדש אין ירושלים. אַנשטאָט דער אַלטער און ענגער געביידע, האָט ער אויפגעשטעלט אַ גרעסערן און פּראַכטפולן בנין 13). ער האָט אַכטונג געגעבן אַז פרעמדע, ניט־יידן, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט עמעצן פון זיינע אייגענע,

---

12) אַלע געשיכטע־קוואַלן פון יענער צייט דערציילן פון גרויסאַרטיקע לוקסוס־בנינים און אַפילו פון נייע שטעט, וואָס הורדוס האָט געבויט אין זיין צייט. לעצטנס האָט י. ידין אויסגעגראָבן אין מסדה אַ גרויסאַרטיקן בנין, וואָס הורדוס האָט קונציק אויפגעבויט אין די שפּיצן פון באַרג.

13) אין דער מסכת סוכה, נא׳ ע״ב, איז פאַראַן אַזאַ מימרא: „...מי שלא ראה בית־המקדש בבנינו, לא ראה בנין מפואר מעולם, וזה בנין הורדוס" (ווער ס׳האָט ניט געזען הורדוסעס בית המקדש, האָט קיין שיינעם בנין אין זיין לעבן ניט געזען).

זאָלן זיך מגייר זיין. דורך זיינע פאַרבינדונגען מיט רוים האָט ער זיך אָנ־גענומען פאַר די יידן אין די תפוצות, וואָס האָבן געליטן רדיפות פון זייערע שכנים. ער איז אָבער בײַ די יידן אויף אַלע מאָל געבליבן אַ גר, אַ פרעמדער, אַ האַלבער ייד, ער און זיינע קינדער, זיין גאַנצע דינאַסטיע נאָך אים. אין די אַלטע יידישע קוואַלן, אין תלמוד און אין דער אגדה פון יענער צייט, ווערט ער אָנגערופן, „דער אדומישער קנעכט״ 14).

דורך דער גאַנצער צייט פון זיין הערשאַפט, האָט הורדוסן געשראָקן דער געשפּענסט פון די חשמונאים. דורך פאַרשידענע אינטריגעס האָט ער די רעשטלעך פון דער חשמונאים־משפחה אומגעבראַכט. ער האָט דער־מאָרדעט זיין אייגענע געליבטע פרוי, מרים, אַן אָפּשטאַמיקע פון די חשמנאים, ווי אויך זיינע אייגענע (און מרימס) צוויי זין. אויף אים האָט דער רוימישער קייסער אויגוסטוס געזאָגט, אַז: „ס׳איז זיכערער צו זיין אַ חזיר ביים יידישן קעניג, איידער אַ זון זיינער״ 15).

## ט. הורדוסעס צוואה. ארכעלאוס

נאָך הורדוסעס טויט איז געבליבן זיין צוואה, אַז ער צעטיילט די יידי־שע מלוכה אויף דריי הויפּט־חלקים, צו דריי פון זיינע זין. די צוואה האָט נאַטירלעך געדאַרפט גוטגעהייסן ווערן פון רוימישן הויף, און די דריי זין האָבן זיך געקליבן פאָרן קיין רוים קריגן די גוטהייסונג. די מאַסן אין יהודה זיינען געווען שטאַרק דערצאָרנט קעגן דער צוואה. דאָס לאַנד יהודה איז אין שטח זייער קליין, צעטיילן עס אויף 3 חלקים, וואָלט עס אַ סך שוואַכער געוואָרן, דערצו וואָלט מען געדאַרפט אויסהאַלטן דריי הויפן אַנשטאָט איינעם. וואָס ס׳האָט אַמשטאַרקסטן באַליידיקט דאָס פאָלק, איז געווען הורדוסעס שאַלטעווען מיט דער יידישער מלוכה, ווי ס׳וואָלט געווען זיין נחלה און אייגנטום. נאָך אַלעמען, איז ער דאָך מער ניט ווי אַ גר, אַ פרעמדער. די צוואה איז באַ־

---

14) אין די תלמודישע אגדות ווערט ער באַצייכנט ווי אַ קנעכט פון דעם חשמונאים־הויז וואָס האָט געבונטעוועט קעגן זיינע הערן און זיי אַלעמען אויסגעהרגעט (בבא בתרא ג׳ ע״א). אַן אַנדער לעגענדע ווערט דערציילט וועגן זיין צוואה: אַז אין דעם טאָג, וואָס ער וועט שטאַרבן, זאָל מען הרגענען 70 חשובע יידן, כדי דאָס פאָלק זאָל טרויערן אין דעם טאָג. די מעשה ווערט אויך געבראַכט פון פלאַוויוס, (אַלט. בוך 17, קאַפּ. 5, 5) נאָר קיין פאַרלעסלעכע מעשה איז דאָס ניט. די זעלבע מעשה ווערט אויך דערציילט אין תלמוד אויפן חשבון פון אַלעקסאַנדער ינאי (מגילת תענית ס׳ און מגילת תענית י״א).

15) צווישן די ניט־יידן פלעגט מען דאַן אָפּלאַכן פון די יידן וואָס עסן ניט קיין חזיר.

טראַכט געוואָרן ווי אַ מיאוסע באַליידיקונג, געוואָרפן דעם פּאָלק אין פּנים אַריין.

אין זעלבן יאָר (4 פאַר אונ. צייט), פּסח צייט, ווען אַ סך יידן פון די דער־פער האָבן עולה־רגל געווען קיין ירושלים, האָבן זיך אין שטאָט אָנגעהייבן אומרוען. הורדוסעס זון, ארכעלאוס, דער וועמען ס'איז לויט דער צוואה אָנגעקומען דער הויפּט חלק פון לאַנד, דער טייל יהודה וואָס האָט איינגע־שלאָסן ירושלים, האָט גיפּרואווט איינשטילן די פּראָטעסטירנדיקע מאַסן מיט גוטן 16). ווען דאָס איז אים ניט געלונגען, האָט ארכעלאוס אַרויסגערופן די רוימישע זעלנער, און זיי האָבן געמאַכט אַ שחיטה אין שטאָט. לויט די באַ־ריכטן פון פלאַוויוס, זיינען דעם טאָג אויסגעהרגעט געוואָרן דריי טויזנט יידן.

אַרום שבועות צייט, ווען ארכעלאוס איז שוין געווען אין רוים, און דער רוימישער נציב איבער סיריע, וואַרוס, האָט געהאַלטן אָרדענונג אין ירושלים, איז ווידער אַמאָל פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע, און די רוי־מער האָבן נאָך אַמאָל געמאַכט אַ בלוט־באָד אין שטאָט. דאָס איז געווען איינער פון די ערגסטע פּאַגראָמען אין יהודה און איז געבליבן רעגיסטרירט אין תלמוד, אַ פּאָר הונדערט יאָר שפּעטער, ווי „די שרעקלעכע וואַרוס מלחמות". טויזנטער יידן זיינען דאַן דערמאָרדעט געוואָרן. אַרום 2000 זיי־נען געקרייציקט געוואָרן אויף צלמער.

קיין רוים, וואו הורדוסעס יורשים זיינען געזעסן און געוואַרט אויפן באַשלוס פון רוימישן הויף, איז דאַן אויך אָנגעקומען אַ דעלעגאַציע פון ירושלימער יידן. זיי האָבן געבעטן די רוימער, אַז זיי זאָלן אָפּזאָגן אַלע פּרע־טענזיעס פון הורדוסעס יורשים. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן איבערלאָזן דאָס לאַנד יהודה ווי אַ רעליגיעזע אויטאָנאָמיע, אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון די רוימישע נציבים אין סיריע. „די יידן", האָבן זיי געטענהט, „ווילן גיכער פאָלגן די רוימישע העדשער איידער די „הורדוס־קנעכט" 17).

דער באַשלוס פון דער רוימישער מאַכט איז אָבער געווען גוטצוהייסן די צוואה פון דעם קעניג הורדוס. דער פאַרהאַסטער ארכעלאוס איז געוואָרן

---

16) די יידן האָבן פון אים געפאָדערט, ער זאָל באַשטראָפן זיין טאַטנס עצה־געבער, די וואָס זיינען געווען שולדיק אינעם טויט פון די 2 יידן, יהודה און מתתיהו. הורדוס האָט די צוויי געהייסן פאַרברענען לעבעדיקערהייט, ווייל זיי האָבן אָנגעפירט מיט אַ דעמאָנסטראַציע, און אַראָפּגעריסן פון בית המקדש אַ רוימישע אָדלער־סטאַטוע, ווייל דאָס איז אַ „פּסל".

17) אַלטערטימער, בוך 17, קאַפּ. 11, 2.

דער הערשער איבער יהודה, איבער שומרון און אדום. די אַנדערע צוויי ברידער האָבן געקראָגן דעם גליל און דעם עבר הירדן. דאָס פאָלק איז געווען טעראָריזירט פון די רוימישע לעגיאָנען, און די שנאה צו הורדוסעס זין האָט קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזן.

צעלעכע יאָר שפּעטער, איז ארכעלאוס באַשטראָפט געוואָרן פון די רוימישע הערשער און זיי האָבן אים פאַרשיקט ווייט אין די מערב לענדער. זיין חלק יהודה איז געבליבן אָן אַ הורדוס־הערשער, אונטער דער אויפזיכט פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרן, וואָס פלעגן געשיקט ווערן אַהין דירעקט פון רוים.

## ז. די פּראָקוראַטאָרן

די לאַגע אין יהודה איז ניט בעסער נאָר ערגער געוואָרן. די פּראָקוראַטאָרן וואָס זיינען געקומען אַהין פון רוים, זיינען געווען געטריבן פון צוויי מאָטיוון — שנאה צו די יידן, און אַ באַגער אָנצורויבן אַ פאַרמעגן. זיי האָבן געראַבירט דאָס לאַנד אָן שום איינזען און רחמנות.

די רוימישע אַפּוטרופּסים האָבן זיך זייער אָפט געביטן. אין פאַרלויף פון 60 יאָר, פונעם יאָר 6 אונ. צייט ביזן יאָר 66, ד. ה. ביזן יאָר ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער גרויסער אויפשטאַנד, האָבן זיך אין יהודה געביטן 12 פּראָקוראַטאָרן. מיט יעדן איינעם פון זיי זיינען צוגעקומען נייע גזירות, נייע שטייערן און נייע באַליידיקונגען אויף די יידן. יעדער איינער פון די רוימישע פאַרטרעטער איז געשיקט געוואָרן אינעם יידן־לאַנד צו באַרואיקן די באַפעלקערונג און איינשטעלן אָרדענונג. נאָך זיין אַוועקגיין איז דאָס לאַנד געוואָרן אומרואיקער און שווערער צו קאָנטראָלירן.

אַ סך פון די רעליגיעזע מנהגים וואָס די יידן האָבן אָפּגעהיט מיט גרויס איפער און עקשנות, ביז מסירת נפש, האָבן שטאַרק דערצאָרנט די מאַכט־האָבער. ווען די רוימישע קיסרים האָבן איינגעפירט אַ קולט, וואָס האָט באַטראַכט דעם אַליין־הערשער איבער דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע פאַר אַ געטלעך וועזן, האָבן אַלע אונטערטעניקע פעלקער, גרויסע און קלע־נערע, זיך ניט געשטעלט קעגן דעם. זיי האָבן געדען אַריינגעשטעלט אַזאַ אָדער אַן אַנדער סטאַטוע אין זייערע טעמפּלען. די יידן זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. זיי זיינען גרייט געווען

אַפילו אומקומען, נאָר ניט באַגיין אַזאַ חילול השם, ווי אַריינשטעלן אַ „פּסל״, אַ סטאַטוע אין גאָטס הויז, אין בית המקדש 18).

אַזאַ אומגעטריישאַפט האָט שטאַרק דערצאָרנט אַ רוימישן הערשער. אַ דעספּאָט ווי דער קייסער קאַליגולאַ (פון יאָר 37 ביזן יאָר 41 אונ. צייט), וואָס איז ניט געווען ביים פולן זינען, און האָט זיין „געטלעכקייט״ גענומען ערנסט, האָט שיעור ניט אומגעבראַכט ס׳גאַנצע יידישע פאָלק פאַר אַזאַ ווידערשפּעניקונג. אַ גליק, וואָס ער איז פרי געשטאָרבן.

ס׳איז באַוואוסט, אַז אַזעלכע סקאַנדאַלן איבער סטאַטועס, האָבן אַ סך מאָל דערפירט צו ספּאָנטאַנע אויפשטאַנדן אין יהודה ווי אין די תפוצות, און האָבן זיך געווייינטלעך געענדיקט מיט אַ בלוט־באָד אויף די יידן. ס׳זיינען באַוואוסט אין דער געשיכטע אַ סך פאַלן, ווען צנדליקער און הונדערטער יידן זיינען אין אַזעלכע סטאַטוען־עקסצעסן, געקרייציקט געוואָרן אויף צלמער, שטעט זיינען פאַרברענט געוואָרן, און יידיש האָב און גוטס איז געווען הפקר צום רויב 19).

די רוימישע הערשער האָבן אומעטום געהאַלטן אין דעמאָנסטרירן זייער ריזיקע קראַפט, זייער אומבאַזיגבאַרקייט, דורך טעראָריזירן די אָרטיקע באַפעלקערונג. צו די יידן האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע שנאה, און צו דער יידישער רעליגיע אַזאַ טראַציקע גרינגשעצונג, וואָס האָט טיף באַליידיקט די רעליגיעזע און די מענטשלעכע געפילן פון די יידן, פון אַלע יידן, וואָס זיינען דאַן געווען טיף פאַראַנקערט אין זייער גלויבן.

דער באַוואוסטזיין פון אייגענער שוואַכקייט אַנטקעגן דער אומגעהויער בייזער רשעות, וואָס האָט אַזוי טיף באַליידיקט און אַזוי גרויזאַם ווייגעטאָן, האָט ניט ביי אַלע יידן אַרויסגערופן די זעלבע רעאַקציעס. די פרומע חסידים וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין די געטלעכע סודות, האָבן דערזען אין דעם אומגליק דעם אָנהייב פונעם „קץ״. אַזוי און ניט אַנדערש מוזן אויסזען די

---

18) דאָס געזעץ „לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה״ (מאַך זיך ניט קיין סטאַטועס און קיין בילדער), איז איבערגעחזרט מערערע מאָל אין דער תורה (שמות כ׳ 4; דברים ד׳, דברים ה׳, דברים כז׳). דאָס געזעץ איז געווען פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן געצנדינסט, און איז זייער שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן. אַ סך מאָל זיינען יידן געגאַנגען אויף קידוש השם, זיך קעגנגעשטעלט די פרעמדע (און אייגענע), מאַכטהאָבער, וואָס האָבן אַריינגעשטעלט סטאַטועס אינעם בית המקדש (און אויך אין טעמפּלען און סינאַגאָגעס אין דער דיאַספּאָראַ).

19) פלאַוויוס דערציילט פון אַזעלכע פאַלן אין אַלעקסאַנדריע, אין יאָר 41 אונ. צייט, (אַלט. בוך 19, קאַפּיטל 5, 2) אין דאָראַ, סיריע, (בוך 19, קאַפּיטל 6, 3) און אין נאָך אַ סך שטעט.

„חבלי המשיח״, די אומגליקן, וואָס האָבן לויט די פאָלק־לעגענדעס, און לויט די אַנטפּלעקטע סודות פון די הייליקע שריפטן, געדאַרפט אַ פּלייץ טאָן אויפן פאָלק איידער משיח וועט זיך באַווייזן.

## ח. די משיחים. די אומרוען אין לאַנד

דאָס פאָלק, פאַרצווייפלט אונטערן יאָך פון נגישות, האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויף משיחן. משיח איז געווען די איינציקע מעגלעכע רעטונג פון דער אומבאַהאָלפנקייט, די איינציקע לייזונג צום גאַנצן קנופּ פון צרות און פון אומגליקן אַרום זיי. קיין שום אַנדער קראַפט, אַחוץ אַ משיח־נס האָט זיי ניט געקאָנט באַפרייען פון די פאַרהאַסטע רוימער און פון די אייגענע באַדריקער, און אַרויספירן זיי ווידער אַמאָל אויף אַ ליכטיקן וועג צו אַ פריי לעבן אָן מורא, צו אַ לעבן אין שלום.

נביאים, אין זעק אָנגעטאָנענע, ווי דער לעגענדאַרער אליהו, אָדער ווי דער אַלטער נביא עמוס, האָבן זיך באַוויזן און גערופן דאָס פאָלק תשובה טאָן, זיך גרייטן צום „יום יהוה״, צו גאָטס באַוואוסטן טאָג, וואָס דאַרף קומען גאָר אינגיכן, היינט־מאָרגן 19א).

אין דער צייט, דערציילט אונדז פלאַוויוס, האָבן זיך טאַקע באַוויזן „משי־חים״, וואָס האָבן דערציילט זייערע נאָכפאָלגער, אַז זיי זיינען פון גאָט געשיקט, צו באַפרייען דאָס פאָלק, עס אויסלייזן פון אַלע צרות. זיי וועלן דאָס באַווייזן מיט גאָטס כוח, מיט ניסים.

עטלעכע אַזעלכע פאַלשע משיחים דערמאָנט דער היסטאָריקער, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט די „געזאַלבטע״, און האָט מסתמא געזען אייניקע פון זיי 20).

---

19א) אין דער צייט איז אויך דערשינען יוחנן דער טויפער, אַ געשיכטלעכע פּערזאָן, און זיכער אַ מיטגליד פון דער סעקטע חסידים־איסיים, אָדער פון אַן ענלעכער סעקטע.

20) יאָזעפוס איז געבוירן געוואָרן אַן ערך אין יאָר 37 אָדער 38 אונ. צייט, ד. ה. אַרום 4 אָדער 5 יאָר נאָכדעם ווי יעזוס איז לויט דער לעגענדע געקרייציקט געוואָרן. ער דערציילט פון די פאַלשע משיחים, אַז זיי האָבן פאַרפירט מאַסן יידן צום ים, צום הר הזתים, אָדער גאָר אין דער מדבר, און צוגעזאָגט באַווייזן דאָרט אַזאַ אָדער אַן אַנדער נס, וואָס וועט באַפרייען דאָס פאָלק פון די פרעמדע און אייגענע באַדריקער. די משיחים זיינען געווען אין די צייטן ווען ט׳האָבן געהערשט די פּראָקוראַטאָרן פאַדוס, (פון 44 ביז 46); פעליקס (פון 52 ביז 60) און פעסטוס (פון 60־62), ד. ה. ווען פלאַוויוס איז אַלט געווען פון אַרום 8 יאָר ביז אַרום 25 יאָר. (אַלט. בוך 20, קאַפּ. 5, 1; קאַפּ. 8, 5; קאַפּ. 8, 6; און קאַפּ. 8, 10).

דער סוף פון די משיחים מיט זייערע נאָכפאָלגער, דערציילט יאָזעפוס, איז געווען אַ טרויעריקער. די רוימישע פּראָקוראַטאָרן האָבן אַזאַ באַוועגונג אָנגענומען ווי אַ יידישן רעוואָלט, ספּעציעל, ווען זיי האָבן געזען, אַז מאַסן יידן פאָלגן נאָך יעדן משיח. די רוימישע אַפּוטרופּסים האָבן אויפגעפּאַסט דעם משיח ווי אַ מלך, אַן אייגענעם מלך, אַנשטאָט דעם אַנערקענטן אימפּעראַטאָר פון רוים. די פּראָקוראַטאָרן האָבן דערפאַר אַרויסגעשיקט קעגן די משיחים מיט זייערע נאָכפאָלגער די באַוואָפנטע רוימישע לעגיאָנען, און לויט יאָזעפוס באַריכטן, זיינען הונדערטער און טויזנטער יידן אומגעקומען דורך די רוי־מער צוזאַמען מיט די משיחים. אַ סך זיינען געקרייציקט געוואָרן אויף צלמער.

צום אָנהייב פון דער איצטיקער צייט־רעכענונג האָבן די יידן שוין אינ־גאַנצן געהאַט פאַרלאָרן זייער אומאָפּהענגיקייט. פאַרלאָרן, אָבער ניט פאַר־געסן. פאַרקערט, וואָס מער די פרעמדע האָבן געשאַלטעוועט איבער זייערע לעבנס, איבער יידישן האָב־און־גוטס, אַלץ שטאַרקער האָט געטליעט די בענק־שאַפט נאָך דער פרייהייט פון נעכטן, אַלץ מער האָט געברענט דער צאָרן קעגן דער פרעמדער, קעגן דער גרויזאַמער מאַכט. וואָס מער ס׳האָט געבושעוועט דער טעראָר פון די פאַרהאַסטע רוימער, אַלץ מער האָבן זיי געבענקט נאָך דער פרייהייט, נאָך דער זעלבשטענדיקייט, וואָס דאָס לאַנד האָט געהאַט אין דער צייט פון די חשמונאים. דער „נעכטן" מיט די מאַקאַבייער־העלדן, די פאַנטאַס־טישע פרייהייט פון אַמאָל, האָט אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, אין די מעשיות און לעגענדעס אָנגעהויבן אויסזען ווי די גליקלעכע „גאָלדענע עפּאָכע", האָט געשפּייזט דעם גלויבן, געהויבן דעם מוט און די ענערגיע פון פאָלק, און גערופן צום ווידערשטאַנד.

דאָ און דאָרט, באַזונדערס אין גליל, האָבן זיך באַוויזן אויפשטענד־לער־קנאים. אָרגאַניזירט אין קלענערע גרופּן, פלעגן זיי באַפאַלן איזאָליר־טע אָפּטיילונגען און אַמאָל אַ גאַנצן „קאָהאָרט" רוימישע זעלנער (500־600 סאָלדאַטן). די רוימער האָבן די קנאים גערופן „סיקאַריער", ד. ה. באַנדיטן מיט קורץ פאַרבויגענע מעסערס, באַהאַלטן אונטער די רעקלעך. די „סיקאַריער" האָבן שטאַרק גערודפט די צווישן די יידן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַן אויפשטאַנד און פאַר אַ פשרה מיט די פרעמדע באַדריקער. זיי האָבן אויך אויסגעזוכט און פאַרברענט די „שטר־מכירהס, די דאָקומענטן, וואָס האָבן געהאַלטן פאַרשקלאַפט אַ סך פאַרשולדיקטע יידן, פאַרזונקענע אין חובות.

דער קאַמף פון די קנאים קעגן די פשרה־מאַכער איז געווען אַזאַ ביי־טערער, אַז ס׳האָבן זיך אין יעדן ישוב געשאַפן צוויי הויפּט־לאַגערן, וואָס האָבן, לויט יאָזעפוס׳ עדות זאָגן, געזוכט אומצוברענגען איינע די אַנדערע.

אַט ווי יאָזעפוס שילדערט די דעמאָלטיקע לאַגע אין יהודה:

„אין דער צייט איז פּאַלעסטינע געווען אינגאַנצן צעמישט. יעדע שטאָט איז געווען צעטיילט אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן. יעדער פון די צוויי איז געווען איבערצייגט, אַז ער קאָן לעבן בלייבן נאָר ווען דער אַנדערער צד וועט אומקומען. די טעג זיינען געווען אָנגעפילט מיט בלוט־פאַרגיסונג, און די נעכט — נאָך ערגער, מיט שרעק" 21).

אין אַן אַנדער אָרט דריקט זיך דער היסטאָריקער אויס אַזוי וועגן דעם מצב אין יהודה:

„...אין דער צייט זיינען אין לאַנד געווען 10 טויזנט אַנדערע אומגליקן" 22).

## ט. דער גרויסער אויפשטאַנד קעגן רוים

אין לאַנד האָט, ניט געקוקט אויפן שוידערלעכן טעראָר פון די רוימער, געהאַלטן אין אָנוואַקסן אַ רעוואָלט־שטימונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גרויסע מערהייט פון פאָלק. דער פּראָקוראַטאָר פלאָרוס 23), איינער פון די גרעסטע רשעים וואָס האָט דאַן געשאַלטעוועט איבער יהודה, האָט עס געוואוסט. ער האָט אָבער גאָר ניט געטאָן צו פאַרגרינגערן די לאַגע. פאַרקערט, ער האָט מער און מער פּראָוואָצירט, און מיט אַלע מיטלען געזוכט צו פאַרשאַרפן די באַציאונגען. ווי יאָזעפוס פלאַוויוס דערקלערט עס, האָט פלאָרוס מורא געהאַט, אַז זיינע רוימישע באַלעבאַטים וועלן ביי אים מאָנען אַ דין וחשבון פאַר זיין ראַבעווען אָן אַ מאָס, ווייל אַ סך קלאַגעס זיינען שוין געווען קעגן אים. אַ יידישער אויפשטאַנד, האָט ער געוואוסט, וועט אַראָפּוואַרפן פון אים די שולד, און וועט זי אַרויפוואַרפן אויף די פּלייצעס פון די יידישע ווידערשפעניקער.

ער האָט געדאַרפט אַ יידישן אויפשטאַנד, האָט ער געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט צו פּראָוואָצירן דאָס פאָלק.

21) פלאַוויוס, מלחמות, בוך 2, קאַפּיטל 18, אָנהייב.

22) אַלטערטימער, בוך 17, 10.

23) פלאַוויוסן פעלן ווערטער צו באַשרייבן פלאָרוסעס רשעות. „...דער פלאָרוס, דערציילט דער היסטאָריקער, „איז געווען אַזאַ רשע, אַזוי גרויזאַם, אַז די יידן האָבן אין פאַרגלייך מיט אים, באַטראַכט דעם פּראָקוראַטאָר אלבינוס (אויך אַ גרויסער רשע, איינער פון די גרעסטע רויבער, (פון יאָר 62 ביז 64) פאַר אַ צדיק. פלאָרוס האָט ניט געהאַט קיין טראָפּן מענטשלעכקייט. קיין אַכזריות איז אים ניט געווען גענוג".

אין יאָר 66 האָבן נייע פּראָוואָקאַציעס, און דער עיקר, אַ גרויסע רויב־באַשטייערונג, וואָס פלאָרוס האָט אַרויפגעלייגט אויף די יידן, אַרויסגעבראַכט ס׳פאָלק פון לעצטן ביסל געדולד, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיי־נער אויפשטאַנד. די קנאים האָבן איבערגענומען די פירערשאַפט אין יהודה.

נאָך די ערשטע דערפאָלגן אינעם קאַמף מיט די עטלעכע רוימישע לע־גיאָנען, וואָס דער סירישער נציב, קעסטיוס גאלוס, האָט געבראַכט קיין יהודה איינשטילן דעם אויפשטאַנד, ווען די יידישע קריגער האָבן אים גרינט־לעך צעשלאָגן, און האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושלים מיט נצחון געזאַנגען, און מיט אַ סך פאַרכאַפּטער אַמוניציע, האָבן די קנאים שוין מער ניט אַרויסגעלאָזט פון זייערע הענט די פירערשאַפט פון דעם לאַנד און פונעם אויפשטאַנד. זיי האָבן טעראָריזירט און אומגעבראַכט די מערסטע פּשרה־מאַכער און זיך געגרייט צום גרויסן קאַמף, ווען די רוימער וועלן אָנקומען מיט זייערע הויפּט לעגיאָנען פון רוים.

די קנאים־גרופּן זיינען אַליין אויך געווען צעטיילט און צעריסן אויף באַזונדערע פראַקציעס, וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט אייניקן אויף אַ ווירק־זאַמער פּראָגראַם פון ווידערשטאַנד. אָפטמאָל, האָט די ניט־אייניקייט אָנגע־נומען די פאָרמע פון אַ בלוטיקער מלחמה צווישן די באַזונדערע גרופּן.

די רוימער האָבן אויף זיך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן. פון רוים איז אָנגעקומען דער גענעראַל אספּסיונוס מיט זיין זון טיטוס, און מיט זיי — גוט באַ־וואָפנטע און גוט טרענירטע רוימישע לעגיאָנען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן צוויי טראַגיש ניט־גלייכע כוחות.

דער יידישער אויפשטאַנד איז פאַרבליבן איינער פון די בלוטיקסטע אין דער געשיכטע פון די פיל רוימישע מלחמות. דער אויסדויער און מוט וואָס ס׳האָבן אַרויסגעוויזן די יידישע קריגער, קריגער פון אַזאַ קליין לאַנד ווי יהודה איז, מיט אַזאַ קליינער באַפעלקערונג, און דערצו צעקריגט צווישן זיך אַליין, האָט פאַרחידושט און איבערראַשט די רוימישע קריגער, שטאַאַטסלייט און היסטאָריקער.

די קליינע אָבער מוטיקע צאָל קנאים, האָט אויסגעהאַלטן דעם קאַמף און געשטאַנען אין ווידערשטאַנד פולע 7 יאָר. די שטאָט ירושלים מיטן בית המקדש זיינען חרוב געוואָרן אין יאָר 70 אונ. צייט, 4 יאָר נאָכן אָנהייב פון אויפשטאַנד. די לעצטע גרופּן קנאים זיינען אומגעקומען, מערסטע פון זיי דורך זעלבסטמאָרד, אין יאָר 73. נאָכדעם ווי די לעצטע פעסטונגען, הורדיוס, מסדה און מאכערוס זיינען געפאַלן.

## י. וואָס איז געוואָרן מיט די חסידים פון קומראַן?

די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד. אַ סך זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן, אָדער אומגעקומען פון הונגער און קראַנקהייטן, און אַ סך זיינען פון די רוימער פאַרשלעפּט געוואָרן אויף שקלאַפן־אַרבעט, צו שלעפּן די שיפן איבער די ימים, אָדער פאַרקויפט צו ווערן אויף די שקלאַפן־מערק אין די וויטערע לענדער.

ניט וויניק יידן זיינען אין דער מהומה־צייט זיך צעלאָפן פון יהודה און זיך דערשלאָגן צו יידישע ישובים אין די וויטערע שטעט פון אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע. דאָרטן האָבן זיי אויך קיין רו ניט געפונען, ווייל די אַנטי־יידישע שטימונגען האָבן זיך געשטאַרקט אין אַלע לענדער אַרום מיטל־לענדישן ים.

וואָס ס׳איז געווען דער סוף פון די פרומע געמיינדעס חסידים־איסיים אין יהודה און ספּעציעל אינעם מדבר־הויז, אין קירבעט קומראַן, דאָס איז אונדז ניט באַקאַנט. מעגלעך, אַז די מערסטע פון זיי זיינען אומגעקומען, און נאָר געציילטע האָבן זיך געראַטעוועט. פון פלאַוויוסעס קנאַפּע באַריכטן 24) דערוויסן מיר זיך, אַז די רוימער האָבן זיי שטאַרק געפּייניקט ביים אומברענגען, נאָר דאָרט רעדט זיך וועגן די „עסענער" בכלל, און ס׳ווערט אינגאַנצן ניט דערמאָנט דער צענטער אין דעם מדבר יהודה.

פון דער אויסגעגראָבענער חורבה אין קומראַן האָבן מיר אַרכעאָלאָגישע באַווייזן, ווי, למשל, אַן אָפּגעברענטער שיכט איבער דער גאַנצער לענג פון דער געביידע, אָדער רוימישע פיילן שפּיצן, אריינגעשאָסענע אין די ווענט. פון אָט די און אַנדערע אַזעלכע באַווייזן, קאָן מען גרינג אַרויסדרינגען, אַז אונדזערע סעקטאַנטן האָבן זיך קעגנגעשטעלט די רוימער, און אַז די לעצטע האָבן פאַרנומען דאָס „הויז" נאָך אַ שלאַכט.

די נומיסמאַטישע וויסנשאַפט, (וועגן מטבעות) העלפט אונדז אויך באַשטימען די צייט ווען ס׳האָט זיך געענדיקט דער חסידים־ישוב אין קומראַן. פונעם יאָר 68 אונ. צייט שטעלן זיך אָפּ די יידישע מטבעות, און אויסער אַ פּאָר רוימיש געשטעמפּלטע מטבעות פון 10טן (רוימישן) לעגיאָן, זיינען שוין דאָרט מער קיין מטבעות פון יענער צייט ניט געפונען געוואָרן.

מיר מעגן אָננעמען, אַז די חסידים האָבן זיך געריכט אויפן קלאַפּ, און טיילווייז זיך געגרייט. די צוזאַמענגעשטעלטע און צוגעדעקטע קרוגן מיט מגילות אין געוויסע היילן, ווי הייל נומ. 1 און הייל נומ. 11, זיינען עדות דע־

---

24) מלחמות בוך 2. קאַפּיטל 8. פּאַר. 10.

רויף. די לעצטע טעג פון דער קאַטאַסטראָפע זיינען אָבער זיכער געקומען אומדערוואַרט. דאָס קאָנען מיר דערקענען מערסטנס פון דעם, וואָס אַזוי פיל מגילות זיינען געבליבן ניט קיין באַהאַלטענע אין אַזוי פיל לעכער און היילן. דער עיקר אָבער איז עס קענטיק דערפון, וואָס זיי האָבן אויף גיך און אָן שום אָרדענונג צוזאַמענגעוואָרפן דעם גרעסטן טייל פון זייער ביבליאָטעק, אין אַ גאָר נאָענטער הייל, לעבן אַן אַרויסגאַנג פון דעם „הויז" 25).



דער תוכן (אינעווייניק) פון דער אויסגעגראָבענער קומראַן געביידע, קוקנדיק צו דרום. פון דער רעכטער זייט זעט מען די בערגלעך מיט די היילן. דער ים המלח איז לינקס.

דער פאַקט, וואָס אַ סך מגילות זיינען געווען אַרומגעוויקלט אין לייוונט, און באַהאַלטן זאָרגפעליק אין טעפ, ווייזט, אַז אונדזערע פרומע סעקטאַנטן האָבן זיך געריכט צוריקצוקערן און אויסגראָבן זייער אוצר פון די באַהעל־

25) דאָס איז די באַרימטע הייל נומ. 4, וואָס די בעדואינער האָבן אַנטדעקט אין 1952. פון וואַנען ס'זיינען אַרויסגענומען געוואָרן טויזנטער פראַגמענטן פון מער ווי 400 מגילות (זע פריער, קאַפּיטל 3).

טעניש. דער שונא וועט דאָך דאָ אייביק ניט זיין! גאָטס וואָרט, וואָס איז מקוים געוואָרן, ווען יהודה איז אַזוי שווער באַשטראָפט געוואָרן פֿאַר אירע זינד, איז דאָך שוין געוונג באַוויזן, אַז דער צווייטער טייל פון דער נביאות, אַז גאָט וועט נקמה נעמען פון זיינע שונאים, — וועט אויך מקוים ווערן! און דאַן וועט ער אויפריכטן זיינע חסידים, די בחירי ה׳ (גאָטס דערוויילטע), און מיט זיי, מיט די אמתע יידן, ווי זיי האָבן זיך אַליין באַטראַכט, וועט ער צוריק אויפשטעלן אויף דער ערד זיין קעניגרייך פון שלום און גערעכטיקייט. דאָס מוז געשען גאָר אין גיכן, ווייל איצט איז דאָך שוין די באַשטימטע צייט!

די חסידים־איסיים זיינען געווען איבערצייגט, אַז זיי לעבן שוין איצט אינעם „סוף פון די טעג״, אינעם „באחרית הימים״, איידער דער אַלמעכטיקער וועט איינשטעלן זיין מלכות שמים. דער עסכאַטאָלאָגישער מאָטיוו איז געווען די באַזע פון זייער אידעאָלאָגיע און פון זייערע דערוואַרטונגען, פון זייער גלויבן און מנהגים. אַלע סימנים אַרום זיי האָבן געוויזן אין דער ריכטונג. ס׳איז ביי זיי קיין שום ספק ניט געווען, נאָר אַז דאָס קומט שוין איצט אָן דער „ביום ההוא״ (יענער טאָג) דער סוף פון דער צייט, וועגן וועלכער יעקב אבינו האָט דערציילט זיינע זין, די צוועלף שבטים 26), און וועגן וועלכן די הייליקע נביאים האָבן אַזוי פיל גערעדט 27).

די חסידים זיינען געווען זיכער, אַז אינגיכן וועט זיך אַלץ ענדערן. זיי וועלן זיך אומקערן צוריק אין זייער הויז, און אַרויסנעמען זייערע הייליקע ספרים פון די באַהעלטענישן.

ווי ס׳קוקט אָבער אויס, האָט זיך קיינער פון די וואָס האָבן באַהאַלטן די מגילות, ניט אומגעקערט צוריק. די מאַנוסקריפּטן זיינען געלעגן אין זייערע באַהעלטענישן קאַרגע 19 הונדערט יאָר 28), ביז אונדזער דור האָט אינמיטן 20טן י. ה. זיי אויסגעגראָבן און זיך באַקאַנט מיט זייער אַ סך פון די לאַנג שוין פאַרגעסענע סודות פון אַמאָל. פון די מגילות האָבן אויפגעלויכטן זייער וויכטיקע, פאַרלאָרענע רינגען אין דער קייט פון געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן שטאַרק באַווירקט דעם פּעריאָד ווען זיי זיינען געשען, און נאָך מער דעם וויטערדיקן גאַנג פון דער געשיכטע.

26) בראשית מט׳ 1.

27) דער „יום יהוה״ האָט געדאַרפט זיין אַ טאָג פון גאָטס צאָרן. ווי אַזאַ איז ער דערמאָנט ביי די מערסטע נביאים אין תנ״ך. זע קאַפּיטל 11, זייטן 177־176.

28) עס דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, איז דאָס ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז מאַנוסקריפּטן זאָלן געפונען ווערן אין היילן אַרום ים המלח. זע פריער, קאַפּיטל 5.

קאַפּיטל 10

# דאָס לעבן פון דער סעקטע אין קומראַן

## א. די תורה, דער קוואַל פון זייערע גלויבנס און מנהגים

צווישן די נייעסן וואָס מיר דערוויסן זיך פון די אַלטע פּאַרמעטן, געפינען מיר אויך אויס — אַז די רעליגיעזע געמיינדע אין יהודה איז געווען צע־שפּליטערט אויף פאַרשידענע פראַקציעס. מיר באַקענען זיך פון דער ערש־טער האַנט מיט איינער פון די פראַקציעס, די סעקטע זייער פרומע חסידים, וואָס האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון פאָלק, אַוועק אין דער מדבר און זיך גע־היילִיקט צו גאָט. מיר באַקענען זיך מיט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור וואָס זיי האָבן איינגעשטעלט, און מיט די זייער שטרענגע געזעצן און מנהגים, לויט וועלכע זיי האָבן זיך אויפגעפירט, אין הסכם מיט זייער וועלט־באַנעם. מיר באַקענען זיך מיט זייערע גלויבנס, מיט זייער פילאָזאָפישן צוגאַנג צו דער וועלט, צו זיך און צו אַלע אַנדערע יידן פון זייער צייט, די וועמען זיי רופן „ניט־גלויביקע" און „רשעים". עס ווערט פאַר אונדז קלאָר, וואָס זייערע האָפענונגען זיינען געווען, וואָס זייערע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט. מיר הויבן אויך אָן באַגרייפן, ווי אַזוי אַן עקסטרעם פרומע יידישע סעקטע האָט סוף־כל־סוף געקאָנט דערפירן צו דעם שאַרפן ריס, צום אָפּשפּאַלטן זיך פון דער יידישער רעליגיע, און אונטער דער ווירקונג פון שאַרפע געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען און פון שטאַרקע דרויסנדיקע כוחות, זיך אַליין איבערגע־שטאַלטן אין אַ שפּאָגל נייער, אין דער קריסטלעכער רעליגיע.

ווי עקסטרעם פרומע, האָבן זיך די חסידים אָנגעשפּאַרט דורכאויס אויף גאָט און אויף די געבאָטן פון דער תורה און פון די הייליקע נביאים. משהס תורה איז געווען די סאַמע באַזע, דער צענטער פון זייער לעבן און גלויבן, דער העכסטער אויטאָריטעט — שיעור ניט אַזוי הייליק ווי גאָט אַליין. ער, דער אַלמעכטיקער, באַווייזט זיך שוין מער ניט. אים פאַרטרעט איצט די הייליקע תורה. די געבאָטן פון דער תורה טאָרן ניט געענדערט ווערן אויף

קיין האָר, טאָרן ניט צוגעפּאַסט ווערן צו קיין נייע באַדינגונגען. די פרומע סעקטאַנטן האָבן „פּאַרשפּיצט" די תורה געבאָטן ביז צו די סאַמע עקסטרעמע חמורות. (שטרענגקייטן): אויב שבת איז אַ טאָג פון רו, טאָר מען זיך דעם טאָג פון אָרט ניט רירן, מ'טאָר אַפילו פון הויז ניט אַרויסגיין. אויב בלוט איז פאַרבאָטן, מוז מען אַפילו פון פיש אויסקוועטשן דאָס בלוט. אויב געשלעכטלעכער פאַרקער איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט זינד, איז גאָר אַ פראַגע, צי מעג מען איינגאַנצן חתונה האָבן. די וואָס האָבן חתונה געהאַט, האָבן אויף זיך גענומען אַ שטרענגע צאַם, אז זיי האָבן דאָס געטאָן נאָר צוליב דער מצווה פון פריה ורביה, ד. ה. צוליב האָבן קינדער. אויב שוין פאַרשוואַנגערט, טאָר מען זיך מער צו דער ווייב ניט צורירן. פון צוויי אָדער מער ווייבער, רעדט מען שוין גאָרניט — דאָס איז בפירוש — זנות.

דאָס לאַנד יהודה, וואָס לעבט אין רשעות און אין זינד, וועט זיכער באַשטראָפט ווערן. זיי אַליין, די פרומע חסידים, זיינען די גאַנצע, די ריינע, וואָס גאָט האָט זיי אויסגעקליבן צו בלייבן דער „שפּראָץ", פון וועלכן ס'וועט אַרויסוואַקסן די נייע, די גערעכטע וועלט, וואָס גאָט אַליין וועט איינשטעלן שפּעטער. זיי זיינען די בחירי ה' (גאָטס דערוויילטע), ווי זיי האָבן זיך אָנגערופן אין זייערע שריפטן. זיי זיינען ניט אַ „טייל", נאָר דאָס „גאַנצע" פאָלק ישראל. אַלע איבעריקע וועלן פאַרטיליקט און פאַרגעסן ווערן. זיי וועלן בלייבן און ירשנען די גאַנצע וועלט.

לויט זייער וועלט־באַנעם, האָבן די פרומע חסידים־איסיים איינגעשטעלט זייערע לעבנס־נאָרמען, די מנהגים ווי זיך אויפצופירן, ווי צו עסן און האַלטן זיך ריין, ווי צו רעדן צו זייערס גלייכן און צו עלטסטע; ווי אויסצודריקן זייערע געפילן. אַ גאַנצע סיסטעם פון געזעצן און מנהגים האָבן זיי איינגעשטעלט, צוגעפּאַסט צו זייערע גלויבנס און צו די פאָרשטעלונגען וואָס זיי האָבן געהאַט פון גאָט, און פון דעם וואָס ער פאָדערט פון זיינע אויסדערוויילטע תמימים, גאַנצע יידן.

## ב. די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון דער סעקטע

פאַר אַ מוסטער האָבן זיי גענומען, אויף וויפל ס'איז נאָר מעגלעך געווען, די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור און די לעבנס־נאָרמען פון די יידן אין דעם מדבר סיני, די יידישע עדה אָנגעפירט פון משה רבינו. זיי האָבן נאָכגעפאָלגט די באַריכטן אין דער תורה, אין דעם חומש במדבר. מיט יענע יידן האָט גאָט געשלאָסן אַ בונד אויפן באַרג סיני, און מיט זיי, מיט די חסידים האָט גאָט אויך געשלאָסן אַ נייעם בונד, אויך אין אַ מדבר.

אָרגאַניזאַציאָנעל האָבן זיי זיך איינגעטיילט אין שבטים (טעאָרעטיש, הייסט עס). זיי האָבן זיך אויך איינגעטיילט אין צענער, אין הונדערטער און טויזנטער (די טויזנטער זיינען זיכער געווען טעאָרעטישע).

פונקט ווי יענע יידן אַמאָל, אונטער משהן מיט אהרונען, האָבן די פרומע חסידים איצט אויך אַכטונג געגעבן אויף דער קאַסטע־סיסטעם און אָנגע־האַלטן אַ שטאַנדן־צעטיילונג צווישן די כהנים, די לווים, די זקנים און די בני־ישראל. די כהנים האָבן אומעטום פאַרנומען ס׳ערשטע אָרט. דער גרינדער פון דער סעקטע, דער מורה צדק, איז געווען אַ כהן 1). די אויפזעער איבער די קלענערע גרופּן, די לערער וואָס דאַרפן לערנען און דערקלערן גאָטס תורה, די פאַר וועמען מ׳האָט זיך געדאַרפט מתוודה זיין אויף זינד, די אַלע זיינען געווען כהנים 2).

די לווים האָבן, לויט די קאַסטע איינשטעלונגען, פאַרנומען דאָס צווייטע אָרט. (אַן אַנדערש מאָל ווערן די זקנים דערמאָנט ווי די צווייטע אין יחוס). אַלע זיינען געווען העכער אין שטאַנד פון די בני ישראל, וואָס זיינען געווען די לעצטע 3). ביים עסן, ביים אַריינגיין און אַרויסגיין צו און פון דעם עס־צימער, ביי דער עצה פון דעם „יחד״, ד. ה. ביי די אַלגעמיינע מיטינגען, או־מעטום זיינען די בני ישראל געווען די סאַמע לעצטע. דערצו האָט יעדער מיט־גליד, אַזוי איז אונטערגעשטראָכן אין די מגילות, געדאַרפט וויסן זיין אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע, און ניט צעשטערן דעם אָנגענומענעם סדר 4).

פאַר דער הויפּט־אָנפירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע, ווערן דערמאָנט 12 עלטסטע און דריי כהנים. (ס״ה ח׳ 1). קיין פונקציעס פאַר די 12 און די 3 ווערן אין די מגילות ניט אָנגעגעבן. ס׳ווערט נאָר אונטערשטראָכן, אַז זיי וועלן זיין אַ פעסטונג פאַר די תורה־געזעצן. מיר מעגן זיכער אָננעמען, אַז קיין פונקציעס און פליכטן זיינען אויף אַזאַ „פּרעזידיום״ ניט אַרויפגעלייגט געוואָרן. ס׳איז גאָר אַ פראַגע צי עס איז אינגאַנצן געווען אַזאַ „פּרעזידיום״. ס׳לייגט זיך גרינגער אויפן שכל, אַז די ציפערן 12 און 3 זיינען געווען סימבאָלישע, פונקט ווי די „טויזנטער״ פון זייערע אָרגאַניזאַציעס, אָדער די „מיליטערישע מחנות״ אין זייער מלחמה מגילה. גיכער פון אַלץ, זיינען די אַלע געווען נאָכ־

---

1) דאָס איז זייער קלאָר אויסגעדריקט אין: פשר חבקוק ב׳; פשר תהילים לז׳ 2, 15; און אין דער מלחמה מגילה יז׳ 3־2.

2) סרך היחד ו׳ 4־3. און אַנד.

3) סרך היחד ב׳ 23־19. אַן אַנדערש מאָל רעדן זיי פון 4 שטאַנדן. די לעצטע נאָך די בני ישראל זיינען די גרים.

4) דאָרטן.

געקאָפּירטע „טעאָרעטישע" סימבאָלן, לויט זייערע פאָרשטעלונגען וואָס זיי האָבן געהאַט פון דער אַלטער מדבר־אָרגאַניזאַציע. די סימבאָלישע „12" אַ רמז אויף די 12 שבטים אין מדבר סיני און די 3 כהנים — פאַר די דריי זין פון לוי: גרשון, קהת און מררי, פון וועמען ס'שטאַמען די כהנים.

צווישן די נעמען וואָס זיי האָבן גערופן זייער גרופּע, איז דער פּאָפּו־לערסטער געווען „יחד" (צוזאַמען), דער נאָמען דריקט אויס דעם גייסטיקן מהות פון דער אָרגאַניזאַציע. איינער פון די אָנזאָגן, וואָס איז איבערגעחזרט געוואָרן ממש הונדערטער מאָל אין די מגילות, איז — זיך האַלטן צוזאַמען, ליב האָבן איינער דעם אַנדערן, זיך אָרויסהעלפן אין אַ נויט, קיינעם ניט באַ־רעדן, ניט טראָגן קיין כעס אויף יענעם, און בכלל — לעבן בשלום אין דער גרופּע. דער „ואהבת לרעך כמוך" פון חומש (ויקרא י"ט 18) איז איבערגעחזרט און אויסגעטייטשט אויף פאַרשידענע אופנים און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ווי איינער פון די הויפּט פּרינציפּן פון זייער אָרגאַניזאַציע.

אויסער „יחד" זיינען געווען נאָך פּאָפּולערע נעמען מיט וועלכע זיי האָבן זיך אָנגערופן. זייער אָפט טרעפן מיר דעם נאָמען „ברית חדשה" 5), אָדער פאַרקירצט „ברית". זיי רופן זיך אויך „עדה", „קרואי השם" (אָנגערופענע מיטן נאָמען), אָדער אַמאָל רופן זיי זיך „רבים" (די פילע אָדער די מערהייט), און זייער אָפט רופן זיי זיך „אביונים" (אָרעמע לייט) 6).

## ג. די אַלגעמיינע קאַסע. די הייליקע סעודה און אַנדערע מנהגים

דאָס אייגנטום פון דער געמיינדע איז געווען געמיינשאַפטלעך. ביים אַריינטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע, האָט דער נייער מיטגליד געדאַרפט צע־טיילן זיין פאַרמעגן צו אַלע מיטגלידער גלייך, כדי ס'זאָלן צווישן זיי ניט זיין קיין אָרעמע און קיין רייכע. אויב איינער האָט פאַרמאָגט אומבאַוועגלעך אייגנ־טום, ווי ערד אָדער אַ הויז, האָט ער עס געדאַרפט פאַרקויפן, און דאָס געלט צעטיילן. אין דעם פּרט האָבן די סעקטאַנטן אויך נאָכגעטאָן דער אַלטער עדה פון דער מדבר סיני. יענע האָבן, לויט די תורה באַריכטן, אויך ניט געהאַט

---

5) דער נאָמען „ברית חדשה" איז איבערגעחזרט ממש הונדערטער מאָל אין זייערע מגילות. (מערסטע מאָל, נאָר פאַרקירצט, — „ברית"). דער נאָמען „ברית חדשה" איז, אַגב, דער נאָמען פונעם „נייעם טעסטאַמענט" (אין העברעאיש, פאַרשטייט זיך).

6) צווישן די ערשטע יידישע, אור־קריסטלעכע געמיינדעס, ווערט אין עוואַנגעליום אָפט דערמאָנט אַ געמיינדע „אביונים". זיי רופן אויך אָן זייערע ערשטע געמיינדעס: „רבים" (פילע אָדער מערהייט).

קיין אייגנטום פּראָבלעמען, ווייל זיי האָבן געוואוינט אין סוכות און געגעסן דעם מן 7).

אַכטונג געבן אויפן געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן האָט געדאַרפט דער אויפזעער איבער דער גרופּע, וואָס ווערט אָנגערופן אין די מגילות „מבקר“. אָדער ווי דער אַמט ווערט איבערזעצט אין גריכיש — „עפּיסקאָפּאָס“. אויפן מבקר זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ סך פליכטן און פונקציעס. אַחוץ דעם אַכטונג געבן אויפן געמיינשאַפטלעכן פאַרמעגן פון דער גרופּע, האָט ער אויך געדאַרפט זיין דער לערער און אויפקלערער פון גאָטס געבאָטן, ד. ה. פון דער תורה. ער האָט געדאַרפט ווייזן אַ ביישפּיל ווי מ'דאַרף זיך אויפפירן גאַנץ און ריין. צו די מיטגלידער פון זיין גרופּע האָט ער געדאַרפט זיין ווי „אַ פאָטער צו זיינע קינדער“. זיי באַשיצן, טרייסטן אין אַן אומגליק, אָדער אויסגלייכן, אויב ס'זאָל אָנוואַקסן ערגעץ אַ סיכסוך צווישן זיי.

כדי צו האַלטן זיך קערפּערלעך ריין, האָבן די חסידים איינגעפירט אַ סיסטעם פון טובלען זיך. דאָס ווייסן מיר סיי פון די באַריכטן אין די אַלטע קוואַלן, סיי פון דעם וואָס זיי דערציילן וועגן זיך אין זייערע אייגענע מאַנוסקריפּטן. דער עיקר, ווייסן מיר עס פון די מקוות, וואָס די אַרכעאָלאָגן האָבן אויסגעגראָבן אינעם „הויז“, אין קירבעט קומראַן. דריי מאָל אַ טאָג האָט זיך אַ חסיד געדאַרפט טובלען: פאַרטאָגביים אויפשטיין, פאַרן זאָגן די ברכות 8), און פאַר די צוויי מאָלצייטן וואָס זיי האָבן געגעסן געמיינזאַם יעדן טאָג. ביידע מאָלצייטן זיינען געווען אַרומגעוויקלט מיט אַזעלכע צערעמאָ־

---

7) אייניקע געלערנטע האָבן אויסגעדריקט אַ מיינונג, אַז די געמיינשאַפטלעכע קאַסע איז ביי די סעקטאַנטן אויך געווען אַ „טעאָרעטישע“, ד. ה. אין דער ווירקלעכקייט האָבן זיי ניט געלעבט געמיינשאַפטלעך. אַ פּאָר שטעלן אין די מגילות זייערע זיינען פאַראַן, וואָס מ'קאָן פון זיי אַרויסדרינגען אַזאַ השערה. ס'איז אָבער זייער שווער איינשטימען מיט אַזאַ מיינונג. 1) מיר טאָרן ניט איגנאָרירן דעם פאַקט, וואָס קיין איין מטבע איז ניט געפונען געוואָרן אין קיינע פון די ממש הונדערטער היילן און באַרג־שפּאַלטן, וואָס די סעקטאַנטן האָבן זיי זיכער גענוצט ווי וואוין־ערטער, און וואָס זיינען גרינטלעך אונטערזוכט געוואָרן פון די אַרכעאָלאָגן. 2) מיר דאַרפן זיך אויך רעכענען מיטן פאַקט, וואָס אַ טראַדיציע פון אַ „געמיינשאַפטלעך לעבן“ איז אַריבער צו די אור־קריסטלעכע געמיינדעס, ד. ה., זי איז געווען פאַרוואָרצלט גענוג, אַז זי זאָל אַריבער די מהומה יאָרן און געדענקט ווערן אויך אין די „גאָספּעלס“. חוץ דעם איז אונדז באַקאַנט (מערסטנס פון די צוויסטיקייטן אין די אור־קריסטלעכע געמיינדעס), אַז אַ סך געמיינדעס האָבן טאַקע (פאַר אַ צייט) געלעבט געמיינשאַפטלעך. מיר וועלן זיכער ניט זיין אומגערעכט, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז די „מוטער אָרגאַניזאַציע“, האָט ווירקלעך געלעבט געמיינשאַפטלעך.

8) דאָס טובלען זיך פאַרטאָג איז באַריכטעט נאָר ביי פילון און אין תלמוד, וואו די „חסידים ראשונים“ ווערן אָנגערופן „טובלי שחרית“, און איז ניטאָ אין די מגילות.

ניעס, וואָס האָבן געמוזט אַרויסרופן חידוש און שטוינונג ביי אַ נייעם מיט־גליד. פרעמדע זיינען קיינמאָל ניט צוגעלאָזט געוואָרן צו די מאָלצייטן. אפילו דער ביי אַריינגענומענער מיטגליד האָט געדאַרפט זיין פולע צוויי יאָר אויף פּראָבע, ביז ער איז צוגעלאָזט געוואָרן צו דעם מאָלצייט. פלאַוויוס דערציילט וועגן דעם אין זיינע ביכער, וואָס ער האָט געשריבן מיט יאָרן שפּעטער. ער דערציילט וועגן זיך, אַז ער איז יונגערהייט געווען אַ מיטגליד אין דער סעקטע. דער עיקר ווייסן מיר וועגן די מאָלצייט־צערעמאָניעס פון זייערע מאַנוסקריפּטן.

געקומען פון דער אַרבעט אַרום 11 אינדערפרי — יעדער פון זיין באַ־שעפטיקונג, פון פעלד, פון די טשערעדעס שאָף און ציגן, פון דער טעפּעריי, פון דער קיך, פון סקריפּטאָריום אָדער פון אַנדערע באַשעפטיקונגען — האָבן זיי זיך געטובלט, זיך אָנגעטאָן אין ווייסן, און שווייגנדיק אַריינמאַר־שירט אין גרויסן עס־צימער. דאָס אַריינגיין איז געווען אין אָרדענונג, שטיל, מיט ישוב הדעת, און אין שטרענגן קאַסטע־סדר. פריער זיינען געגאַנגען די כהנים, נאָך זיי די לווים, שפּעטער די עלטסטע, און צום סוף — דאָס גאַנצע פאָלק, די בני ישראל. אַלע האָבן זיך רואיק אויסגעזעצט און מיט געדולד געוואַרט, ביז דער בעקער האָט צוגעטראָגן יעדן אַ לאַבן ברויט, און דער קוכער האָט יעדן דערלאַנגט אַ טעלער געקעכטס 9). קיינער האָט זיך ניט צוגערירט צום ברויט אָדער צום געקעכטס. מ'איז שטיל און געדולדיק געזעסן און געוואַרט, ביז דער כהן האָט געמאַכט אַ ברכה און דער ערשטער געבראָכן דאָס ברויט אָדער פאַרזוכט דעם וויין. נאָך אים האָבן די אַנדערע שטאַנדן אין זייער סדר „געבראָכן דאָס ברויט" און „פאַרזוכט דעם וויין", יעדער לויט זיין ראַנג. געגעסן האָט מען שטיל שווייגנדיקע, און נאָך דער ברכה פון דעם כהן צום סוף פון מאָלצייט, איז מען זיך שטיל צעגאַנגען, יעדער צו זיין באַשעפטיקונג.

פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, נאָך אַמאָל זיך געטובלט, זיך אָנגעטאָן אין ווייסן, און ווידער אַמאָל צום מאָלצייט, מיטן זעלבן סדר און מיט דער זעל־בער פּראָצעדור.

די קאַסטע־סיסטעם, דאָס איינטיילן די מיטגלידער אין מער אָדער וויניקער וויכטיקע, לויט זייער יחוס, איז פאַרצייכנט אין אַלע זייערע שריפטן, און ווי ס'קוקט אויס, איז זי שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן. „...לדעת כל איש

9) צווישן די חורבות פונעם „הויז", האָבן די אַרכעאָלאָגן אויסגעגראָבן שערבלעך פון אַרום 1200 שיסעלעך, אַלע פון דער זעלבער גרויס, אָן ערך.

בית מעמדו ביחד״ (יעדער איינער זאָל וויסן זיין שטאַנד אינעם יחד 10) און מער נאָך: עס איז שטרענג פאַרזאָגט געוואָרן, אַז „...ולא ישפול איש מבית מעמדו ולא ירום ממקום גורלו״ (קיינער זאָל זיך ניט אַראָפּלאָזן ניי־דעריקער פון זיין שטאַנד, און זאָל זיך ניט פּרואוון אויפהייבן העכער פון זיין באַשערט אָרט״ 11).

רעדן ביי פאַרזאַמלונגען האָט געקאָנט נאָר דער, וואָס האָט געקראָגן די דערלויבעניש פון דעם עלטסטן. די ניי־אַריינגעקומענע, די וואָס זיינען ניט לאַנג אין דער אָרגאַניזאַציע, זיינען אַלע מאָל געווען די לעצטע צום רעדן. זיי האָבן געדולדיק געוואַרט אויף די עלטערע מיטגלידער. די ניי־אַריינגעקו־מענע האָבן געדאַרפט וואַרטן פולע צוויי יאָר ביז מען האָט זיי גוטגעהייסן. מ׳האָט זיי געשטעלט צו פּראָבע, זען צי זיי קאָנען נאָכפאָלגן די שטרענגע געזעצן און אויסהאַלטן די נאָך שטרענגערע דיסציפּלין.

די וואָס האָבן אויסגעהאַלטן, האָט מען איינגעשוואוירן. דער אופן פון איינשווערן איז קאָפּירט געוואָרן געטריי צו דער שבועה ווי זי איז באַשריבן געוואָרן אין דער תורה (דברים, כ״ז). דאָרט ווערט דערציילט, אַז ווען די יידן האָבן אָנגענומען די תורה און זיינען איינגעשוואוירן געוואָרן, איז איין גרופּע יידן געשטאַנען אויפן באַרג גריזים, דאָס זיינען געווען די וואָס האָבן געבענטשט. די שעלטער זיינען געשטאַנען אַנטקעגן, אויפן באַרג עיבל. ביי די סעקטאַנטן זיינען אויך די בענטשער און די שעלטער געשטאַנען איינע קעגן די אַנדערע, און אפילו די ברכות מיט די קללות זיינען שטאַרק ענלעך צו יענע פון דעם חומש דברים. חוץ אפשר, וואָס דאָ אין קומראַן, זיינען זיי דורכגעוועבט מיט אַ היפּש ביסל עסכאַטאָלאָגישן אינהאַלט, און די „ניט גלויביקע״ האָבן אַריינגעכאַפּט גאָר אַ גרויסע פּאָרציע קללות 12).

ס׳איז זייער אינטערעסאַנט, אַז לויט זייערע געזעצן איז געווען זייער שטרענג פאַרבאָטן צו שווערן זיך. דער אויסנאַם פון איינשווערן אַ נייעם מיטגליד, און אויך דאָס באַנייען די שבועה פאַר דער גאַנצער עדה, יעדעס יאָר, אינעם יום־טוב שבועות — דאָ מערקט זיך זייער שטאַרק ווי נאָענט זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די תורה־טראַדיציעס און ווי זיי האָבן נאָכקאָפּירט אַלע מנהגים פון דער אַלטער עדה אין מדבר סיני. יענע יידן פון אַמאָל זיינען

10) סרך היחד ב׳ 23־22.

11) דאָרטן.

12) סרך היחד, א׳ 1 ביז ב׳ 18; אויך ח׳ פון 8 ביז 23.

אויך איינגעשוואָרן געוואָרן ביים שליסן דעם בונד מיט יהוה, און לויט דער טראַדיציע איז די שבועה באַנייט געוואָרן יעדן יאָר אין יום־טוב שבועות.

דער עלטער פון אַ נייעם מיטגליד איז געווען ניט ווייניקער פון 20 יאָר. דער זעלבער עלטער פון אַ דערוואַקסענעם מיטגליד ווערט אָנגעגעבן אין חומש שמות (ל 14).

## ד. די חמורות און די חתונה געזעצן

אַ סך געזעצן פון דער תורה זיינען פון די חסידים געווען אַרומגעצוימט מיט פאַנטאַסטישע חמורות (שווערקייטן 13), אַזוי זיינען אויסגערעכנט אַ סעריע געזעצן וועגן שבת רו, אײן איינפיר שטרענגער פונעם אַנדערן. שבת טאָר מען, למשל, ניט רעדן קיין פוסטע רייד. מ׳טאָר ניט רעדן פון דער אַרבעט וואָס מ׳טוט אינדערוואָכן. מ׳טאָר ניט אָנשעפּן וואַסער צום טרינקען. מ׳טאָר גאָרניט אַרויסטראָגן פון הויז, און גאָרניט אַריינטראָגן. אויב אַ בהמה, אַ ציג, אָדער וועך פון די היימישע חיות, זאָל אַריינפאַלן אין אַ גרוב אום שבת, דאַרף מען וואַרטן ביז נאָך שבת זי אַרויסנעמען. אַפילו אַ מענטש זאָל אַריינפאַלן אין אַ גרוב אָדער אין אַ וואַסער אום שבת, טאָר מען אים ניט צוטראָגן קיין לייטער אָדער אַ שטריק, אים העלפן זיך אַרויסראַטעווען, ביז נאָך שבת 14).

אַזוי זיינען אויסגערעכנט אין די מגילות אַ סך אַנדערע „חמורות״, גאָר שווערע גרענעצן איבער די געזעצן פון דער תורה 15).

די חתונה־געזעצן פון דער פרומער סעקטע זיינען ניט זייער קלאָר אויסגעדריקט אין זייערע מאַנוסקריפּטן. די באַריכטן ביי יאָזעפוס און פילון קוקן אויך אויס צו זיין ניט אינגאַנצן קיין ריכטיקע 16). וואָס ס׳איז קלאָר

---

13) די גמרא דערמאָנט אונדזערע סעקטאַנטן אָפט מיטן נאָמען „אנשי חמורות״.

14) אין עוואַנגעליום (מעטיו 12, 11,) איז פאַראַן אַ פּאָלעמישער אַרגומענט קעגן דעם איינפיר. דאָרטן ווערט די מעשה צוגעטשעפּעט צו די פּרושים. ס׳איז אָבער אַ פאַקט, אַז אין דער גאַנצער פּרושים־ליטעראַטור, אין תלמוד, איז קיינמאָל אַזאַ געזעץ ניט דער־מאָנט געוואָרן. פאַרקערט. דאָרט ווערט באַטאָנט, אַז „פיקוח נפש דוחה שבת״ (יומא, פה׳ ע״ב). דאָס איינציקע אָרט וואו אַזאַ איינפיר ווערט דערמאָנט, איז אין זייער מגילה (מב״ד יא׳ 17־13). זע קאַפּיטל 14 זייטן 241 און 249.

15) מב״ד, יא׳.

16) פרענק קראָס, איינער פון די געלערנטע וואָס האָבן געסאָרטירט די טויזנטער פראַגמענטן אין ירדן מוזעאום, האָט ציטירט דעם ניט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענעם פּראָפ. מאַרקוס, אַז די באַריכטן אין די קלאַסישע קוואַלן וועגן דעם, אַז ביי די חסידים איז געווען אַ פאַרבאָט חתונה האָבן, איז אומגלויבלעך. אין דער תורה איז פאַראַן אַ קלאָר אויסגע־דריקטע מצווה, „פרו ורבו״ (איר זאָלט זיך מערן).

פון די אַלטע אַלטע באַריכטן איז, אַז די חסידים האָבן געהאַלטן געשלעכט־פאַרקער פאַר איינעם פון די הויפּט־קוואַלן פון זינד און טומאה. „זנות" איז דעם בליעלס הויפּט־פאַרבינדעטע. אין זייער קאַמף קעגן דעם בייזן גייסט, בליעל, דעם פירער פון די בני חושך, און קעגן זיינע פאַרבינדעטע, זינד און טומאה, האָבן זיי זיך ניט געקאָנט באַשליסן, צי מעג מען אָדער מ׳טאָר ניט חתונה האָבן. פיל־ווייבעריי האָבן זיי פאַרדאַמט פון אָנהייב אָן, און האָבן עס באַשטעטיקט מיט פסוקים פון דער תורה 17). פון דער תורה האָבן זיי אויך אַרויסגעדרונגען, אַז מ׳טאָר ניט חתונה האָבן מיט קיין פלימעניצע 18). פון אַ פסוק אין דער תורה האָבן זיי אויך באַוויזן, אַז דער נשיא (יהונתן? שמעון? אַ שפּעטערער השמונאי? הורדוס?) איז אַ זינדיקער, ווייל ס׳שטייט אין דער תורה, אַז אַ נשיא טאָר זיך ניט נעמען קיין סך ווייבער. „...ועל הנשיא כתוב, לא ירבה לו נשים" (וועגן דעם נשיא ווערט געשריבן, ער זאָל זיך ניט נעמען קיין סך ווייבער) 19).

פון דעם בית־הקברות לעבן זייער הויז האָבן אַרכעאָלאָגן אויסגעגראָבן מער ווי 70 קברים, און ס׳איז באַשטעטיקט געוואָרן, אַז די גרעסטע מערהייט סקעלעטן זיינען פון זכרים. דאָס אַליין איז אַ באַוויז, אַז די געמיינדע אין קומראַן איז אַ לאַנגע צייט באַשטאַנען פון אַ גרויסער מערהייט מענער, אָן פרויען. ס׳איז אָבער אויך קלאָר, אַז ס׳זיינען דאָרט געווען פאַרהייראַטע פּאָרלעך, ווייל פון אַ קלענערן אָרט דערבײַ זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן אויך סקעלעטן פון פרויען. מיר קאָנען מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז אונדזערע סעקטאַנטן האָבן דורך דער גאַנצער צייט פון זייער עקזיסטענץ ניט באַשלאָסן געענדיקט צי ס׳איז בעסער חתונה האָבן, צי ניט. עס טאָר ניט אויסגעלאָזט ווערן נאָך איין עלעמענט פון ספקות וועגן דער חתונה פּראָבלעם. זיי האָבן געלעבט ווי מיר ווייסן, אינעם „באחרית הימים", אינעם סוף פון די טעג. מאָרגן, זיינען זיי געווען זיכער, וועט אַלץ געענדערט ווערן. זיכער וועט זיין אַנדערש. ווי אַזוי, אַנדערש? — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. מעג מען חתונה האָבן? זאָל מען חתונה האָבן? די פּראָבלעם איז געבליבן ניט פאַרענטפערט.

---

17) פון די פסוקים אין בראשית א׳ 27; בראשית ז׳ 9.

18) מב״ד ה׳ 10־7.

19) ציטירט פון דברים, יז׳ 17.

## ה. די באַציאונג צום בית המקדש, טבילה און אַנד.

דעם בית המקדש האָבן אונדזערע חסידים־איסיים געהאַלטן פאַר „טמא״, אומריין. דאָס הייליקע הויז האָט זיך, ווי באַוואוסט, געפונען אין ירושלים. דער קולט פון בית־המקדש האָט זיך ביי אונדזערע פרומע סעקטאַנטן גרינג געקאָנט אַסאָציאירן מיט דעם גרויס־שטאָטישן לעבן. ירושלים, ווי יעדער גרעסערע שטאָט, וואו ס'האָבן געוואוינט רייכערע עלעמענטן, איז פול געווען, פון איין זייט, מיט תענוגים, מיט לוסט און מיט זינד, און פון דער צווייטער זייט, מיט אָרעמקייט, מיט באַרויבטע, אומבאַהאָלפענע „אלמנות און יתומים״. אַזאַ לעבן איז געווען אין שאַרפן קאָנטראַסט צום אידעאַליזירטן, צום אויסגעטרוימטן און געגאַרטן לעבן פון די איזאָלירטע, פרומע חסידים אין מדבר, אָדער אין די קלענערע ישובים. מיר טאָרן אויך ניט פאַרגעסן, אַז דער ריין צערעמאָניאַלער בית המקדש־קולט, האָט שוין לאַנג געקראָגן אַ שלעכטן נאָמען. לויט דער צאָל קאָפּיעס פונעם ספר ישעיהו, זעט זיך אָן ווי פּאָפּולער דער נביא איז געווען ביי די איינוואוינער אין קומראַן. אונדזערע חסידים האָבן זיכער געדענקט, ווי דער נביא ישעיהו קלאָגט זיך:

„וואָס דאַרף איך אייערע שלאַכט־אָפּפער, זאָגט גאָט.
איך בין זאַט מיט בראַנד־אָפּפער, און מיט פעטס פון געשטאָפּטע פי.
בלוט פון אָקסן, שעפּסן און בעק, וויל איך ניט האָבן.
ברענגט מיר ניט אומזיסט קיין קרבנות, אַן אומווירדיקע דעמפונג איז עס מיר.

אייערע ראש־חודשן און אייערע יום־טובים האָב איך פיינט.
זיי זיינען מיר צו לאַסט געוואָרן. איך קאָן זיי ניט פאַרטראָגן.
... טוט אָפּ אייערע שלעכטע מעשים פון קעגן מיינע אויגן.
הערט אויף שלעכטס טאָן, לערנט זיך גוטס טאָן!
זוכט גערעכטיקייט, העלפט דעם געדריקטן,
טוט רעכט דעם יתום, נעמט זיך אָן פאַר דער אלמנה״ (ישעיה א׳ 17-11).

דער גאַנצער בית המקדש איז שוין גאָרניט אַזוי וויכטיק פאַר דער גאָט־דינסט, ווי די כהנים זאָגן. דער אַנאָנימער נביא, וועמען מיר רופן ישעיה דער צווייטער, האָט שוין לאַנג צוריק אָפּגעפרעגט די וויכטיקייט פונעם הייליקן הויז. אָט וואָסערע טענות גאָט שטעלט אַרויס צו די יידן וואָס בויען אים אַ הויז:

„... אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
דער הימל איז מיין טראָן, און די ערד איז מיין פוס־בענקל.

וואָס פאַר אַ הויז קאָנט איר מיר בויען, און וואָס פאַר אַן אָרט פאַר מיין רו ?

אַז די אַלע זאַכן האָט מיין האַנט געמאַכט ! (ישעיה ס״ו 1).

ווי עקסעגעטיקער (די וואָס שטיצן אַלץ, אָדער דערקלערן אַלץ מיט די הייליקע שריפטן) און אַזהענגער פון צדק און יושר, האָבן אונדזערע חסידים ניט געקאָנט פאַרזען אַזעלכע וויכטיקע טענות וואָס גאָט האָט צו די בויער, און דער עיקר, צו די באַדינער, אַזעלכע זינדיקע באַדינער פון דעם בית המקדש. די כהנים זיינען אומריין, זיי יאָגן זיך נאָך „הון״ ! אָ, זיי באַראַבעווען דעם אָרעמאַן ! זיי האָבן משיג גבול געווען די בני צדוק פון זייער חזקה ! זיי האָבן חתונה מיט 2 און מיט מער ווייבער ! (אַזוי ווי אַלע רייכע יידן אין שטאָט) זיי זיינען טמא ! טמא ! זיי האָבן דאָס הייליק הויז טמא געמאַכט ! ס׳איז אַ מצווה, ס׳איז גאָטס ווילן אויסמיידן אַזאַ בית המקדש. פאַרשליסן די טירן דאַרף מען פון אַזאַ אומווירדיק אָרט ! און טאַקע אַזוי שרייבן זיי אָן אין זייער געזעץ־בוך, וואָס מיר רופן אָן „ברית־דמשק״ :

„...און אַלע וואָס זיינען אַריין אינעם (נייעם) בונד, זאָלן ניט אַריינגיין אינעם בית המקדש, און זאָלן ניט אָנצינדן קיין פייער אויפן מזבח אומזיסט״ 20).

און ווי אַלע מאָל, ווען זיי ווייזן ווי גערעכט זיי זיינען, באַגרינדן זיי דעם באַשלוס מיט אַ פסוק פון די הייליקע שריפטן. דאָס מאָל ציטירן זיי דעם נביא מלאכי, וואָס האָט געלעבט אַרום אַ 400 יאָר פאַר זיי, און וואָס האָט זיך באַקלאָגט, הלמאי די כהנים ברענגען אויפן מזבח אַ קרבן מיט אַ מום (וואָס איז קעגן געזעץ) :

„...וואָלט כאָטש ווער פון אייך צושליסן די טירן, און ניט אָנצינדן קיין פייער אויף מיין מזבח אומזיסט״ (מלאכי א׳).

דער אומריינער בית־המקדש וועט אָבער לאַנג ניט געדויערן. דאָס הייליקע הויז וועט זיכער אויפגעריכט ווערן, ווען די צייט וועט קומען. די עבודה וועט אין אים ווידער איינגעשטעלט ווערן, גענוי ווי די תורה הייסט. דאָס וויכטיקע אָרט וואָס די קרבנות פאַרנעמען אין דער תורה, די אַלע אָנזאָגן פון גאָט צו משהן און צו די כהנים וועגן דער עבודה, דאָס האָבן די כהנים אָנפירער פון דער סעקטע ניט געקאָנט אַזוי גרינג איגנאָרירן. האָבן אונדזערע פרומע חסידים צוגעגרייט (טעאָרעטיש, נאַטירלעך) אַן איינגעשטעלטן סדר, ווען, וויפל, און וועלכע כהנים זאָלן באַדינען גאָטס הויז.

---

20) מב״ד 6, 12־11.

ווען די צייט וועט קומען. דאָס איז אַ גאַנצע סעריע פון משמורתן פאַר די כהנים וואָס וועלן באַדינען דעם בית המקדש. ריינע כהנים, אינעם ריינעם בית המקדש, פאַרשטייט זיך. מיר וועלן ניט איבערטרייבן, ווען מיר וועלן באַמערקן, אַז די „משמורתן״ זיינען געגוי קאָפּירט, מיט אַנדערע נעמען און אַ ביסל אויסגעברייטערט, פון די הייליקע שריפטן 21).

ריינקייט איז געווען איינער פון די הויפּט־פּרינציפּן וואָס די פרומע חסידים האָבן אָפּגעהיט. די געזעצן האָבן אויך נאָכקאָפּירט די ריינקייט־געזעצן פון דער תורה. מערסטנס פון „תורת בהנים״ 22). אַ שווערע שטראָף איז געקומען איינעם וואָס האַלט זיך ניט ריין געגוג. דער עיקר ווערט ער באַשטראָפט, אויב ער האַלט זיך ניט ריין געגוג צווישן מענטשן. פאַר שפּייען אויפן דיל צווישן מענטשן קומט אים אַ שטרענגע שטראָף. אַ פרומער חסיד דאַרף זיך אָפּהיטן און ניט ווייזן קיין אומריינקייט דער ליכטיקער שיין. יעדער האָט געדאַרפט טראָגן מיט זיך אַזאַ גראָבאייזן צו פאַרגראָבן באַלד און צודעקן ס׳מענטשלעכע אומריינקייט. דאָס געזעץ האָבן זיי אויך געגוי־מען געגוי פון דער תורה (דברים כ״ג 14), געגוי ווי אַ ייד האָט זיך געדאַרפט אויפפירן אין מדבר סיני, אַמאָל.

זייערע שטרענגע טבילה געזעצן, וואָס זיינען, ווי שוין געזאָגט, געווען נאָכקאָפּירט נאָך די ריינקייט־געזעצן פון דער תורה, האָבן אונטער דער ווירקונג פון זייער אַפּאָקאַליפּטיק און פון זייער גאַנצער אידעאָלאָגיע, אויסגעברייטערט דעם באַגריף „ריינקייט״, (טהרה) און אַריינגענומען אין אים אויך אינערלעכע ריינקייט, תמימות. זיי האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף „ריין זיין פון זינד״. טבילה איז נויטיק צו ריייניקן זיך, אָבער כדי צו זיין „אינערלעך ריין״, ריין פון זינד, איז שוין טבילה אַליין ניט געגוג. דאָס וואַסער וועט שוין קיין זינד ניט אָפּוואַשן. טבילה מוז שוין באַגלייט ווערן מיט חרטה האָבן, מיט מתוודה זיין זיך אויף די זינד. „...כי לא יטהרו, כי אם שבו מרעתם״ (זיי וועלן ניט ווערן ריין, סיידן זיי וועלן זיך אָפּקערן פון זייער שלעכטס 23).

אין די ריינקייט־געזעצן איז זייער שטאַרק באַטאָנט, אַז אַ מיטגליד מוז זיך אָפּהיטן און זיין אָפּגעשיידט פון די „ניט־גלויביקע״. ער טאָר זיך מיט זיי ניט מישן, טאָר ניט עסן ביי זיי, טאָר מיט זיי ניט האָבן קיין שום

---

21) אַזאַ סדר פון דער כהנים דינסט, איז קלאָר און דייטלעך אויסגעשטעלט אין דברי הימים א. כד׳, אויך אין כג׳ 8־4, און אין דברי הימים ב ה׳ 11.

22) אין ויקרא יג׳, יד, און אויך אַ סך אין במדבר.

23) סרך היחד ה׳ 14־13.

באַריר, ווייל אַלע „ניט גלויביקע" זיינען אומריין, ווי ס'שטייט געשריבן, „מכל דבר שקר תרחק" (שמות כ"ג 7). (דו זאָלסט זיך דערווייטערן פון יעדער פאַלשער זאַך 24), אַ ניט גלויביקער איז אַ פאַלשע זאַך, אָדער נאָך ווייניקער פון דעם. דער אָנזאָג אַז מ'זאָל זיך האַלטן ווייט פון די ניט־גלויביקע, ווערט באַגרינדעט מיט אַ צווייטן פסוק. דאָס מאָל פון ישעיה ב' 22 — „חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו, כי במה נחשב הוא" (פאַר־מיידט אייך פון דעם מענטשן וואָס האָט אַ הויך אין זיין נאָז, וואָס איז ער, מ'שטיינס געזאָגט, אינגאַנצן?) „... כי הבל כל אשר לא ידעו את בריתו" 25) (אַלע די וואָס אָנערקענען ניט דעם נייעם בונד מיט גאָט, זיינען קיין מענטשן ניט. הבל, פּוסט, גאָרניט זיינען זיי).

יעדער איינער דאַרף לעבן לויט די געזעצן פון משהס תורה. ער דאַרף אָפּהיטן גאָטס געזעצן מיטן האַרצן און מיט דער נשמה און ער דאַרף זיי אָפּהיטן לויט די אויסטייטשונגען פון די בני צדוק, די כהנים וואָס היטן אָפּ דעם נייעם בונד מיט גאָט 26).

די תורה, די וויכטיקייט פון „דעם ספר", פון משהס בוך קאָן גאָר ניט איבערגעשאַצט ווערן. דער אויטאָריטעט פון דער תורה איז געווען איבער אַלץ. איין שטעל אין די מגילות זאָגט אָן, אַז אַ „דריטל נעכט פון יאָר, דאַרף אָפּגעגעבן ווערן צו לערנען דעם ספר" 27). צווישן די צען הויפּט־ריכטער, וואָס דאַרפן משפטן די מיטגלידער פון דער סעקטע, דאַרפן זיין 4 כהנים און 6 פון די בני ישראל. נאָר אַלע דאַרפן זיין גוט באַהאַוונט אינעם ספר „ההגו" 28). און אין די „יסודי הברית" (די יסודות פונעם בונד).

---

24) סרך היחד ה' 15.
25) סרך היחד ה' 17 און 19.
26) דאָרטן, 9־8.
27) סרך היחד ו' 7.
28) מב"ד ה' 3־2. צווישן די געלערנטע וואָס האָבן שטודירט די ניי־געפונענע מאַנוסקריפּטן, זיינען געווען אייניקע, וואָס האָבן אָנגענומען דעם ספר „הגו", פאַר אַ ספּעציעלן זייער וויכטיקן בוך אין דער חסידים ביבליאָטעק, וואָס איז פאַרלאָרן געוואָרן, און קיין איין פראַגמענט פון אים האָט זיך ניט באַוויזן.

די מערהייט געלערנטע, מיט וועלכע ס'איז זייער גרינג איינשטימען, זיינען מיט דער מיינונג, אַז מיטן „ספר ההגו" האָבן אונדזערע מחברים פון די מגילות געמיינט, ניט קיין אַנדער בוך נאָר דעם „ספר התורה".

דער טערמין „הגה" איז פאַראַן אָפט אין תנ"ך, און מיינט ניט אַלע מאָל די זעלבע זאַך. אין ישעיה נט', 13, זאָגט זיך: „הגו מלב דברי שקר", פאַרטייטשט יהואָש, „אַרויס־ברענגען פון האַרצן פאַלשע רייד". אין יהושע א', 8, זאָגט זיך: והגית בם יומם ולילה „...זאָלסט טראַכטן פון זיי טאָג און נאַכט". תהילים א' 2: „...ובתורתו יהגה יומם ולילה"

ווי וויכטיק די פּערזאָן פון כהן זאָל ניט זיין, אויב ער איז ניט גוט באַהאַוונט אינעם „ספר ההגו״, גייט ער אַראָפּ פון זיין גדולה. אויב ס׳איז פאַראַן אַ לוי, וואָס קאָן זיך בעסער אינעם „ספר ההגו״, ווערט יענער דער לערער און אָנערקענטער פירער פון דער גרופּע, און ניט דער כהן.



אַ קרוג צוזאַמענגעשטעלט פון שערבלעך. אין אַזעלכע טעפּ זיינען געלעגן (אָדער געשטאַנען) צו עטלעכע מגילות.

---

(יהואָש): „און אין זיין תורה טראַכט ער טאָג און נאַכט״. תהילים לז׳: „פּי צדיק יהגה חכמה״ (יהואָש): דאָס מויל פון צדיק לאָזט אַרויס חכמה. תהילים יט׳ 15 „...אמרי פי והגיון לבי״ (יהואָש): ...און די טראַכטונג פון מיין האַרצן. א. אַז. וו.

ס׳קוקט אויס, אַז ס׳איז גאָר ניטאָ קיין בעסערער און קיין מער אויסדרוקפולער טער־מין, וואָס אונדזערע חסידים האָבן געקאָנט אָנמעסטן אויף דער תורה, ווי „ספר ההגו״, אַ בוך וועגן וועלכן מ׳האָט געדאַרפט טראַכטן און רעדן, איינזאַפּן, שטודירן און זיך אַרויסזאָגן. אונדזערע געלערנטע האָבן אומזיסט געזוכט צווישן די פראַגמענטן אַ ספּעציעלן „ספר ההגו״ אַזאַ. זיי האָבן אים ביז איצט ניט געפונען, און וועלן אַזאַ אויך ווייטער ניט געפינען.

אַחוץ דער תורה מיט די הייליקע שריפטן, זיינען געווען נאָך וויכטיקע ספרים ביי די פרומע. איינער פון זיי איז געווען דער באַקאַנטער פסעווד־עפּיגראַף, דער „ספר היובלים" 29). לויט דעם בוך, האָבן זיי, ווי ס'איז שוין באַקאַנט, באַשלאָסן אַז די צייטן (די חדשים), דאַרף מען ציילן לויט דער זון און ניט לויט די לבנה־אומוואַנדלונגען. די דאַטעס פון די ראש־חודש טעג און פון די יום־טובים זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אין אַנדערע טעג, ניט ווי די „מרשיעי הברית" (די וואָס האָבן געפעלשט אינעם בונד) פירן זיך. יעדער ראש־חודש איז אַלע מאָל אויסגעפאַלן אין זעלבן טאָג אין דער וואָך. און די יום־טובים פסח, שבועות און סוכות — אַלע מאָל דעם 15טן פון חודש, און אויך אַלע מאָל אין דעם זעלבן טאָג אין דער וואָך.

דעם יום־טוב שבועות איז צוגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדערע באַדייטונג. ווען גאָט האָט נאָר געמאַכט אַ בונד מיט מענטשן, האָט ער עס געטאָן אין דעם טאָג, אין יום־טוב שבועות. אַזוי האָט ער געמאַכט דעם בונד מיט נחן, שפּעטער מיט אברהמען, און נאָך שפּעטער מיט משהן און מיט די יידן ביים באַרג סיני. אַלע מאָל איז דער בונד געשלאָסן געוואָרן אום יום־טוב שבועות. דעם „ברית חדשה", דעם נייעם בונד מיט זיי, מיט די חסידים, אויך אין שבועות. האָבן דערפאַר די סעקטאַנטן איינגעפירט אַ יערלעכע באַנייאונג פון דעם בונד אין שבועות. ביי אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דעם „יחד", האָבן זיי אַלע יאָר דורכגעפירט אַ שבועה צערעמאָניע, וואו אַלע מיטגלידער פון דער גרופּע האָבן זיך באַטייליקט.

די אַלע שטרענגע און אוממעגלעכע געזעצן און מנהגים האָבן זיך ניט געלאָזן גרינג אויספירן. ס'האָט אָבער די פרומע חסידים ניט געאַרט, וואָס צוליב די זייער שטרענגע רעגעלן, וועט זייער נאָכפאָלגערשאַפט איינשרימפּן, און זיי וועלן בלייבן אַ קליינע גרופּע. לויט זייערע באַגריפן זוכט גאָט ניט דעם המון. גאָט וועט קלייבן און איבערקלייבן, און צום סוף וועט ער אויס־קלייבן א שארית (אַן איבערבלייב) פון דורכאויס פרומע, פון „קריאי השם" (פון די וואָס רופן זיך מיט זיין נאָמען), און מיט זיי וועט ער איינ־שטעלן אויף דער ערד דאָס הימלשע קעניגרייך.

---

29) זע פריער, קאַפּיטל 4.

## קאַפּיטל 11

# די אידעאָלאָגיע פון דער קומראַן סעקטע

### א. דער „יום יהוה“ און דער „באחרית הימים“

פון די הייליקע שריפטן, וואָס זיינען געווען די סאַמע באַגלויבטע עדות ביי די פרומע חסידים, האָבן זיי געוואוסט, אַז זייער פאַרבינדונג מיט גאָט, איז אָפּהענגיק פון אַ „ברית“, אַ „בונד“, וואָס גאָט מאַכט מיט די יידן, און ער, דער אַלמעכטיקער, האַלט זיך ביי אים, נאָר זיי, די זינדיקע יידן, פאַרשוועכן אים אַלע מאָל. גאָט ווערט אין כעס און באַשטראָפט זיי, און ווען זיי טוען תשובה, מאַכט ער מיט זיי אַ נייעם בונד. נאָך דעם בונד מיט אַברהמען האָט גאָט באַנייט זיין בונד מיט משהן. די זינדיקע יידן האָבן דעם בונד פאַרראַטן, און דערפאַר שטראָפט זיי איצט גאָט. ווען זיי וועלן זיך אומקערן צו אים מיטן גאַנצן האַרצן, וועט גאָט זיי פאַרגעבן. זיי, די זינדיקע, ווילן אָבער דערפון ניט וויסן.

די פרומע חסידים האָבן פאַרבונדן זינד מיט שטראָף, און שטראָף מיט „יום יהוה“. ווען גאָט וועט נעמען משפטן די וועלט, האָבן די חסידים גע־וואוסט, וועט זיין די סאַמע ערגסטע צייט, אַזוי שלעכט ווי ס׳נאָך קיינמאָל פריער ניט געווען. שרעקלעכע מלחמות וועלן דעמאָלט פאָרקומען, חורבן און דערנידעריקונגען, און אויך נאַטור־אומגליקן, ווי טריקענישן און אַנדערע קאַטאַסטראָפעס.

אַז דער „יום יהוה“ וועט אויסזען אַזוי און ניט אַנדערש, האָבן זיי ניט געדאַרפט אויסטראַכטן. צענדליקער שטעלן האָבן זיי געפונען ביי די היי־ליקע נביאים, וואָס האָבן גע־מאָלן דעם „יום יהוה“ ווי אַ טאָג פון אומגליק, פון בראָך און פון נקמה. דער אַלטער נביא עמוס האָט עס נאָך געזאָגט: „...וואָס זוכט איר דעם „יום יהוה“, ער איז אַ פינצטערער ניט קיין ליכטיקער“ (עמוס ה׳ 18). אויך דער נביא ישעיה וואָרנט „...יאָמערט, וואָרעם נאָענט איז דער יום יהוה, ווי אַ בראָך פונעם אַלמעכטיקן וועט ער אָנקומען!“ (ישעיה י״ג, 6).

אויך ביי די נביאים ירמיהו און יחזקאל איז דער „יום יהוה״ אַ טאָג פון נקמה (ירמיהו מ״ו, 10; יחזקאל, ל׳ 3).

דער נביא יואל זאָגט, אַז אין דעם טאָג וועלן אויסגעלאָשן ווערן די זון מיט דער לבנה (יואל, ד׳ 14).

אונדזערע פרומע חסידים האָבן געוואוסט, אַז אין אַט דער צייט פון „יום יהוה״, וועט אַ פּלייץ טאָן פון אַלע זייטן מיט אומגליקן, איינס גרעסער פון דעם אַנדערן. אַזוי וועט עס געדויערן ביז גאָטס צאָרן וועט זיך איינשטילן.

— און דעמאָלט, ערשט נאָך דער שטראָף, וועט גאָט איינשטעלן אויף דער ערד זיין קעניגרייך. גאָטס מלכות וועט אַראָפּנידערן אויף דער ערד מיט צדק און מיט יושר. מלחמות וועלן אָפּגעשאַפט ווערן אויף אייביק. שלום וועט הערשן צווישן פעלקער און אויך צווישן יחידים. אַפילו חיות אין וואַלד וועלן לעבן בשלום, ווי ישעיה דער נביא האָט נאָך צוגעזאָגט (ישעיה ב׳). די ערד וועט געבן איר שפע; קראַנקע וועלן אויסגעהיילט ווערן; ס׳מענטש־לעכע לעבן וועט פאַרלענגערט ווערן; די אַמאָליקע גרענעצן פון לאַנד וועלן צוריק אויפגעשטעלט ווערן; די בערג און די טאָלן וועלן זיך אויסגלייכן און די ערד וועט באַפרוכפּערט ווערן; אַלע חרובע שטעט וועלן אויפגעבויט ווערן, און פון דער הייליקער שטאָט וועט פליסן גאָטס תורה און זיין חסד אויף דער גאַנצער וועלט.

זיי, די פרומע חסידים, די גאָטס דערוויילטע, די וויניקע וואָס האָבן געהאַט כוח אָפּהיטן די שטרענגע געבאָטן, זיי וועלן ניט זיין קיין פּאַסיווע צוקוקער פון דער דראַמע. זיי וועלן שטיין ביי גאָטס רעכטער האַנט אין אַלע זיינע מעשים. זיי וועלן אים העלפן פריער משפטן די וועלט, און שפּעטער אָנפירן מיט איר, אָנפירן מיט צדק און מיט יושר. מיט זיי האָט גאָט פאַר־שניטן אַ „ברית חדשה״, אַ נייעם בונד, ווי דער נביא ירמיהו האָט געזאָגט:

„זע, טעג קומען, זאָגט גאָט, און איך וועל שליסן מיט דעם הויז פון ישראל און מיט דעם הויז פון יהודה, אַ נייעם בונד; ניט ווי דער בונד וואָס איך האָב געשלאָסן מיט זייערע עלטערן... וואָרעם זיי האָבן פאַרשטערט מיין בונד, כאָטש איך בין געווען זייער האַר, זאָגט גאָט״ (ירמיה ל״א 31־30).

אויך דער נביא יחזקאל זאָגט צו גאָטס שלום בונד, צו די וואָס וועלן בלייבן גאַנץ מיט יהוה (יחזקאל, ל״ד 25; ל״ז 26).

דער נייער בונד און דאָס הימלישע קעניגרייך וועלן זיכער קומען, די נביאים האָבן זיי ניט אָפּגענאַרט. זיי, די פרומע, די גאַנצע מיט גאָט, זיי און ניט קיין אַנדערע וועלן זיכער זיין דער שפּראָץ וואָס וועט דערלעבן יענע גליק־לעכע צייט. די ווירקלעכקייט אָבער, דער פּעריאָד אין וועלכן זיי האָבן גע־

לעבט, די רשעות וואָס האָט געפּליצט פון אַלע זייטן, אַלץ וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט האָט זיי פון דאָס ניי איבערצייגט, אַז עס איז שוין ניט לאַנג צום „סוף פון די טעג". זייער אייגענע מאָומדיקע צייט אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, און די לעגענדעס מיט וועלכע זיי האָבן אַרומגעוויקלט דאָס אויסזען פון דעם שרעקלעכן „ביום ההוא" (יענעם טאָג) זיינען געווען אַזוי ענלעך איינע צו די אַנדערע, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז דאָס לעבן זיי אַליין טאַקע איבער „יענעם טאָג".

דער „באחרית הימים" (דער סוף פון די טעג) איז געוואָרן זייער אייגענעווירקלעכקייט, און איז, זייער נאַטירלעך, געוואָרן דער אויסגאַנג־פּונקט פון אַלץ וואָס טרעפט זיך, אָדער דאַרף זיך טרעפן אַרום זיי. אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן אָדער פאַרטראַכט האָט זיך צוגעפּאַסט צו זייער גלויבן, אַז מיט זיי ענדיקט זיך די צייט, און ס'הייבט זיך אָן אַ נייע צייט.

אַרום זיי האָט געברויזט אַן אומרואיקער ים פון פעלקער און שבטים, גרעסערע און קלענערע, אייניקע — שוין דערשטיקטע אונטער די פליגל פונעם רוימישן אָדלער, — אַנדערע אין גסיסה־קראַמפן פאַר זייער זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ. קיינער פון זיי האָט זיך מסתמא ניט אומגעקוקט אויף דער קליינער גרופּע „הייליקע", איזאָלירט אין מדבר יהודה, און פאַרזונקען אין עסכאַטאָלאָגישע פאַנטאַזיעס. די פרומע סעקטאַנטן, אָבער, האָבן זיך אַליין געהאַלטן פאַרן צענטער פון דער וועלט. זיי האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז זיי, נאָר זיי, וועלן צוליב זייער פרומקייט און גוטע מעשים זוכה זיין אַריבערשפּאַנען דאָס אומפאַרמיידלעכע אומגליק פון איצט, און דערלעבן דאָס גליק פון גאָטס קעניגרייך, מאָרגן, אַ מאָרגן פון יושר און פון גערעכטיקייט.

## ב. דער דואַליסטישער קאַמף

אין יענער צייט האָבן מענטשן געלעבט ניט נאָר מיט פריינטלעכע אָדער אומפריינטלעכע מענטשן־שכנים אַרום, זיי זיינען אויך געווען אַרומגערינגלט מיט גייסטער, מיט גוטע און מיט בייזע אומזעבאַרע וועזנס. די לעצטע זיינען געווען זייער אַ סך און אונטער דער השגחה פון זייערן אַן אייגענעם אָנפירער, דעם שטן, וואָס האָט זיך גאָר געשטעלט קעגן גאָט אַליין. מיטן גוטן גייסט גייט אַלע מאָל מיט אַ בייזער, וואָס באַקעמפט אים.

די פרומע האָבן דורך זייערע אַנטפּלעקונגען זיך אויסמאַרמירט אַזוי אַרום, ניט נאָר דאָס געשטאַלט פון אַ גוטן גייסט, אַן אויסלייזער וואָס איז

באַשטראַלט מיט גאָטס הייליקן גייסט, נאָר אויך דאָס געשטאַלט פון דעם „רוח העול", (דעם גייסט פון אומרעכט און פון ליגן) וואָס איז געווען דער קעגנזאַץ צום גוטן גייסט. צוזאַמען מיטן אויסלייזער, דעם משיח, האָט די אַפּאָקאַ־ליפּטיק אויספאָרמירט דעם אַנטי־משיח, דעם אַנטי־קריסט, וואָס גוטע מענטשן, גאָטס מענטשן דאַרפן באַקעמפן, פאַרטרייבן, פאַריאָגן פון אַרום זיך, און פון זייער אינגעווייד אַפילו. דער בליעל איז זינד, ער איז ליגן, פינצטערניש איז ער, ער איז טמא, ער איז אַלדאָס בייז, ער איז אומקום.

קעגן דעם פינצטערניש פון בליעל — קעמפט דאָס ליכט פון גאָט, וואָס וועט סוף־כל־סוף זיכער באַזיגן דאָס חושך. אונדזערע חסידים איסיים זיינען געווען זיכער, אַז די שרעקלעכע צייט וואָס זיי לעבן איצט איבער איז אַ צייטווייליקע. זיי האָבן געוואוסט אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם גרויזאַמען קאַמף פון די צוויי קעגן־געזעצטע כוחות אָדער גייסטער אויף דער וועלט. דאָס ראַנגלט זיך ליכט קעגן פינצטערניש, אמת קעגן שקר, גוטס קעגן שלעכטס, צדק קעגן רשעות א. אַז. וו. דער קאַמף פון די צוויי קעגן־כוחות, דער דואַ־ליסטישער קאַמף איז געווען גאָר אַ וויכטיקער ווינקלשטיין אין דער אידעאָ־לאָגיע פון די חסידים־איסיים. כאָטש זיי זיינען געווען פאַטאַליסטן און האָבן געגלויבט, אַז אַלץ אין דער וועלט איז באַשטימט פון פאָרויס און גאָרניט קאָן זיך ענדערן 1), האָבן זיי דאָך ניט אויסגעשלאָסן דעם שטענדיקן קאַמף פון די צוויי קעגן־געזעצטע כוחות און גייסטער 2).

זיגן אין דעם דואַליסטישן קאַמף וועלן, נאַטירלעך, די גוטע גייסטער מיט דער הילף פון גאָט, אָבער ניט אָן אַ ביטערן קאַמף מיטן בליעל. זיי, די פרומע חסידים, וועלן אַלע מאָל שטיין ביי גאָטס רעכטער האַנט, אָבער צו אַזאַ מדרגה דאַרף מען זיך דערדינען, דאָס דאַרף מען ווערט זיין, דערצו דאַרף מען זיך גרייטן. נאָכגעבן דעם זינדיקן יצר הרע אַפילו אַ קלייניקייט, מיינט אַראָפּנידערן צום בליעל, אין זיינע אָפּגרונטן. מ׳דאַרף זייער שטרענג אָפּהיטן גאָטס יעדעס געבאָט, מיט אַלע דעטאַלן. מ׳דאַרף זיך האַלטן זויבער, ריין פון זינד, ריין אויסערלעך ווי אינערלעך. נאָר די סאַמע ריינסטע נשמות וועלן זוכה זיין צו ווערן אַ טייל פון די „בני־אור" (קינדער פון ליכט), וואָס וועלן זיך שלאָגן מיט די „בני־חושך" (קינדער פון פינצטערניש) און זיי באַזיגן.

---

1) מב״ד ב׳ 8־7. און נאָך אין אַ סך ערטער.

2) עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז די לעגענדעס און די אידייען פון דעם דואַליסטישן קאַמף שטאַמען פון די מזרח־לענדער, ספּעציעל פון פּערסיע. וועגן דעם זע ווייטער, זייטן 186־184.

אין זייערע פּאַרטיפּטע און פאַרשפּיצטע רעליגיעזע גלויבנס און אָבער־גלויבנס האָבן אונדזערע חסידים פאַרלאָרן די גרענעצן פוןווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע. זיי האָבן זיך אַליין אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי די לעגענדאַרע „בני אור", די קינדער פון ליכט וואָס דאַרפן קעמפן מיט די קינדער פון פינצטערניש.

„...קעגן די רשעים, די נאָכפאָלגער פון בליעל, וועלן זיך שלאָגן די „בני־אור". דאָס זיינען די קינדער פון לוי, פון יהודה און בנימין, די וואָס זיינען פאַרטריבן (אין דעם הויז) אין מדבר יהודה 3).

און די בני חושך, די קינדער פון פינצטערניש, ווער זיינען זיי? —

דאָ איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף באַזונדערע עטאַפּן אין דעם באַגריף „רשעים". אַמאָל, אין די גאָר פריע יאָרן פון דער חסידים־אָרגאַניזאַציע 4), האָבן די רשעים ווי אַ כלל, ניט געקאָנט זיין קיין יידן. רשעים — זיינען געווען פרעמדע, די געצנדינער שכנים, די וואָס האָבן געדריקט גאָטס פאָלק, שלעכטס געטאָן די יידן. צו ביסלעך ווערן אויך יידן, זינדיקע יידן, פאַר־שטייט זיך, צוגערעכנט צו די רשעים. איצט, אין דער רוימישער עפּאָכע, איז שוין ביי אונדזערע פרומע חסידים כמעט ניטאָ קיין חילוק צווישן יידישע און ניט־יידישע רשעים, צווישן יידישע און ניט־יידישע „קינדער פון פינצ־טערניש" און נאָכפאָלגער פון בליעל. צווישן די בני חושך, קעגן וועמען די קינדער פון ליכט וועלן זיך שלאָגן, זיינען אויסגערעכנט: די קינדער פון אדום, פון עמון און מואב, די פלישתים, די סיריער, און אין דעם צעטל גייען אויך אַריין די „מרשיעי הברית", די יידן וואָס האָבן געפעלשט (אָדער ווי־דערשפּעניקט) דעם בונד מיט גאָט. נאָך מער, דער גרעסטער צאָרן, די ערגסטע קללות אין די מגילות, ווערן אויסגעגאָסן אויף די קעפּ פון די וואָס „ווילן ניט צושטיין" (צו די פרומע חסידים), וואָס „ווילן ניט גלויבן", אַז דער מורה צדק 5), דער לערער פון גערעכטיקייט, דער אָנפירער פון דער סעקטע, איז באַשאָנקען מיטן „רוח הקודש", מיטן הייליקן גייסט, וואָס דורך אים קאָן ער אַנטפּלעקן די סודות פון די הייליקע שריפטן. דער „רוח הקודש" איז אַ מתנה פון אים, פון גאָט אַליין, און די וואָס גלויבן ניט, די זיינען די סאַמע ערגסטע רשעים.

---

3) מלחמה מגילה א׳ 2.

4) אַ „קהל חסידים" האָט געמוזט עקזיסטירן ווייט צוריק, נאָך אין דער פּערסישער עפּאָכע. דאָס איז קענטיק פון קאַפּיטלעך תהילים, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין יענער צייט.

5) וועגן מורה צדק, זע קאַפּיטל 7.

צענדליקער שטעלן אין די מגילות רעדן פון די „ניט־גלויביקע" מיט פיינטשאַפט און צאָרן. ס'באַקומט זיך אָפּט דער איינדרוק, אַז די ניט־גלויביקע יידן זיינען ערגערע רשעים פון די ניט־יידן, וואָס זיינען נאָך געצנדינער 6).

## ג. די אַפּאָקאַליפּטיק

ווי מיר ווייסן שוין פון פריער, איז אַחוץ דעם וואָס די תורה און די אַנדערע הייליקע שריפטן זיינען געווען דער הויפּט־קוואַל פון וויסן, פון חכמה און פון גאָטס געבאָטן, זיינען זיי אויך געווען פול מיט סודות. יעדער פּסוק, יעדעס וואָרט אָדער אות פון דער תורה אַנטהאַלט רמזים און פאַרבאָרגענישן.

די אַפּאָקאַליפּטיקער זיינען געווען איבערצייגט, אַז אין די הייליקע שריפטן איז גאָר ניטאָ קיין פּסוק, קיין וואָרט, קיין אות, אָדער אַפילו אַן איבעריק פּאַסיקל אָדער פּינטעלע, וואָס איז דאָרט צופעליק אַריינגעשטעלט געוואָרן. יעדע זאַך האָט דאָרט אַ באַדייטונג. יעדעס וואָרט איז דאָרט אָנגעלאָדן מיט סוד, מיט חכמה און מיט טיפקייט. דאָרט זיינען ניטאָ גלאַט ווערטער, דאָס זיינען גאָטס ווערטער. די שפּראַך אין די הייליקע שריפטן איז אַ פאַרשטעלטע, זי גיט אָבער אָנצוהערענישן און זי זאָגט פאָרויס אַלץ וואָס וועט זיך טרעפן אינעם „באחרית הימים", ד. ה. היינט, איצט, אין דער צייט ווען זיי, די חסידים־איסיים לעבן. די אַלע סודות און אָנצוהערענישן קאָנען אַנטפּלעקט ווערן נאָר מיט גאָטס הייליקן גייסט. האָבן זייערע אָנפירער טאַקע געגלויבט, אַז זיי זיינען ס'באַשאָנקען מיטן הייליקן גייסט און זיינען באַרופן צו „אַנטפּלעקן" די סודות און די פאַרשטעלטע רייד פון די נביאים אין די הייליקע שריפטן.

שוין אַ סך דורות, עטלעכע הונדערט יאָר אַוודאי, ווי די חסידים האָבן זיך פאַרנומען מיט „אַנטפּלעקן" סודות פון דער תורה, סודות וואָס דעקן אויף דאָס פאַרבאָרגענע, וואָס וועט זיך טרעפן אין „יענע טעג". די אַנטפּלעקער, אָדער אַפּאָקאַליפּטיקער, ווי מיר רופן זיי, האָבן באַשאַפן אַ גרויסע ליטעראַטור, וואָס נאָר אַ קליינער טייל פון איר איז אַריינגענומען געוואָרן אין אונדזער תנ"ך 7).

6) דאָ איז כדאַי צו ציטירן אַ קלוג וואָרט פון סעסיל ראָט, Revue De-Qumran נומער 6. פעברואַר 1960, זייט 262 : „...סעקטאַנטן באַקעמפן זייערע נאָר וואָס אָפּגעשפּאָלטענע קעגנער, מיט מער צאָרן, שנאה און גאַל, ווי זייערע קעגנער פון לאַנג".

7) דער ספר „דניאל" איז אַ דורכאויס אַפּאָקאַליפּטיש ווערק, און איז זיכער פאַרפאַסט געוואָרן פון אַ „חסיד", איינעם פון די סעקטאַנטן וואָס זיינען „ניט צוגעשטאַנען" צום קאַמף קעגן אַנטיוכ־סן (זע פריער קאַפּיטל 8, נאָטיץ 11).

אַן אַפּאָקאַליפּטישע טראַדיציע האָט שוין פון לאַנג עקזיסטירט ביי יידן. אין אַ טייל פון דער ליטעראַטור וואָס איז נאָך געשאַפן געוואָרן אין גלות בבל, הערט מען שוין די טענדענץ פון „אַנטפּלעקן“ סודות און פּאָרויסזאָגן די צוקונפט. אַזוי הייבט זיך אָן יעקבס ברכה צו זיינע זין, די 12 שבטים: „האספו ואגידה לכם אשר יקרא אתכם באחרית הימים“. (בראשית מ״ט). (זאַמלט זיך צונויף, וועל איך אייך זאָגן וואָס עס וועט אייך טרעפן צום „סוף פון די טעג“). דער נביא יחזקאל, וואָס האָט געווירקט צום אָנהייב פון גלות בבל (אַרום די יאָרן 586 ביז 570 פ. אונ. צ.), פאַלט אָפּט אַריין אין אַ טאָן פון אַנטפּלעקונגען. ספּעציעל זיינען אין דעם טאָן אַריינגעפאַלן די שפּעטערע נביאים. ביים נביא זכריה טרעפן מיר כמעט די זעלבע אַפּאָקאַליפּטיק אין דער זעלבער פאָרם, ווי די אַנטפּלעקונגען אין דניאל, אָדער אין דעם ספר חנוך.

די פרומע סעקטע חסידים האָט די אַפּאָקאַליפּטישע טראַדיציע איבער־גענומען און ווייטער אַנטוויקלט. דעם קאַמף, וואָס דער מענטש פירט מיט זיך, מיט זיין יצר הרע, האָבן זיי פאַרבונדן מיטן קאַמף וואָס גאָט פירט מיטן בליעל, און דעם אויסגאַנג פון דעם קאַמף האָבן זיי פאַרבונדן מיטן קומענדיקן „יום יהוה“, מיט דעם „קץ“, מיטן „באחרית הימים“, דעם סוף פון די טעג.

ווען וועט זיין דער „סוף פון די טעג“? ווען וועט קומען דער „קץ“?

— דאָס איז געווען דער גרויסער סוד, וואָס זיי האָבן געזוכט אַרויס־אַנטפּלעקן פון די הייליקע שריפטן. מיט דעם זייער וויכטיקן סוד האָבן זיך פאַרנומען די מערסטע שריפטן זייערע 8).

ניט אומזיסט איז צווישן דער גרויסער צאָל מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען אַנטדעקט געוואָרן אין די היילן אַרום קומראַן, פאַראַן אַזאַ גרויסע צאָל אַפּאָ־קריפן, און אַנדערע ביכער מיט אַן אַפּאָקאַליפּטישן אינהאַלט. די חסידים איסיים האָבן ניט נאָר אויפגעזאַמלט, אויפגעהיט אָדער פאַרשפּרייט די דאָזיקע ליטעראַטור, זיי האָבן זי אויך געשאַפן. ווען מיר נעמען צוזאַמען אַלץ וואָס מיר ווייסן פון די „עסענער“, וועגן זייער לעבן, זייערע גלויבנס און מנהגים פון די קלאַסישע קוואַלן, ווי פלאַוויוס, פילון און פליני, און מיר קאָמבינירן דאָס מיט דעם וואָס מיר האָבן זיך דערוואוסט פון די אויסגראָבונגען אין קירבעט קומראַן, דער גזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פון דער געביידע, די פאַרשידענע צימערן, די מקווהס, דער „סקריפּטאָריום“, א. אַז. וו. — און מיר

8) דער „קץ“ איז די צענטראַלע טעמע אין דעם תנ״ך ספר דניאל.

פאַרבינדן דאָס אַלץ מיטן אינהאַלט פון די מאַנוסקריפּטן, — מוזן מיר קומען צו איין איינציקן אויספיר, אַז די דאָזיקע פרומע סעקטע חסידים־איסיים, און ניט קיין אַנדערע, זיינען געווען די אַפּאָקאַליפּטיקער. זיי האָבן די אַפּאָקאַליפּטיק געשאַפן און דורכגעלעבט 9).

ווען מיר באַטראַכטן גרינטלעך די ענלעכקייט אין דעם אינהאַלט פון די אומבאַקאַנטע, ניי־געפונענע מאַנוסקריפּטן, וועגן וועלכע מיר ווייסן שוין, אַז די פרומע סעקטאַנטן האָבן זיי געשאַפן, ווען מיר פאַרגלייכן זיי מיט די באַקאַנטע אַפּאָקריפן, וואָס אַזוי פיל קאַפּיטלען זיינען געפונען געוואָרן צווישן די מגילות — וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן די שאַרפע ענלעכקייט פון די צוויי ליטעראַטורן. זיי זיינען ענלעך מיט זייער אַפּאָקאַליפּטישן אינהאַלט, מיט זייער טערמינאָלאָגיע, און אַפילו מיט זייערע מעטאָדן פון שטיצן זיך אויף די הייליקע פּסוקים פון תנ״ך. זיי זיינען געשאַפן אין זעלבן סטיל, ווי איין מענטש וואָלט זיי פאַרפאַסט. דער „סרך היחד״ פון די מגילות, אַנטפּלעקט די צוקונפט און זאָגט פאָרויס געשעענישן, פּונקט ווי דער ספר היובלים פון די אַפּאָקריפן. ביידע שטעלן אויס אַ פּראָגראַם און ווייזן דעם פרומען, גאָט דערוויילטן חסיד, דעם וועג ווי זיך אויפצופירן און בלייבן גאַנץ מיט גאָט. די צוואה פון לוי שטראָפט די זינדיקע און בענטשט די נאָכפאָלגער, די גלויביקע, מיטן זעלבן לשון, מיט די זעלבע פּסוקים ווי דער ברית דמשק. די אַנטפּלעקונגען פון דעם „קץ״ וואָס זיינען אונדז אַזוי באַקאַנט פון דעם ספר דניאל, זיינען ביז גאָר ענלעך צו די אַנטפּלעקונגען וואָס זיינען געוויזן געוואָרן דעם צדיק חנוך, ווען מלאכים האָבן אים אַרומגעפירט אויפן הימל.

עפּעס האָט זיך אָבער געביטן זינט יענער גליקלעכער צייט, ווען גאָט האָט קאָמוניקירט מיט די מענטשן דירעקט. אָדער דורך מלאָכים. צו די אַלע פּאַטריאַרכן, צום נביא משה, און צו די אַנדערע נביאים, האָט גאָט זיך אַליין באַוויזן און אַליין גערעדט מיט זיי, דעם צדיק חנוך האָבן מלאכים אַרומגעפירט איבער די הימלען, דניאלן האָט אויך אַ מלאך אַנטפּלעקט די סודות פון דעם קץ. איצט, ווייסן אונדזערע חסידים איז שוין אַנדערש: גאָט באַווייזט זיך שוין צו קיינעם ניט, קיין נביאים זיינען שוין אויך ניטאָ, פון קיין מלאכים

---

9) פרנק קראָס, האָט אין זיין זייער פיין ביכל „די אַלטע ביבליאָטעק פון קומראַן״, זייער אַ גוטע באַמערקונג וועגן דעם, פאַרוואָס די „אַפּאָקאַליפּטיק״ פון די חסידים זעט זיך ניט אָן געגוג אין די אַלטע געשיכטע־קוואַלן, ווי פלאַוויוס און פילון. עס נעמט זיך פון דעם, זאָגט קראָס, וואָס ביידע, סיי פלאַוויוס סיי פילון ווי העלעניסטן און אַפּאָלאָגעטיקער פאַר דער ניט יידישער וועלט, האָבן מערסטנס פאַרשוויגן די אַפּאָקאַליפּטיק פון די חסידים.

הערט מען שוין אויך ניט. וואָס ס'איז יאָ דאָ איז די תורה, דער אָנזאָג פון די נביאים. גאָטס וואָרט איז געבליבן אין די הייליקע שריפטן — דאָס איז דער קוואַל פון וויסן, פון חכמה, און פון אַלע סודות וואָס גאָט קלייבט זיך טאָן מיט דער וועלט, מיט די צדיקים און מיט די רשעים אינעם „סוף פון די טעג".

## ד. דער הייליקער גייסט

כדי צו אַנטפּלעקן די סודות פון דער תורה האָט גאָט אַראָפּגעשיקט דעם מורה צדק, און האָט אים באַשאָנקען מיטן „רוח הקודש" (דעם הייליקן גייסט) וואָס האָט דעם לערער פון גערעכטיקייט באַלויכטן דעם וועג, געשענקט אים די חכמה, ער זאָל קאָנען אַרויסלייענען די פאַרבאָרגענע סודות פון די הייליקע שריפטן, און זיי דערקלערן דעם פאָלק 10).

דער הייליקער גייסט איז געוואָרן זייער פּאָפּולער ביי די חסידים. הונ־דערטער מאָל ווערט ער דערמאָנט אין די מגילות, און ניט דווקא מיטן נאָמען רוח הקודש. אַמאָל ווערט ער אויך אָנגערופן רוח האמת, אַמאָל — רוח יושר וענוה (גייסט פון יושר און באַשיידנקייט), אַמאָל ווערט ער אויך אַ רוח הדעת, אָדער אַ רוח בינה (גייסט פון וויסן אָדער פון פאַרשטאַנד). מיט וועלכן נאָמען ער איז ניט פאַרצייכנט געוואָרן, איז דער „גייסט" געוואָרן דער עצה־געבער, דער וועג־ווייזער, דער פירער, דער לערער און שטראָפער פון די גאָטס דערוויילטע פרומע חסידים. ווי יעדער אַנדער זאַך וואָס שטייט ניט אויף איין אָרט, האָט זיך דער „גייסט" אויך געענדערט און אַנטוויקלט, און מיט דער צייט האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן די קאָנטורן צווישן דעם הייליקן גייסט און זיין באַשאַפער, גאָט אַליין. דער „גייסט" איז אַליין געוואָרן אַ שטיק גאָט, און ער ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דעם „רוח העול", דעם גייסט פון ליגן און אומרעכט, וואָס מוז שטאַמען פון בליעל אַליין.

דער קאַמף פון די צוויי גייסטער, דער הייליקער קעגן אומריינעם, איז ניט געווען קיין דערפינדונג פון די חסידים. אין די פאָלקס־לעגענדעס ביי יידן אין יענער צייט האָבן מסתמא צירקולירט זייער אַ סך מעשיות וועגן די צוויי קעגנגעזעצטע כוחות אויף דער וועלט, ווי ליכט קעגן פינצטערניש, אמת קעגן שקר, א. אַז. וו. מער ווי 500 יאָר זיינען די יידן געווען ענג פאַרבונדן מיט די פעלקער פון אשור, בבל און פערסיע. פון יענע לענדער האָבן די

---

10) סרך היחד ד' 21—22 ; אויך אין פשר חבקוק ז' 5־4. און נאָך.

יידן געבראַכט די אַראַמייאישע שפּראַך און זי אַזוי פּאַראַייגנט, אַז דאָס פאָלק האָט עטלעכע הונדערט יאָר כסדר גערעדט און געטראַכט אין אַראַמייאיש.

די פּערסישע מיטאָלאָגיע דערציילט אַ סך פון דעם ליכט־גאָט, אהורא־מאַזדאַ, וואָס האָט באַשאַפן די גוטע קראַפט „מיטרא" כצלמו וכדומותו, (פּונקט ווי זיין אייגן געשטאַלט), און ווי מיטרא קעמפט קעגן דעם גאָט אחרימון, דעם גאָט פון אַלדאָס בייז און פינצטערניש. אַזעלכע לעגענדעס האָבן ניט געקאָנט פרעמד זיין די יידן. מיטרא איז ביי די פּערסער געווען דער לערער פון עטישער ריינקייט און פון גוטסקייט. ער איז געווען די קראַפט וועמען ס'איז באַשערט צו שלאָגן די שונאים פון דער מענטשהייט. נאָכדעם ווי ער וועט פרוכטבאַר מאַכן די מדבריות, און וועט אומקערן ס'מענטשלעכע האַרץ צום גוטן, וועט זיך ענדיקן די צייט. ד. ה. ס'וועט זיין דער „באחרית הימים". דאַן וועט מיטרא (לויט געוויסע וואַריאַציעס אין דער מיטאָלאָגיע) איבערגע־בוירן ווערן ווי גאָטס זון, אַן אָפּשטאַמיקער פון אהורא־מאזדא מיט זאַראַ־אוסטראַ (די צוויי הויפּט־געטער) און דאַן וועט ער (מיטרא) פאַרניכטן די לעצטע בייזע כוחות פון דער וועלט, וועט לעבעדיק מאַכן אַלע טויטע, וועט משפּטן די רשעים און זיי פאַרשיקן אין די אונטערשטע שרעקלעכע ערטער, און ערשט דאַן וועט אָנקומען די גוטע, די גליקלעכע צייט. דער גיהנום אַליין וועט דאַן פאַרניכטעט ווערן. אַפילו די רשעים וועלן אויפגעריכט ווערן און דער סאַמע בייזער גייסט, אחרימון, וועט שלום מאַכן מיט אהורא־מאזדא. דאַן וועט אָנקומען דער אייביקער שלום אויף דער וועלט.

די יידישע רעליגיע האָט, ווי אַלע אַנדערע רעליגיעס, געהאַלטן אין איינזאַפּן אָבערגלויבנס, לעגענדעס, ריטועלע צערעמאָניעס און אַנדערע עלע־מענטן פון פרעמדע גלויבנס, מיט וועלכע די יידן איז אויסגעקומען צו לעבן אַ לענגערע צייט, געאָגראַפיש, צוזאַמען. דער אַלטער גאָט יהוה, וואָס אַמאָל איז ער געווען אַ גאָט פון כוח, צאָרן און נקמה, איז צוליב די דרויסנדיקע איינפלוסן פון אַ סך יאָרהונדערטער געוואָרן מיט דער צייט אויך דער גאָט פון גוטסקייט און פון רחמים. אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, ווען די צערעמאָניאַלע גאָט־דינסט איז שוין געוואָרן אַ סטאַנדאַריזירטע רוטין, און נייע ריטואַלן, האָבן זיך זייער ווייניק שוין געקאָנט אָננעמען, האָבן אָבער אָבערגלויבנס און רעליגיעזע לעגענדעס ניט אויפגעהערט אַריינדרינגען צווישן די גלויביקע יידן.

אַ גלויבן אין פאַרשיידענע בייזע רוחות האָט שוין פון לאַנגע פאַרהיסטאָ־רישע צייטן געוואָרצלט אין דער יידישער טראַדיציע. פון די עלטסטע טיילן פון חומש הערן מיר שוין פון אַזעלכע בייזע גייסטער וואָס מ'האָט גערופן:

„שעירים" (ויקרא י"ז 7) מיר הערן פון מזיקים, ווי „נגף" און „משחית", (שמות י"ב, י"ג, און נאָך) מיר הערן פון אַן „עזאזל" (ויקרא ט"ז 8). דער נביא ישעיה סטראַשעט מיט די „שעירים" און מיט דעם קוואַל פון זינד — „לילית", אויך מיט די „בנות יענה" (אַזעלכע מיידלעך רוחות, מסתמא), (ישעיה ל"ד 14).

די אַלע רוחות זיינען אין דער אַלטער יידישער דעמאָנאָלאָגיע געווען גאָטס שלוחים. מיט דער צייט, און אונטער דער ווירקונג פון די שכנים אַרום, זיינען זיי אַרונטער אונטער דער השגחה פון בליעל, וואָס האָט געקעמפט קעגן גאָט אַליין.

די לעגענדעס און פאַנטאַזיעס פון דעם דואַליסטישן קאַמף, די ביטערע מלחמה פון די צוויי קעגנגעזעצטע כוחות, גוטס קעגן שלעכטס, האָבן איצט, אין דער רוימישער עפּאָכע, פאַרנומען זייער אַן אָנגעזעען אָרט אינעם יידישן רעליגיעזן באַנעם. יהוה איז שוין איצט געוואָרן דער פאַרקעמפער פון חסד און רחמים און, דער עיקר, דער צוזאָג און די האָפענונג אויף אויסלייזונג פון דעם בייזן, פאַלשן און פינצטערן בליעל מיט אַלע זיינע שרעקן. ווען דער טאָג וועט קומען און יהוה וועט אים פאַרניכטן, אין „סוף פון די טעג", וועט ער דאַן איינשטעלן זיין „מלכות שמים", אַ קעניגרייך פון גוטס, פון אמת און פון גערעכטיקייט.

## ה. דער בטחון מאָטיוו

וואָס די חסידים־איסיים האָבן צוגעגעבן צו די גלויבנס, איז געווען די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט אין בטחון, אין פולשטענדיקן פאַרלאָזן זיך אויף גאָט.

ווייל זיי האָבן זיך געפילט דערדריקט אין זייער איזאָלאַציע, אומבאַהאָלפן לגבי די גרויזאַמע דרויסנדיקע כוחות וואָס האָבן זיי גערודפט, און דערצו, ווי פאַטאַליסטן אין זייער וועלט־באַנעם, איבערצייגט, אַז אַלץ איז שוין פון פאָרויס באַשטימט און גאָרניט קאָן שוין געענדערט ווערן — האָבן זיי זיך פאַרלאָזן מער און מער אויף גאָט. בטחון אין גאָט און אין זיינע גערעכטע וועגן, איז געוואָרן אַ הויפּט־מאָטיוו אין אַלע זייערע אויספירן.

„... אויף זיין חסד שטיץ איך זיך" 11).

„...גאָט וועט פאַרגעבן זייערע זינד און זיי וועלן געהאָלפן ווערן, ווייל זיי פאַרלאָזן זיך אויף אים" 12). אָדער,

---

11) סרך היחד, י' 17.
12) מב"ד ח' 57.

„...גאָט איז אמת, ער איז דער גרונטשטיין פאַר מיינע טריט. אויף זיין גבורה איז מיין אָנשפּאַר" 13).

און ניט נאָר גאָט איז דער גרונטשטיין און דער אָנשפּאַר אויף וועמען מ'דאַרף זיך שטיצן און אין וועמען מ'מוז אומבאַדינגט גלויבן. מ'מוז אויך גלויבן, אַז דער מורה צדק איז דער שטעלפאַרטרעטער פון גאָט און זיינע געבאָטן. ער איז אמתדיק און פירט דורך גאָטס ווילן, ער ווערט אַזוי אַרום גאָטס אמתער פאַרטרעטער אויף דער ערד 14).

אין דער מגילה „פשר חבקוק", פאַרטייטשן זיי אַ פּראַזע פון חבקוק ב' 4:

„...והצדיק באמונתו יחיה", (דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה, לויט יהואש). „פשרו, דאָס מיינט מען די יידן וואָס פאָלגן אויס גאָטס געבאָטן ווי די תורה הייסט. זיי וועט גאָט ראַטעווען פונעם משפט־הויז, ווייל זיי האָבן זיך געפלייסט אין זייערע גוטע מעשים, און ווייל זיי האָבן געגלויבט דעם מורה צדק" 15).

דער בטחון אין גאָט, און ווי ס'קוקט אויס, אויך אין זיינע פאַרטרעטער אויף דער ערד, איז געוואָרן אַ טרייסט פאַר אַ קראַנק דערשראָקן האַרץ, אַן אָנשפּאַר פאַר שוואַכע ציטערדיקע קני.

...„ואני כמוס לבי כמים ותחזק נפשי בבריתך" 16) (ווען דאָס האַרץ צעגייט אין מיר ווי וואַסער (פאַר מורא), שטאַרק איך זיך מיט דיין בונד").

די קראַפט פון שווערד און פון שפּיז איז גאָרניט ווערט אין פאַרגלייך מיט בטחון אין גאָט. אָט „...האָט דוד באַזיגט גליתן מיט דעם וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף דיין גרויסן נאָמען, גאָט, ניט אויף קיין שווערד מיט קיין שפּיז" 17).

---

13) סרך היחד י"א 4־5.

14) מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז ניט מיט איין מאָל און פון דער העלער הויט איז דער מורה צדק געוואָרן גאָטס פאַרטרויטער און פאַרטרעטער. אַזאַ אויספיר האָט זיך אַנטוויקלט און איז אָנגעוואַקסן צו ביסלעך, און וואָס ווייטער איז עס ביי אונדזערע סעקטאַנטן אָנגענומען געוואָרן פאַר אַן אַבסאָלוטן אמת.

15) פשר חבקוק ח' 3־1.

16) הודיות ב' 28.

17) מלחמת בני אור, י"א 2.

ס'איז אַ גרויס חידוש אויפן וויכטיקן געלערנטן סעסיל ראָט, וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַ ביכל: „היסטאָרישער הינטערגרונט פון די מגילות ביים ים המלח", (ענגליש, אין „פילאָסאָפיקאַל לאַיברערי", ניו־יאָרק, 1959) וואו ער באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז די סעקטע אין קומראַן איז באַשטאַנען פון „קנאים" וואָס האָבן מיט מסירת נפש געקעמפט

אָט אַזוי זיינען די מגילות, וואָס זיינען אונדז געבליבן פון דער פרומ ר סעקטע חסידים, פול מיט דער פאָדערונג פאַר בטחון אין גאָט. וואָס מער אַנטוישונגען זיי האָבן איבערגעלעבט, וואָס מער זייערע אויסגע־

---

קעגן די רוימער. זיין הויפּט־טענה, אַז ווען פּליני האָט דאָרט באַזוכט דעם צענטער, איז דער לעצטער שוין געווען ביי די רוימער אין די הענט, און פליני האָט שוין דאָרטן קיין חסידים־איסיים ניט געקאָנט זען, אָט די טענה קאָן זייער גרינג אויסגעקערעוועט ווערן אויף די קנאים. זיין הויפּט־שטיצע פאַר דער השערה, נעמט דער געלערנטער פון דעם מלחמה־בוך, און פּרוּאווט פון אים דרינגען, אַז דאָס האָבן זיכער פאַרפאַסט מלחמה־מענטשן, קעמפער, ווי די קנאים.

לעצטנס האָט אונדזער היסטאָריקער פון אָקספאָרד צוגעקראָגן נאָך אַ באַווייז, אַזאַ „וואָס מ׳קאָן אויף אים בויען גאַנצע בנינים". אין דער לעצטער פעסטונג פון די קנאים, אין מסדה, זיינען געפונען געוואָרן פראַגמענטן פון אַ מגילה, איינע פון די וואָס זיינען פּאָפּולער געווען ביי די סעקטאַנטן פון קומראַן. די זייער פּשוטע און לאָגישע סברא, אַז איינער אָדער עטלעכע פון די אַנטרונענע חסידים האָבן געקאָנט מיטברענגען מיט זיך אַ מאַנוסקריפּט אָדער עטלעכע, ווי פּראָפ. י. ידין האָט עס ריכטיק אָפּגעשאַצט, דאָס קאָן זיך ניט לייגן דעם חשובן געלערנטן אויפן שכל. ערשט איצט קומט ער אַרויס מיט אַ שווערער באַשולדיקונג קעגן די „עקשנים" וואָס „אַבי איינמאָל פאַרעקשנט, קאָנען זיי שוין דעם גלייכן וועג ניט זען". („קאָמענטאַרי", יוני 1964).

שוין אָפּגערעדט פונעם גאַנצן אינהאַלט אין די מאַנוסקריפּטן, ,מיט זייערע היסטאָרישע „אַלוזיעס" (אָנדייטונגען) אויף אַנדערע צייטן, אַנדערע פּעריאָדן, אַ סך פריערע ווי דער פּעריאָד פון רעוואָלט, קאָן מ׳ען גאָרניט באַגרייפן, ווי אַ מענטש מיט אַ היסטאָרישן חוש, ווי סעסיל ראָט, קאָן אַזוי גרינג פאַרבייגיין און אויסלאָזן דעם סאַמע עיקר פון זייערע מאַנוסקריפּטן, דעם גאַנצן פילאָזאָפישן הינטערגרונט, וואָס שרייט ממש אַרויס פון יעדער ש רה אין זייערע ספרים. זייער פאַטאַליזם, זייער בטחון אין גאָט, זייער שטיצן זיך דורכ־אויס, ניט אויף מלחמה־העלדן פון דער יידישער געשיכטע, נאָר אויף גאָטס ניסים! אויף דעם מלאך וואָס האָט אויסגעהרגעט סנחריבס אַרמיי הינטער ירושלים, אויף די מכות וואָס פּרעה איז אויסגעשטאַנען, א. אַז. וו.. קיין איין מאָל ברענגען זיי ניט אין זייערע שריפטן די נויטיקייט צו פאַרלאָזן זיך אויף כוח און אויף אייגענער איניציאַטיוו. זיי דער־מאָנען אַפילו ניט קיין מלחמה־העלדן. אַפילו דוד המלך האָט אויפגעטאָן וואָס ער האָט אויפגעטאָן, ווייל ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, ער האָט געהאַט בטחון.

די „מלחמה־מגילה" האָט, אמת, אַ פּאָר שטעלן וואָס קאָנען אויסקוקן ווי רעאַלע מלחמה־צוגרייטונגען. די פּאָר שטעלן ווערן אָבער פאַרזונקען אין אַ ים מיט „טרומייטער־בלאָזן", אַ ים מיט תפילות צו גאָט, און מיט דערוואַרטן אַ נס פונעם הימל. אַ זיג אָן דער הילף פון אַ מלאך קאָן גאָרניט געמאָלט זיין.

דער אינהאַלט פון די אַנדערע, אויסער דער מלחמה מגילה, איז אַזוי ווייט פון מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע, ווי הימל פון ערד. די פּאָר פּסוקים פון דעם „סרך היחד", וואָס רעדן פון אַ געוויסן עלטער, ווען מ׳קאָן שוין אַריין אין דער מחנה, זיינען נאָכקאָפּירט דעם ספר במדבר מיט דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פון דער עדה אין מדבר סיני. דער פאַטאַליסטישער אינהאַלט פון אַלע מגילות און פון די פּסעווד־עפּיגראַפן סטאַרטשעט אַרויס פון יעדער שורה ממש.

טרוימטע האָפענונגען און דערוואַרטונגען זיינען אויסגערונען געוואָרן, אַלץ ווייניקער ברירה האָבן זיי געהאַט, ווי נאָר צו פאַרלאָזן זיך אויף גאָטס חסד און אויף זיין גבורה. וואָס שטאַרקער ס׳איז געווען דער שונא און די גאַנצע רשעות אַרום זיי, אַלץ שוואַכער האָבן זיי זיך געפילט, און אַלץ מער בטחון האָט זיך געפאָדערט אויפצוהאַלטן זייער מאָראַל. וואָס ווייטער הערן מיר אַלץ אָפטער און מער די פאָדערונג צו זיך און די אַגיטאַציע צו פרעמדע, זיך אָנהאַלטן אין דעם בטחון.

און די ניט־גלויביקע? די וואָס האָבן קיין בטחון ניט?

— מיט גרויס צאָרן טרעטן די פרומע סעקטאַנטן אַרויס קעגן די, וואָס „דאַרפן צושטיין״ און שטייען ניט צו. קעגן די „ניט גלויביקע״. דער גאַנצער כעס און ביטערקייט, די שאַרפסטע און גאַליקסטע קללות ווערן אויסגעגאָסן אויף די קעפּ פון די „ניט גלויביקע״. און נאָך ערגערע רשעים פון זיי זיינען די, וואָס „זיינען געווען און אַוועק״, די „וואָס זיינען געהאַט צוגעשטאַנען און שפּעטער פאַרלאָזן״.

ס׳איז קלאָר, אַז ניט אַלע וואָס זיינען אַמאָל צוגעשטאַנען צו די חסידים, זיינען מיט זיי פאַרבליבן. די סעקטע האָט ניט אָנגעהאַלטן קיין פּערמאַנענטן וואוקס. פאַרקערט, אויב עפּעס לאָזט זיך דרינגען פון זייער באַשווערן מיט קללות און חרמות די ניי אַריינגעקומענע, און פון זייער גרענעצלאָזער שנאה צו די „וואָס האָבן פאַרלאָזן״ — איז דאָס פאַרקערטע, אַז ס׳איז זיי אָנגעקומען זייער שווער איינצוהאַלטן זייער איינפלוס איבער זייער מיטגלידערשאַפט. זיי האָבן אפשר אָנגעהויבן גרויס, נאָר נאָך עטלעכע שפּאַלטונגען אין זייערע רייען, (די אָפּגעשפּאָלטענע האָבן זיי געמוזט רופן „פּרושים״), זיינען זיי, ווי אַ כלל, געבליבן אַ קליין הייפעלע, מסתמא ניט מער פון עטלעכע הונדערט, אָדער צייטנווייז, נאָך ווייניקער. דער ציפער 4,000 מיטגלידער, וואָס ווערט אָנגעגעבן ביי פלאַוויוס און אויך ביי פילון, איז אַפנים אין ביידע פאַלן גענומען פון איין קוואַל. צוליב די סודות אין וועלכע זיי האָבן געוויקלט זייערע סעקטעס, לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז עמעצער זאָל זיי געווען קאָנען גענוי איבערציילן, אָדער, אַז זיי זאָלן געווען אָנגעגעבן די אמתע צאָל זייערע פאַר דרויסנדיקע און פרעמדע. מיר קאָנען אָננעמען מיט זיכערקייט, אַז אין געווייסע פעריאָדן, ספּעציעל, אין די רואיקערע צייטן, זיינען זיי געווען גאָר אַ קליינע גרופּע.

און ס׳איז ניט קיין חידוש. די אולטרא־רעליגיעזע רעגעלן און התחייבותן וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן מיטגליד, זיינען געווען שווערע, ממש

אומדערטרעגלעכע, ווי ס׳איז קלאָר פון זייערע שריפטן. פון די זעלבע שריפטן איז אויך קלאָר, אַז זיי האָבן געליטן רדיפות, סיי פון דער פרעמדער מאַכט, און סיי פון די יידן. די רוימער, ווייסן מיר, האָבן גערודפט די חסידים, ווייל צווישן די פרומע זיינען געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אידייען פון אַ משיח. „משיח״ מיינט אַ געזאַלבטער קעניג. די רוימישע הערשער און זייערע פאַר־טרעטער האָבן ניט באַגריפן, ניט געקאָנט באַגרייפן די אַנדערשקייט, אָדער די איבערנאַטירלעכקייט, פון אַ דערוואַרטעטן משיח ביי יידן. זיי האָבן אים אָנגענומען פאַר אַ מלך בשר ודם, און האָבן ניט געקאָנט דערלאָזן, אַז די יידן זאָלן זאָלבן איבער זיך אַן אייגענעם מלך, וואָס איז ניט אונטערגעוואָרפן אונטער רוים.

די פרומע חסידים זיינען אויך פאַרפאָלגט געוואָרן פון די כהנים, אָנפי־רער פון דעם בית המקדש, ווייל די סעקטאַנטן האָבן באַקריטירט דעם בית המקדש, אים אויסגעמיטן. זיי האָבן פאַרשפּרייט וועגן אים שלעכטע קלאַנגען, אַז ער איז „טמא״, אַז די כהנים וואָס טוען די עבודה אינעם „הייליקן הויז״ זיינען „טמא״, אַז זיי זיינען אַלע רשעים און זינדיקע, אַז זיי האָבן משיג גבול געווען די בני צדוק פון זייער חזקה, אַז זיי יאָגן זיך נאָך „הון״, נאָך רייכטום, אַז זיי זיינען שולדיק אין „זנות״, און נאָך אַזעלכע חטאים.

די חסידים־איסיים האָבן אויך געליטן רדיפות פון זייערע נעכטיקע פאַר־בינדעטע, די פרושים און די סופרים, צוליב דער אולטראַ־פרומקייט און די מאָדנע אויספירן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעטייטשט פון די פסוקים אין די הייליקע שריפטן. דער עיקר, האָבן זיך די סעקטאַנטן געשטעלט מחוץ למחנה מיט דעם וואָס זיי האָבן איינגעפירט די ראש־חודשן און אַנדערע יום־טובים אין גאָר אַנדערע טעג. ניט ווי די יידן אין לאַנד.

די רדיפות און די פאַרשפּיצטע פרומקייט האָבן איזאָלירט די פרומע חסידים, זיי זיינען געבליבן אַליין מיט זייערע עקסטרעמע גלויבנס און מאָד־נע מנהגים. זיי זיינען געבליבן אַרומגעוויקלט מיט סודות, זייערע מיטגלידער זיינען באַשוואָרן געוואָרן מיט די ערגסטע קללות און חרמות, ניט אַרויס־צוגעבן פאַר קיינעם זייערע סודות. אין ערגעץ אין זייערע מגילות גיבן זיי ניט אַרויס זייער וואוינאָרט, אָדער דעם אַדרעס פון אַ וועלכער ס׳איז מחנה זייערער. זיי גיבן ניט אָן ווער זייער מורה צדק איז געווען, און זיכער האָבן זיי געהאַט מער ווי איין מורה צדק, מיר ווייסן ניט קיין נאָמען פון איינעם אפילו ביז היינטיקן טאָג. זיי האָבן אין ערגעץ ניט דערמאָנט, אַפילו קיין

אָנדייטונג ניט געגעבן אויף אַ נאָמען. דאָס, אַפּנים, איז געווען גאָר אַ וויכטיקער סוד ביי זיי 18).

אַט אַזוי, איזאָלירט און אויסגעטאָן פונעם פּראַקטישן לעבן, האָבן זיך אונדזערע חסידים־איסיים מער און מער פאַרטיפט אין די הייליקע שריפטן, און געפּרואווט זיך דערגרונטעווען צום עסכאַטאָלאָגישן סוד, ווען ס׳וועט זיך באַווייזן דער „קץ״, דער „סוף פון די טעג״. דאָס וועט זיכער זיין אַ „יום הנורא״, אַ שרעקלעכער טאָג פאַר זיי, פאַר די רשעים, פאַר די באַדריקער פון גאָטס דערוויילטע. פאַר אַלערליי באַדריקער, פרעמדע און יידישע רשעים צוגלייך. זיי אַליין, אָבער, די גערעכטע, די קינדער פון ליכט, מיט זיי האָט גאָט געמאַכט אַ באַזונדער בונד. זיי וועלן אין דעם „קץ״ אויפגעריכט ווערן. אַנטפּלעקן דעם טאָג, דעם סוד פון גאָטס יום הדין״, איז געוואָרן זייער טרוים און זייער טרייסט. יעדער איינער פון זיי וואָס האָט נאָר געקאָנט האַלטן אַ פען אין האַנט, אָדער אַזאַ וואָס האָט געהאַט אַן אינערלעכן דראַנג, און איז געווען באַרופן דערצו, האָט געשאַפן אויף דעם געביט. יעדער פּסוק פון די הייליקע שריפטן, יעדער וואָרט וואָס האָט זיך מער ווייניקער צוגעפּאַסט און האָט זיך געלאָזן, איז אויסגעטייטשט געוואָרן אַזוי, אַז עס האָט „אַנטפּלעקט״ אַ באַהאַלטענעם מיין, אַ פאַרשטעלטן סוד פון די לעצטע טעג.

די אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן גאַרן נאָכן „קץ״. דער בטחון אויף גאָטס כוח און גבורה און אויף זיין רחמים — איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער רשעות וואָס האָט געפּלייצט אַרום זיי. אינאיינעם מיט דעם אַלעמען איז געוואַקסן דאָס אומגעדולדיקע גאַרן נאָכן אויסלייזער, נאָך משיחן.

## ז. די משיח אידייען

אין די אַלטע הייליקע שריפטן, איז דער נאָמען „משיח״ געווען אַ טיטול פון אַ קייסער, וואָס האָט, נאַטירלעך, געדאַרפט ווערן געזאַלבט מיט טייערע אוילן. דאָס וואָרט „משיח״ אין העברעאיש מיינט טאַקע „געזאַלבט מיט אויל״. ווען דוד איז אַנטלאָפן פון שאול המלך, האָט ער ניט געוואָלט הרגענען דעם קייסער שאול (ווען ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט דאָס צו טאָן), ווייל יענער

---

18) עס בעט זיך דאָ ממש אַן אַנאַלאָגיע מיטן קוש, וואָס יהודה איש קריות האָט געדאַרפט געבן דעם נוצרי, ווען ער האָט אים אַרויסגעגעבן צו די רוימער.

איז געווען אַ „משיח ה׳, אַ גאָט־געזאַלבטער. אין אַן אַנדער אָרט אין דער תורה רעדט זיך פון אַ כהן גדול, וואָס ווערט אויך אָנגערופן, אַ „געזאַלבטער״, אַ „משיח״. (אם הכהן המשיח יחטא... (אויב דער געזאַלבטער כהן וועט זינדיקן), (ויקרא, ד׳ 3).

שפּעטער, ווען יידן האָבן געליטן פון פרעמדער אויבערהערשאַפט (און אויך פון אייגענע באַדריקער), און די ישועות אויף וועלכע זיי האָבן געהאָפט האָבן זיך ניט פאַרווירקלעכט, האָט זיך אָנגעהויבן בייטן די באַדייטונג פונעם באַגריף „משיח״. ווען דער נביא ישעיה רעדט פון אַזאַ משיח, וואָס וועט לערנען אַ סך פעלקער און וועט אויסגלייכן צווישן זיי (ישעיה ב׳ 4), האָט מען עס געקאָנט אָנמעסטן אויף אַ קלוגן און פאַרשטאַנדיקן מלך, וואָס וועט געוויבען דעם רעספּעקט פון די פעלקער אַרום און פון זייערע הערשער. דער אַנאָנימער נביא, וועמען מיר רופן ישעיה דער צווייטער, דערציילט שוין פון אַן אַנדער משיח, אַ גאָטס אויסגעווײלטער קנעכט, וואָס די געטלעכע השגחה האָט אים באַשאָנקען מיט אַ רוח ה׳ (אַ גאָטס גייסט), (ישעיה, מ״ב 1).

דער נביא חבקוק וויקלט שוין דעם משיח אַרום מיט אַ מיסטישן שלייער: „כי עוד חזון למועד״... (די זעאונג איז נאָך אויף אַ צייט), און ער רעדט פון דעם „קץ״... „און ער וועט ניט אָפּנאַרן״... „אויב ער וועט זיך זאַמען, וואַרט אויף אים, ער וועט זיכער קומען און וועט ניט פאַרשפּעטיקן״ (חבקוק, ב׳ 4).

דער נביא זכריה ברענגט שוין משיחן אַ פאַרמאַסקירטן. „...ער, דער מלך, דער צדיק, וועט קומען ווי אַן אָרעמאַן, וואָס רייט אויף אַן אייזל״... (זכריה, ט׳ 9), און משיחס נאָמען איז אַזאַ מיסטיש־סימבאָלישער —„צמח״, אַ „שפּראָץ״, וועט ער הייסן (זכריה ו׳ 12־11).

דער אַנאָנימער נביא מלאכי, וואָס האָט געלעבט אינמיטן 5טן י. ה. פאַר אונ. צייט. (אומגעפער אַרום דער צייט פון עזרא און נחמיה) פירט אַריין אליהו הנביא אין אַן עסכאַטאָלאָגישער ראָל, ער זאָל ברענגען אַ טאָלק אין דער וועלט, איידער משיח דאַרף אָנקומען 19).

משיח ווערט ביסלעכווייז אויס מענטש, נאָר אַ מיסטיש געטלעך וועזן. דער ספר דניאל, אַ דורכאויס אַפּאָקאַליפּטיש בוך, וואָס זיין הויפּט ציל איז צו „אַנטפּלעקן״ ווען ס׳וועט קומען דער „קץ״, רעדט שוין פון איינעם אַ מיס־טעריעזן „בר־נש״, (זון פון מענטש), וואָס לויט די באַגריפן פון די מזרח־

---

19) יחזקאל קויפמאַן זאָגט, אַז מלאכי׳ס ראָל, זיין השפעה אויף דער שפּעטערער עסכאַטאָלאָגישער וויזיע, איז געווען זייער גרויס (י. קויפמאַן, „תולדות האמונה בישראל״, באַנד 4, ז. 377).

פעלקער, הייסט עס, „זון פון גאָט", וואָס שוועבט שוין פון לאַנג אין די הימלען, נאָך פון דער אומבאַגריפענער „פאַר־דער־צייט". דער „בר־נש" איז טאַקע נאָך ניט קיין גאָט, אָבער שוין גאָר נאָענט צו אים.

דאָס זעלבע, נאָר אַ ביסל ווייטער אַנטוויקלט, טרעפן מיר אינעם ספר חנוך, איינער פון די וויכטיקסטע פסעוודעפיגראַפן, וואָס שטאַמט טאַקע פון זעלבן קוואַל, ווי די גאַנצע אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור פון יענער צייט. דער לעגענדאַרער צדיק, חנוך, ווערט אַרומגעפירט איבער די הימלען, און מלאכים ווייזן אים די אַלטע פאַרגאַנגענהייט, ווי אויך די סודות פון דער צוקונפט. דאָרט, אין די הימלען, זעט חנוך דעם „בן אָדם", וואָס איז שוין אַ משיח. ער זיצט אין די הימלען און וואַרט. גאָט האָט אים באַשאַפן נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, און אים אָוועקגעזעצט וואַרטן אויף זיין צייט.

דער ספר היובלים, אַ זייער פּאָפּולערער אַפּאָקריף, וואָס אַגיטירט, אַז מ׳דאַרף „בייטן די צייטן" און אָנהייבן ציילן די חדשים לויט דער זון און ניט לויט דער לבנה, רעדט אויך אַ סך וועגן אַ משיח אַן אויסלייזער, וואָס זיצט אין די הימלען און וואַרט אויף זיין צייט. פון אַזאַ משיח ווערט אויך דערציילט אינעם בוך, „די צוואה פון לוי און נפתלי" 20), וואָס איז אויך אַ טייל פון דער זעלבער אַפּאָקריפן ליטעראַטור, ווי די אַנדערע ספרים אין דער געפונענער ביבליאָטעק אַרום ים המלח.

די חסידים זיינען ניט געווען די איינציקע יידן, וואָס זיינען געווען פאַרכאַפּט מיט דער אידייע פון אַ משיח. אַלע יידן האָבן שוין דאַן דערוואַרט משיחן. (אַפילו אין אונדזערע צייטן, אין צווייטן האַלב פון 20טן י. ה., קוקן נאָך אַ סך יידן אויס די אויגן אויפן מיסטישן משיח). דער תלמוד און די אגדה, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין אַ פּעריאָד פון אַזעלכע 7 אָדער 8 הונדערט יאָר (פון אַרום ערשטן יאָרהונדערט פ. אונ. צייט ביז אַרום 800־700 נ.אונ. צייט) זיינען פול מיט הונדערטער שטעלן וואו ס׳ווערט אויסגעדריקט די האָפענונג אויף משיחן, און וואו מיר באַקאָנען זיך מיט פאַרשידענע לעגענדעס און באַגריפן וועגן דער געשטאַלט פון דעם יידישן אויסלייזער. די אידייע פון אַן אויסלייזער איז שוין גאָר אַן אַלטע ביי יידן, און זייער אַ סך פון די משיח־לעגענדעס און טראַדיציעס זיינען פאַרבונדן מיט דעם לעגענדאַרן אליהו הנביא, נאָך פון גאָר אַלטע צייטן.

דער הויפּט־קוואַל פון אַן אויסלייזער־אידייע געפינט זיך אין די הייליקע

---

20) זע פריער, קאַפּיטל 4.

שריפטן, אין תנ״ך. וואָס ווייטער האָבן זיך מער און מער לעגענדעס אַרומ־געוועבט אַרום דער אידייע. אין תלמוד הערן מיר שוין פון צוויי משיחים. איינער אַ משיח בן יוסף, וואָס וועט קומען פריער און מלחמה האַלטן מיט די שונאים, און ערשט נאָך אים וועט קומען דער משיח, דער אָפּשטאַמיקער פון דוד המלך, וואָס וועט איינשטעלן דאָס הימלשע קעניגרייך.

אין תלמוד ירושלמי 21) איז פאַראַן אַ משיח־לעגענדע, וואָס איז פאַרבונדן מיט בית־לחם 22). לויט דער לעגענדע איז משיח געבוירן געוואָרן אין בית־לחם, אין זעלבן טאָג ווען ס'איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש, נאָר באַלד האָט אים אַ שטורעם־ווינט אַוועקגעטראָגן 23).

## ז. תחית המתים און אַ לעבן נאָכן טויט

צוזאַמען מיט די משיח־לעגענדעס און מיט דער האָפענונג אויף דער „מלכות שמים״, אויף גאָטס גערעכטער קעניגרייך, האָבן זיך אין יענער צייט, און אַ סך יאָרהונדערטער נאָכדעם, געשפּונען אין דער יידישער מיטאָלאָגיע די אידייען און באַגריפן — „משיחס צייטן״, „עולם הבא״, „תחית המתים״, „יענע וועלט״, אַ „לעבן נאָכן טויט״, א. אַז. וו. זייער אָפט האָבן זיך די לעגענדעס וועגן די באַגריפן סותר געווען איינע די אַנדערע.

אין שטעל אין תלמוד דערציילט, למשל, פון עולם הבא, אַז:

„...אין עולם הבא עסט מען ניט, מ'טרינקט ניט, מ'האַנדלט ניט, מ'האָט ניט קיין קינדער, ניטאָ דאָרט קיין שנאה־קנאה, קיין פאַרמעסטן אָדער אי־בערשטייגן איינע די אַנדערע, קיין קאָנקורענץ און קיין איפּערזוכט, גאָר־ניט. וואָס די צדיקים טוען דאָרט, איז — זיי זיצן יעדער איינער מיט זיין קרוין אויפן קאָפּ, און האָבן הנאה פון דער שכינה־שיין״ 24).

---

21) צוויי תלמודן זיינען פאַראַן. איינער איז דער תלמוד בבלי, געשאַפן אין בבל, אין די גרויסע ישיבות פון סורא און פומבדיתא. דאָס איז דער באַרימטער תלמוד, וואָס איז געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פונעם יידישן קולטור־באַגאַזש, אַלע יאָרהונדערטער ביז היינט. אַ צווייטער תלמוד, דער תלמוד ירושלמי, איז געשאַפן געוואָרן אין ארץ ישראל, אומגעפער אין דער זעלבער צייט ווי דער תלמוד בבלי. דער תלמוד ירושלמי איז אַ סך אָן אָרעמערער און איז ניט אַזוי גוט צוזאַמענגעשטעלט.

22) דוד המלך און זיין טאַטע ישי, שטאַמען פון בית לחם. משיח, וואָס דאַרף לויט די לעגענדעס, אָפּשטאַמען פון דודן, ווערט דערפאַר אין זייער אַ סך ערטער, יידישע ווי אור־קריסטלעכע (ד. ה. אויך יידישע) באַצייכנט ווי אַן אָפּשטאַמיקער פון בית לחם.

23) ברכות, ירושלמי, פרק ב'; איכה רבתי, פרק א'.

24) ברכות, י״ז ע״א.

אין אַ צווייטן אָרט ברענגט די גמרא אַזאַ לעגענדע וועגן עולם הבא:

„...אין עולם הבא, וועט די ערד צעטיילט ווערן אַנדערש ווי זי איז צע־טיילט געוואָרן אויף דער וועלט. איצט, אַז אַ מענטש פאַרמאָגט אַ פעלד, האָט ער ניט קיין ווייַנגאָרטן. דער וואָס האָט אַ ווייַנגאָרטן, האָט ניט קיין פעלד. אין עולם הבא וועט אַזוי ניט זיין. אַלע וועלן פאַרמאָגן ערד אין די בערג, אין דער נידער, אין די טאָלן, אומעטום" 25). די לעצטע לעגענדע טיילט אַפילו משיחן אויך צו אַ חלק ערד. ארץ ישראל וועט צעטיילט ווערן ניט אויף 12 חלקים, נאָר אויף 13. די 12 חלקים וועלן גיין צו די 12 שבטים, און דער 13טער חלק וועט גיין צו משיחן אַליין, אים אויך אַ חלק לאַנד 26).

ווי ס'איז זייער גרינג צו פאַרשטיין האָבן די פאָלקס־פאַנטאַזיעס, האָפע־נונגען און דערוואַרטונגען, וואָס האָבן זיך געשפונען אין משך פון דורות אין דער פאָרשטעלונג פון פאָלק, ניט געקאָנט אויסגעשטעלט ווערן אין אַ סיסטעמאַטיש אויסגעהאַלטענער און קאָנסעקווענטער אָרדענונג. באַזונדערע פאָלקס־לעגענדעס זייַנען בכלל ניט פאַראַנטוואָרטלעך איינע פאַר דער אַנ־דערער.

וואָס ס'איז דאָ וויכטיק צו וויסן איז, אַז די לעגענדעס זייַנען ניט גע־שאַפן געוואָרן פון איין גרופּע אין איין צייט. זיי שטאַמען פון פאַרשידענע צייטן און פון באַזונדערע שיכטן און גרופּן יידן. זיי זייַנען אָבער ניט אַזוי אַלט ווי ס'קאָן זיך אויסווייַזן. פון דער גאָר אַלטער צייט אין דער יידישער געשיכטע איז ניט באַקאַנט אַז ס'זאָל געווען עקזיסטירן ביי יידן אַ גלויבן אין אַ „לעבן נאָכן טויט". דאָס ביסל „נעקראָמאַטיק" (נעקראָ־נעגראָ — שוואַרץ־כישוף) וואָס באַשטייט אין „רעדן מיט טויטע", וואָס איז פאַראַן אין תנ"ך (שאול, למשל, רופט אַרויס דעם שאָטן פון דעם נביא שמואל און אַ פּאָר אַנדערע אַזעלכע שטעלן), איז גאָר ביי יידן פאַרבאָטן געוואָרן. גאָט האָט גאָר באַפוילן צו פאַרניכטן די כישוף־מאַכער מיט די שוואַרץ־קינסטלער, ווען זיי וועלן אַריין אין לאַנד. דער יהוה־קולט האָט זיכער ניט געקאָנט אַרייננעמען אין זיך קיין „לעבעדיק מאַכן טויטע".

אַפילו אַזוי שפּעט, ווי אין 6טן אָדער 5טן י. ה. פאַר א. צ., אין דער צייט פון גלות בבל, הערן מיר, אין קאַפּיטלעך תהילים, וואָס זייַנען פאַרפאַסט געוואָרן אין יענער צייט, אַ שטאַרקן פעסימיזם, ווען דער פאַרפאַסער רעדט פון נאָכן טויט.

---

25) בבא בתרא, קכב' ע"א.

26) דאָרטן.

„...פאַר וועמען וועסטו, גאָט, טאָן וואונדער? די טויטע וועלן אויפשטיין דיך לויבן? דיין חסד וועט דערציילט ווערן אין קבר? דיין געטריישאַפט — אין אונטערערד? וועלן אין דער פינצטערניש באַקאַנט ווערן דיינע וואונ־דער?" (תהלים פ״ח 11־13).

אַ סך אַזעלכע שטעלן זיינען פֿאַראַן אין די עלטערע טיילן פון תנ״ך. דער גלויבן אין אַ לעבן נאָכן טויט, אין עולם הבא, אין אַ יענער וועלט — איז צוגעקומען שפּעטער. די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע, וואָס האָט די גלויבנס אַרומגע־וויקלט מיט אָן אַ שיעור לעגענדעס, האָט די איבערנאַטירלעכע באַגריפן ווי־טער אַנטוויקלט.

פון צווי ווינקלען זיינען געקומען און האָבן זיך געשפּייזט די גלויבנס אין אַ יענער וועלט. פון איין זייט, האָט געווירקט דער אַרום. — לעגענדעס וועגן אַ יענער וועלט זיינען געווען שטאַרק פּאָפּולער ביי די פעלקער צווישן וועלכע די יידן האָבן געלעבט. ספּעציעל, זיינען די גלויבנס אין אַ לעבן נאָכן טויט געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין די מזרח־לענדער, בבל און פּערסיע. לעגענדעס וועגן אַ גליקלעך לעבן נאָכן טויט האָבן ניט געקאָנט אויסלאָזן די יידישע שכנים צווישן זיי. פון דער צווייטער זייט, האָט אַזאַ גלויבן אויסגעפילט אַ נויטיקן בלויז אינעם רעליגיעזן לעבן פון די יידן. ווען ס׳האָט זיך געשטעלט אַזאַ קלאָר לאָגישע צווייפל־פראַגע: צדיק ורע לו, רשע וטוב לו? (ווי קומט עס, וואָס דווקא דער צדיק קומט אָפּ אויף דער וועלט, און דעם רשע זאָל גיין גוט?) 27), אַזאַ פראַגע איז זייער גרינג, פּשוט „קלאָר" און פאַרשטענדלעך פאַרענטפערט געוואָרן מיט אַ לעבן נאָכן טויט. דאָרט, אויבן, פירט זיך אַ חשבון. אין אַ ספּעציעלן בוך ווערט אַלץ רעגיסט־רירט — דעם צדיקס גוטע מעשים, ווי דעם רשעס שלעכטע. יעדער וועט סוף־כל־סוף קריגן, וואָס אים קומט.

שפּעטער איז צום סכום פאַנטאַזיעס און לעגענדעס, באַגערן און דער־וואַרטונגען וועגן אַ גליקלעך לעבן „דאָרט", פון יענער זייט לעבן, צוגע־

---

27) די פּראָבלעם איז ניט קיין נייע ביי יידן פון דער גריכישער אָדער רוימישער עפּאָכע. דער נביא ירמיהו האָט זיך נאָך אינעם 6טן י. ה. פ. אונ. צייט פאַרנומען מיט דער פּראָבלעם (ירמיהו י״ב). חבקוק (כמעט אין דער זעלבער צייט ווי ירמיהו, אַ ביסל שפּעטער) ראַנגלט זיך מיט איר (חבקוק א׳) אינעם ספר איוב איז עס די צענטראַלע פּראָבלעם, און אין עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים, זיינען שוין פאַראַן שטעלן מיט דער פּראָבלעם (תהילים ע״ג, למשל).

קומען אויך די לעגענדע וועגן „תחית המתים", אַז אַלע טויטע וועלן צוריק לעבעדיק ווערן.

ווי אַלע פאַנטאַזיעס און לעגענדעס איז די פאָרשטעלונג וועגן תחית המתים געווען מטושטש און פאַרהילט. זייער ווייניק האָבן זיך אַפילו געטו־מען די מי קלאָר ווערן, ווי אַזוי און ביי וואָסערע באַדינגונגען קאָנען גאָר אַלע טויטע פון איצט, פון פריער און פון אַלע דורות, פון דאָ און פון דאָרט און פון אַלע דאָרטנס, צוריק לעבעדיק ווערן. ווי מיט אַלע ניט געלייזטע רעטענישן און אומבאַגרייפבאַרע פאַנטאַזיעס, האָט מען זיך פאַרלאָזט אויף גאָט. ער איז דער קוואַל פון וויסן, פון חכמה און פאַרשטאַנד. ער וועט שוין אויסגלייכן און פאַרענטפערן ווי אַזוי און ווען. די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס איז געשטאַנען פאַר די חסידים, איז צו לייזן דעם „ווען". ווען וועט דאָס אַלץ געשען? — דאָס אַנטפּלעקן, אָדער ווי מיר רופן עס, די אַפּאָקאַליפּטיק, איז געוואָרן דער שליסל צו זייערע אויסזיכטן, די אַקס אַרום וועלכער ס'האָבן זיך געדרייט אַלע מטושטשע אידייען און באַגריפן, אַלע פאַנטאַזיעס און לע־געגדעס פון אַ משיח, פון אַ יענער וועלט, פון תחית המתים, א. אַ.

ווי וויכטיקע אַנטייל־נעמער אין דער שפּיל פון הימלשע גייסטער־כוחות אויף דער וועלט האָבן די סעקטאַנטן אויך אָנגעהויבן אָננעמען די מטושטשע אידייען און באַגריפן פון אַ משיח, פון אַ יענער וועלט און פון תחית המתים ווי רעאַל־מעגלעכע, נאָענטע און פערזענלעכע פּאַסירונגען אין וועלכע זיי אַליין קאָנען, בעסער געזאָגט, וועלן זיכער אָנטייל נעמען.

ווען דער אַנאָנימער נביא, מלאכי (איינער פון די סאַמע לעצטע, אויב ניט דער לעצטער נביא. ער האָט געלעבט און געווירקט זיכער ניט פריער ווי אינמיטן 5טן י.) דערמאָנט דעם נביא אליהו, אַז גאָט וועט אים צושיקן „...צו דערנעענטערן הערצער פון עלטערן און קינדער" (מלאכי ג׳ 23) איז נאָך אליהו הנביא ביי אים אַ ווייטער, די צייט פון זיין קומען איז ניט קיין באַשטימטע, ער גיט ניט אָן קיין דאַטע. אונדזערע פרומע חסידים, רעדן שוין פון זייער מורה צדק, דעם אין סודות איינגעהילטן, זיי דערמאָנען ניט זיין נאָמען נאָך זיין טויט אַפילו, וועגן אים זיינען זיי זיכער, אַז ער וועט זיך צוריק־קערן פון „דאָרט", אַז ער וועט אויפשטיין תחית המתים 28). און נאָך מער: זיי גיבן אָן אַ באַשטימטע דאַטע, ווען דאָס וועט געשען, 40 יאָר נאָך זיין טויט, זאָגן זיי, וועט גאָט זיך דערבאַרעמען אויף אַלע וואָס האָבן בטחון אין אים 29).

---

28) מב"ד 6, 11.
29) מב"ד ח׳ 37־44.

די גרענעצן און קאָנטורן צווישן פאַנטאַזיע אוןווירקלעכקייט זיינען ביי די פרומע חסידים וואָס ווייטער אַלץ מער און מער פאַרווישט געוואָרן. די ליטעראַטור וואָס זיי האָבן געשאַפן, אַ סך פון די אַפּאָקריפן און די מערסטע פסעווד־עפּיגראַפן 30), איז אָנגעפּראָפּט מיט הימלשע און משיח־לעגענדעס און פאַנטאַזיעס. און דאָרט זעט זיך אָן, אַ נאָענטע, פּערזענלעך היימישע באַציאונג צווישן די לעגענדאַרע צדיקים מיט הימלשע מלאכים. חנוך, נח, אברהם, משה, יהושע, דניאל, ירמיהו און אַנדערע פאַרהאַלטן זיך ווי אייגענע און גלייכע מיט די מלאכים, וואָס שטייען ביי גאָטס רעכטער האַנט.

מיט דער צייט זיינען ביי זיי אינגאַנצן פאַרשוואונדן די גרענעצן צווישן געגאַרטן וואונטש און דער ווירקלעכקייט. וואָס טיפער ס'איז געוואָרן זייער איזאָלאַציע, וואָס ווייטער זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון כלל, וואָס מער זיי האָבן זיך פאַרטיפט אינעם „קץ" — אַלץ מער האָבן זיי זיך אָפּגעריסן פונעם רעאַלן לעבן, און פאַרזונקען געוואָרן טיפער אינעם עסכאַטאָלאָגישן מדבר פון הימלשע פאַנטאַזיעס.

ווען די לעגענדעס און פאַנטאַזיעס ווערן שפּעטער איבערגענומען פון אַנדערע פרומע יידישע געמיינדעס, אַזעלכע וואָס זיינען באַשטאַנען פון גרים, נעכטיקע היידן, מענטשן פון אַנדערע סביבות און פון אַן אַנדער הינטערגרונט, האָבן זיי באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען, און האָבן זיך אַנטוויקלט אין שאַרפן קאָנטראַסט צו די רעליגיעזע באַגריפן פון די פרומע חסידים.

---

30) מיר מוזן ניט אָננעמען, אַז אַלע אָדער די גאָר גרעסטע צאָל פון די אַפּאָקריפן און די פסעווד־עפּיגראַפן זיינען געשאַפן געוואָרן פון די חסידים נאָך דער שפּאַלטונג. אַ סך פון די ביכער זיינען וואַרשיינלעך געשאַפן געוואָרן פאַר דער שפּאַלטונג, און פאַר זייער אָפּזונדערן זיך אין דער מדבר. מיר מוזן אָבער אָננעמען, אַז נאָר די חסידים, פאַר דער גרויסער שפּאַלטונג און נאָך איר, זיינען געווען אָדער געקאָנט זיין דער באָדן, דער מקור, פון וועלכן דער סאָרט ליטעראַטור האָט געקאָנט אַרויסוואַקסן.

דר. שלמה שעכטער, אין דעם אַריינפיר צו זיין בוך „דאָקומענטס אָוו דזשואיש סעקטאַריעס", ז. 28, קעמבורידזש, 1910, האָט דעם געדאַנק אַזוי אויסגעדריקט:

„...דער אַלגעמיינער איינדרוק וואָס מיר באַקומען פון דער רבנישער ליטעראַטור, (ד. ה. פונעם תלמוד, — ש. ג.) וואָס איז נאָך אַלעמען, דער סאַמע אויטענטישסטער קוואַל וועגן דער לערע פון די פרושים, איז — אַז זיי, די פרושים, האָבן געהאַט אַ שטאַרקן ווידערגעפיל צו די ספרים חיצונים. ס'איז דערפאַר אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז זיי, אָדער זייער שיטה, זאָלן געווען אָנטייל נעמען אינעם באַשאַף פון דעם סאָרט ליטעראַטור".

דער פיינער היסטאָריקער און טעאָלאָג פון „האַרוואַרד דיוויניטי", פרענק קראָס, האַלט אויך, אַז די גרופּע פרומע סעקטאַנטן ביי יידן, זיינען געווען דער — „זיטץ אים לעבען" — די פאָרם, אין וועלכער ס'איז געשאַפן געוואָרן און ס'האָט זיך אויסגעפאָרמירט די אַפּאָקריפן ליטעראַטור.

## קאַפּיטל 12

# די יידישע דיאַספּאָראַ און די גרים

### א. די יידישע אויסשפּרייטונג

די יידן זיינען צום אָנהייב פון אונדזער צייט רעכ., שוין געווען צעשפּרייט איבער אַלע לענדער אַרום מיטללענדישן ים. היסטאָריקער ציילן היינט אָן מער ווי 200 יידישע ישובים, וואָס האָבן זיך גרופּירט אין אַזוי פיל שטעט אין אַלע לענדער אַרום גרויסן ים, אין מערב־אַזיע, אין קליין אַזיע, אין מצרים און אין אַנדערע לענדער אין צפון־אַפריקע, אין גריכנלאַנד, אין רוים, אין גאַליע (פראַנקרייך) און טיפער אין אייראָפּע.

יאָזעפוס פלאַוויוס ציטירט אין זיין יידישער געשיכטע 1), דעם גריכישן היסטאָריקער און געאָגראַף, סטראַבאָ, (אָדער סטראַבאָן), וואָס האָט אַ סך אַרומגערייזט און איבערגעלאָזן אַ צאָל ביכער וועגן געשיכטע און געאָגראַפיע 2). סטראַבאָן באַקלאָגט זיך, אַז:

„...די יידן געפינען זיך אין אַלע שטעט. ס'איז כמעט ניטאָ אויף דער וועלט קיין איין באַוואוינט אָרט, וואו דער שטאַם איז ניט אַריינגעדרונגען און איבט ניט אויס קיין איינפלוס".

אין עוואַנגעליום, אין בוך „אַקטן", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַרום צווייטן י. ה. פון אונ. צייט רעכ., ווערן אויך אויסגערעכנט אַ סך לענדער אַרום דעם מיטללענדישן ים, וואו ס'האָבן זיך געפונען יידישע ישובים 3).

צוויי פאַקטאָרן האָבן פאַראורזאַכט די אויסשפּרייטונג פון די יידן איבער פרעמדע ווייטע לענדער. איין סיבה איז געווען דאָס, וואָס אַ סך

---

1) אַלטערטימער, בוך 14, קאַפּיטל 7, פּאַראַגראַף 2.

2) כמעט אַלע זיינע היסטאָרישע ביכער זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. געבליבן איז נאָר דאָס וואָס איז געווען ציטירט פון אַנדערע היסטאָריקער נאָך אים. ער האָט געלעבט פון אַרום דעם יאָר 63 פאַר, ביזן יאָר 21 אונ. צייט.

3) אַקטן. קאַפּיטל 2, 9־11.

יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד בשעת אַן איבערפאַל פון פּיינטלעכע און שטאַרקע שכנים. אַזוי איז באַקאַנט, אַז אשור האָט סוף 8טן י. ה. פאַר אונ. צייט רעכ. פאַרטריבן די מערסטע איינוואוינער פון דער צפונדיקער מלכות ישראל, און אין אָנהייב 6טן י. ה. פאַר אונ. צייט, האָט בבל פאַרטריבן אויפן מזרח די מערסטע איינוואוינער פון מלכות יהודה.

אַ צווייטע וויכטיקע אורזאַך פאַר דער צעשפּרייטונג איז געווען די פּריוויליקע אויסוואַנדערונג פון יהודה, צוליב די זייער אָפטע אומרואיקע צייטן וואָס דאָס לאַנד האָט דורכגעלעבט.

דאָס יידן לאַנד האָט זיך געאָגראַפיש ניט געפונען אויף קיין באַקוועם אָרט. ווען די גרויסע פעלקער פון אַלטערטום, אשור און בבל, מצרים און פּערסיע, גריכנלאַנד און שפּעטער רוים, האָבן זיך גענומען באַוועגן אין יענע געגנטן, אויסשפּרייטן זייער איינפלוס און מלחמה האַלטן איינער מיטן אַנדערן, האָט זיך דאָס קליינע לאַנד יהודה זייער אָפט זיי „געפּלאָנטערט אונטער די פיס". יהודה איז לאַנגע יאָרהונדערטער כסדר געווען אונטער־יאָכט אונטער פרעמדע הערשער: פריער אונטער די בבלים און אויך אונטער די מצרים, שפּעטער אונטער די פּערסן, נאָך שפּעטער אונטער די גריכן, און צו לעצט אונטער די רוימער. דערצו זיינען אַ סך פרעמדע (און אויך איי־גענע) מלחמות אָפט געפירט געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון יהודה, וואָס איז געלעגן מאַכטלאָז ביי די גרענעצן פון מעכטיקע שכנישע פעלקער.

די אָפטע איבערפאַלן איבער יהודה האָבן זיך מערסטנס געענדיקט מיט דעם, אַז אַ סך יונגע יידן זיינען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און פאַרקויפט געוואָרן אויף די שקלאַפן־מערק אין די וויטע לענדער. אַ סך יידן האָבן אין די אומרואיקע צייטן עמיגרירט פון זייער לאַנד און זיינען געלאָפן אין שכנישע לענדער, געוויינלעך זיך דערשלאָגן צו אַ יידישן ישוב ערגעץ אין דער וויטער פרעמד, און זיך דאָרטן באַזעצט. אומרואיקע צייטן זיינען אין יהודה געווען אַ סך מער ווי רואיקע, און די יידישע אויסשפּריי־טונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, געשפּייזט פון דער עמיגראַציע.

ווי נאָענטע שכנים פון די פיניקיער (צור און צידון), וואָס זיינען לאַנגע יאָרהונדערטער געווען די אָנערקענטע וועלט־סוחרים, האָבן יידן זיך אויסגעלערנט ביי זיי וועלט מסחר. פאַרבינדונגען מיט פרעמדע לענדער האָבן יידן געהאַט מער ווי אַנדערע סוחרים, האָט דאָס אויך צוגעטראָגן צו דער אויסשפּרייטונג פון דער דיאַספּאָראַ.

די מערסטע יידישע שקלאַפן, וואָס זיינען פאַרקויפט געוואָרן אין דער וויטער פרעמד, פלעגן אויסגעקויפט ווערן פון די יידישע געמיינדעס אין

די ווייטע שטעט און לענדער. פּדיון שבויים (אויסלייזן געפאַנגענע) איז אין יענער צייט געווען ביי יידן איינע פון די וויכטיקסטע מצוות. די באַפרייטע פלעגן מערסטנס בלייבן וואוינען אין די ווייטע לענדער, איבערהויפּט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן ניט געהאַט אויף הוצאות צוריקקומען אַהיים. אָפט אויך דערפאַר וואָס זיי פלעגן שוין זיין צוגעבונדן צו אַ פאַמיליע אין דער פרעמד, אַ פרוי מיט קינדער. אַזוי האָבן די יידישע ישובים אין דער ווייט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

דער באַרימטער יידישער פילאָזאָף, פילון פון אַלעקסאַנדריע, וואָס האָט געלעבט פון אַרום דעם יאָר 20 פאַר, ביז אַרום דעם יאָר 50 אונ. צייט, דערציילט, אַז אין זיין צייט, האָבן אין מצרים געלעבט 100 מיריאַדן, (אַ מיליאָן) יידן. (די גאַנצע באַפעלקערונג פון מצרים איז דאַן געווען אַרום 8 מיליאָן.)

אויסער יהודה, זיינען די יידישע ישובים אין מצרים און אין בבל געווען פון די עלטסטע. אין בבל האָט זיך דער ישוב אָנגעהויבן מיט די יידן וואָס אשור האָט פאַרטריבן פון ישראל אין יאָר 722 פאַר אונ. צייט, און וואָס נבוכדנצר האָט געבראַכט מיט זיך, נאָכדעם ווי ער האָט באַזיגט יהודה,— (אין יאָר 586). אין מצרים איז דער יידישער ישוב געווען אַן עלטערער, און האָט זיך אָנגעהויבן נאָך איידער יהודה איז באַזיגט געוואָרן פון די בבלים 4).

דער יידישער ישוב איז אין בבל געווען אַ גוט איינגעאָרדנטער, מיט אַ גרויסן שיכט שעפערישער אינטעליגענץ, וואָס האָט אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויפן גייסטיקן לעבן פון די דאָרטיקע יידן, און אויך אויף די יידן פונעם הויפּטלאַנד יהודה, ווי אויף זייערע ברידער אין די גאָר ווייטע ישובים.

די יידן פון די תפוצות זיינען כמעט אין אַלע לענדער פון דער רוימישער אימפּעריע געווען פאַררעכנט פאַר רוימישע בירגער. זיי האָבן אַפילו געהאַט באַזונדערע אויטאָנאָמע פּריווילעגיעס, אָפט בעסערע ווי די אַנדערע באַזיגטע פעלקער, ספּעציעל דערפאַר וואָס זיי האָבן אַזעלכע פּריווילעגיעס געפאָדערט צוליב זייער רעליגיעזער אָפּגעזונדערטקייט. אַזוי, למשל, האָבן זיי געהאַט רעכט צו בויען זייערע רעליגיעזע צענטערן, די סינאַגאָגן. אמת, זייער אָפט זיינען זיי באַשטייערט געוואָרן מער ווי די אַנדערע. נאָר דאָס האָט אפשר געקאָנט זיין מער דערפאַר וואָס זיי זיינען, ווי אַ כלל, געווען

4) ירמיהו כ״ד 8; כ״ו 22; און אין קאַפּיטלען 42 און 44.

פאַרדעכנט צווישן די מער פאַרמעגלעכע שיכטן. דערצו איז באַקאַנט, אַז זיי פלעגן זיך פּריווילעגיק באַשטייערן מיט אַ יערלעכן אָפּצאָל צום צענטער אין ירושלים.

## ב. יידן אַסימילירן זיך ניט צווישן די שכנים

אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע, קלענערע פעלקער אין דער אַנטיקער וועלט, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע לענדער און האָבן פאַר־לאָרן זייער זעלבשטענדיקייט, האָבן יידן אין דער פרעמד זיך ניט אויסגעמישט מיט זייערע שכנים. אין די תפוצות האָבן זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען. גלייך נאָכן עטאַבלירן זייער ישוב, האָבן זיי זיך אויסגעבויט אַ פאַרזאַמ־לונג צענטער, אַ בית הכנסת, אָדער ווי זיי האָבן עס גערופן אין גריכיש, אַ „סינאַגאָג״, און דאָרטן פאַרגעזעצט זייער גייסטיק לעבן, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום זייער רעליגיע, זייער תורה. זינט עזראן און נחמיהן איז דער הויפּט געוויכט פון זייער גייסטיק לעבן געלעגן, ניט אינעם רע־ליגיעזן צענטער אין ירושלים, נאָר אין דער תורה, אין די הייליקע שריפטן, וואו ס׳זיינען געווען פאַרשריבן זייערע געזעצן און דער טראַדיציאָנעלער בונד פון די אָבות מיט גאָט. ווען דערווייטערט פון זייער היים, האָבן זיי די פאַרמעטן, זייער נייעם גייסטיקן צענטער, זייער גרינג מיטגעטראָגן מיט זיך. יעדן שבת, יעדן ראש־חודש און אַנדערע יום טובים, פלעגן זיי זיך צוזאַמענקומען אין די סינאַגאָגן, הערן לייענען און אויסטייטשן די הייליקע שריפטן, און אָפּט אויך אויסהערן, ווי אַזוי זייערע געלערנטע, אָדער שילוחים פון דער ווייט, פלעגן דרשענען און אויסטייטשן פאַרשידענע פּסוקים פון דער תורה. דער אָנזאָג „ושננתם לבניך״ (זאָלסט זיי אויסלערנען דיינע קינדער) איז מערסטנס אָפּגעהיט געוואָרן, און בשעת די יידנישע שכנים צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, האָבן אין זייער גרויסער מערהייט אַפילו ניט געחלומט פון אויסלערנען זיך לייענען, האָבן זייער אַ סך יידן שוין דאַמאָלט געלייענט זייערע שריפטן אין זייער אייגענער שפּראַך, אָדער איבערגעזעצט אין דער לאַנד שפּראַך.

פון אַרום מיטן דריטן י. ה. פאַר אונדזער צייט, ווען די גריכן האָבן שוין געהאַט באַהערשט דעם גאַנצן נאָענטן מזרח, און ביז אַרום דעם 5טן י. ה. אונ. צייט, איז די שפּראַך פון די יידן אין די מערסטע ווייטע ישובים, (אויסער יהודה און בבל און ווייטער צו מזרח אין אַזיע) געווען — גריכיש. אַ חוץ די אַלטע געשיכטע קוואַלן, האָבן מיר דערפאַר אויך סמנים

פון אַ סך מצבות וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין אַלט־פּאַרלאָזענע בית־עלמינס, וואו ס׳האָבן זיך אַמאָל געפונען יידישע ישובים. די אויפשריפטן אויף די מצבות זיינען מערסטנס אין גריכיש מיט אַ פּאָר העברעאישע צוגאָב־ווערטער. אַמאָל טרעפט מען אויך אַ לאַטייניש וואָרט, אָדער שורה, צווישן די גריכישע. אין יהודה און אין בבל איז די גערעדטע שפּראַך צווישן די יידן געווען אַראַמעאיש. אין מצרים אָבער, אין סיריע, אין קליין אַזיע און אין אַלע אייראָפּעאישע ישובים פון דער דיאַספּאָראַ איז די גערעדטע שפּראַך צווישן די יידן געווען גריכיש. די יידישע תורה איז נאָך פון דריטן י. ה. פּאַר אונדזער צייט געווען איבערזעצט אויף גריכיש. דאָס לייענען פון דער תורה, די אויסטייטשונגען און די דרשות זיינען געווען אין דער לאַנד שפּראַך. אין געוויסע געמיינדעס זיינען שוין אַפילו תפילות געווען איבערזעצט אין גריכיש, ספּעציעל ביי די וואָס האָבן געהאַט אַ סך גרים צווישן זיך.

אין אַלע תפוצות זיינען יידן געווען קאָנצענטרירט אין שטעט. מיר וייסן פון זייער ווייניק יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אַגריקולטור. איינצלנע, נאָר געציילטע רייכע יידן־פּאַטריציער זיינען געווען אין רוים, וואָס האָבן פאַרמאָגט לאַטיפונדיעס, ד. ה. ערד־מאַיאָנטקעס וואָס זיינען באַאַרבעט געוואָרן פון שקלאַפן, אַזוי ווי אַלע אַנדערע מאַיאָנטקעס אין רוים אין יענער צייט. מיר וייסן אָבער פון זייער אַ סך בעל־מלאָכות און פון הענדלער צווישן די יידן אין דער דיאַספּאָראַ. אין די סינאַגאָגן פלעגן זיי זיך גרופּירן לויט די מלאכות, און אָפט זיינען אויף די מצבות פאַרצייכנט זייערע פאַכן. אַזוי דערוויסן מיר זיך פון בריוו, דאָקומענטן, מצבות און אַנדערע קוואַלן, וועגן יידן־וועבער, געצעלטן־מאַכער, זייד־סוחרים, קצבים, זינגערס און שפּילערס, גאָלד־און זילבער־שמידן, רופאים און שרייבער. מיר וייסן אויך, אַז אין די שפּעטערע יאָרן זיינען אין רוים געווען יידן אָראַטאָרן, דיכטער, אַסטראָלאָגן, ציווילע באַאַמטע און אַפילו אַרמיי־אָפיצערן, און אויך, פאַרשטייט זיך, שאַרלאַטאַנעס 5).

דער קאָנטאַקט מיט די ניט־יידן אין די תפוצות איז מערסטנס געווען דורך האַנדל־טראַנזאַקציעס. לויט זייערע רעליגיעזע געזעצן, איז יידן געווען פאַרבאָטן זיך חברן מיט היידן, פאַרברענגען צוזאַמען מיט זיי ביי זייערע שפּילן, גיין אין זייערע טעאַטערן אָדער צירקן און אודאי ניט אין זייערע

---

5) ביזן מיטלאַלטער הערן מיר ניט אַז יידן זאָלן ערגעץ וואו אָנגערופן ווערן געלט־לייער אָדער פּראָצענטניקעס.

קלויסטערס. איבעריק צו זאָגן, אַז צוליב די כשרות־געזעצן, וואָס יידן האָבן אָפּגעהיט פון לאַנגע יאָרהונדערטער, האָבן זיי קיינמאָל ניט געגעסן צו־זאַמען מיט היידן.

געמישטע חתונות זיינען געווען שטרענג פאַרבאָטן, סיידן ווען די היידן האָבן זיך מגייר געווען.

דער קאָנטאַקט מיט די היידנישע שכנים אַרום איז, אַ חוץ דורך מסחר, אויך געווען דורך אָפטע דיסקוסיעס און רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז דאַן געפירט געוואָרן צווישן די יידן מיט זייערע שכנים. אין יענער צייט האָט זיך צוליב אַ סך און פאַרשידענע אורזאַכן פאַרשפּרייט אין די מערסטע תפוצות אַ טיפע און געדיכטע שנאה צו די יידן. מיאוסע, אויס־געטראַכטע בילבולים האָבן צירקולירט צווישן די ניט יידן. די טרעגער פון דער שנאה און פון די בילבולים זיינען מערסטנס געווען היידנישע פּריסטער, וואָס האָבן זיך באַמיט אָפּשלאָגן די יידישע פּראָפּאַגאַנדע, און אויך די ניט־יידישע שטעט־איינוואוינער, האַנטווערקער און סוחרים, וואָס האָבן זיך באַגעגנט מיט יידישער קאָנקורענץ.

איינע פון די וויכטיקסטע אורזאַכן פאַר די אַנטי־יידישע שטימונגען איז געווען דאָס, וואָס די יידן פלעגן אָפּלאַכן און חוזק־מאַכן פון דעם רעליגיעזן קולט פון די היידן. דער קעניג קלאַודיוס (געהערשט אין רוים פון יאָר 41 ביזן יאָר 54 א. צ.) האָט אין זיין צייט אַפילו אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז די יידן אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע האָבן אַ רעכט צו דינען זייער גאָט ווי זיי ווילן, זיי טאָרן אָבער ניט אָפּלאַכן, ניט חוזק מאַכן פונעם רעליגיעזן קולט ביי די אַנדערע פעלקער 6).

כדי אָפּצולייקענען די מיאוסע בילבולים וואָס זיינען פאַרשפּרייט גע־וואָרן וועגן זיי, פלעגן די יידן זייער אָפט אַריינציין אין רעליגיעזע דיספּוטן מיט זייערע היידן־שכנים. פון דער אָפּאָלאָגעטיק איבער די בילבולים, איז מען זייער גרינג אַריבער אין אַטאַקעס אויף דער געצנדינערײַ. אַזעלכע אַטאַקעס זיינען אויך מגולגל געוואָרן אין פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אייגענער רע־ליגיע, וואָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף די היידנישע שכנים, ווי ש. דובנאָוו דריקט זיך אויס: „דער אַפּאָלאָגעט איז געוואָרן אַ מיסיאָנער".

---

6) אַלט. בוך 19, קאַפּ. 5, פּאַר. 3־2.

## ג. גרים ביי יידן

פון די גאָר אַלטע צייטן, ווען די יידן זיינען נאָך געזעסן אויף זייער לאַנד אין יהודה, און דער גלויבן אין יהוה איז נאָך ניט געווען אַזוי אייפערדיק איינגעוואָרצלט אין פאָלק, איז אונדז ניט באַקאַנט, אַז זיי זאָלן זיך געווען יאָגן נאָך גרים. ס׳איז ניט געווען זייער אויפגאַבע מגייר זיין געצנדינער און ראַטעווען נשמות. עס איז נאָך אַ גרויסער ספק צי ס׳האָט שוין דאַמאָלט אַפילו עקזיסטירט דער באַגריף „ראַטעווען נשמות״. אַזוי, אַז זיי האָבן זיך דענסטמאָל אַזעלכע צילן זיכער ניט געשטעלט. אין דער בבל־עפּאָכע און שפּעטער אין דער פּערסישער, מערקט זיך שוין ביי פרומע אָנהענגער פון יהוה אַ שטאַרקער אינטערעס צו באַקערן געצנדינער, פרעמדע, איינצלנע אָדער גאַנצע פעלקער, צום יידישן גלויבן.

אין דער צייט פון דער ערשטער עליה פון בבל, (מיט זרובבל און יהושע), אַרום דעם יאָר 537 פאַר אונ. צייט), הערן מיר שוין פון אַ שטאַרקן צופלוס פון גרים צו דער יידישער מאָנאָטעאיסטישער רעליגיע, און נאָך אַ שטאַרקערן אָפּטימיזם ביי די וואָס האָבן געהאָפט, אַז דער יידישער גלויבן אין יהוה וועט סוף כל סוף ווערן דער הערשנדיקער איבער דער וועלט. ביי די נביאים פון יענער צייט דערפילן מיר אַ האָפענונג, אַז ס׳איז נאָענט די צייט, ווען אַלע פעלקער וועלן אַוועקוואַרפן זייערע געצן און זיך ווענדן מיטן פּנים צום יידישן גאָט. יידן זיינען טאַקע גאָטס פאָלק, די סאַמע אויסדערוויילטע, אָבער די אַנדערע פעלקער וועלן דורך די יידן אויך אויסגעלייזט ווערן, און רוען אונטער די פליגלען פון יהוה.

„...ביום ההוא״, זינגט דער נביא זכריה, וואָס האָט צוגעטראָגן זיין חלק באַגייסטערונג פאַרן אויפבוי פון צווייטן בית המקדש, „אין יענעם טאָג וועלן אַ סך פעלקער צושטיין צו יהוה, און זיי וועלן זיין מיין פאָלק״. (זכריה ב׳ 15) אָדער, ״...אַזוי זאָגט יהוה, עס וועט נאָך געשען, אַז קומען וועלן פעלקער און באַוואוינער פון פיל שטעט. און די באַוואוינער פון איין שטאָט וועלן גיין צו דער אַנדערער: לאָמיר גיין בעטן פאַרן גאָט יהוה, לאָמיר גיין זוכן דעם גאָט יהוה; „...און קומען וועלן פיל אומות און מעכטיקע פעלקער וועלן זוכן דעם גאָט יהוה״ (זכריה ח׳ 22־21). אַ סך אויסדרוקן אין תהילים וואָס שטאַמען פון יענער צייט, דריקן אויס אַ האָפענונג און אַ פרייד, אַז:

„...לויבן וועלן דיך די פעלקער, גאָט, לויבן וועלן דיך די פעלקער אַלע, פאַר גאָט וועלן מורא האָבן אַלע עקן פון דער וועלט. (תהילים ס״ז 6) יהוה׳ס שטאַרקסטע קעגנער וועלן אויך ניט אָפּשטיין:

„איך וועל נאָך איינזאַמלען צו אים די וואָס פלעגן זיך איינזאַמלען קעגן אים. (ישעיה נו׳ 8).

אַזעלכע באַגייסטערטע אָפּרופן און האָפענונגספולע דערוואַרטונגען וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער רעליגיע זיינען אַ קלאָרער באַווייז, אַז אין יענער צייט איז טאַקע געווען אַ שטאַרקער צופלוס פון גרים צום יידישן גלויבן. ס׳זיינען אויך געווען שטאַרקע מניעות וואָס זיינען געשטאַנען די גרים אין וועג. די סאָציאַל פּאָליטישע לאַגע פון די יידן, איז ניט געווען קיין גוטע. גאָטס אויסדערוויילט פאָלק האָט דאָך געדאַרפט זיין מעכטיק און גליקלעך, לכל הפחות, ניט אונטעריאָכט אונטער פרעמדע פעלקער.

אַ צווייטע, זייער וויכטיקע אורזאַך, פאַרוואָס דער צופלוס פון גרים איז ניט געווען אַזאַ ווי ער האָט געדאַרפט אָדער געקאָנט זיין, איז געווען דער אַקט פון איבערגיין צום יידישן גלויבן. דאָ האָט זיך געפאָדערט ניט גלאָט אַ דעקלאַראַציע אָדער אַ ברכה צי אַ שבועה פון אַ כהן, נאָר אַן אמת קערפּערלעכע אָפּעראַציע. ברית מילה איז געווען אַ מוז פאַר אַ גר.

ס׳איז באַוואוסט, אַז אין די אַלטע צייטן, נאָך פאַרן גלות בבל, זיינען שוין געווען ביי יידן גרים, פרעמדע, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צום יהוה גלויבן. אין די עלטסטע שריפטן פון תנ״ך, זיינען פאַראַן אָנזאָגן, אַז מ׳טאָר ניט דריקן דעם גר, מ׳טאָר אים ניט אָפּנאַרן, „ווייל איר זיינט אַליין געווען גרים אין מצרים״, ווערט איבערגעחזרט מערערע מאָל אין די עלטערע שריפטן. ירמיה דער נביא דערמאָנט די גרים עטלעכע מאָל. דאָס אונטער־דריקן דעם גר איז איינע פון די זינד פאַר וועלכע גאָט האָט געשטראָפט די יידן און פאַרטריבן פון זייער לאַנד 7).

די זעלבע באַציאונג צום גר האָט דער נביא יחזקאל 8). דאָס זעלבע טוט דער אַנאָנימער נביא וועמען מיר רופן, ישעיה דער צווייטער. (ער האָט געלעבט אין דער צייט פון כרש מלך פרס, אין דער ערשטער העלפט פון 6טן י. ה. פאַר אונ. צייט.) ער רעדט אויס דאָס האַרץ און טרייסט די פרעמדע, די גרים, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צום יידישן גלויבן, אַז זיי זאָלן ניט זיין געפאַלן ביי זיך. יהוה האָט זיי אויך אין זינען און האָט גרייט פאַר זיי אַ ליכטיקע צוקונפט 9).

---

7) ירמיהו ז׳ 6; י״ד 8; כ״ב 3.

8) יחזקאל י״ד 7; כ״ב 29; מ״ז 22־23.

9) ישעיהו נ״ו 3־8.

ס ערשטע מאָל ווען ס׳באַווייזט זיך אין תנ״ך אַן אַנדערע באַציאונג צום גר — איז אין תורת כהנים 10) — ביכער און קאַפּיטלען וואָס זיינען פאַר־פאַסט, איבער־געשריבן אָדער קאָפּירט און אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין דער צייט פון עזרא און נחמיה.

אין ויקרא כ״ה, דאָס קאַפּיטל וואָס רעדט אַרום די געזעצן וועגן שקלאַפן, שטעלט דער פאַרפאַסער אַוועק דעם סטאַטוס פון אַ גר, אינגאַנצן אַנדערש ווי פון אַ יידן. אַז מ׳קויפט אַ יידישן שקלאַף, (שקלאַפעריי איז דאַן געווען אַן אָנגענומענע אינסטיטוציע ביי יידן, ווי ביי דער גאַנצער וועלט), מוז ער אין זי יובל יאָר באַפרייט ווערן. און נאָך פאַרן יובל יאָר, איז אַ מצוה ער זאָל אויסגעקויפט און באַפרייט ווערן. זאָל עס טאָן אַ פעטער זיינער, אַ קרוב, אַ גואל, ווער ס׳זאָל ניט זיין, אַ יידישער קנעכט דאַרף באַפרייט ווערן. זיין סטאַטוס איז ניט ווי פון אַ שקלאַף, נאָר ווי פון אַ שכיר־יום, אַן אַרבעטער וואָס פאַרדינגט זיך אויף טאָג אַרבעט.

אַנדערש איז, אַז מ׳קויפט אַ קנעכט, אַ גר. דער מוז שוין ניט באַפרייט ווערן אין אַ יובל־יאָר. מ׳קאָן אים האַלטן פאַרשקלאַפט אויף אייביק. מ׳קאָן אים לאָזן בירושה צו קינדער און קינדס־קינדער. די מענטשלעכע באַציאונג צום גר, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעזען ביי די נביאים, עטלעכע דורות פריער, האָט זיך געביטן אין דער צייט פון עזרא און נחמיה.

די שטימונג קעגן גרים האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אַ סך סימנים זיינען געבליבן אין די אַלטע שריפטן, עדות, אַז די גרים פּראָבלעם איז פּאָזיטיוו פאַרענטפערט געוואָרן אַ דור אָדער אַ פּאָר דורות נאָך עזראַן און נחמיה׳ן. דער ספר „רות״ האָט קאַטעגאָריש געלייקנט די איינשטעלונג, אַז גרים שטייען אויף אַ נידעריקערער שטופע, אָדער אַז מ׳מוז אומבאַדינגט אַרויסוואַרפן אַ פרוי, וואָס שטאַמט פון די פרעמדע. דוד המלך אַליין, דער גרעסטער פון די מלכים ביי יידן, איז אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ פרוי וואָס האָט זיך מגייר געווען, פון רות המואביה, דער ספר אסתר, וואָס איז וואַר־שיינלעך געשאַפן געוואָרן צום סוף פון 4טן י. ה. פאַר אונ. צייט, דערמאָנט

---

10) תורת כהנים באַשטייט פון די פאָלגנדע טיילן אין תנ״ך:
פון שמות כ״ה ביז ל״א 18; פון שמות ל״ה ביזן סוף בוך; דער גאַר גרעסטער טייל פון די חומשים ויקרא און במדבר.

די פאַרפאַסער פון די פריער דערמאָנטע טיילן פון דער תורה האָבן אויך איבער־געשריבן און „באַאַרבעט״ דעם ספר בראשית; רעדאַגירט דעם ספר דברים און איבערגע־שריבן דעם גרעסטן טייל פון ספר יהושע. די הויפּט־רעדאַקציע פון דער תורה האָט בעתן אָפּשליסן צוגעגעבן און אויך אַראָפּגענומען אַ סך ווערטער, פסוקים און גאַנצע געזעצן.

שוין אַ פּראָגראַם וועגן „יידישן" די ניט יידן. „...ורבים מעמי הארץ מת־יהדים"... (און פיל פון די פעלקער פון לאַנד ווערן יידן). דאָ דערקענט זיך שוין אַ נייער צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פון אַריינגעמען גרים. די פרעמדע גייען אַריבער צום יידנטום, ווייל „...כי נפל פחד היהודים עליהם", (זיי דערשרעקן זיך פאַר די יידן.) (אסתר ח' 17). דאָס האָט אפשר געקאָנט גשען מער אין דער פאַנטאַזיע פונעם מחבר ווי אין דער ווירקלעכקייט. דער פאַקט איז, אַז ווען די גריכן זיינען געקומען אינעם מזרח און אָנגעהויבן מיט געוואַלד אַרויפצווינגען זייער קולטור אויף די באַזיגטע פעלקער, האָבן יידן זיך אויסגעלערנט ביי זיי דעם דאָזיקן מעטאָד צו באַקערן אַנדערע. אַזוי דערהערן מיר שוין, אַז צום אָנהייב פון דער גריכישער עפּאָכע האָבן יידן געצוואונגען זייערע ניט־יידישע שקלאַפן זיך מגייר זיין. פון די חשמונאים, דערציילט אונדז פלאַוויוס, אַז יוחנן הורקנוס האָט מיט גוואַלד מל געווען, ד. ה. מגייר געווען די אדומים צום סוף פון 2טן י. ה. פאַר אונ. צייט. 11) און זיין זון אַריסטאָבול האָט מיט גוואַלד מגייר געווען די פרעמדע איינוואוינער פון גליל 12).

## ד. גרים ביי יידן אין דער רוימישער עפּאָכע

אין דער רוימישער עפּאָכע, ווען זייער אַ סך יידן האָבן געלעבט אין די ווייטע תפוצות אַרומגערינגלט מיט ניט יידן, האָבן זיי זיך זייער אינטענסיוו פאַרנומען מיט רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, און האָבן געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן זייערע רייען מיט גרים. אין פאַרלויף פון עטלעכע הונדערט יאָר, פון די חשמונאים, אַרום מיטן 2טן י. ה. פאַר און ביזן סוף ערשטן י. ה. אונדזער צייט, זיינען מאַסן היידן אַריבער צום יידישן גלויבן אין די מערסטע לענדער פון דער יידישער דיאַספּאָראַ.

עס קאָן אויסקוקן מאָדנע, נאָר ס'איז אַ פאַקט, אַז גראָד אין דעם פעריאָד, ווען די לאַגע פון די יידן, סיי אין יהודה, סיי אין די תפוצות, איז געווען אַ געדריקטע, ווען די צעריסנקייט אינעווייניק, אין די אייגענע רייען איז געווען עד חרמה, אויף קיינמאָל ניט פאַרהיילט צו ווערן, ווען אין אַ סך שטעט אין די פרעמדע לענדער האָט זיך געשטעלט אַ וואַנט פון שנאה צווישן די יידן מיט זייערע שכנים, אַ שנאה, וואָס האָט זיך אָפט אויסגע־

11) אַלט. בוך 13, קאַפּ. 9, פּאַר. 1.

12) אַלט. בוך 13, קאַפּ. 11, פּאַר. 3.

דריקט אין בלוטיקע פּאָגראָמען, אין אָנפאַלן פון אַן אויפגערייצטן המון אויף די יידן, מיט הונדערטער און טויזנטער דערהרגעטע, מיט פאַרברענטע סי־נאַגאָגן און צעראַבירטן האָב און גוטס 13) — גראָד אין דער צייט הערן מיר פון אַ שטאַרקן אינטערעס צו דער יידישער אמונה צווישן די היידנישע שכנים אין זייער אַ סך לענדער.

קיין חידוש איז דאָס ניט. דאָס איבערלויפן צום יידישן גלויבן איז ניט געווען קיין נס פונעם הימל. אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ צעפאַלונג־פּראָצעס אין די היידנישע רעליגיעס און אין זייערע קולטן אין די מערסטע לענדער אַרום מיטללענדישן ים. דער אויטאָריטעט פון די מעסאָפּאָטאַמישע געטער, פון „כמוש", פון „בעל", פון „דגון" און „עשתרות", ווי אויך פון די מצרישע „ראַ" און „אָזיריס", און אַלע אַנדערע גרעסערע און קלענערע גע־טער, איז פריער געפאַלן פאַר דעם בבלישן „מרדך", און מיט אַ פּאָר געציילטע דורות שפּעטער, האָבן שוין אַלע זייערע פּריסטער, מרדך'ס אַריינגערעכנט, געמוזט קניען פאַר די פּערסישע געטער, און ברענגען קרבנות, איבערבעטן דעם בייזן אחרימון. ניט לאַנג נאָכדעם האָבן די אַלע פּריסטער געמוזט בויגן זיך פאַר דעם גאָט זעאוס, פאַר אַפּאָלאָ און פאַרן גאַנצן אָלימפּ וואָס די גריכן האָבן אַריינגעבראַכט אין דעם טייל פון דער וועלט. ס'האָט ווידער לאַנג ניט גענומען, און דער גריכישער אָלימפּ האָט געמוזט טיילן זיין געט־לעכקייט מיטן רוימישן יופּיטער און מיט די אַנדערע פון זיין פּאַנטעאָן. דורך די גרינטלעכע איבערבייטן האָבן די פּריסטער פון די אַלערליי קולטן — אָנגעוואוירן זייער כישוף. זיי האָבן אויסגעפּרואווט אַ סך מיטלען אָפּצושטעלן דעם צעפאַלונגס־פּראָצעס און ס'האָט ניט געהאָלפן. זיי האָבן צוגעטראַכט פאַרשיידענע פאַרוויילונגען, שפּילן, און האָבן אַפילו איינגעפירט געשלעכט־אָרגיעס אין זייערע היידנישע טעמפּלען, כדי דערמיט איינהאַלטן די גלויביקע און ניט פאַרלירן דעם איינפלוס איבער זיי. דאָס האָט ניט אָפּגעשטעלט דאָס אויפלייזן זיך פון די געצנדינערישע קולטן. אויב עפּעס, האָט עס נאָך דעם פּראָצעס פאַרשנעלערט 14).

---

13) אַזעלכע פּאָגראָמען זיינען אונדז באַקאַנט פון די אַלטע קוואַלן, ווי פלאַוויוס און פילון. די פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען אין אַ סך שטעט, אין די מערסטע לענדער אין דער דיאַספּאָראַ. אַ שרעקלעכער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען אין אַלעקסאַנדריע, מצרים, אין יאָר 40 אונ. צייט.

14) פלאַוויוס רייצט זיך מיט די היידנישע פּריסטער: „...די פרעמדע קומען צו אונדז (צו די יידן), נעמען איבער אונדזערע מנהגים. און וואָס איז צו באַוואונדערן, אונ־דזערע טעמפּלען נאַרן זיי ניט אַריין מיט קיין פאַרגעניגנס" (אַנטי אַפּיון, בוך 2, פּאַר. 40).

דער נאָענטער קאָנטאַקט מיט די יידישע שכנים און די יידישע רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע האָבן, פון זייער זייט, אויך צוגעטראָגן צום צעפאַלונגס פּראָצעס פון די געצנדינערישע רעליגיעס.

די קולטורן פון די יידן און פון זייערע היידנישע שכנים זיינען געווען פאַרשידן און פרעמד איינע דער אַנדערער. אַ סך יידישע מנהגים האָבן טאַקע געקאָנט אויסקוקן ביי די געצנדינער מאָדנע, פרעמד, נאַריש און אַפילו ווילד. דערצו איז די יידישע רעליגיע גאָרניט געווען מסוגל צוציען מאַסן. קיין צערעמאָניאַלן גלאַנץ און טעאַטראַלן קולט האָט די יידישע רעליגיע ניט געהאַט. ס׳זיינען אָבער פאַרט געווען אַזעלכע יידישע מנהגים, און ספּעציעל דאָס אַרט לעבן צווישן די יידן, (ווי אַ רייך משפּחה לעבן, וכדומה), וואָס האָבן פאַראינטריגירט און צוגעצויגן די היידנישע שכנים, און פיל פון זיי, ספּעציעל, פון די אָרעמע שיכטן, האָבן אין יענער צייט אָנגעהויבן איבערנעמען אַ סך פון די יידישע פירונגען 15).

שבת, למשל, איז לויט פלאַוויוסעס עדות זאָגן, געווען אָנגענומען אין זיין צייט אומעטום, אין אַלע לענדער „...ס׳איז ניטאָ קיין גריכישע שטאָט, ס איז ניטאָ קיין אָרט וואו ס׳וואוינען באַרבאַרן 16), אָדער וועלכע אַנדערע פעלקער, וואו ס׳איז ניט אָנגענומען געוואָרן אונדזער מנהג, צו רוען דעם זיבעטן טאָג" 17.

און ניט נאָר שבת, אַפילו אין פראַגן פון דיעטע האָבן זייער אַ סך ניט יידן, לויט דעם עדות זאָגן פון פלאַוויוס 18) און אויך לויט אַנדערע עדות, אָנגעהויבן איבערנעמען די יידישע מנהגים פון כשרות. דער באַקאַנטער רוימישער פילאָזאָף, דראַמאַטורג און שטאַטסמאַן, סענעקאַ, (געלעבט פונעם יאָר 3 פאַר, ביזן יאָר 65 אונ. צייט) באַקלאָגט זיך, אַז „די באַזיגטע האָבן געשאַפן די געזעצן און די איינפירן פאַר די זיגער!".

די יידישע געמיינדעס און זייערע סינאַגאָגן האָבן געהאַלטן אין איין וועראַבירן מיטגלידער צווישן די היידנישע שכנים. אונדז זיינען באַקאַנט רוימישע געזעצן פון יענער צייט, אַז יידן איז פאַרבאָטן מגייר זיין ניט-יידן. פלאַוויוס, למשל, באַרימט זיך, אַז אין אַנטיוכיה האָבן די יידן צו־

15) פאַראַן אַ גמרא, אַז „...גאָט האָט אומיסטן פאַרטריבן די יידן צווישן די פעלקער, כדי זיי זאָלן אַרום זיך אַרומזאַמלען גרים" (פּסחים פ"ז ע"ב).

16) די גריכן (און אויך די רוימער), האָבן אָנגערופן אַלע פעלקער, וואָס האָבן ניט גערעדט קיין גריכיש אָדער לאַטיין — באַרבאַרן.

17) אַנטי אפּיון, בוך 2, פאַר. 40.

18) דאָרטן.

געצויגן אין זייערע סינאַגאָגן אַ סך היידן, וואָס זיינען געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פון די דאָרטיקע יידישע געמיינדעס.

די הויפּט פּראָבלעם, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט מגייר זיין פרעמדע, איז געווען ברית מילה. מיט פּרויען־גרים איז קיין פּראָבלעם ניט געווען. אַ דעקלאַראַציע, אַ שבועה, טבילה און אַן אָבליגאַציע פון עטלעכע אויסגעשפּראָכענע יידישע מצוות, ווי שבת און כשרות, דאָס איז געווען דאָס העכסטע וואָס האָט געקאָנט אַרויפגעלייגט ווערן אויף דער פרוי, וואָס האָט זיך געוואָלט מגייר זיין. פאַר מענער אָבער איז ברית מילה געווען אַ מוז און דערפאַר אַן אָפּהאַלט אינעם פּראָצעס פון איבערגיין צו דער יידישער אמונה. ס׳איז אָבער באַקאַנט, אַז די מערסטע יידישע געמיינדעס זיינען זיך באַגאַנגען שכלדיק, טאַקטיש מיט זייערע ניי־צוגעקומענע פריינט. ס׳איז אַ פאַקט, אַז אין די מערסטע תפוצות האָבן יידן געהאַט איינזען מיט די היידן גרים, און זיי ניט געצוואונגען אָננעמען אַלע תרי״ג מצוות מיט־אַמאָל. זיי האָבן די פרעמדע ביסלעכוויז אָנגעהויבן צוגעוואוינען צו די יידישע איינפירן: שבת, כשרות, יום־טובים, באַזוכן די סינאַגאָגע, שיקן דאָס קינד אין חדר. ברית מילה איז געווען דער סאַמע לעצטער עטאַפּ אין דעם איבערגאַנג־פּראָצעס צום יידישן גלויבן. זייער אָפט האָבן אַזעלכע ניט געמלטע גרים אויסגעלעבט זייערע יאָרן ווי האַלבע יידן.

## ה. די „יראי ה׳״ און די גרים פּראָבלעם ביי די חסידים

אַ סך געמיינדעס האָבן דאַן עקזיסטירט אין די ווייטע תפוצות פון אַזעלכע „האַלבע יידן״, וואָס האָבן אין די יידישע קרייזן געקראָגן דעם נאָמען „יראי ה׳״ (גאָטס פאַרכטיקע) 19).

די יידישע אָנפירער אין די תפוצות האָבן ניט פאַרבראַכן קעגן יידישן געזעץ מיטן דערמוטיקן די געמיינדעס פון די „יראי ה׳״. זיי האָבן זייער פירונג זייער גרינג אויסגעטייטשט לויט די תורה געזעצן. „גר״ אין דער תורה האָט געמיינט אַ פרעמדער, וואָס וואוינט אין די גרענעצן פון לאַנד. איינער וואָס איז שוין אַן אַלטער איינוואוינער, און וואָס האָט שוין אַפילו

---

19) די מערסטע היסטאָריקער זיינען איינשטימיק, אַז דער טערמין „יראי ה׳״ איז אין תנ״ך, ווי אין עוואַנגעליום, געווײנלעך אָנגעמאָסטן אויף די ניט־יידן, וואָס האָבן טיילוויז איבערגענומען די יידישע רעליגיעזע מנהגים און געזעצן. אַזוי און ניט אַנדערש קאָן מען פאַרשטיין דעם טערמין „יראי ה׳״ אין תהילים קטו׳, 11; תהילים קי״ח 4; קל״ה 20, אין עוואַנגעליום איז דער טערמין פאַראַן אַ סך מאָל אין „עפּיסטל צו די רוימער״, און נאָך.

איבערגענומען די מערסטע יידישע געזעצן און מנהגים, נאָר האָט נאָך ניט געמאַכט דעם לעצטן שריט צו ווערן אַ ייד, אַזאַ האָט די תורה גערופן אַ „תושב". די „יראי ה'" זיינען אַזוי אַרום דערקלערט געוואָרן פאַר תוש־בים, פאַר אַלטע איינוואוינער, וואָס גייען פאַמעלעך אַריבער צו דער יידישער אמונה 20).

אין אַלטע גריכישע און לאַטיינישע שריפטן פון יענער צייט זיינען פאַראַן אָנדייטונגען אויף די אונטערשידן צווישן געבוירענע און געוואָרענע יידן און אויך אויף געמישטע געמיינדעס. פון די פראַגן וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן צום אַפּאָסטאָל פּאָול און פון זיינע ענטפערס צו די קריסטלעכע געמיינדעס ווייסן מיר, אַז ערלים און געמלטע זיינען געווען צוזאַמען מיטגלידער אין איינע און די זעלבע געמיינדעס. דאָרט הערן מיר אויך פון די „יראי ה'", ווי די ערשטע קריסטן ווערן אָנגערופן 21).

„יאָזעפוס פלאַוויוס, אין זיין פּאָלעמיש בוך, „אַנטי אַפּיון" 22), ברענגט עטלעכע מאָל אַרויס דעם פאַקט, אַז אַסך היידנישע שכנים אין די תפוצות האָבן אָנגענומען, אויב ניט די יידישע אמונה אינגאַנצן, איז כאָטש געוויסע טיילן פון די יידישע מנהגים און פון יידישן לעבנס שטייגער 23).

אין די געפונענע מאַנוסקריפּטן איז די גרים פּראָבלעם ניט שטאַרק אָפּגעשפּיגלט. און ס'איז ניט קיין חידוש. די מערסטע פון די מגילות זיינען פאַרפאַסט געוואָרן פריער, איידער די גרים פּראָבלעם איז געוואָרן אַן ערנסטע. דערצו נאָך, איז דער אינטערעס צו גרים געווען אַקטועל מערסטנס צווישן די יידן אין די תפוצות. ביי די איזאָלירטע חסידים אין דער מדבר איז דער אינטערעס צו גרים געווען זייער אַ קליינער. מיר שטעלן זיך פאָר, אַז

---

20) ס'איז באַוואוסט, אַז אין די יידישע געזעצגעבנדע קרייזן איז ניט געווען קיין איינשטימיקייט וועגן דער גרים־פּראָבלעם. ס'זיינען באַקאַנט די מעשיות, ווי היידן האָבן זיך געווענדט צו שמאי און צו הלל, מ'זאָל זיי מגיר זיין, נאָר מיט אַ תנאי — זיי אויסלערנען די תורה שטייענדיק אויף איין פוס, אָדער מיט אַ פאַרפליכטונג אָפּצוהיטן נאָר די תורה שבכתב (די 5 חומשים), און ווי שמאי האָט אַזעלכע גרים פאַרטריבן, און הלל האָט זיי מקרב געווען (מסכת שבת, ל"א ע"ב).

21) „עפּיסטל צו די רוימער", קאַפּיטלען 2, 3 און 4.

22) אפּיון, אַ גריך פון אַלעקסאַנדריע, מצרים. ער האָט געלעבט און געווירקט אינמיטן ערשטן י. ה. אונ. צייט. אַ שונא פון די יידן, האָט ער אַרויסגעלאָזט שריפטן מיט בילבולים אויף זיי. ער איז געווען אַ דעלעגאַט פון די גריכן אין מצרים צום קעניג קאַליגולאַ אין רוים, זיך קלאָגן אויף די יידן. פלאַוויוס האָט אָנגעשריבן אַ בוך „אַנטי אַפּיון", אָפּלייקענען די בילבולים.

23) פלאַוויוס, אַנטי אפיון, בוך 2, 40.

ס׳האָט געקאָנט זיין אַ פאַרבינדונג פון דעם קומראַן צענטער מיט די אַנ־דערע גרופּן און „חבורות" חסידים אין יהודה, אָדער אַפילו אויסערן לאַנד 24). מיר טאָרן אָבער ניט אָננעמען, אַז די פאַרבינדונג צווישן די גרופּעס איז אין יענער צייט געווען אַ גרינגע און נאַרמאַלע, ווי למשל, די פאַר־בינדונג פון אַן אָרגאַניזירטן צענטער מיט די צווייגן אין אונדזער צייט. זיי האָבן שוין טאַקע דאַן אויך געהאַט אַן אָנגענומענע קאָנסטיטוציע מיט אַן אָבליגאַטאָרישן געזעץ־קאָדעקס, ווי דער „סרך היחד" 25) אָדער דער „ברית דמשק" 26). וואָס איז געווען אָנגענומען ביי אַלע מיטגלידער. דער „געזעץ קאָדעקס" האָט אָבער ניט געבראַכט און ניט געקאָנט ברענגען קיין קלאָר דעטאַליזירטע ענטפערס אויף אַלע אויפּגעקומענע פּראָבלעמען, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין. די פאַרבינדונג פון די „חבורות" צווישן זיך, אָדער מיטן צענטער, אַ קאָמוניקאַציע פון „שאלות ותשובות", האָט זיכער ניט געקאָנט עקזיסטירן אין יענער צייט, מיטן אויסנאַם פון אַ צופעליקער אָנפראַגע מיט אַ צופעליקן ענטפער.

די באַציאונג פון די סעקטאַנטן צו גרים האָט אָבער געמוזט זיין אַ גאַנץ ליבעראַלע. אין די מגילות וואָס זיינען אונדז באַקאַנט ביז איצט, זיינען פאַראַן נאָר אַ פּאָר געציילטע, אָבער זייער וויכטיקע שטעלן, וואו עס ווערט דערמאָנט אַ גר, און אַ־מאָל צום גוטן. איינמאָל איז פאַראַן אַן אָנזאָג צו די מיטגלידער: „להחזיק ביד עני ואביון וגר". (מ׳דאַרף אונטער־האַלטן, העלפן אַן אָרימאַן און אַ גר) 27).

אַ צווייטן מאָל ווערט אַ גר דערמאָנט אין אַ פראַגמענט פון „פשר נחום". דאָרטן רעדט זיך וועגן דעם, אַז מ׳זאָל זיך האַלטן צוזאַמען מיטן גר. 28) (פאַרשטענדלעך, אַזאַ וואָס שטייט צו צו דער געמיינדע). אַ וויכטיקן באַווייז, אַז די חסידים האָבן אַריינגענומען די גרים ווי גלייכע מיטגלידער אין זייערע געמיינדעס, און זיי צוגעזאָגט, אַז דער „בונד מיט גאָט", (דער

24) מיר נעמען אָן די מיינונג פון די מערסטע געלערנטע, אַז קומראַן איז געווען דער צענטער פון אַלע, אָדער פון די מערסטע, חסידים־גרופּן אין לאַנד, און אַפילו פון די תפוצות. ערשטנס ווייסן מיר ניט פון נאָך אַ צענטער. צווייטנס, איז די גרויסע ביבליאָטעק פון קומראַן אַן עדות, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט קיין צופעליק ווינקל, נאָר מיט אַ צענטער פון אַ גרויסן פאַרנעם.

25) וועגן „סרך היחד", זע פריער. קאַפּיטל 5.

26) זע קאַפּיטל 5.

27) מב"ד, ו׳ 21.

28) אַ פראַגמענט וואָס מיר באַצייכענען מיט די סימנים
4 Q P Naum. (JBL No. 75, 1956, pp. 89-59).

„ברית", אָדער דער „ברית חדשה") צו וועלכן זיי, די גרים זענען צוגעשטאַנען, וועט זיי ראַטעווען פון אַלע שטרויכלונגען — האָבן מיר אינעם ספר „ברית דמשק", ווען זיי רעכענען אויס זייערע שטאַנדן. צום אַלעם ערשטן קומען נאַטירלעך די כהנים, נאָך זיי — די לווים, דאָס פאָלק, די בני ישראל זיינען די דריטע, און צו לעצט קומען די גרים 29). זייער סטאַטוס, איז, פאַרשטייט זיך, דער נידעריקסטער צווישן די פיר שטאַנדן. זיי זיינען אָבער גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער. זייער נידעריקער סטאַטוס שטאַמט טאַקע פון דער תורה 30), וואָס האַלט, אַז אַ גר ווערט אַ גלייכער מיטגליד ערשט אין 3טן דור. דאָ אָבער נעמען די חסידים אַריין דעם גר אין זייער הייליקער געמיינדע צווישן די „בני אור" (די קינדער פון ליכט), וואָס זיי אַליין זיינען.

די וואַרעמע באַציאונג פון די חסידים־איסיים צו די גרים ווערט אונדז אויך קלאָר פון דער גאַנצער אַפּאָקריפן־און פּסעוודעפּיגראַפן־ליטעראַטור, וואָס איז זיכער געשאַפן געוואָרן אין זייערע קרייזן 31). אין דער „ספרים חיצונים"־ליטעראַטור זעט זיך אָן אַ קלאָרע טענדענץ צו אוניווערסאַליזם. די יידן זיינען טאַקע גאָטס דערוויילט פאָלק, און זיינען דער סאַמע עיקר, די אַנדערע פעלקער וועלן אָבער אויך ניצל ווערן דורך ישראל, וואָס וועט זיי פירן אין גאָטס וועגן.

די גרים, די גריבערגעלאָפּענע, האָבן אויף זיך געצויגן דעם צאָרן פון די היידן־פּריסטער, און זיינען צוזאַמען מיט די יידן אויסגעשטאַנען רדיפות מצד דער מאַכט, וואָס איז געווען איינס מיט די פּריסטער. דער אַנגערייצטער המון האָט אויסגעלאָזט זיין צאָרן אויף די נעכטיקע ברידער און שוועסטער מיט דער זעלבער רציחה ווי אויף די יידן. די רדיפות האָבן געצוואונגען די נייע יידן זיך טוליען איינער צום אַנדערן, און צו די יידישע געמיינדעס וואָס האָבן זיי זיכער מקרב געווען.

## ז. די ראָל פון די חסידים אין די תפוצות

די חלוקי דעות, וואָס האָבן צעשפּליטערט די יידן פון יהודה אויף פאַרשידענע פאַרטייען און פראַקציעס, האָבן אויך ניט אויסגעמיטן די יידן פון די תפוצות. די שפּאַלטונג פון די פאַרטייען אין באַזונדערע גרופּן און

---

29) מב"ד, י"ד 5־2.

30) דברים כ"ג 8.

31) זע פריער, קאַפּיטל 11, נאָטיץ 30.

גרופּקעלאַך, וואָס איז פאַרגעקומען אין יהודה, האָט אויך דערגרייכט צו די יידישע ישובים אין דער דיאַספּאָראַ. מיטגלידער אָדער אָנהענגער פון די דריי הויפּט פּאַרטייען — פּרושים, צדוקים און חסידים, סיי די וואָס זיינען געווען „אַלטע איינוואוינער״ אין די ווייטע און פרעמדע לענדער, און סיי די ערשט ניט לאַנג צוגעקומענע, אַנטרונענע פון יהודה, האָבן זיך ניט מיטאַמאָל באַפרייט פון זייערע מיינונגען און איבערצייגונגען בנוגע די וויכטיקע פּראָבלעמען וואָס זיינען דעמאָלט געשטאַנען פאַר די יידן. ס׳האָט דאָך ניט געקאָנט זיין קיין איינשטימיקייט אין אַזאַ פּאָליטישער עיקר־פראַגע, ווי די „באַציאונג צו דער פרעמדער מאַכט״. הייסע וויכוחים האָבן געמוזט אָנגיין אומעטום, אודאי מער אין יהודה, אָבער אויך אין די ווייטע ישובים האָט מען זיך געמוזט אַמפּערן וועגן דעם, צי דאַרפן יידן זיך פאַר־טיפן נאָר אין גאָטס תורה און לאָזן די אומריינע ערלים באַלעבאַטעווען אין הייליקן לאַנד, מאַכן גאָטס נאָמען צו שאַנד און צו שפּאָט; צי מעג מען לאָזן די פרעמדע רויבער גזלענען, פאַראַרעמען גאָטס פאָלק מיט אומ־דערהערטע שטייערן, באַרויבעווען דאָס גאָלד פון בית המקדש, און אַליין שטיין פון דערווייטנס ביז גאָט וועט אַליין זיך אָננעמען פאַר זיין כבוד; צי דאַרפן ניט יידן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפשטיין ווי די העלדן פון אַמאָל, די חשמונאים, גיין אַף קידוש־השם, און אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון דער פרעמדער מאַכט?

דער אונטערטעניקער סטאַטוס פון די יידן אין די ווייטע ישובים, און די גרוסן וואָס זיינען געקומען פון דער אַלטער היים, פון יהודה, האָבן ניט דערלאָזן, אַז די פראַגן זאָלן אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג.

אויב מיר זאָלן אַפילו אָננעמען, אַז פּרושים און צדוקים זיינען געווען פּאָליטיש, געזעלשאַפטלעך אָדער גייסטיק מער אַקטיוו אין יהודה, און האָבן ווייניקער עמיגרירט אין פרעמדע לענדער, קאָן מען דאָך דאָס ניט זאָגן אויף די איזאָלירטע חסידים, וואָס זיינען גאָר געווען צעקריגט מיט די יידן אין לאַנד, און האָבן דערצו נאָך געהאַלטן דעם בית המקדש פאַר „טמא״, און די כהנים מיט די סופרים (די פּרושים) פאַר רשעים. זיי זיינען זיכער ניט געווען שטאַרק צוגעבונדן צום לאַנד יהודה. מיר קאָנען זיך דערפאַר זייער גרינג משער זיין, אַז אַ סך חסידים־איסיים האָבן אין די מהומה־יאָרן פאַרלאָזן זייער לאַנד יהודה און זיך געראַטעוועט אין ווייטערע ישובים, וואו זיי האָבן זיך זיכער געטראָפן מיט אַ סך פון זייערע ברידער סעקטאַנטן.

דער ריס צווישן זיי מיט די יידן פון לאַנד האָט שוין דאַן געמוזט זיין אַ פולשטענדיקער. פלאַוויוס, ווען ער הייבט אָן דערציילן פון זיי, באַמערקט ער:

— „די דריטע גרופּע... רופט זיך עסענער. פון געבורט זיינען די לעצטע — יידן״ 32). אַזאַ באַמערקונג ווייזט קלאָר, אַז דאַן זיינען זיי שוין געווען אַנדערע יידן.

עס קאָן דערפאַר קיין שום ספק ניט זיין, אַז אין די ווייטע אַנטרינונג־ערטער, האָבן אָט די „אַנדערע יידן״ מיטגעבראַכט זייערע אַנטפּלעקונגען וועגן „קץ״, דעם „באחרית הימים״, און וועגן דעם משיח וואָס איז שוין געווען, אָדער וואָס דאַרף אינגיכן דערשיינען נאָך אַמאָל.

מיט די מידות מיט וועלכע זיי זיינען דערצויגן געוואָרן אין די „יחד״ גרופּן, און מיט זייער גרענעצלאָזער פאַרגלויבטקייט, אַז זיי לעבן שוין איצט אינעם „סוף פון די טעג״, — האָבן זיי געצויגן אויפמערקזאַמקייט, און אַ סך האָבן זיי באַטראַכט ווי הייליקע. מעגלעך, אַז ניט אין אַלע ווייטע ישובים איז זייער איינפלוס געווען גרויס. אַ סך יידן, וואָס האָבן שוין געוואוסט זייער שטעלונג פון פריער, און אויך אַנדערע, וואָס האָבן ניט געקאָנט פאַרדייען די הימלשע אַנטפּלעקונגען זייערע, האָבן זיך זיכער געהאַלטן פון זיי פונוויטנס. עס זיינען אָבער געווען אַ סך יידן וואָס האָבן זיי געטרויט. ספּעציעל זיינען באַווירקט געוואָרן פון זיי די „יראי ה׳״, די גרים, די נעכטיקע פרעמדע, וואָס האָבן זיך אַ סך גרינגער געקאָנט איינלעבן אין זייער עסכאַטאָלאָגישן וועלט באַנעם, און אין די אַלע אַנטפּלעקערישע מאָטיוון.

הונדערטער יאָרן זיינען די צענדליקער און הונדערטער יידישע ישובים אין די ווייטע תפוצות געווען פאַרבונדן צווישן זיך, חוץ דורך זייער גייסטיקן צענטער, דער תורה, — אויך דורכן צענטער — ירושלים. אין די לעצטע עטלעכע צונדליק מהומה יאָרן פאַרן חורבן, ווען די פאַרבינדונג מיט ירושלים איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און שפּעטער, נאָכן חורבן, ווען ס׳איז שוין קיין צענטער ניט געווען, איז יעדער יידישער ישוב געוואָרן אַ צענטער פאַר זיך אַליין. דאָרטן וואו די נעכטיקע „חסידים״ (און די היינטיקע „אַנדערע יידן״) האָבן געהאַט אַ גרעסערן איינפלוס, דאָרט איז געבוירן געוואָרן און ס׳האָט אָנגעהויבן עקזיסטירן אַ געמיינדע פרומע, פאַרגלויבטע אין דעם משיח, אָדער — ווי דאָס וואָרט „משיח״ איז איבערזעצט אין גריכיש, פאַרגלויבטע אין דעם „כריסטאָס״.

---

32) מלחמות, בוך 2, קאַפּ. 8, 2. פלאַוויוס האָט געשריבן זיין געשיכטע אַרום די יאָרן 85־75 אונ. צייט. ער געדענקט זיי פון 15־20 יאָר צוריק, אַז פון געבורט זיינען זיי נאָך געווען יידן. די באַמערקונג איז אָבער אַ פּיל זאָגנדיקע.

## קאַפּיטל 13

# ענלעכקייטן אינעם אינהאַלט פון די מגילות און עוואַנגעליזם

### א. אָפּרופן פון געלערנטע וועגן די ענלעכקייטן

אין 9־1948, אַזוי שנעל ווי געלערנטע האָבן זיך באַקענט מיט די ערשטע מגילות, וואָס זיינען געפונען געוואָרן לעבן ים המלח, זיינען זיי דערשטוינט געוואָרן פון די ענלעכקייטן אינעם אינהאַלט פון די אַלטע מאַנוסקריפּטן מיטן נייעם, קריסטלעכן טעסטאַמענט. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַן ענלעכקייט אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פון די צוויי באַזונדערע סעקטעס — די פרומע כתה חסידים־איסיים, און די אור־קריסטלעכע גע־מיינדעס, ווי זיי זיינען אונדז באַקאַנט פון עוואַנגעליום. גאָר נאָענטע ענלעכ־קייטן האָבן זיך געמערקט אין די געזעצן און מנהגים פון די צוויי גרופּעס 1). נאָך ענלעכער זיינען געווען די אידעאָלאָגיעס און די עסכאַטאָלאָגישע אויס־פירן פון די צוויי באַזונדערע סעקטעס 2). אַ שטאַרקע ענלעכקייט האָט זיך אַפילו געוואָרפן אין די אויגן אין דער שפּראַך, אין די נעמען און טערמינען וואָס די צוויי־ערליי שריפטן באַנוצן. זיי זיינען ענלעך אין זייער אַפּאָקאַליפּס, אין די אַנטפּלעקונגען וואָס זיי מאַכן פון די הייליקע שריפטן, אין זייער עקסעגעטיק, (ווי זיי שטיצן זיך אויף די הייליקע שריפטן), און אַפילו אין דעם אופן און מעטאָדן ווי אַזוי זיי ציטירן אָפטמאָל איינע און די זעלבע פסוקים פון תנ״ך.

א. פּ. דייווים, אַ גייסטלעכער, אַן אָנגעזעענער טעאָלאָג, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן, האָט אין זיין בוך, „די באַדייטונג פון די מגילות״, זיך אַזוי אויסגעדריקט וועגן דער דערשיינונג:

---

1) זע קאַפּיטל 10.

2) זע קאַפּיטל 11.

„...די ענלעכקייטן פון די מגילות מיטן נייעם טעסטאַמענט זיינען אַזוי בולט און אַזוי צאָלרייך, אַז זיי צווינגען אונדז ממש צו באַשליסן, אַז זיי געהערן ביידע צו איין און דער זעלבער לערע איבער משיחן, צו דער זעלבער רעליגיעזער באַוועגונג און צו דער זעלבער אַנטוויקלונג אינעם יידנטום״ 3).

דער זעלבער געלערנטער ציטירט דעם פּאַרשער פרענק קראָס:

„אין אָט די נייע ווערק געפינען מיר זיך אין דער זעלבער וועלט פון באַגריפן ווי אין נייעם טעסטאַמענט. סיי די סופרים פון קומראַן, סיי דער נייער טעסטאַמענט נוצן ביידע אַ געמיינשאַפטלעכע שפּראַך, די זעלבע טעאָלאָגישע באַגריפן און מאָטיוון, זיי האָבן בשותפות די זעלבע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, זיי אָטעמען די זעלבע לופט, און שטייען פאַר די זעלבע פּראָבלעמען״ 4).

דער זעלבער דייוויס, פירט אויס, אַז:

„...מ'מוז אַזוי אַרום אויספירן, אַז צווישן די עסענער און די ערשטע יידן־קריסטן זיינען געווען די סאַמע נאָענטסטע באַציאונגען. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. ס'בלייבט נאָך צו געפערן אויף דער פראַגע, צי דאָס זיינען געווען נאָר נאָענטע באַציאונגען, אָדער צי זיינען זיי גאָר געווען איינע און די זעלבע? האָבן די אור־קריסטן נאָר געבאָרגט ביי די איסיים? אָדער, זיינען זיי אפשר אַליין געווען אַ סעקטע איסיים? 5).

ד"ר. ל. טייכער, אַ באַקאַנטער פּראָפעסאָר פון קעמברידזש, האָט איבערגעזוכט די ערשטע מגילות, און איז געקומען צום שלום, אַז דאָס האָבן ניט קיין איסיים פאַרפאַסט און באַהאַלטן די מאַנוסקריפּטן, נאָר טאַקע קריסטן — די ערשטע יידישע אור־קריסטלעכע גרופּן, וואָס זיינען באַקאַנט פון דעם עוואַנגעליום, ווי די „אביונים״. דער גרינדער פון דער דאָזיקער סעקטע, דער מורה צדק, איז דערפאַר געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דער נוצרי אַליין.

דערויף זאָגט אָבער, דער באַקאַנטער פראַנצויזישער סעמיטאָלאָג דיופּאָן סאָממער:

„...דר. טייכער מאַכט די באַהויפּטונג, אַז ביידע, דער מורה צדק און דער נוצרי זיינען איין און די זעלבע פּערזאָן, נאָר דערפאַר, ווייל ער זעט איבעראַשנדיקע ענלעכקייטן ביי אָט די צוויי״ 6).

אין וואָס באַשטייען די ענלעכקייטן?

3) A. P. Davies: "The Meaning of the Dead Sea Scrolls", p. 101.

4) דאָרטן, זייט 102.

5) דאָרטן זייט 102.

6) דיופּאָן סאָממער: "The Jewish Sect of Qumran & The Essens", 1955, p. 160.

## ב. די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור ביי ביידע סעקטעס

לאָמיר פריער באַטראַכטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון די צוויי סעקטעס.

ביידע — סיי דער מורה צדק, סיי דער נוצרי, זיינען געווען גרינדער פון יידישע סעקטעס, וואָס האָבן געהאַט רעליגיעזע, אידייאישע און סאָציאַלע חלוקי־דעות מיט די אָנפירער פון יידנטום אין יענער צייט.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון דער כתה חסידים־איסיים אין קומ־ראַן, אַזוי ווי זי איז באַשריבן אין די מגילות, איז ביז גאָר ענלעך צו דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פון די ערשטע אור־קריסטלעכע געמיינדעס, ווי מיר קענען זי פון עוואַנגעליום. די פרומע סעקטאַנטן זיינען געווען אָרגאַני־זירט אין גרופּן אָדער ווי זיי רופן זיך אין די מגילות — „חבורות". די אור־קריסטן, ווי מיר ווייסן עס פון עוואַנגעליום, זיינען אויך געווען אָרגאַניזירט אין „געמיינדעס". ביי די פרומע חסידים זיינען דערמאָנט 12 דערוויילטע פירער און 3 כהנים 7), און אין עוואַנגעליום זיינען אויך דאָ 12 אַפּאָסטאָלן מיט 3 זיילן 8). ביי די חסידים־איסיים זיינען די 12 אָנפירער געווען נאָר סימבאָלישע. זיי האָבן געגלויבט, אַז די 12 וועלן ווערן די ריכטער, משפּטן די 12 שבטים 9). די אַפּאָסטאָלן פון עוואַנגעליום זיינען אויך געווען 12 צוליב די זעלבע ענד־גילטיקע צילן, — אַז זיי וועלן זיצן אויף זייערע שטולן (אָדער טראָנען) וועלן זיי משפּטן די 12 שבטים פון ישראל 10).

אין די מגילות איז דער מורה צדק, דער אָנפירער און לערער פון דער סעקטע, געווען אַ כהן 11), אין עוואַנגעליום איז דער נוצרי אויך אַ כהן. אמת, ער איז ניט פון שבט לוי, פון וואַנען ס'שטאַמען די כהנים — זיין אָפּשטאַם איז אָבער נאָך אַ וויכטיקערער. ער קומט פון סאַמע הימל, ווי ס'איז דער אָפּשטאַם פון „מלכי־צדק", דעם „כהן לאל עליון" (אַ פּריסטער צום אויבערשטן גאָט), וואָס איז דערמאָנט אין חומש „בראשית" (י"ד, 18) 12).

די סעקטע חסידים האָט אַן אָנזאָג צו לעבן געמיינשאַפטלעך. ביים אַריינ־טרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע האָבן זיי געדאַרפט אָפּגעבן זייער גאַנץ פאַרמעגן,

---

7) סרך היחד ח' 1.
8) גאלאטיאנס 2, 9.
9) סרך היחד ח' 5.
10) מעטיו 19, 28; לוק 22, 30.
11) סרך היחד ב' 12.
12) עפּיסטל צו די היברוס.

צעטיילן עס צווישן אַלע מיטגלידער פון דער כתה 13). די אור־קריסטלעכע געמיינדעס האָבן פונקט אַזוי אָנגעהויבן. זיי האָבן אויך אָן אַנזאָג, אַז זייער פאַרמעגן זאָל זיין געמיינשאַפטלעך, און אַז זיי זאָלן ניט לאָזן ביי זיך קיין אייגנטום 14).

צו די ערשטע קריסטן שרייבט דער הייליקער פאָול אָן „עפּיסטל" (בריוו, קול קורא) צו דער גרופּע אין עפעסיע:

„... שפּאָרט ניט קיין מי צו פאַרשטאַרקן די איינִיקייט צווישן זיך" 15).

דער אַפּאָסטאָל דזשאָן האַלט אין איין אַגיטירן אין זיין „גאָספּעל", אַז מ׳זאָל זיך האַלטן צוזאַמען און זיך ליב האָבן 16). אינעם געזעץ־קאָדעקס פון דער סעקטע חסידים האַלט דער מחבר אין איין דערמאָנען זיין עדה — „להיות ליחד", מ׳זאָל זיך האַלטן צוזאַמען. די אויסדרוקן: „ברית יחד" (געמיינזאַמער בונד), „יחד אמת" (דער אמת פונעם יחד), „בהוספם ליחד" (ווען זיי נעמען זיך צוזאַמען ביים יחד), און נאָך ממש הונדערטער אויסדרוקן אַזעלכע, וואו דער פּרינציפּ „איינס", „צוזאַמען", שטייט אין סאַמע צענטער, זיינען צע־וואָרפן אין אַלע זייערע שריפטן. „יחד" איז גאָר געווען איינער פון די הויפּט־נעמען מיט וועלכע זיי רופן אָן זייער אָרגאַניזאַציע. די אַנדערע פּאָפּולערע נעמען זייערע, וואָס מיר טרעפן אין די מגילות, זיינען: עדה, רבים, עצה, אביונים, און אַנד. דער לעצטער נאָמען, „אביונים" (אָרימע לייט) איז זייער פּאָפּולער ביי זיי, און מיר באַגעגענען אים אָפט, ספּעציעל אין „פשר חבקוק" און אין דער מלחמה מגילה 17). מיטן זעלבן נאָמען ווערט אויך אָנגערופן די ערשטע קריסטלעכע געמיינדע אין עוואַנגעליום. יעזוס רעדט צו זיין עדה:

„... געבענטשט זייט איר, אָרעמע" 18). און ער נוצט דעם טערמין „אביונים".

איינער פון די פּאָפּולערסטע נעמען, מיט וועלכע די כתה חסידים־איסיים האָט זיך גערופן, איז געווען „ברית חדשה" (נייער בונד). מער ווי 100 מאָל איז דער טערמין „ברית חדשה", אָדער פאַרקירצט — „ברית", צעוואָרפן אין די מגילות און פראַגמענטן, וואָס געפינען זיך אין רשות פון ירושלימער אוני־ווערזיטעט.

---

13) סרך היחד ה׳ 2; סרך היחד ז׳ 6.

14) אקטן 2, 47־42; אקטן 4, 37־32.

15) עפעסיענס 4, 3.

16) דזשאָן 17, 21, 23 און נאָך.

17) צענדליקער מאָל אין זייערע מגילות באַצייכענען זיי זיך מיטן נאָמען „אביונים". פשר חבקוק י״ב 3, 6, 10, מלחמה מגילה י״א 13; י״ג 14־13 און נאָך.

18) לוק 6, 20. אין מעטיו ווערט דער זאַג אַ ביסל געענדערט. יעזוס זאָגט צו זיין עדה: „...געבענטשט זייט איר, גייסט אָרימע"...

דער נייער, דער קריסטלעכער טעסטאַמענט טראָגט גאָר אַליין דעם נאָמען (אין העברעאיש, פאַרשטייט זיך), „ברית חדשה". און אַ סך שטעלן זיינען פאַראַן אין עוואַנגעליום, וואָס פאַרגלייכן זייער נייעם, זייער „בעסערן" בונד מיט גאָט — מיטן אַלטן, וואָס איז בטל געוואָרן 19).

דער „בישאָפ" (גריכיש — עפיסקאָפאָס), וואָס מיינט אייגנטלעך אַן אויפזעער, וואָס איז געווען אַנגעשטעלט ביי די קריסטלעכע געמיינדעס, אַכטונג צו געבן, אָנפירן מיט די גרופּן אין די ווייטערע שטעט און שטעטלעך 20), אָט דער „בישאָפ", איז גאָר אַ נאָענטער קרוב מיט דעם „מבקר" פון די מגילות, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט ביי די חסידים־איסיים גרופּן איבער די שטעט און דערפער פון יהודה, אָדער וואו אַנדערש זיי האָבן זיך געפונען 21). די גריכישע איבערזעצונג פונעם וואָרט „מבקר" איז טאַקע — עפיסקאָפאָס, און זיינע פונקציעס זיינען געווען גענוי די זעלבע ווי ביי דעם אויפזעער פון דער קריסטלעכער געמיינדע. ווי יענער עפיסקאָפאָס, האָט דער מבקר אויך געדאַרפט מדריך זיין די עדה אין גאָטס וועגן און געזעצן, ווי אויסגעטייטשט פונעם מורה צדק 22). ער האָט געדאַרפט אַריינעמען נייע רעקרוטן; ער האָט געדאַרפט אויסגלייכן אַ סיכסוך אין זיין גרופּע; און ווי יענער עפיסקאָפאָס, האָט ער אויך געדאַרפט האַלטן די אַלגעמיינע קאַסע פון זיין געמיינדע און אויף איר אַכטונג געבן. ביידע האָבן אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט די גרופּן און אָנפירער פון די אַנדערע שטעט, און ביידע האָבן געדאַרפט זיין צו זייערע מיטגלידער ווי אַ פאָטער צו זיינע קינדער" 23).

אין די קריסטלעכע שריפטן דערציילט זיך, אַז דער אַפּאָסטאָל פּעטער האָט גערעדט פאַר דער עדה יעזוסעס נאָכפאָלגער, און זיי האָבן זיך דאַן געציילט 120. ד. ה., 12 צעלן 24), צו 10 פאַר יעדן אַפּאָסטאָל. אין די מגילות רעדט זיך אויך פון קלענערע גרופּן, אָדער צעלן פון 10, מיט אַ כהן אין דער אָנפירונג פון יעדער גרופּע 25). די האָבן געדאַרפט אויסקלייבן קלוגע

19) עפּיסטל צו די „היברוס" און זייער אַ סך אינעם גאָספּעל פון „דזשאָן".

20) טיטוס 1, 9־7.

21) מב"ד י"ג פון 7 ביז 11; סרך היחד ו' און נאָך.

22) ס"ה ה' 10־8 און נאָך.

23) מב"ד י"ג 19־5; י"ד 10־7.

24) אַקטן 1, 16־15. די ציפער 10 איז געווען פּאָפּולער אין די מערסטע לענדער אין יענער צייט. אַ גריכישער שטאָט־ראָט איז געווען צעטיילט באַשטאַנען פון 10 מיטגלידער. ביי יידן איז שוין געווען אָנגענומען אַ „מנין" פון 10. גרופּן פון 10 ווערן שוין דערמאָנט ביי פלאַוויוסן (מלחמות, בוך 2, קאַפּ. 8, פּאַראַג. 9).

25) מב"ד י"ג 2; ס"ה. ו' 3.

און דערפאַרענע מיטגלידער ווי ריכטער אין זייערע גרופּן, און דאָס זעלבע האָבן אויך געדאַרפט טאָן די אַפּאָסטאָלן 26).

## ג. ענלעכקייטן אין די געזעצן און מנהגים

מ׳קאָן אָנווייזן נאָך אַ סך אַזעלכע ענלעכקייטן אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פון די צווייערליי גרופּן, נאָר לאָמיר איבערגיין צו וויכטיקערע ענלעכקייטן, וואָס זעען זיך אָן אין די געזעצן און מנהגים בייביידע סעקטעס.

טבילה, למשל, אָדער „באַפּטיזם״, איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע מצוות סיי ביי די פרומע סעקטאַנטן פון קומראַן, סיי ביי די ערשטע קריסטן. די חורבה אין קומראַן, די אויסגעגראָבענע הויפּט־קוואַרטיר פון די פרומע חסידים, האָט געהאַט עטלעכע מקוות צום טובלען זיך. דערצו דערציילן אונדז די מגילות, אַז ס׳איז פאַר זיי געווען אַ מוז זיך טובלען צוויי מאָל אַ טאָג, פאַר יעדן מאָלצייט. מ׳האָט זיך אויך געמוזט וואַשן און רייניקן נאָך יעדן מאָל אָנרירן אַן אומריינע זאַך, אָדער נאָך יעדער מענטשלעכער באַדערפעניש 27). נייע מיטגלידער האָבן געדאַרפט אויסגעפּרואווט ווערן אַ לאַנגע צייט, פולע צוויי יאָר, און אינעם ערשטן פּראָבע־יאָר האָבן זיי זיך געמוזט טובלען באַזונדער, ניט צוזאַמען מיט די אַלטע מיטגלידער 28), ווייל זיי זיינען נאָך ניט געווען אַזוי ריין ווי יענע. דער לעצטער אַקט אין פּראָצעס פון אָנגענומען ווערן אין דער געמיינדע ווי אַ גלייכער מיטגליד איז געווען די דערלויבעניש זיך טובלען אינאיינעם מיט אַלעמען, אין די זעלבע וואַסערן, און אויך די דערלויבעניש צו באַטייליקן זיך אינעם אַלגעמיינעם מאָלצייט. די ערשטע קריסטן, ווייסן מיר, האָבן אויך אָנגעהויבן מיט טבילה. נאָך יוחנן המטביל איז דער נוצרי אַליין, אָדער די אַפּאָסטאָלן זיינע, געוואָרן טובלער. אינעם נייעם טעסטאַמענט איז כמעט ניטאָ קיין קאַפּיטל וואו ס׳איז ניט דערמאָנט עפּעס וועגן טבילה אָדער „באַפּטיזם״. דער אַקט פון אַריינגעמען אַ נייעם

26) מב״ד י״ג 5־6; י״ד 6־7. און אין טיטוס 1, 7.

27) ס״ה. ה׳ 15־16; ו׳ 22. עס דאַרף נאָכאַמאָל באַטאָנט ווערן, אַז די מערסטע מנהגים און געזעצן וואָס די חסידים האָבן אַזוי שטרענג אָפּגעהיט — שטאַמען פון דער תורה. טבילה, למשל, איז געווען אַן אַלטער איינפיר. אין חומש ויקרא, אין די קאַפּיטלען פון 12 ביז 16 (ספּעציעל אין קאַפּ׳ 13) זיינען אויסגערעכנט אַ סך פאַלן, ווען מ׳האָט זיך געדאַרפט טובלען, ספּעציעל — מיט הויט קראַנקהייטן. די פרומע חסידים האָבן אין „טבילה״ אויך מחמיר געווען ווי אין אַלע אַנדערע געזעצן.

28) ס״ה. ו 16־17.

מיטגליד ביי די קריסטן ווערט ביזן הייטיקן טאָג אָנגערופן — טובלען, אָדער „באַפּטיזירן". באַפּטיזם איז ביי די קריסטן געוואָרן איינער פון די הויפּט־עלעמענטן אין זייער קולט, און איז אַזאַ פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. די טבילה איז, אמת, שפּעטער פאַרביטן געוואָרן מיט אַ סימבאָלישער צערעמאָניע פון אָפּשפּריצן מיט הייליק וואַסער, אָבער דאָס פאַרבייטן איז פאָרגעקומען צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים. אין דער ברייטער וועלט וואו דאָס קריסטנטום האָט זיך אויסגעשפּרייט, זיינען ניט געווען אָנגעגרייט קיין מקוות, און ניט אומעטום איז געווען אַ טייך ווי דער ירדן, וואו מ'האָט זיך געקאָנט טובלען מאַסנוויז. ס'איז, אַגב, אינטערעסאַנט, אַז דאָס „אָפּשפּריצן" מיט הייליק וואַסער, איז שוין אויך פאַראַן אין די מגילות. „...ויז עליו רוח אמת כמי נדה מכל תועבת שקר" (און גאָט וועט אויף אים אַרויפשפּריצן דעם גייסט פון אמת ווי אַ רייניקונגס־וואַסער, אים רייניקן פון אַלע מיאוסקייטן פון שקר) 29).

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער טבילה איז, וואָס סיי די און סיי יענע האָבן זיך באַזאָרגט אין זייערע שריפטן, אַז טבילה אַליין איז ניט גענוג, און קאָן ניט רייניקן פון זינד, סיידן מיט דער טבילה קומט אויך אַ חרטה אויף די זינד. „...כי אם שבו מרעתם" 30). (סיידן זיי זאָלן זיך אָפּקערן פון זייער שלעכטס).

די „גאָספּעלס" פאַרבינדן לכתחילה דאָס טובלען זיך מיט חרטה און מיט מתוודה זיין זיך אויף די זינד 31).

דער הייליקער מאָלצייט פונעם נייעם טעסטאַמענט וואָס איז אַרומגעוויקלט מיט אַזוי פיל סימבאָלן, איז אין תוך ניט מער ווי אַ גילגול פון דער הייליקער סעודה ביי אונדזערע חסידים, ווי זי איז באַשריבן אין די מגילות 32). די הכנות צו דער געמיינשאַפטלעכער סעודה, צוויי מאָל אַ טאָג, דאָס טובלען זיך פריער, דאָס אָנטאָן זיך אין ווייסן, דאָס געדולדיקע אַריינמאַרשירן אין עס־

---

29) ס"ה. ד׳ 21.

30) ס"ה. ה׳ 14־13.

31) מארק 1, 4; לוק 3, 3; זע זייטן — 274־273.

32) טעאָלאָגן ווייזן אָן, אַז אין דער הייליקער סעודה פון די חסידים פעלן וויכטיקע עלעמענטן פון „הייליקן סאָפּער" ביי די קריסטן. עס פעלט דער פאַרגלייך מיט זיין פלייש און בלוט און מיט דעם קרייציקן, וואָס דאַרף פאַרגעבן אויף די זינד פון דער מענטשהייט. דאָס איז טאַקע אמת. מ'טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז יענע עלעמענטן זיינען אַ שפּעטערער צוגאָב און קאָמבינירט מיט אַנדערע רעליגיעזע קולטן, מיט וועלכע דאָס קריסטנטום האָט זיך באַגעגנט אין דער ברייטער וועלט, בשעת עס האָט זיך פאַרשפּרייט און אויספאָרמירט.

צימער אין דער ריי, לויט די שטאַנדן, — נאָך די כהנים קומען די לווים, נאָך זיי די ישראלים, און די גרים צולעצט; דאָס שטיל שוויגן דורך דער גאַנצער צייט פון דער סעודה, דאָס וואַרטן אויפן הויפּט כהן, אָדער ווי זיי רופן אים, דער „כהן דער משיח", וואָס דאַרף פריער מאַכן אַ ברכה, און נאָכדעם דאַרף ער דער ערשטער ברעכן דאָס ברויט און פאַרזוכן דעם ווייַן 33); דעם כהנס ברכה, פאַר און נאָך דעם מאָלצייט; דאָס ניט דערלויבן קיין נייַ־אַרייַנגעקומענעם אָנטייל נעמען אין די סעודות, ביז ער וועט ענדיקן זייַן פולע פראָבע־צייט פון צוויי יאָר; אָט די סעודה און די קדושה וואָס איז איר צוגעטיילט געוואָרן, איז ביי די פרומע חסידים געוואָרן אַ ריטואַל, וואָס איז פאַרבונדן געוואָרן מיט משיחן און מיטן „אחרית הימים". אינעם אַרייַנפיר צו אַ געזעץ־בוך, וואָס איז ענלעך צום „סרך היחד", הויבן זיי אָן: „...און אַז די אנשי השם" (די מענטשן פונעם נאָמען) די וואָס ווערן גערופן צום פעסט, וועלן זיך צוזאַמענטרעפן ביים ראָט פון יחד" ...און דער משיח וועט זייַן מיט זיי, זאָל דער כהן, דער הויפּט פון דער עדה יידן, און די אַנדערע כהנים... און אַז זיי וועלן זיך צוזאַמענטרעפן ביים טיש פון „יחד", ...עסן אָדער טרינקען..זאָל קיינער ניט אויסשטרעקן זייַן האַנט דער ערשטער, צום ברויט און צום ווייַן, נאָר ער, דער כהן זאָל אויסשטרעקן זייַן האַנט דער ערשטער, און נאָך אים זאָל דער משיח פון די יידן אויסשטרעקן זייַן האַנט צום ברויט, און נאָכדעם זאָל דאָס גאַנצע פאָלק בענטשן, יעדער אין דער ריי לויט זייַן שטאַנד, און לויט די געזעצן זאָלן זיי זיך פירן אומעטום, וואו נאָר ס'וועלן זיך צוזאַמענקומען 10 מענטשן..."

דאָס איינשטעלן די פּראָצעדור ביי יעדער סעודה, וואו נאָר ס'וועלן זיך צוזאַמענטרעפן 10 יידן, וואָס מיינט אַ „ציבור" 34), און דאָס אָנטייל נעמען פון די וויכטיקסטע פירער פון פאָלק, וואָס זיי רופן אָן „משיח", אָדער „משיחים" 35), ווייזט, אַז די קדושה, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן דער סעודה, האָט סימבאָליזירט די ספּעציעלע באַדייטונג פון דעם ריטואַל — זייער דערוואַרטן דאָס „הימלשע קעניגרייך".

לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז „משיחס צייטן" זייַנען נאָך אין תנ"ך פאַרבונדן מיט אַ הייליקער סעודה. דער ספר ישעיה, איינער פון די פּאָפּולערסטע ביי־

33) ס"ה, ו' 6־4.

34) זע נאָטיץ 24 (אין זעלבן קאַפּיטל).

35) אין זייערע שריפטן ווערט דער הויפּט כהן אויך אָנגערופן „משיח", אויך אַ טראַדיציע פון דער תורה: שמות, מ'; ויקרא ח' און ט"ז. אינעם באחרית הימים וואָס זיי לעבן איבער, דערוואַרטן זיי 2 משיחים, איינעם אַ ציווילן, דעם צווייטן אַ כהן.

כער ביי די חסידים, פאַרבינדט דאָס אָנקומען פון דער „צוגעזאָגטער גליק־לעכער צייט", מיט אַ גרויסער סעודה:

„...און גאָט וועט מאַכן פאַר אַלע פעלקער אויפן דאָזיקן באַרג אַ מאָל־צייט פון פעטע, פון מאַרכיקע שפּייז, און פון גוטע געלייטערטע ווײַנען" 36). ווי די מערסטע מנהגים און געזעצן זייערע, וואָס זײַנען געווען סימבאָלישע און האָבן זיך געשטיצט אויף אַ פּסוק אָדער אָנדייטונג אין די הייליקע שריפטן, איז די סעודה אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָלישן הייליקן אַקט, און איז געוואָרן אַ טייל פון זייער קולט.

אין עוואַנגעליום איז פון דעם הייליקן מאָלצייט געוואָרן דער „לעצטער מאָלצייט". ער איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָלישן אַקט, וואָס האָט זיך זייער נאָענט אָנגעקערט מיטן אויסלייזער יעזוס און מיטן הימלישן קעניגרייך, אין די „לעצטע טעג" 37).

די חתונה־געזעצן אין די מגילות זײַנען ניט שטאַרק אַנדערש פון די חתונה געזעצן אין קריסטלעכן עוואַנגעליום. פיל־ווייבעריי איז פאַרבאָטן אין ביידע גרופּעס. אין די מגילות ווערט פּאָליגאַמיע באַצייכנט ווי זנות. דאָס געזעץ פון מאָנאָגאַמיע, זאָגן זיי, איז אין דער תורה געגעבן געוואָרן זייער קלאָר און דייטלעך. „זכר ונקבה ברא אותם" 38), (גאָט האָט באַשאַפן אַ זכר מיט אַ נקבה), איינעם מיט איינער, ניט מיט עטלעכע. צו מאַכן דאָס נאָך קלאָרער, פאַרשטאַרקן זיי דאָס געזעץ מיט נאָך אַ ציטאַטע פון בראשית ז׳ 9, 39) „...כי שנים שנים באו אל התבה" (פּאָרלעכווייז זײַנען זיי געקומען צו נחן אין דער תבה). דאָס געזעץ פון מאָנאָגאַמיע איז אַזוי אַרום געגעבן געוואָרן ניט נאָר צו די יידן, נאָר צו אַלעמען, און אַפילו צו חיות און עופות! דער עוואַנגעליום שטעלט אויך אַוועק דאָס געזעץ קלאָר און שאַרף, — נאָר איין ווייב פאַר אַ מאַן, און נאָר איין מאַן פאַר אַ פרוי 40).

וואָס איבערראַשט איז די ענלעכקייט אין דער ניט־אַנטשלאָסנקייט בנוגע דער פּראָבלעם פון חתונה ביי ביידע סעקטעס.

אין די אַלטע געשיכטע־קוואַלן, וואו ס'ווערט דערציילט פון די חסידים־איסיים, איז פאַראַן אַ הלוקי־דעות וועגן זייערע חתונה־געזעצן און מנהגים. פליני דער עלטערער, למשל, דערציילט, אַז זיי האָבן אינגאַנצן ניט חתונה:

---

36) ישעיה כ"ה, 6־8. ס'גאַנצע קאַפּיטל 60 אין ישעיה, רעדט פון אַזאַ סעודה.
37) מאַרק 14, 22; 1 קאָרינט. 2, 33־17, זע נאָטיץ 32.
38) פון בראשית א׳ 27. מב"ד ד׳ 23־20.
39) דאָרטן.
40) 1 קאָרינט. 7, 2.

„זיי לעבן אָן געלט און אָן ווייבער". יאָזעפוס פלאַוויוס דערציילט וועגן זיי, אַז: „טייל האָבן יאָ חתונה און אַנדערע — ניט". זיי האַלטן, דערקלערט דער היסטאָריקער, אַז מ'קאָן ניט געטרויען קיין פרוי, זי זאָל ס'גאַנצע לעבן בלייבן געטריי איר מאַן. די חתונה־געזעצן זיינען זייער שטרענגע, און פולע 3 יאָר דאַרף מען אויספרואוון די פרוי, צי זי איז פעאיק אויסהאַלטן איר געטריי־שאַפט. דער אויסשליסלעכער צוועק פון דער חתונה, איז פריה ורביה (האָבן קינדער). אַזוי שנעל ווי די פרוי פאַרשווענגערט, דאַרף מען זיך אָפּזונ־דערן פון איר 41).

אויף ווי וויט די פראַגע איז ניט געווען געלייזט ביי די פרומע חסידים, איז אויך קאָנטיק פון דעם בית־הקברות, לעבן דער קומראַן געביידע. פון דאָרטן האָבן די אַרכעאָלאָגן אויסגעגראָבן אַרום 70 קברים, פון די סקעלעטן האָבן זיי אויסגעפונען, אַז קוים איינער פון יעדע פינף איז פון אַ פרוי. דערצו זיינען די פרויען־קברים געווען ניט אינעם הויפּט בית הקברות, נאָר אַ ביסל אין אַ זייט, צוזאַמען מיט קינדער, און אַנדערע אויך צוזאַמען מיט מענער קברים 42).

ס'איז קלאָר, אַז ס'האָט געהערשט אַן אומבאַשטימטקייט אין דער פראַגע, צי מעגן פרומע חסידים, גאָטס דערוויילטע „בני אור", די וואָס האָבן געשלאָסן אַ נייעם בונד מיט גאָט — גאָר אינגאַנצן חתונה האָבן און האָבן באַציאונגען מיט אַ פרוי, אַן אַקט, וואָס האָט אַ נאָענטע שייכות מיטן יצר־הרע, און דורך אים מעגלעך מיטן בליעל אַליין. — דערצו נאָך דאַרפן מיר ניט פאַרגעסן, אַז די פרומע חסידים האָבן גייסטיק געלעבט אינעם „באחרית הימים". זיי זיינען געווען זיכער, אַז גאָר אינגיכן ענדיקט זיך דאָס ערדישע און ס'הייבט זיך אָן דאָס „מלכות שמים", ווען ס'וועלן שוין אפשר ניט עקזיסטירן אַזעלכע „טמא" זאַכן ווי געשלעכט באַציאונגען.

אַן ענלעכע אומבאַשלאָסנקייט האָט געהערשט אין דער פראַגע: יאָ אָדער ניט חתונה האָבן ביי ביידע גרופּעס — די חסידים און די אור־קריסטלעכע גע־מיינדעס. אין דעם „עפּיסטל", וואָס דער הייליקער פּאָול שרייבט צו די קאָ־רינטיער, ענטפערט ער אויף אַן אָנפראַגע, צי מעג מען חתונה האָבן אָדער ניט, און ער עצהט זיי אַט־וואָס:

„... אויב זייערע געפילן זיינען שוין צו שטאַרק, און ס'מוז שוין געשען

41) אַזאַ איינפיר (אָדער אָנזאָג) איז ניטאָ אין זייערע געזעץ־ביכער. ער איז נאָר באַריכטעט ביי פלאַוויוס און פילון.

42) J. T. Milik: "Ten Yars of Discovery in the Wildernes of Judea", p. 47.

— טאָ זאָלן זיי טאָן ווי זיי ווילן און חתונה האָבן. ס׳איז ניט קיין זינד. דער וואָס איז אָבער שטאַרק ביי זיך, איז ניט געצוואונגען, און קאָן קאָנטראָלירן זיינע באַגערן — יענער טוט גוט וואָס ער האָט ניט חתונה. אַזוי באַקומט זיך, אַז דער וואָס האָט חתונה, דער טוט גוט, און דער וואָס האָט ניט חתונה, דער טוט נאָך בעסער״ 43).

און נאָך עפּעס:

„...וואָס איך מיין, מיינע פריינט, איז אָט וואָס. די צייט אין וועלכער מיר לעבן, וועט דאָך לאַנג ניט געדויערן״. „...די גאַנצע ראָם פון דער וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, לאָזט זיך דאָך אויס, און פאַרגייט! 44).

די אור־קריסטלעכע געמיינדעס זיינען, פּונקט ווי די פרומע חסידים, געווען איבערצייגט, אַז זיי לעבן שוין איצט אינעם סוף פון די טעג, און אַז די צייט וועט לאַנג שוין ניט געדויערן.

מיטן בית המקדש און מיט די כהנים וואָס האָבן אים באַדינט, זיינען אונ־דזערע חסידים, ווי ס׳איז שוין באַקאַנט, געווען צעקריגט. ניט נאָר האָבן זיי ניט געבראַכט אַהין קיין קרבנות, נאָר זיי האָבן אַגיטירט פאַר „צומאַכן די טירן״ פונעם הייליקן הויז: ס׳איז אומריין, די כהנים זיינען ניט די ריכטיקע (ניט פון די בני צדוק), זיי זיינען משיג גבול (פאַרכאַפּער פון חזקה) און רשעים 45).

אָפּהיטן גאָטס געזעצן, ווי זיי זיינען אויסגעטייטשט אין די שריפטן פון די הייליקע חסידים, איז אַ סך וויכטיקער און מער אָנגענומען ביי גאָט, ווי דאָס „פלייש פון קרבנות״ און דאָס „פעטס פון זבחים״ 46). די חסידים זאָגן דערפאַר פאָרויס, אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, ווייל דער כהן הרשע רודפט דעם מורה צדק 47).

די פאַרפאַסער פון די „גאָספּעלס״ זיינען פּונקט אַזוי אין כעס אויפן אומ־ריינעם בית המקדש. דער נוצרי רייניקט אים, און טרייבט פון דאָרט אַרויס די געלט־בייטער. דער עוואַנגעליום צאָרנט אויף די היפּאָקריטן וואָס ברענ־גען קרבנות צו גאָט, און אין דער שטיל באַראַבעווען זיי די אלמנה מיטן

---

43) 1 קאָרינט. 7, 36־38.

44) דאָרטן, קאַפּ. 7, 29־31.

45) פשר חבקוק, י״ב 9־8. מב״ד ד׳ 1718מב״ד ד׳ 17־18; ה׳ 6; ו׳ 12, און נאָך.

46) ס״ה. ט׳ 5־4.

47) פשר חבקוק י״ב 9־7.

יתום. פאַר די זינד פון די כהנים, וועט גאָט איינגאַנצן חרוב מאַכן דעם בית המקדש 48).

ביידע אָרגאַניזאַציעס שטעלן אַרויס אין דער ערשטער ריי עטישע פּרינציפּן: מ׳דאַרף לעבן בשותפות און אָרנטלעך 49); מ׳דאַרף אַלעמען ליב האָבן 50); מ׳דאַרף זיך טיילן מיט יענעם 51). ביידע אַגיטירן פאַר עניוות און הכנעה 52). ביידע פאַרבאָטן נקמה געפילן, טראָגן שנאה איינער אויפן צווייטן 53). ביידע באַשטראָפן אַ מיטגליד פאַר באַליידיקן אַ פריינט, פאַר רעדן צו אים מיט כעס 54). ביידע ציטירן און חזרן איבער דעם פסוק פון ויקרא י״ט „ואהבת לרעך כמוך״. (האָב ליב דיין פריינט ווי זיך). אינטערעסאַנט איז, אַז ביידע קוואַלן נוצן דאָ דאָס וואָרט „אָחיך״ (דיין ברודער) אַנשטאָט „רעך״ (דיין פריינט). די „גאָספּעלס״ שרייבן צו דעם „גאָלדענעם אָנזאָג״ צום נוצרי 55), די מגילות שטעלן די ליבע צום פרעמדן אויך אַוועק אין צענטער פון זייערע הויפּט פּרינציפּן 56).

דאָס אונטערשטעלן די צווייטע באַק, דאָס דורכאויס קריסטלעך אָריגינעלע, וואָס יעזוס האָט געלערנט זיינע תלמידים אין דער „דרשה אויפן באַרג״, איז שוין אויך דאָ אין די שריפטן פון די פרומע חסידים. „לא אשיב לאיש גמול רע, בטוב ארדוף גבר״ (איך וועל קיינעם ניט אָפּצאָלן קיין שלעכטס, מיט גוטס וועל איך אים פאַרפאָלגן) 57), איז אַ טייל פון די פליכטן וואָס דער ניי אַריינגעקומענער פרומער מיטגליד האָט אויף זיך גענומען און געדאַרפט נאָכפאָלגן.

ביידע לעצטע עמודים (י׳ און י״א) פון דעם געזעץ בוך, וואָס מיר רופן „סרך היחד״, אַנטהאַלטן שוין אַ קערן פון כמעט יעדן געדאַנק פון דער באַרימטער „דרשה אויפן באַרג״ פון עוואַנגעליום 58).

די געזעצן קעגן באַגנבענען די געמיינדע, קעגן פאַרלייקענען אייגנטום

---

48) מארק 11, 17־15; 12, 9־1. און נאָך.

49) ס״ה. ט׳ און מעטיו 5, און אין נאָך אַ סך שטעלן אין ביידע טעקסטן.

50) מב״ד ו׳ 20; מעטיו 5.

51) מב״ד י״ד, 13; מאַרק 10, 17.

52) ס״ה. י׳ 27; י״א 2־1; מעטיו 6׳ 19.

53) ס״ה ה; ו; י״א; און די „דרשה אויפן באַרג״ אין עוואַנגעליום. (מעטיו 5׳ און 6׳).

54) ס״ה. 11, 27־25. מעטיו 5, 22.

55) מעטיו 5, 43; 19, 19; גאַלאַט. 5, 14, און נאָך.

56) מב״ד וואָוו, 21־20.

57) ס״ה. יוד, 19־18.

58) מעטיו קאַפּיטלען 5, 6, און 7; ס״ה. יוד און י״א.

בשעתן אַריינטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע, זיינען שטרענגע און ענלעך ביי ביידע גרופּן 59). שווערן זיך איז שטרענג פאַרבאָטן, סיי אין די געזעצן פון די מגילות, סיי אין עוואַנגעליום 60). ביידע אָרגאַניזאַציעס בלייבן געטריי די געזעצן פון משהס תורה 61) ביידע רייניקן זיך, כדי זוכה צו זיין און ווערט זיין גאָטס בונד 62).

דער „ברית חדשה" (נייער בונד) איז אַנטפּלעקט געוואָרן די חסידים נאָכפאָלגער דורכן מורה צדק 63). דער זעלבער נייער בונד איז אַנטפּלעקט געוואָרן צו די גלויביקע קריסטן דורך יעזוסן 64). אין עוואַנגעליום האָט ישו דער משיח געענדערט, צוגעגעבן אָדער אויסגעטייטשט די געזעצן פון דער תורה. אין די מגילות פון די פרומע סעקטאַנטן ווערן די תורה געזעצן אויך געענדערט, און דער עיקר, אויסגעטייטשט פון דעם מורה צדק, אָדער פון דעם „כהן המשיח" פון די בני־צדוק. 65)

דער ציפער 40 איז פּאָפּולער סיי אין די מגילות, סיי אין עוואַנגעליום. די פרומע חסידים האָבן זיך געדאַרפט לייטערן און אויסגעפּרוּווט ווערן אין דער מדבר פולע 40 יאָר, ביז דער מורה צדק זאָל צוריק לעבעדיק ווערן אינעם „סוף פון די טעג" 66). די מלחמות מיט די כוחות פון בליעל, אין „סוף פון די טעג", האָבן אויך געדאַרפט געדויערן פולע 40 יאָר 67), און אינעם נייעם טעסטאַמענט ווערט דער נוצרי פאַרוואָגלט אין דער מדבר אויס־געפּרוּווט צו ווערן, און פלאָגט זיך דאָרט, שטייט אויס נסיונות, פולע 40 טעג 68).

דער נייער קאַלענדאַר, וואָס איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרן ביי די קריסטן, דאָס ציילן די חדשים לויט דער זון און ניט לויט די לבנה־אומוואַנד־

59) ס"ה. ז' 7־6; ו' 25־24; אקטן 5, 11־1. און נאָך.
60) מב"ד ט"ו 3; מעטיו 5' 34.
61) ס"ה. ה' 8; מעטיו 5. 17. דאָרט דערקלערט דער נוצרי: „...איך בין ניט געקומען אָפּשאַפן די תורת משה, נאָר צוגעבן צו איר".
62) מב"ד ג' 16־12; היברוס 7, 22.
63) פשר חבקוק ז' 6־1; ח' 3־1.
64) „עפּיסטל צו היברוס" 8, 6 און נאָך.
65) אַלע עפּיסטלס. ספּעציעל „היברוס" 7; ס"ה. ט' 20־10.
66) מב"ד ו' 11־2; פשר תהילים ל"ז 8. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען די זעלבע סימבאָלישע 40 יאָר וואָס די יידן האָבן אַרומגעוואַנדערט אין דער מדבר.
67) מב"א (מלחמת בני אור) ב' 6.
68) מעטיו 4, 2; מארק 1, 13; לוק 4, 2; אקטן 1, 3.

לונגען, איז שוין אויך געווען איינגעפירט ביי אונדזערע חסידים איסיים. דער פּאַרפאַסער פון „ברית־דמשק" זאָגט אָן זיינע נאָכפאָלגער:

„...ולשמור את המועדות ואת יום התענית כמצות באי הברית החדשה" 69) (איר זאָלט אָפּהיטן די יום־טובים און דעם פאַסט־טאָג (יום כיפור), ווי ס׳איז דאָס געזעץ ביי די וואָס זיינען אַריין אינעם נייעם בונד). מיר ווייסן אויך אַז אונדזערע סעקטאַנטן האָבן אָפּגעהיט דעם פאַסט־טאָג יום־כיפּור אין אַן אַנדער טאָג, ניט ווי ס׳איז געווען אָנגענומען אין יהודה, — פון „פשר חבקוק" 70).

די טויזנט יאָריקע מלוכה, דער „מילעניום", וואָס דער נייער טעסטאַמענט זאָגט צו די פרומע קריסטן 71), איז שוין אויך צוגעזאָגט געוואָרן אונדזערע חסידים־איסיים 72). ניט מער, דער מחבר פון „ברית דמשק" זאָגט צו זיינע נאָכפאָלגער וואָס וועלן געטריי אָפּהיטן דעם „בונד", אַז זיי וועלן לעבן טויזנט דורות.

ישו הנוצרי׳ס אָפּזאָגן זיך פון זיינע ברידער און פון זיין מאַמען 73), איז שוין אויך ניט אָריגינעל. דער מחבר פון די „הודיות" (די נייע קאַפּיטלעך תהילים, וואָס יעדער קאַפּיטל הייבט זיך אָן מיט „אודך ה׳") לויבט און דאַנקט גאָט, וואָס:

„...בעסער פון מיין פאָטער האָסטו מיך, גאָט, געקענט.

פון דער מאַמעס טראַכט האָסטו אויף מיר אַכטונג געגעבן". און

„...מיין פאָטער האָט מיך ניט געקענט, און מיין מוטער האָט מיך אויף דיר פאַרלאָזן 74).

## ד. ענלעכקייטן אין דער אידעאָלאָגיע

די און נאָך צענדליקער אַזעלכע ענלעכקייטן וואָס זעען זיך אָן אין אָט די אַלע געזעצן און מנהגים צווישן די צוויי סעקטעס, אָדער צווישן די צוויי אָנפירנדיקע גרינדער פון די צוויי באַזונדערע סעקטעס (און נאָר געציילטע ענלעכקייטן זיינען דאָ אָנגעוואָרפן געוואָרן, אַ פולע שטודיע איבער זיי קאָן

69) מב״ד ט״ו 4־3.
70) פשר חבקוק י״א, 8־6.
71) „רעוועליישאָן" קאַפּ. 20.
72) מב״ד ז׳ 6־4.
73) מארק 3, 34־33.
74) "הודיות" ט׳ 29 און 35.

אָנפּילן אַ גאַנצן בוך. — אָט די אַלע ענלעכקייטן קאָנען זיך גאָרניט פאַר־גלייכן מיט די ענלעכקייטן וואָס מיר טרעפן אין דער אידעאָלאָגיע, אין די פילאָזאָפישע באַגריפן און מאָטיוון, וואָס זיינען געווען אָנגענומען, און וואָס האָבן באַווירקט סיי די סעקטע פרומע חסידים איסיים, סיי די ערשטע קריסט־לעכע געמיינדעס.

ווען מיר באַטראַכטן דעם עסכאַטאָלאָגישן וועלט באַנעם, וואָס איז געווען אייגן די צוויי באַזונדערע גרופן, דאַ לאָזט זיך שוין ניט באַנוצן דאָס וואָרט, „ענלעך". דער עסכאַטאָלאָגישער אויסקוק איז גענוי איינער און דער זעלבער ביי בײדע אָרגאַניזאַציעס. די כתה אין קומראַן האָט ממש געאָטעמט מיט דער לופט פון „והיה באחרית הימים", און דאָס זעלבע איז געווען מיט די ערשטע קריסטלעכע געמיינדעס. דער מורה צדק האָט פון די הייליקע שריפטן, פון די אַמאָליקע נביאות, אַרויסגעדרונגען די „סודות" פון „היינט" און פון „איצט" 75). ביידע זיינען געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז שוין דער אָנהייב פונעם מיסטישן „קץ". אַז גאָר אינגיכן וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן. דאָס „מלכות שמים" וועט אַראָפּנידערן פון אויבן אויף דער ערד, ס׳וועט פאָרקומען דער גרויסער משפט, ווען אַלע צדיקים וועלן געשאָנעוועט ווערן, בשעת אַלע רשעים וועלן גיין אין „שאול" אַריין, אין די אונטערשטע שרעקלעכע ערטער געשטראָפט צו ווערן.

ס׳איז שווער צו אונטערשיידן וואו, אין וועלכן פון די צווייערליי שריפטן, די עסכאַטאָלאָגישע אַנטפּלעקונגען, אָדער ענלעכע צו זיי זיינען רעגיסטרירט. ביידע טעקסטן רופן אָן זאַכן מיט די זעלבע נעמען און קומען צו די זעלבע אויספירן. ווען מ׳זאָל אַרום די עסכאַטאָלאָגישע אַנטפּלעקונגען פאַרבייטן דעם נאָמען מורה צדק אויפן נוצרי אָדער פאַרקערט, וואָלט כמעט געווען אוממעגלעך אונטערשיידן אין וועלכן טעקסט דער אַפּאָקאַליפּטישער אויספיר איז געמאַכט. ביידע מונטערן די גערעכטע צו גלויבן; ביידע שטראָפן און זאָגן צו אַ ביטערן סוף די רשעים, די „ניט־גלויביקע"; ביידע זאָגן צו די גרעסטע גליקן די תמימים, די פרומע, די „בני־אור"; און ביידן קומט צו הילף דער „רוח הקודש" (הייליקער גייסט). דער מורה צדק האָט מיט דער הילף פון הייליקן גייסט דערקאָנט די סודות וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די

---

75) אָט די אַפּאָקאַליפּטיק, דאָס „אַרויס־אַנטפּלעקן" די סודות פון די הייליקע שריפטן האָט פאַראורזאַכט דעם תהום וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן די פרומע סעקטאַנטן און דעם רוב יידן. דאָס איז די מיינונג פון אַ סך געלערנטע, מיט וועלכע מען קאָן גרינג איינ־שטימען.

הייליקע שריפטן, און דורך זיי האָט ער זיך דערוואוסט אַלץ וואָס וועט זיך טרעפן אין די לעצטע מהומה טעג — איידער גאָטס קעניגרייך וועט נידערן אויף דער ערד. אין דער קומראן ליטעראַטור איז דער „רוח הקודש" געוואָרן דער פאַרמיטלער דורך וועלכן גאָט פאַרבינדט זיך מיט זיינע אויסדערוויילטע (בחירי אל). דער זעלבער „הייליקער גייסט" איז געוואָרן די באַזע פון דער גאַנצער קריסטלעכער רעליגיע, פון יעזוסעס תורה, פון אַלע ניסים וואָס ער און זיינע אַפּאָסטאָלן באַוויזן, און אַפילו פון זיין געבוירן ווערן. דער גאַנצער עוואַנגעליום איז געוואָרן אַ פּראָדוקט פון דעם אַפּאָקאַליפּטישן „רוח הקודש". גאָט אַליין ווערט שוין פאַרבונדן מיטן הייליקן גייסט, ממש אַ צווילינג (אָדער אַ דריילינג) — מ'קאָן שוין כמעט ניט דערמאָנען איינעם אָן דעם צווייטן.

דער הייליקער גייסט וועט, אין ביידע טעקסטן, דערפירן צום גרויסן זיג פון די „בני אור" (קינדער פון ליכט) איבער די „בני חושך" (קינדער פון פינצטערניש). ביידע, סיי דער עוואַנגעליום און סיי די מגילות, נוצן אָט די קאָנטראַסט נעמען, פון גוטס קעגן שלעכטס, ליכט קעגן פינצטערניש, און אַנדערע פון דעם מין, כדי אונטערצושטרייכן דעם חילוק צווישן זיך און זייערע קעגנער. די קינדער פון ליכט, דאָס זיינען זיי אַליין, די חסידים אָדער קריסטן. די אַלטע מאַנוסקריפּטן זיינען פול מיטן טערמין „בני־אור". אַ גאַנצע מגילה, דער מלחמה מאַנוסקריפּט איז פאַרפאַסט געוואָרן וועגן זיי, און וועגן דעם קריג וואָס זיי וועלן פירן קעגן די קינדער פון פינצטערניש. מיר רופן טאַקע די מגילה, „מלחמת בני אור". (די מלחמה פון די „בני אור").

אַחוץ אין דער ספּעציעלער מגילה, באַוויזט זיך דער נאָמען „בני־אור" זייער אָפט אויך אין די אַנדערע מגילות, ווי אין אַ סך פראַגמענטן פון ניט קיין באַקאַנטע מאַנוסקריפּטן פון הייל נומ' 4. די טערמינען „בני אור" און „בני חושך" איבערחזרן זיך ממש הונדערטער מאָל. דער נייער טעסטאַ־מענט שטייט ניט אָפּ. אויך די ערשטע קריסטן רופן זיך „קינדער פון ליכט" 76).

די זעלבע איינשטימיקייט איז פאַראַן אין ביידע טעקסטן וועגן די „בני חושך". ביידע זיינען מסכים, אַז דאָס זיינען די רשעים, די ניט גלויביקע, די וואָס שטייען ניט צו, אָדער די וואָס זיינען געווען מיט זיי און פאַרלאָזן. דער מחבר פונעם „סרך היחד" (דער מורה צדק ?) 77), צאָרנט אויף די רשעים

---

76) זשאן 12, 36; עפּעסיאנס 5, 8; 1 טעסאלאָנ. 5, 7 און 8, און נאָך אַ סך.

77) די מערסטע געלערנטע זיינען איבערצייגט, אַז דער „סרך היחד" איז פאַרפאַסט געוואָרן פון מורה צדק אַליין. דער אויספיר ווערט באַזירט פריער פאַר אַלץ אויף דער אויטאָריטעטער געזעצגעבונג אין דעם ספר, לויט וועלכער די מיטגלידער האָבן זיך געדאַרפט פירן. אַ צווייטע אורזאַך פאַר דער השערה, איז דער פאַקט, וואָס אינעם „סרך היחד" ווערט קיין איינמאָל ניט דערמאָנט דער מורה צדק.

וואָס זאָגן זיך אָפּ אָנצונעמען דעם נייעם בונד". — „... ער איז פאַרמשפּט צו צאָלן זיין שטראָף... גאָרניט קאָן אים שוין ניט ריין מאַכן, קיין שום וואַסערן, טייכן אָדער ימים. טמא, טמא בלייבט ער אַלע טעג וואָס ער האָט פאַרמיאוסט גאָטס געזעצן משפט" 78).

די פאַרפאַסער פון עוואַנגעליום שטייען ניט אָפּ, און סטראַשען מיט פייערדיקע אויוונס די וואָס שטייען ניט צו און זאָגן זיך אָפּ צו גלויבן, אַז ישו איז דער משיח 79). צענדליקער פסוקים פון תנ"ך האָבן זיי געבראַכט כדי צו באַווייזן, אַז ישו איז דער אמתער גאָטס-געזאַלבטער. די בני חושך זיינען ביי זיי ניט קיין אַנדערע ווי די ניט גלויביקע יידן וואָס האָבן זיך אָפּ־געזאָגט פונעם נוצרי 80).

די חסידים זיינען געווען זיכער, אַז משיח וועט אָפּשטאַמען פון דוד המלך. דאָס האָבן זיי אַרויסאַנטפּלעקט פון אַ פסוק אין די הייליקע שריפטן, וואו ס'זאָגט זיך:

„... און איך וועל אויפשטעלן דאָס איינגעפאַלענעביידל פון דודן"... 81).

דעם מורה צדק, ווי אַ כהן, האָבן זיי אויך צוגעשטעלט אַ משיח ראָל. אין עטלעכע שטעלן, אין די מגילות רעדן זיי פון 2 משיחים, איינעם אַ ציווילן, וואָס שטאַמט פון דודן, און דעם צווייטן — אַ כהן — אַ משיח 82).

די פאַרפאַסער פון קריסטלעכן טעסטאַמענט האָבן זיך אָפּנים געפילט געצוואונגען צושטעלן דעם נוצרי אַ יחוס בריוו פון דוד המלך, האָבן זיי אָנגע־וואָרפן אַ צעטל מיט נעמען, וואָס שטימט אָבער זייער שלעכט מיט דער געשיכט־לעכער כראָנאָלאָגיע. יען ער איז שוין געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון בית דוד, האָט מען יעזוסן אויך געדאַרפט צופּאַסן צו דער כהונה גדולה, און דאָס איז שוין ניט געווען אַזוי גרינג. אַז ער שטאַמט שוין פון דוד המלך, ד. ה., פון שבט יהודה, קאָן ער דאָך שוין ניט שטאַמען פון שבט לוי, האָבן די מחברים פון עוואַנגעליום זיך דאָ אויך אַן עצה געגעבן. זיי האָבן יעזוסן אָנגעטשעפּעט אַ כהונה־אָפּשטאַם דורכן „כהן לאל עליון" (דעם פריסט צום אויבערשטן גאָט) מלכי צדק, וואָס האָט געלעבט אין די צייטן פון אברהם אבינו 83).

---

78) ס"ה. ג' 5־3.

79) טיטוס עפּיסטל, און עפּיסטל צו די יידן.

80) מערסטע אין דעם „עפּיסטל" צו די יידן, און אין נאָך אַ סך אַנדערע ערטער.

81) מב"ד ז, 16; עמוס ט' 11.

82) ס"ה ט' 11; מב"ד ח' 24, און נאָך.

83) „עפּיסטל צו די יידן", קאַפּיטל 7.

דער משיח פון נייעם טעסטאַמענט, ווי אַלע ווייסן, איז גערודפט געוואָרן פון זיינע שונאים, געקרייציקט געוואָרן, און אויפגעשטאַנען תחית המתים אויפן דריטן טאָג. דער מורה צדק פון די מגילות איז אויך גערודפט געוואָרן. צי ער איז געקרייציקט געוואָרן, אָדער געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, איז ניט קלאָר 84). זיי האָבן אָבער דערוואַרט, אַז נאָך זיין טויט זאָל ער אויפשטיין תחית המתים און ווערן דער משיח 85). ניט מער, ער האָט געדאַרפט אויפ־שטיין תחית המתים, ערשט 40 יאָר נאָך זיין טויט, כדי ס׳זאָל אין דער צייט אויסשטאַרבן דער גאַנצער זינדיקער דור.

דער נוצרי ווערט אָנגערופן „בחיר ה׳ (גאָטס אויסדערוויילטער), און פונקט אַזוי ווערט באַטיטולט דער מורה צדק, „בחיר ה׳ ״ 86)ביידע, סיי דער מורה צדק, סיי יעזוס, וואָרענען, אַז גאָט וועט חרוב מאַכן ירושלים דערפאַר, וואָס די יידישע אָנפירער רודפן אים, — דעם נוצרי אָדער דעם מורה צדק 87). ביידן, דעם מורה צדק ווי דעם נוצרי, איז באַשערט צו זיצן לעבן גאָט, זיין גאָטס רעכטע האַנט אינעם „סוף פון די טעג״, אין דעם גרויסן „יום הדין״, און משפטן די וועלט 88). ביידע טעקסטן באַשרייבן אין דעטאַל די שווערע חבלי המשיח״ (די ווייטיקן און אומגליקן מיט וועלכע ס׳איז פאַרבונדן דאָס אָנקומען פון דעם אויסלייזער). 89) ביידע שיקן פאָרויס אַ נביא, וואָס זאָגט אָן דאָס אָנקומען פון משיחן 90).

ביידע גרופן האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַ טיטאַנישן קאַמף „אין די לעצ־טע טעג״, אַ קאַמף פון די צוויי קעגנגעזעצטע כוחות אויף דער וועלט. גוטס קעגן שלעכטס, ליכט קעגן פינצטערניש, ,אמת קעגן שקר, צדק קעגן רשעות,

---

84) פון איין פראַגמענט (פון פשר נחום), האָט אייניער פון די געלערנטע, זשאָן אַלעגראָ, געמאַכט אַן אויספיר, אַז דער מורה צדק איז געקרייציקט געוואָרן פון אַלעקסאַנדער ינאי, ווען דער לעצטער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די מורדים. די השערה איז לכתחילה געווען געבויט אויף מטושטשע יסודות און איז פון אַלעמען אָפּגעלייקנט געוואָרן. פאַר־קערט, די שטעלן אין די מגילות וואָס רירן אָן דעם טויט פון מורה צדק. לאָזן איבער דעם איינדרוק אַז ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. קיינער באַקלאָגט זיך ערגעץ ניט אַז מ׳זאָל דעם מורה צדק האָבן דערמאָרדעט. מ׳באַקלאָגט זיך, אַז מ׳האָט אים גערודפט, און ס׳איז אויך אונטערשטראָכן, אַז גאָט האָט אים געראַטעוועט פון די וואָס האָבן אים געוואָלט שלעכטס טאָן.

85)מב״ד וואָוו׳ 11.

86) ס״ה. ט׳ 18־17; פשר חבקוק ט׳ 13; קאָלאָס. 3, 12.

87) פשר חבקוק ה׳ 16 ביז ו׳ 3; ט׳ 6־4; מעטיו 23, 39־34.

88) ס״ה. ד׳ 20; זשאַן 12, 31.

89) הודיות ג׳; מעטיו 24, 29־6.

90) ס״ה. ה׳ 11־9; מעטיו 11, 14, און נאָך.

א. אַז. וו. 91). איבעריק צו זאָגן, אַז איןביידע טעקסטן, ווערן די גוטע כוחות געפירט פון גאָט, און די פון רשעות ווערן אָנגעפירט פון דעם בליעל 92).

די צוויי קעגנגעזעצטע כוחות ווערן אין ביידע טעקסטן דירעקטירט פון צוויי הויפט־גייסטער. פונעם „רוח הקודש" (דעם הייליקן גייסט) פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט, פון דעם „רוח העול" (דעם גייסט פון בייז, פון ליגן און פון רשעות). און ביידע, כאָטש באַשאַפן פון גאָט, פירן זיי צווישן זיך אַן אייביקן קאַמף. אַפילו אין דעם מענטשנס נשמה אינעווייניק, זיינען זיי פאַראַן, און קאָנען פירן דעם מענטשן אויף ליכטיקע אָדער אויף פינצטערע וועגן 93). דער זעלבער מאָטיוו, ווערט כמעט אויף דער זעלבער שפראַך און מיט די זעלבע טערמינען אָנגעצייכנט אין נייעם טעסטאַמענט 94).



צוזאַמענגעשטעלטע טישן פון שטיקער פלאַסטער. אויף זיי האָט מען געשריבן און קאָפּירט די מגילות.

(91 ס"ה. ג' 23־17. זשאַן 3, 10־7.
(92 מב"ד ד' 12, לוק 12, 5; 2 קאָרינט. 6, 15; און נאָך
(93 ס"ה. ג' 13 ביז ד' 26.
(94 זשאַן 8, 47־42; 1 קאָרינט. 6, 14 ביז 7, 1. און נאָך

ביי ביידע סעקטעס איז דער אויסגאַנג פון דעם קאַמף באַשטימט פּאַטאַל פון פּאַרויס. זיגן וועט דער הייליקער גייסט קעגן דעם בייזן און אומריינעם 95).

## ה. ענלעכקייטן אין דער שפּראַך און אין תנ״ך ציטאַטן

ביידע רעליגיעזע דאָקומענטן ברענגען תנ״ך פּסוקים פּאַר באַווייזן. די אַפּאָקאַליפּטיק פון די מגילות און פון נייעם טעסטאַמענט איז דורכאויס באַזירט אויף די הייליקע שריפטן. אָן אַ פּסוק האָט זיך דער מורה צדק אָדער דער נוצרי ניט באַגאַנגען. די „גאָספּעלס״, פּונקט ווי די מגילות, זיינען פול מיט תנ״ך ציטאַטן. זייער אָפט זיינען די ציטאַטן אין ביידע טעקסטן איינע און די זעלבע, און צוליב דעם זעלבן אויספּיר. דער מחבר פון „ברית דמשק״ באַזירט זיין פּאַרבאָט אויף פּאָליגאַמיע, אויפן פּסוק אין בראשית א׳ 27, „זכר ונקבה ברא אותם״ 96). און אויפן זעלבן פּסוק האָט זיך אויך געשטיצט דער מחבר פון די „גאָספּעלס״ 97). דער פּסוק „קול קורא במדבר״ (אַ קול רופט אין דער מדבר), פון ישעיה מ׳ 3, ווערט געבראַכט אין נייעם טעסטאַמענט ווי אַ באַוויז, אַז דאָס האָט דער נביא ישעיה אין זינען געהאַט יוחנן דעם טויפער, וואָס קומט אָן פון מדבר 98), די מגילות באַווייזן פון דעם זעלבן פּסוק, אַז דאָס האָט דער נביא ישעיה געמיינט זיי, די חסידים וואָס רופן פון דעם מדבר צום פאָלק תשובה צו טאָן 99). דער פּסוק „והקימותי סוכת דוד הנופלת״ (און איך וועל צוריק אויפשטעלן דודס איינגעפאַלן הויז, (עמוס ט׳, 11), ווערט גענוצט סיי אין די מגילות און סיי אין עוואַנגעליום 100). דער פּסוק, „מוצא שפתיך תשמור״ (היט וואָס ס׳גייט אַרויס פון דיינע ליפּן, דברים כ״ג, 24) ווערט גענוצט אין דער געזעצגעבונג פון ביידע ערליי טעקסטן 101). דער „ואהבת לרעך כמוך״ (האָב ליב דיין פריינט ווי זיך, ויקרא י״ט, 18) ווערט גענוצט אין אַלע גאָספּעלס, און אויך אין דער מגילה „ברית דמשק״ פון די חסידים 102).

---

95) ס״ה. ג׳ 17־16; 1 זשאַן 3, 10־7; 1 זשאַן 4 6־1.

96) מב״ד 3, 22.

97) מעטיו 19, 4; מאַרק 10, 6.

98) מעטיו 3, 3.

99) ס״ה. ח׳ 14.

100) מב״ד ז׳ 16; לוק 1, 32.

101 מב״ד ט״ז 7־6; מעטיו 5־33.

102) מב״ד וואָוו, 21־20.

אַ סך פּסוקים פונעם נביא חבקוק, וואָס ווערן געבראַכט אין דער מגילה „פשר חבקוק", ווערן אויך ציטירט אין עוואַנגעליום. ווי למשל, דער פּסוק: „וגם אם יתמהמה, חכה לו", (אויב ער, דער אויסלייזער, זאָל זיך אַפילו זאַמען, חכה לו, וואַרט אויף אים 103). און נאָך אַנדערע.

אַפילו דעם באַוויז, וואָס די מגילות ברענגען, פאַרוואָס זיי זיינען פאַרטריבן קיין דמשק" (סימבאָליש, אין מדבר יהודה), דער פּסוק פון עמוס ה' 27, „והגליתי אתכם מהלאה לדמשק", (און איך וועל אייך פאַרטרייבן ווייטער, קיין דמשק), נוצט דער נייער טעסטאַמענט 104). ניט מער, זיי רופן עס אָן „פון יענער זייט בבל", אַנשטאָט „דמשק".

אין איינעם פון די פראַגמענטן פון הייל נומ. 4, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן פון דזשאָן אַלעגראָ (איינער פון די וויסנשאַפטלייט וואָס האָבן סאָרטירט און שטודירט די טויזנטער פראַגמענטן אין דעם ירדן מוזייאום 105), רעדט דער מחבר פון אַ נייעם נביא, וואָס דאַרף אויפשטיין, פירן דאָס פאָלק, פונקט ווי די נביאים אַמאָל האָבן געפירט דאָס פאָלק. דאָרטן ווערט ציטירט דער פּסוק פון דברים י"ח 18:

„...נביא אקים לכם מקרב אחיכם, כמוך, ונתתי דברי בפיו, ודבר אליהם את כל אשר אצונו".

(פאַרטייטשט לויט יהואש: אַ נביא וועל איך אייך אויפשטעלן פון צווישן אייערע ברידער, אַזאַ ווי דו (גאָט רעדט עס אַזוי צו משהן, — ש. ג.), און איך וועל אַריינלייגן מיינע ווערטער אין זיין מויל, און ער וועט ריידן צו זיי אַלץ וואָס איך וועל אים באַפעלן). דער זעלבער פּסוק ווערט אין נייעם טעסטאַמענט אַ גאַנצער ווינקלשטיין, אַ באַוויז פאַרן דערשיינען פונעם נוצרי, און ווערט ציטירט ממש צענדליקער מאָל, אין אַלע „גאָספּעלס", און ספּעציעל אינעם

---

103) פשר חבקוק ז' 8־5; 10־9; „היברוס" 10, 38־37.

104) אקטן 7, 43.

105) אַ פראַגמענט וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען „טעסטימאָניאַ". דאָס איז אַ פּסוקים אַנטאָלאָגיע פון די הייליקע שריפטן, פּסוקים — עדות פאַרן אמת פון די אַנטפּלעקונגען. דאָרט זיינען פאַראַן די פּסוקים פון דברים י"ח 18; פון במדבר כ"ד 17־15; פון דברים ל"ג 11־8, און נאָך אַ סך אַנדערע. די לעצטע 2 דערמאָנטע פּסוקים, פון במדבר כ"ד און פון דברים ל"ג, זיינען געבראַכט פאַר באַווייזן, אַז אַ כהן אַ משיח וועט זיך באַווייזן צום „סוף פון די טעג".

„נאַספּעל" פון דזשאַן, ווי אויך אין די בריוו (עפּיסטעלס), פון דעם הייליקן פּאָול. דער זעלבער פּסוק ווערט אויך גענוצט פאַר דער נביאות פון יוחנן דעם טויפער, וואָס זאָגט אָן דאָס אָנקומען פון דעם אויסלייזער, ישו.

אַזאַ צעטל מיט ענלעכקייטן (וואָס האָט ווייט ניט אויסגעשעפּט דעם מאַטעריאַל) קאָנען זיי זיין צופעליקע? קאָן אַזאַ זאַך געמאָלט זיין? —



אַ צימער אין ירדן מוזייאום (אין אַלטן ירושלים). אויף די טישן ליגן אויסגעלייגט טויזנטער פראַגמענטן פון די מגילות. געלערנטע שטודירן דעם מאַטעריאַל.

## קאַפּיטל 14

# אונטערשיידן וואָס דערגאַנצן די ענלעכקייטן

### א. די אונטערשיידן צווישן די צוויי ליטעראַטורן

קריסטלעכע טעאָלאָגן האָבן מורא געקראָגן, און ניט אומזיסט, אַז די ענלעכקייטן פון די מגילות מיטן נייעם טעסטאַמענט קאָנען אָנטאָן שאָדן די איינגעשטעלטע באַגריפן בנוגע דעם קריסטלעכן קלויסטער. האָבן זיי פון אָנהייב אָן געפּרואווט איגנאָרירן דעם טומל אַרום די מגילות. זיי האָבן זיך ניט געיאָגט ענטפערן אויף טייל השערות וואָס די ניי־געפונענע פאַרמעטן האָבן אַרויסגערופן, פּונקט ווי זיי וואָלטן דעם אינהאַלט פון די מגילות ניט געהאַלטן פאַר וויכטיק אָדער ערנסט גענוג. ס׳האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און ביכער וועגן די געפונענע אַלטע פאַרמעטן, זייער אינהאַלט און באַטייט, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן, ד׳ער עיקר, אין קריסטלעכע לענדער. געלערנטע האָבן גענומען איבערשטייגן איינער דעם אַנדערן און דערווייזן מער און מער איבעראַשנדיקע ענלעכקייטן אין די טעקסטן פון די מגילות און דעם נייעם טעסטאַמענט, דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן ענטפערס פון קלויסטער־מענטשן.

אַפּלייקענען די אויטענטישקייט פון די מגילות אָדער זייער עלטער האָט מען שוין ניט געקאָנט. די אויטענטישקייט פון די מגילות און זייער עלטער איז שוין באַשטעטיקט געוואָרן פון דער גרעסטער מערהייט אויטאָריטעטע היסטאָריקער און אַרכעאָלאָגן, וואָס האָבן זיך מיט די פאַרמעטן פאַראינטערעסירט. האָבן קריסטלעכע טעאָלאָגן גענומען זוכן און האָבן געפונען, אַז אַחוץ ענלעכקייטן אין די 2 טעקסטן, זיינען אויך פאַראַן אַנדערשקייטן און אונטערשיידן.

אַרום מיטן 50קער יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן ביכער פון גלחים, טעאָלאָגן און אַנדערע קריסטלעכע אויסטייטשער פון די מגילות, וואָס האָבן אַרויסגערוקט די אונטערשיידן און ווידערשפּרוכן אין די צוויי טעקסטן, זיי האָבן געפּרואווט באַווייזן, אַז די צוויי שריפטן האָבן גאָר אַ קנאַפּע שייכות

איינע מיט דער אַנדערער. אין די אַלטע פּאַרמעטן האָבן זיי אַנטדעקט טיפע און גרינטלעכע אונטערשיידן צווישן די ערשטע קריסטלעכע געמיינדעס מיט די עסענער, און דער עיקר האָבן זיי אונטערשטראָכן, ווי שטאַרק אַנדערש יעזוס איז געווען פון דעם מורה צדק.

אַ סך פון די אַרגומענטן איז אַפּילו ניט ווערט רעגיסטרירן. ווען, למשל, אַ גלח שטעלט אַרויס אַ טענה, אַז דער נוצרי קאָן זיך גאָרניט אָנקערן מיטן מורה צדק, ווייל יעזוס איז דאָך געווען אַ משיח און אַן אויסלייזער, און איז צוריק לעבעדיק געוואָרן, בשעת דער מורה צדק איז עס ניט געווען, איז ניט שייך דיספּוטירן מיט אים. ס׳זיינען אָבער פאַראַן צווישן די אַרגומענטן אַזעל־כע, וואָס זיינען ערנסטע, און מ׳דאַרף זיי באַטראַכטן.

צווישן די „באַווייזן״, אַז די צוויי סעקטעס האָבן געהאַט גרינטלעכע אונטערשיידן, און האָבן זיך בשום אופן ניט געקאָנט אָנקערן איינע מיט דער אַנדערער, פיגורירט שטאַרק די אָפּגעשלאָסנקייט פון דער קומראַן סעקטע. די באַציאונג צו פרעמדע איז ביי די פרומע חסידים געווען אינגאַנצן אַן אַנ־דערע ווי ביי די ערשטע אור־קריסטלעכע געמיינדעס. ביי דער סעקטע פון די מגילות האָט אַ נייער מיטגליד געדאַרפט זיין פולע 2 יאָר אויף פּראָבע, ביז ער איז גוטגעהייסן געוואָרן, אָדער ווי זיי האָבן עס גערופן, ביז „זיין גורל איז אָנגענומען געוואָרן״ (ס״ה ו׳ 23־13). יעזוס האָט, פּונקט פאַרקערט, איינגע־לאַדן צום גרויסן באַנקעט, אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי דאָס הימלשע קעניגרייך וועט אַראָפּנידערן, — „...מענטשן פון אַלע 4 עקן וועלט וועלן זיך זעצן צום טיש״... (מעטיו 8, 11; לוק 13, 29); ווי אַזוי־זשע, פרעגן די גלחים, קאָן מען זאָגן, אַז יעזוס איז אַן אָפּשטאַמיקער פון דער קומראַן געמיינדע? אָדער, אַז ער האָט ביי זיי גענומען די גרונטשטריכן פון זיין לערע?

ווייטער: אין דער קומראַן סעקטע האָט מען מיט קיין פרעמדע אינגאַנצן ניט געטאָרט האָבן צו טאָן. מ׳האָט זיך ניט געטאָרט מישן מיט זיי, ניט חברן, ניט עסן ביי זיי, מ׳האָט זיך צו זיי אַפּילו ניט געטאָרט צורירן. אויב מ׳האָט זיך צופעליק צוגערירט צו אַ פרעמדן, האָט מען זיך געדאַרפט באַלד טובלען. יענע, „די וואָס זיינען ניט צוגעשטאַנען צום בונד — זיינען טמא״ (ס״ה ה׳ 20־13). מער נאָך! ס׳איז געווען אַ שטאַנדן סיסטעם פון „העכערע און נידעריקערע״ מיטגלידער אין דער סעקטע גופא. און די באַזונדערע שטאַנדן האָבן זיך אויך ניט געטאָרט מישן איינער מיט דעם אַנדערן (ס״ה ב׳ 23־22).

יעזוס פאַרקערט, האָט געגעסן, געטרונקען און פאַרבראַכט מיט אַלעמען גלייך. אַפּילו אַ פרוי, אַלעמען באַקאַנט ווי אַ זינדיקע, האָט ער געזעצט לעבן זיך, געלאָזן זי זאָל אים אַפּילו אָנשמירן זיינע פיס מיט אויל.

קאָן דאָ זיין, פרעגן די קריסטלעכע אַפּאָלאָגעטן, — אַ נאָענטע שייכות צווישן די צוויי פילאָזאָפיעס? — אָדער,

ווען עס האַנדלט זיך למשל, וועגן די שבת געזעצן, וואָס זיינען געווען, ווי ס׳איז באַוואוסט, זייער שטרענגע ביי די חסידים־איסיים. איינער פון די שבת געזעצן ביי די פרומע סעקטאַנטן איז געווען, אַז מ׳טאָר ניט אַרויסשלעפּן אום שבת אַ בהמה וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב. מ׳דאַרף וואַרטן ביזן אָוונט (מב״ד, י״א 14־13).

ווען מ׳האָט געפרעגט יעזוסן, צי מ׳מעג היילן אַ קראַנקן אום שבת, האָט ער צוריק אַ פרעג געטאָן: „... ווער פון אייך וואָלט ניט אַרויסגעשלעפּט זיין בהמה וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב? — אַ מענטש איז דאָך בילכער פון אַ בהמה!״ (מעטיו 12־11). אַזאַ ענטפער, זאָגן קריסטלעכע געלערנטע, איז דאָך פונקט דער היפוך פון דעם וואָס ס׳איז געלערנט געוואָרן ביי די עסענער. — היינט, ווי קאָן מען צושרייבן יעזוסן די לערע פון די מגילות? — אָדער,

ווען יעזוס זאָגט: „...וואָס עס פאַראומרייניקט און מאַכט אַ מענטשן טמא, איז ניט ווען ער עסט מיט ניט קיין געוואַשענע הענט, נאָר ווען זיין האַרץ איז אומריין!״ ווי קאָן מען אַזאַ אָנזאָג געפינען אין די מגילות? — פרעגן די טעאָלאָגן. איז דען טבילה ניט געווען איינע פון זייערע וויכטיקע איינפירן? ס׳איז דאָך קלאָר, טענהן זיי, אַז יעזוס האָט געלערנט פּונקט דאָס פאַרקערטע!

אין די מגילות דערציילט זיך, אַז די איסיים האָבן פאַרבראַקירט אַ בעל־מום, אָדער אַפילו אַ קראַנקן. לויט זייערע געזעצן, האָט מען אַזעלכע גאָר ניט געטאָרט אַריינגעמען אין די פרומע געמיינדעס. האָט דען יעזוס, פאַרקערט, ניט געהיילט די קראַנקע? — האָט ער זיך ניט געחברט מיט קאַליקעס? — ווי־זשע קאָן מען פאַרבינדן די צוויי סעקטעס? און דער עיקר, ווי קאָן מען זאָגן, אַז יעזוס איז גאָר אַ גילגול פון מורה צדק, דעם פאַרפאַסער פון די שטרענגע געזעצן?

אַזעלכע טענות זיינען איבערגעחזרט אין זייער אַ סך טעאָלאָגישע זשורנאַלן און ביכער, וואָס פילן אָן אַ סך פּאָליצעס אין די ביבליאָטעקן אין יעדער שטאָט אין אייראָפּע און אַמעריקע.

אמת, אַזעלכע טענות מאַכן אַן איינדרוק. בפרט נאָך, ווען אַרטיקלען אָדער ביכער וואָס דערווידערן און לייקענען זיי אָפּ זיינען כמעט ניט בנמצא. דער אמת איז אָבער, אַז אָט די און ענלעכע טענות באַווייזן שוין גאָרניט דעם היפוך. פאַרקערט, זיי באַשטעטיקן גאָר די השערות פון די געלערנטע, אַז די געמיינדעס פון די פרומע חסידים זיינען געווען דער „מוטער־באָדן״, דאָס וויגעלע, פון וואַנען ס׳זיינען אַרויסגעוואַקסן די ערשטע אור־קריסטלעכע

געמיינדעס. ניט מער, די אַלע קריסטלעכע טעאָלאָגן פאַרגעסן נעמען אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז פון דער צייט, ווען די פרומע חסידים האָבן פאַרפאַסט די געזעצביכער סרך היחד, מגילת ברית דמשק, דעם פשר חבקוק און די אַנדערע, ביז ס'זיינען אַנטשטאַנען געשיכטלעכע קריסטלעכע געמיינדעס, און ביז דער צייט, ווען דער עוואַנגעליום איז פאַרפאַסט געוואָרן 1), האָט געדויערט ניט ווייניקער ווי פון 200 ביז 300 זייער אומרואיקע און זייער צערודערטע יאָרן אין דעם טייל פון דער וועלט, און ספּעציעל אין יהודה. מיר טאָרן אָט דעם צווישן־פּעריאָד בשום אופן ניט אַרויסלאָזן פון אויג, ווען מיר ווילן צוגיין וויסנשאַפטלעך צו אַזאַ וויכטיקער געשיכטלעכער דערשיינונג ווי די אַנטשטייאונג פון קריסטנטום.

אין דער צווישנצייט האָט די חשמונאים־דינאַסטיע דעגענערירט, זייערע קעניגער האָבן אָנגעפירט בלוטיקע בירגערקריגן צוליב מאַכט און דערפירט דאָס פאָלק צו רואינע און צו אויפשטאַנדן; רוים האָט אונטערטעניק געמאַכט דאָס יידישע לאַנד; די מלוכה איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון „פרעמדע קנעכט" (הורדוס מיט זיין דינאַסטיע), וואָס זיינען נאָך געווען ערגער פון די לעצטע חשמונאים; נאָכדעם זיינען פאָרגעקומען די רציחות פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרן, רשעים. דער גרויסער אויפשטאַנד קעגן רוים, און דער נאָך גרעסערער חורבן (70־66): די גרויזאַמע גזירות פון אדריונוס און דער לעצטער דורכגעפאַלענער אויפשטאַנד קעגן רוים, אָנגעפירט פון בר־כוכבא. אין דער צייט איז די יידישע דיאַספּאָראַ זיך צעוואַקסן אין דער ברייט און אין דער טיף. די תפוצות זיינען אָנגעשוואָלן געוואָרן מיט אַ צופלוס פון גרים פון אַזעלכע פּראָפּאָרציעס, אַז די צוגעשטאַנענע האָבן שוין ניט געקאָנט אַסימילירט ווערן פון די יידישע געמיינדעס אין דער פרעמד. די לעצטע זיינען געווען קלענער אין צאָל און נידערגעשלאָגן איבער די מפלות און דעם חורבן

---

1) מיר שרייבן אונטער „פאַרפאַסט" און ניט אָפּגעשלאָסן געוואָרן, ווייל קאַנאָניזירט זיינען די גאַספּעלס געוואָרן ערגעץ אין 4טן י. ה. און פאַרפאַסט זיינען זיי געוואָרן ניט פריער פון 2טן יאָרהונדערט אונ. צייט.

דזשאַסטין מארטיר, איינער פון די ערשטע און וויכטיקסטע גרינדער פונעם קריסטנטום (ער האָט געלעבט אין די יאָרן 100 ביז 167 אונ. צייט און אָנגענומען די נייע רעליגיע, ווען ער איז אַלט געווען 38 יאָר). ער האָט איבערגעלאָזן 2 ביכער, וואָס זיינען געבליבן וויכטיקע ווינקלשטיינער אין דער קריסטלעכער ליטעראַטור. א) די "אַפּאָלאָגיע" און ב) דער „דיאַלאָג". ביידע, מער ווייניקער זאַמלונגען פון אַרגומענטן מיט קעגנער פונעם קריסטנטום. (ס'איז באַקאַנט, אַז ער האָט אַרגומענטירט מיטן באַקאַנטן תנא טרפון פון דער משנה). אין די ביכער דערקאָנט מען גרינג אַז די „גאַספּעלס" זיינען נאָך דאַן ניט געווען אָנגענומען אין די קריסטלעכע קרייזן.

וואָס דאָס יידן־לאַנד און די יידישע ישובים אין דער פרעמד האָבן געליטן. יידן זיינען אומעטום געווען דאָרשטיק נאָך אַ טרייסט, און געגאַרט נאָך אַ ליכטיקן שטראַל אין דעם גרויסן חושך אַרום.

## ב. חסידים פאַרשפּרייטן די משיחישע בשורות

די געמיינדעס פרומע חסידים, ווי איזאַלירט זיי האָבן זיך ניט געהאַלטן פונעם כלל יידן, האָבן זיי ניט געקאָנט אויסמיידן דעם גורל ווי אויך די אומבייטן און די טראַנספאָרמאַציעס וואָס דאָס יידישע פאָלק און דאָס יידישע לאַנד זיינען דורכגעגאַנגען. ניט מער, פאַרטיפטע אין זייערע אַנטפּלעקונגען און פאַרזונקענע אין זייער עסכאַטאָלאָגישן אויסקוק, האָבן זיי דורכגעמאַכט די איבערגעשטאַלטונגען אויף זייער אייגענעם אופן. אין די אומגליקן פון זייער צייט האָבן זיי דערקענט דעם „ביום ההוא", דעם שרעקלעכן טאָג פון בראָך וועגן וועלכן די הייליקע נביאים האָבן געוואָרנט. דער „באחרית הימים" מיטן הימלשן קעניגרייך זיינען לויט זייער מיינונג שוין גאָר נאָענט און וועלן זיך באַווייזן גאָר אייגיכן, היינט אָדער מאָרגן, איינעם מיטן אויסגעטרוימטן משיח. זיך האָבן זיי געהאַלטן פאַרן „הייליקן שפּראָץ" מיט וועמען גאָט האָט געמאַכט אַ נייעם בונד. אויף זיי ליגט די פליכט צו פאַרשפּרייטן דאָס נייע, דאָס אמתע וואָרט פון גאָט, ווי ס'איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו דעם לעגענדאַרן מורה צדק. זיי, די חסידים, זיינען געוואָרן די שילוחים, די הייליקע פּרעדיקער, און אין דער ביטערער צייט זיינען זיי געוואָרן די פאַרשפּרייטער פון די גוטע בשורות, אַז משיח קומט באַלד, אָדער אַז ער איז שוין געווען און קומט באַלד צוריק. פון די באַלעמערס אין די פאַרזאַמלונג־הייזער, די סינאַגאָגן, אין אַלע גרעסערע ישובים אין דער דעמאָלטיקער וועלט, האָבן זיי געמאָלן דעם יום־הדין, דעם סוף פון די טעג, דעם הייליקן גייסט, און דאָס הימלשע קעניגרייך. זיי האָבן נביאות געזאָגט, אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, און ער איז טאַקע חרוב געוואָרן 2). זיי האָבן געמאָלן דעם יום הדין מיט גרוילן — און אַזאַ איז

---

2) פלאַוויוס דערציילט וועגן זיי (מלחמות בוך 2, 8, 12) „...זעלטן, אַז זייער נביאות ווערט ניט באַשטעטיקט". פלאַוויוס האָט געשריבן זיין געשיכטע 10 אָדער מער יאָר נאָכן חורבן פון דעם לאַנד יהודה. זיין באַמערקונג, אַז זיי קאָנען פאָרויסזאָגן וואָס עס וועט זיך טרעפן אין פאָרויס, מוז שטאַמען טאַקע פון דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן לאַנגע יאָרצענדליקער געוואָרנט, אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, און ער, פלאַוויוס, איז געווען אַן עדות, אַז זיי האָבן געטראָפן.

ער טאַקע געווען, אָדער נאָך גרויליקער. זיי האָבן געפּריידיקט אַז מ׳זאָל זיך אָפּטיילן פונעם טמא בית המקדש וואָס דאַרף באַלד חרוב ווערן און האָבן געקראָגן מאָראַלע שטיצע אין צענדליקער און הונדערטער געמיינדעס יראי ה׳, וואָס האָבן זיך שטאַרק געמערט אין די ווייטע תפוצות, די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר פאַרן חורבן.

ווען די אַפּאָקאַליפּטישע פאַרשפּרייטער פון די גוטע משיחישע בשורות האָבן אין די ווייטע צעוואָרפענע תפוצות זיך געטראָפן פנים אל פנים מיט געמיינדעס יידן, אַלערליי יידן, וואָס האָבן זיי אויפגענומען מיט קלאַפּנדיקע הערצער און מיט גיריקע אויגן, און ווען זיי האָבן דערפילט, אַז זיי קריגן ניט קיין מיטגעפיל ביי יענע וואָס קלאָגן גאָר אויף דעם חרוב געוואָרענעם בית המקדש, בשעת זיי האָבן זיך גאָר געדאַרפט פרייען, און אַז, פאַרקערט, זיי האָבן מער דערפאָלג און קריגן מער נאָכפאָלגער ביי די גרים, ביי די נעכטיקע פרעמדע, די „יראי ה׳" — האָבן זיך אַ סך פון די משיחישע דער־פרייער אויסגעקערט מיטן פנים צו די גרים. דאָס איז געווען דער פרוכט־באַרער באָדן אין וועלכן ס׳האָט זיך אויסגעוואָרעמט און ס׳האָט אויפגעשפּראָצט אַן אָפּאָרטוניסטישע פראַקציע, וואָס האָט געשלעפּט צום גרויסן דערפאָלג אין דרויסן.

## ג. קאַמף צווישן די צוויי הויפּט־שיטות אין פּרימיטיוון קריסטנטום

אָט אין דעם גייסטיק־פּאָליטישן קלימאַט, אין דעם גורל־פולן פּעריאָד פאַר און נאָכן חורבן, איז אַנטשטאַנען און ס׳האָט זיך אויספאָרמירט דאָס קריסטנטום. פאַרן געפינען די מגילות האָבן מיר עס ניט געוואוסט. דאָ און דאָרטן האָבן געלערנטע געפּרוווט אַריינדרינגען אין די סודות. אַזאַ היס־טאָריקער ווי ערנסט רענאַן האָט נאָך אין מיטן לעצטן י. ה. פאַרבונדן דעם אָנהייב פונעם קריסטנטום מיט די איסיים. ס׳זיינען געווען נאָך געלערנטע וואָס האָבן עס געזאָגט. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען השערות, לאָגישע און געלונגענע היפּאָטעזן, וואָס האָבן אָבער ניט געקאָנט דערוויזן ווערן וויסנ־שאַפטלעך. דאָקומענטאַלע שפּורן פון דעם פּעריאָד זיינען פאַרשוואונדן. אונדז איז באַקאַנט, אַז ניט אין שריפטלעכער באַוויז, וואָס האָט געקאָנט דערציילן עפּעס, וואָס לייקנט אָפּ דעם אָנגענומענעם קריסטלעכן שאַבלאָן, איז פאַר־ניכטעט געוואָרן 3). עס הייבט אָן קלאָר ווערן, אַז די גאַנצע חסידים ליטע־

---

3) ס׳איז אַ פאַרשפּרייטע מיינונג צווישן געלערנטע, אַז די וויכטיקע געשיכטע־ביכער פון יאָזעפוס פלאַוויוס זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אומקום צוליב די פאָר קריסט־

ראַטור, אַלע זייערע שריפטן, פון וועלכע מיר האָבן איצט געפונען קאָפּיעס אין די היילןביים ים המלח — אויך די ליטעראַטור האָט דער קריסטלעכער קלויסטער מיט דער צייט פאַרניכטעט, און די שריפטלעכע באַווייזן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אָן אַ שפור.

וואָס ע'ס איז געבליבן, איז זיכערע און אומבאַשטרייטבאַרע סימנים אין דער קריסטלעכער ליטורגיע, אַז אין די ערשטע עטלעכע הונדערט יאָר פונעם קריסטנטום, אין משך פון אַ סך דורות, איז די נייע אמונה געווען צע־ריסן און צעשפּליטערט. אַ סך ריכטונגען אין דעם נייעם גלויבן האָבן געפירט שאַרפע און ביטערע קאַמפן צווישן זיך, און אָפט אַפילו אַריינגעוואָרפן איינע די אַנדערע אין חרם. דער עיקר, זעען זיך אָן צוויי הויפּט־שיטות ביים אָנהייב פון דער נייער רעליגיע: 1) דער קלויסטער אין ירושלים, וועמען זיי רופן „די יידן", (אָדער — „היברוס"), און 2) דער קלויסטער אָדער — די פאַרשיידענע קלויסטער ריכטונגען אין די וויטערע ישובים.

די ערשטע זיינען געווען געוועזענע יידן, וואָס האָבן געגלויבט אַז דער משיח האָט זיך שוין באַוויזן. איצט וויסן מיר שוין, אַז דאָס זיינען געווען אָפּשטאַמיקע פון די פרומע חסידים, מיטגלידער פונעם הייליקן „יחד", וואָס האָבן אָנגעהאַלטן די טראַדיציעס פון קומראַן און זייער גע־זעצגעבונג פון דעם סרך היחד אָדער פון דער מגילת ברית דמשק. צו־זאַמען מיט זייער גלויבן, אַז ישו איז דער משיח האָבן זיי אויך געהאַלטן משהס תורה און די אַנדערע אַלטע הייליקע שריפטן, פאַר דער באַזע פון זייער גלויבן.

די צווייטע זיינען געווען די צוגעקומענע גרים, די געמיינדעס „יראי ה'" פון דער דיאַספּאָראַ, וואָס האָבן געגלויבט אין ישו דעם „כריסטאָס". זיי זיינען געווען די נאָכפאָלגער פון דער אָפּאָרטוניסטישער פאָול ליניע אין קריסטנטום. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מ'מוז ניט אָפּהיטן קיינע פון די תורה־געזעצן, ווייל ישו דער משיח האָט שוין די אַלטע תורה אָפּגעשאַפט, אָדער

---

לעכע אינטערפּאָלאַציעס וואָס זיינען צוגעשריבן געוואָרן אין די ביכער פון קריסטלעכע מאָנאַכן, ערגעץ אין די פריע קריסטלעכע יאָרהונדערטער. דער איבערשרייבער האָט עס גע־מוזט טאָן צוליב דעם גרויסן פראַגע־צייכן וואָס האָט זיך געשטעלט, פאַרוואָס דער היס־טאָריקער, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט האָט אים פאַרשוויגן און אינגאַנצן ניט דער־מאָנט דעם נוצרי (פלאַוויוס איז געבוירן געוואָרן אַרום 5, 6 אָדער 7 יאָר נאָכדעם ווי יעזוס איז לויט דער לעגענדע געקרייציקט געוואָרן).

אויסגעבעסערט 4). די דאָזיקע ריכטונג אינעם קריסטנטום איז פון סאַמע אָנהייב געווען גרייט אָפּרייסן די נייע אמונה פון איר שטאַם, און אָנהייבן איינגאַנצן אַ נייעם גלויבן, וואָס איז מיט קיין שום פעדעם ניט צוגעבונדן צו די אַלטע הייליקע שריפטן.

די אָנהענגער פון דער משה טראַדיציע זיינען טאַקע געבליבן אין דער מינדערהייט, זיי זיינען אָבער געווען שטאַרק איינגעעקשנט. איצט פאַר־שטייען מיר שוין דעם קוואַל פון דער עקשנות. די יידישע געמיינדעס, די אָפּשטאַמיקע און נאָכפאָלגער פון די גאָר פרומע חסידים, האָבן זיך ניט געקאָנט דערלויבן איבעררייסן מיט די אַלטע טראַדיציעס. דער איינגע־וואָרצלטער גלויבן אין יהוה, די צוגעבונדנקייט צו משהס תורה האָט זיך ביי די אולטראַ־פרומע ניט געלאָזט אָפּמעקן אַזוי גרינג.

הייסבלוטיק און צאָרנדיק האָבן געמוזט זיין די וויכוחים וואָס זיינען געפירט געוואָרן צווישן די פרומע חסידים, די „אביונים" אָדער די „רבים" מיט זייערע קעגנער, די נאָכפאָלגער פון דער אָפּאָרטוניסטישער פאָול ליניע. צום סוף איז אָבער דערגרייכט געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס צווישן די צוויי הויפּט־ריכטונגען.

די וויכטיקסטע אורזאַך פון דעם קאָמפּראָמיס איז געווען דער פאַקט, וואָס די גאַנצע אידעאָלאָגיע פונעם קריסטנטום, די עסכאַטאָלאָגישע דער־וואַרטונגען און אַלע אַנטפּלעקונגען וועגן דעם צוגעזאָגטן משיח האָבן דאָך געשטאַמט פון די אַלטע הייליקע שריפטן. דער עוואַנגעליום האָט דערפאַר איבערגעלאָזן, ניט נאָר די ציטאַטן פון די אַלטע הייליקע שריפטן, נאָר אויך יעזוסעס אַנזאָג, אַז ער איז ניט געקומען אָפּשאַפן קיין איין אות פון דער תורה, נאָר צוגעבן צו איר. (פאַרגלייך — מעטיו 5, 17־18, מיטן סרך היחד ה' 9־8).

## ד. דער פּאָלעמישער דיאַלאָג

אָט די וויכוחים, דער פּאָלעמישער דיאַלאָג צווישן די צוויי הויפּט־שיטות אינעם אור־קריסטנטום, דאָס איז געבליבן אָפּגעשפּיגלט אינעם עוואַנגעליום.

---

4) דער פאַקט, אַז דער מורה צדק האָט אויסגעבעסערט משהס תורה איז דערמאָנט ממש צענדליקער מאָל אין די מגילות, דער עיקר, אין ס"ה, און אין מב"ד. אויך אין פשר חבקוק ב' 2). דאָס ווערט אָבער געזאָגט מיט אַ ביסל אַנדערע ווערטער, ווי, למשל, „...איר דאַרפט אָפּהיטן די געזעצן פון דער תורה, לויט דעם ווי זיי זיינען אויסגעטייטשט פונעם מורה צדק". אָט אַזעלכע באַמערקונגען זיינען פאַראַן אין די מגילות צענדליקער מאָל.

אַ פּאַרפּאַסער פון די „גאָספּעלס" האָט די פריער דערמאָנטע טענות צו די פּרושים געקאָנט אַריינלייגן דעם נוצרי אין מויל אַריין, אין צווייטן י. ה. פון אונ. צייט, אָדער די רעדאַקציע פונעם נייעם טעסטאַמענט האָט עס גע־קאָנט טאָן ערשט אינעם 4טן י. ה. אונ. צייט. אַזוי צי אַזוי, זיינען די סימנים פון דעם פּאָלעמישן דיאַלאָג אינעם עוואַנגעליום — קאָמבינירט מיט די ניי־געפונענע מגילות, געוואָרן וויכטיקע עדות פון די רעליגיעזע קאַמפן וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אין יענער צייט. דורך די עדות דערקענען מיר וואָס פאַר אַ צד ס'האָט אַרויסגעשטעלט אַזעלכע טענות, און אויך קעגן וועמען זיי זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן.

ביזן געפינס פון די מגילות, איידער ס'איז אַנטדעקט געוואָרן דער קוואַל פון די געזעצן און מנהגים וואָס דער עוואַנגעליום קעמפט קעגן זיי, ווען קריסטלעכע טעאָלאָגן האָבן געזוכט צו דערקלערן, פאַרוואָס דער נייער טעסטאַמענט שרייבט צו די יידן אַזאַ געזעצגעבונג וואָס זיי האָבן קיינ־מאָל ניט געהאַט, האָבן זיי עס פאַרענטפערט מיט אַ השערה, אַז אַזעלכע איינפירן אָדער געזעצן ווי — ניט אַרויסשלעפּן אַ בהמה פון אַ גרוב אום שבת, אָדער — זיך ניט טאָרן צורירן צו אַ פרעמדן, און אַלע אַנדערע געזעצן פון דעם מין, כאָטש זיי זיינען אין ערגעץ אין די יידישע געזעצביכער ניט רעגיסטרירט, האָבן זיי אָבער געמוזט עקזיסטירן ערגעץ אין די טיפענישן פון פאָלק, אין זייערע טראַדיציעס, און יעזוס האָט זיי באַקעמפט. ס'איז דאָך אַ פשוטער שכל, זאָגן זיי, ווען זיי עקסיסטירן ניט, וואָלט זיי דער נוצרי ניט באַקעמפט.

איצט, ווען דער קוואַל פון די שטרענגע געזעצן און פון די אויסטער־לישע מנהגים איז אַנטדעקט געוואָרן, און מיר וויסן שוין, אַז זיי שטאַמען פון דער סעקטע פרומע חסידים פון קומראַן און ניט פון די „טיפעניש פון פאָלק", איצט איז שוין אויך קלאָר, אַז די טענות קעגן די געזעצן, זיינען געוואָרפן געוואָרן טאַקע קעגן די נאָכפאָלגער פון די פרומע סעקטאַנטן וואָס האָבן אָפּגעהיט די אויסטערלישע מנהגים. ניט יעזוס קעמפט דאָ קעגן די פּרושים, נאָר דער עוואַנגעליום קעמפט קעגן די איינגעעקשנטע נאָכפאָלגער פון די חסידים־גרופּן, וואָס האָבן לאַנגע דורות נאָכן חורבן, זיך נאָך אָנ־געהאַלטן אין די געזעצן וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין קומראַן.

די נאָכפאָלגער פון דער אָפּאָרטוניסטישער „פאָול ליניע" אינעם קריסטנ־טום האָבן געהאַלטן, אַז די ענגע און שטרענגע איינפירן און די משונהדיקע געזעצן פון די איזאָלירטע חסידים זיינען אַ שטערונג, אַ שטיין אין וועג, און דערלאָזן ניט אַז די נייע אמונה זאָל זיך אויסשפּרייטן. דאָס קריסטנטום

האָט זיך דאַן פאַרמאָסטן אַריינדרינגען אין די טיפעניש פון די היידנישע פעלקער. צוזאַמען מיטן קאַמף קעגן אַלערליי פאַרפאָלגונגען פון דרויסן, און מיט דער שטרעבונג אויסגלייכן די טויזנט און איין שטרייטן אין די איי־גענע רייען, האָט דער נייער גלויבן אויך געפירט אַ קאַמף פאַרן ערשטן אָרט צווישן די היידן, און קעגן דער אויסשפּרייטונג פון דער מיטרא רעלי־גיע, וואָס האָט זיך פונקט דאַן ראַשיק פאַרשפּרייט איבער דער זעלבער פּעריפעריע וואו דאָס קריסטנטום האָט געווירקט 5).

ס׳איז קלאָר, ווען אין עוואַנגעליום דערציילט זיך, אַז אין דער באַ־רימטער „רעדע אויפן באַרג״, האָט יעזוס געזאָגט צו זיינע נאָכפאָלגער: „...איר האָט געהערט ווי מ׳לערנט זיי (די פאַריסייער, די אַלע טענות זיינען קעגן די פּרושים. — ש. ג.), „האָב ליב דיין שכן און האָב פיינט דיין שונא״ (מעטיו 5, 43) אַזאַ טענה איז ניט אַרויסגעשטעלט געוואָרן קעגן די פּרושים. זיי האָבן אַזעלכעס קיינמאָל ניט געלערנט. אַזאַ לערע איז ניטאָ אין תלמוד, ניטאָ אין מדרש און אַוודאי ניט אין דער תורה, אָדער אין קיין שום טייל פון דער אַזוי גערופענער פּרושים ליטעראַטור. אַזאַ לערע איז אָבער יאָ פאַראַן אין „סרך היחד״ פון די קומראַנער חסידים! (ס״ה א׳ 9־11):

„...ער (דער וואָס וויל ווערן אַ מיטגליד אינעם הייליקן בונד, — ש. ג.) דאַרף ליב האָבן די קינדער פון ליכט, יעדן לויט זיין שטאַנד אין גאָטס ראַט. ער דאַרף פיינט האָבן די „בני חושך, יעדן לויט זיין שולד. ער דאַרף עס טאָן ווי אַ נקמה פאַר גאָט״.

אויב אויסגעפאָלגט, וואָלט אַזאַ אָנזאָג געקאָנט פירן צו פאָליטישער איזאָלאַציע, און דער צד אינעם קריסטנטום וואָס האָט אין זינען געהאַט די אויסשפּרייטונג פון דער רעליגיע, האָט באַקעמפט אַזאַ צוגאַנג.

דאָס זעלבע איז קלאָר אויך ווען מ׳באַטראַכט די טענה קעגן דעם

---

5) מיטרא אָדער מיטראַס, — אַן אַלט פּערסישער גאָט פון וויסן און פון חכמה, וואָס איז צום אָנהייב פון אונדזער צייט־רעכענונג געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן די גריכישע און רוימישע מאַסן היידן. דער מיטראַאיסטישער קולט איז געווען היפּש ענלעך צום קריסטנטום, און אין די צערעמאָניעס האָבן זיך באַטייליקט נאָר מענער.

אַרום 2טן י. ה. אונ. צייט איז די רעליגיע געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן היידן אין אייראָפּע. דאָס קריסטנטום האָט שפּעטער געמאַכט אַ סך קאָמפּראָמיסן מיט דער מיטראַאיסטישער רעליגיע. דער 25טער דעצ., למשל, איז געווען דער יאָרטאָג פון מיטראַס געבוירן, און איז איבערגענומען געוואָרן ווי דער יאָרטאָג פון דעם נוצריס געבוירן. דער ערשטער טאָג פון וואָך, זונטיק, איז געווען דער מיטראַאיסטישער רו טאָג, אַנשטאָט שבת. די קריסטן האָבן אין דעם פּרט אויך געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס.

געזעץ, אַז מ׳טאָר אום שבת ניט אַרויסשלעפּן אַ בהמה פון אַ גרוב. דער נייער טעסטאַמענט וויזט, אַז דאָס געזעץ איז ניט קיין ריכטיקס. דער נוצרי באַשולדיקט ווידער די פּרושים אין אַזאַ אוממענטשלעכן איינפיר. אָבער אַזאַ געזעץ איז דאָך ניטאָ אין קיין שום יידישע שריפטן, אין קיין שום טייל פון דער אַזוי גערופענער פּרושים־ליטעראַטור. פאַרקערט. אין דער תורה איז פאַראַן אַ געזעץ, אַז אַ בהמה דאַרף אויך רוען אום שבת. וואָס איז שייך אַ מענטשן, זעט זיך דאָך אָן אין די יידישע, ד. ה. אין די פּרושים־מנהגים און געזעצן, אַזאַ אויסגעשריגענער מנהג, ווי — „פּיקוח נפש דוחה שבת". (אויפהאַלטן, אָדער דערקוויקן אַ מענטשן איז וויכטיקער ווי שבת) ד. ה. די יידן האָבן געהאַלטן, אַז אַ מענטשנס לעבן אָדער געזונט איז וויכטיקער פון די שבת געזעצן. איז — ווען מען באַשולדיקט דאָ דער עוואַנגעליום? אויב ניט קעגן די פּרושים, קעגן וועמען קעמפט ער?

עס איז קלאָר, אַז דער קאַמף גייט דאָ קעגן די איינגעעקשנטע נאָכפאָלגער פון די חסידים, וואָס האָבן געהאַט פּונקט אַזאַ געזעץ אין זייערע געזעץ־ביכער. אין דער מגילת ברית דמשק לייענען מיר: „...און אויב זי (די בהמה) וועט אין אַ גרוב אַריינפאַלן, אָדער אין אַ נעץ, טאָר מען זי פון דאָרט ניט אַרויסשלעפּן אום שבת (מב״ד י״א 14־13). — אָט קעגן וועמען די פאַרשפּרייטער פון דער קריסטלעכער רעליגיע שלאָגן זיך!"

די אַלע טענות אינעם נייעם טעסטאַמענט קעגן אָפּגעזונדערטקייט, קעגן האַלטן אַ פרעמדן פאַר טמא, קעגן וואַרטן פולע צוויי יאָר ביז אַ נייער מיטגליד זאָל גוטגעהייסן ווערן, אָדער די באַשולדיקונג קעגן דער שטאַנדן־סיסטעם, און נאָך אַ סך טענות קעגן מנהגים און געזעצן, וואָס האָבן געקאָנט פירן צו איזאָלאַציע, און ניט דערלאָזן, אַז דאָס קריסטנטום זאָל זיך אויסשפּרייטן, — די אַלע אָנזאָגן זיינען ניטאָ און קיינמאָל ניט געווען אין די יידישע געזעצביכער. זיי זיינען אָבער יאָ פאַראַן, און זייער קלאָר פאַרשריבן אין דער קומראַן־ליטעראַטור. די אַלע טענות זיינען צוגעשריבן געוואָרן דעם נוצרי, און באַשולדיקט ווערן אַלע מאָל די פּרושים. דער אמת איז אָבער, אַז ניט די פּרושים זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין די געזעצן, און ניט דער לעגענדאַרער נוצרי האָט עס געטאָן. די אַלע טענות זיינען געבליבן אַן אָפּקלאַנג פונעם גרויסן פּאָלעמישן דיאַלאָג אינעם קריסטנטום.

## ה. די שייכות צווישן די צוויי סעקטעס

וועגן דער שייכות פון די אור־קריסטלעכע געמיינדעס צו די געמיינדעס חסידים פון קומראַן, ווייסן מיר איצט אויף זיכער, אַז די ערשטע אור־

קריסטלעכע געמיינדעס האָבן געהאַט די זעלבע אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור, ווי די סעקטע חסידים פון קומראַן. זיי האָבן געהאַט די זעלבע סימבאָלישע 12 אַפּאָסטאָלן; זיי האָבן זיך אויפגעפירט לויט די זעלבע מנהגים ווי טבילה, ווי דאָס קאָמונאַלע צוזאַמענלעבן; זיי האָבן אָנגעהאַלטן אַ טראַדיציע פון אַ הייליקן מאָלצייט, וואָס מיר דערקענען אַזאַ ביי די סעקטאַנטן פון קומראַן. די חתונה־געזעצן זיינען די זעלבע ביי ביידע אָרגאַניזאַציעס; די אור־קריסטן האָבן זייערע אַלע געזעצן און מנהגים באַזירט דורכאויס אויף דער זעלבער אידעאָלאָגישער באַזע, ווי די פרומע חסידים. זיי האָבן געאָטעמט אין דער זעלבער אַפּאָקאַליפּטיק, אַרויסאַנטפּלעקט פון די זעלבע הייליקע שריפטן, און האָבן אָפט ציטירט די זעלבע פסוקים. זיי האָבן די זעלבע עסכאַטאָלאָגישע דערוואַרטונגען, דעם זעלבן „הייליקן גייסט”, דעם זעלבן משיח, דאָס זעלבע הימלשע קעניגרייך, דעם זעלבן יום־הדין, דעם זעלבן „אַרמאַגעדאָן”, (הר מגידו) און אַפילו דעם זעלבן קאַמף קעגן די פרושים. די אַלע גרונד־שטריכן זיינען אַזוי דורכאויס גאַנץ און ענלעך אין די צוויי ערליי (?) אָרגאַניזאַציעס, אַז אייניקע פון די געלערנטע האָבן באַלד, ביים באַקענען זיך מיטן אינהאַלט פון די מגילות, אויסגעדריקט אין דער הויך אַ חשד, אַז ביידע טעקסטן רעדן גאָר פון איין און דער זעלבער סעקטע, און ניט פון צוויי וואָס זיינען ענלעך. אָדער — אַז דער נוצרי קוקט גאָר אויס ווי אַ „גילגול פונעם מורה צדק” פון די פאַרמעטן.

עס איז דערפאַר קלאָר, אַז די גרעסטע צאָל אַרגומענטן וואָס ווערן פון די קריסטלעכע אַפּאָלאָגעטן געבראַכט צו באַווייזן די אונטערשידן און די ווידער־אַנאַנדן צווישן די צוויי סעקטעס און זייערע באַזונדערע לערעס — דערגאַנצן זיך גאָר. זיי דערווייזן, פאַרקערט, אַז די קריסטלעכע לערע איז געבוירן געוואָרן ביי די אולטראַ פרומע חסידים, האָט זיך אין זייער אינגעווייד אַנט־וויקלט, און איז דאָרט אויסגעוואַקסן איידער זי איז אַרויס אין דרויסן.

פאַרשטייט זיך, אַז די אויסערלעכע לאַגע אין יענער צייט, אין דעם טייל פון דער וועלט, דער באַרג אַראָפּ און די דעגענעראַציע פון דער רוי־מישער אימפּעריע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט, ווען דאָס קריסטנטום האָט זיך געהאַלטן אין פאַרשפּרייטן; דער צעפאַלונגס־פּראָצעס פון די היידנישע רעליגיעס אין יענעם פּעריאָד; דער גאַנצער סאָציאַל־פּאָליטישער קלימאַט פון יענער צייט, האָט גורם געווען אויף דעם ראַשיקן פאַרשפּרייטן זיך פון דער נייער רעליגיע.

## קאַפּיטל 15

# דער אויספיר

### א. די אַפּאָקאַליפּטישע טראַדיציע

אין די הייליקע שריפטן האָט שוין געוואָרצלט אַן אַפּאָקאַליפּטישע טראַדיציע פון אַמאָל. די תורה, די נביאים האָבן צוגעזאָגט אַ „באחרית הימים", אַ סוף צו דער שלעכטער צייט, און אַ וועלט פון שלום, פון אמת און פון צדק וואָס שטייט אָנגעגרייט, באַלד פון יענער זייט „סוף פון די טעג". ווען ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק אין לאַנד, אַ מלחמה ביי די גרענעצן, אַ גזר, זיינען יידן געוואָרן אומגעדולדיק, זיך פאַרטיפט אין די הייליקע שריפטן, און געזוכט אַרויסצואָנטפּלעקן פון דאָרט דעם „קץ". ווען וועט עס געשען? — ווען וועט שוין זיין דער „באחרית הימים"? — אַרויסאָנטפּלעקן אָט די חכמה, די סודות פון די הייליקע שריפטן — איז געוואָרן זייער טרוים, זייער ניט-געזעטיקטער באַגער, זייער אידייע פיקס.

דער אָנגעזעענער געלערנטער, וו. פ. אַלברייט דריקט זיך אַזוי אויס וועגן זיי: „די יידישע עסכאַטאָלאָגן האָבן די לעצטע פּאָר יאָרהונדערטער פאַרן קריסטנטום אויסגעקעמט די הייליקע שריפטן, געזוכט דאָרט אַלערליי אָנדייטונגען וועגן משיחישער נביאות". 1)

פון דער אַבסטראַקטער אָנדייטונג אויף אַ משיח אין די הייליקע שריפטן, האָבן זיי זיך באַשאַפן אַן אויסלייזער, אַ האַלב-מענטש און האַלב-גאָט, וואָס זיצט אין די הימלען, וואָס הערט, וואָס זעט, וואָס ווייסט אַלץ וואָס טוט זיך, און וואַרט אויף זיין צייט. דערווייל איז נאָך זיין צייט ניט געקומען. איצט הערשט נאָך בליעל.

דאָס פאָלק וואָס האָט געלעבט אויף דער ערד, ניט אין די הימלען, און די גייסטיקע אָנפירער פון פאָלק, די וועמען די מגילות זידלען מיטן צונאָמען „דורשי-חלקות" — זיי האָבן אויך געוואַרט אויף משיחן. אויך זיי

1) W. F. Albright: "From Stone Age To Christianity", p. 398.

האָבן געליטן פונעם רשעותדיקן בליעל און פון זיינע בייזע רוחות, זיי זיינען אָבער אין די טיפע קעלערן פון דער אַפּאָקאַליפּטיק ניט פאַרזונקען. די אַבסטראַקטע „מלכות שמים" איז ביי זיי געבליבן אויפן הימל און האָט ניט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד. „השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אָדם". (די הימלען זיינען פאַר גאָט, די ערד האָט ער געשענקט די מענטשן).

די פרומע אַנטפּלעקער האָבן פאַרשפּיצט די באַגריפן פון גאָט און פון טייוול, פון קדושה און טומאה, און האָבן זיי אָנגעטאָן אַ לבוש פון רעאַליטעט. דאָס הימלשע האָט ביי זיי אַראָפּגענידערט אויף דער ערד און ס'האָבן זיך פאַרמישט די יוצרות. דאָס מלכות שמים איז ביי זיי געוואָרן אַן ערדישער ענין. די אַנטפּלעקער האָבן אָנגעהויבן אויסמאָלן דאָס הימלשע קעניגרייך אין באַגרענעצטע, אין ערדישע טערמינען. גאָט האָט פאַר דער מינדסטער ווידערשפּעניקייט וואָס דער מענטש האָט אים אַרויסגעוויזן, — געקאָנט אויפגעצאָרנט ווערן ווי דער גרעסטער כעסן. דער מענטש ווידער, דער ווען גאָט האָט באַשאָנקען מיטן רוח הקודש, דער האָט גרינג זיך דערגרונטעוועט צו די טיפסטע הימלשע סודות, און האָט אָנגעהויבן פאַרקערן מיט מלאכים, און מיט דער גאַנצער פמליא של מעלה, ווי ער וואָלט דאָרט געווען דער סאַמע היימישסטער שכן, אָדער — אַ שותף צום געשעפט.

דאָס פאָלק האָט די ווייט גייענדיקע און פאַרשפּיצטע אויספירן אָפּגעוואָרפן. ביי זיי אין די אויערן האָבן די אַנטפּלעקונגען מיט די ניט־דאָאיקע אויספירן געקלונגען ווי כישוף, וואָס איז גאָר פאַרבאָטן פון דער תורה.

„ס'איז ניט קיין צופאַל, זאָגט דער פאַרטיפטער געלערנטער פ. מ. קראָס (איינער פון די וואָס האָבן סאָרטירט די שטיקער פאַרמעט) „ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס אַזוי פיל חיבורים מיט אַפּאָקאַליפּטישן אינהאַלט זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון דער יידישער רעליגיע און זיינען געבליבן לעבן אין די אור־קריסטלעכע געמיינדעס און אין דער ליטעראַטור וואָס זיי האָבן געשאַפן, בשעת די יידישע ליטעראַטור האָט זיי פאַרבאָטן.2) זיי זיינען באַזייטיקט און פאַרגעסן געוואָרן ביי די יידן און זיינען געבליבן לעבן אין די קריסטלעכע טראַדיציעס".3).

2) סנהדרין ק' ע"ב.

F. M. Cross: "The Ancient Library of Qumran", pp. 148-149. (3

## ב. די חסידים זיינען שוין אַנדערע יידן

דער תהום צווישן די פרומע סעקטאַנטן וואָס זיינען פאַרזונקען געוואָרן אין זייערע אַפּאָקאַליפּטישע אויספירן און צווישן די יידן אין לאַנד — איז אַלץ טיפער און טיפער געוואָרן. ניט נאָר דער בית־המקדש, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד יהודה, איז פון די פרומע חסידים דערקלערט געוואָרן — טמא. מ׳מוז זיך פון דעם אָפּזונדערן. פון די מגילות דערוויסן מיר זיך שוין, אַז ניט נאָר דאָס „רשעים פאָלק״, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד יהודה ווערט שוין דערמאָנט נעגאַטיוו. צענדליקער שטעלן זיינען פאַראַן אין די אַלטע פאַרמעטן, וואו דאָס יידן־לאַנד ווערט שוין געשטעמפּלט ווי אַ זינדיקס, ווי אַ טמא לאַנד 4). מ׳דאַרף זיך שוין פון דעם אָפּגרענעצן. „מיר שטייען שוין אינגאַנצן אויף אַן אַנדער יסוד״, זאָגן די אולטראַ פרומע „...ובשלום הקץ למספר השנים האלה, אין עוד להשתפח לבית יהודה, כי אם לעמוד איש על מצודו״. (אַז עס וועט קו־מען דער סוף צו די דאָזיקע יאָרן, דאַרף מען זיך מער שוין ניט צורעכע־נען צום הויז פון יהודה. יעדער דאַרף בלייבן אויף זיין פעסטונג״ 5).

פון אַרום אַלעקסאַנדער ינאיס צייטן אָן, איז שוין דער ריס צווישן זיי און די יידן פון לאַנד געוועזן אַ פולער, אויף מער ניט פאַרהיילט צו ווערן. פון דאַן אָן איז שוין „יעדער געבליבן אויף זיין באַזונדערער פעסטונג״.

ווען די צייטן זיינען אומרואיקער געוואָרן, און מאַסן יידן זיינען געלאָפן פון יהודה זוכן רו און זיכערקייט אין די ווייטע תפוצות, זיינען צווישן זיי זיכער געווען ניט ווייניק פון די פרומע חסידים, וואָס זיינען שוין דאַן גע־שטאַנען „אויף אַנאַנדער, אויף זייער אייגענער פעסטונג״, די זיינען זי־כער ניט געווען צוגעבונדן צום לאַנד יהודה. זייער שייכות צו גאָט, האָט זיי ניט צוגעבונדן, ניט צום בית המקדש, ניט צו ירושלים, ניט צום לאַנד יהודה, און ניט צו די יידן וואָס לעבן אין לאַנד. זייער בית המקדש האָט ערשט געדאַרפט געבויט ווערן אויף די חורבות פון דעם אומריינעם, דעם „טמא״ בית המקדש, וואָס גאָט וועט גאָר חרוב מאַכן אינגיכן, פאַר די זינד פון די יידן. זייער ירושלים איז גאָר געווען דאָס „נייע ירושלים״ וואָס דאַרף ערשט געבויט ווערן אויף די חורבות פון דער זינדיקער שטאָט 6). זייער לאַנד יהודה, איז גאָר געווען דאָס הימלשע „מלכות שמים״. זייער יידיש

---

4) פשר חבק. ח׳ 1; י״ב 4; י״ב 9; מב״ד ד׳ 10; ו׳ 5; ח׳ 3; ח׳ 50־49; און נאָך.

5) מב״ד ד׳ 11־10.

6) איינע פון די ניי־אַנטדעקטע מגילות, אָדער בעסער געזאָגט, פראַגמענטן פון אַ מגילה, ווערט טאַקע פון געלערנטע באַצייכנט מיטן נאָמען : „דאָס נייע ירושלים״.

פֿאָלק איז געווען אַן אויסגעטראַכטס און איז באַשטאַנען פֿון אַ סימבאָליש אויסדערוויילטער „איבערבלייבאַכטס", וואָס האָט זיך אָנגעקערט מער מיט די הימלען, מיט יענער וועלט, און מיט „גאָטס־קעניגרייך", ווי מיט דער־וועלט. זייערע האָפֿענונגען אויפֿן קץ און אויף משיחן האָבן זיי גרינג געקאָנט אויסחלומען אין דער פֿרעמד אויך. מיר קאָנען דערפֿאַר זייער גרינג אָנ־נעמען, אַז זייערע מיטגלידער זיינען זיכער געווען ניט ווייניק צווישן די אַנטרונענע אין די ווייטע יידישע ישובים. זייערע שילוחים האָבן פֿון די באַלעמערס אין די ווייטע סינאַגאָגעס, ניט איינמאָל געפּרעדיקט זייער תורה, און גערופֿן דאָס פֿאָלק צו גרייטן זיך צום שרעקלעכן „יום יהוה" וואָס קומט באַלד אָן. זייערע עסכאַטאָלאָגישע בשורות, אַז מיר לעבן שוין איצט אינעם „באַחרית הימים", אַז דער „קץ" שטייט שוין הינטער דער טיר, און קומט היינט — מאָרגן אָן, אָדער, אַז ער איז שוין דאָ; אָדער, אַז „משיח" קומט באַלד, צי ער איז שוין דאָ, צי ער איז שוין געווען און געקרייציקט גע־וואָרן, און דאַרף זיך באַלד פֿונדאָסניי באַווייזן, „פֿון דאָרטן", אָדער גאָר, אַז ער איז שוין צוריק לעבעדיק געוואָרן — אַזעלכע בשורות האָבן יידן אין דער פֿרעמד אויסגעהערט מיט זייער אַ סך נייגער, געמישט מיט שרעק, און ניט אָן פֿרייד.

די צייט איז געווען אַ שטורמישע און אַ ביטערע. צוזאַמען מיטן צופֿלוס פֿון גרים איז געוואַקסן דער האַס צו די יידן אין די ווייטע ישובים. פֿון יהודה האָבן געהאַלטן אין אָנקומען אַנטרונענע, און די גרוסן וואָס זיי האָבן געבראַכט פֿון דאָרט, זיינען געווען גרויליקע, דערשיטערנדיקע, ער־גערע פֿון מאָל צו מאָל. די צוזאַמענקונפֿטן אין די סינאַגאָגעס האָבן מיט גרויס נייגער אויסגעהערט אַלערליי טרייסט־דרשות, וואָס ס'האָבן גערדרשנט, אָדער אַרויסגעלייענט פֿון די ספֿרים, די פּרעדיקער וואָס זיינען געווען באַהאַוונט אין די אַנטפּלעקטע סודות פֿון די הייליקע שריפֿטן. יענע האָבן געמאָלן דעם „באַחרית הימים", דעם „קץ", דאָס הימלשע קעניגרייך אַזוי רעאַל און לעבעדיק, ווי זיי זאָלן עס האָבן געזען מיט די אייגענע אויגן.

ווען די חסידים־פּרעדיקער האָבן נאָך דערצו געשטיצט זייערע בשורות אויף פּסוקים פֿון די נביאים, אויף די אַנטפּלעקטע סודות פֿון די הייליקע שריפֿטן, האָבן אַ סך יידן אין די תפֿוצות זיי גערן אויסגעהערט. מיט פֿאַר־כאַפּטע אָטעמס און מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָט מען געשלונגען די אַנט־פּלעקטע סודות. ס'איז שוין פֿון לאַנג געווען אַ טראַדיציע צו זוכן אַ טרייסט אין די צוזאָגן פֿון די הייליקע נביאים. די באַחרית הימימדיקע אויסזיכטן זיינען געווען פּאָפּולער ביי אַלע יידן, אין די ווייטע תפֿוצות ווי אין יהודה.

עס קאָן גאָר קיין שום ספק ניט זיין, אַז די פרומע סעקטאַנטן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון יהודה, האָבן אין די תפוצות אין די ווייטע ישובים געפונען אָפענע הערצער און גיריקע אויערן און אויגן, צווישן די פאַר־וואָרפענע יידישע קהילות. ספּעציעל האָבן זיך די טרייסט־רייד אָנגענומען גרינג ביי די געמישטע געמיינדעס, און ביי די „יראי ה׳״, וואָס זיינען געווען גרויס אין צאָל אין אַלע ווינקלען פון דער צעוואָרפענער דיאַספּאָראַ.

## ג. די חסידים וואַרעמען זיך אָן ביי די „יראי ה׳״

ביי די גרים, ביי די נעכטיקע ניט־יידן, איז דער באָדן פאַר דער אַפּאָקאַליפּטישער טרייסט געווען גאָר אַ פרוכטבאַרער. זיי, די געוועזענע געצנדינער, מענטשן פון אַ פרעמדער סביבה מיט אַן אַנדער וועלט באַנעם, מענטשן מיט גאָר אַנדערע באַגריפן, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פון פריער, — האָבן אַ סך „גרינגער״ געקאָנט „זען״ און „פאַרשטיין״ דעם האַלב־גאָט און האַלב־מענטש, אָדער דאָס גרינגע פאַרקערן צווישן געטער מיט ערדישע איינוואוינער. ווען דער נביא ישעיה דריקט זיך אויס: „...הנה העלמה הרה וילדת בן״... (ישעיה ז׳ 14) (אָט וועט די יונגפרוי פאַרשוועגערן און וועט געבוירן אַ זון...), האָבן די יידן פון לאַנד אָדער פון די תפוצות אַזאַ פראַזע זייער גרינג געקאָנט אָננעמען אין דעם אַלעגאָרישן זין. די נביאים האָבן דעם אַלעגאָרישן נוסח געניצט אויף שריט און טריט. ווען אָבער אַזאַ פראַזע איז אַריינגעפאַלן צו די צוגעשטאַנענע גרים, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין אַן אַנדערער טראַדיציע מיט אַנדערע באַגריפן, האָבן יענע עס זייער גרינג געקאָנט אָננעמען, און האָבן עס טאַקע אָנגענומען אין בוכשטעבלעכן זין, ווי אַ רעאַלן פאַקט, אַן אמתע געשעעניש און ווי אַ צייכן פון גאָט, אַז דאָס שיקט ער טאַקע דעם אויסלייזער.

מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז די אידייע פון אַ יונגפרוי וואָס פאַרשוועג־גערט איז קיין נייעס ניט געווען אין די רעליגיעזע לעגענדעס, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישן די מערסטע פעלקער אין דער רוימישער אימ־פּעריע אין יענער צייט. די ערד אַליין איז לאַנגע יאָרהונדערטער פאַרגע־שטעלט געוואָרן אין דער מיטאָלאָגיע פון אַ סך פעלקער, ווי אַ יונג־פרוי, וואָס פאַרשוועגערט פון זיך אַליין יעדן פרילינג.

און ניט נאָר די יונג־פרוי לעגענדעס. אַ סך אַנדערע השגות און מאָטיוון, וויכטיקע באַשטאַנדטיילן פון זייערע אַנטפּלעקטע גלויבנס, אַזעלכע באַגריפן ווי גאָט, בליעל, מלאך, מענטשן־זון אָדער גאָטס־זון, הייליקער גייסט און

בייזער גייסט, יענע וועלט, משיח, — זיי אַלע, און זייערע באַציאונגען איינע מיט די אַנדערע צווישן זיך, זיינען זייער נאַטירלעך אויפגענומען געוואָרן פון די נעכטיקע יידן, וואָס האָבן אַזעלכע אָדער ענלעכע פאָלקלאָר־מאָטיוון איינגעזאַפּט פון זייערע אייגענע קולטורן.

צווישן אָט די האַלבע יידן, די נעכטיקע געצנדינער, האָבן זיך אונדזערע אַפּאָקאַליפּטיקער אָנגעוואָרעמט, און מיט גרויס פּלייס, און מיט נאָך אַ גרעסערן ברען האָבן זיי פאַרשפּרייט זייערע שטראָף־ און טרייסט־רייד. דאָרט האָבן די אַנטרונענע סעקטאַנטן נאָך און נאָך אַמאָל אויסגעלייגט זייערע טענות קעגן די זינדיקע, קעגן די רשעים, וואָס האָבן פאַרפירט דאָס הייליקע פאָלק.

ווען די נייעס האָט דערגרייכט די ווייטע געמיינדעס, אַז דער בית המקדש איז טאַקע חרוב געוואָרן, אַז גאָט האָט דאָס גאַנצע לאַנד חרוב געמאַכט, ווי די חסידים פּרעדיקער האָבן נביאות געזאָגט, האָט עס באַשטעטיקט אַלע זייערע אָנטפּלעקונגען. די נייעס פון דעם חורבן אין יהודה איז געוואָרן אַ זיכערער באַווייז, אַז זיי זיינען גערעכט, אַז זייער וואָרט איז געקומען פון די הייליקע שריפטן, און זייער אַ סך צווייפלער זיינען צוגעשטאַנען.

אין דער צייט, אַרום דער צווייטער האַלב פון ערשטן יאָרהונדערט, איז דער ריס אין דער יידישער אמונה זיכער ניט געווען אַזאַ קאָנטיקער און שאַרפער ווי מיר זעען אים היינט, אָדער ווי מיר ווייסן שוין פון דער גע־שיכטע. די צוגעשטאַנענע יידן האָבן אַפילו ניט געמוזט טראַכטן, אַז זיי שטייען צו צו אַן אַנדער גלויבן, ניט צום יידישן. ווען דער רוימישער קעניג, דאָמיטיאַן (געהערשט אין רוים אין די יאָרן 96־81 אונ. צייט), האָט אַרויס־געגעבן דעם באַרימטן דעקרעט, אַז יידן איז פאַרבאָטן מל צו זיין היידן, איז דער שטראָם פון גרים אַריבערגעפלאָסן צו די געמיינדעס פון די „יראי ה׳,״ וואו די מערסטע מיטגלידער זיינען געווען ניט קיין געמלטע, און וואו די „בשורה״ 7) אַז ישו דער משיח איז געקומען אויסלייזן און באַפרייען די גאַנצע וועלט פון פּיין, איז געווען אָנגענומען מיט פרייד.

דאָ אין דער פרעמד, אין די תפוצות צווישן די גרים, אין דעם נייעם באָדן אין וועלכן זיי האָבן זיך אַזוי גרינג און פעסט אָנגענומען, דאָ זיינען די איזאָלירטע חסידים אַרויס פון זייער שאָלעכץ אין דער ברייטער וועלט אַריין, אינעם קאָך פון דער צייט.

---

7) דאָס גריכישע וואָרט פאַר „גוטע בשורה״ איז „גאָספּעל״.

## ד. קריסטנטום — אַן אוניווערסאַלע רעליגיע

בשעת די יידישע רעליגיע איז געווען אַ נאַציאָנאַלע, ווייל יידן זיינען דאָך געווען גאָטס אויסדערוויילט פאָלק, און די רדיפות, די אונטערדריקונגען פון דרויסן האָבן געהאַלטן אין איין שפּייזן און פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן געפיל, און ניט דערלויבט קיינע קאָמפּראָמיסן מיטן אַרום, — האָבן די גרופּן פרומע חסידים, אויסגעוואַרצלט ווי זיי זיינען געווען פון זייער נאַציאָנאַלן באָדן, און פאַרפלאַנצטע אין פרעמדע בייטן, צווישן גרים און גרופּן „יראי ה׳“ — זיי האָבן גרינג איבערגעביטן זייער גאַנצן מהות. די רעליגיעזע באַגריפן מיט דער אַפּאָקאַליפּטיק וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך האָט זיך שנעל איבער־אַנטוויקלט פון אַ נאַציאָנאַלער אין אַן אַ־נאַציאָנאַלער, אָן גרענעצן, אָן עטנישע אָדער אַנדערע צאַמען. זי איז גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אוניווערסאַלער רעליגיע, וואָס האָט באַלד פון אָנהייב פּראָקלאַמירט אַ ברודערשאַפט צווישן אַלע פעלקער.

ווי שרייבט דער הייליקער פּאָול אין זיין „עפּיסטל“ צו די קאָלאָסיאַנער :

„ניט קיין באַרבאַר, ניט קיין סקיף, ניט קיין העלענער — ניט קיין ייד, געמלט אָדער ניט געמלט, ניט קיין פרייער און ניט קיין שקלאַף, נאָר אַלע, און מיט אַלעמען איז יעזוס“ 8).

די קאָמבינאַציע פון די אוניווערסאַלע אידייען און די אַפּאָקאַליפּטישע באַגריפן, וואָס האָבן זיך אַזוי גרינג און פולשטענדיק אָנגענומען ביי די גרופּן גרים, ביי די „יראי ה׳“ — זיינען באַשטעטיקט געוואָרן פון איין זייט פון די יידישע הייליקע שריפטן, און פון דער צווייטער זייט זיינען זיי קאָמבינירט געוואָרן מיט לעגענדאַרע אויסלייזער באַגריפן און געשטאַלטן וואָס האָבן אין יענער צייט צירקולירט צווישן די פעלקער אין יענע געגנטן. אייניקע פון די אויסלייזער לעגענדעס זיינען געווען אַלטע און באַוואוסטע, ווי דער פּערסישער גאָט מיטרא 9), און אַנדערע, אַזעלכע וואָס זיינען ניט לאַנג צוריק געבוירן געוואָרן און פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון די פעלקער, ווי די לעגענדעס פון דעם פּיטאַגאָרייער לערער, אַפּאָלאָניוס פון טיאַנאַ 10).

---

8) קאָלאָסיאַנער 2, 22־23.

9) זע קאַפּיטל 11, זייט 185.

10) אַפּאָלאָניוס פון טיאנא איז געווען אַן אָנהענגער פון פּיטאַגאָרן. ער האָט געלעבט און געווירקט אין דער צווייטער העלב פון ערשטן י. ה. אונ. צייט.

אַ סך לעגענדעס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן וועגן אים, בשעת ער האָט נאָך אַפילו געלעבט. מ׳האָט דערציילט, אַז אַ בת־קול האָט אַנאָנסירט זיין געבוירן ווערן ; אַז ווען

די גרופּן וואָס זיינען געווען אונטערן איינפלוס פון די פרומע חסידים האָבן זיך ניט געניויטיקט אין קיין לעבעדיקער יעזוס פּערזאָן. וואָס זיי האָבן געדאַרפט איז — לעגענדעס וועגן אַן אויסלייזער וואָס שפּראָצט סיי פונעם הימל און סיי פון דער ערד. זיי האָבן געדאַרפט אַ לעגענדאַרע פּער־זאָן וואָס איז באַשטראַלט פון הימלשער ליכט, און וואָס קאָן לערנען די מענטשן דאָס אייביקע וויסן און די געטלעכע חכמה; איינער וואָס האָט גרויסע און אומנאַטירלעכע וואונדער געוויזן; געקעמפט קעגן די שלעכטע גייסטער, און האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אמת און צדק.

פונקט אַזאַ לעגענדאַרע פּערזאָן איז געווען ביי אונדזערע אַפּאָקאַליפּ־טיקער פון דעם „הויז" אין קומראַן. דאָס איז געווען זייער מורה צדק, וועמעס נאָמען איז געבליבן פאַר אונדז אַ פאַרחתמעטער סוד. לעגענדעס פון דעם מורה צדק האָבן זיך שוין געוועבט 6 אָדער 8 דורות, און אין די שפּע־טערע מאַנוסקריפּטן דערקענען מיר זיי שוין.

מיר קאָנען ניט אַריינגיין אין ספּעקולאַציעס, כאָטש ווייט ניט קיין ווילדע, וועגן דעם, פאַרוואָס די געשיכטע פון דער יעזוס דערשיינונג האָט זיך צו־נויפגעפּאָרט מיט דער צייט, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן אַזוי פיל פאַלשע משיחים ביי יידן, אויסלייזער, וואָס האָבן געפירט נאָכפאָלגער אין מדבר, צום הר הזיתים אָדער צום ים, אים נאָכאַמאָל שפּאַלטן. פון איינעם אַזאַ משיח, וואָס איז געקומען פון מצרים, דערציילט פלאַוויוס, אַז ער האָט צוגעזאָגט זיינע נאָכפאָלגערס ברעכן די ווענט פון ירושלים מיטן זאָג פון זיין מויל, און זיי באַלד אויפבויען צוריק. אין גאָספּעל פון מעטיו לייענען מיר, ווי מ'האָט זיך געריצט מיטן געקרייציקטן ישו, פאַרוואָס ער באַפרייט זיך אַליין ניט פון צלם:

„...זאָגסט, וועסט חרוב מאַכן דעם בית המקדש און אים צוריק אויפ־

---

ער איז נאָך געווען אַ יונגער יינגל האָט ער באַזוכט די טעמפּלען און האָט אַלעמען אי־בערראַשט מיט זיין גרויסער חכמה. ער וואַנדערט אַרום און פאַרשפּרייט חכמה און טיפן וויסן דורך משלים; ער זאַמלט אַ סך תלמידים; ער זאָגט נביאות; ער טרייבט אַרויס שדים מיט רוחות; ער היילט קראַנקע און מאַכט לעבעדיק טויטע; ער איז קעגן קרבנות צו די געטער; ער שטעלט זיך איין פאַר צדק און יושר; ער פּרעדיקט זעלבסט־פאַרלייקענונג. די בילדער וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן פון אים זיינען ביז גאָר ענלעך צו דעם קלאַסישן בילד פון יעזוסן.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פון די לעגענדעס איז דער פאַקט, אַז אין יענער צייט זיינען אַזעלכע וואונטש־פאַנטאַזיעס געווען זייער פּאָפּולער צווישן די היידנישע מאַסן אין יענעם טייל פון דער וועלט.

בויען אין דריי טעג! באַווייז אַ נס און קום אַראָפּ פון צלם. ביסט דאָך, זאָגסטו, גאָטס זון!" (מעטיו 27, 40).

מיר האָבן ניט קיינע באַווייזן פאַר אַזעלכע ספעקולאַציעס. אין קיינע פון די געפונענע מאַנוסקריפּטן איז די יעזוס פּערזאָן ניט דערמאָנט געוואָרן און האָט גאָר ניט געקאָנט דערמאָנט ווערן. די מגילות פון ים המלח סוגעס־טירן אָבער זייער קלאָר, אַז די יעזוס פּערזאָן, ווי זי איז פאָרגעשטעלט פאַר אונדז אין נייעם טעסטאַמענט, און וואָס האָט דאָרטן, ווי ס׳איז באַוואוסט — קיין געשיכטלעכן גרונט ניט, אָט די יעזוס פּערזאָן איז גאָרניט נויטיק געווען ווי אַ גרונט תנאי פאַרן אָנהייב פונעם קריסטנטום. פון די געפונענע מגילות ווערט, פאַרקערט, קלאָר, אַז די וויכטיקסטע עיקרים פון דער קריסט־לעכער אידעאָלאָגיע, די הויפּט עלעמענטן פון איר לערע און פון אירע מנהגים, אַזוי גוט ווי די גאַנצע קריסטלעכע טערמינאָלאָגיע, ווי דער „יום הדין", דער „ברית חדשה", דער „רוח הקודש", דער „אַנטי־קריסט" און ענלעכע — די אַלע האָבן שוין עקזיסטירט, און זיינען געווען די אידעאָלאָגישע באַזע ביי אונדזערע פרומע סעקטאַנטן היפּשע עטלעכע דורות פאַר דער דערשיינונג פון דער טראַדיציאָנעלער יעזוס־פּערזאָן.

אונטער דער ווירקונג פון שטאַרקע סאָציאַל־פּאָליטישע, און דער עיקר, פון גייסטיקע אויפטרייסלונגען אין זייער צייט, האָט דער לעגענדאַרער מורה צדק מער און מער אָנגעהויבן אויסזען ווי די אַנטפּלעקטע געשטאַלט פונעם אויסלייזער, אויף וועמען זייער גאַנצער אַרום, און זיי אַליין האָבן אַזוי שטאַרק אַרויסגעקוקט. דער מורה צדק, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון גאָט אויפצוזאַמלען די גוטע און די גאַנצע, די פרומע און די גערעכטע פון צווישן דעם זינדיקן פאָלק, און שליסן מיטן איבערבלייבעכץ אַ נייעם בונד, — די לעגענדעס פון דעם מורה צדק האָבן מיט עטלעכע דורות שפּעטער אָנ־גענומען דאָס אויסזען פון דעם אַפּאָקאַליפּטישן געטלעכן אויסלייזער, דעם משיח.

עטלעכע יאָרצענדליק, איידער יהודה איז צעגראַמירט געוואָרן דורך די רוימער, און ספּעציעל נאָכן דורכגעפאַלענעם אויפשטאַנד (73־66, אונ. צייט), נאָכן גרויסן חורבן וואָס דאָס לאַנד יהודה האָט געליטן, זיינען אָט די אי־זאָלירטע גרופּן פרומע סעקטאַנטן שוין געווען די ערשטע קריסטלעכע געמיינדעס, די פאַרשפּרייטער פון די „גאָספּעלס", פון די משיחישע נביאות־בשורות צווישן די יידישע קהילות אין די ווייטע תפוצות, דער עיקר, צווישן די געמיינדעס, וואָס זיינען ס׳רוב באַשטאַנען פון גרים.

זייער אַ סך פון די וואָס האָבן געשריבן איבער די מגילות האָבן אָנגעוויזן, און מיט רעכט, אויף אַ סך געביטן, אין וועלכע די באַדייטונג פון די מגילות איז זייער גרויס. מ׳האָט אָנגעוויזן ווי וויכטיק די אַלטע פּאַרמעטן זיינען פאַר דער ביבל קריטיק, פאַר דער פּאַלעאָגראַפישער וויסנשאַפט פון די אַלטע העברעאישע און אַראַמעאישע שריפטן אין וועלכע מיר האָבן געהאַט אַזוי ווייניק פאַרגלייך־מאַטעריאַל; אויף דער גרויסער באַדייטונג פון די מגילות אויף דער שפּראַך וויסנשאַפט, אויף דער גראַמאַטיק פון די העברעאישע און אַראַמעאישע שפּראַכן, און אויף דער געשיכטע פון יענעם פּעריאָד, און אויף נאָך אַזוי פיל וויכטיקע געביטן.

די אַלע געביטן זיינען טאַקע זייער וויכטיקע. אָבער די וויכטיקסטע באַדייטונג פון די אַלטע פּאַרמעטן, אַז זיי האָבן אַ שיין געטאָן אויפן אורשפּרונג פון דער קריסטלעכער רעליגיע און דערוויזן, אַז זי איז אויפגעקומען אָן דער יעזוס פערזאָן 6 אָדער 8 דורות פריער, דאָס איז איגנאָרירט געוואָרן, אָדער מטושטש געוואָרן צווישן די שורות אין אַלע גרויסע און וויכטיקע ווערק איבער די אַלטע מאַנוסקריפּטן.

ערנסטע פאָרשער און געלערנטע, וואָס האָבן געשריבן איבער די מגילות, זיינען אַלס כלל געקומען זייער נאָענט צו אַזעלכע אָדער ענלעכע אויספירן, אַזוי ווי אין דעם בוך. זייער ווייניק פון זיי האָבן אָבער געוואַגט אַרויסקומען מיט קלאָרע רייד און זיך איינרייסן מיטן ריזיקן כוח פונעם קריסטלעכן קלויסטער, האָבן זיי דערפאַר גערעדט האַלבע רייד. נאָכדעם ווי מ׳האָט דורכגעלאָזן אַ שאַרפערע פראַזע, האָט מען זיך באַלד באַוואָרנט מיט אַ צוגאָב־זאַץ: "...דאָס מיינט ניט, אַז דאָס לייקנט־אָפּ די יעזוס־פּערזאָן", אָדער "...יעזוס האָט יאָ אָדער ניט געקאָנט זיין אָן עסענער"... א. אַ. וו..

ווען דער פראַנצויזישער געלערנטער דיופּאָן סאָממער, פּראָפעסאָר פון העברייאיש אין סאָרבאָן, האָט אין 1950, באַלד ווי ער האָט זיך באַקאַנט מיט די מגילות, וואָס זיינען נאָר־וואָס פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָפּגעדרוקט אַ ביכל וועגן זיי, און האָט זיך אויסגעדריקט, אַז:

"...דער לערער פון גליל (יעזוס), ווי מיר קענען אים פון נייעם טעסטאַמענט, קוקט אויס אין אַ סך פּרטים ווי אַ גלגול פונעם מורה צדק", און: "...אַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען שייך דעם פּרימיטיוון קריסטנטום, שטייען איצט אין אַ ניי ליכט, און מיר מוזן זיי דורכאויס רעווידירן", האָט מען אים שיער ניט אַריינגעוואָרפן אין חרם, ווי זיין פּאַרגייער און לערער ערנסט רענאַן. ווען ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין צווייטן בוך אַ פּאָר יאָר שפּעטער, האָט ער אַ היפּש ביסל פון זיינע שאַרפע אויסדרוקן אויסגעלאָזן, און אויף די אַנדערע האָט ער

זייער אַפּאָלאָגעטיש אָנגעוויזן, אַז — זיי מיינען דאָך גאָרניט אָפּלייקענען די יעזוס פערזאָן. אַז פאַרקערט גאָר ... א. אַז. וו..

וו. פ. אָלברייט, פון דזשאָן האָפּקינס אוניווערזיטעט, איינער פון די אַר־כעאָלאָגן־וויסנשאַפטלער, וואָס איז אָנערקענט איבער דער גאַנצער וועלט ווי אַן אויטאָריטעט איבער אַלטע שפּראַכן און שריפטן, דער „דין" פון אַרכעאָלאָגן אין דער וועלט, האָט אין אַ פּאָלעמישן אַרטיקל, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט איבער די מגילות, אין 1951, זיך אַזוי אויסגעדריקט:

„...די נייע באַווייזן (אין די געפונענע מגילות) וועגן די גלויבנס און מנהגים פון די יידישע סעקטאַנטן די לעצטע פאַר יאָרהונדערטער פאַר אונ. צ. רעוואָלוציאָניזירן ממש אונדזערע באַגריפן וועגן דעם אָנהייב פון קריסטנ־טום".

דער געלערנטער האָט זיך אָבער באַוואָרנט און ציטירט זיך אַליין פון זיין גרויס ווערק איבער אַרכעאָלאָגיע, „פון דער שטיין־עפּאָכע ביזן קריסטנ־טום", וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין 1940:

„...דער היסטאָריקער קאָן ניט קאָנטראָלירן די דעטאַלן פון יעזוסעס געבורט, אָדער פון זיין אויפשטיין תחית המתים, האָט ער דערפאַר קיין רעכט ניט זאָגן אַ דעה איבער זייער היסטאָרישקייט"...

דער פריער־דערמאָנטער וועלט־באַרימטער ליטעראַטור־קריטיקער, געאָרג בראַנדעס, איז נאָך ביי זיין לעבן געדופט געוואָרן פון די רעאַקציאָנערע קלויסטער־כוחות, און באַלד נאָך זיין טויט (געשטאָרבן אין 1927), איז ער פאַרשוויגן געוואָרן און געבליבן פּסול אין די מערסטע קולטור־אַנשטאַלטן פון דער קריסטלעכער וועלט. אין זיין לעצט ביכל, „יעזוס אַ מיף", צעגלידערט ער דעם עוואַנגעליום און פירט אויס, אַז דאָרט איז ניטאָ קיין סימן פון אויטענ־טישער געשיכטע.

פאַר אַן אַריינפיר צו דעם בוך, האָט געאָרג בראַנדעס ציטירט אַ קורצע, אָבער שטאַרקע פּאָעמע פון דעם באַרימטן קעמפער קעגן שקלאַפעריי אין אַמע־ריקע, וויליאַם לאָיד געריסאָן:

„איך וועל זיין אַזוי שטרענג ווי דער אמת,  
אומקאָמפּראָמיסלעך ווי די גערעכטיקייט אַליין.  
איך שטיי פעסט און זיכער.  
כ'וועל זיך ניט אַ וואַקל־טאָן,  
און וועל זיך פאַר קיינעם ניט פאַרענטפערן.  
כ'וועל קיין איין שפאַן ניט צוריקטרעטן,  
און מיין קול וועט דערהערט ווערן".

# אַ וואָרט וועגן די איבערזעצונגען

פון די מגילות וואָס זיינען אָנגעקומען אין ירושלימער אוניווערסיטעט זיינען פאַראַן צוויי מאַנוסקריפּטן פון ספר ישעיה, וואָס האָבן דאָ ניט געדאַרפט איבערגעזעצט ווערן. דאָס זעלבע איז מיטן מדרש אויף בראשית (זע קאַפּ. 5) וואָס האָט ניט קיין ספּעציפיש סעקטאַנטישן אינהאַלט, און איז דאָ ניט איבערגע־זעצט געוואָרן.

דער „סרך היחד" און דער „פשר חבקוק" זיינען דאָ איבערגעזעצט אין־גאַנצן. עס איז אויך איבערגעזעצט אינגאַנצן די „מגילת ברית דמשק", וואָס איז געפונען געוואָרן אין דער קאַיראָ גניזה צום סוף פון לעצטן י. ה., און איז זיכער אַן אינטעגראַלער טייל פון דער באַהאַלטענער איסיים ביבליאָטעק. (זע קאַפּיטל 5).

פון דער מלחמה מגילה זיינען דאָ איבערגעזעצט נאָר עטלעכע עמודים, וואָס זיינען, לויט אונדזער מיינונג, כולל דעם תוך פונעם ספר. די מגילה איז טאַקע זייער אַ וויכטיקע. ווען דער מחבר פונעם מאַנוסקריפּט נעמט זיך אָבער אויסרעכענען אַלע פאָנען־טרעגער מיט זייערע ליטורגישע נעמען; ווען ער רעכנט אויס די אויפשריפטן אויף די פאָנען און די נעמען פון די מלחמה האַלטנדיקע אָפּטיילן; ווען ער רעכנט אויס די טרובע־האַלטער מיט זייערע פונקציעס, ווי אויך די פאַרשיידענע תפילות, — פּאַר, אינמיטן און נאָך די שלאַכטן, געוואונענע אָדער פאַרלאָרענע, חזרט ער זיך אַ סך מאָל איבער, און עס פאַרלירט זיך דער אינטערעס ביים לייענער, וואָס איז ניט פאַראינטערע־סירט אין די דעטאַלן. דערצו איז די מגילה זייער אַ לאַנגע, און וואָלט אומ־נויטיק פאַרגרעסערט דאָס בוך.

די „הודיות" מגילה איז אויך זייער אַ לאַנגע. פון די מער ווי 40 קאַ־פּיטלעך תהילים זיינען פאַראַן איבער 20 עמודים. די ערשטע זיינען נאָך מער־וויניקער גאַנצע. עס פעלט פון זיי וויניק. וואָס ווייטער זיינען די פאַר־מעטן מער און מער צעפוילט. עס פעלן פון זיי אַ סך אָנהייבן און סופן. דאָ האָבן מיר איבערגעזעצט נאָר עטלעכע קאַפּיטלען, אויסגעקליבענע פון די ערשטע בעסער־פּרעזערווירטע עמודים. די קאַפּיטלען זיינען כאַראַקטעריס־טיש פאַר די אַנדערע, און זיינען אַן אמתער מוסטער פון דער מגילה.

די איבערזעצונגען זיינען געמאַכט געוואָרן פון העברעאיש, ווי זיי זיינען איבערגעדרוקט אין א. מ. הברמנס „מגילות מדבר יהודה". מיר האָבן זיך אויך באַנוצט אַ סך מיט הברמנס „פרושים און הערות".

ביים איבערזעצן האָבן מיר אַכטונג געגעבן און איינגעהיט די שורות, ווי זיי זיינען איבערגעדרוקט אין הברמנס פון די אַלטע פּאַרמעטן. די שורות זיינען נומערירט מיט ציפערן און די עמודים זיינען אָפּגעצייכנט מיט אותיות.

אַלס כלל האָבן מיר אָנגענומען הברמנס נקודות און זיין פּונקטואַציע ביים איינשטעלן די ווערטער אין זאַצן. אין איינצל־פאַלן אָבער, ווען אונדז האָט אויסגעקוקט, אַז אַן אָפּשטעל באַצווינגט דעם זין פון אַ זאַץ, אַ פריערדיקן אָדער אַ שפּעטערן, האָבן מיר איבערגעשטעלט די פּונקטואַציע מיט אַ וואָרט אָדער צוויי פריער אָדער שפּעטער.

די ערשטע צוויי עמודים וואָס הברמן רעכנט צו צום ס"ה, און באַצייכנט זיי מיט רוימישע ציפערן „I" און „II" זיינען דאָ ניט איבערגעזעצט. ערשטנס זיינען די אָריגינאַלן שטאַרק צעשעדיקטע. צופיל ווערטער און אָפּילו האַלבע שורות זיינען צוגעשטעלט לויט השערות. צווייטנס איז גרינגער איינשטימען מיט די פון די געלערנטע, וואָס האַלטן ניט, אַז די 2 עמודים זיינען אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם אָריגינאַלן ס"ה. זיי האָבן סימנים פון אַ שפּעטערער פאַרפאַסונג, כאָטש אין אינהאַלט קערן זיי זיך אָן נאָענט מיט די גע̇זעצביכער ס"ה און מב"ד.

אַחוץ די באַקאַנטע גרעסערע מגילות, זיינען דאָ אויך איבערזעצט דריי פון די גרעסערע, זייער וויכטיקע פראַגמענטן: די שטיקלעך „פשר תהילים ל"ז; דער באַרימטער פראַגמענט פון „פשר נחום", און אַ קלענערער פראַגמענט פון אַן אומבאַקאַנטער מגילה.

ביים איבערזעצן האָבן מיר זיך געפלייסט איינהיטן אַ געוויסן ריטם אין דעם לשון, כדי גרינגער צו מאַכן דאָס לייענען.

די איבערזעצונגען פון פליני און פילון זיינען געמאַכט געוואָרן פון ענגליש, פון דעם טעקסט אין דעם זייער פיינעם בוך איבער די מגילות:
"The Meaning of the Dead Sea Scrolls" by A. P. Davies.

די איבערזעצונגען פון פלאַוויוס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן פון ענגליש, פון דער באַרימטער Whiston איבערזעצונג פון 1737. די פּאַראַגראַפן זיינען נומערירט לויט יענער איבערזעצונג.

# סרך היחד

א „...[דאַרף ערלעך האַלטן גאָט און מע]נטשן, דאַרף לעבן [לויטן סרך] פונעם יחד. ער דאַרף זוכן

[דעם גאָט פון זייערע אָבות און] טאָן אַלץ וואָס איז גוט און וואָס געפעלט אים, ווי

ער האָט אָנגעזאָגט דורך משהן און דורך אַלע זיינע קנעכט די נביאים. ער דאַרף ליב האָבן די

וואָס גאָט האָט אויסדערוויילט און פיינט האָבן די וואָס גאָט האָט פאַר־מיאוסט. ער דאַרף זיך דערווייטערן פון יעדן מין שלעכטס,

און דאַרף זיך באַהעפטן צו יעדער גוטער טאַט. ער דאַרף טאָן אמת און גערעכטן משפט

אין לאַנד. ער טאָר ניט אומגיין מיט דער זשעדנעקייט פון אַ זינדיק האַרץ, און מיט אויסגעלאַסענע און פאַרשייטע אויגן

צו טאָן נאָר שלעכטס. ער דאַרף אַריינעמען אַלע די וואָס האָבן זיך געווידמעט צו טאָן גאָטס געבאָטן

אין דעם בונד פון חסד. ער דאַרף זיך פאַרבינדן מיט גאָטס עצה, אומגיין פאַר אים אַ פרומער און טאָן אַלץ

וואָס וועט אַנטפּלעקט ווערן צו זיי אין די באַשטימטע צייטן. ער דאַרף ליב האָבן די קינדער פון ליכט, יעדן

לויט זיין שטאַנד אין גאָטס ראַט. ער דאַרף פיינט האָבן די בני חושך, יעדן לויט זיין שולד.

ער דאַרף עס טאָן ווי אַ נקמה פאַר גאָט. אַלע וואָס ווידמען זיך צו דעם אמת דאַרפן אַריינברענגען זייער גאַנץ וויסן, זייער כוח

און זייער פאַרמעגן אין דעם יחד פון גאָט. זייער וויסן דאַרפן זיי כדי צו פאַרטיפן זיך אינעם אמת פון גאָטס געבאָטן. זייער כוח — כדי זיי זאָלן גיין

אין גאָטס גאַנצע וועגן. און זייער גאַנץ פאַרמעגן דאַרפן זיי אַריינברענגען אין דער עצה פון זיין גערעכטיקייט. זיי טאָרן ניט אָפּטרעטן אין שפּאָן פון קיינע

גאָטס פליכטן וואָס וועלן אויף זיי אַרויפגעלייגט ווערן אין זייער צייט.

זיי טאָרן ניט מאַכן פריער און זיי טאָרן ניט פאַרשפּעטיקן

די צייטן פון זייערע יום־טובים 1). זיי טאָרן ניט אָפּטרעטן פון זייערע אמתע געזעצן רעכטס אָדער לינקס.

אַלע וואָס קומען אַריין אינעם יחד — דאַרפן דורכגיין די שבועה פון גאָטס בונד, און זיי דאַרפן טאָן

אַלץ וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט. זיי טאָרן ניט אָפּטרעטן פון וועג און

טאָרן זיך ניט אָפּשרעקן פאַר קיין אימה, פאַר קיין פּחד אָדער נסיון

וואָס בליעל פאַרמאָגט. ווען זיי גייען אַריין אינעם בונד, דאַרפן די כהנים

און די לווים בענטשן דעם גאָט פון ישועות און אַלע זיינע גערעכטע מעשים. און אַלע

וואָס קומען אַריין אינעם בונד, דאַרפן ענטפערן: אָמן, אָמן.

די כהנים דאַרפן אויסדערציילן גאָטס צדק און זיינע גבורה־דיקע אויפטועץ

און דאַרפן צו וויסן געבן פון גאַנצן חסד מיטן רחמים מיט וועלכן ער האָט באַגנאַדיקט ישראל. און די לווים דאַרפן אויסרעכענען

אַלע זינד פון די בני ישראל, אַלע שולדן זייערע, די חטאים וואָס זיי זיינען באַגאַנגען בשעת ס׳האָט געהערשט

בליעל, [און אַלע] וואָס קומען אַריין אינעם בונד דאַרפן דאָס באַשטעטיקן און זאָגן: מיר האָבן געזינדיקט,

[מיר זיינען שולדיק,] מיר האָבן שלעכטס געטאָן, — מיר און אונ[זערע עלט]ערן פאַר אונדז, ווען מיר האָבן זיך באַגאַנגען

[ניט אָרנטלעך מיטן בונד] פונעם אמת און פון דער גערעכטיקייט. דער

[גאָט פון ישועות] משפט אונדז, אונדז און [אונד]זערע עלטערן.

ב מיט דעם גוטס פון זיין חסד צאָלט ער אונדז פון אייביק אָן. די כהנים בענטשן אַלע

---

1) אַנדערש ווי די יידן פון לאַנד האָבן די חסידים־איסיים געציילט זייערע חדשים לויט דער זון און ניט לויט די לבנה אומוואַנדלונגען. זייערע יום־טובים זיינען דערפאַר אויסגעקומען אין אַנדערע טעג, ניט ווי ביי די יידן אין לאַנד. אָפּהיטן אָט די „אַנדערע טעג״, און ספּעציעל דעם פאַסט־טאָג (יום־כיפּור), איז ביי זיי געווען אַן עיקר פּרינציפּ, און איז זייער שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן. דער געבאָט אָפּהיטן די ריכטיקע צייט פון זייערע יום־טובים, איז דערמאָנט און איז אונטערגעשטראָכן אין יעדערער פון די געפונענע מגילות.

מענטשן פון גאָטס גורל, די וואָס גייען אום פרום אין זיינע וועגן און זאָגן: „איר זאָלט געבענטשט זיין מיט אַלדאָס

גוטס. איר זאָלט אָפּגעהיט ווערן פון יעדער מין שלעכטס. זאָל גאָט באַלויכטן אייערע הערצער מיט לעבנס שכל. זאָל ער אייך שענקען דאָס אייביקע וויסן, און זאָל אייך

אַנטקעגן קומען די שיין פון זיינע חסדים צום אייביקן שלום. די לווים שעלטן אַלע מענטשן

פון בליעלס גורל, זיי ענטפערן און זאָגן: „פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין פאַר אַלע דיינע שלעכטע מעשים אין וועלכע דו ביסט שולדיק. זאָל דיך איבערגעבן

דער גאָט פון צאָרן אין די הענט פון די וואָס ווילן אין דיר נעמען נקמה, פאַרלענדט זאָלסטו ווערן פון די וואָס ווילן דיך אָנלערנען

ווי ס׳קומט דיר. פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין אָן שום רחמנות, ווי ס׳זיינען דיינע פינצטערע מעשים, און פאַרדאַמט זאָלסטו זיין

ווי דאָס פינצטערניש פון העלישן גהינום. זאָל גאָט אויף דיר קיינמאָל קיין רחמנות ניט האָבן ווען דו וועסט אים רופן, און זאָל ער קיינמאָל ניט פאַרגעבן דיינע זינד.

זאָל ער אָנהאַלטן זיין צאָרן און נעמען נקמה אין דיר. זאָל קיינער פון די וואָס האַלטן זיך אָן אינעם זכות פון די אָבות — דיר ניט ווינטשן קיין שלום.

און אַלע וואָס גייען אַריין אינעם בונד, זאָלן נאָכזאָגן די בענטשער און די שעלטער: אָמן, אָמן.

די כהנים און די לווים דאַרפן פאַרזעצן און זאָגן: פאַרשאָלטן זאָל זיין דער וואָס וועט מיט אַ הינטערגעדאַנק אין האַרצן, גרייט צו באַגיין אַ פאַרברעכן,

אַריין אינעם בונד, און וועט האַלטן פאַרבאָרגן אין האַרצן ביי זיך דעם פאַרברעך, וואָס ער קלייבט זיך באַגיין. ס׳קאָן זיין,

אַז ווען ער וועט הערן די רייד פונעם בונד, וועט ער זיך טרייסטן אין האַרצן: „מיר וועט גאָרניט געשען,

איך וועל מיר טאָן ווי איך וויל״. צי ער וועט אָפּטאָן די זינד, צי נאָך ניט, אַלצאיינס וועט זיין זשעדנער גייסט, און אויך דער געזע־טיקטער, פאַרלענדט ווערן אָן

אַ פאַרגעבונג. גאָטס צאָרן און דער אייפער פון זיין משפט וועלן דעם

זינדיקן אומברענגען מיט אַן אייביקן כרת. ס׳וועלן צו אים צו־שטיין אַלע

קללות פון דעם בונד, און גאָט וועט אים באַזונדערס אויסטיילן צום שלעכטן. ער וועט ווערן אָפּגעשניטן פון אַלע „בני אור״, (קינדער פון ליכט) ווען ער וועט אָפּקערן

פון גאָט דורך זיינע מיאוסע זינד. דער חטא מיט וועלכן ער איז גע־שטרויכלט געוואָרן וועט אַריינוואַרפן זיין גורל צווישן די אייביק פאַרשאָלטענע.

און אַלע וואָס קומען אַריין אינעם בונד, זאָלן נאָכזאָגן דעם שעלטער: אָמן, אָמן.

אַזוי זאָלן זיי טאָן יעדעס יאָר. כל־זמן בליעל וועט נאָך הערשן. די כהנים דאַרפן גיין

די ערשטע אין דער ריי. לויט זייערע שטאַנדן דאַרפן זיי גיין איינע נאָך די אַנדערע 2). די לווים דאַרפן גיין נאָך זיי,

און דאָס גאַנצע פאָלק דאַרף זיין די דריטע אין דער ריי. איינע נאָך די אַנדערע, די טויזנטער, די הונדערטער,

די פופציקער און די צענער. יעדער איינער פון ישראל דאַרף וויסן זיין שטאַנד אין גאָטס „יחד״.

דאָס איז אַן איינפיר אויף אייביק. קיינער זאָל ניט נידערן פון זיין שטאַנד, און זאָל זיך ניט פּרואוון אויפהייבן העכער פונעם אָרט וואָס זיין גורל האָט אים באַשערט.

אַלע דאַרפן זיין מיטגלידער אינעם יחד פון אמת, פון פרומער גוטס־קייט, פון ליבשאַפט און פון חסד. רייניע געדעכטע מחשבות

[פון] איינעם צום צווייטן — דאַרפן זיין ביי אַלעמען אין דער הייליקער עצה, ביי די וואָס האַלטן דעם סוד פון די אייביקייטן. און יעדער וואָס וויל ניט אַריינקומען

אין גאָט[ס יחד], און וויל דווקא באַגיין די תאוהס פון זיין האַרצן, אַזאַ זאָל ניט [אַריינגענומען ווערן אין] יחד פון אמת, ווייל ס׳האָט פאַר־מיאוסט

---

2) יחוס־שטאַנדן זיינען שאַרף אָפּגעטיילט געוואָרן צום אָנהייב פון דער סעקטע. (זע אויך עמוד ו׳ 9־8). אַ פּאָר דורות שפּעטער, ווען ס׳איז פאַרפאַסט געוואָרן די מגילת ברית דמשק, זיינען שוין די שטאַנדן ליניעס געווען היפּש אָפּגעווישט, כאָטש זיי ווערן נאָך דאָרט אויף דערמאָנט, אָבער ניט אין אַזאַ שאַרפער פאָרם (זע ביילאַגע, ברית דמשק, י״ד).

ג׳ זיין נפש דעם יסוד פון וויסן, דעם גערעכטן משפט. ער האָט ניט
פאַרבונדן זיין לעבן מיט די וואָס קערן זיך אום צו גאָט. צווישן
גערעכטע קאָן ער זיך ניט רעכענען.
זיין וויסן, זיין כוח און זיין געלט זאָלן ניט אַריינגענומען ווערן אין דער
עצה פון „יחד״, ווייל אַזאַ מענטש גראָבט זיך אין ווסטער רשעות.
אומריין איז ער
אין זיין פאַרווירטקייט. ווען ער לאָזט פריי זיין זינדיק האַרץ קאָן ער
זיך שוין מער ניט באַרעכטיקן. ער זאָגט, אַז ער קוקט אויף פינצ־
טערניש ווען ער זעט ליכטיקע וועגן. אינעם כלל פון די גערעכטע
קאָן ער זיך ניט רעכענען. ער וועט ניט ריין ווערן מיט קיין יום־
כיפור קרבן. דאָס וואַסער וואָס רייניקט די אומריינע — קאָן אים
ניט ריין מאַכן. ער קאָן זיך ניט אָפּוואַשן מיט קיין ימים
אָדער טייכן. ער וועט זיך ניט אָפּוואַשן מיט וויפל וואַסערן ער זאָל
זיך ניט וואַשן. אומריין, טמא בלייבט ער אַלע טעג וואָס ער האָט
פאַרמיאוסט דעם משפט
פון גאָט, ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פאַרבינדן מיט דער עצה פון יחד.
ווייל נאָר דורכן גייסט פון גאָטס אמתער עצה קאָנען ריין ווערן אַלע
זיינע זינד, ער זאָל קאָנען דערבליקן דאָס ליכט פונעם לעבן. נאָר
ווען דער הייליקער גייסט פאַרבינדט אים מיט גאָטס אמת, נאָר
דאַן קאָן ער ריין ווערן פון אַלע
זיינע זינד. נאָר דורכן גייסט פון יושר און עניוות וועלן זיינע זינד
פאַרגעבן ווערן; נאָר ווען ער וועט אַ פרומער אויספירן אַלע
גאָטס געבאָטן, נאָר דאַן וועט ריין ווערן
זיין לייב, ווי ער זאָל עס אָפּשפּריצן מיט אַ רייניקונגס וואַסער. ער דאַרף
גלייכהאַלטן זיינע טריט, און אומגיין אַ גאַנצער און אַ פרומער
אין אַלע גאָטס וועגן, ווי ס׳איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין די פאַרויס־באַ־
שטימטע צייטן. ער טאָר זיך ניט אָפּקערן רעכטס אָדער לינקס,
און טאָר ניט
איבערטרעטן קיינע פון גאָטס רייד. נאָר דאַן וועט ער אָנגענומען
ווערן ביי גאָט מיט נחת־רוח און מיט פריידיקער פאַרגעבונג, און
ער וועט פאַרבונדן ווערן
מיט אַן אייביקן בונד צו דעם יחד.
ס׳איז די פליכט פונעם משכיל דערקלערן און לערנען די „קינדער פון
ליכט״, די געשיכטע פון די מענטשן,

פון אַלעמענס גייסטער לויט זייערע צייכנס און זייערע מעשים פון פריער־
דיקע דורות. ער דאַרף זיי דערקלערן די פּלאָגן וואָס זיינען באַ־
שערט זיי
צום סוף פון זייערע צייטן. אַלץ וואָס איז איצט, וואָס וועט זיין, —
שטאַמט פון גאָט וואָס ווייסט אַלץ, און איידער זיי זיינען באַשאַפן
געוואָרן, האָט ער זיי פאַרגרייט זייער וועג.
אויף זייערע ערטער, באַשטימטע פון פריער, וועלן זיי אויספילן פליכטן,
וואָס זיין כבוד האָט באַטראַכט און באַשטימט פון פאָרויס. און
קיינער קאָן זיי ניט ענדערן 3). אין זיין האַנט
ליגט יעדנס משפט. ער שפּייזט זיי מיט אַלץ וואָס זיי דאַרפן. גאָט האָט
באַשאַפן דעם מענטשן צו הערשן
אויף דער וועלט. ער האָט אים צוויי גייסטער געשענקט, זיי זאָלן אים
פירן, ביז ס'וועט קומען זיין צייט. דאָס זיינען די גייסטער 4)
פון אמת און ליגן. דער אמת ווערט געבוירן אין דעם וואוינאָרט פון
ליכט, און דער ליגן שטאַמט פון פינצטערן קוואַל.
דער האַר פון דעם ליכט געוועלטיקט איבער די קינדער פון צדק, וואָס
גייען אויף ליכטיקע וועגן, און דער מלאך
פון חושך הערשט איבער די מענטשן פון ליגן, און די גייען אום איבער
פינצטערע וועגן. צום פינצטערן מלאך פאַרבלאָנדזשען אַמאָל אויך
די קינדער פון צדק. אַלע זייערע זינד, די פאַרברעכנס און די שולדיקע
מעשים, שטאַמען פון יענעמס ממשלה,
לויט גאָטס פאַרטראַכטע סודות, ביזן סוף פון בליעלס צייט. אַלע זייערע
פּלאָגן, און די צרות באַשערטע — קומען אַרויס פון זיין שנאה.
אַלע גייסטער וואָס טראָגן זיין גורל זיינען געווענדט צו פאַרפירן גע־
רעכטע. דער גאָט פון ישראל און זיין אמתער מלאך קומען צו־
הילף אַלע

3) דער פאַטאַליסטישער צוגאַנג איז אַ גרונד־שטריך אין זייער פילאָזאָפיע. ווי עס קוקט אויס, האָט זיך פלאַוויוס געשטיצט אויף דעם אויסצוג פונעם סרך היחד, ווען ער האָט דערציילט וועגן זייער פאַטאַליזם. אַלטערטימער, בוך 13, קאַפּ. 5, פּאַר.9.

4) די קעגנגעזעצטע גייסטער, אמת קעגן ליגן, גוטס קעגן שלעכטס, א. אַז. וו. זיינען געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון זייער גלויבן. און ניט נאָר ביי זיי אַליין. ביי אַלע יידן און ביי אַ סך אַנדערע פעלקער אַרום איז דער דואַליזם געווען דאַן זייער פּאָפּולער. די אידייען שטאַמען אָריגינעל פון פּערסיע. (זע זייטן 185־184).

קינדער פון ליכט. ער האָט באַשאַפֿן די גייסטער פון ליכט און פון חושך, און אויף זיי האָט ער אַלע זיינע מעשים געגרינדעט.

[לויט זיי ווערט אַלץ אָפּ]געטאָן. איין גייסט האָט גאָט ליב ביז אַלע

## ד

אייביקע וועלטן. אַלץ וואָס עס טוט אויף דער גייסט ווערט אויף אייביק באַוויליקט פון גאָט. דעם גייסט פון ליגן פאַרמיאוסט ער. ער האָט פון אייביק אָן פיינט זיינע וועגן.

און דאָס איז דער וועג ווי זיי פירן זיך אויף אין דער וועלט. זיי דאַרפן באַלויכטן דאָס מענטשלעכע האַרץ. זיי דאַרפן אים אויסגלייכן די וועגן פון צדק און אמת. זיי דאַרפן מאַכן זיין האַרץ זיך פאַרצאַפּלען מיטן משפט

פון גאָט. אַ מענטש דאַרף האָבן אַ גייסט פון עניוות. ער דאַרף זיין געלאַסן, געדולדיק. ער דאַרף האָבן רחמים און אייביקע גוטסקייט. ער דאַרף האָבן שכל, פאַרשטאַנד, חכמה און גבורה אַזאַ וואָס דערגאַנצט אַלע

מעשים פון גאָט, און שטיצט זיך אויף זיינע חסדים. דער גייסט העלפט פאַרשטיין דעם שכל פון זאַכן; דאָס איז אַ גייסט פון קנאים פאַר אַ משפט פון צדק. אַ גייסט

פון קדושה, וואָס ליגט אין אַ שטאַנדהאַפטן יצר. ער דאַרף טאָן חסדים צו די קינדער פון אמת. דאָס איז אַ ווירדיקע ריינקייט, וואָס וואַשט אָפּ דעם קויט פון די אומריינע זינד, און העלפט אומגיין פרום

און מיט פאַרזיכט, העלפט היטן דעם סוד וואָס דאָס אמתע וויסן דעקט אויף. די דאָזיקע גייסטער באַגלייטן די קינדער פון אמת אויף דער וועלט. דאָס איז באַשערט אַלע די וואָס גייען אויף גלייכע וועגן, וועגן פון רפואה, געזונט,

וועגן פון פיל שלום, פון לאַנג לעבן, פון קינדער אַ סך, מיט פיל אייביקע ברכות; וועגן וואָס ברענגען פרייד איבער וועלט, אייביק לעבן און אַ קרוין פון כבוד

מיט פראַכטפולע קליידער, באַשיינט מיטן אייביקן ליכט.

דער ליגנערישער גייסט האָט אַ הונגעריקע זעל, און האָט ניט קיין מוט צו טאָן עפּעס רעכטס. דער גייסט פאַרפירט זיי צו רשעות, צו פאַלשקייט, צו גאווה און פאַריסנקייט, צו לייגן און פעלשן אָן געוויסן,

צו חניפה, צו כעס, צו בייזער און נאַרישער קנאה; אָפּצוטאָן מיאוסע

מעשים אין אַ גייסט פון זנות, פון קויטיקע וועגן און אומריינע טאַטן;
צו אַ לשון פון זידלען, צו בלינדקייט, צו טויב זיין, עקשנות; דער גייסט מאַכט אַרומגיין פאַרביטערט אויף פינצטערע וועגן, מיט שווינדל נאָר שלעכטס טאָן. ס׳באַשערט,
אַז אַלע וואָס גייען אויף די וועגן, זאָלן ווערן געפּלאָגט פון מלאכי חבלה, אויף אייביקן אומקום פונעם צאָרן פון גאָט פון נקמות. זיי וועלן אומגיין מיט אַ שטענדיקער מורא, מיט אַן אייביקער שאַנד, מיט אַ חרפּה,
וואָס וועט זיי פאַרברענען אין פייער פון פינצטערן גהינום. זייער סוף און דער סוף פון די דורות נאָך זיי, וועט זיין מיט אַ קלאָג און מיט יאָמער, מיט ביטערן אומגליק פון אייביקן חושך,
ביז זיי וועלן אַלע פאַרלענדט ווערן און קיינער פון זיי וועט ניט בלייבן.

דאָס איז די געשיכטע פון די מענטשן. זיי וועלן אַלע אין אַזאַ מין צעטיילונג לאָזן דעם גורל ירושה צו ווייטערע דורות. אויף די וועגן איז באַשערט זיי צו גיין. דער אויפטו
פון זייערע מעשים וועט אָנקומען יעדן זיין נחלה, וויפל ס׳איז ווען באַשערט, אַ סך אָדער ווייניק, אויף אייביק אַזוי. ווייל גאָט האָט די גייסטער פאַרטיילט גלייך אויף גלייך, ביזן לעצטן קץ.
צווישן די צוויי האָט ער איינגעשטעלט אַן אייביקע שנאה. דער אמת פאַרהאַסט אַלע מעשים פון ליגן, און דער ליגן האָט פיינט די וועגן פון אמת. אַן אייביקע קנאה,
אַ מלחמה הערשט צווישן זיי. זיי וועלן קיינמאָל צוזאַמען ניט גיין. ס׳האָט גאָט מיט זיין שכל, פון מענטש אומבאַגרייפטן, מיט זיין הערלעכער חכמה, נאָך פון אָנהייב באַשטימט צום ליגן אַ סוף, און אין דער צייט
דער באַשערטער, וועט ער אים אויף אייביק פאַרשניידן. און דאַן ערשט וועט דער אמת אַרויס אויף דער וועלט, באַפרייט שוין אויף אייביק. ער האָט געגנוג דאָרט געליטן אויף די וועגן פון רשעות, ווען דער ליגן ט׳געהערשט, ביז —

דער צייט ווען גאָט האָט זיין משפּט באַשלאָסן. דאַן ערשט וועט גאָט מיט זיין אמת לייטערן די מענטשלעכע מעשים. ער וועט אויסקלייבן און לאָזן פון די מענטשן נאָר דעם, וואָס וועט רייניקן דעם ליגנערשן גייסט פון דעם אינגעווייד

פון זיין לייב, ער וועט אים רייניקן מיט זיין הייליקן גייסט פון יעדער
פאַרגרייזטער טאַט. מיטן גייסט פונעם אמת וועט ער אים באַשפּריצן,
ווי מיט אַ רייניקונגס וואַסער, אים לויטערן פון יעדער פאַלשער
מיאוסקייט, וואָס ס'האָט אים פאַרקויטיקט
דער אומדרייבער גייסט. דער אויסדערווײלטער וועט לערנען די גערעכטע
דעם אויבערשטנס וויסן. מיט דער חכמה פון די הימלשע זין וועט
ער מדריך זיין די, וואָס וועלן גיין אויף די וועגן די גאַנצע 5). ווייל
גאָט האָט דערווײלט זיי צו זיין אינעם אייביקן בונד.
זיי וועט גאָט שענקען דעם גאַנצן מענטשלעכן כבוד. קיין זינד וועט
מער אויף דער וועלט שוין ניט זיין. די מעשים די פאַלשע וועלן
ווערן פאַרשעמט. נאָר ביז יענער צייט, וועט אָנגיין אַן אייביקער
קריג אין אַ מענטשלעך האַרץ צווישן אמת און ליגן.
מענטשן וועלן אומגיין מיט חכמה און טיפּשות צוזאַמען. וועט אַ מענטשן
באַשערט זיין דער וועג פונעם אמת און צדק, וועט ער פיינט האָבן
ליגן. אויב ווידער, ער וועט ירשנען דעם גורל פון פאַלשקייט, אַזוי
וועט ער פאַרמיאוסן דעם אמת. גאָט האָט די גייסטער גלייכע באַשאַפן
ביז אַ צייט אַ באַשטימטער, ביז ער וועט ענדערן דעם סדר פונסניי.
ער ווייסט געגוי וואָס ס'וועלן אויפטאָן די גייסטער פון אָנהייב און
ביז אַלע סופן,
אין אַלע [זייערע צייטן]. ער האָט די גייסטער פאַרטיילט צו די מענטשן,
אַז זיי זאָלן דערקענען דאָס גוטס און דאָס [שלעכטס. ער האָט] גע־
וואָרפן אַ גורל ווי יעדער זאָל זיך פירן מיט זיין גייסט ביז ס'וועט
[קומען דער טאָג פון] רעכענונג.

ה דאָס איז דער סדר פאַר די יחד מענטשן, וואָס ווידמען זיך אָפּקערן פון
יעדן מין בייז, און אָפּהיטן אַלץ וואָס ס'וועט אָנזאָגן גאָט לויט זיין
ווילן. ער דאַרף זיך אָפּשיידן פון דער געמיינדע
פאַלשע לייט, און דאַרף צושטיין צום יחד מיט זיין וויסן און פאַרמעג.
זיי דאַרפן זיך אויפפירן ווי ס'לערנען די כהנים, די קינדער פון
צדוק, וואָס היטן דעם בונד און לויטן רוב מענטשן
פון „יחד״, וואָס האַלטן זיך אָן אינעם בונד. לויט זייער באַפעל (פון די

5) די פאַנטאַזיע פון מחבר פאַרטראָגט אים אין הימלשע ספערן, ווישט אָפּ די גרענעצן פון מענטש און מלאך, און פאַרמישט דאָס ערדישע לעבן מיטן הימלשן.

כוהנים) דאַרף איינגעשטעלט זיין יעדער זאַך פון דער תורה, פאַר־ מעגן און משפּט. זיי דאַרפן טאָן אמת אין יחד, און ווייזן עניוות

און משפּט גערעכטן. זיי דאַרפן ליב האָבן חסד און פרום זיין אין אַלע די וועגן. אַ מענטש טאָר ניט בלאָנדזשען און נאָכגיין די באַגערן פון זיין האַרצן,

דאָס זשעדנעקייט פון זיין אויג, און די גייציקע מחשבות פון זיין יצר־ הרע. אין יחד דאַרף ער מל זיין די ערלה פון זיין זינדיקן יצר און פון זיין שווערער עקשנות. ער דאַרף אינעם בונד פונעם יחד בויען פאַר ישראל אַן אמתע פעסטונג

אויף אייביק. דער בונד וועט מכפּר זיין אַלע וואָס ווידמען זייער לעבן צו קדושה, צום אמתן הויז פון אהרון און ישראל, און אַלע וואָס גייען מיט זיי אינעם יחד, צום קריג און צום משפּט,

צו באַשולדיקן אַלע וואָס ברעכן געזעצן. לויט די געבאָטן דאַרפן זיי איינ־ שטעלן זייערע וועגן ווען זיי זאַמלען זיך אין אינעם יחד. יעדער וואָס קומט אינעם ראַט פון יחד,

דאַרף אַריין אין גאָטס בונד פאַר אַלע געווידמעטע אין די אויגן. ער שווערט זיך אַ שבועה אַ שטרענגע, אַז ער וועט זיך אומקערן צו משהס תורה, און טאָן אַלץ וואָס ווערט דאָרט אָנגעזאָגט, מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה, און אַלץ ווי עס הייסן די תורה געבאָטן, וואָס זיינען אַנטפּלעקט צו די קינדער פון צדוק וואָס היטן דעם „בונד“, וואָס פאָרשן גאָטס ווילן, און לויטן רוב מענטשן פון בונד,

וואָס גיבן זיך אָפּ צו דעם אמת פון יחד, צו טאָן לויטן ווילן פון גאָט. דער וואָס שווערט זיך די שבועות פון הייליקן בונד, דאַרף זיך אָפּ־ טיילן פון די זינדיקע לייט, וואָס

גייען אויף וועגן פון רשעות. יענע זיינען ניט צוגעשטאַנען צום בונד. זיי זוכן ניט גאָט. זיי לערנען ניט זיינע געזעצן כדי צו דערקענען די פאַרבאָרגענע וועגן אין וועלכע זיי האָבן געבלאָנדזשעט

און געזינדיקט. פאַר די עפנטלעכע זינד וואָס זיי האָבן במזיד געטאָן, צו דערצאָרענען גאָט — וועט ער זיי רופן צום משפּט. ער וועט נעמען נקמה לויט די קללות פון בונד. ער וועט אויף זיי אָנשיקן שטראָפן גרויזאַמע, אויף אייביקן כרת. ס'וועט קיינער ניט בלייבן פון זיי. אַזאַ טאָר ניט קומען אין וואַסער אינאיינעם, ער טאָר אין דער ריינקייט ניט זיין מיט די הייליקע מענטשן 6). ווייל זיי וועלן ניט ריין ווערן,

6) ער טאָר זיך ניט טובלען צוזאַמען מיט זיי.

סיידן זיי װעלן זיך אָפּקערן פון זייער שלעכטס. אַלע װאָס פאַרבויגן זיין
אָנזאָג זײַנען אומריין. קיינער זאָל מיט אַזאַ זיך ניט מישן. ניט
מיט זיין אַרבעט, און ניט זיין פאַרמעג. ער קאָן זיך אָננעמען פון אים
אַן עבירה. מ׳דאַרף זיך פון אים האַלטן פון װייטן מיט אַלץ. װייל אַזױ
שטייט געשריבן: „מכל דבר שקר תרחק״ (שמות כ״ז 7) (פון יעדער
פאַלשער זאַך — דערװייטער זיך). קיינער פון די מענטשן
פון יחד טאָר זיי ניט פאָלגן װעגן תורה געזעצן. קיינער פון יחד טאָר
ניט עסן אײנאײנעם מיט זיי, ניט טרינקען, טאָר ניט נעמען ביי זיי
קיין שום זאַך
אָן באַצאָלט. װי ס׳שטייט געשריבן: „מיידט אויס אַ מענטשן װאָס האָט
אַ הויך אין זיין נאָז, װייל װאָס פאַר אַ װערט האָט ער? (ישעיה
ב׳ 22)
אַלע װאָס שטייען ניט צו צו דעם „בונד״ — מיידט זיי אויס, זיי און
אַלץ װאָס איז זייערס. ס׳טאָר קיין הייליקער מענטש זיך ניט שטיצן
אויף זייערס אַ טאַט
װאָס איז װערטלאָז. װייל װערטלאָז זײַנען אַלע װאָס װילן ניט װיסן פון
בונד. די װאָס פאַרמיאוסן זיין װאָרט, װעט ער פון דער װעלט זיי
פאַרשניידן. אַלץ װאָס זיי טוען איז אומריין
ביי אים. טמא זײַנען זיי מיט זייער גאַנצן פאַרמעג. און אַז איינער װעט
צושטיין צום בונד, דאַרף ער טאָן לויט די אַלע געזעצן. ער דאַרף
װערן איינס מיט דער הייליקער עדה. מען דאַרף אונטערזוכן
זיין גייסט, װי פּירט ער זיך אויף צװישן פריינט. מ׳דאַרף אונטערזוכן
זיין שכל, זײַנע מעשים, װי ער פאָלגט אויס די תורה געזעצן, און צו
פּירט ער זיי אויס װי ס׳לערנען אהרונס קינדער, די װאָס גיבן זיך
אָפּ אײנעם יחד אויפהאַלטן
דעם בונד מיט גאָט, היטן זײַנע געבאָטן װאָס ער האָט פאַרזאָגט, און צי
פּירט ער זיך אויף לויטן רוב יידן װאָס גיבן זיך אָפּ אײנעם יחד צו
היטן דעם בונד מיט גאָט.
זיי דאַרפן װערן פאַרשריבן אין אַ סדר, איינער נאָכן אַנדערן לויט זיין
שכל און לויט זײַנע מעשים. זיי דאַרפן זיך צוהערן איינער צום
צװייטן, דער קלענערער צום גרעסערן. מ׳דאַרף
אונטערזוכן זייער גייסט און זייערע מעשים יעדן יאָר. מ׳דאַרף דערהייבן
אַ מענטשן לויט זיין שכל און לויט זיין גראַדן װעג, און מ׳דאַרף אים
באַזייטיקן אויב ער זינדיקט. עס דאַרף שטראָפן

איינער דעם צווייטן מיט [אמת]. מיט עניוות און מיט ליבשאַפט דאַרף מען גוטס טאָן אַ מענטשן. קיינער זאָל [צו] קיינעם ניט רעדן מיט צאָרן אָדער טענות,

מיט פאַרביסענער עקשנות, [מיט אַ שווערן געמיט אָדער] מיט אַ בייזן גייסט. קיינער טאָר קיינעם ניט פיינט האָבן [און עס פאַרבאָרגן ביי] זיך אין האַרצן. מ׳דאַרף איינעם שטראָפן דעם זעלבן טאָג וואָס מ׳זעט אויף אים אַן עוולה, כדי מ׳זאָל ניט

ו טראָגן אויף זיך קיין זינד. קיינער זאָל אויף זיין חבר ניט אָנרעדן קיין שלעכטס פאַר דעם רבים, וואָס ער קאָן אויף דעם ניט ברענגען קיין עדות. לויט אָט די געזעצן

דאַרפן זיי זיך פירן וואו נאָר זיי וואוינען און טרעפן זיך איינער מיטן צווייטן. דער קלענערער דאַרף זיך צוהערן צום גרעסערן, וועגן מלאכה און געלט. צוזאַמען זאָלן זיי עסן.

צוזאַמען בענטשן און צוזאַמען זיך באַראַטן. אומעטום וואו ס׳וועלן זיך טרעפן צען מענטשן פון יחד, טאָר דאָרט ניט פעלן קיין

כהן, און אַלע דאַרפן זיך זעצן פאַר אים לויטן שטאַנד. זיי דאַרפן אָנפרעגן אַן עצה לויטן זעלבן סדר. אַז ס׳וועט זיך טרעפן, אַז זיי וועלן גרייטן צום טיש צו עסן, אָדער דעם תירוש 7)

צו טרינקען דאַרף דער כהן צום ערשטן אויסשטרעקן זיין האַנט, ער דאַרף זיין דער ערשטער צו ברעכן דאָס ברויט אָדער טרינקען דעם תירוש.

אין אַן אָרט וואו ס׳געפינען זיך צען מענטשן, טאָר דאָרט ניט פעלן אייגער וואָס טייטשט אויס די תורה. ער דאַרף מיט זיי זיין בייטאָג און ביינאַכט.

זיי דאַרפן זיין תמיד צוזאַמען, איינע מיט די אַנדערע. דער רבים פון יחד זאָלן אַכטונג געבן און אויפזיין אַ דריטל פון די נעכט פונעם יאָר, לייענען דעם ספר (תורה), שטודירן די געזעצן,

און בענטשן (גאָט) צוזאַמען. אַזוי זאָלן זיי זיך פירן ביים אויסזעצן דעם רבים. יעדער דאַרף אַכטונג געבן אויף זיין שטאַנד. צוערשט דאַרפן זיך זעצן די כהנים, נאָך זיי די זקנים. דאָס איבעריקע

פאָלק זאָל זיך אויסזעצן יעדער אין זיין ריי. אַזוי זאָלן זיי האַלטן אַ משפט און אַזוי זאָלן זיי פרעגן אַן עצה. אין דעם סדר זאָלן זיי הערן וואָס עס ענטפערט דער רבים יעדן וואָס פרעגט זיך

---

7) תירוש, מיינט — ניט קיין געזייערטער וויין. עס קאָן גיכער זיין אַ פרוכטזאַפט (פון וויינטרויבן) איידער וויין.

ביים ראַט פונעם יחד. קיינער זאָל קיינעם ניט אַריינפאַלן אין די רייד, איידער זיין ברודער ענדיקט זיין רעדן. קיינער זאָל ניט רעדן איידער ס׳קומט אָן די ריי צו זיין שטאַנד.

ווען מ׳פרעגט עפּעס עמעצן דאַרף ער ענטפערן ווען ס׳קומט אָן זיין צייט. ביי דער זיצונג פון רבים זאָל קיינער ניט רעדן ווען מ׳וויל אים ניט הערן, סיידן דאָס איז דער

מבקר דער אויפזעער איבער דעם רבים 8). איינער וואָס וויל עפּעס זאָגן דעם רבים און איז ניט פון שטאַנד ווי דער מאַן וואָס בעט זיך אַן עצה

ביים יחד, דאַרף ער זיך שטעלן און זאָגן: איך וויל עפּעס זאָגן צום רבים. אויב מ׳דערלויבט אים — דאַן רעדט ער. איינער פון ישראל וואָס וויל וואָלונטירן

און צושטיין צו דער עצה פון יחד, דאַרף דער אויפזעער וואָס שטייט אין דער שפּיץ פונעם רבים — אים פאָרשן זיין שכל און מעשים. באַגרייפט ער די פליכטן — נעמט מען אים אָן

אינעם בונד, ער זאָל זיך קערן צום אמת און אָפּקערן פון יעדער מין שלעכטס. מ׳דאַרף אים דערקלערן אַלע משפטים פון יחד. און שפּעטער ווען ער קומט פאַר דעם רבים זיך שטעלן, דאַרף מען זיך אָנפרעגן ביי אַלע וואָס

ווייסן וועגן אים, און ווי ס׳וועט פאַלן דער גורל ביים ראַט פונעם יחד אַזוי דאַרף מען מיט אים זיך באַגיין, אָננעמען — אָדער פאַרטרייבן. און אַז מ׳לאָזט אים שוין צו צו דער עצה פון יחד, טאָר ער באַלד נאָך קיין אָנטייל ניט נעמען אין דער טבילה

פונעם רבים, ביז מ׳עז פאָרשט אויס זיין גייסט און זיינע מעשים. ביז ס׳גייט ניט אַוועק אַ גאַנץ יאָר נאָך, קאָן ער ניט נעמען קיין איינטייל אינעם אַלגעמיינעם פאַרמעג פונעם רבים.

און אַז ער איז שוין אַ מיטגליד אין יחד אַ יאָר, דאַרף מען אַ צווייטן מאָל פרעגן דעם רבים וועגן זיינע מעשים, און צי פאַרשטייט ער די תורה געבאָטן. און אויב עס וועט פאַלן דער גורל

---

8) וכיא האיש המבקר.... (און אַז דער אויפזעער וועט...) און באַלד נאָכדעם קומט די פראַזע: „...וכל איש אֲשר יש אתו דבר לדבר" (און יעדער איינער, וואָס וויל עפּעס זאָגן דעם מבקר...) — אַזאַ זאַץ אָדער אַזעלכע צוויי פראַזן צוזאַמען — האָבן קיין זין ניט. דאָס פיינע יידישע וואָרט „סיידן", קוקט דאָ אויס צו זיין די בעסטע טייטש פונעם וואָרט „וכיא".

אַז מ׳מעג אים שוין לאָזן צו דער עצה פון יחד, — לויט די כהנים
און לויט דער מערהייט פון די וואָס זיינען מיט זיי אינעם בונד —
דאַן לאָזט מען אים צו שוין צום אַלגעמיינעם פאַרמעג. דאַן דאַרף
ער געבן זיין געלט און ס׳געהאַלט פון זיין אַרבעט
דעם אויפזעער איבער דער עדה, וואָס דאַרף עס פאַרשרייבן אויף זיין
חשבון, און טאָר עס נאָך ניט אויסגעבן אויף דער הוצאה פון דעם
רבים. ער טאָר נאָך ניט נעמען קיין אייגנטייל אין דער סעודה פון
דעם רבים, ביז —
ער וועט זיין אינעם יחד פולע צוויי יאָר. נאָך די 2 יאָר דאַרף דער רבים
אים ווידער אונטערזוכן, און אויב ס׳וועט אַרויסגיין וועגן אים
דער גורל, אַז מ׳מעג אים שוין לאָזן אין יחד, דאַרף מען אים פאַרשרייבן
מיט זיינע ברידער לויט זיין שטאַנד. ער וועט גלייך מיט זיי שוין
ביים לערנען, ביים משפט, ביים טובלען. מ׳מעג שוין זיין פאַרמעגן
אויסמישן אין יחד, און ער וועט שוין אַ גלייכער אין ראַט
פונעם יחד, ווי אויך פונעם משפט.
דאָס זיינען די משפטים לויט וועלכע דער יחד דאַרף משפטן אין די
פאָלגנדע פאַלן: אויב ס׳וועט זיך געפינען אַ מאַן וואָס פאַרלייקנט 9)
זיין פאַרמעגן, און ער וועט עס טאָן באַוואוסטזיניק, טאָר מען אים ניט
צולאָזן זיך טובלען מיטן רבים אַ גאַנץ יאָר צייט. מ׳דאַרף אים
אויך באַשטראָפן און צונעמען אַ פערטל פון זיין שפייז. דער וואָס
ענטפערט
זיין פריינט מיט בייזקייט, רעדט צו אים מיט כעס און באַליידיקט אים, און
זיין פריינט איז פאַרשריבן אין אַ העכערן שטאַנד,
אָדער — ער זאָל אים [דער]לאַנגען אַ פּאַטש מיט דער האַנט, — וועט
ער באַשטראָפט, און [מ׳דאַרף אים אויסשליסן פון יחד] אַ גאַנץ
יאָר. דער וואָס דערמאָנט ביי אַ ניט וויכטיקער זאַך, דעם נאָמען
(גאָטס), וואָס איז ערלעך געהאַלטן ביים גאַנצן [באַשאַף],
ז אָדער, אויב ער לאָזט הערן אַ קללה, צי ווייל ער וויל אויסמיידן אַן אומ־
אָנגענעמע זאַך, צי פאַר אַן אַנדער אורזאַך; אָדער ווען ער שילט
בשעת ער לייענט אינעם ספר (תורה), אָדער בשעת ער טוט תפילה,
— דאַרף מען אים אויסשליסן
און מ׳טאָר אים צוריק ניט אַריינעמען אין דער עצה פון יחד. אויב ער

9) זע נאָטיץ 29 אין דער בייגעלייגטער מגילת ברית דמשק.

רעדט מיט כעס צו איינעם פון די כהנים וואָס זיינען פאַרשריבן אי־נעם בוך, דאַרף ער ווערן באַשטראָפט אויף איין יאָר,

און מ׳טאָר אים ניט צולאָזן זיך טובלען אינאיינעם מיטן רבים. אויב ער האָט עס געטאָן דורך אַ טעות — דאַרף ער באַשטראָפט ווערן מיטן טובלען אויף 6 חדשים. אויב ער וועט זאָגן אַ ליגן באַוואוסט־זיניק —

דאַרף ער באַשטראָפט ווערן אויף 6 חדשים. דער וואָס וועט באַרעדן זיין פריינט, און ער ווייסט אַז ס׳איז אַ ליגן — דאַרף ער באַשטראָפט ווערן אויף איין יאָר

אויסשליסן. אויב ער רעדט צו זיין פריינט מיט ביטערניש, אָדער אויב ער באַגייט אַ פאַלשקייט באַוואוסטזיניק — דאַרף ער באַשטראָפט ווערן אויף 6 חדשים. אויב

ער נאַרט אָפּ זיין פריינט אומגערן — ווערט ער באַשטראָפט נאָר אויף 3 חדשים. אויב ער נאַרט זיך אָפּ ווען ער האַנדלט מיטן פאַרמעגן פון יחד און פאַראורזאַכט אַ שאָדן, דאַרף ער עס באַצאָלן

אַליין 10).

אויב ער האָט ניט קיין מעגלעכקייט באַצאָלן, דאַרף ער באַשטראָפט ווערן אויף 60 טעג. אויב ער טראָגט אַן אומזיסטן צאָרן אויף זיין פריינט, ווערט ער באַשטראָפט אויף 6 חדשים 11).

דאָס זעלבע איז מיט איינעם וואָס נעמט אַליין נקמה פאַר עפּעס. איינער וואָס רעדט גבול־פּה — ווערט באַשטראָפט אויף 3 חדשים. דער וואָס פאַלט אַריין יענעם אין די רייד —

דאַרף באַשטראָפט ווערן אויף 10 טעג. איינער וואָס שלאָפט איין ביי־דער זיצונג פונעם רבים — קומט אים 30 טעג. די זעלבע שטראָף קומט פאַר פאַרלאָזן די זיצונג פון דער עדה

אָן אַ דערלויבעניש. איינער וואָס דרימלט איין 3 מאָל ביי איין זיצונג — דאַרף באַשטראָפט ווערן אויף 10 טעג. און אויב מ׳וועט אים הייסן בלייבן

---

10) דאָס איז איינע פון די עטלעכע שטעלן אין די מגילות, וואָס שטעלן אַ פראַגע־צייכן אויף דער געמיינשאַפטלעכער קאַסע ביי די חסידים־איסיים. (זע קאַפּיטל 10, נאָטיץ 7).

11) אינעם מאַנוסקריפּט איז אָנגעשריבן „1 יאָר" און איז אויסגעמעקט. אויבן איז צוגעשריבן „6 חדשים", און איז ניט אויסגעמעקט.

און ער וועט דאָך אַוועקגיין — דאַרף ער באַשטראָפט ווערן אויף 30 טעג.

איינער וואָס גייט אום נאַקעט פֿאַר זיינע מיטמענטשן אָן אַ שום אורזאַך, דאַרף באַשטראָפט ווערן אויף 6 חדשים.

איינער וואָס שפּייט אויפֿן דיל בשעת אַ זיצונג — דאַרף די שטראָף זיין — 30 טעג. פֿאַר אַרויסנעמען זיין האַנט פֿון אונטער זיין קלייד, און ער איז

ניט גוט צוגעדעקט, און ס׳וועט זיך אַרויסזען זיין ערווה — דאַרף ער באַשטראָפט ווערן אויף 30 טעג. פֿאַר צעלאַכן זיך נאַריש אויפֿן קול — דאַרף די שטראָף זיין 30

טעג. פֿאַר רעדן מיט דער לינקער האַנט, דאַרף די שטראָף זיין 10 טעג. איינער וואָס וועט אָנפֿירן רכילות אויף זיין פֿריינט —

דאַרף ער באַשטראָפט ווערן, ער זאָל זיך ניט טובלען מיט אַלע אַ גאַנץ יאָר. אויב ער וועט רעדן רכילות אויפֿן רבים — דאַרף מען אים אויסשליסן אינגאַנצן,

און מער אים צוריק ניט אַריינגעמען. איינער וואָס באַקלאָגט זיך אויפֿן גאַנצן יסוד פֿון דעם יחד — שליסט מען אים אויס אויף אייביק. אויב ער באַקלאָגט זיך אויף אַ פֿריינט

וואָס איז ניט שולדיק, דאַרף ער באַשטראָפט ווערן אויף 6 חדשים. אויב איינעמס גייסט פֿאַרפֿירט אים, ער זינדיקט קעגן יסוד פֿונעם יחד, ער פֿאַרראַט דעם אמת,

און לאָזט זיך נאָכגיין נאָך די באַגערן פֿון זיין האַרצן, אויב אַזאַ זאָל זיך ווילן צוריקקערן, דאַרף ער באַשטראָפט ווערן אויף פֿולע 2 יאָר. דאָס ערשטע יאָר טאָר ער זיך ניט טובלען אינאיינעם מיט די מיטגלידער פֿון דער עדה,

און דאָס צווייטע יאָר טאָר ער ניט נעמען קיין איינטייל אין דער סעודה מיטן רבים און דאַרף זיך שוין זעצן דער לעצטער. אַז ס׳וועט ווערן פֿולע

צוויי יאָר, דאַרף מען זיך אָנפֿרעגן ביים רבים וועגן אים. אויב מ׳וויל אים צוריק אַריינגעמען — דאַרף מען אים פֿאַרשרייבן אין זיין שטאַנד, און דאַן מעג מען אים איינלאַדן איינטייל נעמען אין דער געזעצגעבונג.

איינער וואָס וועט זיין אין דער עצה פֿון יחד פֿולע 10 יאָר

און וועט לאָזן פֿאַרפֿירן זיין גייסט צו פֿאַרראַטן דעם יחד, ער וועט פֿאַרלאָזן

דעם רבים און נאָכגיין די תאוהס פון זיין לייב, — אַזאַ טאָר מער
ניט זיין אינעם ראַט פונעם יחד. אַ יחד מיטגןליד וואָס וועט זיך]
מיט אַזאַ צוזאַמען

טובלען, אָדער וועט זיך מישן מיט זיין פאַרמעגן [אָן דער דערלויבעניש]
פונעם רבים, אַזאַ דאַרף פונקט ווי יענער פאַרמשפט [ווערן צום
אויסשליסן. עס דאַרפן זיין]

ח אין דער פירערשאַפט פון יחד ראַט 12 מענטשן און 3 כהנים, 12)
אַלע פרומע און גוט געלערנט אין אַלץ וואָס איז אַנטפּלעקט פון
דער תורה.
זיי דאַרפן טאָן אמת און גערעכטן משפט. זיי דאַרפן ליב האָבן חסד.
זיי דאַרפן זיך באַגיין אָרנטלעך און פרום איינער מיטן צווייטן,
און זיי דאַרפן זען אייבהיטן דעם גלויבן אין לאַנד מיט אַ פעסטן ווילן
און מיט אַ געבראָכן געמיט. זיי דאַרפן זיך רייניקן פון זינד דורך
טאָן גערעכטיקייט,
און דורך אויסשטיין נסיונות. זיי דאַרפן באַגיין זיך מיט יעדן מיט
אמת, מיט אַ ריכטיקן טאַקט. ווען אַזעלכע (ווי די פרומע — ש. ג.
וועלן זיין אין ישראל,

וועט דער ראַט פונעם יחד אויף אַן אמת דאַן ווערן פאַרוואָרצלט ווי אַן
אייביקע פלאַנץ, ווי אַ הייליק הויז וועט עס זיין פאַר ישראל,
און פאַר'ן הויז פון אהרון וועט עס זיין אַ יסוד פאַר אַ קודש קדשים.
זיי וועלן זיין אמתע עדות פון גאָטס גערעכטיקייט, און מיט גאָטס
ווילן וועלן זיי 13) ווערן דערווילט מכפר צו זיין אויפן לאַנד און
באַשטראָפן
די רשעים ווי זיי האָבן פאַרדינט. דאָס וועט זיין אַן אויסגעפּרוּוטע
פעסטונג, אַ טייערער ווינקלשטיין
וואָס וועט ניט לאָזן צעטרייסלען דעם יסוד, און ער וועט זיך קיינמאָל
ניט רירן פון אָרט. דאָס וועט זיין אַ קודש קדשים וואוינאָרט
פאַר אהרון. ס'וועלן אַלע דאַן וויסן די געזעצן פון בונד און יעדער

---

12) דאָס דערמאָנט די 12 אַפּאָסטאָלן און די 3 זיילן, באַקאַנטע פון עוואַנגעליום, און ספּעציעל פון דער „דידאַטשע", (גריכיש — די לערע) פון די 12 אַפּאָסטאָלן, אַ הייליק בוך ביי די קריסטן, פאַרפאַסט ערגעץ צום סוף פון 2טן י. ה. אונ. צייט. וועגן די „3 זיילן", זע דעם „עפּיסטל" צו די גאַלאַטיאַנער, קאַפּ. 2, 9).

13) די 12 און די 3.

וועט קאָנען גרייטן פאַר גאָט דעם ריח־ניחוח. ס׳וועט זיין אַ גאַנץ און אַן אמתדיק הויז אין ישראל

וואָס וועט פעסטשטעלן דעם בונד ווי אַן אייביק געזעץ. מיט גאָטס ווילן וועלן זיי קאָנען פאַרגעבן די זינד פונעם לאַנד. זיי וועלן אַרויס־טראָגן זייער משפט אויף דער רשעות, און אָפּשאַפן די זינד. ווען די 12 און די 3 וועלן זיין איינגעשטעלט פעסט אין יסוד פונעם יחד פולע 2 יאָר און וועלן אָנהאַלטן זייער פרומען וועג,

דאַרפן זיי זיך אָפּזונדערן ווי הייליקע אינעם ראָט פון דעם יחד. אַלץ וואָס איז פאַרבאָרגן פון ישראל און איז אַנטפּלעקט צו דעם מאַן

וואָס פאָרשט (די תורה — ש. ג.) זאָל עס ניט פרואוון באַהאַלטן פונעם פאָלק צוליב אַ מורא אַז ס׳קאָן נאָך פאַרפירט ווערן אַ גייסט. אַז די הייליקע וועלן זיין אינעם יחד

פון ישראל, זאָלן זיי זיך אָפּזונדערן פון פעלשער און פון זינדיקע לייט לויט די איינגעשטעלטע געזעצן. זיי דאַרפן אַוועק אין דער מדבר, און דאָרטן פאַרגרייטן דעם (ריכטיקן) וועג.

ווי ס׳איז אָנגעשריבן: „אין מדבר גרייט צו אַ וועג צו יהוה, גלייכט אויס אין מדבר אַ שטעג צו אונדזער גאָט״. (ישעיה מ׳ 3).

אַזוי לערנט די תורה [וואָס] גאָט האָט אָנגעזאָגט דורך משהן. מ׳דאַרף זיך אויפפירן פונקט ווי ס׳ווערט אַנטפּלעקט פון צייט צו צייט.

און ווי די נביאים האָבן אַנטפּלעקט מיט דער הילף פון זיין הייליקן גייסט. יעדער פון די יחד מענטשן, פון בונד

וואָס דער יחד האָט געשלאָסן, וואָס וועט עובר זיין אויף די געבאָטן, און וועט עס טאָן חוצפּהדיק, טאָר זיך איינאיינעם מיט די הייליקע מער ניט טובלען.

ער טאָר ניט נעמען קיין אייגנטייל אין דער עצה, ביז זיינע מעשים וועלן ריין זיין פון זינד. און ער וועט אַ פרומער צוריק גיין אין ריכטיקן וועג. מ׳מעג אים דאַן לאָזן

צוריק אינעם ראָט, ווען דער רבים דערלויבט עס. דאַן דאַרף מען אים פאַרשרייבן צוריק אין זיין שטאַנד. דאָס געזעץ איז פאַר יעדן וואָס וועט צושטיין צום בונד פונעם יחד.

לויט די געזעצן דאַרפן זיך אויפפירן איינע מיט די אַנדערע די פרומע און הייליקע.

אַלע וואָס קומען אַריין אין דער הייליקער עצה, וואָס גייען אויפן גלייכן וועג, ווי גאָט האָט געבאָטן. יעדער איינער פון זיי

וואָס וועט עובר זיין אויף אַ געבאָט פֿון דער תורה מיט חוצפה אָדער פֿאַלשקייט, דאַרף ווערן באַזייטיקט פון דער עצה פון יחד,

און מער שוין צוריק ניט אָנגענומען ווערן. קיינער פון די הייליקע מענטשן טאָר זיך מיט אים שוין ניט מישן, ניט מיט זיין געלט, ניט מיט זיין עצה, פאַר קיין שום

זאַך. און אויב איינער וועט אומגערן טאָן אַן עבירה, דאַרף ער זיך טובלען באַזונדער און מ׳טאָר אים ניט לאָזן צום ראַט. דאָס געזעץ דאַרף זיין,

אַז ער טאָר ניט נעמען קיין איינטייל אין משפט, און מ׳טאָר אים ניט פרעגן קיין עצה פולע 2 יאָר. אויב ער זאָל אָנהייבן גיין אויפן ריכטיקן וועג,

ביים עצה׳ן, ביים לערנען די תורה, [און דער רבים הייסט אים שוין גוט]— מעג מען אים נעמען צוריק, אויב ער האָט מער ניט געזינדיקט אומגערן אין פאַרלויף פון צוויי יאָר.

ט ווייל פאַר זינדיקן אומגערן — ווערט איינער באַשטראָפט מיט 2 יאָר. און איינער וואָס טוט עס באַוואוסטזיניק, מיט חוצפה — קאָן זיך שוין מער ניט צוריקקערן. נאָר דער וואָס מאַכט אַ טעות —

דאַרף אויסגעפּרואווט ווערן צוויי יאָר, זען צי ער גלייכט אויס זיין וועג. מ׳נעמט אים צוריק אינעם ראַט, ווען עס וויל עס דער רבים. ערשט נאָכדעם ווערט ער פאַרשריבן צוריק אין זיין שטאַנד אינעם הייליקן יחד.

און ווען אין ישראל וועלן זיין איינגעשטעלט די רעגעלן, וועט עס זיין אַ יסוד פאַרן הייליקן גייסט, און אַן אמת

אויף אייביק. אַן אמת וואָס וועט פאַרגעבן די זינד און די שולדיקע מעשים און וועט אָנגענומען ווערן ביי גאָט בעסער ווי דאָס פלייש און דאָס פעטס פון קרבנות. אַן אָפּפער

פון די ליפּן (תפילה טאָן) ווערט פאַררעכנט ביי גאָט ווי אַן אַראָמאַט פון צדק און פון גלייכן וועג, ווי אַ געשאַנק פון אָפּפער־ווילקייט. אין יענער צייט וועלן אויסטיילן די מענטשן

פון יחד אַ הייליק הויז פאַר אהרון, ער זאָל זיך פאַראייניקן מיטן קודש־קדשים, און אַ יחד הויז פאַר די פון ישראל וואָס פירן זיך אויף פרום.

נאָר קינדער פון אהרון דאַרפן אָנפירן מיטן משפט און מיטן פאַרמעגן.

זיי דאַרפֿן וואַרפֿן דעם גורל אויף אַלץ וואָס ווערט איינגעשטעלט ביי די מענטשן פֿון יחד.

זיי דאַרפֿן אָנפֿירן מיטן פֿאַרמעג פֿון די הייליקע מענטשן וואָס גייען אויפֿן גלייכן וועג. זיי טאָרן ניט מישן זייער פֿאַרמעגן מיט פֿעלשער, וואָס

האָבן זייער וועג ניט געלייטערט און ווילן זיך ניט אָפּקערן פֿון זינד, צו גיין אויפֿן גלייכן וועג. די וואָס קערן אײַנגאַנצן ניט אָפּ פֿון גלייכן וועג, און גיבן ניט נאָך

אַלע באַגערן פֿון זייער האַרץ, — די זאָלן געמשפּט ווערן לויט די ערשטע געזעצן מיט וועלכע די מענטשן פֿון יחד האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַרבינדן 14).

אַזוי זאָל עס זיין ביז ס׳וועט אויפֿשטיין אַ נביא, און ס׳וועלן זיך באַוויזן די משיחים פֿון אהרון און ישראל.

דאָס זיינען די געזעצן פֿאַר אַ משכיל, לויט וועלכע ער דאַרף זיך באַגיין מיט יעדן אין פֿאַרשידענע צייטן. מיט אַ נויטיקן טאַקט דאַרף ער צוגיין צו באַזונדערע מענטשן.

ער דאַרף טאָן גאָטס ווילן ווי ער ווערט אַנטפּלעקט פֿון צייט צו צייט. ער דאַרף זיך לערנען פֿאַרשטיין דעם שכל פֿון די באַזונדערע צייטן, און די

געזעצן פֿון יעדער צייט באַזונדער. ער דאַרף אונטערשידן און שאַצן די קינדער פֿון צדוק, די פֿירער פֿון זיין צייט, לויט זייערע גייסטער. ער דאַרף האַלטן און פֿירן (די עדה — ש. ג.) לויט

גאָטס ווילן ווי ער האָט געבאָטן. יעדער דאַרף טאָן משפּט ווי עס ווייזט אים אָן זיין גייסט. מ׳דאַרף מקרב זיין איינעם לויט זיין ריינעם אויפֿפֿיר. לויט זיין שכל

דאַרף מען אים דערנעענטערן. לויט דער מאָס דאַרף מען איינעם ליב

---

14) אין דעם עמוד ט׳ (9) קוקן די שורות פֿון 10 ביזן סוף עמוד, אויס צו זיין צוגעשריבן פֿון אַ צווייטן מחבר אין אַ ביסל אַ שפּעטערער צייט. דער עיקר דערקענט זיך דאָס דערפֿון וואָס דער מחבר רעדט דאָ פֿון די „ערשטע געזעצן״, וואָס די אַמאָליקע מיטגלידער האָבן איינגעפֿירט. דער פֿאַרפֿאַסער פֿאַרענטפֿערט דאָ די אַנדערשקייט פֿון די „אַנדערע צייטן״, און בויט אויף אויטאָריטעט צו די רעליגיעזע אָנפֿירער פֿון זיין צייט, די „בחורי העת״. (די אויסדערוויילטע אָנפֿירער פֿון זיין צייט). (זע שורות 13 און 14 פֿון דעם עמוד).

אָדער פייַנט האָבן. מ׳דאַרף ניט שטראָפן און מ׳דאַרף זיך ניט קריגן מיט די פאַרדאָרבענע לייט 15).

מ׳דאַרף באַהאַלטן די עצות פון דער תורה און זיי ניט ווייזן די זינדיקע מענטשן. מ׳דאַרף דערווייזן דאָס אמתע וויסן און דעם גערעכטן משפט נאָר צו די וואָס האָבן אויסגעקליבן

דעם ריכטיקן וועג. יעדן דאַרף מען שאַצן באַזונדער, לויטן גייסט און לויט דער צייט. מ׳דאַרף איינעם טרייסטן מיט פאַרשטאַנד. מ׳דאַרף אויפקלערן די וואונדערלעכע סודות און דעם אמת, נאָר צווישן

די מענטשן פון יחד. מ׳דאַרף אָרנטלעך אָנגיין און גאַנץ זיין איינער מיטן צווייטן, ווי ס׳איז אַנטפּלעקט געוואָרן צו זיי אין דער צייט ווען זיי האָבן גענומען רייניקן דעם וועג

אין מדבר. דער משכיל דאַרף אויפקלערן אַלץ וואָס ס׳איז נויטיק צו טאָן אין דער דאָזיקער צייט. מ׳דאַרף זיך אָפּזונדערן פון יעדן וואָס האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון וועג

פון אַלערליי זינד. דאָס זיינען די אָנווייזונגען צום משכיל אין דער איצטיקער צייט, ווען ער זאָל ליב האָבן און ווען ער זאָל פיינט האָבן. אַן אייביקע שנאה

דאַרף ער האָבן צו די פאַרדאָרבענע לייט, נאָר ער דאַרף עס טאָן מיט אַ פאַרשטעלטן גייסט. לאָזן זיי קלייבן פאַרמעגנס פון מענטשלעכער פראַצע. זיך — קאָן ער באַטראַכטן ווי ער איז פאַרשקלאַפט צו אַ קנעכט וואָס הערשט איבער אים, אַז ער איז אונטערטעניק

אַ דעספּאָט וואָס רעגירט איבער אים. ער דאַרף געדענקען די צייט, און אינזינען האָבן דעם טאָג פון נקמה, ווען גאָט וועט זיין ווילן באַווייזן אויף יעדער זאַך,

אויף זיין גאַנצן באַשאַף, ווי ער האָט צוגעזאָגט. וואָס ס׳וועט אים טרעפן דאַרף ער אָננעמען ווויליק. אַ מענטש דאַרף גאָרניט וועלן, נאָר אַז גאָטס ווילן זאָל ווערן מקוים.

ער דאַרף אָננעמען [אַלץ] וואָס גאָט באַפעלט און דאַרף קיין זאַך ניט וועלן וואָס גאָט [האָט ניט] געהייסן. ער דאַרף תמיד האָפן אויפן משפט פון גאָט.

15) אַפנים, אַז אין דער צייט, ווען דער טייל פון עמוד איז פאַרפאַסט געוואָרן, זיינען די סעקטאַנטן שוין געווען שטאַרק איזאָלירט. ס׳האָט שוין מער קיין פעולה ניט געהאַט רעדן און פרואוון איבערצייגן עמעצן פון די יידן. מ׳האָט זיי שוין דאַן געהאַלטן פאַר שטאַרק אָפּגעפרעמדט. (זע ווייטער, שורות 24־18).

[צו יעדער צייט] דאַרף ער בענטשן זיין באַשעפער, און וואו ער וועט
זיין — דאַרף ער דער[ציילן גאָטס כבוד, מיטן אָפּפער] פון זיינע
ליפּן דאַרף ער אים בענטשן.

16) ........................................ י

...צוזאַמען מיט די סופן וואָס גאָט האָט באַשטימט צום אָנהייב נאָך,
אין דער צייט ווען ער האָט באַשאַפן דאָס ליכט צו הערשן, און אין
דער צייט ווען ער זאַמלט איין (דאָס ליכט) צוריק צו זיך אין זיין
וואוינאָרט, ווי באַלד
ס'שפּראָצט נאָך אויף דאָס פינצטערניש וואָס ער לאָזט אַרויס פון
זיין אוצר, אויך נאָר אויף אַ צייט, ווייל ס'ווערט פאַרשוואונדן פאַרן
ליכט; ביים דערשיינען
פון די ליכטער אין די הייליקע הימלען, און צום סוף, ווען זיי זאַמלען
זיך איין צוריק אין דעם וואוינאָרט פון זיין כבוד; ווען יום טובים
קומען אָן אינעם חודש אין זייערע באַשטימטע צייטן, אינאיינעם
מיט

זייערע פאַרבינדונגען איינע מיט די אַנדערע, ווען זיי באַנייען זיך. זייער
גרויסע שיין איז גרייט פאַרן קודש קדשים, אַן אמתער צייכן זיינען
זיי, אַז ער וועט עפענען זיינע אייביקע חסדים ביי די אָנהייבן
פון אַלע צייטן. ביי יעדן סוף ווערן באַשאַפן אָנהייבן פון חדשים,
מיט איינגעפאַסטע הייליקע טעג (יום־טובים) אין זיי, פאַר אַ
דערמאָנונג אויף זייערע צייטן.
מיט אַ ליפּן אָפּפער וועל איך אים בענטשן. דאָס איז ווי אַן אויסגעקריצ־
טער געזעץ פאַר מיר אויף אייביק. אין די אָנהייבן פון יאָרן, אין די
יום־טובים, ווען ס'דערגאַנצן זיך די איינגעשטעלטע נאָרמען,
ווי איין טאָג קער זיך אָן מיטן צווייטן, די צייט פון שניט — צום
זומער; די צייט פון זייען, — ווען ס'הייבט אָן וואַקסן דאָס גראָז;
די צייטן פון די יאָרן — לויט זייערע שמיטות,
און אין שפּיץ פון די שמיטות — דער באַפרייאונג יום־טוב (יובל).
אין מיין גאַנץ וועזן איז אַ געזעץ איינגעקריצט אויף מיין צונג —
דיך צו לויבן. די מתנה וואָס מיינע ליפּן קאָנען ברענגען

---

16) די ערשטע שורה פון עמוד י׳ — פעלט. די ערשטע 6 שורות פון עמוד זיינען נים קיין פאַרשטענדלעכע און האָבן ווייניק זין. דאָ זיינען זיי איבערגעגעבן געוואָרן אין כמעט אַ ווערטערלעכער איבערזעצונג.

וועל איך אויסזינגען מיט מיין פולן באַוואוסטזיין. מיין גאַנץ געזאַנג איז פאַר גאָטס כבוד וועגן. דער טאָן פון מיין פידעלע איז פאַר זיינע הייליקע איינשטעלונגען. דאָס פייפעלע פון מיינע ליפּן וועל איך אויפהייבן פאַר זיינע גערעכטע משפּטים.

יעדן פאַרטאָג און פאַרנאַכט וועל איך באַנייען דעם בונד מיט גאָט. פאַרנאַכט און פאַרטאָג וועל איך לערנען זיינע געבאָטן און אין זיי וועל איך מאַכן

מיינע צאַמען, און וועל קיינמאָל פון זיי ניט אַרויס. לויט מיינע זינד וועל איך באַרעכטיקן זיין משפּט. מיין שולד שטייט מיר פאַר די אויגן ווי אַן אויסגעקריצטער באַפעל. צו גאָט זאָג איך: „מיין גערעכטער".

צום אייבערשטן זאָג איך: „מיין וואוילטעטיקער! ער איז דער קוואַל פון וויסן, ער איז דאָס וואוינאָרט פון קדושה, פון הויכן כבוד און פון דער גאַנצער גבורה צו באַשיינען די וועלט. איך וועל אויס־פאָלגן אַלץ

וואָס ער וועט מיך לערנען, און איך נעם אָן זיין משפּט איבער מיר. ביים אויסשטרעקן מיינע הענט און מיינע פיס בענטש איך זיין נאָמען. איך טו עס ביים אַרויסגיין און קומען.

ביים זעצן זיך און ביים אויפשטיין. פון מיין געלעגער וועל איך אים בענטשן. וואָס עס וועט אַרויס פון מיינע ליפּן וועט זיין צו אים אַן אָפּפערונג פון מיין מענטשלעכער מערכה.

איך וועל אים בענטשן איידער איך וועל אויפהייבן מיין האַנט הנאה האָבן פון די פיינע פּרוכט פון דער ערד. איך וועל אים בענטשן פאַר אָנשרעקן מיך. אַז ער וועט אָנשיקן אַ צרה אויף מיר, אַ פאַר־לענדונג,

וועל איך אים בענטשן. זיינע וואונדער וועל איך אָנערקענען. פון זיין גבורה וועל איך רעדן. אויף זיין חסד וועל איך זיך פאַרלאָזן יעדן טאָג. איך וויים, אַז ביי אים אין די הענט ליגט דער משפּט

פון יעדן לעבעדיקן מענטשן, און אַלע זיינע מעשים זיינען אמת. כ'וועל אים לויבן ווען ס'וועט מיך טרעפן אַן אומגליק, און ווען ער וועט מיך אויסלייזן פון אַ צרה, וועל איך אים זינגען אַ לויב סיי־ווי־סיי. איך וועל קיינעם ניט אָפּצאָלן צוריק קיין שלעכטס

פאַר שלעכטס, מיט גוטס וועל איך יענעם פאַרפאָלגן, ווייל ביי גאָט אין די הענט ליגט דער משפּט איבער יעדן לעבעדיקן מענטשן,

און ער וועט באַצאָלן יעדן איינעם ווי עס קומט אים. איך וועל ניט מקנא זיין קיין גייסט

פון רשעות. קיין אָנגערויבט פאַרמעגן וועל איך ניט באַגערן, נאָר דעם צאָרן אויף די פאַרדאָרבענע לייט וועל איך ניט אָפּלאָזן ביזן טאָג פון נקמה. מיין כעס

וועל איך ניט אַראָפּנעמען פון די פעלשער און וועל ניט מרוצה ווערן ביז עס וועט אויסגעפּירט ווערן דער משפּט. איך וועל ניט היטן קיין צאָרן אויף די וואָס קערן זיך אָפּ פון זינד, און איך וועל קיין רחמנות ניט וויזן

קיינעם פון די וואָס גייען אַראָפּ פונעם וועג. איך וועל ניט טרייסטן קיין געשטראָפטע ביז זיי וועלן גאַנץ מאַכן זייער וועג, און קיין בייז אין מיין האַרצן וועל איך ניט טראָגן. פון מיין מויל וועט ניט געהערט ווערן

קיין ניבול פה, כ׳וועל ניט לייקענען קיין זינד, פאַלשקייטן, ליגנס וועלן ניט קומען אויף מיינע ליפּן. פרוכט פון קדושה וועט זיין אויף מיין צונג. קיין אומווירדיקייטן

וועלן זיך דאָרט ניט געפינען. מיט לויב וועל איך עפענען מיין מויל. מיין צונג וועט תמיד דערציילן גאָטס צדק. מענטשלעכע פאַלשקייט וועל איך אויפדעקן ביז זיי וועלן אויפהערן

זינדיקן. פון אומווירדיקע פוסטקייטן וועל איך באַפרייען מיינע ליפּן, אומריינקייט און פאַלשקייט וועל איך אויסשליסן פון מיין האַרצן. אין אַ קלוגער עצה וועל איך הילן מיין וויסן.

און אין דער קלוגשאַפט פון וויסן וועל איך באַהאַלטן די [חכמ]ה. כ׳וועל זיך איינשטעלן אַ זיכערע צוים, אָפּהיטן וואָס מיר איז פאַרטרויט, דעם אמת און דעם שטרענגן משפּט. גאָטס גערעכטיקייט וועל איך אַוועק[שטעלן]

ווי אַ געזעץ אויף אַלע צייטן. [טאָן וועל איך אמת, און משפּטן] מיט צדק, ס׳זאָל הערשן אַ ליבע פון חסד צו דערנידעריקטע; ס׳זאָלן געשטאַרקט ווערן די הענט פון די, וואָס איילן [זיך אויפקלערן]

יא די פאַרבלאָנדזשעטע — זיי זאָלן פאַרשטיין; אויסלערנען די וואָס זיינען געפאַלן ביי זיך — די לערע פון גאָט; ווייזן עניוות קעגן גרויסהאַלטער, און זיך האַלטן מיט אַ געבראָכן געמיט פאַר די

נידעריקע מענטשן, די וואָס טייטלען מיט די פינגער 17),ריידן פאַלשע רייד, און יאָגן זיך אָנזאַמלען רייכטום. איך פאַרלאָז זיך מיט מיין משפט אויף גאָט. מיין ריינער וועג איז ביי אים אין די הענט. ביי אים איז מיין ריין האַרץ.
מיט זיין צדק וועט ער אָפּמעקן מיינע זינד. פון זיין וויסנס קוואַל האָט ער צעעפנט זיין ליכט, האָט מיין אויג געקוקט אויף זיינע וואונדער, און מיין האַרץ האָט אויפגעליכטן מיטן סוד
ווי די וועלט איז געוואָרן, און שטייט שוין זינט אייביק. אויף אים שפּאַרט זיך אָן מיין רעכטע האַנט, און מיין טראָט איז אויף אַ פעסטן גראַניט. פאַר קיין שום שלעכטן כוח וועל איך זיך ניט שרעקן, ווייל גאָטס אמת
איז דער גראַניט־שטיין וואָס האַלט מיינע טריט, און אויף זיין גבורה שפּאַרט זיך אָן מיין האַנט. פון זיין צדק־קוואַל שטאַמען די ליכטיקע משפּטים אין מיין האַרצן. אין די וואונדערלעכע סודות פונעם וועלט־באַשאַף
האָט מיין אויג דערבליקט די אייביקייט וואָס איז פאַרבאָרגן פון אַ מענטשנס וויסן און פון זיין פאַלשער חכמה. דאָס איז אַ קוואַל פון גערעכטיקייט, אַ רעזערוו־לאַגער
פון גבורה, אַ היים פון כבוד, ווייט פון מענטשלעכע פאַרטראַכטענישן. דאָס איז אַן אָרט וואָס גאָט האָט אויסגעוויילט פאַר אַן אייביקער ירושה, און עס צוגעטיילט צום גורל
פון די הייליקע. מיט הימלשע זין האָט ער פאַרבונדן זייער סוד, צוזאַמען זיך האַלטן — אַ יסוד פון אַ הייליקן געבוי, פאַרפלאַנצט אויף אייביק ביז אַלע
סופן. אַליין בין איך אַ זינדיקער מענטש. מיין חלק איז צווישן זינדיקע בשר־ודמס. מיינע זינד, מיינע שולדן, די חטאים פון מיין האַרצן
שלעפּן מיך אַראָפּ צו די ווערים, וואָס גראָבן זיך אין פינצטערניש. יעדן מענטשן איז באַשערט זיין וועג. קיין מענטש שטעלט זיך אַליין ניט אויס זיין טראָט. צו גאָט אַליין געהערט דער משפּט. דורך זיין האַנט

17) דער אויסדרוק איז אויך דאָ אין ישעיה נ״ח 9. ער באַציט זיך אויף הערשעד און באַצווינגער.

ווערט אויסגעשטעלט דעם מענטשנס וועג. מיט זיין וויסן ווערט אַלץ
באַשאַפֿן. אַלץ וואָס איז — ווערט אין זיין מחשבה צוגעגרייט פֿריער.
אָן אים ווערט קיין זאַך ניט געטאָן. און איך, אויב —
איך זאָל אַראָפּ פֿון גלייכן וועג — גאָטס חסד בלייבט מיין איינציקע
הילף. אויב איך זאָל געשטרויכלט ווערן אין מענטשלעכער זינד —
וועל איך מיט מיין משפּט זיך אייביק פֿאַרלאָזן אויף זיין צדק.
אויב ער וועט מיך אויסהיטן פֿון צרות, ער וועט מיך ראַטעווען פֿון
אומקום און וועט אָנשטעלן מיין טראָט צו גיין אין זיין וועג, —
מיט זיין רחמים האָט ער מיך דערנענטערט; מיט זיינע חסדים
האָט ער אַרויסגעבראַכט
מיין פּסק דין. מיט זיין אמת און צדק משפּט ער מיך, און מיט זיין גרויס
גוטסקייט וועט ער פֿאַרגעבן אַלע מיינע זינד. מיט זיין גערעכטי־
קייט וועט ער מיך רייניקן פֿון קויט,

וואָס ביי מענטשן, און פֿון מענטשלעכער זינד. גאָט דאַרף איך דאַנקען
פֿאַר זיין צדק. דעם אויבערשטן דאַרף איך אָפּגעבן שבח פֿאַר זיין
פּראַכט. געבענטשט ביסטו מיין גאָט, וואָס האָסט צו קענטעניש
אויפגעעפֿנט
דאָס האַרץ פֿון דיין קנעכט, מיט צדק פֿירסטו אַלע מיינע מעשים. פֿאַר
מיר, פֿאַרן זון פֿון דיין דינסט האָסטו מקיים געווען וואָס דו האָסט
געוואָלט, ווי דו האָסט באַוויליקט דיינע אויסדערוויילטע פֿון צווישן
די מענטשן, אַז זיי זאָלן שטיין
פֿאַר דיר אייביק. אָן דיר וועט קיין וועג ניט זיין גאַנץ, אָן דיין ווילן
וועט גאָרניט געטאָן ווערן. דו האָסט אויסגעלערנט
דאָס גאַנצע וויסן. דער גאַנצער באַשאַף איז מיט דיין ווילן געוואָרן.
ניטאָ קיינער חוץ דיר זיך שטעלן קעגן דיין עצה. קיינער קאָן ניט
פֿאַרשטיין
דעם גאָרן שכל פֿון דיין הייליקייט. קיינער קאָן ניט אַריינקוקן אין דער
טיפֿעניש פֿון דיינע סודות. קיינער קאָן גאָרניט באַנעמען אַלע
דיינע וואונדער און די קראַפֿט

פֿון דיין גבורה. ווער קאָן עס באַגרייפֿן דיין גרויסן כבוד? וואָס,
מ'שטיינס געזאָגט, איז אַ מענטש אין פֿאַרגלייך מיט דיינע וואונדער־
לעכע מעשים?
ווי קאָן עס אַ ילוד־אשה — פֿאַרגלייכן זיך מיט דיר? אַ מענטש איז

באַגרענעצט צום שטויב, זיין וועזן איז נאָר אַ שפּייז פאַר ווערים,
אַ שפּיי איז ער,
אַ ברעקל ליים, און גאַרט צוריק צום שטויב. וואָס קאָן ענטפערן אַ שטיק
ליים, וואָס איז באַשאַפן פון אַ מענטשנס האַנט? וואָס קאָן
אַזאַ זאַך פאַרשטיין?

# אַריינפיר צו „מגילת ברית דמשק״

די מגילה איז באַקאַנט מיט צוויי נעמען. א) דער צדוקישער דאָקומענט, און ב) מגילת ברית דמשק. ווען שלמה שעכטער האָט צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט די מגילה (זע קאַפּיטל 5), האָט ער זי אַ נאָמען געגעבן: „פראַג־מענטן פון אַ צדוקישן דאָקומענט״. די מערסטע געלערנטע רופן זי די „דמשק מגילה״. מיר האָבן אויסגעקליבן דעם צווייטן נאָמען.

מיר שטימען איין מיט די וואָס האַלטן, אַז דער נאָמען „דמשק״ איז דאָ נאָר אַ סימבאָלישער, כדי יוצא זיין דעם אָנזאָג פון עמוס ה׳ 27, „והגלתי אתכם מהלאה לדמשק״, (און איך וועל אייך פאַרטרייבן וויטער פון דמשק). די חסידים־איסיים פון קומראַן זיינען זיכער ניט געווען די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן קעגן אַלעקסאַנדער ינאַי און זיינען קיינמאָל קיין דמשק ניט אַנט־לאָפן. מיר ווייסן אָבער, אַז אַ סך פון די פּרושים, וואָס זיינען אַנטלאָפן קיין דמשק נאָכן דורכגעפאַלענעם אויפשטאַנד קעגן ינאַי, האָבן זיך נאָכן לעצטנס טויט אומגעקערט צוריק אין לאַנד, און ס׳איז גרינג זיך פאָרשטעלן, אַז אַ סך פון זיי, אויסגעוואָרצלטע און פאַרביטערטע — זיינען צוגעשטאַנען צו די סעקטאַנטן און פאַרגרעסערט זייערע רייען.

פון דעם פאַקט, וואָס דמשק ווערט ניט דערמאָנט אינעם „סרך היחד״, און איז אַזוי פּראָמינענט פּרעזענטירט אין דער מגילה (זע: ו׳ 5; ו׳ 19; ז׳ 13־15; ז׳ 19־18; ח׳ 21, 35;) קאָן מען גרינג קומען צום שלוס, אַז די מגילה איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אַן אַנדער צייט. זי איז אויך אַ שפּעטערע. דאָס קאָן מען דערקענען פונעם אינהאַלט, וואָס איז דאָ אַנדערש ווי אינעם „סרך היחד״. דאָ הערן מיר שוין פון אַ געשטאָרבענעם מורה צדק, און מיר דערוויסן זיך אַפילו, אַז מ׳דערוואַרט זיין ווידער־דערשיינונג. חוץ דעם, איז די שאַרפקייט פון די תקנות אין דעם מאַנוסקריפּט — אַ היפּש ביסל אָפּגע־טעמפּט, אין פאַרגלייך מיט די אָריגינעלע תקנות פונעם „סרך היחד״. דאָ פילט מען שוין ניט אַזוי דעם הייסן, דעם איינגעהאַלטענעם אָטעם, ביים דערוואַרטן „גאָטס משפט״, אָדער דעם „קץ״, וואָס קאָן אָנקומען באַלד, שוין — ווי מ׳פילט עס אינעם „סרך היחד״. פאַרקערט, דער מאָטיוו דאָ, איז:

„...רחק החוק" (ד' 12). דאָס גאַנצע איז נאָך ווייט. „אין די אַלע יאָרן וועט נאָך בליעל זיין אָנגעשיקט אויף ישראל". (דאָרטן) ד. ה. ס'איז נאָך אַן ענין אויף יאָרן...

דער פאַקט, וואָס אין דער מגילה הערט זיך ניט קיין שום ווידער־קלאַנג פון דעם פאַרבערעכערישן ברודער־קריג צווישן ינאַי'ס צוויי זין, הורקנוס דער צווייטער, און אריסטאָבול דער צווייטער, אין די יאָרן 67 ביז 63 פאַר אונ. צייט, און פון פּאָמפּייס פּאָגראָם אויף ירושלים און אויף דער יידישער מלוכה (אין יאָר 63 פאַר אונ. צייט). דאָס מאַכט טראַכטן, אַז די מגילה האָט געמוזט פאַרפאַסט ווערן דורך דער צייט פון אַלעקסאַנדראַס הערשאַפט (פון 76 ביז 67 פאַר אונ. צייט). די גרעסטע צאָל מטבעות מיט ינאַי'ס שטעמפּל דערקלערט זיך גרינג מיט דעם, וואָס אַלעקסאַנדראַ האָט געקאָנט לאָזן איר מאַנס שטעמפּל אויף די מטבעות.

פון דער מגילה דערוויסן מיר זיך אויך, אַז אין דער צייט איז שוין די סעקטע געווען צעוואַקסן, און האָט געהאַט אַ סך אָפּטיילונגען אין יהודה (זע זייט 303). עס מערקט זיך שוין דאָ אויך אַ צוגעקומענע דערפאַרונג מיט אויפזעער, מבקרים, אָדער — אין גריכיש — עפּיסקאָפּן. מ'איז שוין מקפּיד אויף זייער עלטער, און מ'מאַכט שוין דעטאַליזירטע תקנות פאַר זיי.

מ'דאַרף אויך צוגעבן, אַז די קומראַן סעקטע האָט זיך געמוזט האַלטן פאַר דער „מוטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס שאַפט די תקנות פאַר די לאָקאַלע גרופּן.

פונקט ווי ביים „סרך היחד" האָבן מיר אין דער מגילה אויך איינגעהיט די שורות און מערסטנס נאָכגעפאָלגט הברמנ'ס פּונקטואַציע און נקודות.

די שורות זיינען געצייכנט מיט ציפערן, און די עמודים — מיט אותיות. די סקווערע קלאַמערן ווייזן די אויסגעפילטע בלויזן אין די פאַרמעטן. די ציטירטע פּסוקים, זיינען על פּי רוב נאָכגעפאָלגט יהואָשעס איבערזעצונג, כאָטש ניט זייער געטריי. מיר האָבן זיך באַמיט איינהיטן דעם העברעאישן סטיל און דערביי זיך אויסגעהיט פון אַ זינלאָזער ווערטערלעכער איבער־זעצונג. מיר האָבן זיך אויך געפלייסט וואו נאָר מעגלעך, און איבערגעלאָזט אַ ריטם אינעם לשון, כדי ס'זאָל זיך לייענען גרינגער.

# מגילת ברית דמשק

א ...און איצט, הערט זיך איין איר אַלע וואָס ווייסן גערעכטיקייט, וואָס פאַרשטייען זיך אויף די מעשים
פון גאָט. ער האָט אַ קריוודע אויף די מענטשן. ער וועט משפּטן אַלע וואָס פאַרמיאוסן אים.
פאַר זייערע זינד, פאַר דעם וואָס זיי האָבן אים פאַרלאָזן האָט ער פאַרבאָרגן זיין פּנים פון ישראל און פון זיין בית המקדש,
און האָט זיי איבערגעגעבן צום שווערד. און ווען ער האָט זיך דערמאָנט דעם בונד מיט די ערשטע, האָט ער געלאָזן אַן איבערבלייב
פון ישראל און האָט זיי ניט געלאָזט פאַרטיליקן אינגאַנצן. און אַז ס׳האָט זיך איינגעשטילט זיין צאָרן, דריי הונדערט
מיט ניינציק יאָר, נאָכדעם ווי ער האָט זיי איבערגעגעבן צו נבוכדנצרן, דעם מלך פון בבל 1),
האָט ער געלאָזן שפּראָצן פון אהרון און פון ישראל אַ וואָרצל צו פאַרפלאַנצן, אַז זיי זאָלן ירשענען
זיין לאַנד, און פעט ווערן פונעם גוטס פון זיין ערד. זיי האָבן איינגעזען אַז זיי האָבן געזינדיקט, געוואוסט
אַז זיי זיינען שולדיקע מענטשן. אַז זיי זיינען געווען ווי בלינדע וואָס טאַפּן דעם וועג
20 יאָר. האָט גאָט באַטראַכט זייערע מעשים, ער האָט געזען אַז זיי זוכן אים מיטן גאַנצן האַרצן,
האָט ער זיי אויפגעשטעלט אַ מורה צדק, זיי מדריך זיין אינעם וועג פון זיין האַרצן. ער האָט נאָך געלאָזט וויסן
די סאַמע ערשטע דורות, וואָס ער וועט טאָן אינעם לעצטן דור צו דער עדה פעלשער,
וואָס האָבן אָפּגעקערט פון גוטן וועג. דאָס איז די צייט, וואָס וועגן איר איז פאַרשריבן: „ווי אַ ווידערשפּעניקע קו

1) זע נאָטיץ 1 קאַפּ. 7.

אַזוי האָט ישׂראל ווידערשפּעניקט". (יהושע ד' 16) נאָר ס'איז אויפגעשטאַנען אַן אַפּלאַכער וואָס האָט געדרשנט פאַר ישׂראל

פאַלשע רייד און האָט זיי פאַרפירט אויף אַ וויסטן וועג, צו דערנידעריקן דאָס דערהויבענע אין דער וועלט און אָפּקערן

פון די גלייכע און ליכטיקע וועגן, אָפּווישן די צאָמען וואָס די ערשטע האָבן אויפגעשטעלט פאַר אַן אייביקער ירושה, כדי

ס'זאָלן אויף זיי אָנקומען די קללות פון זיין בונד. זיי זאָלן איבערגעגעבן ווערן צום שווערד וואָס וועט נקמה נעמען

פאַרן צעבראָכענעם בונד. ווייל זיי האָבן געדרשנט „גלאַטע רייד", ליגנס 2), און האָבן זיך אויסגעקליבן גענאַרערייען. זיי האָבן גענומען

ברעכן די צאָמען, און האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט זוכן פאַרגעניגנס. זיי האָבן אָפּגעגעבן גערעכט דעם רשע, און באַשולדיקט דעם צדיק.

זיי האָבן פאַרבראָכן קעגן בונד און צעשטערט דאָס געזעץ. זיי האָבן געמאַכט פאַרשווערונגען אויפן נפש פון צדיק און אַלע די וואָס גייען

אויפן גלייכן וועג האָבן זיי פאַרמיאוסט. זיי האָבן זיי פאַרפאָלגט מיטן שווערד, און אָנגערעדט דאָס פאָלק קעגן זיי. האָט גאָט געצאָרנט

ב אויף זיין עדה און האָט זיי פאַרמשפּט. ער האָט פאַרמיאוסט זייער גאַנצן המון. זייערע מעשׂים זיינען פאַראומרייניקט ביי אים.

און איצט, הערט זיך צו מיר צו, אַלע וואָס קומען אַריין אינעם בונד, און איך וועל אין אייערע אויערן אַנטפּלעקן

די וועגן פון די רשעים. גאָט האָט ליב וויסן, חכמה, און האָט אַ סך טיפן פאַרשטאַנד.

שׂכל און וויסן באַדינען אים. ער האָט אַ סך געדולד און אַ סך פאַרגעבונג

מכפּר זיין אויף די זינד פון די וואָס קערן זיך אום צו אים. ער האָט אָבער אויך כוח און גבורה און פלאַם־פייערדיקן גרויסן צאָרן,

און אַלע מלאכי חבלה קאָן ער אָנשיקן אויף די וואָס קערן זיך אָפּ פון גלייכן וועג, די וואָס פאַרמיאוסן זיינע געבאָטן, אַז ס'זאָל ניט בלייבן

קיין שׂריד און פּליט פון זיי. ווייל גאָט האָט די רשעים נאָך פון סאַמע אָנהייב וועלט, ניט אויסגעקליבן פאַר זיך, און איידער זיי זיינען נאָך באַשאַפן געוואָרן, האָט ער שוין געוואוסט

2) זע נאָטיץ 10, קאַפּ. 5.

וואָס זיי וועלן אויפטאָן. האָט ער זיי פּאַרמיאוסט נאָך פון די אורשפּרינג־לעכע דורות, און האָט באַהאַלטן זיין פּנים פון זייער לאַנד
ביז זיי וועלן אינגאַנצן פאַרטיליקט ווערן. ער ווייסט געגוי די צאָל יאָרן וואָס זיי וועלן נאָך זיין, און ווען עס וועלן זיך ענדיקן אַלע
וואָס לעבן אויף אַלע וועלטן. ער ווייסט פאָרויס וואָס ס׳וועט זיך טרעפן צום סוף פון אַלע אייביקע יאָרן,
און פון אַלע האָט ער זיך אויסגעקליבן די וואָס „רופן זיך אָן מיטן נאָמען״, כדי איבערצולאָזן אַן איבערבלייב אויף דער ערד, און אָנפילן
די וועלט מיט זייער אָפּשטאַם. ער האָט זיי וויסן געלערנט דורך זיין משיח[3], וועמען ער האָט געשענקט זיין הייליקן גייסט, און ער (דער משיח — ש. ג.)
איז אמת. אין זיין אַנטפּלעקטן נאָמען זיינען פאַרוויקלט זייערע נע־מען. די וואָס ער האָט פיינט, האָט ער געלאָזט בלאָנדזשען.
און איצט, הערט זיך איין, מיינע זין, און איך וועל אויפעפענען אייערע אויגן, איר זאָלט זען און פאַרשטיין די מעשים
פון גאָט, איר זאָלט אויסדערוויילן טאָן וואָס גאָט וויל, און פאַרמיאוסן וואָס ער האָט פיינט. איר זאָלט אומגיין גאַנצע
אין אַלע זיינע וועגן. איר זאָלט זיך ניט אָפּקערן (פונעם וועג) מיט זינדיקע מחשבות און מיט פאַרפירטע אויגן פון זנות. אַ סך
האָבן געבלאָנדזשעט אין זיי (אין די זינד). אַפילו גרויסע גיבורים זיינען געשטרויכלט געוואָרן אין זיי אַמאָל. דערפאַר וואָס זיי זיינען נאָכגעגאַנגען די תאוהס
פון זייער האַרץ, זיינען געפאַלן די הימלישע זין[4]. אין די זינד זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן די, וואָס האָבן ניט אָפּגעהיט גאָטס געבאָטן,
און זייערע זין וואָס זיינען געווען אַזוי הויך ווי די דעמבעס, זייערע קערפּערס זיינען געווען ווי די בערג, זיי זיינען אויך אַזוי געפאַלן.

---

3) דאָ דערקענט זיך שוין אַ לעגענדאַרער מורה צדק, וואָס ווערט שוין אָנגערופן משיח. און דאָס איז דער זעלבער מורה צדק, וועמען גאָט האָט געשענקט זיין הייליקן גייסט. (זע הודיות, עמוד א׳ 22; עמ״ב. 13, 17, 18; עמוד ג׳ 22, און נאָך).

4) אין די אַלטע לעגענדעס ווערט דערציילט פון מלאכים, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט ערדישע טעכטער. פון זיי זיינען אַרויסגעקומען די „ענקים״, די ריזן. (זע בראשית, קאַפּיטל 6, פון 1 ביז 4).

יעדער לעבעדיקער מענטש וואָס איז געווען אין דער מדבר איז אומגע־
קומען, פונקט ווי זיי זיינען קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען,
ווייל זיי האָבן געטאָן
ווי זיי האָבן געוואָלט, און האָבן ניט אָפּגעהיט די מצוות פון זייער באַ־
שאַפער, ביז ער איז אויף זיי אין כעס געוואָרן.

ג אין די זינד האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט נחס קינדער און זייערע משפחות,
זיינען זיי פאַר די זינד פאַרשניטן געוואָרן.
אברהם איז אין די שלעכטע וועגן ניט געגאַנגען, האָט אים גאָט ליב
באַקומען. ער האָט אָפּגעהיט גאָטס מצוות און האָט זיך ניט נאָכ־
געגעבן
נאָכגיין דעם שלעכטן גייסט. אברהם האָט איבערגעגעבן די מצוות צו
יצחקן און צו יעקבן, און זיי האָבן די מצוות אָפּגעהיט, זיינען זיי
פאַרשריבן געוואָרן ווי באַליבטע
ביי גאָט, און מיטגעשן פון זיין בונד אויף אייביק. יעקבס זין האָבן
געבלאָנדזשעט אין די שלעכטע וועגן, זיינען זיי באַשטראָפט געוואָרן
פאַר

זייערע פעלערן. זייערע זין אין מצרים האָבן זיך געלאָזט נאָכגיין די זינ־
דיקע תאוות פון זייערע הערצער, און האָבן זיך גע׳עצה׳ט ווי צו
פאַרברעכן קעגן
גאָטס מצוות אַז יעדער זאָל טאָן ווי עס גלוסט זיך אים. זיי האָבן געגעסן
פלייש מיט בלוט, האָט גאָט פאַרשניטן
זייערע זכרים. ווען ער האָט זיי געזאָגט אין מדבר קדש, גייט אַרויף
און ירשנט דאָס לאַנד (דברים ט׳ 23),
האָבן זיי געטאָן ווי זיי האָבן געוואָלט, און זיך ניט צוגעהערט
צום קול פון זייער באַשאַפער, און ניט צום אָנזאָג פון זייער לערער. פון
זייערע געצעלטן האָבן זיי זיך געקריגט מיט זייער אָנפירער. האָט
גאָט פאַרדראָסן
אויף זייער עדה, און זיי האָבן פאַרלאָרן זייערע זין [5]. זייערע קעניגער
זיינען פאַרשניטן געוואָרן, און זייערע גבורים זיינען דורך דעם
צאָרן

---

5) אין תהילים, 106 ווערט אויסגערעכנט וויפל מאָל גאָט האָט געוואָלט אומברענגען די יידן אין מדבר, פאַר זייערע זינד. דער מחבר רעכנט דאָ אויס נאָר עטלעכע פאַלן.

אומגעקומען. זייער לאַנד איז פאַרוויסט געוואָרן. פון דעם צאָרן זיינען אַלע פון אַלטן בונד (אין מדבר סיני — ש. ג.) דערקלערט געוואָרן שולדיק און זיינען איבערגעגעבן געוואָרן

דער שווערד, ווייל זיי האָבן פאַרלאָזן דעם בונד. זיי האָבן אויסדערוויילט נאָכגיין די זינדיקע פאַרלאַנגען. זיי האָבן אָפּגעקערט פון אמתן וועג — נאָך די תאווה׳ס

פון זייער האַרצן. יעדער איינער האָט געטאָן ווי ס׳האָט זיך אים פאַר־גלוסט. די וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין גאָטס מצוות,

די זיינען געבליבן. מיט זיי האָט גאָט אויפגעשטעלט אַ נייעם בונד אויף אייביק. ער האָט אַנטפּלעקט

פאַר זיי די סודות וואָס קיינער פון ישראל האָט ניט געוואוסט. ער האָט אַנטפּלעקט פאַר זיי ווי אָפּהיטן די הייליקע שבתים, און די פאַר־זאַמלונגען

פאַר זיין כבוד וועגן 6). ער האָט זיי געוויזן (די יום־טובים) די ריכטיקע איינפירן און די אמתע וועגן, ער האָט אַנטפּלעקט פאַר זיי וואָס גאָט פאָדערט פון

אַ מענטשן, אַז ער זאָל לעבן בלייבן. ער האָט אויפגעעפנט פאַר זיי און זיי האָבן אויסגעגראָבן דעם קוואַל פון פיל וואַסערן, (פון דער תורה)

און די וואָס האָבן דעם קוואַל פאַרמיאוסט, וועלן ניט לעבן. די וואָס האָבן זיך אויסגעוואַלגערט אין מענטשלעכער זינד, אין אומריינע וועגן,

און האָבן עס אָנערקענט, פאַר די האָט גאָט מיט זיינע וואונדערלעכע סודות מכפר געווען זייערע זינד, ער האָט פאַרגעבן זייערע פאַרברעכנס,

און האָט זיי אויסגעבויט אַן אמת הויז אין ישראל, אַ הויז וואָס אַזאַ איז ניט געווען פון פאַרצייטן ביז

איצט 7). די וואָס האַלטן זיך אויף אין דעם הויז, זיי איז באַשערט אייביק לעבן, דער גאַרער מענטשלעכער כבוד איז זייערער, ווי

---

6) אין אַלע זייערע געזעצביכער שטרייכן זיי אונטער אַז די יום־טובים מוז מען אָפּהיטן אין דער ריכטיקער צייט, ד. ה. לויט זייער קאַלענדאַר, וואָס איז אַנדערש.

7) די יידן ווערן אָפט אין תנ״ך אָנגערופן „בית ישראל״ (דאָס הויז פון ישראל) אונדז ווייזט זיך אויס, אַז דער פאַרפאַסער האָט דאָ אין זינען געהאַט דאָס „הויז״ אין קומראַן, און ניט עפּעס אַנדערש.

גאָט האָט נאָך איינגעשטעלט דורך דעם נביא יחזקאל, ווי ס׳זאָגט זיך:
„די כהנים פון שבט לוי, און די קינדער

ד פון צדוק, וואָס האָבן אָפּגעהיט מיין היילִיקטום, בשעת די קינדער פון ישראל האָבן אַוועקגעבלאָנדזשעט
פון מיר, זיי זאָלן דערלאַנגען דאָס פעטס און דאָס בלוט מיר״ (יחזקאל מ״ד 15), די כהנים — דאָס זיינען די יידישע האַרן
וואָס האָבן פאַרלאָזן יהודה און אַלע די וואָס האָבן זיי נאָכגעפאָלגט.
די בני צדוק, — דאָס זיינען די אויסדערוויילטע
פון ישראל, וואָס רופן זיך אָן מיט גאָטס נאָמען, די וואָס וועלן בלייבן צום סוף פון די טעג. אַזוי זיינען אויסגעשטעלט

זייערע נעמען לויט זייער געבורט און לויט דעם ווי זיי דאַרפן צום סוף איינשטעלן זייער דינסט. די צאָל פון זייערעליידן וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען אין די יאָרן,
וואָס זיי האָבן דאָ געוואוינט, און ס׳זיינען אויסגערעכנט זייערע מעשים 8).
דאָס זיינען [די ער]שטע הייליקע [מענטשן], וואָס גאָט האָט מכפר געווען
זייערע זינד. זיי האָבן אָפּגעגעבן גערעכט דעם צדיק און באַשולדיקט דעם רשע. און אַלע וואָס זיינען געקומען נאָך זיי
טאָן ווי די תורה האָט געהייסן, לויט דעם ווי די ערשטע 9) האָבן עס אויפגעקלערט, און ביז ס׳וועט זיך אויסלאָזן
דער סוף פון די יאָרן, אַזוי ווי דער בונד, וואָס גאָט האָט אויפגעשטעלט פאַר די ערשטע כדי מכפר צו זיין

אויף זייערע זינד, אַזוי וועט גאָט מכפר זיין פאַר זיי אויך. און אַז ס׳וועט קומען דער סוף צו דער צאָל פון די דאָזיקע יאָרן,

---

8) הברמן באַמערקט אַ מעגלעכקייט, אַז אין דער ערשטער אָריגינעלער קאָפּיע פון דעם ספר זיינען געווען פאַרנאָטירט נעמען פון זייערע מיטגלידער מיט זייערע פונקציעס. ער באַמערקט דערביי אַ מעגלעכקייט, אַז אפשר זיינען ניט געווען קיין נעמען. מיר שטיצן מיטן גאַנצן האַרצן די צווייטע מיינונג. די סעקטאַנטן האָבן זייער שטייף געהאַלטן זייערע סודות. נעמען פון די מיטגלידער זיינען ביי זיי געווען זייער אַ גרויסער סוד. אין קיינע פון די מגילות איז ניט דערמאָנט קיין איין נאָמען זייערער.

9) „די ערשטע״ — וואַרשיינלעך די ערשטע אָנפירער פון דער סעקטע. דאָס זעלבע איז אין שורה 9.

דאַרף מען זיך מער שוין ניט צורעכענען צום הויז פון יהודה 10). יעדער איינער דאַרף בלייבן שטיין אויף זיין
פּעסטונג. עס איז שוין אויפגעבויט דער צוים, נאָר דאָס געזעץ איז נאָך ווייט 11), אין די אַלע יאָרן וועט נאָך
בליעל זיין אָנגעשיקט אויף ישראל, ווי גאָט האָט גערעדט דורך דעם נביא ישעיה, דעם זון פון
אָמוץ, אַזוי: „...אַ גרויל און אַ גרוב און אַ נעץ אויף דיר, איינוואוינער פון לאַנד" (ישעיה כ"ד 17) פשרו, דאָס מיינט —
דאָס זיינען די נעצן פון בליעל, וואָס וועגן זיי האָט פאַרויסגעזאָגט לוי, דער זון פון יעקב 12). דריי נעצן
האָט בליעל אָנגעשיקט אויף די יידן, און לוי האָט עס פאַרגעשטעלט פאַר זיי ווי 3־ערליי פאַרברעכנס קעגן דער
גערעכטיקייט. דאָס ערשטע איז זנות, דאָס צווייטע איז — יאָגן זיך נאָך „הון" (רייכטום) און דאָס דריטע
איז אומריין מאַכן דעם בית המקדש. דער וואָס וועט אַרויס פון דעם, וועט געכאַפּט ווערן אין יענעם, און דער וואָס וועט זיך ראַטעווען פון יענעם, וועט געכאַפּט ווערן
אין דעם. די וואָס בויען זיך דינע ווענטלעך 13) צו פאַרשטעלן זיך, די זיינען נאָכפאָלגער פון איימריינקייט. (דאָס אומריינקייט — דאָס איז דער בעל דרשן
ווי ס'ווערט געזאָגט: „...זיי וועלן זיך נעמען דרשענען"). די וועלן

---

10) דאָ זעט זיך שוין אָן אַ פולשטענדיקער ריס מיטן כלל יידן. נאָכאַמאָל, ס'איז מיין השערה, אַז די מגילה איז פאַרפאַסט געוואָרן ערגעץ אין דער צייט פון דער קעניגין אַלעקסאַנדראַ, ינאיס ווייב. (געהערשט אין יהודה פון 76 ביז 67 פאַר אונ. צייט).

11) דער פּראָפעסער רעדט דאָ מיט אַן אַלעגאָרישער שפּראַך. דער זין פון די פראַזן איז אָבער אַ קלאָרער. ס'איז שוין אויפגעבויט געוואָרן דער צוים צווישן אים מיט די יידן פון לאַנד. דאָס געזעץ, דער פאַטאַל באַשטימטער אויספיר פון גאָט, דער „קץ" איז נאָך אָבער ניט געקומען. ס'וועט נאָך אַפנים געדויערן ווער ווייס ווי לאַנג. און אין די אַלע יאָרן, וועט נאָך הערשן בליעל...

12) דער מחבר ציטירט דאָ דעם אַפּאָקריף „די צוואה פון לוי". אין דער קאָפּיע פון דער קאַיראָ גניזה איז אַזאַ ציטאַטע ניטאָ. מעגלעך, אַז די ציטאַטע קומט פון אַ קאָפּיע וואָס איז שפּעטער פאַרלאָרן געוואָרן.

13) אין יחזקאל י"ג 10, קלאָגט זיך דער נביא אויף די וואָס „זאָגן צו אַז עס וועט זיין שלום" בשעת קיין שלום איז ניטאָ. ער זאָגט וועגן זיי: „זיי בויען זיך דינע ווענטלעך". ער מיינט — זיי באַהאַלטן זיך אונטער ניט קיין זיכערע באַהעלטענישן.

וועדן פאַרכאַפּט פון 2 פאַרברעכנס. דער ערשטער איז — זנות.
זיי נעמען זיך
צוויי ווייבער, בשעתביידע לעבן, ווען דער יסוד פון באַשאַף איז:
„זכר ונקבה ברא אותם" (בראשית א׳ 27) גאָט האָט זיי באַשאַפן
אַ זכר מיט אַ נקבה

ה און די וואָס זיינען אַנגעקומען צו נחן אין קאַסטן, זיינען געווען נאָר
פּאָרלעך. ווי ס׳זאָגט זיך: „פּאָרלעכווייז, פּאָרלעכווייז זיינען זיי
געקומען צום קאַסטן (בראשית ז׳ 9) און וועגן דעם נשיא ווערט
געשריבן:
ער זאָל זיך ניט נעמען קיין סך ווייבער" (דברים 17, 17) דוד המלך האָט
דעם ספר תורה ניט געקאָנט לייענען, ווייל ער איז דאַן געלעגן
פאַרחתמעט 14)
אין דעם אָרון, וואָס איז ניט געעפנט געוואָרן אין ישראל זינט אלעזר
איז געשטאָרבן.
מיט יהושען. די זקנים האָבן גאָר געדינט צום גאָט עשתרות. איז באַ־
האַלטן געווען
דאָס אַנטפּלעקטע וויסן, (די תורה) ביז ס׳איז אויפגעשטאַנען צדוק. דודס
מעשים זיינען אים פאַרגעבן געוואָרן, אַחוץ דאָס בלוט פון אוריה,
וואָס גאָט האָט עס געלאָזן אויף אים. זיי מאַכן אויך טמא דעם בית
המקדש, ווייל זיי שיידן זיך ניט אָפּ, ווי די תורה הייסט, און לייגן
זיך מיט אַ פרוי, וואָס זעט דאָס בלוט פון איר אומריינקייט, און
זיי נעמען פאַר אַ ווייב
די טאָכטער פון אַ ברודער און פון אַ שוועסטער. משה האָט אָנגעזאָגט:
„זאָלסט זיך ניט נעמען פאַר אַ ווייב
דיין מאַמעס שוועסטער, זי איז דיין מאַמעס אייגענע" (ויקרא י״ח 13) די
געשלעכט דינים זיינען אָבער אויך פאַר די פרויען. אויב דעם
ברודערס טאָכטער דעקט אויף די שאַנד פון איר טאַטנס ברודער
איז זי דאָך אַן אייגענע. זייער הייליקן גייסט האָבן זיי אויך טמא גע־
מאַכט, און מיט אַ לשון

14) די פראַגן וואָס האָבן זיך געשטעלט ביי די פרומע וועגן דוד המלך, און וועגן די אַנדערע מלכים נאָך איבם, פאַרוואָס זיי האָבן באַגאַנגען אַזעלכע זינד ווי ס׳ווערט דערציילט וועגן זיי, איז פאַרענטפערט געוואָרן מיט דער לעגענדע, אַז פון יהושע, און ביז דעם מלך יאשיהו, ד. ה. פאַר אַ פעריאָד פון אַזעלכע 600 יאָר, איז די תורה געווען פאַר־חתמעט אין דעם אָרון וואָס משה האָט געהייסן מאַכן, און די תורה איז פאַרגעסן געוואָרן.

מיט זידלערייען, האָבן זיי געעפנט אַ מויל אויף די געבאָטן פון גאָטס
בונד. זיי זאָגן אַז זיי זיינען ניט די אמתע. מיאוסקייטן
רעדן זיי אָן אויף די געבאָטן. אַלע זיינען זיי פייער אָנצינדער און
פונקען ברענער, 15) אַ געוועב
פון שפינוועבס וועבן זיי. די אייער וואָס זיי לייגן, זיינען פון גיפֿ־
טיקע שלענג. ווער ס׳קומט צו נאָענט צו זיי,

קאָן ניט בלייבן ריין. זיין גאַנץ הויז וועט ער פֿאַראומרייניקן, סיידן
עמעצער איז געצוואונגען דערצו. (זיך צורירן צו די אומריינע —
ש. ג.) נאָך פון אייביק אָן האָט גאָט אָפּגעצייכנט
זייערע מעשים, ווייל ס׳האָבן אים פאַרדראָסן זייערע מיאוסקייטן. דאָס
איז ניט קיין פאַרשטאַנדיק פאָלק.
דאָס איז אַ פאָלק וואָס האָט פאַרלאָרן אַלע עצות, ווייל זיי האָבן קיין
שכל ניט. פאַרצייטן, ווען ס׳זיינען אויפגעשטאַנען
משה מיט אהרונען, דורך דעם האַר פון ליכט, (דורך גאָט — ש. ג.)
האָט בליעל אויפגעשטעלט יחנה 16) מיט זיין
ברודער דעם פאַלשן. ווען ישראל איז צום ערשטן מאָל געהאָלפן
געוואָרן,

און צום סוף, איידער דאָס לאַנד איז חרוב געוואָרן, זיינען אויפגעשטאַנען
די וואָס האָבן משיג גבול געווען, און האָבן געמאַכט ישראל בלאָנ־
דזשען.
דאָס לאַנד איז וויסט געוואָרן. זיי האָבן אָנגערעדט שלעכטס אויף די
געבאָטן וואָס גאָט האָט געגעבן דורך משהן און אויך

דורך די הייליקע משיחים 17). זיי האָבן פאַלש נביאות געזאָגט, כדי צו
פאַרווירן ישראל, זיי זאָלן ניט נאָכגיין נאָך
גאָט. און גאָט האָט געדענקט דעם בונד וואָס ער האָט געמאַכט מיט די

15) דאָס איז אַ פראַזע פון אַ פסוק אין ישעיהו נ. 11. דער נביא צאָרנט אויף די וואָס ווילן ניט נאָכגיין דאָס גרויסע ליכט, און צינדן זיך אייגענע פייערן.

16) יחנה — יוחני און ממרא, 2 כישוף מאַכער. לויט דער אַגדה זיינען זיי געווען די זין פון בלעם הרשע, און הויפט כישוף מאַכער אין פרעהס הויף. זיי האָבן עס געעצהט פרעהן הרגענען די יידישע קינדער (זכרים) ווען זיי וועלן געבוירן ווערן. זיי זיינען אויך געווען די וואָס האָבן באַשאַפן דאָס גאָלדענע קאַלב אין דער מדבר. ל. גינזבורג אין "The Legends of the Jews" ברענגט אַ סך לעגענדעס וועגן זיי.

17) זיי רופן אָן די נביאים — „משיחים".

ערשטע, האָט ער אויפגעשטעלט געלערנטע, אָפּשטאַמיקע פון אהרונען, און פון ישראל האָט ער אויפגעשטעלט

קלוגע לייט, און מ'האָט זיך צוגעהערט צו זיי. האָבן זיי געגראָבן דעם ברונעם, ווי ס'זאָגט זיך: „...דעם ברונעם האָבן געגראָבן הארן, געגראָבן האָבן אים

די אַדל־לייט פון פאָלק, ווי דער מחוקק. (משה דער געזעצגעבער, במדבר כ"א 18) דער ברונעם — דאָס איז די תורה, און די ברונעם גרע־בער — דאָס זיינען

די פון ישראל וואָס האָבן תשובה געטאָן, האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד יהודה, און אַוועק וואוינען אין לאַנד דמשק.

גאָט האָט זיי אַלעמען אָנגערופן: „הארן", קיינער האָט ניט געהאַט וואָס אויסזעצן

קעגן זייערע פיינע מידות. דער „מחוקק" — דאָס איז דער וואָס פאָרשט אין דער תורה, ווי

ישעיה דער נביא האָט געזאָגט: „... ער באַשאַפט אַ כלי מיט וואָס צו אַרבעטן" (ישעיהו נ"ד, 16) און דאָס נאָבעלע פאָלק, — דאָס זיינען

די וואָס קומען אויסהאַקן דעם ברונעם מיט גראָב־אייזנס, וואָס דער „מחוקק" האָט אויסגעמייסטרעוועט,

מ'זאָל מיט דעם זיך באַנוצן די גאַנצע צייט פון דער רשעות. אָן געצייג, וואָלטן זיי זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן ביזן דערשיינען

פון מורה צדק, צום סוף פון די טעג 18). אַלע וואָס זיינען אַריין אינעם נייעם בונד

זאָלן ניט קומען אין בית המקדש צינדן זיין מזבח אומזיסט. זיי וועלן זיין די וואָס פאַרשליסן

די טיר, ווי גאָט האָט געזאָגט: „ווער פון אייך וועט פאַרשליסן די טיר מ'זאָל ניט אָנצינדן מיין מזבח

אומזיסט? (מלאכי א' 10) אויב זיי וועלן זיך אָפּהיטן ביזן סוף פון דער בייזער צייט און טאָן אַלץ ווי די תורה זאָגט אָן, אויב זיי וועלן זיך אָפּזונדערן

פון די פאַרדאָרבענע לייט, זיי וועלן זיך אָפּשיידן פון רייכטום וואָס איז געזאַמלט געוואָרן מיט העסלעכער רשעות, און פון חרם צעשטער־טע נדרים,

---

18) ס'איז קלאָר אַז דער מורה צדק האָט שוין דאַן ניט געלעבט. ער איז שוין אַ מיסטיש וועזן און מ'דערוואַרט זיין ווידער־דערשיינונג.

און זיך אָפּשיידן אויף פונעם רייכטום אין הייליקן הויז; אַז זיי וועלן אויפהערן רויבן די אָרעמע, און מער קיין אַלמנות ניט מאַכן פאַר זייערע קרבנות

און מער ניט ווערן קיין מערדער פון יתומים; אַז זיי וועלן אונטער־שיידן צווישן ריין און אומריין; אַז זיי וועלן דערקענען צווישן

הייליקע און ניט קיין הייליקע זאַכן; אַז זיי וועלן אָפּהיטן דעם שבת טאָג ווי ס׳איז געבאָטן געוואָרן, די יום־טובים

און דעם פאַסט טאָג (יום־כיפּור) ווי ס׳איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו די וואָס זיינען אַריין אין נייעם בונד אין לאַנד דמשק 19),

אַז זיי וועלן אָפּטיילן דאָס הייליקע, (די תרומה וואָס קומט די כהנים), ווי ס׳איז דערקלערט געוואָרן; אַז זיי וועלן איינער דעם אַנדערן ליב האָבן;

אַז זיי וועלן העלפן אַן אָרעמאַן, אַן אביון און אַ גר; אַז זיי וועלן זיך נאָכפרעגן איינער ביים אַנדערן וואָס ער מאַכט;

ז אַז זיי זאָלן זיך איינער דעם אַנדערן ניט אָפּנאַרן; אַז זיי וועלן זיך אָפּשיידן פון זנות

ווי ס׳געהער צו זיין; אַז זיי וועלן פריינטלעך זיך אויסשטראָפן איינער דעם אַנדערן, ווי ס׳איז אָנגעזאָגט געוואָרן, און ניט היטן אין האַרצן קיין שלעכטס אויף יענעם

אַ לאַנגע צייט; אַז זיי וועלן זיך אָפּזונדערן פון אַלערליי טומאות ווי ס׳דאַרף צו זיין, און אַז ניט פאַרמיאוסן

זאָל עמעצער דעם הייליקן גייסט וואָס גאָט האָט אים איינגעטיילט. יעדער איינער וואָס וועט אומגיין

מיט די געבאָטן אַ הייליקער און גאַנצער, ווי ער איז אָנגעזאָגט געוואָרן, דעם איז גאָטס בונד זיכער, .

און דער וועט אין אים לעבן טויזנט דורות. אויב די געמיינדעס (פון די חסידים) וואָס וואוינען איבערן לאַנד וועלן זיך נעמען

ווייבער און געבוירן קינדער, דאַרפן זיי זיך אויפפירן ווי די תורה הייסט;

---

19) ווען זיי דערמאָנען יום־כיפּור, גיבן זיי צו, אַז מ׳דאַרף אים אָפּהיטן לויט די אָנווייזונגען פון זייער סעקטע. דער אַנדערער קאַלענדאַר איז ביי זיי אַפּנים געווען זייער אַ וויכטיקער פּרינציפּ, וואָס האָט אונטערשטראָכן זייער אַנדערשקייט.

ווי ס׳זאָגן אָן די גרונט געזעצן וועגן דער אויפפירונג פון אַ מאַן מיט אַ פרוי, און פון אַ פאָטער

מיט זיינע קינדער. (במדבר ל׳ 17) די אַלע וואָס פאַרמיאוסן די געזעצן זיינען רשעים. אַז גאָט וועט באַזוכן דאָס לאַנד, וועט ער באַצאָלן די רשעים

ווי ס׳קומט זיי. ס׳וועלן אויף זיי מקוים ווערן די רייד פון ישעיה בן אָמוץ, דער נביא,

ווי ער האָט געזאָגט: ס׳וועלן אָנקומען אויף דיר, אויף דיין פאָלק, אויף דיין פאָטערס הויז־געזינד, אַזעלכע טעג וואָס זיינען נאָך נישט

געווען, זינט אפרים האָט זיך אָפּגעטיילט פון יהודה (ישעיה ז׳ 17) און ס׳האָבן זיך צעטיילט די צוויי הייזער אין ישראל.

אַז אפרים האָט זיך אָפּגעטיילט פון יהודה, זיינען אַלע וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט (פון גאָט) איבערגעגעבן געוואָרן צום שווערד, און די וואָס האָבן אָנגעהאַלטן (דעם גלייכן וועג — ש. ג.)

האָבן זיך געראַטעוועט אין צפון לאַנד. ווי ס׳זאָגט זיך: „און איך וועל פאַרטרייבן סכות אייער קייסער

און כיון אייער שטערן־גאָט וואָס איר האָט זיך געמאַכט. איך וועל אייך פאַרטרייבן ווייט פון דאַנען, קיין דמשק. (עמוס ה׳ 27־26) די ספרי תורה, דאָס מיינט מען סוכת

דעם קייסער, ווי ס׳זאָגט זיך: און איך וועל אויפשטעלן סוכת (דאָס געצעלט) פון דוד וואָס פאַלט איין (עמוס ט׳ 11). דער מלך —

דאָס מיינט מען דאָס פאָלק. די „צלמים פון כיון״ — דאָס זיינען די ספרים פון די נביאים

וואָס ישראל האָט פאַרמיאוסט זייערע רייד. דער „שטערן״ דאָס מיינט — דער, וואָס פאָרשט די תורה,

וואָס איז אַוועק אין דעם לאַנד דמשק. ווי ס׳איז פאַרשריבן: „אַ שטערן וועט אויפשטיין פון יעקב, און אַ צעפטער וועט זיך באַווייזן

פון ישראל״ (במדבר כ״ד 17) דער צעפטער — דאָס איז דער נשיא פון דער גאַנצער עדה און ווען ער וועט אויפשטיין, וועט ער צעברעכן

אַלע קינדער פון שת״ (דאָרטן). די — האָבן זיך געראַטעוועט בשעתן ערשטן באַזוך 20).

---

20) ס׳איז ניט קלאָר, וואָס דער מחבר מיינט מיטן „ערשטן באַזוך״. וואַרשיינלעך האָט ער אינזינען דעם משפּט איבער די יידן ביים ערשטן חורבן.

ח און די וואָס האָבן פאַרלאָזן גאָט — די זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דער שווערד. דאָס וועט זיך טרעפן מיט אַלע וואָס קומען אַריין אין זיין בונד, און
היטן ניט אָפּ די דאָזיקע [געזעצן], זיי זיינען פאַראורטיילט פאַרשניטן צו ווערן דורך די הענט פון בליעל. דאָס וועט זיין דער טאָג,
וואָס גאָט וועט זיך רעכענען מיט זיי. ווי ער האָט געזאָגט: „...די האַרן פון יהודה [האָבן משיג גבול געווען], און ס׳וועט זיך אויף זיי אויסגיסן דער צאָרן" (הושע ה׳ 10)
זיי וועלן וואַרטן אויף אַ היילונג, די אַלע וואָס האָבן מורד געווען, נאָר ס׳וועט זיי ניט אויפהערן ווי טאָן, ווייל זיי האָבן ניט אָפּגעקערט פון וועג, אויף וועלכן ס׳גייען
די פאַררעטער. זיי האָבן זיך אויסגעוואַלגערט אויף די וועגן פון זונות, און האָבן געזאַמלט פאַרמעגנס מיט רשעות. זיי היטן אין האַרצן אָפּ שנאה,
איינער אויפן אַנדערן און האָבן זיך פיינט, זיי פעלשן און נאַרן אָפּ זייערע אייגענע.
זיי יאָגן זיך שלעכטס טאָן; זיי ווייזן אַרויס אַ גבורה ביים איינשאַפן רייכטום און רויב; עס טוט יעדער איינער וואָס אים געפעלט.
יעדער גייט נאָך די באַגערן פון האַרצן. זיי זונדערן ניט אָפּ זיך פון זינ־דיקן פאָלק. זיי טרעטן אַריבער געבאָטן
מיט עזות, און גייען אין די וועגן פון רשעים. אויף זיי האָט גאָט געזאָגט: „זייער וויין איז ווי שלאַנגען גיפט,
און דער קאָפּ פון אַ גיפטיקער שלאַנג איז אומדערבאַרעמדיק (דברים ל״ב 33). די שלענג, דאָס זיינען די מלכים פון די פעלקער, און זייער וויין, — דאָס מיינט מען
זייערע וועגן. דער קאָפּ פון דער גיפטיקער שלאַנג — דאָס איז דער עלטסטער פון די גריכישע קעניגער, וואָס איז געקומען נעמען
נקמה פון זיי, פון די וואָס „בויען זיך דינע ווענטלעך און שמירן זיי אָפּ מיט קאַלך 21). זיי האָבן די שטראָף נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען, ווייל

---

די לעצטע 10 שורות זיינען ניט קיין זייער קלאָרע. ס׳איז שווער זיך אָנשטויסן וואָס אייגנטלעך דער פּראָפעסאָר האָט געוואָלט אַרויסברענגען. די ציטאַטן זיינען „באַאַרבעטע", און די פאַרטייטשונגען, די „פּשרים" זיינען זינלאָז.

21) זע נאָטיץ 13.

דער וואָס מאַכט אָן אַ ווינט, און רעדט אָן ליגנס 22), האָט געדרשנט
צו זיי. דערפֿאַר האָט גאָט געצאָרנט אויף זיין עדה.
ווי משה האָט געזאָגט צו די יידן, ניט פֿאַר אייערע גערעכטע וועגן און
ניט פֿאַר אייער יושר, קומט איר ירשנען
דאָס לאַנד, נאָר דערפֿאַר וואָס די פֿעלקער זיינען שלעכטע (דברים ט׳
5), און ווייל גאָט האָט ליב געהאַט אייערע אבות, און האָט אָפּגעהיט
זיין שבועה צו זיי.
דאָס זעלבע וועט גאָט טאָן צו די פֿון ישראל, וואָס האָבן זיך אומגעקערט
און ניט געוואָלט גיין אויף די זינדיקע וועגן אויף וועלכע ס׳איז
אַוועק דאָס פֿאָלק. ווייל גאָט האָט ליב געהאַט
די ערשטע וואָס האָבן אים נאָכגעפֿאָלגט, האָט ער אויך ליב די וואָס קומען
נאָך זיי. ער געדענקט זיי
פֿאַרן בונד מיט די אבות. ווייל ער האָסט די וואָס „בויען זיך ווענטלעך״,
צאָרנט ער אויף זיי און אויף די וואָס גייען זיי נאָך. דער משפט
וועט זיין אַזאַ אויף אַלע וואָס פֿאַרמיאוסן גאָטס געבאָטן. זיי זינדיקן,
זיי פֿאָלגן נאָך זייערע תאוותס.
דאָס האָט ירמיהו געזאָגט צו ברוך בן נריה 23), און אלישע —
צו זיין העלפֿער גחזי 24). אַלע וואָס זיינען אַריין אין נייעם בונד אין
לאַנד דמשק
און האָבן פֿאַרלאָזן, פֿאַראַטן, אָפּגעקערט זיך פֿונעם קוואַל פֿון „לעבעדיק
וואַסער״,
די זאָלן מער שוין ניט צוגערעכנט ווערן צום פֿאָלק. די זאָלן אויסגע־
מעקט ווערן פֿון טאָג ווען ס׳איז געשטאָרבן

---

22) ווען זיי רעדן פֿון אַ חשמנאי, דערמאָנען זיי אים ווי אַ כהן הרשע. דאָ מיינען זיי אַפּנים ניט קיין חשמונאי, נאָר עמעצן אַנדערש. זיכער אַן אָנגעזעענער מענטש אין לאַנד אין יענער צייט. אפֿשר שמעון בן שטח וואָס האָט דאַן געלעבט. דער לעצטער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס אויף דער רעליגיעזער געזעצגעבונג פֿון זיין צייט.

23) דאַן האָט צירקולירט צווישן די יידן אַ גרויסע ליטעראַטור פֿון ירמיהו און פֿון זיין סעקרעטאַר, ברוך בן נריה. אַ סך פֿון די ספֿרים זיינען געבליבן צווישן די אַפּאָקריפֿן.

24) זע מלכים ב׳ קאַפּ. 4. די נסים און די איבערנאַטירלעכע וואונדער וואָס אלישע מיט זיין העלפֿער — גחזי, האָבן באַוויזן, זיינען זייער שטאַרק ענלעך אויף די וואונדער וואָס ווערן דערציילט אין נייעם טעסטאַמענט וועגן ישו הנוצרי.

דער לערער פונעם יחד[25], ביז ס׳וועט אויפשטיין דער משיח פון אהרון און ישראל. דאָס זעלבע וועט געשען
צו די אַלע וואָס קומען אַריין אין דער עדה פון די גערעכטע און הייליקע, און ס׳ווערט זיי נמאס צו טאָן ווי ס׳איז איינגעפירט ביי די גערעכטע,
אַזאַ וועט צעשמאָלצן ווערן אין אַ קאַלך־אויוון. ווען ס׳וועלן באַקאַנט ווערן זיינע מעשים זאָל ער אַוועקגעשיקט ווערן פון דער עדה,
גלייך ווי זיין גורל איז גאָר קיינמאָל ניט געווען צווישן די גאָטס געלערנטע. לויט זיינע פאַלשע מעשים דאַרפן אים שטראָפן די פאַרשטאַנדיקע לייט
ביזן טאָג ווען ער וועט תשובה טאָן, און זיך שטעלן צוריק אויפן שטאַנד פון די הייליקע און פרומע לייט
און ביז זיינע מעשים וועלן ווערן געלייטערט, ווי עס לערנט די תורה, און ווי ס׳פירן זיך אויף
די פרומע און די הייליקע. ביז דאַן זאָל זיך קיינער מיט אים ניט וועלן אָנקערן, ניט מיט זיין געלט און ניט מיט זיין אַרבעט.
ווייל אַלע גאָטס הייליקע האָבן אים פאַרשאָלטן. אזוי זאָל געטאָן ווערן צו יעדן איינעם וואָס פאַרמיאוסט די ערשטע, (די נביאים ?)
און די לעצטע (די לערער פון דער סעקטע, אַפּנים — ש. ג.) די וואָס האָלטן צוגעטולי'ט מיאוסקייטן צו זייערע הערצער, און פאָלגן נאָך זייערע תאוהס.
זיי האָבן קיין חלק ניט אינעם הויז פון תורה[26]. אזוי ווי זייערע פריינט, וואָס זיינען געגאַנגען אויף זינדיקע וועגן
און אַוועק מיט די אָפּשפּעטער, דאַרפן די אויך געמשפט ווערן. זיי רעדן אָן פאַלשע זאַכן אויף די גערעכטע געבאָטן. זיי האָבן פאַרמיאוסט
דעם אמתן בונד וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין לאַנד דמשק, דאָס איז דער „נייער בונד״.
זיי און זייערע משפחות זאָלן ניט האָבן קיין שום חלק אינעם הויז פון תורה. פון דעם טאָג

25) עס איז קלאָר, אַז עס האָט עקזיסטירט ביי זיי אַ פאַרהייליקטע טראַדיציע פון אַ מורה צדק, איינער, דער סאַמע וויכטיקסטער פון אַלע אַנדערע.

26) דאָס הויז אין קומראן, אָדער זייער סעקטע, —ביידע האָבן געקאָנט באַצייכנט ווערן מיטן טיטול „הויז פון תורה״.

ווען ס׳איז געשטאָרבן דער לערער פון יחד, ביז ס׳וועלן אויסשטאַרבן
אַלע וואָס האָבן זיך געקריגט מיט אים, וואָס זיינען אַוועק
מיטן ליגנער וועט גיידויערן 40 יאָר. אין יענעם סוף וועט גאָט צאָרענען
אויף ישראל ווי ס׳זאָגט זיך: „...ניטאָ קיין מלך, ניטאָ קיין האַר״ (הושע
ג׳ 4) נישטאָ קיין ריכטער און נישטאָ

40 קיין גערעכטער שטראָפער. נאָר די פון יעקב (פון די יידן), וואָס האָבן
זיך אָפּגעקערט פון זייערע זינד, די וואָס האָבן אָפּגעהיט גאָטס בונד,
די וועלן זיך דאַן צונויפרעדן איינער
מיטן אַנדערן, זיי וועלן אונטערהאַלטן איינער דעם אַנדערן, און אָנשפּאַרן
זייערע זיכערע טריט, און גיין מיט בטחון אויף געטלעכע וועגן, וועט
גאָט זיך צוהערן
צו זייערע רייד. ער וועט זיי נעמען אין אַכט, און ס׳וועט ווערן פאַר־
שריבן פאַר אים אין אַ ספר זכרון וועגן אַלע גאָטס פּאַרכטיקע און
אַלע וואָס האַלטן ערלעך
זיין נאָמען. ביז גאָט וועט אַנטפּלעקן זיין הילף און זיין צדק צו אַלע
וואָס פאָרכטן זיין נאָמען, און איר וועט נאָכאַמאָל דערזען דעם אונ־
טערשייד פון אַ צדיק ביז
אַ רשע, פון אַזאַ וואָס האָט געדינט גאָט, און אַזאַ וואָס האָט אים ניט
געדינט. גאָט וועט טאָן חסד צו טויזנטער פון זיינע ליבהאָבער

45 און צו די וואָס היטן אָפּ זיינע געבאָטן, אַ חסד אויף טויזנט דורות. און
אַלע די פונעם הויז פון פלג 27) וואָס זיינען אַרויס פון בית המקדש
און האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף גאָט בעת ישראל האָט געזינדיקט, זיי
האָבן געהאַלטן דעם בית המקדש פאַר אומריין, און האָבן זיך אומ־
געקערט צו
גאָט. יעדער לויט זיין גייסט דאַרף ווערן געמשפּט ביים ראָט
פון די הייליקע. די וואָס זיינען געוועזן אינעם בונד און האָבן געבראָכן
די תורה געבאָטן, ווען ס׳וועט אַ שיין טאָן
גאָטס כבוד אויף ישראל, וועלן זיי פאַרשניטן ווערן פון דער מחנה
צוזאַמען מיט אַלע רשעים

---

27) מ׳קאָן זייער גרינג איינשטימען מיט א. מ. הברמן, אַז „פלג״ מיינט — צעשפּאַל־טער, ווי אין בראשית י׳ 25. אַלע זייערע סימבאָלישע אָנדייטונגען זיינען דאָך באַזירט אויף די הייליקע שריפטן. דער זין דאָ איז קלאָר. דער מחבר רעדט פון די זינדיקע וואָס האָבן פאַרלאָזן די פאַרפירער און געוואָרן מיטגלידער אין דער סעקטע.

פון יהודה, אין די טעג ווען גאָט וועט זיך נעמען לייטערן די וועלט. אַלע וואָס האַלטן זיך אָן אין די ראַמען, וואָס וועלן אַרויס
און אַריינגיין לויט די תורה רעגעלן; וואָס וועלן לאָזן זיך פירן פון מורה צדק, די זאָלן זיך מתוודה זיין פאַר גאָט
און זאָגן: מיר האָבן גע[זינד]יקט, מיר און אונדזערע עלטערן זיינען שולדיק, ווייל מיר זיינען געגאַנגען קעגן די געזעצן פונעם נייעם בונד.
דיין משפט איבער אונדז איז אמת און [צדק]. זיי דאַרפן צוזאָגן, אַז מער וועלן זיי קיין האַנט ניט אויפהייבן אויף זיינע הייליקע געזעצן, אויף זיינע גערעכטע משפטים,
און אויף זיינע הייליקע עדות. די דאַרף מען אורטיילן לויט די ערשטע משפטים, לויט וועלכע
ס׳זיינען געמשפט געוואָרן די מענטשן פון יחד. זיי דאַרפן זיך צוהערן צום קול פון מורה צדק און קיינמאָל ניט פאַרלאָזן
די גערעכטע געבאָטן. ווען זיי וועלן דערהערן די געבאָטן, דאַרפן זיי זיך פרייען, זייער האַרץ דאַרף אָנקוועלן, און דאַרף זיי מאַכן שטאַרקער
פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט. גאָט וועט זיי מכפר זיין און זיי וועלן דערלעבן זען זיין הילף, ווייל זיי האָבן זיך פאַרלאָזן אויף זיין הייליקן נאָמען.

ט איינער וואָס וועט פאַרמשפטן אַ מענטשן לויט די גוישע געזעצן, קומט אים טויטן.
ס׳זאָגט זיך, זאָלסט ניט היטן קיין שלעכטס אין דיין האַרצן אויף איינעם פון דיין פאָלק. (ויקרא י״ט 18) איינער פון די וואָס קומען אַריין
אינעם „בונד", וואָס וועט אָנקלאָגן זיינעם אַ חבר אין אַ שולד, וועגן וועלכער ער האָט אים ניט אויסגעשטראָפט פריער פאַר צוויי עדות,
ער וועט ברענגען די קלאָגע נאָר ווייל ער איז אין כעס, אָדער ער וועט אָנדערציילן שלעכטס אויף זיין פריינט צו די עלטסטע, כדי אים מבזה זיין, דער איז אַ נוקם ונוטר.
און מ׳טאָר קיין נוקם ונוטר ניט זיין, סיידן צו שונאים (נחום א׳ 2)
אויב ער האָט אים אָפּגעשוויגן עטלעכע טעג און נאָכדעם האָט ער גערעדט צו אים מיט כעס און אים באַשולדיקט אין אַ זינד, פאַר וועלכער ס׳קומט יענעם טויטן,
האָט ער שלעכטס געטאָן. ווייל ער האָט ניט געטאָן לויט גאָטס אָנזאָג, ווי ס׳איז פאַרשריבן, „... זאָלסט אויסרעדן

דיין חבר באַלד, און זאָלסט ניט טראָגן איבער אים קיין זינד אויף זיך". (ויקרא י"ט 17) וועגן אַ שבועה איז אַזוי:

ס'זאָגט זיך: זאָלסט ניט נעמען דאָס געזעץ אין אייגענע הענט 28) איינער וואָס וועט באַשווערן עמעצן אויף אַ פעלד

ניט פאַר אַ ריכטער אָדער מיט אַ ריכטערס באַפעל, אַזאַ האָט גענומען ס'געזעץ אין אייגענע הענט. איינער וואָס פאַרלירט עפּעס,
און מ'ווייסט ניט צו עמעצער פון דער עדה האָט עס געגנבעט, דאַרף דער וואָס האָט פאַרלאָרן, זיך שווערן
מיט אַ קללה שבועה. אויב איינער וואָס הערט די שבועה ווייסט וועגן דעם, און זאָגט ניט, איז ער שולדיק.
אויב איינער קערט אום אַ פאַרלאָרענע זאַך און ס'איז ניטאָ קיין בעלן אויף דעם, דאַרף זיך דער וואָס קערט עס אום, מתוודה זיין פאַרן כהן,
און די זאַך געהערט צו אים, אַחוץ וואָס ער דאַרף ברענגען אַ שולד קרבן. און אויב אַן אבדה ווערט געפונען, און ס'איז ניטאָ

אויף איר קיין בעלן, דאַרף עס בלייבן ביים כהן, ווייל דער געפינער ווייסט ניט וועמעס דאָס איז
און ס'איז ניטאָ אויף דעם קיין בעלן. די כהנים וועלן אָפּהיטן יעדער זאַך. אויב איינער זאָל עובר זיין
אויף אַ געזעץ פון דער תורה, און אַ חבר זאָל עס זען, ער איינער אַליין, אויב דאָס איז אַ שווערע זינד פאַר וועלכער ס'קומט טויטן, דאַרף ער עס לאָזן וויסן
דעם מבקר, דעם זינדיקן אין די אויגן. דער מבקר דאַרף עס פאַרשרייבן מיט זיין האַנט ביז יענער וועט עס טאָן
נאָך אַמאָל, און ווידער וועט אַ צווייטער דאָס דערציילן דעם מבקר. אויב ער ווערט געכאַפּט פון נאָך איינעם,

ווערט זיין משפט געשלאָסן. אויב צוויי זאָגן עדות וועגן
איין זאַך, דאַרף מען דעם זינדיקן אָפּטיילן פון דער ריינער עדה. די צוויי דאַרפן אָבער זיין באַגלויבטע עדות
און דאַרפן לאָזן וויסן דעם מבקר וועגן זינדיקן דעם זעלבן טאָג וועגן

---

28) אַזאַ פּראַזע איז פאַראַן אין שמואל א, קאַפּיטל 25, 26.

זיי האָבן געזען די זינד. וועגן זינדיקן מיט געלט, איז אַזוי 29) :
מ׳דאַרף אָננעמען צוויי
באַגלויבטע עדות. און אויב אַ קלענערע זינד, וואָס מ׳דאַרף פאַר איר נאָר
באַזייטיקן פון טבילה, איז גענוג נאָר איין עדות. עס טאָר ניט
אָנגענומען ווערן

י' ביי די ריכטער קיין עדות וועגן אַ שווערער זינד, פאַר וועלכער ס׳קומט
טויטן, אַזאַ עדות וואָס איז נאָך ניט אויסגעשטאַנען זיין פולע צייט
אין זיין פּראָבע צושטאַנד. ס׳איז ניט זיכער צי האָט ער שוין גענוג מורא
פאַר גאָט. עס טאָר ניט באַגלויבט ווערן ווי אַן עדות אויף זיין
חבר
איינער, וואָס האָט עובר געווען אויף אַ מצווה מיט עזות און מיט חוצפּה.
אַזאַ דאַרף זיך פריער דערדינען, מ׳זאָל אים לאָזן זיך אומקערן
צוריק אין דער מחנה.
אַזוי דאַרפן זיך אויפפירן די ריכטער פון דער עדה. צען מענטשן דאַרפן
אויסגעקליבן ווערן
פון דער עדה, פאַר אַ צייט. פיר דאַרפן זיין פון שבט לוי, פון די כהנים,
און פון די ישראלים דאַרפן זיין
זעקס, אַלע אַזעלכע וואָס פאַרשטייען זיך אין „ספר הגו״ 30) און אין די
גרונד געזעצן פונעם בונד. פון פינף און צוואַנציק
יאָר, ביזן עלטער פון 60 יאָר דאַרפן זיי אַלט זיין. עס טאָר ניט זיין
קיין ריכטער איינער וואָס איז עלטער
פון 60 יאָר, אַז ער זאָל משפּטן די עדה. פאַר די מענטשלעכע זינד
איז דער מענטש באַשטראָפט מיט קורצע יאָרן, און ווייל גאָט איז דער־
צאָרנט אויף די איינוואוינער פון דער ערד, האָט ער באַשלאָסן
פאַרדרייען
זייער שכל, איידער זיי לעבן אויס זייערע יאָרן. דאָס איז דאָס געזעץ
וועגן טובלען זיך אין וואַסער.

---

29) „זינדיקן מיט געלט״, איז געווען אַ וויכטיקע פּראָבלעם ביי די סעקטאַנטן. נייע מיטגלידער פלעגן אָפּט פאַרלייקענען פאַרמעגן, ניט וועלן עס אָנוועקגעבן אין דער אַלגעמיינער קאַסע. דאָס איז, אַגב, אַן איבעריקער באַווייז, אַז ס׳האָט, לכל הפחות, פאַר אַ געוויסער צייט, עקזיסטירט צווישן זיי אַן אַלגעמיינע קאַסע. באַמערקונגען, ווי „זינדיקן מיט פאַרמעגן״, זיינען פאַראַן אין ס״ה. ו׳ 25־24; ד׳ 6, און אויך אין עוואַנגעליום, אַקטן, 5, 1־11.

30) זע קאַפּיטל 10, נאָטיץ 28.

מ׳טאָר זיך ניט טובלען אין אומריין וואַסער, אָדער דאָרט וואו וואַסער איז ווייניק זיך אונטערצוטונקען.

מ׳זאָל זיך ניט טובלען אין קיין וואַסער פון אַ כלי, אָדער אין אַן איינגוס פון אַ שטיין, וואו ס׳איז ניטאָ גענוג

וואַסער זיך אונטערטונקען. אויב אַ טמא מענטש האָט זיך צו דעם צוגערירט, ווערט דאָס וואַסער טמא, דאָס איז ווי וואַסער פון אַ כלי.

וועגן די שבת געזעצן. מ׳דאַרף אָפּהיטן שבת לויט די געבאָטן. קיינער זאָל ניט טאָן אין דעם

זעקסטן טאָג קיין אַרבעט, פון דער צייט ווען די זון ראָד

ועט זיך דערווייטערן פון גאַנצן טויער 31), ווייל אַזוי איז געזאָגט געוואָרן: היט

דעם שבת טאָג, און האַלט אים הייליק. (דברים ה׳ 12) אום שבת זאָל קיינער ניט רעדן קיין פוסטע רייד.

קיינער זאָל ביי קיינעם גאָרניט מאָנען. מ׳זאָל זיך ניט רעכענען וועגן קיינע געלט געשעפטן.

קיינער זאָל ניט רעדן וועגן דער אַרבעט וואָס מ׳וועט דאַרפן טאָן מאָרגן, ווען מ׳וועט אויפשטיין.

קיינער זאָל ניט אַרויס אויפן פעלד, טאָן וואָס ער דאַרף

אום שבת. קיינער זאָל אום שבת ניט אַרויסגיין אונטערן שטאָט, ווייטער פון טויזנט איילן.

קיינער זאָל ניט עסן עפּעס אום שבת, סיידן ס׳איז אָנגעגרייט פון ערב שבת. פון דעם פאַרלאָרענעם אין פעלד

זאָל ער ניט עסן און ניט טרינקען, סיידן ער איז געווען אין מחנה,

יא אין וועג. אַז ער גייט אַראָפּ אין טייך זיך וואַשן, מעג ער טרינקען שטייענדיק, און טאָר ניט אָנשעפּן קיין וואַסער

אין אַ כלי. מ׳טאָר ניט שיקן קיין ניט־יידן, טאָן עפּעס פאַר אים אום שבת.

קיינער זאָל זיך אום שבת ניט אָנטאָן מיט אומריינע קליידער, אָדער

מיט קליידער וואָס זיינען שוין געווען אויפן לייב, סיידן זיי זיינען

אויסגעוואַשן געוואָרן מיט וואַסער און אויסגעריבן געוואָרן מיט זייף.

קיינער זאָל ניט הונגערן מיטן אייגענעם ווילן

---

31) דאָ רעדט זיך זיכער פון אַ טויער, וואָס איז געווען אינעם בנין אין קומראַן.

אום שבת. קיינער זאָל ניט אַרויסגיין פּאַשען די בהמה אונטערן שטאָט ווייטער פון צוויי טויזנט איילן. מ׳טאָר ניט אויפהייבן די האַנט אַ קלאַפּ טאָן די בהמה אום שבת. אויב זי וויל ניט אַרויסגיין, דאַרף מען זי לאָזן בלייבן. קיינער טאָר גאָרניט אַרויסטראָגן פון הויז אין דרויסן אַרויס, און ניט אַריינטראָגן פון דרויסן אין הויז אַריין אום שבת. פון אַ סוכה אויך ניט. ער טאָר פון דאָרט ניט אַרויסטראָגן און ניט אַריינטראָגן גאָרניט אַהין, אום שבת. מ׳טאָר אום שבת ניט עפענען קיין כלי, וואָס איר עפענונג איז פאַרשמירט מיט ליים. קיינער זאָל אויף זיך ניט טראָגן קיין שמירעכצן און אַרומגיין מיט זיי אום שבת. קיינער טאָר אין זיין וואוינונג ניט אויפהייבן קיין שטיין אָדער שטויב. קיין זייגערן טאָר ניט אַרומטראָגן אַ קינד אויף אירע הענט אום שבת. קיינער זאָל ניט פאַרביטערן (ס׳לעבן) זיין קנעכט, זיין דינסט אָדער זיינעם אַ געדונגענעם אַרבעטער אום שבת. קיינער זאָל ניט העלפן אַ בהמה געבוירן אַ קאַלב אום שבת. אויב אַ בהמה זאָל אַריינפאַלן אין אַ גרוב אָדער אין אַ נעץ, זאָל מען זי ניט אַרויסנעמען אום שבת 32). אַ ייד זאָל ניט האַלטן שבת אויף אַן אָרט, וואָס איז נאָענט צו ניט־יידן. קיינער זאָל ניט מחלל זיין שבת מיט געלט זאַכן. אויב אַ מענטש וועט אַריינפאַלן אין אַ וואַסער־קוואַל אָדער אין אַ מקוה, זאָל קיינער אים ניט צוטראָגן קיין לייטער, קיין שטריק אָדער אַן אַנדער כלי אום שבת. מ׳טאָר אום שבת גאָרניט ברענגען צום מזבח אַחוץ דעם שבת קרבן, ווייל אַזוי איז אָנגעשריבן: „אַחוץ גאָטס שבתים, און חוץ אייערע מתנות״, (ויקרא כ״ג 35). קיינער זאָל ניט שיקן צום מזבח, קיין „עולה״, קיין „מנחה״ (אַזעלכע קרבנות) קיין „לבונה״ (בשמים), און קיין האָלץ, דורך אַ מענטשן וואָס איז אומריין מיט איינע פון די

32) אין נייעם טעסטאַמענט דערציילט זיך, ווי יעזוס קעמפט קעגן אַזאַ געזעץ (זע מעטיו 12, 11. זע קאַפּיטל 14).

אומריינקייטן, און אים לאָזן מאַכן טמא דעם מזבח, ווייל ס׳איז פאַרשריבן: „אַ קרבן
פון די רשעים איז מיאוס ביי גאָט, די תפילה פון די צדיקים, דאָס איז זיין פאַרלאַנג״ (משלי ט״ו 8). איינער וואָס קומט אַריין
אין אַ געבעט הויז, זאָל ניט זיין אָנגעטאָן מיט אומריינע קליידער. אַז ס׳שאַלן שוין די טרובעס אין דער געמיינדע (צונויפרופן אין געבעט־הויז — ש. ג.)
זאָל מען אַרייַנקומען פריער אָדער שפּעטער, און מ׳זאָל ניט שטערן די עבודה. ווייל די עבודה איז

יב היילִיק. קיינער זאָל ניט ליגן מיט קיין פרוי אין דער שטאָט פון בית המקדש, ער זאָל ניט אומריין מאַכן
די הייליקע שטאָט מיט זייער אומריינקייט. איינער וואָס וועט באַהערשט ווערן פון בליעלס גייסט
און ער וועט רעדן קעגן גאָט זאָל מען אים משפּטן ווי מ׳משפּט אַ כישוף־מאַכער (ד. ה. מ׳דאַרף אים פאַרמשפּטן מיט טויט — ש. ג.) איינער וואָס וועט ניט זיין ביים פולן זינען,
און ער וועט מחלל שבת זיין, אָדער פאַרשוועכן די יום־טובים, דער זאָל ניט געהרגעט ווערן. די מענטשן דאַרפן אויף אים
אַכטונג געבן. מ׳דאַרף אים היטן זיבן יאָר ביז ער וועט זיך אויסהיילן, און ערשט נאָכדעם זאָל ער
צוגעלאָזט ווערן צו דער עדה. קיינער זאָל ניט אויסשטרעקן זיין האַנט, פאַרגיסן בלוט פון אַ ניט־יידן
צוליב געלט. קיינער זאָל ניט צונעמען ביי אַ ניט־יידן קיין געלט, כדי יענער זאָל ניט האָבן קיין אורזאַך
צו זידלען (גאָט) סיידן ס׳וועט דורכגיין אַ יידישן געריכט. קיינער זאָל ניט פאַרקויפן קיין בהמה
אָדער אַן עוף צו קיין ניט־יידן, כדי ס׳זאָל עס יענער ניט ברענגען אַ קרבן צו זיין אָפּגאָט. פון זיין שייער
און פון זיין קעלטער זאָל ער זיי גאָרניט פאַרקויפן, פאַר קיין געלט ניט. ער זאָל ניט פאַרקויפן זיין קנעכט אָדער דינסט
וואָס האָבן זיך מגיר געווען, צו קיין ניט־יידן. קיינער זאָל ניט פאַרמיאוסן זיין לייב
און עסן אַן אומריינע חיה אָדער אַן אינזעקט, פון די בינען אייעלעך,

ביז די לעבעדיקע זאַכן וואָס קריכן אין וואַסער. קיין פיש טאָר מען
ניט עסן, סיידן זיי ווערן צעריסן לעבעדיקערהייט,
און זייער בלוט איז אויסגעקוועטשט געוואָרן. אַלע היישעריקן, לויט
זייערע מינים, דאַרף מען וואַרפן אין פייער אָדער וואַסער
בשעת זיי לעבן נאָך. לויט דעם ווי זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן 33).
יעדער בוים, יעדער שטיין
אָדער שטויב וואָס ווערט אויסגעשמירט מיט מענטשלעכער אומרייני־
קייט, ווערן פונקט אַזוי אומרייין, און ווי
זיי, אַזוי ווערט טמא יעדער וואָס רירט זיך צו צו דעם. יעדער כלי,
אָדער אַ פלאָקן אין וואַנט
וואָס געפינען זיך אין אַ הויז וואו ס'איז דאָ אַ מת, ווערט אומרייין, פונקט
ווי יעדער אַנדער זאַך וואָס מ'נוצט אין הויז.
דאָס זיינען די איינפיר געזעצן, פאַר די מיטגלידער וואָס וואוינען אין די
שטעט פון ישראל 34). זיי דאַרפן אָפזונדערן
דאָס אומריינע פון ריינעם. זיי דאַרפן דערקענען דעם אונטערשיד
פון הייליק ביז ניט־הייליק. דאָס זיינען די געזעצן
פאַר דעם משכיל" 35) ער דאַרף זיך לויט זיי אויפפירן מיט יעדן ביז
זיי וועלן זיך שטעלן צום משפט אין דער באַשטימטער צייט.
לויט די געזעצן דאַרפן זיך אויפפירן אַלע וואָס שטאַמען פון ישראל,
כדי זיי זאָלן ניט פאַרשאָלטן ווערן. און דאָס איז דער איינפיר פאַר
די איינוואוינער
פון די לאַגערן לויט וועלכע זיי דאַרפן זיך אויפפירן ביזן סוף פון דער
שלעכטער צייט, ביז ס'וועט דערשיינען דער משיח פון אהרון

יג און פון ישראל. אַ געמיינדע באַשטייט אַמווייניקסטנס פון צען מענטשן.
די געמיינדעס דאַרפן זיין צעטיילט אין טויזנטער, אין הונדערטער,
אין פופציקער
און אין צענער. דאָרט וואו ס'איז פאַראַן אַ געמיינדע פון צען, דאָרט
טאָר ניט פעלן קיין כהן, וואָס פאַרשטייט זיך אינעם ספר „הגו".

---

33) „כי הוא משפט בריאתם". דער זין פון דעם אויסדרוק איז ניט קיין קלאָרער.

34) קלאָר, אַז אין דער צייט זיינען געווען אָרגאַניזירטע גרופן חסידים איבערן לאַנד.

35) דאָ און אומעטום ווערט דער טערמין „משכיל" („אויפקלערער") גענוצט פאַר דעם אָנפירער. צי דאָס איז געווען דער מורה צדק פון זיין צייט, אָדער דער מבקר פון אַ לאָקאַלער גרופע.

ער דאַרף זאָגן ווי אַלץ דאַרף ווערן איינגעשטעלט. אויב עס פעלט אים דערפאַרונג, און איינער פון די לוים איז יאָ דערפאַרן,

אין די זאַכן, דאַרף באַשטימט ווערן, אַז אַלע געמיינדע מיטגלידער זאָלן זיך אויפפירן ווי דער זאָגט. אויב אָבער,

ס'וועט זיך האַנדלען וועגן אַ וואונד אין אַ מענטשלעכן קערפּער, דאַן מוז מען האָבן דעם כהן פונעם לאַגער 36), און עס דאַרף אים אויפקלערן

דער מבקר, ווי אַזוי די תורה אַנטשיידט וועגן דעם. און אויב ער, דער כהן, איז ניט ביים זינען, דאַרף דער מבקר אים האַלטן פאַר־שלאָסן, ווייל צו זיי געהערט

דער משפט. און אַזוי דאַרף זיך אויפפירן דער מבקר פונעם לאַגער. ער דאַרף אַלעמען אויפקלערן וועגן די אויפטועען

פון גאָט. ער דאַרף זיי געבן צו פאַרשטיין זיינע וואונדערלעכע גבורות. ער דאַרף זיי דערציילן מיט פּרטים, די גאַנצע וועלט־געשיכטע.

ער דאַרף אויף זיי רחמנות האָבן ווי אַ פאָטער אויף זיינע קינדער. ער דאַרף באַזאָרגן זייערע נויטן, ווי אַ געטרייער פאַסטעך פאַסט אויף אויף זיין סטאַדע.

ער דאַרף אַזוי אויפבינדן זייערע קנופּן, אַז ס'זאָלן [ניט] זיין קיין באַ־וואלהטע און קיין באַליידיקטע אין זיין געמיינדע 37).

יעדן איינעם וואָס קומט אַריין אין דער עדה, דאַרף מען אויפנעמען לויט זיינע מעשים, לויט זיין שכל, לויט זיין כוח, זיין געזונט און זיין פאַרמעגן.

מ'דאַרף אים אַריינשרייבן אינעם „גורל פון [אמת]" (ד. ה. אין דער הייליקער עדה) אויף זיין אָרט (אין זיין שטאַנד — ש. ג.) ווי ס'קומט אים. ס'זאָל קיין רעכט ניט האָבן

קיינער פון די מיטגלידער אַריינצונעמען עמעצן אין דער עדה [אָן] דער גוטהייסונג פונעם מבקר.

---

36) אין ויקרא י"ג ווערט דעם כהן איבערגעגעבן די אויפזיכט איבער רפואות אויף אַלערליי מכות און הויט־קראַנקייטן. ווי אין אַלע פאַלן, ווען ס'איז פאַרמישט אַ געזעץ פון דער תורה, האָבן די חסידים מקפּיד געווען אַז ער זאָל אָפּגעהיט ווערן, ווי אומלאָגיש ער זאָל ניט קלינגען, און ווי שווער ס'זאָל ניט זיין אים דורכפירן.

37) אַן ערך די זעלבע פליכטן ווערן אַרויפגעלייגט אויפן „בישאָפּ" אָדער „פּאַס־טאָר" אין דער קריסטלעכער געזעצגעבונג. („אַפּאָסטאָליק קאָנסטיטושאָנס", בוך 2, קאַ־פּיטלען 6 און 7).

קיינער פון די וואָס זיינען אַריין אין גאָטס בונד, זאָלן ניט האָבן צו טאָן מיט די פאַרדאָרבענע לייט.

סיידן — אין צופעליקע זאַכן. קיינער זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט קויפן אָדער עפּעס פאַרקויפן צו זיי, [ביז] ער [זאָגט עס ניט]

צום מבקר פון דער געמיינדע... (די שורה מיט נאָך דריי מיט אַ האַלבער שורות, האָבן נאָר צו טלעכע ווערטער, וואָס איז שווער צו פאַרבינדן. זיי זיינען דאָ אויסגעלאָזן אינגאַנצן).

[...]און דאָס זיינען די געזעצן, לויט וועלכע די געמיינדעס דאַרפן זיך אויפפירן ביזן [סוף פון דער רשעות. די]

[וואָס וועלן זיך ניט אָנהאַלטן אין] די געזעצן, וועלן ניט זוכה זיין צו באַזעצן זיך אינעם לאַנד...

...און דאָס זיינען די געזעצן צום משכיל...

לויט די געזעצן דאַרף ער זיך אויפפירן מיט אַלע מענטשן, ביז

גאָט וועט זיך דערמאָנען אינעם לאַנד. ווי ס'זאָגט זיך: „...ער וועט ברענגען אויף דיר, אויף דיין פאָלק און אויף דיין פאָטערס הויז־געזינד אַזעלכע טעג

יד וואָס זיינען ניט געווען, זינט אפרים האָט זיך אָפּגעקערט פון יהודה, (ישעיה ז׳ 17) אַלע וואָס וועלן זיך אויפפירן לויט די געזעצן

זיינען פאַרזיכערט מיט גאָטס בונד. ער וועט זיי ראַטעווען פון אַלע נעצן וואָס פירן אין גרוב, און די נאַראָנים וועלן — באַשטראָפט ווערן.

דאָס איז דאָס געזעץ פאַר די איינוואוינער פון אַלע געמיינדעס. אַלע דאַרפן זיין אין זייער יחוס רשימה. צו ערשט קומען די כהנים,

די לווים קומען די צווייטע, די דריטע קומען די ישראלים, און דער גר איז דער פערטער. זיי דאַרפן זיך פאַרשרייבן מיט זייערע נעמען,

איינער נאָכן אַנדערן. די כהנים די ערשטע, די לוים די צווייטע, די קינ־דער פון ישראל

די דריטע, און דער גר דער פערטער. אַזוי זאָלן זיי זיך אויסזעצן און אין דער זעלבער אָרדנונג זאָל מען זיי פרעגן זייער מיינונג וועגן

אַלץ. דער כהן וואָס וועט אָנפירן

[...]

אויפן רבים דאַרף זיין אינעם עלטער פון דרייסיק יאָר און ביז 60. ער דאַרף זיין באַהאַוונט אינעם ספר

[„הגוי״, אין] אַלע געזעצן פון דער תורה, און אין די משפטים פון אַלע זאַכן. דער מבקר וואָס גיט אָנפירונג

אויף די מחנות, דאַרף זיין אין עלטער פון 30 ביז 50 יאָר, באַהאַוונט אין אַלץ וואָס איז נויטיק אַ מענטשן, און אין אַלע שפּראַכן. לויט זיינע באַפעלן דאַרפן זיך אַלע פון דער עדה פאַרזאַמלען

יעדער אין זיין סדר. ווען אַ מיטגליד וועט וועלן פרעגן אַ פראַגע, דאַרף ער פריער זאָגן דעם מבקר

וועגן יעדער מין זאַך, וועגן וועלכער מ׳דאַרף האַנדלען. אַזוי דאַרף דער רבים זיך פירן ביים צוגרייטן וואָס עס איז נויטיק. אַ שכר

פון 2 טעג אַ חודש דאַרפן זיי איינצאָלן [ווי עס איז באַשטימט]. זיי דאַרפן עס אָפּגעבן דעם מבקר און די ריכטער.38)

פון דעם דאַרף מען אויסהאַלטן [די כה]נים און העלפן די אָרעמע, העלפן אַן אַלטן

וואָס [וועט קראַנק ווערן, אָדער] איינעם וואָס איז אין אַ נויט. אַמאָל דאַרף מען אויסקויפן אַ געפאַנגענעם וואָס וועט פאַרקויפט ווערן אין דער פרעמד, אַ בתולה

וואָס האָט [ניט] קיין אויפזעער, און אַ יתום וואָס האָט שוין ניט קיינעם. אַלץ וואָס [זיי] טוען...

(דאָ פעלן קאַרגע 2 שורות)

...לויט די געזעצן דאַרפן זיי [זיך אויפפירן]

[ביז ס׳וועט אויפשטיין אַ משי]ח פון אהרון און ישראל און פאַרגעבן אונדזערע זינד.

(די ווייטערע 5 שורות פון דעם עמוד זיינען שטאַרק פראַגמענטאַריש. פאַראַן פון זיי נאָר געציילטע ווערטער און אותיות).

טו ...ער זאָל זיך אויך ניט שווערן מיט קיין „א" און „ל" און אויך ניט מיט קיין „א" און „ד" 39) ווייל ער איז אונטער דער שבועה [פונעם בונד]

און אונטער די קללות פונעם בונד. משהס תורה טאָר מען ניט דערמאָנען ביים שווערן זיך, ווייל [מיט איר] רעדט ער אויס גאָטס [נאָמען].

---

38) די און נאָך אַ פּאָר אַזעלכע באַמערקונגען שטעלן אַ פראַגע־צייכן צי די אַלגעמיינע קאַסע איז טאַקע געווען אַנגענומען און אַ „מוז" אין אַלע „חבורות" פון די פרומע, דורך דער גאַנצער צייט פון זייער עקזיסטענץ, ניט איבערגעריסן.

39) „א" און „ל", אָדער „א" און „ד" מיינט — גאָט („אל" און „אדני"). גאָטס נאָמען, אָדער אַפילו צונאָמען, טאָר מען ניט נוצן אין קיין שום שבועה.

און אויב ער שווערט זיך, האָט ער אַן עבירה, ער איז מחלל שם. און אויב ער האָט איינטייל גענומען אין די שבועות פונעם בונד, דאַרף ער [געבראַכט ווערן צו]

די ריכטער. אויב ער האָט עובר געווען און איז שולדיק, דאַרף ער זיך מתודה זיין, תשובה טאָן, און ניט טראָגן אויף זיך קיין [זינד],

[וואָס] ס׳קומט פאַר איר טויטן. און די וואָס קומען אַריין אין בונד, איז עס אַן אייביק געזעץ, פאַר אַלע יידן, אַז זייערע זין,

וואָס דערגרייכן דעם עלטער, פאַררעכנט צו ווערן, (אין דער עדה — ש. ג.) דאַרפן זיי אויף זיך נעמען די שבועה פון בונד. און דאָס

זאָל זיין דאָס געזעץ ביזן סוף פון דער רשעות, פאַר יעדן וואָס ווערט זיך אָפּקערן פון פאַרדאָרבענעם וועג. ווען ער וועט רעדן

מיטן מבקר פונעם „רבים״, זאָל יענער אים פאַרפליכטן צו דער שבועה פונעם בונד, וואָס

משה האָט געשלאָסן מיט די יידן. דער בונד מיינט, אַז ער דאַרף [זיך אומק]ערן צו משה[ס תורה] מיטן לייב און מיטן [גאַנצן

לעבן. ער דאַרף טאָן אַלץ וואָס דאָרט איז געבאָטן ביז ס׳וועט נעמען אַ [סוף צו דער רשעות]. קיינער זאָל אים פריער ניט לאָזן וויסן

די געזעצן, ביז ער וועט קומען צום מבקר. מ׳קאָן אים נאָך צוגרייטן ער זאָל אויסנעמען ביים מבקר איידער יענער וועט אים פאָרשן.

ווען דער מבקר וועט אים שוין מאַכן פאַר אַ מיטגליד, דאַרף ער זיך אומקערן צו משהס תורה מיטן לייב און מיטן לעבן.

(8 שורות פון דעם קאָלום זיינען זייער פראַגמענטאַריש).

טז ...אַ בונד מיט אייך און מיט גאַנץ ישראל. דערפאַר דאַרף אַ מענטש זיך פאַרפליכטן, ער זאָל זיך אומקערן

צו משהס תורה, ווייל אַלץ איז דאָרט אויסגערעכנט. דאָרטן ווערט קלאָר אָנגעוויזן, ווען ס׳וועט זיך ענדיקן די בלינדקייט

ביי די יידן צו די אַלע געזעצן. אינעם בוך איז אויסגערעכנט די צע־טיילונג פון די צייטן

לויט די יובלען אָדער שמיטות. און אין דעם טאָג וואָס איינער וועט אויף זיך נעמען די פליכטן זיך אומקערן

צו משהס תורה, וועט זיך דער מלאך פון שנאה (דער שטן — ש. ג.) אָפּקערן פון אים, אויב ער וועט האַלטן וואָרט.

דערפאַר האָט אַברהם זיך געמלט ווען ער האָט עס דערוואוסט. און ווייל ס׳זאָגט זיך: „דאָס וואָס גייט אַרויס פון דיינע ליפּן

זאָלסטו אָפּהיטן״ (דברים כ״ג 24) דאַרף אַ מענטש זען אויספּירן יעדע שבועה, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. אַז איינער וועט נעמען אויף זיך

מקים זיין אַ זאַך פון דער תורה זאָל אים אַפילו דער פּרייז פון טויט דערפון ניט אָפּהאַלטן. ווען איינער האָט אויף זיך, אָבער

[גענו]מען אַ פליכט, ער זאָל [עובר זיין אויף דער ת]ורה, אַזאַ שבועה זאָל ער ניט מקים זיין, אַפילו פאַרן פּרייז פון טויט.

וועגן אַ שבועה פון אַ פרוי, און וועגן דעם וואָס ס׳זאָגט [זיך, אַז איר מאַן מעג] בטל מאַכן איר שבועה. זאָל קיינער ניט

בטל מאַכן אַ שבועה פון זיין פרוי, ווען ער ווייסט ניט וועגן וואָס די שבועה איז. צי [מ׳דאַרף זי] מקים זיין אָדער בטל מאַכן.

אויב ס׳איז קעגן דעם בונד מיט גאָט, דאַרף מען אַזאַ שבועה בטל מאַכן און ניט מקים זיין. דער זעלבער געזעץ איז חל אויף איר פאָטער.

וועגן די גע[שאַנק] קרבנות. קיינער זאָל ניט ברענגען צום מזבח עפּעס אונטער צוואַנג. אויך

[די כה]נים טאָרן ניט נעמען קיין קרבן פון אַ יידן וואָס איז [געצוואונגען. קיינער] זאָל ניט אָפּגעבן דעם ביסן

(פון זיין מויל [צו ג]אָט). וועגן דעם זאָגט זיך: „...איינער דעם אַנדערן פאַנגען זיי אין נעץ״. (מיכה ז׳ 2)

(פון דאַנען און ביזן סוף קאָלום זיינען נאָר פאַראַן אַ פּאָר ווערטער מיט אַ פּאָר אותיות. און דאָס איז דער סוף פון דער מגילת ברית דמשק).

# פשר חבקוק

די אונטערגעשטראָכענע שורות (אין איטאַליקס) זיינען ציטאַטן פונ'ם ספר חבקוק פון תנ"ך. נאָך יעדער ציטאַטע איז אָנגעגעבן דער פסוק פון וואַנען די ציטאַטע קומט. (זע קאַפּיטל 5, זייט 70). די שורות זיינען באַצייכנט מיט נומערן; די עמודים — מיטן א"ב. די קלאַמערן צום אָנהייב אָדער אינמיטן די שורות באַצייכענען די בלויזן, די אויסגעהוילטע ערטער אינעם טעקסט.

א (ביז וואַנען, גאָט,) וועל איך רופן און דו וועסט ניט
(הערן ? (חבקוק א' 2) דאָס מיינט מען : די קראַ]נקהייט פונעם דור
[פונעם לעצטן, אין דער געמיינדע פון די פעלשער, און וואָס] ס'וועט זיי נאָך טרעפן.
(„איך שריי צו דיר, גוואַלד ! (חב. א. 2) דאָס מיינט מען, זיי שרייען] וועגן דעם
[אומרעכט. פאַרוואָס לאָזסטו מיר זען אומגליקן קוקסט זיך צו צום] אומרעכט,
(צום רויב, צו דער גזלה וואָס קומען מיר אַנטקעגן, (חב. א' 3) דאָס מיינט מען, זיי האָבן ווידערשפעניקט קעגן] גאָט מיט רויב, מיט פאַלשקייט
[קעגן גאָט], — רויבן זיי אָן פאַר[מעגנס, אַ) קריג.
(און אַ שטרייט הויבט זיך אויף, (חב. א' 3) דאָס מיינט, אַז אַ קר]יג און אַ ז[ינד]
[וועט ער אָנהויבן, און פאַרשטאַרקן אין זיין פאָלק.] דערפאַר איז אָפּגעשוואַכט די תורה,
(און קיינמאָל קומט ניט אַרויס קיין משפט, (חב. א' 4) דאָס מיינט מען,] זיי האָבן פאַרמיאוסט גאָטס תורה
[און זיי משפטן ניט ווי ס'באַדאַרף צו זיין. ווייל דער רשע רינג)לט אַרום דעם צדיק, (חב. א' 4)

(הרשע מיינט מ״ן, דעם כהן דעם רשע, און דער צדיק] — דאָס איז דער מורה צדק,

[וואָס גאָט האָט פאַרפלאַנצט אין זיין פאָלק. ווי ס׳זאָגט זיך : דער]פאַר קומט דער משפט אַרויס

(פאַרדרייט,... עס וועט זיך טון טאָן אין אייערע טעג,) איר וועט (ניט גלויבן, אַז) מ׳וועט עס

ב דערציילן (חב. א׳ 5־4) [דאָס מיינט מען די פעלשער,] זיי זיינען נאָכ־געגאַנגען דעם מאַן

פון ליגן, זיי [גלויבן ניט, דעם] מורה צדק וואָס האָט אויפגעקלערט די סודות פון

גאָטס מויל. און די וואָס ווידער[שפעניקן אין גאָטס געבאָטן און אין נייעם] בונד, די גלויבן

אינגאַנצן ניט אין גאָטס בונד. זיי [זיינען מחלל] דעם הייליןקן שבת].

און אַזוי איז די אַנטשיידונג וועגן די [וואָס האָבן ווידערגעש]פעניקט, וואָס מיט זיי וועט זיך טרעפן צום סוף

פון די טעג. זיי זיינען טיראַ[נען, צעשטערער פון] בונד. זיי גלויבן ניט

וואָס עס וועט [טרעפן צום] דור צום לעצטן, ווען זיי הערן עס פונעם מויל

פונעם כהן, וואָס גאָט האָט אים געגעבן אין [האַרצן פאַר]שטאַנד צו אַנטשיידן [די]

רייד פון זיינע קנעכט, די נביאים, וואָס [דורך זיי] האָט גאָט דערציילט

אַלץ וואָס ס׳וועט זיך טרעפן מיט זיין פאָלק. ווי ס׳[זאָגט זיך] : וואָרום זעט, איך מאַך אויפשטיין

די כשדים, דאָס בינטערע און דאָס האַסטיקע) פאָלק, (חב. א׳ 6)

דאָס מיינט מען, די כתים, [די] גרינגע גבורים,

אין דער מלחמה אומברענגען די שלע[כטע און זינדיקע]... אין דער הערשאַפט

פון די כתים, און ר[שעים]... וועלן ניט גלויבן

אין גאָטס געז[עצן..... „וואָס גייט איבער דער ברייט פון דער ערד)

צו (ירשענען וואוינונגען וואָס זיינען ניט זיינע, (חב. א׳ 6) דאָס מיינט...

[.....

ג און אויף די גלייכע פלעצער וועלן זיי גיין, שלאָגן און רויבן די שטעט פונעם לאַנד.

**ווייל דאָס האָט געמיינט, וואָס ער זאָגט:** ירשענען וואוינונגען וואָס זיינען ניט זיינע,

שוידערלעך און שרעקלעך איז ער. פון אים קומט זיין משפט און זיין מאַכט. (חב. א׳ 7־6)

**דאָס מיינט מען די כתים, זייער פּ[חד און] שרעק איז געפאַלן אויף אַלע פעלקער. זיי באַראַטן זיך, און אַלע זייערע געדאַנקען זיינען נאָר שלעכטס טאָן. מיט אונטערוועגן, מיט פאַלשקייט**

**גייען זיי צו צו די פעלקער.** גרינגער פון די טיגערן זיינען זייערע פערד און שאַרפער

פון די נאַכטיקע וועלף. זיינע רייטער פאַרשפרייטן זיך, יאָ, זיינע רייטער פון דער ווייט פאַרשפרייטן זיך,

זיי פליען אַן פלינקער פון דעם אָדלער, וואָס איילט זיך פאַרצוקן. זיי אַלע קומען אויף רויב. ס׳ציען זיך

זייערע געזיכטער פאָרויס צו, (חב. א׳ 9־8) **[דאָס מיינט מען] די כתים, וואָס**

**וועלן צעטרעטן דאָס לאַנד מיט די פ[ערד] און מיט זייערע בהמות. פון דער ווייט**

**וועלן זיי קומען, פון די אינזלען פון ים, אויפפרעסן [אַלע די] פעלקער ווי אַן אָדלער**

**וואָס זעטיקט זיך קיינמאָל ניט אָן. מיט כעס און מיט [צאָרן, מיט ז]ידל און שפּאָט רייד**

**רעדן זיי אַרונטער [צו אַלע פעלקער.] ווענן זיי**

**ווערט געזאָגט:** דאָס [ציען זייערע פנימער פאָרויס־צו, און זיי זאַמלען געפאַנגענע] ווי זאַמד... (חב. א׳ 9

— — — — — — — — — — — — — — — — —

[. . . ווי ס׳זאָגט זיך: „ער שפּאָט פון מלכים]

ד פירשטן זיינען אַ שפּילעכל ביי אים. (חב. א׳ 10) **דאָס מיינט מען,**

**זיי וועלן אָפּלאַכן פון אַלע, זיי וועלן מבזה זיין בכבודיקע לייט, פון קעניגער**

**און האַרן, וועלן זיי שפּאָטן מיט חוזק. זיי וועלן שפּאָטן פון אַ סך פעלקער.** „און ער

לאַכט פון איטלעכער פעסטונג, ווייל ער וואַרפט אָן ערד און באַצווינגט זי. (חב. א׳ 10)

**דאָס מיינט מען די הערשער פון כתים, וואָס לאַכן זיך אויס, פון די פעסטונגען וואָס עס בויען די פעלקער. זיי מאַכן חוזק פון זיי.**

**מיט אַ מחנה אַ גרויסער רינגלען זיי די פעסטונגען אַרום. מיט שרעק און מיט פחד**

**גיט מען זיך איבער אין זייערע הענט אויף אומגעבראַכט ווערן. פאַר די איינוואוינערס זינד**

**אין די שטעט.** „דאַן גייט אים אַריבער אַ גייסט און ער טרעט אים אַריבער און פאַרשולדיקט זיך, זיין כוח

ווערט ביי אים אַ גאָט. (חב. א׳ 11) **דאָס מיינט מען [די] הערשער פון כתים**

**וואָס באַראַטן זיך אין זינד[יקע] הייזער, און בייטן אום**

**שנעל זייערע הערש[ער. איינער] נאָכן אַנדערן קומען זיי**

**פאַרדאַרבן דאָס ל[אַנד.** „זיין] כוח ווערט ביי אים אַ גאָט“ (חב. א׳ 11)

**דאָס מיינט מען.....**

ה „..... דו האָסט אים פאַר אַ משפט געמאַכט, האָסט אים פאַר אַ פעלז אונדז צו שטראָפן געשטעלט. דיינע אויגן זיינען צו ריין

צו זען שלעכטס. צוקוקן אומרעכט קאָנסטו ניט. (חב. א׳ 13‑12)

**דאָס מיינט, אַז גאָט וועט זיין פאָלק ניט פאַרטיליקן דורך די הענט פון די פעלקער,**

**נאָר אין דער האַנט פון זיין אויסדערוויילטן, אים וועט גאָט געבן דאָס רעכט צו משפטן די פעלקער. אין דעם משפט**

**וועלן באַשולדיקט ווערן אַלע רשעים פון זיין פאָלק, די וואָס האָבן זיך גענומען אָפהיטן זייערע מצוות**

**נאָר ווען ס'איז זיי ענג געוואָרן.** ווי ס'זאָגט זיך: דיינע אויגן זיינען צו ריין צו זען

שלעכטס. (חב. א׳ 13) **דאָס מיינט, אַז זיי האָבן ניט נאָכגעפאָלגט די תאוותס פון זייערע אויגן ביזן סוף**

**פון דער רשעות.** „פאַרוואָס קוקסטו צו די וואָס פעלשן, שווייגסט ווען ס'שלינגט

דער רשע איין דעם וואָס איז גערעכטער פון אים? (חב. א׳ 13) **דאָס מיינט מען, דאָס הויז פון אבשלום 1)**

---

**1) אַ סך השערות זיינען פון געלערנטע אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן דעם דערמאָנטן נאָמען „אבשלום“. קיינע פון די השערות האָט זיך ניט אָנגענומען. דער נאָמען אבשלום**

און זיינע פאַרבינדעטע, וואָס האָבן געשוויגן, ווען דער מורה צדק איז געוואָרן באַשטראָפּט
און זיי האָבן אים ניט געהאָלפן קעגן דעם מאַן פון ליגן, וואָס האָט פאַרמיאוסט
די תורה פאַר אַל[עמען] אין די אויגן. „און האָסט געמאַכט מענטשן ווי פיש אין ים,
ווי ווערים אָן אַ הערשער איבער זיי. ער ציט זיי אַלע (אַרויף מיט אַ ווענ)טקע, און שלעפּט זיי אַרויס מיט דער נעץ.
ער זאַמלט זיי איין אין (זיין פאַנג), דערפאַר פרייט ער זיך.
(ער קוועלט און ברענגט אַ קרבן צו זיין נעץ, וואָס מאַכט אים פעט) זיין חלק.
(חב. א׳ 15־14). [דאָס מיינט מען די רשעים פון ירושלים. אַז ס׳וועלן קומען]
ו די כתים, וועלן זיי צונעמען דעם פאַרמעג מיטן גאַנצן רויב,
ווי געפאַנגענע פיש פונעם ים. און וואָס ס׳זאָגט זיך: „דערפאַר שלאַכט ער צו זיין נעץ,
און רויכערט צו זיין פאַנג נעץ״, (חב. א׳ 15) דאָס מיינט מען די
וואָס ברענגען קרבנות צו זייער מחנה צייכנס און זייערע מלחמה־געווערן, וואָס פאַר זיי
האָבן זיי מורא. „וואָרעם דורך זיי ווערט פעט זיין חלק, און זיין עסן איז געזונט, (חב. א׳ 16)
דאָס מיינט מ͏ן די וואָס טיילן איין צו טראָגן זייער יאָך —
די שטייערן, זייער שפּייז — צו אַלע פעלקער יעדן יאָר,
און זיי פאַרוויסטן אַ סך לענדער. „דערפאַר שטרעקט ער אויס זיין שווערד און איז תמיד גרייט
צו הרגענען פעלקער אָן רחמנות (חב. א׳ 17)
דאָס מיינט מען די כתים, וואָס פאַרטיליקן פילע מיטן שווערד
יונגע און מיטעלע, אַלטע, פרויען און קינדער, און אויף קליינע עופעלעך
האָבן זיי אויך ניט קיין רחמנות. „איך שטיי אויף מיין וואַך,
איך שטעל זיך אויפן טורעם און וואַרט, און וויל זען וואָס ער וועט רעדן

---

איז ניט דערמאָנט אין קיין איינעם פון די אַלטע געשיכטע קוואַלן, ניט אין דער גריכישער און ניט אין דער רוימישער עפּאָכע.

די הויף אינטריגע וואָס ווערט באַשריבן אין שמואל ב׳, קאַפּיטלען 18־16 פון דודס זון אבשלום קאָן מען בשום אופן ניט צוטשעפּען אַהער.

מיט מיר און [וואָס איך זאָל ענטפערן אויף] דער טענה צו מיר. האָט מיר גאָט געענטפערט

(און געזאָגט: „פאַרשרייב די זעאונג און פאַרשרייב) זי קלאָר אויף טאָוולען, כדי מ׳זאָל עס גרינג)

(קאָנען לייענען״. (חב. ב׳ 2־1) דאָס מיינט מען...]

ז עס האָט גאָט גערעדט צו חבקוק, און האָט אים געהייסן פאַרשרייבן אַלץ וואָס וועט קומען

אויפן דור אויפן לעצטן, נאָר די צייט פונעם קץ האָט ער אים ניט אַנטפּלעקט.

און וואָס ס׳זאָגט זיך: „כדי מ׳זאָל עס גרינג קאָנען לייענען״, (חב. ב׳ 2)

דאָס מיינט מען דעם מורה צדק, וואָס גאָט האָט אים אַנטפּלעקט

אַלע סודות וואָס ליגן אין די רייד פון זיינע קנעכט די נביאים. „וואָרעם די זעאונג איז נאָך

אויף אַ צייט, און זי רעדט פונעם קץ, און זאָגט ניט קיין ליגן״. (חב. ב׳ 3)

דאָס מיינט מען, ס׳וועט נאָך געדויערן ביזן לעצטן קץ, ס׳וועט נעמען לענגער

ווי נביאים האָבן געזאָגט, ווייל גאָטס סודות זיינען צום באַוואונדערן.

„אויב ער וועט זיך זאַמען, וואַרט אויף אים, ווייל קומען וועט ער זיכער, ער וועט ניט

פאַרשפּעטיקן״. (חב. ב׳ 3) דאָס מיינט מען די מיטגלידער פונעם „אמת״

די וואָס פאָלגן אויס אַלץ ווי אין דער תורה איז געשריבן, זיי וועלן ניט אָפּלאָזן די הענט און ניט אויפהערן דינען

דעם אמת, ווי לאַנג ס׳וועט זיך פאַרציען דער קץ. ווייל

אַלע גאָטס „קצים״ וועלן קומען געפּאַסטע אין סדר. ווי ער האָט באַשטימט, ער אַליין

פאַר [זיי], מיט די סודות די קלוגע. „זע, האָפּערדיק און ניט רעכט־פאַרטיק

(איז זיין זעל אין אים״), (חב. ב׳ 4) דאָס מיינט מען, ס׳וועלן פאַרדאָפּלט ווערן

[זייערע זינד, און ביים] משפּטן זיי, וועט זיי קיינער ניט מאַכן גערעכט

(„און דער צדיק וועט לעבן מיט זיין אמונה״) (חב. ב׳ 4)

ח דאָס מיינט מען, אַז אַלע פון יהודה וואָס זיינען מקיים די תורה,

**זיי וועט גאָט ראַטעווען פון משפּט הויז, איבער זייער מי, און ווייל זיי גלויבן**
**איינעם מורה צדק.** „אַזוי ווי דאָס פאַרמעגן טוט פעלשן, אַזוי ווי דער שטאָלצער מענטש קאָן ניט אויסהאַלטן,
אַזוי איז דער וואָס צעבראַסטעט זיין זשעדנעס באַגער אַזוי ברייט ווי אַ גרוב, ווי דער טויט ווערט ער קיינמאָל ניט זאַט

זיי זאַמלען איין צו זיך אַלע פעלקער זיי שלינגען איין אַלע אומות
אַלע וועלן דאָך אויפהייבן אַ משל וועגן אים, רעטעניש מיט מליצות אויף אים,
און וועלן זאָגן: „ווייַ איז צו דעם וואָס פאַרכאַפּט אַזויפיל וואָס איז ניט זיינס. ביז וואַנען וועט ער אָנלאָדן אויף זיך
אַזוי פיל שווערע חובות? (חב. ב׳ 6־5). **דאָס מיינט מען דעם כהן דעם רשע, וואָס**
**איז גערופן געוואָרן אין נאָמען פון אמת ביים אָנהייבן זיין דינסט, און ווען ער האָט געהערשט**

**אין ישראל, איז ער געוואָרן גרויס ביי זיך, האָט פאַרלאָזן גאָט, געפעלשט אין זיינע געבאָטן, צוליב**
**אָנזאַמלען הון. ער האָט גערויבט און פאַראייגנט ס׳פאַרמעגן פון רויבער וואָס האָבן ווידערשפּעניקט אין גאָט,**
**דאָס פאַרמעגן פון פעלקער פון גאַנצע האָט ער פאַרכאַפּט, צו פאַרמערן זיין שולד און זיין זינד. דורך די וועגן**
**די מיאוסע איז ער געגאַנגען, מיט דער גאַנצער אומריינקייט פון טומאה.** „פּלוצעם וועלן אויפשטיין
דיינע (מאָנער), דיינע אויפטרייסלער וועלן זיך אויפכאַפּן, און וועסט ווערן ביי זיי צום רויב.

ווייל דו האָסט באַרויבט פיל פעלקער, וועלן דיך רויבן אַלע איבעריקע אומות. (חב. ב׳ 8־7)

**[דאָס מיינט מען דע]ם כהן וואָס האָט ווידערשפּעניקט,**
**[האָט צעשטערט גאָטס] געזעצן [... דערפאַר...]**

ט **איז ער געשלאָגן געוואָרן מיט גרויזאַמע שווידער משפּטים, און קראַנקהייטן**
**שלעכטע האָבן אין קערפּער אין זיינעם גענומען נקמות, ווי ס׳זאָגט זיך:**

„ווייל דו האָסט באַרויבט פיל פעלקער, וועלן דיך פּליינדערן
אַלע איבעריקע אומות, (חב. ב׳ 8) **דאָס מיינט מען די כהנים פון ירושלים,**
**די לעצטע, די וואָס זאַמלען זיך אָן אַ פאַרמעגן און רייכטום דורך פּליינדערן פעלקער.**
**צום סוף פון די טעג, וועט דאָס פאַרמעגן און דער רויב איבערגיין אין די הענט**
**פון דעם חיל פון כתים. זיי זיינען די „איבעריקע אומות״.**
פאַר דעם בלוט פון די מענטשן, פאַר דעם אומרעכט צום לאַנד, צו דער שטאָט און (צו) אַלע אירע איינוואוינער. (חב. ב׳ 8)
**דאָס מיינט מען דעם כהן דעם רשע, פאַר די זינד זיינע קעגן מורה**
**צדק, און די מענטשן פון זיין ראַט, איז ער איבערגעגעבן געוואָרן פון גאָט אין די הענט פון** [די] **שונאים, אים פּייניקן**
**מיט אַ פּלאָג, אים אומברענגען מיט ביטערניש. דערפאַר וואָס ער האָט זיך מיט רשעות באַגאַנגען מיט**
**זיין אויסדערוויילטן.** ווי איז דעם וואָס האָוועט און זאַמלט שלעכטע געווינסן פאַר זיין הויז, צו מאַכן
אין דער הויך זיין נעסט, ניצול ווערן פון אַ בייזער האַנט, האָסט זיך אָנגעראָטן אַ שאַנד
פאַר דיין הויז, האָסט פאַרשניטן פיל פעלקער און פאַרזינדיקט דיין זעל,
ווייל אַ (שטיין פ)ון דער וואַנט וועט שרייען, (און) אַ הילצערנער באַלקן וועט אים ענטפ(ערן) (חב. ב׳ 11־9)
**[דאָס מיינט מען] דעם [כהן], וואָס...**

י **ווייל זיינע שטיינער זיינען רויב, און די הילצערנע באַלקנס זיינען גזלה, ווי**
**ס׳זאָגט זיך:** האָסט פאַרשניטן פיל פעלקער און פאַרזינדיקט דיין זעל (חב. ב׳ 10)
**דאָס מיינט מען דאָס הויז פונעם משפט וואו גאָט וועט דאָרט**
**משפטן די פעלקער. אַהין וועט ער אים (דעם כהן — ש. ג.) ברענגען צום משפט.**
**צוזאַמען מיט אַלע רשעים וועט ער דערקלערט ווערן שולדיק, און מ׳וועט אים באַשטראָפן מיט שוועבל און פייער.** „ווי,
דעם וואָס בויט אַ שטאָט מיט בלוט, שטעלט אויף אַ גרויסע שטאָט מיט אומרעכט. ס׳איז דאָך



דאָס איז דער 10טער עמוד פון פּשר חבקוק. אונטן איז דער טעקסט איבערגעדרוקט מיט הײַנטיקן שריפט (זע איבערזעצונג אויף זײַטן 328 און 330).
באַמערק ווי גאָטס נאָמען „יהוה" איז אָנגעשריבן מיט אַלטער כנעניִשער שריפט.
2 מאָל, אויף שורות 7 און 14.

1. להיות אבניה בעשק וכפיס עיצה בגזל ואשר
2. אמר: קצות עמים רבים וחוטי(!) נפשכה (חבקוק ב׳ י׳)
3. פשרו הוא בית המשפט אשר יתן אל את
4. משפטו בתוך עמים רבים ומשם יעלנו למשפט
5. ובתוכם ירשיענו ובאש גופרית ישפטנו. הוי
6. בונה עיר בדמים ויכונן (!) קריה בעולה הלוא
7. הנה מעם יהוה צבאות יגעו (!) עמים בדי אש
8. ולאומים בדי ריק ייעפו (שם יב - יג).
9. פשר הדבר על מטיף הכזב אשר התעה רבים
10. לבנות עיר שוו בדמים ולקים (- ולהקים) עדה בשקר
11. בעבור כבודה לוגיע (- להוגיע) רבים בעבודת שוו ולהרותם
12. במנ[ע]שי שקר להיות עמלם לריק בעבור יבואו
13. למשפטי אש. אשר גדפו ויחרפו את בחירי אל
14. כיא תמלא הארץ לדעת את כבוד יהוה כמים
15. יכסו אל הים (!) פשר הדבר [
16. בשובם [ ]

פון גאָט צבאות, אַז פעלקער זאָלן זיך מאַטערן פאַרן פייער,
אומות גאַנצע זאָלן פאַרמאַטערט ווערן פאַר גאָרניט. (חב. ב׳ 13־12)
**דאָס מיינט מען דעם פאַלשן פּרעדיקער, וואָס האָט פאַרפירט אַ סך,**
**זיי זאָלן זיך בויען אַ פאַלשע שטאָט מיט בלוט, זיך אויפשטעלן אַן עדה מיט ליגנס,**
**נאָר צוליב כבוד. פאַרמאַטערן פילע מיט אַ פאַלשער מי, זיי אויסלערנען**
**[מעשׂ]ים פון שקר. זייער מי זאָל ווערן צו גאָרניט, כדי זיי זאָלן אומקומען נאָכדעם**
**אין משפט פון פייער, ווייל זיי האָבן געזידלט און פאַרשעמט גאָטס דערוויילטע.**
„ווייל די ערד וועט פול ווערן מיט דערקענטעניש פון גאָטס פּראַכט, ווי וואַסערן
באַדעקן דעם ים״. (חב. ב׳ 14) ...... **דאָס מיינט, [אַז...]**
**וועט זיי וועלן זיך אומקערן [צו גאָט...]**

יא **... דער ליגן, און נאָכדעם וועט זיי אַנטפּלעקט ווערן די דערקענטעניש, ווי וואַסערן**
**וואָס פילן אָן דעם ים.** ווי, דער וואָס טרינקט אָן זיין חבר, ער מישט צו
זיין צאָרן, כדי אַריינצוקוקן אין זייערע יום־טובים... (חב. ב׳ 15).
**דאָס מיינט מען, דעם כהן דעם רשע, וואָס**
**האָט פאַרפאָלגט דעם מורה צדק, געוואָלט אים איינשלינגען מיט כעס,**
**פון זיין צאָרן, אינעם הויז פון זיין גלות, און צום סוף פון דעם יום טוב רו,**
**פון יום כיפור, איז ער דערשינען ביי זיי, זיי איינשלינגען,**
**זיי שטרויכלען אין דעם פאַסט טאָג, זייער שבת פון מנוחה.** „האָסט זיך געזעטיקט
מיט שאַנד אַנשטאָט כבוד. טרינק דו אויך און ווער פאַרסמט.
אומדרייען וועט זיך צו דיר דער כוס פון גאָטס רעכטער האַנט, און קוויטיקע שאַנד
וועט זיין אויף דיין כבוד. (חב. ב׳ 16)
**דאָס מיינט מען דעם כהן, וואָס זיין שאַנד איז נאָך שטאַרקער געווען פון זיין כבוד,**
**ווייל ער האָט ניט פאַרשניטן די ערלה פון האַרצן, און איז זיך געגאַנגען זיין**
**זינדיקן וועג, כדי שטילן זיין דאָרשט. אַ כוס פול מיט צאָרן,**
**מיט [סם] וועט אים איינשלינגען, און ער וועט נאָך צוקריגן [שאַנד און] קלעפּ און ווייטיק. . . .**

(„...ווייל דער אומרעכט צו לבנון וועט דיך צודעקן, און דאָס פּאַרוויסטן די בהמות)

יב וועט דיך צעשמעטערן, פאַר מענטשלעך בלוט, פאַרן אומרעכט צום לאַנד, צו דער שטאָט, צו אירע איינוואוינער, (חב. ב׳ 17

**דאָס מיינט, אַז דעם כהן דעם רשע, וועט ווערן באַצאָלט**

**וואָס אים** קומט, **ווי ער איז מיט די אביונים זיך באַגאַנגען.** „דער לבנון" מיינט דאָ,

**דער ראַט פונעם יחד. די „בהמות" מיינט דאָ די פשוטע יידן, וואָס היטן**

**די תורה געבאָטן. פאַר זיי וועט גאָט אים פאַרמשפּטן, ער וועט אים פאַרטיליקן,**

**ווי ער האָט פאַרטראַכט צו פאַרטיליקן די אביונים. און וואָס ס׳זאָגט זיך:** „פאַרן בלוט

פון דער שטאָט, און פאַרן אומרעכט צום לאַנד, (חב. ב׳ 17) **„די שטאָט" דאָס מיינט מען ירושלים,**

**וואָס דער כהן דער רשע, האָט אין איר מיאוסע זאַכן געטאָן, און האָט טמא געמאַכט**

**דאָס הייליקע הויז, פון גאָט.** „דאָס אומרעכט צום לאַנד", **דאָס זיינען די שטעט פון יהודה, וואו**

**ער האָט באַגזלט ס׳פאַרמעגן פון אָרימעלייט.** „וואָס נוצט אַ סטאַטוע וואָס איר באַשאַפער האָט זי אויסגעשניצט?

וואָס נוצט אַן אויסגעגאָסענער גאָט, און אַ לערער פון ליגנס? אַז דער באַשאַפער האָט זיך פאַרלאָזן אויף אים

צו מאַכן אָפּגעטער שטומע? (חב. ב׳ 18) **דאָס מיינט מען, די**

**געצן, וואָס פעלקער האָבן באַשאַפן צו דינען, צו בוקן זיך**

**פאַר זיי. די געצן וועלן קיינעם ניט ראַטעווען אין טאָג פונעם משפּט.**

(ווי, דער וואָס זאָגט) צו אַ האָלץ „כאַפּ זיך אויף", („דערוועק זיך" — צו אַן שטומען שטיין

ער וועט לערנען? ער איז גאָר איינגעפּאַסט אין גאָלד און זילבער.

קיין אָטעם איז אין אים ניטאָ. אָבער, יהודה, אין זיין הייליקן טעמפּל,

יג פאַר אים ווערט שטיל די גאַנצע ערד. (חב. ב׳ 20־19). **דאָס מיינט מען די פעלקער**

**וואָס דינען צו האָלץ און צו שטיין, און אין טאָג**

**פונעם משפּט, וועט גאָט זיי פאַרניכטן, די וואָס דינען די געצן,**

**איאיינעם מיט אַלע רשעים אויף דער ערד.**

# הודיות מגילה

מיר הויבן אָן דעם ערשטן עמוד פון דער 8טער שורה. די ערש־טע 7 שורות זיינען זייער פראַגמענטאַריש. ס'פעלן פון זיי אַ סך ווערטער. די עמודים באַשטייען פון אַרום 40 זייער ברייטע שורות. די אונטערשטע שורות פונעם עמוד, (פון אַרום שורה 33 און ווייטער) זיינען צעפוילט, אַפּנים פון „שטיין" אין קרוג אַזוי פיל הונדערטער יאָרן. און זיינען זייער פראַגמענטאַריש. מיר האָבן מערסטע פון זיי אויסגעלאָזן. ווי באַמערקט אין דער הקדמה, זיינען דאָ איבערזעצט די גרעסטע טיילן נאָר פון די די ערשטע 4 עמודים.

עמוד א׳ קאַפּיטל 1

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

8 מיט דיין חכמה האָסטו [באַזיניקט אַלע מענטשן] פון דער וועלט, און איידער דו האָסט זיי באַשאַפן, האָסטו געוואוסט זייערע מעשים

9 אויף [תמיד. ווייל מיט דיין ווילן] ווערט אַלץ געטאָן. גאָרניט ווערט באַקאַנט ווען דו ווילסט ניט. דו האָסט באַשאַפן

10 די גייסטער, און אויך די מענטשן זיינען דיין [יצירה. אויף אַלע דיינע טאָטן] האָסטו אַ ריכט שנור און אַ משפט געצייכנט. דו האָסט אויס־געשפרייט די הימלען

11 פאַר דיין כבוד וועגן. האָסט יעדן [נפש באַ]שאַפן ווי דו אַליין האָסט געוואָלט, און גייסטער פון גבורה מיט פעסטע געזעצן, נאָך איידער

12 זיי זיינען מלאכים געוואָרן [.....] די זייטן פון וועלט צו באַהערשן מיט ליכטער, און אַלע מיט זייערע סודות,

13 ווי שטערן אין הימלשע שטעגן, [ווי וואָלקנס] באַלאָדן מיט בליצן און דונערן, צו טאָן וואָס זיי דאַרפן, און אוצרות. . .

(ביז 21 זיינען די שורות זייער פראַגמענטאַריש).

21 . . . אַלץ איז גע[וואָרן מיטן זאָג] פון דיין מויל. אָן דיר ווערט גאָרניט געטאָן.

22 דאָס ווייס איך פון דיין געשענקטער חכמה. פאַר מיין אויער אַנטפּלעקט

האָסטו סודות פון וואונדער. און איך בין פון ליים גאָר באַשאַפן,
פאַרקנאָטן מיט וואַסער.

23 איך שטאַם פון דער שאַנד. מיין מקור איז פון קויט, געבאַקן אין אַן
אויוון פון זינד, געבויט אויף זינד, מיט אַ גייסט אַ פאַרוויִרטן. פאַר־
דאָרבן, און אָן שום

24 פאַרשטאַנד. דערשראָקן בין איך פאַרן משפט פון צדק. איז וואָס קאָן
איך זאָגן, וואָס איז נאָך ניט באַוואוסט? וואָס קאָן איך דערציילן,
וואָס איז נאָך ניט דערציילט? אַז אַלץ

25 איז פאַרצייכנט ביי דיר, פאַרקריצט אין זכרון פון אַלע אייביקע סופן און
תקופות פון יאָרן אָן צאָל, זינט די וועלט שטייט. פון אַלע צייטן

26 איז גאָרניט פאַרבאָרגן און גאָרניט פאַרלאָרן ביי דיר. וואָס קאָן זאָגן
אַ מענטש פאַר זיין זינד? מיט וואָס קאָן ער די שולדן פאַרענטפערן?

27. וואָס קאָן ער זאָגן ביים משפט פון צדק? צו דיר, גאָט פון וויסן, געהערן
די מעשים גערעכטע,

28 דער סוד פונעם אמת. אַ מענטשן באַשערט זיינען טאַטן פון זינד און
מעשים געפעלשטע. דו האָסט באַשאַפן

29 דעם גייסט אינעם מענטשלעכן לשון. דו ווייסט וואָס ער זאָגט. פאַר־
שטייסט שוין די פרוכט פון די ליפּן, נאָך איידער זיי ווערן. דו
שטעלסט אויס די ווערטער מיט מאָסן

30 פאַרן מיין און פאַרן אויסדרוק פון ליפּן באַשאַפסטו אַ ריכטשנור. די
ריכטשנורן פירסטו מיט סודות, די אויסדרוקן קומען מיט חשבון
אַרויס, צו שפּרייטן אויף וועלטן

31 דיין כבוד, דערציילן די וואונדער פון אַלץ וואָס דו טוסט מיט דיין אמת.
צו לערנען דיין צדק, ס'זאָל לויבן דיין נאָמען

32 אַלעמענס מויל. עס דערקענען דיך אַלע לויט זייער פאַרשטאַנד, און
מ'בענטשט דיך אויף אייביק [....] און דו מיט דיין רחמים

33 מיט גרויסע חסדים פאַרשטאַרקסטו דעם גייסט פון אַ מענטשן, נאָך
איידער ס'טרעפט אים אַ פּלאָג. [....]

עמוד ב׳ קאַפּיטל 2

7 [....] אַ פליסיק לשון האָסטו אין מיין שטאָ[מלדיק] מויל מיר געגעבן,
מיין נפש, האָסטו אונטערגעשפּאַרט מיט אַ גאַרטל אַ שטאַרקן,

8 מיט כוח מיט פעסטן. האָסט געשטעלט מיינע טריט אינעם וואוינאָרט
פון רשעות, בין איך פאַר די פושעים געוואָרן אַ פאַנג נעץ, און
אַ היילונג פאַר אַלע

9 וואָס האָבן די זינדיקע וועגן פאַרלאָזן. איך בין אַ שכל געוואָרן ביי די וואָס האָבן אים ווייניק, אַ בטחון געפיל ביי אַלע ניט זיכערע. האָסט מיך פאַר אַ חרפה געמאַכט,

10 אַ שאַנד פאַר די פעלשער. מיר האָסטו פאַרטרויט דיין אמת, און געמאַכט האָבן מיך די זינדיקע לייט —

11 אַ זידלוואָרט ביי די טיראַנען. לצים קריצן אויף מיר מיט די ציין. אַ לידל פון שפּאָט בין געוואָרן ביי פושעים.

12 עס ברויזן אויף מיר די האָרדעס רשעים, און ברומען ווי שטורעמס אין ימים, ווי עס צעוויגן זיך כוואַליעס מיט קויט

13 און בלאָטיקע שטורעמס. האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ סימבאָל ביי די וואָס האָבן אויסדערוויילט צדק און וויסן געפּרעדיקט אין סודות פון וואונדער. איך דאַרף עס קלייבן

14 [די זוכער] פון אמת. און פרואוון די ריינע וואָס האָבן ליב מוסר. אַ שונא אין קריג כ'בין געוואָרן ביי די וואָס פאַרפירן אויף זינדיקע וועגן. [אַ סימבאָל]

15 פון [של]ום — ביי אַלע וואָס זעען און זאָגן דעם אמת. איך בין געוואָרן אַ גייסט פול מיט קנאה, אַוועקגעשטעלט האָב איך זיך קעגן די ליג[נער.]

16 האָבן פאַלשע רשעים צעברומט זיך אויף מיר מיט אַ הילך פון שטורמישע ימים. זיי האָבן אין הינטערגעדאַנק בליעל'ס

17 [מח]שבות. זיי ווילן פאַרקערן צום גרוב דאָס לעבן פון דעם, וואָס דו האָסט פאַרגרייט און געלערנט. שכל

18 אַריינגעטאָן האָסטו אין האַרצן אין זיינעם צו עפענען קוואַלן פון וויסן פאַר אַלע מבינים. זיי ווילן דאָס וויסן פאַרביטן מיט שטאַמלדיק לשון,

19 מיט אַ שפּראַך מיט אַ פרעמדער, פאַרן פאָלק וואָס פאַרשטייט ניט, זיי זאָלן ווערן פאַרשלונגען אין זינד.

20 איך דאַנק דיר גאָט, וואָס האָסט מיין נפש פאַרקניפּט אינעם בונד פונעם לעבן.

21 האָסט מיר געהאָלפן פאַרמיידן די נעצן פון גרוב. [ס'ה]אָבן טיראַנען געזוכט מיך פאַרלענדן, נאָר איך האָב זיך געשטיצט

22 אויף דיין בונד. זיי זוכן אינטריגעס, בליעלס געזעמל. זיי ווייסן ניט, אַז איך שפּאַר זיך אָן אויף דיין כוח,

23 אַז אויף דיינע חסדים שטיצט זיך מיין לעבן, און אַז דו האַלטסט אונטער מיין טראָט. זיי ווייסן ניט, אַז דו מאַכסט זיי לויערן

24 אויף מיר, כדי שווערער צו מאַכן דעם משפט אויף יענע רשעים. מיך וועסטו דערהויבן קעגן

25 אַלע, ווייל דו טוסט מיט מיר חסד. איך האָב זיך געטראַכט, ס׳האָבן מיך באַלאַגערט גבורים מיט אַלע

26 געווערן פון קריג. זיי האָבן פיילן פאַרסמטע צעוואָרפן וואָס מ׳קאָן זיך ניט היילן פון זיי. זיי האָבן געפלאַמט מיט שווערדן פון פייער, וואָס ברענט אָפּ געהילץ.

27 ווי אַ שטורעם פון ים הילכט אָפּ זייער קול. אַן אויסברוך פון וואָלקנס, וואָס קאָן אַלץ פאַרניכטן. פון צעפלייצט און צעשפּאָלטענעם שטורעם

28 ווערט גיפט, אַ ליגן — פון פאַרהויבענע כוואַליעס. און איך, ווען מיין האַרץ ווערט צעגאַנגען פון שרעק, שטאַרק איך זיך גאָט מיט דיין בונד.

29 אין דער נעץ וואָס זיי האָבן פאַר מיר אויסגעשפּרייט, וועלן ווערן פאַרכאַפּט זיי אַליין. אין די פאַסטקעס וואָס זיי האָבן באַהאַלטן פאַר מיר, וועט ליגן זייער אייגן געביין. אויפן וועג אויפן גלייכן וועט מיין פוס בלייבן שטיין.

30 אַפילו פון מיטן פון זייערע האָרדעס, וועל איך לויבן דיין נאָמען.

31 אַ דאַנק דיר גאָט, וואָס [האַלטסט] אויף מיר אַן אויג, און ראַטעוועסט מיך פון דער קנאה וואָס ס׳טראָגן אויף מיר די פרעדיקער פון ליגן.

32 פון דער עדה „דורשי חלקות״ 1), האָסטו אויסגעלייזט מיך, דעם אביון, וואָס זיי האָבן געזוכט צו פאַרלענדן. זיין בלוט

33 האָבן זיי פאַרגיסן געוואָלט, פאַר דינען דיך. זיי [ווייסן ניט], אַז מיין זיכערער טראָט שטאַמט פון דיר. האָבן זיי מיך געמאַכט צו שפּאָט

34 און צו שאַנד ביי אַלע וואָס דרשענען ליגנס. דו גאָט העלפסט אַן אָרעמען, אַ דערשלאָגענעם,

35 פון איינעם וואָס איז שטאַרקער פון אים. האָסט מיך אויסגעלייזט פון הענט פון טיראַנען, זייער זידלען האָט מיך ניט פאַרציטערט

36 אַז איך זאָל דיך אויפהערן דינען אַ דערשראָקענער פון ר[שע]ים אַרום. זיי ווילן פאַרבייטן מיין זיכער געפיל מיט פחד וואָס ....

(ס׳איבעריקע אין דעם עמוד איז פראַגמענטאַריש).

---

1) זע נאָטיץ 10, קאַפּיטל 5.

## עמוד ג. 6טער קאַפּיטל

19 איך דאַנק דיר גאָט, וואָס האָסט מיין נשמה אויסגעלייזט פון גרוב, און פון אונטערשטן גיהינום

20 האָסטו מיך דערהויבן צום אייביקן רום. איך גיי אויף אַ גלייכן, אויף אַ גרענעצלאָזן וועג, און איך ווייס, ס׳איז אַ האָפענונג דאָ

21 פאַר די וואָס דו האָסט באַשאַפן פון שטויב, צו בלייבן לעבן אויף דער וועלט. אַ פאַרקרימטן גייסט האָסטו געריייניקט פון פיל זינד, אַז ער זאָל זיך שטעלן אין איין שטאַנד מיט

22 די הייליקע חילות, און זיין אינאיינעם מיט זיי אין עדה פון הימלשע זין. צו אַן ערדישן מענטש האָסטו אַ גורל פון אייביק געשענקט, צוזאַמען מיט אַ גייסט

23 פון וויסן, כדי דיין נאָמען זאָל ווערן געלויבט מיט פרייד, און כדי דיינע וואונדער זאָלן ווערן באַוואוסט צו דיין גאַנצן באַשאַף. און איך, באַשאַפן

24 פון ליים און פאַרקנאָטן מיט וואַסער, וואָס בין איך? וואָס פאַר אַ ווערט האָב איך? וואָס מ׳שטיינס געזאָגט איז מיין כוח, אַז געשטאַנען בין איך אין די גרענעצן פון רשעות

25 מיט די שפאַלטער אינאיינעם, איר איין גורל. די נשמה פונעם אביון אין מיר האָט זיך געשראָקן פאַר די פיל שטורעמס, זיך פאַרצאַפּלט פאַר די שרעקלעכע אומגליקן, וואָס זיינען געלעגן פאַר מיינע טריט.

26 ווען ס׳האָבן זיך געעפנט די נעצן פון גרוב, און ס׳האָבן זיך אויסגעשפרייט די פאַסטקעס פון רשעות, און די פאַנג בעץ איז געלעגן פאַרשפרייט אויפן וואַסער.

27 ווען ס׳וועלן פליען די פיילן פון אומקום, אָן אויפהער וועלן זיי אַלצדינג צעשטערן, אָן אויסזיכט, ווייל ס׳וועט ליגן גאָטס ריכט־שנור אויפן משפט, אַ גורל פון צאָרן וועט פאַלן

28 אויף די פאַרלאָזענע, אַן אויסגוס פון כעס וועט ליגן אויף די וואָס פאַרטייען זיך. אַ לעצטן גרימצאָרן וועט ער אויסלאָזן אויף בליעל. טויטלעכע אַנגסטן וועלן אַלעמען פאַרכאַפן, קיינעם ניט שוינען.

29 ווייל די טייכן פון בליעל זיינען אַריבער די ברעגן, און פאַרצערט אַלע אַנשעפער, ווי אַ פייער פאַרשרפט יעדער פייכט שטיקל האָלץ,

30 אַזוי ווי די טרוקענע צווייגלעך. דער אומגליק וועט פליען מיט פלאַמיקע כוואַליעס, ביז וואַנען די אַלע וואָס וועלן עס טרינקען, וועלן מער שוין ניט זיין. די ליימיקע יסודות וועלן ברענען,

31 אַלע טרוקענע שטיינער, די גרונטן פון די בערג וועלן זיך אָנצינדן; די וואָרצלען פון קרעמען־שטיין וועלן שרפענען ווי טייכן סמאָלע. אַלץ וועט פאַרברענט ווערן, פון אַלץ וועט ווערן אַ תהום.

32 ס׳וועלן ווערן צעפּלאָסן אין גיהינום די טייכן פון בליעל. די ברעגן פון תהום וועלן ברומען מיט אַ הילך פון וואולקאַנען, וואָס שליידערן ברענענדיקע בלאָטע. די ערד

33 וועט וואָיען אויפן בראָך וואָס געשען. יעדער וואָס פילט עפּעס, וועט קלאָגן אויפן גזר. אַלע וואָס געפינען זיך אויף דער ערד וועלן ווערן צעמישט

34 און וועלן ווערן צוניִשט אין דעם [גרו]יסן בראָך. ווען גאָט וועט אַ שאַל טאָן מיטן הילך פון זיין כוח, און ס׳וועט אַ דונער טאָן דאָס וואוינאָרט פון קדושה מיטן אמת

35 פון זיין כבוד, ווען די חילות פון הימל וועלן אַ ברום טאָן זייער קול, דאַן וועלן ווערן פאַרצאַפּלט, פאַרציטערט די מענטשן פון דער וועלט. די מלחמה פון די הימלשע גיבורים

36 וועט אַ פלייץ טאָן איבער וועלט אָן אַן אָפּשטעל, ביז עס וועט אומ־קומען בליעלס ממשלה אויף אייביק, און מער וועט אַזאַ שוין ניט זיין.

עמוד ד׳ קאַפּיטל 8

5 איך דאַנק דיר גאָט, וואָס האָסט באַלויכטן מיין פּנים, איך זאָל צושטיין צו דיין בונד, און [האָסט מיך געראַטעוועט פון אומקום.]

6 [.....] זוך איך דיך. און ווי דער פרימאָרגן איז גרייט צו באַ[לויכ]טן דאָס פינצטערניש, אַזוי האָסטו אויף מיר אַ שיין געטאָן. און זיי האָבן מיט דיר [.....]

7 אָפּגעטאָקטע [רייד] האָבן זיי גערעדט. מיט פאַלשע פּראַזן האָבן זיי דאָס פאָלק [פאַרבלע]נדט און פאַראומגליקט.

8 פאַר זייערע פאַרקרימטע מעשים, האָט גאָט זיי פאַרמיאוסט. מיט מיר האָבן זיי ניט געוואָלט זיך רעכענען, ווען דו האָסט מיך געשטאַרקט. פון מיין לאַנד האָבן זיי פאַרשטויסן מיך,

9 ווי אַ פויגל פון זיין נעסט פאַרטריבן. אַלע מיינע פריינט און באַקאַנטע זיינען מיר פרעמד געוואָרן. מען האָט מיך באַטראַכט פאַר אַ פאַרלאָרענער כלי. אָנגערעדט האָבן זיי

10 ליגנס, און פאַלשע נביאות. די בני בליעל האָבן אויף מיר אַ פאַרשווערונג געמאַכט. דיין תורה וואָס דו האָסט מיך געלערנט, האָבן זיי מיט ליגנס פאַרדרייט

11 פאַרן פאָלק. זיי האָבן צוריקגעהאַלטן דאָס וויסן געטראַנק, פון די וואָס האָבן געדורשט נאָך דעם, און די דורשטיקע האָבן זיי עסיק[2] צום טרינקען דערלאַנגט. כדי גאָט זאָל דערזען

12 זייער בלאָנדזשען, ווי זיי שפּאָטן פון די יום־טובים און ווערן פאַר־כאַפּט אין די פּאַסטקעס[3]. דו, גאָט, האָסט פאַרמיאוסט די אינ־טריגעס

13 פון בליעל. דיין עצה, נאָר זי וועט ווערן מקוים. דיין האַרצנס מחשבה, וועט האָבן אַ קיום אויף אייביק. זיי, די רשעים, זיינען ליגנער. בליעלס הינטערגעדאַנקען

14 פאַרטראַכטן זיי. זיי זוכן דיך מיט אַ צווייפּנימדיק האַרץ. זיי זיינען ניט גרייט פאַר דיין אמת. אַ וואָרצל וואָס פּרוכפּערט מיט גיפט און מיט גאַל, איז ביי זיי אין געדאַנק.

15 נאָך די זינדיקע תאוות פון האַרצן קערן זיי אָפּ. דיך זוכן זיי צווישן געצן. די זינד מיט וועלכע זיי שטרויכלען שטעלט מען אַוועק קעגן זיך מיט אַ שטאָלץ. דיך קומען זיי

16 זוכן ביי פאַלשע נביאים וואָס פאַרפירן דאָס פאָלק. מיט אַ [שטאַמ]לדיק לשון, מיט אַ שפּראַך מיט אַ פרעמדער, רעדט מען דאָס פאָלק צו

17 צו צביעות. אַלץ וואָס זיי טוען איז פאַלש. זיי [ווייסן ניט וואָס דו] האָסט געזאָגט, זיי הערן זיך ניט צו צו דיין וואָרט. זיי זאָגן :

18 דאָס וויסן וואָס דו האָסט אַנטפּלעקט איז ניט ריכטיק. דיין וועג איז ניט קיין אמתער. דו גאָט, וועסט זיי ענטפערן ווען דו וועסט זיי ברענגען צום משפּט

19 מיט דיין גבורה, פאַר זייער דינען דער מיאוסקייט, פאַר זייערע פילע חטאים. זיי וועלן ווערן געכאַפּט אין זייערע אומריינע מחשבות, ווייל זיי האָבן אָפּגעקערט פון דיין בונד.

20 וועסט שטר[אָפן] מיט כרת די פעלשער, די ליגנער נביאים. זיי וועלן אינגאַנצן פאַרלענדט ווערן. אין אַלע דיינע מעשים איז ניטאָ קיין אומוואָרהייט.

---

2) פאַרגלייך מיט מעטיו 27' 48 : תהילים ס"ט, 22.
3) זע „פּשר חבקוק" ז. 15.

21 ניטאָ קיין שום פאַלשקייט אין דיינע פלענער פאַרטראַכטע. די וואָס פירן
זיך אויף לויט דיין ווילן, וועלן אַלעמאָל בלייבן מיט דיר. די גע־
טרייע וואָס גייען אין וועג פון דיין האַרצן,

22 וועלן אויף אייביק שוין שטיין ביי דיין זייט. [און] איך, ווייל איך שטיץ
זיך אויף דיר, הייב איך זיך אויף, און שטעל זיך אַ שטאָלצער, אַ
פעסטער קעגן שונאים. איך בין שטאַרקער פון די וואָס פאַרמיאוסן
מיך. ווייל

23 זיי טראַכטן פון דיר ניט, ביז דו באַווייזט דיין גבורה אין מיר. דיין
כוח באַלויכט מיר דאָס פינצטערניש זייערס. פאַרשעמסט ניט דאָס
פנים

24 פון די וואָס פּאָלגן מיר [נאָך] און האַלטן צוזאַמען דיין בונד. ס׳פּאָלגן
מיך אַלע וואָס גייען אין וועג פון דיין האַרצן. די וואָס שטעלן זיך
גרייטע דיך דינען

25 אין סוד פון די קדושים. אָט די וועסטו משפטן צום אייביקן לעבן. מיט
אמת וועסטו דן זיין די גערעכטע. וועסט ניט לאָזן זיי בלאָנדזשען
נאָך קריגער רשעים,

26 ווי יענע פאַרטראַכטן עס. דיין שטראָף אויף יענע וועט וואַרפן אַ מורא
אויפן פאָלק, און וועט זיך פאַרשפרייטן אויף פעלקער און לענדער.
מיט כרת וועסטו משפטן אַלע

27 וואָס טרעטן אַריבער דיין אָנזאָג. דורך מיר באַלויכטסטו דאָס פנים
פון פיל און מענטשן אָן צאָל מאַכסטו שטאַרק. מיר האָסטו וויסן גע־
לאָזט די סודות

28 פון וואונדער, מיט דיין וואונדערלעכן סוד האָסטו מיך געשטאַרקט. אויף
חידושים געשטעלט האָסטו מיך קעגן אַלע, פאַר דיין אייגענעם
כבוד, צו וויסן געבן

29 צו אַלע וואָס לעבן דיינע גבורות. וועלכער מענטש קאָן עס טאָן? וועל־
כער מענטש, באַשאַפן פון ליים קאָן ווייזן אַזעלכע וואונדער? אַז
זינדיק איז מענטש

30 פון געבורט אָן און ביז צו זיין עלטער פאַרזינקט ער אין קויטיקער
שולד. איך וויים. עס טוט קיין מענטש ניט קיין צדק. ס׳ווייסט
קיין בן אדם קיין גאַנצן

31 וועג ניט. צו גאָט וואָס פון אויבן געהערן די מעשים גערעכטע. דער
וועג פון אַ מענטש קאָן גלייך גאָר ניט זיין, סיידן באַשאַפן אין אים
האָט גאָט אַזאַ גייסט,

32 ער זאָל גאַנץ מאַכן מענטשן, און פירן אויף וועגן אויף גלייכע. אַז ברייט
זאָלן באַקאַנט זיין די מעשים פון גאָט, זיין כוח, זיין גבורה, זיין רחמים
אויף אַלע די קינדער
33 וואָס ווערן באַוויליקט פון אים. און איך, עס כאַפּט מיך אָן אַ ציטער,
ס׳טרייסלען די ביינער אין מיר, עס צעגייט מיר ס׳האַרץ ווי וואַקס
אויפן פייער. די קני מיינע זינקען,
34 ווי וואַסער וואָס פליסט באַרג אַראָפּ און אַראָפּ. איך געדענק מיינע שולדן,
איך ווייס די[ם] פאַראַט פון די עלטערן מיינע. ווען רשעים האָבן אַן
אויפשטאַנד געמאַכט אויף דיין בונד,
35 ווען קריגער האָבן געבראַכן די אָנזאָגן דיינע האָב איך זיך געטראַכט,
פאַר מיינע זינד בלייב איך שוין אויסער דיין בונד. נאָר ווען כ׳האָב
זיך דערמאָנט אין דיין כוח דעם גרויסן,
36 ווען כ׳האָב פון דיין גרויסן רחמנות געטראַכט, האָב איך זיך דערוואַכט,
אַ שטעל זיך געטאָן, מיין גייסט האָט אַ שטייפער געשטעלט זיך אַנט־
קעגן דער פּלאָג. כ׳האָב זיך געשט[יצט]
37 אויף דיינע חסדים אויף דיינע פיל רחמים. דו קאָנסט דאָך מכפּר [זיין
זי]נד. דו רייניקסט דאָך שולדיקע מענטשן מיט צדק.
38 ניט פאַר קיין מענטשן [....] דו האָסט באַשאַפן דעם צדיק, דעם רשע
[......]

(ס׳איבעריקע פון עמוד איז פראַגמענטאַריש).

# די מלחמה מגילה

א [דאָס איז דער סרך פאַר די מענטשן] וואָס דאַרפן מלחמה האַלטן. די ערשטע אונטערנעמונג פון די בני אור דאַרף זיין — אָנהייבן די מלחמה אייפן גורל פון די בני חושך, אויפן חיל פון בליעל, אויף די מחנהס פון אדום, פון מואב און פון עמון,

אויפן ח[יל פון צידון], פון די פלישתים, אויף די לעגיאָנען פון די אשור כתים 1), און די וואָס קומען זיי צוהילף, די וואָס האָבן פאַרבראָכן קעגן בונד מיט גאָט 2), די קינדער פון לוי, (די כהנים, — ש. ג.) פון יהודה, פון בנימין. די פאַרטריבענע אין מדבר וועלן מלחמה האַלטן מיט זיי.

די גאַ[נצע מחנה], אַלע מיליטער טיילן וועלן מלחמה האַלטן, ווען די קינדער פון ליכט, די וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן צווישן די פעלקער, וועלן זיך אומקערן און אויפשטעלן לאַגערן אין מדבר ירושלים. נאָך דער מלחמה וועלן זיי פון דאָרטן אַרויפגיין און האַלטן מלחמה

מ[יט חילות] פון כתים אין מצרים. צום סוף פון דעם קריג, וועלן זיי אַרויס מיט גרויס צאָרן און האַלטן מלחמה מיט די קעניגער פון צפון און גאָט וועט מיט זיין צאָרן פאַרניכטן און פאַרטיליקן די האָרן

[פון בליעל. דאָס] וועט זיין אַ צייט פון ישועות פאַר גאָטס פאָלק. ס'וועט נעמען אַ סוף צו דעם, אַז די מענטשן פון גאָטס גורל זאָלן אונטערדריקט ווערן, און אַ סוף וועט עס זיין פאַר אַלע וואָס טיילן בליעלס גורל. ס'וועט זיין אַ מהומה

[אַ גרויסע ביי] די קינדער פון יפת. אשור וועט אומפאַלן און קיינער וועט ניט העלפן. צו דער הערשאַפט פון די כתים וועט נעמען אַ סוף.

---

1) זע (דעם סוף) פון קאַפּיטל 6, זייטן 103־104.

2) עס איז קלאָר, די יידן וואָס זיינען ניט צוגעשטאַנען צום נייעם בונד, זיי ווערן שוין פאַררעכנט ביי די פרומע חסידים אויף איין מדרגה מיט די ערגסטע רשעים וואָס שטייען אויף דער זייט פון בליעל.

דאָס רשעות וועט ווערן פאַרשניטן אינגאַנצן, ס׳וועט קיין אַנטרינונג ניט זיין

פאַר [קיינעם פון די בנ]י חושך.

[אמת און צד]ק וועלן לויכטן איבער אַלע עקן וועלט. ס׳וועט ווערן אַלץ ליכטיקער, ליכטיקער ביז עס וועט נעמען אַ סוף צו פינצטערע צייטן. אין דער צייט, דער באַשטימטער פון גאָט, וועט אַ לויכט טאָן זיין מעכטיקע גרויסקייט אויף אַלע עקן פון

[וועלטן] צו שלום און ברכה, צו כבוד און פרייד, צו לאַנג לעבן פאַר אַלע בני אור. דער טאָג ווען די כתים וועלן פאַלן, וועט זיין אַ שרעקלעכער, גרויזאַמער קאַמפּס־טאָג ביי גאָט

פון ישראל. ווייל דאָס איז דער טאָג וואָס פאַרגרייט איז פון דאַן נאָך,3) פאַר דעם טאָג צו פאַרלענדן די בני חושך. אין דעם טאָג וועט די עדה פון גאָט זיך באַגעגענען אין אַ ריזיקן שטרייט מיט די האָרדעס פון

מענטשן. ביידע, די קינדער פון ליכט מיטן גורל פון חושך וועלן האַלטן מלחמה מיטן כוח פון גאָט. ס׳וועט זיך הערן אַ הילך פון אַ גרויסן המון, אַ טרומייטערן פון מלאכים און מענטשן אין דעם טאָג פונעם אויסברוך. אַ צייט וועט עס זיין פון

[גרויס] אומגליק אויפן פאָלק וואָס גאָט קלייבט זיך באַפרייען. פון אַלע זייערע צרות — איז נאָך קיינמאָל אַזאַ ניט געווען. דאָס וועט זיך ענדיקן שנעל מיט אַן אויסלייז אויף אייביק. אין דעם טאָג ווען זיי וועלן האַלטן מלחמה מיט די כתים,

וועלן זיי אַרויסג[יין צום ריז]יקן קאַמף. 3 מאָל וועלן זיך שטאַרקן די קינדער פון ליכט צו דערשלאָגן דאָס רשעות, און דריי מאָל וועט שטאַרק זיין דאָס חיל פון בליעל, און ס׳וועט ליידן דער גורל פון

[גאָט. דאַן] וועט דאָס פוס־גייער חיל ווערן דערשראָקן, ווען גאָטס גבורה וועט שטאַ[רקן דאָס] האַרץ [פון די קינדער פון חושך.] אָבער אין זיבעטן גורל, וועט גאָטס האַנט באַצווינגען [....] (די איבעריקע עטלעכע שורות זיינען פראַגמענטאַריש. עס זיינען געבליבן פון זיי נאָר עטלעכע ווערטער און באַזונדערע אותיות דאָ און דאָרט).

---

3) איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

## עמוד 7

ז די מענטשן פון סרך (די אָפּיצערן ?) דאַרפן זיין אינעם עלטער פון 40 און ביז 50 יאָר. די פירער פון די מחנות דאַרפן אַלט זיין פון 50 און ביז 60 יאָר. די שוטרים, די היטער

דאַרפן אויך זיין אין עלטער פון 40 און ביז 50 יאָר. די וואָס טוען אויס די פאַרוואונדעטע, די וואָס רויבן דעם רויב, און באַגראָבן די טויטע, די וואָס היטן די כלים, (דאָס געווער — ש. ג.)

און וואָס ׳גרייטן צו שפּייז — אַלע דאַרפן זיין אינעם עלטער פון 25 און ביז 30 יאָר. קינדער און פרויען טאָרן ׳ניט זיין אין די מחנות פון דער צייט ווען דאָס חיל וועט אַרויס

פון ירושלים האַלטן די מלחמה, און ביז זיי וועלן קומען צוריק. אַ מענטש וואָס הינקט, אַ בלינדער, אַ קרומער, איינער וואָס האָט אַ מום אויף זיין לייב, אָדער דער וואָס איז געפּלאָגט מיט אַן אומ־ריינער וואונד

אויף זיין קערפּער — די אַלע טאָרן אין מלחמה ניט גיין מיטן חיל. די קריגער דאַרפן אַלע זיין מענטשן וואָס האָבן זיך ׳געווידמעט צו מלחמה, גאַנצע אין גייסט, און קערפּערלעך גאַנצע, און ׳גרייטע צום טאָג פון נקמה. און איינער

וואָס איז אינגאַנצן ׳ניט ריין, (פון אַ קערפּערלעכער אומריינקייט — ש. ג.) אין דעם טאָג פון דעם קריג, זאָל ׳ניט ׳גיין מיט דער מחנה, ווייל אין חיל פון „יחד״ זיינען הייליקע מלאכים פאַראַן. עס דאַרף זיין אַ דיסטאַנץ

פון די מחנות צום אומריינעם פּלאַץ וואָס דערביי. (זע דברים כ״ג, 13 — ש. ג.) אַרום 2000 איילן. קיין מענטשלעכע אומריינקייט טאָר זיך ניט אָנזען לעבן לאַגער.

ווען ס׳שטעלן זיך אויס די מלחמה קאַלאָנעס קעגן שונא, דאַרפן זיי שטיין אַ שורה מיט חיל קעגן אַ שורה מיט חיל, און ס׳דאַרפן אַרויס׳גיין פון דעם מיטעלן טויער צווישן די שורות זיבן

כוהנים, פון די קינדער פון אהרון, אָנגעטאָן אין ווייסע, אין זיידענע קליידער. יעדער מיט אַ העמדל פון לייוונט, מיט לייוונטענע הויזן, מיט אַ לייוונטן ׳גאַרטל געוועבט מיט בלויען זייד,

מיט פּורפּור און מירמל רויט, מיט געשטריקטן אויסזען, באַארבעט פון קינסטלער. און מיט שיינע היטלען אויף די קעפּ. (זע שמות ל״ט

‏28־30 — ש. ג.) דאָס זיינען די מלחמה קליידער. צום בית המקדש
דאַרף מען די קליידער ניט
ברענגען 4). איין כהן זאָל אַרומגיין אין דער מחנה, שטאַרקן די הענט
פון די קריגער, און די אַנדערע 6 זאָלן האַלטן אין די הענט
די טרומייטערס צוזאַמענצורופן, די טרומייטערס צו געבן די סיגנאַלן,
די טרומייטערס צום שאַלן, די טרומייטערס צו יאָגן דעם שונא, און
די טרומייטערס צונויפזאַמלען אַלע. ווען די כהנים וועלן אַרויסגיין
צווישן די קאָלאָנעס, זאָלן 7 לווים אַרויסגיין מיט זיי, 7 שופרות צום יובלען
דאַרפן זיי האַלטן. צווישן די 7 לווים דאַרפן אויך זיין דריי שוטרים,
פאַר די כהנים מיט די לווים. די כהנים זאָלן טרובען אין טרומייטערס
צום איינזאַמ[לען .... מ]לחמה מיט 50 פאַנצערן.
‏50 פוסגייער זאָלן אַרויס פון איין טויער [.....] לווים שוטרים, מיט
יעדער ליניע זאָלן זיי אַרויסגיין ווי די [.....]

עמוד 11 (אַ טייל פון אַ תפילה פאַר אַ שלאַכט)

יא ...ווייל ס׳איז דיין מלחמה. דורכן כוח פון דיין האַנט וועלן זיך
וואַלגערן זייערע פגרים און ס׳וועט קיינער ניט זיין זיי באַגראָבן.
גלית דער גתי, דעם העלדישן מאַן
האָסט איבערגעגעבן אין הענט פון דוד דיין קנעכט, ווייל ער האָט זיך
פאַרלאָזן אויף דיין גרויסן נאָמען ניט אויף קיין שווערד מיט קיין
שפיז. ווייל ס׳איז דיין מלחמה.
די פלישתים האָט ער באַזי[גט] אַ סך מאָל מיט דיין הייליקן נאָמען.
אויך דורך די הענט פון אונדזערע מלכים האָסטו אונדז געהאָלפן
אַ סך,
און נאָר מיט דיין רחמים האָסטו עס געטאָן, און ניט פאַר די זינדיקע
מעשים, ווייל מיר האָבן שלעכטס געטאָן, מיר זיינען פאַרשולדיקטע,
מיר האָבן געזינדיקט. עס איז דיין מלחמה און ביי [דיר] איז די
גבורה
ניט ביי אונדז. ניט אונדזער כוח, ניט אונדזער שטאַרקע האַנט קאָן די
מלחמה געווינען. ס׳איז דיין כוח, ס׳איז די שטאַרקייט פון דיין
גרויסער גבורה, [ווי] דו האָסט צוגעזאָגט,

4) אין שמות ל״ט 41, ווערט אָנגעזאָגט אַז צוזאַמען מיט אַלע הייליקע כלים, די מנורה און אַלץ זאָל מען אויך ברענגען צום משכן די הייליקע קליידער פון די כהנים. אונדז איז באַקאַנט אַז די הייליקע קליידער פון די כהנים פלעגט מען האַלטן אין בית המקדש. (אין דער גריכישער און רוימישער עפּאָכע) דאָ, ביי די חסידים איז דאָ אַ בפירושער אָנזאָג — ברענגט ניט די קליידער אין בית המקדש.

נאָך דאַן. ווי ס׳זאָגט זיך, (במדבר כ״ד 17־19) „אַ שטערן טרעט אַרויס פון יעקב, און אַ צעפּטער וועט אויפשטיין פון ישראל, און וועט צעהאַקן די ווינקלען פון מואב, און צעברעכן אַלע קינדער פון שת״.
און ס׳וועט געוועלטיקן איינער פון יעקב, און וועט אומברענגען אַן איבערבלייב אין שטאָט. דער שונא וועט ווערן ירושה, און ישראל וועט אויפטאָן העלדישקייטן. און דורך דיינע משיחים
וואָס זעען פאָרויס דאָס באַשערט,ע האָסטו אונדז צו וויסן געלאָזט דעם סוף פון דעם קריג, און ווי שווער מיר זאָלן באַגיין זיך מיט די שונאים. האָסט אונדז וויסן געלערנט ווי מיר זאָלן באַזיגן בליעלס חילות. זיבן
קלענערע פעלקער האָסטו איבערגעגעבן אין די הענט פון דיינע אביונים, וואָס דו האָסט אויסגעלייזט מיט [.....] מיט שלום און מיט וואונדערלעכער גבורה. דאָס צעגאַנגענע האַרץ פון שרעק איז געוואָרן אַ טויער פון האָפענונג. האָסט געטאָן אין זיי ווי דו האָסט געטאָן צו פרעהן
און די אָנפירער פון זיינע רייטוועגן אין ים סוף. די נידערגעשלאָגענע אין גייסט קאָנסטו אָנצינדן ווי פלאַקערס פון פייער וואָס כאַפּן זיך אָן אין אַ שטרוי גאַרב. אַזוי וועסטו פאַרברענען דאָס רשעות, וועסט אויסמיטן ניט לאָזן ביז —
ס׳וועט נעמען אַ סוף צו די זינד. נאָך פון דאַן אָן האָסטו צו וויסן גע[לאָזן דין] צייט ווען דו וועסט דערשלאָגן די כתים, ווי ס׳זאָגט זיך: (ישעיה ל״א 8) „און אשור וועט פאַלן מיט אַ שווערד, ניט פון קיין מענטשן, אַ שווערד
וואָס אַ מענטש וועט ניט האַלטן, אַזאַ וועט אים פאַרצערן״.
ווייל דו וועסט איבערגעבן די [שו]נאים פון אַלע לענדער אין די הענט פון די אביונים. דורך די הענט פון די וואָס קניען אינעם שטויב, וועסטו דערנידערן די גבורים פון די פעלקער, און דו וועסט אָפּצאָלן וואָס עס קומט
די רשעים אויפן [קאָפּ......] כדי גוט מאַכן דיין אמתן משפט אויף אַלע מענטשן, און כדי זאָלסט זיך מאַכן אַן אייביקן נאָמען אין פאָלק.....
[.....] די מלחמות. זאָלסט גרויס ווערן און ווערן געהייליקט אין די אויגן פון אַלע אַנדערע פעלקער, זיי זאָלן וויסן [....] (די איבעריקע 3 שורות זיינען זייער פראַגמענטאַריש).

# „פשר תהילים" ל"ו (8־40)

עטלעכע פראַגמענטן זיינען געפונען געוואָרן פון דעם פשר אויפן קאַפּ. תהילים ל"ז. די ערשטע 7 פסוקים מיט זייערע „פשרים" (אויסטייטשונגען) פעלן אינגאַנצן. ס׳פעלן אויך ווערטער און אַ פּאָר פסוקים אינמיטן און צום סוף. די איבעריקע 40 שורות וואָס זיינען געבליבן פון דעם קאַפּיטל, זיינען אָבער זייער וויכטיקע. עס דערקענען זיך אין זיי קלאָרער די באַ־גריפן וואָס די פרומע סעקטאַנטן האָבן געהאַט וועגן זייער אייגענער לאַגע און אויסזיכטן, און וועגן די אומגליקן וואָס קלייבן זיך אויף דעם איבעריקן פאָלק אין יהודה, אויף די „רשעים" וואָס האַלטן ניט דעם „פאַסט־טאָג" (יום כיפור) אין איין טאָג מיט זיי, מיט די פרומע חסידים.

דער אָפענער ריס מיט די יידן פון לאַנד, זעט זיך אָן אין די פראַגמענטן קלאָרער ווי אין די אַנדערע מגילות. דאָ איז אויך פאַראַן די דאַטע פון 40 יאָר, וואָס זיי דערלויבן זיך ביז דער גליקלעכער צייט, ווען די וואָס וועלן זיך אומקערן פון מדבר, וועלן ירשענען די וועלט און לעבן גליקלעך 1000 דורות.

ווי אין „פשר חבקוק", זיינען די ציטאַטן פון תהילים דאָ אויך אונטערגע־שטראָכן מיט „איטאַליקס". די ציפערן באַצייכענען די נומערן פון די פסוקים אינעם טעקסט, די אויסערלעכע ציפערן באַצייכענען די שורות אינעם פראַגמענט.

## פראַגמענט I

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

....זיי וועלן פאַרטיליקט ווערן דורך דער שווערד, דורך הונגער און דורך פּלאָג. *לאָז אָפּ דעם כעס, פאַרלאָז דעם צאָרן.*

*לאָז דיר ניט פאַרדריסן, דאָס פירט נאָך צום ערגערן, ווייל די שלעכטע וועלן פאַרשניטן ווערן* (9־8). דאָס מיינט מען די וואָס קערן זיך אום

צו דער תורה, און ווילן זיך דאָך ניט אָוועקקערן אינגאַנצן פון זייער שלעכטן וועג. די וואָס זאָגן זיך אָפּ

**און ווילן זיך ניט אָפּקערן פון זייערע זינד, — די ווערן האָבן כרת.** די וואָס האָפן צו גאָט — די וועלן ירשענען דאָס לאַנד (9), [פשרו,] **דאָס מיינט**

**די עדה פון זיינע אויסדערוויילטע וואָס טוען זיין ווילן.** נאָך אַ ווייל און דער רשע וועט מער ניט זיין

איך וועל זיך אומקוקן 1), אויף זיין אָרט און ער וועט ניט ווערן(10) דאָס **מיינט מען די גאַרע רשעות פון דער וועלט צום סוף**

**פון 40 יאָר, וואָס וועט זיך ענדיקן, און עס וועט אין לאַנד זיך ניט געפינען קיין איין מענטש וואָס איז**

**אַ רשע.** די געדריקטע וועלן ירשענען דאָס לאַנד און וועלן הנאה האָבן פון פיל שלום. (11) **דאָס מיינט מען**

**די אביונים, די וואָס היטן אָפּ דעם פאַסט־טאָג אין זיין ריכטיקער צייט. זיי וועלן זיך ראַטעווען פון אַלע נעצן**

**וואָס בליעל וועט אויסשפּרייטן, און נאָכדעם וועלן זיי זיך לאָזן וואוילגיין פון גוטס פונעם לאַנד**

דער (רשע) טראַכט שלעכטס אויפן צדיק און קריצט (אויף אים מיט די ציין. גאָט) לאַכט פון אים, ווייל ער ווייסט, אַז

עס קומט אויף אים אַ צייט. (12־13) **דאָס מיינט מען די וואָס פאַרברעכן קעגן בונד, מיטן כוח פון דער שווערד**

**ווילן זיי אומברענגען די וואָס פירן זיך לויט די תורה־געבאָטן, [וואָס...** און גאָט לאָזט ניט

די רשעים שלעפּן די שווערד אַרויס, זיי פאַרציען זייערע בויגנס, זיי ווילן הרגענען דעם אָרעמאַן, דעם אביון

זיי ווילן שעכטן אַלע די וואָס גייען אויפן גלייכן וועג. זייערע שווערדן וועלן זיך אַריינשטעכן אין זייער אייגענעם האַרצן, און זייערע בויגנס וועלן צעבראָכן ווערן. (15־14).

**פשרו, דאָס מיינט מען די רשעים פון אפרים און מנשה, וואָס ווילן הרגענען דעם כהן, און די מענטשן פון זיין ראָט, אין דער צייט וואָס דער, וואָס לויטערט און רייניקט**

**די וועלט וועט אָנקומען אויף זיי.** קיינער פון זיי וועט ניט אויסגעלייזט **זיין פון זיין האַנט. דערנאָך וועלן זיי איבערגעגעבן ווערן צו טיראַנען פון פעלקער צום משפּט —**

1) דער מסורה טעקסט פון תהילים איז „והתבוננת״ — (ווען דו זאָלסט זיך אומקוקן).

דורך די הענט פון די אויסדערוויילטע פון ישראל צום סוף פון די טעג, אין דער צייט פונעם לייטערן, וואָס קומט באַלד אָן.

בעסער דאָס ביסל ביים צדיק איידער די שפע פון (פיל) רשעים. (16)

דאָס מיינט מען.... וואָס האָבן ניט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די וואָס וועלן זיך אומקערן פון מדבר וועלן לעבן טויזנט דורות אין ישר[אל. זיי וועלן קריגן אַ נחלה]

אויף אייביק, פאַר זיי און פאַר זייערע קינדער אויף אַלע מאָל. אין די הונגער טעג וועלן זיי זיין (זאַט), ווייל די רשעים

וועלן אומקומען. (19־20) דאָס מיינט מען די וואָס וועלן איבערלעבן דעם הונגער [....] און פיל

וועלן אומקומען פון הונגער און פון דער פּלאָג, אַלע וואָס וועלן ניט אַרויס פון [לאַנד יהודה.].

ואוהבי ה׳ כיקר כורים״ (די וואָס האָבן ליב גאָט, ווי פעטע שעפּסטן (20) 2) פשרו, דאָס מיינט מען די

עדה פון זיינע אויסדערוויילטע, וואָס רשעים און האַרן וועלן זיין [פּאַס־טעכער] פון זייערע שאָף און זייערע טשערעדעס.

אַלע וועלן זיי פאַרגיין ווי רויך. (20) דאָס מיינט מען די האַרן, די ר[שעים] וואָס נאַרן דאָס פאָלק

דאָס הייליקע, זיי וועלן ניט ווערן, ווי אַ רויך [אין ווינט.] דער רשע לייט און קערט ניט אום

און דער צדיק האָט רחמנות און גיט, ווייל (זיינע געבענטשטע וועלן ירשענען דאָס לאַנד. און זיינע פאַרשאָלטענע וועלן פאַרשניטן ווערן (21־22).

דאָס מיינט מען די עדה אביונים, וואָס וועלן [ירשענען] די נחלה פון אַלע [רשעים] אויף [אייביק.]

זיי וועלן ירשענען דעם דערהויבענעם באַרג פון ישר[אל. דאָס] הייליקע פאָלק וועט זיך וואוילטאָן [פון פיל גוטס. און די וואָס]

וועלן ווערן פאַרשניטן — דאָס זיינען טיראַ[נען, ר]שעים פון ישראל,

2) אין מסורה תהילים שטייט: ואויבי ה׳, כיקר כרים כלו — יהואש: די וואָס האָבן פיינט גאָט, ווי שווערע לעמער פאַרגייען זיי. אַזאַ פסוק האָט אַ זין. ווען דער מחבר פונעם „פשר״ מאַכט פון „אויב״ — פיינט, אוהבי — ליבהאָבער, פאַרלירט שוין דער פסוק דעם זין. דער מחבר מאַכט אָבער אַן אייגענעם פסוק מיט אַן אייגענעם פשר.

**וואָס וועלן ווערן פאַרשניטן, פאַרטיליקט אויף אייביק.**

פון גאָט ווערן אויסגעשטעלט די מענטשלעכע טריט. ער באַוויליקט זיין גאַנצן וועג. אַז ער נפאַלט — בלייבט ער ניט ליגן, ווייל גאָט לייגט אונטער זיין האַנט. (23-24) **דאָס מיינט מען דעם כוהן, דעם מורה [צדק, וואָס**

**גאָט... האָט אים אָנגעשטעלט ער זאָל בויען אַן עדה פון זיינע דער־ווײלטע.....**

[....] יונג בין איך געווען, בין אויך אַלט געוואָרן, און האָב ניט געזען, אַז אַ צדיק

זאָל פאַרלאָזן ווערן, און זיינע קינדער זאָלן בעטלען ברויט. אַ גאַנצן טאָג שענקט ער און לייט יענעם, און מיט זיינע קינדער בענטשט מען זיך (25-26)

**[דאָס מיינט מען....]**

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער רשע היט דעם צדיק, ער וויל נאים טויטן. גאָט וועט אים אָבער ניט לאָזן ביים רשע אין האַנט, און וועט אים ניט) באַשולדיקן צום משפט. (32-33)

**דאָס מיינט מען דעם [כוהן] דעם רשע, וואָס האָט אויסגעשטרעקט [....] אים הרגענען [....]**

**וואָס ער האָט אים געשיקט, און גאָט וועט אים ניט [לאָזן ביים רשע אין האַנט], און וועט אים (דעם רשע) ניט [באַשולדיקן] צום משפט. ער וועט [אים ניט] אָפּצאָלן אינגאַנצן וואָס קומט אים. ער וועט אים איבערגעבן**

**אין הענט פון טיראַנען פון צווישן די פעלקער, זיי זאָלן אים טאָן [זיין משפט.]**

.............................................................

# פ ש ר  נ ח ו ם

דאָס איז דער פראַגמענט פון „פשר נחום" וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין אין קאַפּ. 9, (נאָטיץ 8). דאָס איז איינער פון די וויכטיקסטע פראַגמענטן וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין הייל נומ. 4. אין קיינע פון די מגילות, ווי מיר ווייסן, זיינען ניט דערמאָנט קיין נעמען. דאָס שטיקל פאַרמעט איז אַן אויס־נאַם. דאָ זיינען דערמאָנט צוויי נעמען און ס׳איז פאַראַן אַן אָנדייטונג אויף אַ דריטן. עס ווערט דאָ דערמאָנט אַ קעניג דימיטריוס (שורה 3), וואָס האָט געוואָלט אַריין קיין ירושלים. מיר זיינען זיכער, אַז דאָ איז געמיינט די־מיטריוס דער דריטער, וועמענס צונאָמען איז געווען איקאַריוס. פלאוויוס דערציילט וועגן אים (אלטערט. בוך 13, קאַפּ. 14; מלחמות, בוך 1, קאַפּ. 4), אַז די פרושים אויפשטאַנדלער קעגן אַלעקסאַנדער ינאי, האָבן זיך מיט אים פאַרבונדן און האָבן אים איינגעלאַדן צוהילף קעגן זייער פאַרהאַסטן חשמונאי קעניג, אַלעקסאַנדער ינאי. עס ווערט דאָ אויך דערמאָנט אַ נאָמען פון אַ קעניג אנטיוכוס, כאָטש מיר זיינען ניט זיכער וועלכן זיי האָבן געמיינט. עס ווערט דאָ זייער דייטלעך אָנגעצייכנט דער חשמונאי קעניג אַלעקסאַנדער ינאי. זיי רופן אים אָן „כפיר החרון", וואָס מיינט — דער צאָרנדיקער יונגער לייב.

## פשר נחום (קאַפּ. ב, יב־יד)

..................................................

[...ס׳איז אַ וואוינונג פון לייבן,] אַ היים פאַר די רשעים פון די פעלקער,
וואָס דאָרטן איז אומגעגאַנגען דער לייב, די לייבעכע און דאָס יונגע לייבעלע
[און קיינער האָט ניט געשראָקן. (נחום ב, 12) דאָס מיינט מען, דימי]טריס,
דעם קעניג פון די גריכן וואָס האָט געוואָלט אַריין קיין ירושלים,
לויט דער עצה פון די דורשי חלקות 1).

---

1) זע קאַפּ. 5, נאָטיץ 10.

[....] די גריכישע קעניגן פון אנטיוכוס, און ביז עס זיינען געקומען די הערשער פון די כתים 2) און שפעטער וועט צעטראָטן ווערן...

[....] אַ לייב פאַרצוקט געגוג פאַר זיינע יונגע און דערוואַרגט פאַר זיינע לייבעכעס דעם יאָגד. (נחום ב׳ 13)

דאָס מיינט מען דעם כפיר החרון, דעם צאָרנדיקן יונגן לייב, 3) וואָס הרגעט זיינע גרויסע לייט, זיינע עצה געבער,

ער פילט אָן מיט פאַרצוקונג זיין נאָרע, און זיין וואוינונג מיט צעריסענע חיות. (נחום ב׳ 13) דאָס מיינט מען דעם צאָרנדיקן יונגלייב

וואָס מאַכט דעם טויט די דורשי חלקות. ער הרגעט מענטשן לעבעדי־קערהייט 4)

[אין ישראל איז אַזעלכעס ניט געווען] פון די פריע צייטן אָן. אַ גע־קרייציקטער [איז] אַ קללה ביי יידן. זע אָט קום איך אויף דיר

[און איך וועל פאַרברענען אויף רויך דיינע רייטוו]עגן, דיינע יונג־לייבן וועט פאַרצערן די שווערד און איך וועל פאַרשניידן פון דער ערד [דיין] פאַרצוקונג. (נחום ב׳ 14)

דאָס מיינט מען.... דיינע רייטוועגן — דאָס זיינען די טיילן פון זיין חיל [....] און זיינע יונג־לייבן, דאָס זיינען...

[....] און זיין פאַרצוקונג — דאָס זיינען די פאַרמעגנס וואָס עס האָבן אָנגערויבט [די כהנים] פון ירושלים, וואָס

[....] ישראל וועט איבערגעגעבן ווערן צו די רויבער, און זיי וועלן געבראַכט ווערן צום משפט..

---

2) מ׳קאָן מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז מיט די „כתים" האָט דער מחבר געמיינט די רוימער. אַלעקסאַנדער ינאַי איז געשטאָרבן אין יאָר 76 פאַר אונ. צייט, און די רוימער האָבן פאַרכאַפּט דאָס יידן־לאַנד 13 יאָר שפעטער, (פּאָמפּיי). דער פּראָפעסער האָט זייער גרינג געקאָנט פאַרבינדן די צוויי טעמעס.

3) בייזע רשעים, וואָס זיינען געקומען באַצווינגען און רויבן דאָס לאַנד, ווערן אין תנ"ך אָפט באַצייכנט מיטן נאָמען „כפירים" (יונגע לייבן). (זע ירמיהו ב׳ 15).

4) פלאַוויוס דערציילט וועגן ינאַי, אַז ער האָט געקרייציקט 800 יידן, פון די וואָס האָבן געבונטעוועט קעגן אים. ווען זיי האָבן נאָך געלעבט (געקרייציקטע), האָט ער באַפוילן אויסקוילען זייערע ווייבער און קינדער פאַר זייערע אויגן, און ער אַליין האָט בשעת־מעשה פאַרבראַכט מיט זיינע קעפּס־ווייבער.

# אַ פראַגמענט פון אַן אומבאַקאַנטער מגילה

אין א. מ. הברמנ׳ס „מגילות מדבר יהודה״ ווערט דער פראַגמענט אָנגערופן, „קטע מספר הרזים״ (אַ פראַגמענט פון דעם בוך פון סודות). ס׳איז שווער צו זאָגן, צי דער פראַגמענט קומט טאַקע פון אַזאַ ספר הרזים. ספּעציעל, ווען אונדז איז לעצטנס באַקאַנט געוואָרן אַ „ספר הרזים״ פון דער קאַיראָ גניזה, וואו דער אינהאַלט איז פול מיט אַזעלכע „כישוף״ סודות 1).

אונדז ווייזט זיך אויס, אַז דער פראַגמענט איז מער אַ טייל פון אַ בוך מיט פּאָלעמישע באַווייזן ווי גערעכט דער אַנטפּלעקער איז מיט זיינע אַנטפּלעקונגען, איידער אַ בוך פון סודות. אַזוי צי אַזוי, אַנטהאַלט דער פראַגמענט אַ פּאָר זעלטן שיינע און קלאָר אויסגעדריקטע פאַרטראַכטונגען וועגן די אומדערקלערטע ווידערשפּרוכן אין דער באַנעמונג פון פעלקער און פון מענטשן.

זיי ווייסן נית וואָס עס וועט אויף זיי קומען. זייער נפש וועט זיך נית
ראַטעווען פון דעם געהיימען וואָס וועט זיין.
און דאָס איז אויך אַ סימן אַז אַזוי וועט עס זיין. ווען עס וועט פאַר־
שלאָסן ווערן דאָס געבורט אָרט פון דעם אומרעכט, וועט פאַרטריבן
ווערן דאָס רשעות פאַר דער גערעכטיקייט. ווי דאָס פינצטערניש
פאַרשווינדט פאַר דעם
ליכט. און ווי דער רויך ענדיקט זיך און ווערט נית, אַזוי וועט דאָס

---

1) אין „סאַטורדעי רעוויו״ פון 6טן פעברואַר 1965 איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל איבער אַ „ספר הרזים״ וואָס איז געווען צווישן די געפינסן אין דער קאַיראָ גניזה, און באַזונדערע טיילן פון דעם בוך פון זיינען פון דאָרט אין אָנהייב פון יאָרהונדערט פאַרשפּרייט געוואָרן איבער אַ סך לענדער. דר. מרדכי מרגליות פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר האָט זיי אויסגעזוכט. אַ לעצט זייטל פון דעם בוך האָט ער אַנטדעקט אין לענינגראַדער ביבליאָטעק. דער אינהאַלט פון ספר באַשטייט פון כישוף שפּרוכן און אָבערגלויבנס וואָס דאַרפן אַרויסראַטעווען אַ מענטשן פון אַלערליי אומגליקן וואָס באַפאַלן אים. דאָרטן זיינען פאַראַן מיטלען קעגן קראַנקהייטן, פאַרפלייצונגען, קעגן אַ מלוה וואָס דריקט צו, קעגן דעם, אַז אַ ריכטער זאָל נית באַאיינפלוסט ווערן קעגן דיר, און נאָך אַזעלכע פון דעם מין.

שלעכטס אויף אייביק זיך ענדיקן, און דער צדק וועט אַנטפּלעקט ווערן, ווי די זון וואָס איז אָנגעשטעלט אויף
דער וועלט. און אַלע די וואָס שטיצן זיך אויף די סודות פון זינד — וועלן ניט ווערן. די ערד וועט פול ווערן מיט וויסן, ס׳וועט אויף אייביק מער קיין אומוויסן ניט זיין.
אַזוי וועט עס זיכער זיין. די אַנטפּלעקונג איז אמת. דערפון וועט איר זען אַז עס וועט אַנדערש ניט זיין. אַלע
פעלקער האָבן דאָך פיינט אומרעכט און פאַלשקייט, — און אַלע גייען דאָך אום מיט אומרעכט און מיט ליגן. אַלע פעלקער, הערט מען, אַז זיי רעדן נאָר פון אמת.
און איז דען פאַראַן אַ שפּראַך, אַ לשון אויף דער וועלט, וואָס היט אָפּ דעם אמת? וואָס פאַר אַ פאָלק וויל עס ליידן, אַז אַ שטאַרקערס פון אים זאָל אים דריקן? — ווער
וויל עס ליידן, מ׳זאָל רויבן זיין פאַרמעגן מיט גוואַלד? — און איז דען פאַראַן אַזאַ פאָלק וואָס דריקט ניט אַ צווייטס? וואו איז פאַראַן אַזאַ פאָלק, וואָס
רויבט ניט ס׳פאַרמעגן וואָס געהערט ניט צו דעם?.....

# פילון פון אַלעקסאַנדריע

דאָ זיינען איבערזעצט עטלעכע פּאַראַגראַפן אינעם קאַפּיטל 12 פון דעם בוך "Quod Omnis Probus Liber Sit" (גוטע מענטשן זיינען פריי). וואו פילון דערציילט פון די „עסייער" וואָס לעבן אין יהודה. דאָס בוך איז געשריבן אַן ערך אינעם יאָר 20 אונ. צייט.

...דאָס איז אַ יידישע סעקטע וואָס לעבט אין דער סירישער פּאַלעסטינע. מער ווי פיר טויזנט זיינען זיי. מ'רופט זיי „עסייער", ווייל זיי זיינען פרומע. (האסיא, פרומקייט איז דאָס זעלבן וואָרט ווי „עסייער" 1).

זיי דינען גאָט, אָבער קיין קרבנות האָבן זיי קיינמאָל ניט מקריב געווען. זיי האַלטן אַז אַ ריין געוויסן איז וויכטיקער פון יעדן מין קרבן. זיי וואוינען מערסטנס אין דערפער, און מיידן אויס דאָס ניט אָרנטלעך און פאַרשייט לעבן אין די שטעט. זיי פאַרנעמען זיך מערסטנס מיט אַגריקולטור און מיט אַנדערע אַזעלכע באַשעפטיקונגען, וואָס דערלאָזן אַ רואיק לעבן. זיי יאָגן זיך ניט אָנזאַמלען קיין גאָלד מיט קיין זילבער, אָדער אַנדערע מינים רייכטימער. איינער וואָס פאַרנעמט זיך מיט מאַכן געווער, קאָן קיינמאָל ניט ווערן קיין מיטגליד ביי זיי. זיי נעמען אויך ניט אַריין קיין סוחרים אָדער קליין־הענדלער.

שקלאַפעריי איז ביי זיי גאָר שטרענג פאַרבאָטן. זיי באַטראַכטן שקלאַ־פעריי ווי אַ פאַרברעכן קעגן די נאַטור־געזעצן. אַלע מענטשן זיינען באַ־שאַפן גלייכע, ווי ברידער איינע מיט די אַנדערע 2).

אַבסטראַקטע פילאָזאָפיעס און לאָגיסטיקעס — מיידן זיי אויס ווי ווייט מעגלעך. זיי פאַרנעמען זיך מיט די זאַכן נאָר דאַן ווען זיי קאָנען דערמיט באַשטעטיקן זייערן אַן אמת אָדער אַן עטישע פּראַקטיק. נאַטור פילאָזאָפיע לערנען זיי יאָ, נאָר אויף אַזוי פיל וויפל עס באַשטעטיקט די עקזיסטענץ פון דעם אַלמעכטיקן גאָט, דעם וואָס האָט אַלץ באַשאַפן, און וואָס האַלט אַן אויג אויף אַלץ און אַלעמען. אַמערסטנס האָבן זיי זיך פאַרטיפט אין מאָראַלישע

1) עס איז קלאָר. חאַסיאַ — אין אַראַמעאיש איז פון העברעאישן וואָרט „חסד".
2) זע נאָטיץ 12, קאַפּיטל 6.

לערעס און אין עטיק, און זיי פירן זיך אויף לויט זייערע נאַציאָנאַלע (יידי־שע) געזעצן פון דער תורה.

די געבאָטן פון דער תורה שטודירן זיי אַלע מאָל אום שבת, דעם זיבעטן טאָג אין דער וואָך, וואָס זיי האַלטן פאַר אַ רו טאָג און אַ הייליקן. אין דעם טאָג קומען זיי זיך צונויף אין זייערע „סינאַגאָגן", ווי זיי רופן זייערע פאַר־זאַמלונג־פּלעצער. דאָרט זעצן זיי זיך אויס לויט זייערע שטאַנדן, פריער די עלטערע, דערנאָך די יינגערע. איינער לייענט פון דער ביבל, און די אַנ־דערע הערן זיך אויפמערקזאַם צו. אַן אַנדערער, איינער וואָס איז גוט באַהאַוונט אין דער ביבל — פאַרטייטשט וואָס עס איז געלייענט געוואָרן, און דערקלערט וואָס עס איז ניט קלאָר. ער דערקלערט עס מערסטנס דורך ביישפּילן. אַזוי האָבן זיי זיך אויסגעלערנט פרומקייט, עניוות און גערעכ־טיקייט. זיי האָבן זיך געלערנט ווי זיך אויפצופירן אין דער היים און צווישן פרעמדע. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין וואָס עס איז גוט, שלעכט — אָדער מיטלמעסיק; זיי האָבן זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין צו וואָס מ׳דאַרף שטרעבן אין לעבן און וואָס מ׳דאַרף אויסמיידן. אין קורצן, זיי האָבן זיך אויסגעלערנט ליב צו האָבן גאָט, דעם אמת און ליב האָבן מענטשן.

אַזאַ לערע האָט געבראַכט רעזולטאַטן. זייער ריין לעבן, זייער אויסמיידן שבועות און פאַלשקייטן, האָט געוויזן זייער ליבע פאַרן אמת, פאַר גאָט און דער געטלעכקייט. זייער נאָכפאָלגן גוטע מידות און זייער שטרעבן צו אַ ריין לעבן, ווייזט זיך אַרויס ספּעציעל אין איין פּרט, — ווען זיי ווייזן ניט אַרויס קיין שום גייציקייט צו געלט אָדער צו רייכטום. זיי האָבן פיינט וועלטלעכע פאַרגעניגנס און פאַראַכטן די געקינסטלטע סופּעריאָריטעט פון מענטש איבער מענטש. זייער ליבע צו מענטשן, זייער נאַטירלעך גלייכהאַלטן זיך, זייער פּשטות און פריינטלעכקייט איינער צום צווייטן — קאָן מען מיט קיין ווערטער ניט אָפּמאָלן. קיינער פון זיי האָט ניט קיין פּריוואַט הויז אָדער אַן אַנדער פּריוואַט פאַרמעגן. אַלץ, אַריינגערעכנט די וואוינונגען — טיילן זיי צווישן זיך ווי גלייכע שותפים. זיי לעבן מערסטנס צוזאַמען, אין גרופּן. זייערע וואוינונגען האַלטן זיי גרייט פאַר יעדן מיטגליד פון דער סעקטע, וואָס קאָן קומען פון ווער ווייסט ווי ווייט. די טירן זיינען אַלע מאָל אָפן פאַר אים, ווי פאַר זייער אַן אייגענעם ברודער.

זייערע ווערהייזער וואו זיי האַלטן די פּראָדוקטן, און זייערע קליידער — באַלאַנגען צו אַלעמען גלייך, און יעדער איינער קאָן זיך מיט דעם באַנוצן פריי. זייער שפּייז איז צוגעגרייט פאַר אַלעמען גלייך. די מאָלצייטן עסן זיי געמיינשאַפטלעך, אַלע אינאיינעם. זיי קאָנען דאָס באַווייזן דער עיקר מיט

דעם, וואָס אַלץ וואָס זיי פאַרדינען טאָג־טעגלעך, גיבן זיי אָפּ אין אַן אַלגע־מיינער קאַסע. פון דער קאַסע האַלטן זיי אויס זייערע אַלטע און קראַנקע מיט־גלידער וואָס קאָנען שוין ניט אַרבעטן.

זייערע עלטערע מיטגלידער ווערן אויסגעהאַלטן מיט גרויס כבוד, און די ייִנגערע באַציִען זיך צו זיי מיט גרויס דרך־ארץ, ווי קינדער צו זייערע עלטערן.

# פליני דער עלטערער

די עססענער לעבן אויף דער מערב זייט פון ים אספאַלטיטוס (ים המלח), ווייט פונעם שלעכטן איינפלוס פונעם לאַנד. דאָס איז אַ מאָדנע גרופּע פון איינזאַמע מענטשן, אַנדערש פון אַלע אַנדערע מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט. זיי לעבן דאָרטן מענער אַליין, אָן פרויען. זיי האַלטן ניט פון גע־שלעכטלעכער ליבע. זיי האַלטן אויך ניט פון קיין געלט, און לעבן דאָרט נאָר מיט זייערע פּאַלמען בוימער.

זייער צאָל ווערט אָבער דערביי ניט קלענער, ווייל יעדן טאָג קומען צו זיי צו נייע מענטשן, מידע פונעם רשעותדיקן לעבן אין די שטעט. אַזוי, אַז די גרופּע האַלט זיך שוין טויזנטער יאָרן און רייסט זיך ניט איבער, כאָטש קיינער ווערט דאָרט קיינמאָל ניט געבוירן.

זייער פרומקייט און גאַנצקייט האָט זיי געמאַכט אַ גוטן נאָמען צווישן זייערע מיטמענטשן. די חרטה וואָס אַ סך מענטשן האָבן פאַר זייערע פאַר־גאַנגענע זינד — ברענגט אַ סך מענטשן אַהער אין דער מדבר, און באַ־רייכערט די דאָזיקע סעקטע.

אונטער זיי ליגט עין גדי, אַ שטאָט, אַמאָל — די צווייטע נאָך ירושלים מיט איר לעבעדיקייט און מיט די שיינע פּאַלמען־בוימער. איצט איז עס נאָך אַ קבר. נאָכדעם ליגט מסדה, אַ פעסטונג, געבויט אויף אַ פעלדז, און ווי יענע (עין־גדי) אויך ניט ווייט פון טויטן ים. דערמיט ענדיקט זיך די באַשרייבונג פון יהודה 1).

1) וועגן דער באַדייטונג פון דעם פּאַראַגראַף אין דעם בוך „היסטאָריקאַ נאַטוראַליס" פון פליני דעם עלטערן, (זע קאַפּיטל 6).

# יאָזעפוס פלאַוויוס. — מלחמות

## (בוך 2, פאַראַגראַפן — פון 2 ביז 14).

פאַר. 2. פאַראַן דריי פילאָזאָפישע גרופן ביי די יידן. די נאָכפאָלגער פון איין סעקטע, ווערן גערופן פרושים, פון אַ צווייטער — צדוקים, און די דריטע גרופע, די וואָס האַלטן פון זייער אַ שטרענגער דיסציפּלין — די רופן זיך „עסענער". פון געבורט זיינען די לעצטע — יידן. זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע ליב, מער ווי די אַנדערע גרופן צווישן זיך. די עסענער האַלטן, אַז פאַרגעניגנס זיינען אומווירדיק און שלעכט. זיי האַלטן שטאַרק פון זעלבסט־קאָנטראָל און באַזיגן די אייגענע געפילן איז ביי זיי פאַררעכנט פאַר זייער אַ גרויסער מעלה.

זיי האָבן ניט חתונה, נאָר קלייבן אויס קינדער פון פרעמדע עלטערן, ין אַן עלטער ווען יענע זיינען נאָך בויגעוודיק, גרייטע איינצוזאַפּן אין זיך י לערע פון די „עסענער", און די גרייטן זיי צו, צו זיין ווי זיי. זיי פאָרמירן יי אויס צו זיין ווי זיי ווילן.

זיי לייקענען ניט אָפּ איינגאַנצן די וויכטיקייט פון חתונה האָבן, וואָס אָן דעם, וואָלטן דאָך קיין קינדער ניט געבוירן געוואָרן, און די וועלט וואָלט קיין קיום ניט געהאַט. זיי היטן זיך אָבער אָפּ פון פרויען, ווייל זיי האַלטן, אַז די לעצטע פירן זיך ניט אויף ווי עס באַדאַרף צו זיין. זיי האַלטן, אַז אַ פרוי קאָן ניט בלייבן געטריי ס'גאַנצע לעבן אירס צו איין מאַן.

פאַר. 3. די מענטשן זיינען קעגן אָנקלייבן רייכטום. זייער געמיינשאַפט־לעך לעבן איז צו באַוואונדערן. ניטאָ ביי זיי, אַז איינער זאָל האָבן מער פונעם אַנדערן. פאַראַן ביי זיי אַ געזעץ, אַז ניי־אַריינגעקומענע מוזן פאַרטיילן אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן, פאַר דעם אַלגעמיינעם געברויך פון דער גרופע. באַ־קומט זיך, אַז זיי האָבן ניט קיין בויט לײדנדיקע, און הונגעריקע פון איין זייט — און קיין איבערגעפרעסענע — פון דער 2טער זייט. אַלעמענס פאַרמעגן געהער צו אַלע ברידער אין דער גרופע — גלייך.

זיך שמירן מיט אוילן, איז ביי זיי אַן אומרייניע זאַך. ווען איינער זאָל ניט־

ווילנדיק ווערן אויסגעשמירט מיט אויל, וואָלט ער זיך באַלד אָפּגעווישט. זיי האַלטן שטאַרק פון ריינקייט און האָבן ליב זיך אָנטאָן אין ווייסן.

די אויפזעער פון זייער אַלגעמיינעם פאַרמעגן זיינען אויסדערוויילט פון דער גאַנצער גרופּע, און אַזוי איז יעדער איינער פון די אַנדערע אויפזעער און פירער, וואָס דאַרף עפּעס טאָן פאַר דער גרופּע.

פאַר. 4. זיי זיינען ניט קאָנצענטרירט נאָר אין איין שטאָט. זיי וואוינען אין אַ סך שטעט. ווען אַ מיטגליד פון דער סעקטע קומט אָן אין אַן אַנדער שטאָט אין דער פרעמד, קריגט ער אַלץ וואָס ער דאַרף פון זיינע ברידער מיטגלידער אין דעם נייעם אָרט, פּונקט ווי ער וואָלט געווען ביי זיך אין דער היים. זיי קומען אַריין אין אַ פרעמד הויז ווי צו זיך אַהיים, און פרעמדע זיינען ביי זיי נאָענט, ווי פּערזענלעכע פריינט. ווען זיי קלייבן זיך אין אַ פרעמדער שטאָט, נעמען זיי דערפאַר גאָרניט מיט, אַחוץ געווער זיך צו פאַר־טיידיקן פון רויבער אויפן וועג. אין יעדער שטאָט איז פאַראַן אַן אויסדער־וויילטער אויפזעער, און יענער זעט שוין, אַז אַ גאַסט זאָל קריגן גלייך מיט אַלעמען זיין נאַכטלעגער, זיין קליידונג און שפּייז, און אַלע אַנדערע זאַכן אין וואָס ער נויטיקט זיך.

זיי בייטן ניט זייערע קליידער אָדער שיך, ביז וואַנען זיי ווערן ניט צע־ריסן אויף שטיקלעך. צווישן זיך האַנדלען זיי ניט. זיי קויפן ניט און פאַר־קויפן ניט גאָרניט. זיי בייטן זיך. זיי גיבן איינער דעם אַנדערן וואָס יענער דאַרף און קריגן צוריק וואָס דער דאַרף. אויב איינער האָט ניט מיט וואָס זיך צו בייטן, מיינט עס ניט, אַז ער קאָן ניט נעמען וואָס ער דאַרף פון אַן אַנדערן, און יענעם גאָרניט געבן צוריק.

פאַר. 5. זייער פרומקייט איז אויסער־געוויינלעך. פאַרן זון־אויפגאַנג רעדן זיי ניט קיין דברים בטלים, נאָר זיי שעפּטשען אַזעלכע תּפילות, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט יונגערהייט, און דאָס תּפילה־טאָן קוקט אויס ווי זיי וואָלטן געבעטן צום זון־אויפגאַנג. באַלד נאָכן תּפילה־טאָן, ווערן זיי צע־שיקט יעדער צו זיין אַרבעט, און זיי פּראַצעווען דאָרט אַ 5 שעה. דאַן קו־מען זיי זיך צוזאַמען אין איין אָרט, זיי טוען זיך אָן אין ווייסן און טובלען זיך אין קאַלטן וואַסער. נאָכן טובלען קומען זיי זיך צוזאַמען אין אַ ספּעציעלן עס־צימער, וואו קיינעם, אויסער זייערע מיטגלידער איז ניט דערלויבט אַריינצוגיין. אין דעם עס־צימער מאַרשירן זיי אַריין ווי אין אַ הייליקן טעמפּל, און זעצן זיך אויס שווייגנדיקע. דער בעקער דערלאַנגט יעדן פון זיי אַ לאַבן ברויט און דער קוכער ברענגט יעדן אַ טעלער שפּייז. דער כהן מאַכט אַ ברכה פאַרן עסן, און קיינער רירט זיך ניט צו צום שפּייז פאַר דער ברכה. באַלד

נאָכן עסן מאַכט דער כהן ווידער אַ ברכה. זיי בענטשן און דאַנקען גאָט פאַר און נאָכן עסן, ווייל זיי גלויבן, אַז גאָט שפייזט זיי.

באַלד נאָכן עסן, לייגן זיי אַוועק זייערע קליידער, און קערן זיך אום צו זייערע אַרבעטן ביזן אָוונט־ברויט, וואו זיי פירן זיך אויף אויפן זעלבן שטייגער ווי ביי דעם מאָלצייט בייטאָג. אויב זיי האָבן מיטגלידער פון דער פרעמד, לאַדן זיי זיי איין צו די מאָלצייטן.

קיין געשריי, קיין טומל צעשטערט ניט די אָרדענונג פון זייערע מאָלצייטן. זיי לאָזן יעדן רעדן אין אָרדענונג. דאָס שטיל־שווייגן קאָן אויסזען ביי אַ פרעמדן ווי אַ מיסטעריע, אַ געהיימניש, וואָס איז אָבער אין תוך ניט מער ווי אַ רעזולטאַט פון זייער נאָרמאַלן באַנעמען זיך, פון זייער שפייזן זיך נאָרמאַל, און פונקט וויפל ס'איז נאַטירלעך נויטיק.

פאַר. 6. קיין שום זאַך טוען זיי ניט אָן דער דערלויבעניש פון זייערע אויפזעער, חוץ די צוויי זאַכן וואָס זיי מעגן און דאַרפן אַפילו טאָן, אָן דעם אויפזעערס השגחה. 1) זיי דאַרפן העלפן זייערן אַ חבר, און — 2) טאָן אַ וואוילטעטיקע זאַך פאַר יענעם. זיי מעגן געבן שטיצע איינעם וואָס נויטיקט זיך, און זיי מעגן שפייזן אַ הונגעריקן. פאַר אַזעלכע זאַכן מוזן זיי ניט האָבן די דערלויבעניש פונעם אויפזעער. געבן עפּעס זייערן אָן אייגענעם — דאָס טאָרן זיי ניט אָן דער דערלויבעניש פון דעם משגיח.

זיי מעגן האָבן אַ גערעכטן פאַרדרוס, אָבער זיי טאָרן ניט אַרויסווייזן קיין כעס. זיי זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ וואָס זיי נעמען זיך אונטער, און גיבן שטאַרק אַכטונג אויפן שלום צווישן זיך. זייער וואָרט איז מער ווערט ווי אַ שבועה. זיי איז גאָר פאַרבאָטן צו שווערן זיך. איינער וואָס שווערט זיך (מיט גאָטס נאָמען — ש. ג.) באַגייט אַ פאַרברעכן. זיי האַלטן, אַז איינער וואָס איז ניט באַגלויבט אָן אַ שבועה, איז אַ פאַרשאָלטענער. זיי גיבן זיך אַ סך אָפּ מיט די הייליקע שריפטן פון אַמאָל, ווייל זיי האַלטן, אַז די אַלטע שריפטן העלפט זיי אויפהאַלטן דעם וואוילזיין פון זייער גייסט, וואָס איז וויכטיקער ווי דער וואוילזיין פון זייער קערפּער. זיי ווייסן אויך אַ סך פון וואָרצלען און פון שטיינער, וואָס מ'קאָן נוצן מעדיציניש.

פאַר. 7. ווען איינער וויל ווערן ביי זיי אַ מיטגליד, נעמט מען אים באַלד ניט אַריין. זיי האַלטן אים אַ גאַנץ יאָר אויף פּראָבע. ער דאַרף זיך אָבער באַטייליקן אין זייערע פליכטן פונקט ווי אַלע. זיי גיבן אים באַלד אַ קליינעם גראָב־אייזן, אַ גאַרטל און אַ ווייס קלייד. אויב ער האָט דורכן יאָר געוויזן אַז ער טוט אַלץ ווי ס'באַדאַרף צו זיין, ווערט ער שוין אַ ביסל נעענטער, אָבער — נאָך אַלץ ניט קיין גלייכער מיטגליד. נאָכן יאָר דערלויבט מען אים שוין

אַנטייל נעמען אין די טבילות צוזאַמען, אָבער לעבן מיט זיי צוזאַמען — קאָן ער נאָך אַלץ ניט. זיי פּרואוון אים נאָך אויס, צי קאָן ער קאָנטראָלירן זיינע געפילן. זיי האַלטן אים פונדערווייטנס נאָך פולע צוויי יאָר, און אויב ער ווייזט, אַז ער איז באמת פּאַסיק — נעמט מען אים אַריין פאַר אַ פולן מיטגליד. נאָר איידער מ'לאָזט אים צו צו דער אַלגעמיינער סעודה, באַשווערט מען אים מיט זייער אַ שטרענגער שבועה אַז ער וועט אָפּהיטן גערעכטיקייט, אַז ער וועט קיינעם קיין שלעכטס ניט טאָן ניט מיט זיין אייגענעם ווילן, און ניט אַפילו מ'זאָל אים צווינגען. ער שווערט זיך, אַז ער וועט אייביק פיינט האָבן די רשעים און העלפן די גערעכטע; אַז ער וועט אָפּהיטן יעדעמס רעכט און וועט זיין געהאָרכזאַם צו זיינע עלטסטע, ווייל קיינער ווערט ניט קיין עלטסטער אָן גאָטס ווילן. טאָמער ווערט ער אַליין אַ פירער, וועט ער קיינמאָל ניט מיסברויכן מיט זיין מאַכט, און וועט ניט גרויסהאַלטן זיך איבער זיינע אונטערטעניקע, ניט מיט זיינע קליידער און ניט מיט קיינע אַנדערע באַפּוצונגען. ער שווערט, אַז ער וועט זיך אַלע מאָל איינשטעלן פאַרן אמת, און אַז ער וועט דעמאַסקירן ליגן און פאַלשקייט; ער שווערט זיך אַז זיינע הענט וועלן אַלע מאָל ריין זיין פון יעדער מין גנבה, און זיין געוויסן וועט בלייבן ריין פון יעדן ניט כשרן געווינס; ער שווערט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט פאַרבאָרגן עפּעס פון דער גרופּע, און וועט ניט אַרויסטראָגן קיין סודות אין דער פרעמד, אפילו מ'זאָל אים פייניקן. ער טאָר ניט דערציילן וועגן זייערע געזעצן אַנדערש ווי ער האָט זיי געהערט. ער שווערט זיך, אַז ער וועט קיינמאָל ניט אַנטייל נעמען אין אַ רויבעריי. ער שווערט אַז ער וועט אַכטונג געבן אויף די ביכער פון דער סעקטע, און ער וועט אָפּהיטן די נעמען פון די מלאכים.

(דאָס גריכישע וואָרט פון מלאכים, קאָן אויך מיינען — שילוחים — ש. ג.).

אָט מיט אַזעלכע שבועות באַשווערן זיי די ניי אַריינגעקומענע מיטגלידער.

פּאַר. 8. די וואָס באַגייען אַ פאַרברעכן קעגן דער גרופּע, ווערן באַשטראָפט און אויסגעשלאָסן. אַזאַ אויסגעשלאָסענער שטאַרבט אָפט מיט זייער אַ מיאוסן טויט. לויט זייער שבועה טאָר ער ניט עסן קיין שפּייז וואָס ווערט צוגעגרייט פון אַנדערע, ניט פון זיין גרופּע. און ווייל מ'לאָזט אים ניט צו צום אַלגעמיינעם מאָלצייט — מוז ער עסן גראָז, און גייט אָפט אויס פון הונגער. דערפאַר נעמען זיי אָפט אַריין צוריק די באַשטראָפטע, פאַר רחמנות, ווען די לעצטע האַלטן שוין זייער שמאָל מיט זייער געזונט. זיי האַלטן, אַז דאָס מאַטערניש וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, ווען זיי זיינען שיר ניט אויסגעגאַנגען פון הונגער, איז שוין אַ גענוגע שטראָף פאַר זייערע זינד.

פּאַר. 9. ביים אָפּהיטן גערעכטיקייט — זיינען זיי שטאַרק פּאַרזיכטיק. זיי ווען ניט אַרויסטראָגן קיין אורטייל מיט ווייניקער ווי 100 מיטגלידער דערביי, און וואָס זיי באַשליסן, וועלן זיי שוין ניט צוריקציען. נאָך גאָט אַליין האַלטן זיי זייער הייליק זייער געזעצגעבער 1). ווען עמעצער פאַרשוועכט גאָטס נאָמען — איז זיין שטראָף — טויט. זיי האַלטן בכבוד זייערע עלטערע מיטגלידער און פאָלגן זיי, וואָס זיי זאָגן. זיי באַשטימען זאַכן לויט אַ „רבים" (מאַיאָריטעט). ווען עס זיצן 10 מיטגלידער צוזאַמען, וועט קיינער ניט רעדן סיידן די אַנדערע דערלויבן אים. זיי היטן זיך אָפּ און שפּייען ניט אויפן דיל צווישן מענטשן. זיי שפּייען אויך ניט אין דער רעכטער זייט פון זיך.

זיי היטן אָפּ שבת אַ סך שטרענגער ווי די אַנדערע יידן. ניט נאָר גרייטן זיי צו זייער שפּייז אַ טאָג פריער, כדי ניט אָנצינדן פייער אום שבת, נאָר זיי וועלן ניט אַ ריר טאָן אַ טאָפּ וואָס שטייט אויף זיין אָרט. זיי וועלן זיך אָפּהאַלטן פון אַרויסגיין אויפן גאַס דעם טאָג. אַלע אַנדערע טעג פון וואָך וועלן זיי אויסגראָבן אַ גריבל, אַ פוס טיף, מיטן קליינעם גראָב־אייזן וואָס מ׳גיט זיי ווען זיי קומען אַריין אין דער גרופּע. און דעקן זיך בשעת מעשה צו מיטן קלייד ניט אָנצוקוקן די ליכטיקע שיין בשעת מעשה. זיי גיבן אַכטונג, אַז זיי זאָלן דאָס טאָן ווייט אַוועק, אין פאַרוואָרפענע ווינקלען. זיי דעקן צו דאָס אומריינקייט מיט דער אויסגעגראָבענער ערד פונעם גריבל, און כאָטש דאָס איז אַ נאַטירלעכע זאַך, וואַשן זיי זיך נאָכדעם, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך דערמיט פאַראומרייניקט.

פּאַר. 10. באַלד ווי זיי ווערן אַריינגענומען, ווערן זיי קלאַסיפיצירט אין איינע פון פיר שטאַנדן אָדער גראַדן, אין וועלכע זיי זיינען איינגעטיילט. די צעטיילונג אין שטאַנדן איז אַזאַ שטרענגע, אַז זאָל אַ מיטגליד פון אַ נידעריקערן שטאַנד אָנרירן איינעם פון אַ העכערן, — דאַרף זיך יענער טובלען, פּונקט ווי ס׳וואָלט אים אָנגערירט אַן אומריינקייט.

זיי לעבן לאַנג. אַ סך פון זיי לעבן איבער 100 יאָר. דאָס איז, מיין איך, אַ דאַנק זייער פּשוטער דיעטע, און ווייל זיי פירן אַ נאָרמאַל און רואיק לעבן. זיי לאַכן זיך אויס פון צרות. זיי פאַראַכטן געפאַרן, און טראָגן גרינג אַריבער

1) פלאַוויוס דערמאָנט ניט דעם נאָמען פון געזעצגעבער. די מערסטע געלערנטע נעמען אָן אַז ער האָט געמיינט משה רבינו. עס קאָן אָבער זיין אַז מיט דעם „געזעצגעבער" האָט דער אַלטער היסטאָריקער געמיינט זייער מורה צדק. דער פאַקט וואָס ער דערמאָנט ניט דעם נאָמען, איז געגוג באַזע פאַר דער השערה.

וויטיקן מיטן כוח פון זייער שכל. טויט איז פאַר זיי אויך ניט קיין אומגליק. שטאַרבן מיט כבוד איז ביי זיי וויכטיקער אַפילו ווי אייביק לעבן. אין דער מלחמה קעגן די רוימער זיינען זיי אויסגעשטאַנען אַ סך און שווערע נסיונות. די רוימער האָבן זיי געפּייניקט, געברענט, געשניטן פון זיי שטיקער, זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַלערליי ענוים קשים, ווען מ'האָט זיי געצוואונגען שעלטן זייער געזעצגעבער, אָדער עסן טרפה שפייז. מ'האָט זיי צו גאָרניט געקאָנט צווינגען. זיי האָבן זייערע פּייניקער ניט צופרידנגעשטעלט. זיי האָבן אַפילו ניט געוויינטביים פּייניקן. זיי האָבן גאָר געלאַכט די פּייניקער אין די פּנימער. זיי האָבן חוזק געמאַכט פון זיי, און האָבן אויסגעלאָזן זייערע נשמות אין גוטן מוט, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיכער געווען, אַז באַלד קריגן זיי זייערע נשמות צוריק.

פּאַר. 11. זיי גלויבן, אַז בשעת קערפּערס זיינען ערדישע און קאָנען גרינג אומגעבראַכט ווערן, זיינען די נשמות אומשטערבלעך און געדויערן אייביק. זיי ווערן באַשאַפן פון דער פיינסטער אַטמאָספערע, און פאַרנאַרטע ווערן זיי פאַרשפּאַרט אין די קערפּערס ווי אין תפיסות, און ווען די נשמות גייען אַרויס פון קערפּער — ווערן זיי באַפרייט און פליען אַרויף אין הימל מיט פרייד. די גריכן האַלטן אויך אַזוי, אַז גוטע נשמות האַלטן זיך אויף פון יענער זייט אָקעאַן, אויף אַן אינדזל וואו ס'זיינען קיין שטורעמס ניטאָ. עס רעגנט ניט און עס שנייט ניט, און ס'זיינען אויך ניטאָ קיין גרויסע היצן. דאָס איז אַן אָרט וואו ס'בלאָזט אַן אייביק פרישׂ מעריב ווינטל. די שלעכטע און זינדיקע נשמות ווידער, ווערן פאַרשטויסן אין פינצטע אומהיימלעכע היילן און די שטראָף זייערע ענדיקט זיך קיינמאָל ניט.

די גריכן האָבן אויך געמוזט אַזוי טראַכטן, ווייל פאַר זייערע בראַווע העלדן, פאַר זייערע דעמי־געטער האָבן זיי באַשטימט אַ וואוינאָרט אויף די געבענטשטע גוטע אינדזלען, און די זינדיקע נשמות ווידער, האָבן זיי אַראָפּ־געשיקט טיף אין גהינום. די גריכישע לעגענדעס דערציילן פון די שווערע שטראָפן וואָס ס'שטייען אויס זייערע רשעים, ווי די דעמי־געטער איקסיאָן, סיסיפוס, טאַנטאַלוס און טיטיוס 2). אַזעלכע לעגענדעס זיינען באַזירט אויפן

2) געטער פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע וואָס האָבן געזינדיקט און זיינען באַשטראָפט מיט אייביקע שטראָפן. איינער, למשל, איז פאַרמשפט אייביק צו קייקלען אַ שווערן שטיין באַרג אַרויף, ווען ער קומט שוין נאָענט צום שפּיץ פאַלט דער שטיין אַראָפּ און ער מוז אָנהייבן פונסניי. אַ צווייטער ליגט אַ געבונדענער, און איבער זיין קאָפּ הענגט אַ שווערער שטיין, וואָס האַלט זיך אויף אַ האָר. ער איז פאַרמשפּט צו ליגן אַזוי און קוקן אויפן שטיין אייביק. א. אַז. וו..

גלויבן, אַז נשמות לעבן אייביק און שטאַרבן קיינמאָל ניט. זיי דאַרפן דערפאַר זיין גוט. זיי טאָרן ניט זיין שלעכט. אַזוי קומט שוין במילא אויס, אַז גוטע און געלערנטע מענטשן טוען זייער גוט מיט דעם וואָס זיי זיינען גוט, ווייל ס׳דערוואַרט זיי אַ גוטער שכר אויף יענער וועלט, נאָכן טויט. דאָס רשעות פון די רשעים ווערט אויך אַ סך געצוימט צוליב דער מורא, אַז פאַר זייערע זינד זאָלן זיי אַמאָל ניט דאַרפן באַשטראָפט ווערן אויף אייביק, כאָטש דאָס לעבן דאָ אויף דער וועלט קאָן זיי אָפּגיין גלאַט. די עסענער האָבן די זעלבע רעליגיעזע גלויבנס וועגן די נשמות, און די וואָס האָבן זיך פאַר־טיפט אין אַזאַ גלויבן, מוזן מיט זיי איינשטימען.

פאַר. 12. פאַראַן צווישן די עסענער אַזעלכע וואָס קאָנען פאָרויסזאָגן וואָס ס׳וועט זיך טרעפן אין דער צוקונפט. דאָס זיינען די וואָס זיינען גוט באַהאַוונט אין די הייליקע ספרים, זיי טובלען זיך אַ סך און הערן קיינמאָל ניט אויף זיך אַריינטראַכטן אין די סודות וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די רייד פון די הייליקע נביאים. מ׳מוז צוגעבן, זעלטן אַז זייערע פאָרויסזאָגונגען ווערן ניט מקוים.

פאַר. 13. ס׳איז פאַראַן אַן אַנדער סעקטע עסענער, וואָס גלויבן אין אַלץ ווי די סעקטע. זיי פירן זיך אויף לויט די זעלבע געזעצן און האָבן די זעלבע מנהגים. אין איין פּרט זיינען זיי אָבער אַנדערש, און דאָס איז אין דער פראַגע פון חתונה האָבן. די האַלטן, אַז ווען מ׳זאָגט זיך אָפּ חתונה האָבן שטעלן זיי אין געפאַר די מענטשלעכע ראַסע, דערמיט וואָס זיי וועלן אָפּהאַקן דעם המשך. זיי באַוואָרענען זיך אָבער מיט דעם, וואָס זיי פּרואוון אויס זייערע ווייבער פולע דריי יאָר. ווען זיי איבערציינגן זיך, אַז זיי זיינען אינ־גאַנצן גוט, און אַז זיי קאָנען האָבן קינדער, האָבן זיי חתונה מיט זיי. זיי קומען זיך צונויף מיט זייערע פרויען נאָר צוליב האָבן קינדער. אַזוי שנעל ווי די פרוי פאַרשוואַנגערט — רירן זיי זיך צו זיי מער ניט צו. דאָס טוען זיי, ווייל זיי האָבן ניט חתונה צוליב פאַרגעניגן וועגן.

ביים טובלען זיך, זיינען די פרויען אויך אַרומגעוויקלט מיט אַ קלייד, ווי די מענער. דאָס זיינען די מנהגים פון די עסענער.

## יאָזעפוס פלאַוויוס. — אַלטערטימער

### בוך 18, קאַפּ. 1, פּאַר. 5

די עסענער גלויבן, אַז אַלץ שטאַמט פון גאָט, און אַז די נשמות זיינען אומשטערבלעך. זיי האַלטן, אַז מ'דאַרף שטרעבן צו גערעכטיקייט, ווייל ס'וועט זיך אָפּצאָלן. ווען זיי קומען אין בית־המקדש, איז עס ניט צוליב ברענגען קרבנות. זיי האָבן אייגענע, בעסערע וועגן צו זוכן גאָטס פאַרגעבונג ווי קרבנות, און האָבן זיך דערפאַר טאַקע אויסגעשלאָסן פון דעם בית המקדש קולט. זיי ברענגען אָבער אייגענע קרבנות אָן דעם בית־המקדש. זייער וועג ווי צו לעבן איז אָבער בעסער ווי דער וועג ביי די אַנדערע יידן.

זיי גיבן זיך מערסטנס אָפּ מיט ערד־אַרבעט. מיר באַוואונדערן זיי אויך ווי זיי לעבן אמתער און גערעכטער ווי די אַנדערע. זייער אויפפיר איז אַזאַ זעלטענער, אַז ס'איז גאַר קיינמאָל אַזאַ ניט געווען, ניט צווישן די גריכן, ניט צווישן די באַרבאַרן אָדער צווישן וועמען אַנדערש, אַפילו פאַר אַ קורצער צייט. דאָ ביי די עסענער, געדויערט שוין דער אַרט לעבן אַ לאַנגע צייט.

אַז זיי זיינען בעסער פון אַלע מענטשן, קאָן מען זען פון דעם אַליין, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז זאַכן זאָלן זיין ביי זיי פאַראַלגעמיינערט, אַזוי, אַז אַ רייכער זאָל ניט קאָנען געניסן פון זיין רייכטום, מער ווי איינער וואָס האָט גאָרניט.

פאַראַן פון זיי אַרום 4000, און קיינער פון זיי האָט ניט חתונה. זיי ווילן אויך ניט האָבן קיין שקלאַפן. זייער מיינונג איז, אַז האַלטן שקלאַפן מאַכט אַ מענטשן שלעכט און רשעותדיק, און חתונה האָבן פירט צו היימישע קריגערייען. זיי לעבן איינזאַמע און באַדינען זיך איינס ס'אַנדערע. זיי באַשטימען אויך אויפזעער אַכטונג געבן אויף זייערע איינקונפטן און אויף די פּראָדוקטן פון דער ערד וואָס זיי זאַמלען צונויף, ווייל זיי דאַרפן שפּייזן זייערע כהנים אויך מיט דעם. זיי שיידן זיך ניט אונטער איינע פון די אַנדערע מיט זייערע לעבנס נאָרמען.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

# זוכצעטל פון נעמען

# און זאַכן

# זוכצעטל פון נעמען און זאַכן


**א**

אַאוראַ־מאַזדאַ — 125, 185

אַביונים — 74, 91, 164, 218, 220, 246, 331, 336, 345־348

אַברהם — 76, 124, 175, 176, 198, 233, 296, 319.

אַברהם אבן עזרא — 92.

אדום, אדומים — 41, 44, 80, 117, 121, 142, 150, 152, 180, 208, 341.

אַדריונוס — 41, 42, 242.

אהרון הכהן — 64, 66, 106, 124, 163, 301.

אויגוסטוס — 149.

אוניווערסאַליזם — 58, 115, 214, 257.

אַחרימון — 125, 185, 209.

אחרית הימים — 39, 147, 160, 169, 176־178, 181, 182, 185, 216, 224־227, 243, 251, 254, 298, 302, 322, 328, 348.

אַטאַנאַסיוס, סאַמועל — 15־18, 21־25, 66.

איבסען — 11.

איגרת ירמיהו — 56.

איזאָלאַציע פון חסידים — 135־138, 141, 146, 147, 172, 173, 178, 186, 191, 198, 247, 248, 259, 284.

אייספעלט, אָטטאָ — 69.

אייראָפּע — 71, 75, 199.

אַלברייט, וו. — 23, 24, 251, 261.

אַלגעמיין פאַרמעגן — 164, 165, 219־221, 250, 264, 273־277, 311, 355־358, 364.

אליהו הנביא — 154, 192, 193, 197.

אלישע — 306.

אַלעגראָ, דזשאָן — 145, 234, 237.

אַלעקסאַנדער באַלאַס — 111, 114, 131.

אַלעקסאַנדער ינאַי — 37, 73, 74, 141־145, 150, 234, 351.

אַלעקסאַנדער מוקדון — 101, 122, 129.

אַלעקסאַנדראַ — 145, 292.

אַלעקסאַנדריע — 125, 126, 153, 209, 212.

אַלקימוס — 107, 114, 131, 132.

אַמוסין, י. ד. — 46, 55.

אַנטאָן קיראַז — 22.

אַנטאָניוס — 149.

אַנטי אַפּיון — 209, 212.

אַנטיוכוס עפּיפאַנוס — 73, 78, 93, 102, 109, 114, 129־131, 134, 135, 140, 144, 181, 351.

אַנטיוכיה — 125, 130, 210.

אַנטיפּאַטער — 143, 148.

אַנטי־קריסט — 179, 259.

אַספּאַסיונוס — 96, 157.

אַסקעטן, אַסקעטיזם — 97, 133, 134, 139, 357.

אַפּאָלאָניוס פון טיאַנאַ — 257, 258.

אַפּאָסטאָלן — 219, 250.

אַפּאָסטאָל דזשאָן — 220, 238.

אַפּאָסטאָל פּעטער — 221.

אַפּאָקאַליפּס — 58, 62, 70, 91, 116, 124־125, 138, 146, 147, 172, 179־183, 191, 193, 197, 217, 236, 250־258.

אַפּאָקריפן — 55-67, 92, 182, 183, 198, 214.
אָקטאַוויאַנוס — 149.
אַראַמעאיש — 42, 45, 50, 55, 56, 77, 93, 97, 101, 185, 203, 260, 354.
אָריגען — 17.
אַריסטאָבול (ערשטער) — 141, 208.
אַריסטאָבול (2טער) — 145, 146.
אַריסטאָטעל — 122.
אַריסטו בריוו — 127.
אַרמאַגעדאָן — 250
אַשור — 80, 81, 184, 200, 201.

## ב

באַפּטיזם — זע טבילה.
בבל — 182, 184, 194-196, 200-206, 209, 237.
בונד — זע ברית.
בחירי אל — 32, 68-70, 160, 162, 232, 234.
בטחון־מאָטיוו — 186-189.
ביבל קריטיק — 52-56, 59, 85, 260.
בית אל — 76.
בית המקדש — 63, 64, 84, 87, 109, 111, 118-121, 131, 135, 140, 149, 151, 157, 170-172, 185, 190, 194, 205, 215, 227, 243, 244, 256, 258, 293, 299, 300, 302, 303, 308, 344, 364.
בית לחם — 15, 19, 20, 25, 28, 41, 42, 50, 194.
בליעל — 78, 80, 108, 125, 169, 179-182, 186, 226, 229, 235, 251-252, 255, 265-269, 299, 301, 314, 334, 337, 338, 341, 342, 345, 347.
בנות יענה — 186.
בני אור — 20, 77, 80, 179, 180, 214, 226, 231, 232, 248, 264, 267-270, 341, 342.
בני חושך — 20, 77, 78, 80, 169, 179, 180, 232, 233, 248, 264, 269, 341, 342.
בני צדוק — 64, 68, 106, 109, 111, 112, 131-135, 171, 173, 190, 227, 229, 272, 273, 283, 298.
בן סירא — 55, 56.
בראונלי וו. — 23.
בראַנדעס, געאָרג — 11, 261.
ברוך בן נריה — 56, 306.
בר־כוכבא — 39, 41-44.
ברית, ברית חדשה — 32, 68, 107, 115, 164, 173, 175-177, 214, 220, 221, 229, 230, 243, 259, 264-268, 272-276, 280, 281, 294, 298, 303-309, 311, 316-319, 322, 334, 335, 337, 347.

## ג

גאונים — 69.
גאָטעסמאַן — 25.
גאָלדבערג, איטשע — 12.
גאַליע, גאַלישע מלחמות — 96, 199.
גהינום — 233, 266, 271, 307, 336.
גליל — 96, 152, 155, 208.
גלית הפלישתי — 187.
געריסאָן, וויליאַם לאָיד — 261.
גר, גרים — 126, 127, 142, 150, 163, 198, 199, 203-216, 224, 242-245, 254-259, 303, 317.
גראַב־אייזן — 361.
גריכן, גריכנלאַנד — 57, 93, 94, 101, 103, 122, 125, 130, 135, 140, 142, 147, 199, 200, 209, 210, 248, 350, 364.
גריכישע הערשער — 73, 111, 112,

122, 125, 128-131, 140, 144, 305, 350, 351.
גריכישע עפּאָכע — 122-139, 143, 196, 208.
גריכישע קולטור — 9, 43, 122, 125-130, 212, 362.
גריכישע שפּראַך — 42, 54-56, 59, 75, 87, 92, 97, 126-129, 202, 203, 210, 221.

## ד

דאָמיטיאַן קעניג — 256.
דואַליזם — 66, 123, 125, 178, 179, 184-186, 234, 269-272.
דובנאָוו, ש. — 146, 204.
דוד המלך — 57, 63, 64, 66, 187-188, 191, 194, 300, 344.
דור המדבר — 296.
דורשי חלקות — 73, 83, 93, 108, 138, 145, 251, 335, 350, 351.
דיאָדאָרוס סיציליער — 146.
דיאַספּאָרא — 118-121, 124-127, 143, 148, 150, 153, 199-203, 208-215, 242-245, 253-256.
דיופּאַן סאָממער — 103, 218, 260.
דייוויס א. פּ. — 217-218.
דימיטריוס — 73, 74, 144, 145, 350.
דמשק — 146, 304, 306.
דע־וואָ — 30, 32, 46.
דעל־מעדיקאָ — 90.

## ה

האַרדינג לאַנקעסטער — 26, 30, 32, 46.
הברמן, א. מ. — 145, 263, 292, 352.
הודיות מגילה — 20, 82, 108, 139, 187, 230, 332-340.
הורדוס אַרכעלאָוס — 37, 151, 152.
הורדוס קעניג — 37, 38, 79, 119, 143, 147-151, 169, 242.
הורדיוס — 157.
הורקנוס דער 2טער — 146, 148.
הייליקע סעודה — 66, 98, 100, 164, 166, 223-225, 250, 277, 279, 358-360.
הלל — 212.
העברעאיש — 16, 18, 20, 23, 25, 42, 45, 56, 60, 61, 67, 69, 77, 82, 86, 87, 92, 103, 203, 221, 260.
העלעניזם, העלעניסטן — 95, 114, 126-131, 136, 140, 141.

## ו

וואַדי מוראַבאַאַט — 40-43.
וואַטיקאַן — 46.
וואַן דער פּלאָעג — 18.
וואַרוס מלחמות — 38, 151.
וועקסלער, טוביה — 18.

## ז

זאַראַאוסטראַ — 123, 185.
זרובבל און יהושע — 205.

## ח

חבורות — 303, 315, 318.
חזקיהו — 81.
חכמת שלמה — 42.
חלום מרדכי — 55.
חנוך — 58-60, 76, 124, 182, 183, 193, 198.
חנוכה — 135.
חשמונאים — 38, 52, 57, 65, 72-74, 78, 79, 87-89, 107, 109-116, 128-140, 145, 146-150, 155, 169, 208, 215, 242, 306.
חשמונאים א. — 55-57, 93, 100, 101, 107, 111, 112, 114, 132, 137.

חשמונאים ב. — 55, 132.
חתונה געזעצן — 98, 133, 162, 168, 169, 225-227, 250, 300, 304, 314, 356, 357, 363, 364.

## ט

טאַמירע פאַסטעכער — 13, 43, 47, 73.
טאַקטישער צוגאַנג — 283.
טבילה — 65, 97, 98, 133, 162, 165, 166, 170, 172, 211, 222, 223, 241, 250, 268, 272, 273, 276-282, 311, 312, 358, 359, 361, 363.
טוביה — 55, 56.
טויזנט יאָריקע מלוכה (טויזנט דורות) — 230, 303, 348.
טיטוס — 94, 157.
טייכער דזש. ל. — 91, 218.
טימאָטיי (מעטראָפּאָליט) — 69, 70, 82.
טריפון — 111.
טרעווער, דזשאָן — 23.
טרפון, רבי — 242.

## י

יאַזאָן — 128.
ידין יגאל — 20, 24, 25, 66, 70, 75, 76, 79, 81, 103, 149, 188.
יהואש — 12, 348.
יהודה איש קריות — 113, 191.
יהודה המכבי — 78, 113, 114, 130, 131, 135.
יהודה (דערמאָנט נעגאַטיוו) — 200, 215, 242, 243, 259, 298, 299, 302, 308-310, 328, 331, 348.
יהודית — 55, 57.
יהונתן חשמונאי — 33, 72, 110-114, 131, 132, 137-139, 169.
יהושפט — 33.
יובלים בוך — 59, 60, 66, 77, 101, 175, 183, 193.
יוחנן הורקנוס — 37, 60, 88, 132, 137, 140-142, 208.
יוחנן טויפער — 154, 222, 236, 238.
יום הדין — 58, 72, 191, 234, 243, 250, 259.
יום יהוה — 39, 65, 66, 108, 115, 139, 154, 160, 176-178, 182, 243, 336, 337.
יום כפור — 72-74, 230, 265, 268, 303, 330, 346, 347.
יון — זע גריכנלאַנד.
יוסיפון — 92.
יוסף — 53.
יוסף בן גוריון — 92.
יחד — 65, 83, 163, 164, 175, 216, 220, 224, 245, 264, 265, 267, 268, 272-284, 307-309, 343.
יחנה און ממרא — 301.
יעזוס — 29, 59, 62, 63, 108, 113, 218-222, 225-241, 245-250, 256-261, 313.
יעקב — 182.
יראי ה׳ — 211, 212, 216, 244, 245, 255, 256, 257.
ירדן מוזיי — 27, 237.
ירדן מלוכה — 27, 46.
ירושלים — 15, 18-23, 25, 33, 42, 50, 68, 70, 71, 73, 74, 81, 118, 127, 131, 139, 144, 147, 149, 151, 157, 170, 188, 202, 216, 234, 253, 258, 325, 328, 331, 343, 350.
יריחו — 50, 69, 158.
ירמיהו שריפטן — 62.
ישוע בן גלגלה — 41.
ישמעאל — 44.

## כ

כהן הרשע — 29, 56, 67, 70, 73, 83, 84, 105־113, 136, 138, 294, 322, 327־333, 349.
כרש מלך פּרס — 206.
כרת — 266, 267, 271, 273, 274, 305, 308, 338, 339, 346־348.
כשרות — 314, 315.
כתים — 71, 80, 81, 84, 100־103, 322־325, 328, 341, 342, 345, 351.

## ל

לאַטיין — 42, 55, 203, 210.
לוי — 124, 164, 299.
לייק סוקסעס — 20, 21.
לילית — 186.
ליפּפּענס, קאַפּיטאַן — 26.
למך — 75, 76, 77.
לעוו, י. — 68.

## מ

מאַגנעס, דר. יהודה — 15, 21, 22.
מאַכערוס — 157.
מאָנאָגאַמיע — 169, 300.
מאַרטיר, דזשאַסטין — 242.
מאַרמאַדזשי — 17.
מבול — 60.
מבקר — 165, 221, 276, 277, 292, 310, 316, 319, 358־360, 364.
מגילת ברית דמשק (מב"ד) — 67־70, 86, 95, 105־106, 112, 138, 168־169, 171, 173, 179, 183, 186, 213־214, 221, 222, 225־230, 236, 241, 242, 245, 246, 249, (שפּעטער פּאַרפּאַסט — 298) 291־320.
מדבר סיני — 162, 164, 167, 172, 175, 188.
מדינת ישראל — 20, 21, 24, 25.
מורה־צדק — 29, 66, 70־74, 82־84, 105־114, 139, 145, 163, 180, 184, 187, 190, 197, 218־221, 227, 229, 231־236, 240, 241, 243, 246, 250, 258־260, 293, 295, 297, 302, 307, 309, 322, 325־330, 345, 347, 349, 361.
מחמד, אַד־דיב — 13־15.
מיטראַ רעליגיע — 185, 248.
מייער, עד — 68.
מילאַר באַראָוס — 23.
מיליק דזש. — 115, 226.
מינים — 75.
מלאכי חבלה — 271, 294.
מלחמה מגילה — 77, 79־82, 100, 103, 180, 187, 188, 220, 232, 341־345.
מלכות יהודה — 12, 20, 21, 37, 39, 49, 60, 65, 70, 73, 81, 93, 94, 99, 101, 103, 104, 107, 111, 114, 118־122, 124, 126־130, 132, 140, 144־157, 161, 162, 356.
מלכות ישראל — 200.
מלכות שמים — 160, 175, 177, 178, 186, 194, 224־226, 231, 232, 240, 243, 250־254.
מלכי צדק — 219.
ממלכת כהנים — 118, 146.
מנשהס תפלה — 56.
מסדה — 94, 149, 157, 188, 356.
מענעלאוס — 109, 128.
מצרים — 9, 50, 53, 67, 69, 70, 73, 76, 80, 86, 90, 123, 125, 140, 147, 148, 199, 203, 206, 209, 212, 258, 296, 341.
מרגליות מרדכי — 352.
משה — 62, 64, 97, 120, 124, 161־163, 171, 173,175, 176, 183,

198, 229, 237, 245, 246, 264, 273, 281, 300, 301, 306, 319, 361.
משיח — משיחים — 35, 58, 62, 66, 91, 154, 155, 179, 190־194, 197, 198, 216, 218, 224, 229, 233, 234, 240, 243־246, 250, 251, 254, 256־258, 283, 307, 318, 345.
משיח בן יוסף — 194.
משכיל — 268, 283, 315, 317.
משפט — 58, 117, 187, 233, 266, 268, 270, 271, 273, 275, 277, 279־283, 293, 306, 314, 315, 317, 321־324, 327, 328, 331־336, 345, 347־349, 351, 361.
מתתיהו — 21.

ן

## נ

נבוכדנצר — 63, 106, 201.
נבות׳שע שפּראַך — 44.
נח — 24, 175, 198.
נח׳ס געבורט — 56, 59, 77.
נח׳ס קינדער — 296.
נייער טעסטאַמענט — זע עוואַנ־געליום.
נייער ירושלים — 50, 253.
נייער קאַלענדאַר — זע קאַלענדאַר.
נעש פּאַפּירוס — 23, 87.
נתן הנביא — 63.

## ס

סאַאַד דזשאָזעף — 26, 28.
סאָקראַטעס — 122.
סוקעניק, א. ל. — 19־22, 24, 25, 68, 77, 81, 82.
סטעפאַן — 17, 18.
סטראַבאָ — 199.
סינאַגאָגן — 117, 143, 201־203, 209־211, 243, 254, 314, 355.
סיקאַריער — 155.
סיריע — סיריער — 73, 125, 129־132, 140, 144־148, 151, 180, 203.
סירישער גלח — 22־25, 29.
סירישער קלויסטער — 16, 21, 22, 26.
סנהדרין — 120.
סענעקאַ — 210.
סעפּטואַגינט — 46, 53־55, 126, 127.
סעראַמיק — 87.
ספר היובלים — זע יובלים בוך.
ספר היוחסין — 64.
ספר הרזים — 63, 352.
סרך היחד — 66, 67, 95, 99, 100, 163, 172, 173, 183־188, 213, 221־224, 227־229, 232, 233, 240, 242, 245, 246, 248, 264־290.
Saturday Review — 352.

## ע

עוואַנגעליום — 11, 42, 55, 62, 69, 75, 85, 91, 113, 164, 165, 168, 199, 211, 217־242, 246־249, 258־261, 306, 313.
עוזיה — 33.
עולם הבא — 123, 124, 194־196, 362־364.
עזרא ג׳ און ד׳ — 56.
עטיאָפּישע שפּראַך — 55, 59, 61.
עין גדי — 33, 94, 356.
עין פעשכאַ — 13, 50.
עכן — 33.
עמון ומואב — 18, 117, 121, 180.
עמק עכר — 33.
עמרם — 64.
ענגלאַנד — 19.
ענגעלס, פ. — 11.
עצה — 267, 268, 273, 275־282.

עקאָל ביבליק — 27.
עשיו — 44.

## פּ

פּאָול, הייליקער — 212, 220, 226, 238, 245־247, 257.
פּאָליגאַמיע — 300.
פּאַלעאָגראַפיע — 23, 51, 52, 67, 68, 81, 87, 88, 260.
פּאַלעסטינע, אַרכ. מוזיי — 27.
פּאָמפּיי (גענעראַל) — 146־148, 351.
פּאָמפּיי (שטאָט) — 93.
פּאַרטע, פּאַרטער — 148.
פּדיון שבוים — 318.
פּונישע מלחמות — 96, 140.
פּטאָלעמייער — 127, 129.
פּלאַטאָ — 122.
פּליני, דער עלטערער — 90, 93, 94, 182, 188, 225, 356.
פּלישתים — 80, 117, 180.
פּערסיע, פּערסיער — 44, 121־123, 125, 143, 179־180, 184, 185, 196, 200, 205, 209, 248.
פּראָקוראַטאָרן — 152, 154, 156, 242.
פּרושים — 39, 65, 70, 73, 93, 97, 113, 138, 141־145, 168, 189־190, 198, 215, 247־250, 357.
פּשרים — 70, 71.
פּשר חבקוק — 71, 72, 81, 100־103, 106, 107, 110, 113, 139, 184, 321־331.
פּשר נחום — 73, 74, 145, 234, 350, 351.

## פֿ

פֿאַידי אַל אַלאַמי — 20.
פֿאַטאַליזם — 97, 134, 135, 179, 186, 188, 236, 268־272, 285, 290, 294, 295, 301, 332־333, 339־340, 342, 345.
פֿילאַדעלפֿוס — 127.
פֿילון — 90, 92, 94־97, 99, 126, 136, 165, 168, 182, 189, 201, 209, 226, 354־356.
פֿיליפּ — 101.
פֿלאַוויוס — 37, 38, 49, 73, 74, 90, 92, 94, 96־100, 108, 114, 131, 132, 136־146, 150, 151, 153־156, 158, 166, 168, 182, 189, 199, 208־212, 215, 221, 226, 243, 244, 258, 351, 357־364.
פֿלאָרוס — 156, 157.
פֿערציק יאָר — 81, 197, 229, 234, 308, 346, 347.

## צ

צדוקים — 65, 70, 97, 124, 140, 141, 144, 215, 357.
צוואה פֿון לוי און נפֿתלי — 61, 62, 183, 193.
צוואה פֿון די 12 — 61.
צוועלף אַפּאָסטאָלן — 219, 260.
צוועלף פֿירער, 3 כהנים — 163, 164, 219, 250, 280, 281.
צור — צידון — 80, 200.
צייטלין, ש. 86.
צפֿון אַפֿריקע — 199.

## ק

קאַירא גניזה — 56, 61, 62, 67, 68, 70, 86, 105, 352.
קאַליגולאַ — 153, 212.
קאַלענדאַר — 60, 61, 70, 72, 175, 190, 229, 230, 265, 297, 303.
קאַנאַדאַ — 15, 16, 28.
קאַסטע סיסטעם — 98, 163, 166, 167, 214, 224, 240, 249, 267,

274־277, 281, 282, 316־318, 355, 361.
קאַראַאימער — 67, 69, 70, 86.
קאַרטאַגע — 140.
קהון ק. ג. — 45.
קויפמאַן, יחזקאל — 142.
קומראַן — 12, 26, 27, 31־40, 42־46, 49, 50, 56, 68, 70, 75, 78, 89, 90, 94, 99, 103, 115, 146, 158, 161, 167־170, 176, 182, 187, 188, 213, 218, 222, 226, 231, 232, 238, 240, 245, 247, 249, 250, 258, 260, 261, 297.
קירבעט מירד — 42.
קירקיסאַני — 69, 70.
קלאודיוס — 204.
קלויזנער, פּראָפ. יוסף — 93, 116.
קליין אַזיע — 199, 203.
קנאים — 90, 155־157, 187, 188.
קעמברידזש — 67, 198, 218.
קעסטיוס, גאַלוס — 157.
קראָס, פרענק — 168, 183, 198, 218, 252.
קריסטן, קריסטנטום — 12, 55, 59־62, 70, 75, 85, 212, 218־222, 226, 229־232, 239־242, 244־252, 257, 259.

## ר

ראולי, ה. ה. — 120.
ראָט, סעסיל — 90, 138, 187, 188.
רבים — 164, 246, 275־282, 317־319, 361.
רוח הקודש — 127, 180, 181, 184, 231, 232, 235, 236, 243, 250, 252, 255, 259, 268, 270־272, 281, 282, 295, 301, 303.
רוים, רוימער — 20, 21, 33, 39־42, 71, 73, 78־81, 86־89, 93־97, 99, 101־104, 137־140, 147־158, 190, 191, 199, 200, 203, 204, 210, 212, 242, 259, 351, 362.
רוימישע אימפּעריע — 148, 201, 204, 250, 255.
רוימישע בירגער — 201, 248.
רוימישע הערשער — 79, 96, 103, 140, 150־156, 242.
רוימישע לעגיאָנען — 31, 38, 39, 49, 148, 152, 155, 157.
רוימישע עפּאָכע — 71, 102, 103, 124, 180, 186, 196, 208, 209.
ריכטער — 219, 222, 311, 318, 319.
רמת חצור — 76.
רענאַן, ערנסט — 11, 244, 260.

## ש

שאול המלך — 191, 195.
שבועה — 99, 100, 167, 168, 229, 265, 273, 274, 310, 318־320, 355, 359, 360.
שבת געזעצן — 97, 162, 168, 241, 249, 303, 312־314, 355, 361.
שומרונים — 18, 19, 22, 80, 117, 120, 152.
שושנה — 55.
שטייערן פון מיטגלידער — 318.
שלמה המלך — 63, 64, 109.
שמאי — 212.
שמעון בן שטח — 306.
שמעון חשמונאי — 33, 72, 111־115, 131, 132, 136־140, 169.
שעכטער, דר. שלמה — 56, 67, 68, 198.
שרה — 76.

## ת

תורה — 52־54, 74, 95־98, 117, 119, 125־130, 134, 136, 141, 161־175, 177, 181, 183, 184,

187, 202, 203, 207, 211, 212, 214-216, 222, 225, 229, 245, 246, 248-252, 273-282, 284, 297-300, 303, 307-309, 311, 317, 319-321, 325, 326, 331, 346, 347, 355.

**תושב** — 212.

**תחית המתים** — 123-125, 194, 196, 197, 234, 261.

**תנ"ך, כתבי הקודש** — 20, 23, 41, 47, 52,54, 55, 57, 65, 67, 69, 70, 74, 84, 85, 87, 91, 101, 103, 116, 119, 122, 126, 160, 173, 181-183, 194-196, 206, 207, 211, 217, 224, 233, 236, 359, 363.

**תפילין** — 28, 41, 47.

**תרגום השבעים** — זע סעפּטואַגינט.

# רשימה פון תנ״ך ציטאַטן


בראשית — 41, 58, 75־77, 101, 160, 169, 182, 207, 219, 275.
שמות — 41, 44, 51, 53, 118, 153, 168, 173, 186, 207, 274, 343, 344.
ויקרא — 44, 50, 164, 172, 186, 207, 222, 228, 236, 300, 309, 310, 313.
במדבר — 41, 53, 62, 79, 162, 172, 188, 207, 304, 345.
דברים — 41, 52, 62, 79, 134, 142, 153, 167, 169, 172, 207, 236, 237, 296, 305, 306, 320, 343.
יהושע — 33, 42, 54, 76, 124, 173, 198, 207, 294.
שופטים — 54.
שמואל א — 47, 51, 54, 310.
שמואל ב — 47, 54, 63.
מלכים א — 54.
מלכים ב — 54, 306.
ישעיה — 20, 23, 41, 44, 52, 53, 63, 73, 78, 87, 116, 123, 170, 171, 173, 176, 177, 186, 192, 206, 224, 225, 236, 255, 274, 281, 299, 304, 317, 345.
ירמיהו — 44, 53, 116, 177, 196, 198, 201, 206, 306, 351.
יחזקאל — 53, 58, 106, 109, 114, 116, 117, 132, 134, 177, 182, 206, 298.
תרי־שר — 42, 52, 53.
הושע — 42, 305, 308.
יואל — 42, 58, 177.
עמוס — 42, 63, 154, 176, 236.
חבקוק — 42, 71, 72, 102, 187, 192, 196, 237, 321־331.
עובדיה — 42.
יונה — 42.
מיכה — 42, 320.
נחום — 42, 73, 74, 145, 309, 350, 351.
צפניה — 42.
חגי — 42, 57.
זכריה — 42, 57, 58, 78, 132, 182, 192, 205.
מלאכי — 42, 57, 123, 171, 192, 197, 302.
תהלים — 20, 44, 50, 52, 58, 69, 72, 82, 83, 108, 116, 123, 124, 173, 174, 180, 195, 196, 205, 211, 346, 348.
איוב — 50.
רות — 44, 207.
אסתר — 52, 57, 207, 208.
דניאל — 52, 73, 124, 131, 135, 181־183, 192.
עזרא — 87, 108, 119, 120, 192־202, 207.
נחמיה — 87, 108, 119, 192, 202, 207.
דברי הימים — 33, 101, 119, 172.

די העברעאישע ווערטער ווערן אָפט איבערגעחזרט אינעם בוך. זיי ווערן דאָ איבערגעזעצט, כדי גרינגער צו מאַכן דאָס לייענען פאַר די וואָס זיינען ניט גענוג באַקענט מיטן העברעאישן עלעמענט.

## א

אבדה — אַ פאַרלאָרענע זאַך.
אבות — עלטערן.
אביונים — אָרימע לייט.
אדום — אַ שבט, דרום פון יהודה.
אודך ה׳ — (אוידכאָ אַדאָנאַי) אַ דאַנק דיר, גאָט.
אוהל מועד — אַ פאַרזאַמלונג געצעלט.
אומות העולם — פעלקער פון דער וועלט.
אחרית הימים — דער סוף פון דער צייט.
איוב (איעוו) אַ תנ״ך ספר.
אימה — אַ שרעק.
אכזריות (אכזאָריעס) גרויזאַמקייט.
אשור — אַלט סיריע. (פאַר דער פערסישער עפּאָכע)

## ב

באלכסון — אין דער קרום.
באחרית הימים — אין סוף פון דער צייט.
בהדרגה׳דיק — שטופנווייז.
באַריכות — לאַנג. מיט אַ סך דעטאַלן.
בורר — איינער וואָס גלייכט אויס אַ סכסוך.
בטחון — זיך פאַרלאָזן אויף גאָט.
ביום ההוא — אין יענעם טאָג.
בית־לחם — ביבלישע שטאָט.
בליעל — אַ שטן, אַ פירער פון „ניט־גוטע״.
בלעם — אַ נביא ביי די געצנדינער.
במדבר — 4טער פון די 5 חומשים.
בן־אָדם — מענטשן־זון. (סינאָנים פאַר אַ נביא אָדער אַ משיח).
בני יפת — ביבלישער נאָמען פאַר שבטים פון צפון.
בנמצא (ניט בנמצא) — ניטאָ.
בעל מום — אַ קאַליקע.
בקי — באַהאַוונט.
בראשית — אָנהייב. ערשטער פון די 5 חומשים.
ברית חדשה — נייער בונד. (העב. נאָמען פון עוואַנגעליום).
בר־כוכבא — פירער פון 2טן אויפשטאַנד קעגן רוים.
בתים — תפילין קעסטעלעך.
בת־קול — אַ שטימע פון הימל.

## ג

גאווה — גרויס־האַלטן זיך.
גאונים — גייסטיקע און רעל. פירער פון די יידן אין מיטלאַלטער.
גוג — אַ מדבר שבט
גורם זיין — ווירקן, פאַראורזאַכן.
גלית (גאָליאַס) אַ ריז. (דוד המלך האָט אים באַזיגט)
גניזה — באַהעלטעניש פאַר אַלטע שמות.

## ד

דברי הימים — לעצטער בוך פון תנ״ך.
דברים — לעצטער פון די 5 חומשים.
דברים בטלים — פוסטע רייד.
דורשי חלקות — ליגנער. זידל נאָמען פאַר די פרושים.
דמשק — אַלטע ביבלישע שטאָט. (איצט — סיריע).

## ה

היוחסין — בוך וואָס רעכנט אויס יחוס.
הכנעה — אונטערטעניקייט.
הנחות — איינשטעלונגען.
הסכם, הסכמה — צושטימונג.
השגחה — גאָטס אויפזיכט.
השלמה — גאַנקייט.
השערה — השערות — היפּאָטעזן.
השפעה — ווירקונג.
התחיבות — פאַרפליכטונג.
התמדה — פלייס.

## ו

ואהבת לרעך כמוך — האָב ליב דיין פריינט ווי זיך.
וויכוח — דעבאַטע, דיספּוט.
ויקרא — 3טער בוך פון די 5 חומשים.
וכדומה — און דאָס גלייכן.

## ח

חבלי המשיח — אומגליקן איידער משיח קומט.
חורבן בית שני — דער חורבן פון 2טן בית המקדש (אין יאָר 70 אונ. צייט).
חזיון — וויזיע.
חזקה — איינגעבוירענע רעכט.
חזקיהו — אַ קעניג אין יהודה.
חטאים — זינד.
חיבור, חיבורים — פאַרפאַסונגען.
חילות (כאַיאָלעס) — אַרמייען.
חכמי התלמוד — די חכמים וואָס האָבן געשאַפן דעם תלמוד.
חכמת בן־סירא — די קלוגע רייד פון בן־סירא, (אַן אַפּאָקריף).
חלוקי דעות — ניט איינשטימיקייטן.
חמורות — שוועריקייטן.
חסד, חסדים — גוטסקייט.
חסידים ראשונים — ערשטע (אַמאָליקע) חסידים.
חריפות — שאַרפקייט.
חשמונאים — (כאַשמאָנאָים).

## ט

טבילה — זיך אונטערטונקען.
טובלי שחרית — די וואָס טובלען זיך גאַנץ פרי.

## י

יהואָש — תנ״ך אין יידיש, איבערזעצט פון דיכטער יהואָש.
יוחנן המטביל — יוחנן דער טויפער.
יחזקאל — אַ ביבלישער נביא.
יחיד, יחידים — איינצלנע.
יחידי סגולה — אויסגעקליבענע.
יום המשפט — דער טאָג פון רעכענונג.
יום יהוה — דער „געוויסער טאָג״ פון גאָט.
יצר — גייסט, געפיל.
יצר הרע — שלעכטער גייסט.
יצירה — באַשאַף.
יראי ה׳ — גאָטס־פּאַרכטיקע.
יראת הכבוד דרך ארץ און מורא פאַר גאָט.
יריעה — אַ שטיק פּאַרמעט אין הייליקע ספרים.
ירמיהו — אַ ביבלישער נביא.
ישוב הדעת — געלאַסנקייט.
ישעיהו — אַ ביבלישער נביא.

## כ

כהן הרשע — דער זינדיקער כהן.
כולל — נעמט אַרום.
כלים,מכשירים — געפעס.
כללים — פּונקטן, געזעצן.
כרת — פאַרשניטן ווערן.
כתבי הקודש — הייליקע שריפטן (תנ״ך).
כתבים — מאַנוסקריפּטן.
כתה (קיטע) — אַ סעקטע, אַ פּאַרטיי.

## ל

לכל הפחות — אַמווייניקסטנס.
לעתיד לבא — אין דער צוקונפט.
לכתחילה — פון אָנהייב.

## מ

מבזה זיין — פאַרשעמען.
מדריך זיין — פירן, לערנען.
מדרש — אַן אויסטייטש.
מוותר געווען — זיך דערלויבט.
מורדים — אויפשטענדלער.
מורה צדק — לערער פון גערעכטיקייט.
מחוץ למחנה — אויסערן לאַגער.
מחלוקת — אַ קריגעריי.
מחלל זיין — פאַרשווועכן.
מטושטש — ניט קלאָר.
מטהר זיין — ריין מאַכן.
מימרא — אַ זאָג.
מינים — צונאָמען פון די ערשטע קריסטן.
מלאכי הבלה — דעסטרוקטיווע מלאכים.
מלך בשר ודם — מענטשן קעניג. (ערדישער).
מליצה — געפליגלטע שפּראַך.
מלכות ישראל — מלוכה פון די יידן.
מלכות שמים — דאָס הימלישע קעניגרייך.
ממלכת כהנים — אַ פּריסטער מלוכה.
מן — לעגענדאַרע שפּייז פון די יידן אין מדבר.
מסורה — טראַדיציע.
מעשה בראשית — ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.
מקור — וואָרצל.
מקפיד געווען — אַכטונג געגעבן.
מרוצה ווערן — זיך איבערבעטן.
משיג גבול — פאַרכאַפּן יענעמס פּאָזיציע.
משכיל — אויפקלערער.
משמורות — באַשטימטע פאַרפליכטונגען.
משמתו (מישעמייסו) — זינט זיי זיינען געשטאָרבן.
משתדל זיין — זוכן צו באַווירקן.

## נ

נבוכדנצר — ביבלישער קעניג פון בבל.
נבול־פּה — מיאוסע רייד.
נגישות — אונטערדריקונגען.
נוסח — נוסחאות — איינער וואָס היט אין האַרצן שלעכטס אויף יענעם.
נזירים — אָפּגעזונדערטע, אַסקעטן.
נציב, נציבים — אויפזעער, עלטסטע.

## ס

סברא — (סוואָרע).
סותר זיין — זיך ווידערשפּרעכן.
סרך היחד — איינפירן פון „יחד".
ספר היובלים — בוך פון די צייטן.
ספר הרזים — בוך פון סודות.
ספרים חיצונים — אויסגעבליבענע ביכער. אַפּאָקריפן.

## ע

עדה — געמיינדע.
עד חרמה — ביז אומקום.
עולה רגל זיין — גיין צו פוס.
עין פעשכאַ — קוואַל אין מדבר יהודה.
עכן — אַ ביבלישער נאָמען.
עמוד, עמודים — קאָלום, קאָלומס.
עמון ומואָב — שבטים אין דרום מזרח פון יהודה.
עמי־הארצים — גראָבע יונגען.
עמק הירדן — דער טאָל פון ירדן.
עמק עכר — אַזאַ טאָל, דערמאָנט אין דער ביבל.
עניוות — באַשיידנקייט.
ענוים קשים — שווער פאַרפּייניקט.
ערווה — שאנד.
עשרת הדברות — די צען געבאָט.

## פ

פושעים — זינדיקע.
פיקוח נפש... — דערקוויקן אַ מענטשן איז וויכטיקער פון שבת.
פלישתים — שבטים ביי די ים־ברעגן פון ישראל.
פמליא של מעלה — גענעראַל־שטאַב אויפן הימל.
פרו ורבו — מערט זיך.
פרושים — אַ פּאַרטיי אין יהודה.
פרט, פרטים — איינצלהייטן.

פריה ורביה — האָבן קינדער.
פרשיות — קאַפּיטלען.
פשרו — דאָס מיינט עס.

## צ

צביעות — פאַלשקייט, אומאָרנטלעכקייט.
צוואה (צאַוואָע) — אָנזאָג.

## ק

קהל חסידים — אָרגאַניזאַציע פון חסידים.
קודש קדשים — הייליקטום.
קול קורא — אויפרוף, „עפּיסטל".
קנאים — פאַרעקשנטע קעמפער.
קץ — סוף.

## ר

ראשונים — ערשטע.
רבים — דאָס פאָלק, די מערהייט.
רוח הקודש — דער הייליקער גייסט.
רוח העול — פאַרברעכערישער גײַסט.
רות המואביה — רות פון שבט מואב.
אַ בוך אין תנ"ך.
רמז, רמזים — וואונק, אָנדײַטונגען.
רשימה — פאַרצייכענונג.
רשעות — שלעכטס, בייזקייט.

## ש

שארית (שייריס) — אַן איבערבלייב.
שולחן ערוך — אַ בוך מיט כללים פאַר
פרומע יידן.
שומרונים — איינוואוינער פון שומרון.
שטח — שטרעקע.
שטר מכירה — אַ פאַרקויף־דאָקומענט.
של יד — תפילין פאַר דער האַנט.
של ראש — תפילין פאַרן קאָפּ.
שמות (שיימעס) — אַלטע הייליקע ביכער.
שמות (שמאָס) — 2טער פון די 5 חומשים.
שמיטה יאָר — דאָס 7טע („רו") יאָר.
שמע — קריאת שמע, (קרישמע).
שפע — פולקייט, זעט, רייכטום.

## ת

תאווה, תאוות — גלוסטעניש.
תושב, תושבים — אַלט איינגעזעסענע.
תחית המתים — טויטע זאָלן ווערן
לעבעדיק.
תמימות — אינערלעכע ריינקייט,
נאַאיוויטעט.
תנאים (טאַנאָים) — געלערנטע וואָס האָבן
געשאַפן די משנה.
תנ"ך — תורה, נביאים, כתובים.
תענוג, תענוגים — פאַרגעניגנס.
תפוצות — אויסשפּרייטונג, דיאַספּאָראַ.
תקופות — פּעריאָדן.
תרג׳ם השבעים — סעפּטואגינט, גריכישע
איבערזעצונג פון תנ"ך.
תרי"ג מצוות — 613 מצוות.
תרי־עשר — 12. (אַראַמעאיש) 12 קלענערע
נביאים פון תנ"ך.

## פרעמדע ווערטער

אַפּאָקאַליפּטיק — אַנטפּלעקונגען.

אַפּאָקריפן — אויסגעבליבענע ספרים. ספרים חיצונים.

דואַליזם — קאַמף פון קעגנגעזעצטע כוחות.

מאָנאָטעאיזם — גלויבן אין 1 גאָט.

נומיסמאַטישע וויסנשאַפט — וועגן מטבעות.

עסכאַטאָלאָגיע — די לערע פון „והיה באחרית הימים״.

עקסעגעטיק — אַלץ ווערט אַרויסגעדרונגען פון דער ביבל.

פּאַלעאָגראַפיע — די שריפט־וויסנשאַפט.

פּסעווד־עפּיגראַפן — אַפּאָקריפן אונטער אַ פּסעוודאָנים פון הייליקע, ווי חנוך, דניאל, און אַנד.

## פ אַ ר ק י ר צ ו נ ג ע ן

ס״ה — סרך היחד (פון די געפונענע מגילות.

פ.א.צ.ר. — פאַר אונ. צייט רעכ.

א.צ.ר. — אונ. צייט רעכענונג.

מב״ד — מגילת ברית דמשק (פון די גע־פונענע מגילות).

# BIBLIOGRAPHY


אביגד נ. וי. ידין : מגילה חיצונית לבראשית, ירושלים, 1956.

אוצר מאמרי חז״ל. קונקורדנציא למאמרים ופתגמים.

Albright, William F.: From Stone Age to Christianity. 1940.

Allegro J. M.: The Dead Sea Scrolls, and The Origin of Christianity, N. Y., 1957.

Allegro, J. M.: Some Aspects of the Dead Sea Scrolls. 1957.

אַמוסין, י. ד.: די מאַנוסקריפּטן פון ים המלח. (רוסיש).

B. A. (Biblical Archaeologist) Vols. 15 to 27. (1953 to 1965).

Basor (Bulletin American School Oriental Research) Vols. 70 to 83. 1951 to 1965.

Biblical Archeological Reader, N. Y. 1961. pp. 145 to 250): Significance of the Temple in Ancient Near-East.

Birnbaum, S. A.: The Qumran Scrolls & Paleography, (BASOR — Suplement. Studies.).

Black, Matthew: The Scrolls and Christian Origins, N. Y. 1961.

Burrows, Millar: The Dead Sea Scrolls, N. Y. 1955.

Burrows, Millar: More Light on the Dead Sea Scrolls, N. Y. 1958.

Cross, Frank M.: The Ancient Library of Qumran, 1958.

Davies, A. P.: The Meaning of the Dead Sea Scrolls.

Del-Medico: The Riddle of the Scrolls.

דובנאָוו, ש.: וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק. (באַנד 2).

Dupont, Sommer A. The Jewish Sect of Qumran and the Essens. (From French). London, 1954.

Life & Works of Flavius Josephus. (W. Whiston).

Gaster, Theodore, H.: The Dead Sea Scriptures, N. Y. 1957.

Graetz, Heinrich: History of the Jews Vol. 2. (Phila. 1946).

Graystone G.: The Dead Sea Scrolls and the Originality of Christ.

הברמן, א. מ.: מגילות מדבר יהודה. ישראל, 1959.

JQR. (Jewish Quarterly Review) Phila. 1948 to date.

JBI. (Journal of Biblical Literature) Vols. 70 to 84. (1951 to 1965).

קויפמאַן, יחזקאל: תולדות האמונה בישראל. ירושלים, כרך ח׳.

קלוזנר, דר. יוסף: מישו ועד פאולוס. תל אביב, 1939, 1940.

קלוזנר, דר. יוסף: ישו הנוצרי, זמנו, חייו, ותורתו. תל אביב, 1954.

קלוזנר, דר. יוסף: היסטוריה של הבית השני. ירושלים, 1949־1951.

Milik, J. T. Ten Years of Discovery in the Wilderness of Judaea, 1959.

Rabin C.: The Zadokite Documents, 1954.

Rabin, C.: Qumran Studies. London, 1957.
Revue De-Qumran: No. 1 to 15.
Roth, Cecil: The Historical Background of the D.S.S., 1959.
Rowly, H. H. The Zadokite Fragments of the D.S.S.. 1952.
Stendahl, Krister (Editor), The Scrolls & The New Testament.
סוקניק, א. ל. מגילות גנוזות. סקירה ראשונה, ירושלים, 1948.
סוקניק, א. ל. מגילות גנוזות. סקירה שניה, ירושלים, 1950.
Sutcliffe, Edmund: The Monks of Qumran And The D.S.S., London 1960.
Wilson, Edmund: The Scrolls of the Dead Sea, N. Y. 1955.
Yadin, Yigael: The Message of the Scrolls, 1957.
ידין, יגאל : מגילת מלחמת בני אור בבני חושך. ירושלים, 1956.
ידין, יגאל : המגילות הגנוזות ממדבר יהודה. ירושלים ותל אביב, 1958.
Zeitlin, Solomon: The Dead Sea Scrolls & Modern Scholarship.

## באַמערקטע גרייזן

| זייט | שורה | געדרוקט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|
| 47 | אונטערשריפט אונטערן בילד | מונ. 4 | נומ. 4 |
| 51 | 00 שורה פון אונטן | פאַר אונ. צייט | אונ. צייט. |
| 112 | נאָטיץ 11, 2טע שורה | ואָס | וואָס. |
| 116 | 18טע שורה פון אויבן | (16 | דאַרף דאָרט ניט זיין |
| 183 | 16טע שורה אויבן | חסדי | חסיד |
| 191 | נאָטיץ 21, ערשע שורה | בב׳ | בבל. |

300 20טע און 21טע שורות פון אויבן, דאַרפן זיך לייענען:
המקדש, ווייל זיי
שיידן זיך ניט אָפּ, א. אַז. וו.

300 26טע און 27טע שורות דאַרפן זיך לייענען:
געשלעכט דינים זיינען נאָר פאַר די זכרים

10. פאַרשריבן. די זעלבע דינים זיינען אויך פאַר די פרויען. אויב דעם